STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08528

Y. L. PERETS, ZAYN LEBN UN SHAFN

Nachman Mayzel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

י. ל. פרץ

זיין לעבן און שאַפן

ווערק פֿון נחמן מייזיל

ד. בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען״ (קיעוו, 1913), 48 ז״ז.

חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1921), 64 ז״ז.

נאָענטע און ווייטע, ב׳ 1 (וואַרשע, 1924), 240 ז״ז.

נאָענטע און ווייטע, ב׳ 2 (וואַרשע, 1926), 260 ז״ז.

שלום אַש, זיין לעבן און שאַפֿן (וואַרשע, 1929), 64 ז״ז.

פּרצעס בריוו און רעדעס (וואַרשע, 1929), 302 ז״ז.

י. ל. פּרץ, לעבן און שאַפֿן (וואַרשע, 1931), 240 ז״ז.

אהרן ליבערמאַן (וואַרשע, 1934), 64 ז״ז.

חיים נחמן ביאַליק (וואַרשע, 1934), 64 ז״ז.

אויף אונזער קולטור־פראָנט (וואַרשע, 1936), 336 ז״ז.

יוסף אָפּאַטאָשו, לעבן און שאַפֿן (וואַרשע, 1937), 192 ז״ז.

טעג און נעכט אין עמק (וואַרשע, 1938), 128 ז״ז.

דער כּוח פֿון יידיש (ניו־יאָרק, 1939), 32 ז״ז.

אברהם גאָלדפֿאַדען (ניו־יאָרק, 1939), 44 ז״ז.

שלום־עליכם (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז״ז.

דוד בערגעלסאָן (ניו־יאָרק, 1940), 48 ז״ז.

אוריאל אַקאָסטאַ (ניו־יאָרק, 1940), 32 ז״ז.

פּרץ מאַרקיש (טאָראָנטאָ, 1942), 24 ז״ז.

דורות און תּקופֿות אין דער יידישער ליטעראַטור (ניו־יאָרק, 1942), 96 ז״ז.

אייזיק מאיר דיק (ניו־יאָרק, 1943), 32 ז״ז.

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי (ניו־יאָרק, 1943), 32 ז״ז.

בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ (ניו־יאָרק, 1944), 416 ז״ז.

י. ל. פרץ

נחמן מייזיל

י. ל. פּרץ
זיין לעבן און שאפן

אפּהאנדלונגען און מאטעריאלן

איקוף פארלאג

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון ח׳
יוסף מאָרגענשטערן
(קליװלאַנד)

NACHMAN MEISEL
I. L. PERETZ
SEIN LEBN UN SHAFN

שער־בלאַט געצייכנט פֿון י. זעלדין

Published by
IDISHER KULTUR FARBAND (IKUF)
189 Second Avenue
New York, N. Y.
1945

געזעצט און אויסגעפּאַרטיקט אין דער דרוקעריי פֿון א. לאַוב, 250 וועסט 54סטע גאַס

Printed in U. S. A.

אינהאַלט

זייט

אַריינפֿיר 7
זאַמאָשטש 16
ערשטע לידער אין יידיש 37
פּוילישע לידער 47
העברעאישע לידער און פּאָעמעס 51
אין דער צווישן צייט 67
ערב „מאָניש“ 78
וואַריאַנטן פֿון „מאָניש“ 88
פּרצעס ערשטע קריטיקער 94
ערשטע יאָרן אין וואַרשע 101
אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע 110
אין דער וואַרשעווער גמינע 119
„די יידישע ביבליאָטעק“ 135
מידקייט און פֿאַראייניזאַמקייט 152
מיט אַ נייעם ברען — די „יום־טוב־בלעטלעך“ 159
ביי די קוואַלן פֿונעם פֿאָלקס־שאַפֿן 170
פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער 180
אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ 214
די באַגעגעניש מיט פּרצן אין קיעוו 222
פּרץ און יעקב דינעזאָן 228
פּרץ און מענדעלע מוכר ספֿרים 242
פּרץ און שלום־עליכם 248
פּרץ און דוד פֿרישמאַן 274
פּרץ און די יידישע אַמעריקע 296
קאַמף קעגן פּאָליאַקן־רעאַקציאָנערן און מה־יפֿית־יידן 317
דער פֿאָטער פֿון דער יידישער ליטעראַטור 323
טויט און לוויה 350
פּרץ־ביבליאָגראַפֿיע 355
הויפּט־דאַטעס פֿון פּרצעס לעבן און שאַפֿן 359
אינדעקס 365

אַרײַנפֿיר

אין זיין רעדע, וואָס ד״ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן דאָ, אין ניו־יאָרק, אַפּריל 1915, אויפֿן גרויסן הזכרה־אָוונט נאָך פּרצעס פּלוצים־דיקן אַוועקגיין פֿון אונז, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט גענומען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו געבן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פֿון פּרצעס לעבן און שאַפֿן, אָבער ער „האָט זיך נישט באַרעכנט, אַז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט, ווען אַזאַ אַרבעט זאָל קאָנען ווערן געטאָן״. ווייל „ערשט איצט ווען מיר, — די אַלע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור און דעם גאַנג פֿון דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, זיך נעמען ערנסטער צוקוקן צו דעם, וואָס פּרץ האָט אונז איבער־געלאָזט בירושה״.

אָט דער צוגאַנג פֿון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי צו פּרצן און צו זיין שאַפֿן איז געווען זייער אַ ריכטיקער און וויכטיקער, און עס איז געוואָרן דער צוגאַנג פֿון אַלע ערנסטע יידישע שרייבער, דענקער און ערנסטע און פֿאַר־אַנטוואָרטלעכע יידישע פֿאָלקס־מענטשן צו פּרצן, צו זיין פּערזענלעכקייט און צו זיין גרויסער גייסטיקער ירושה.

עס וועט זיין נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז די דרייסיק יאָר נאָך פּרצעס אַוועקגיין איז אין די טיפֿענישן פֿון דעם יידישן פֿאָלק, אין די הערצער און מוחות פֿון די פּראָגרעסיווע יידישע מאַסן געשאַפֿן געוואָרן אַ טיפֿערער און רייכערער, אַ דערהויבענערער און לויכטנדיקערער פּרץ, ווי די פֿיר צענדליק יאָר, ווען פּרץ גופֿא האָט געשאַפֿן און פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע ווערק.

און דאָס איז נישט נאָר דער פֿאַל מיט פּרצן ביי אונז, אין דעם יידישן פֿאָלק. אַזעלכע ביישפּילן און פֿאַקטן זיינען געווען פֿיל אין דער קולטור־געשיכטע פֿון פֿעלקער און אויך אין אונזער יידישער קולטור־געשיכטע. עס האָבן געלעבט און געשאַפֿן דיכטער און דענקער, האָבן אַרויסגעלאָזט ווערק, אָבער אין זייער צייט, ביי זייער לעבן, האָט מען נאָך נישט אויפֿ־גענומען זיי אין גאַר זייער טיפֿקייט און פֿאַרנעם. ערשט מיט יאָרן שפּעטער,

און אָפּט מיט דורות שפּעטער, הויבט מען אָן אַריינצודרינגען אין זייער טיף און מען הויבט אָן זיי צו באַגרייפן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

עס איז פאַראַן אַן אַלט וואָרט: „לא איכשרא דרא״, — דער דור איז נאָך נישט ראוי אויפצונעמען געוויסע אידעען, צו באַגרייפן גרויסע גע־שעענישן, צו פאַרשטיין אַ גרויסן דיכטער און זיין באַטייט.

פרץ איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אויף אַן אייגענעם און אייגנאַרטיקן אופן און וועג. ער איז נישט אַרויסגעוואַקסן גלייך פון דעם געוויינלעכן יידישן שטעטל, פון דעם שטעטלדיקן לעבנס־שטייגער, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט פיל יידישע שרייבער פון זיין צייט, ווי י. י. לינעצקי, מ. א. שאַצקעס, מענדעלע מוכר ספרים, אברהם גאָלדפאַדען, מ. ספּעקטאָר, שלום־עליכם, וואָס זיינען אַרויסגעשפּראָצט געוואָרן פון דער יידישער ערד, געוואַקסן אונטער די פאַרכמאַרעטע יידישע הימלען און זיך צעוואַקסן צוזאַמען מיט זייערע יידישע מענטשן, זייערע מיטצייטלער. „די גלופּסקער האָבן אים געדינט פאַר אַ קרענעצע צו זיינע מעשיות״, — האָט מענדעלע געזאָגט וועגן זיך אַליין. און שלום־עליכם האָט דאָך זיך גופא גערופן מנחם־מענדל און טביה, ווייל — זאָגט אַמאָל שלום־עליכם אין אַ בריוו צו אַ פריינד וועגן זיך: „טביה איז אַ בעל־בטחון און מנחם מענדל גלויבט דער גאַנצער וועלט״.

פרץ איז געווען עפּעס אַנדערש. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך פאַרשיידענע היימישע און פרעמדע איינפלוסן, געזען דאָס יידישע לעבן אין ווירקלעכקייט און אין וויזיע, געלעבט אין אַ מערק־ווירדיקער שטאָט, וואָס איז געווען אַ געמיש פון זכרונות פון אַמאָל און פון אַ ווירקלעך לעבן; אין פרצן גופא האָבן זיך געקרייציקט פאַרשיידנ־סטע ווירקונגען, ער איז געווען — ווי ה. ד. נאָמבערג האָט אַמאָל גע־שריבן וועגן אים — אַ מין ברען־גלאָז, וואָס האָט אויפגענומען די פאַר־שיידענע זון־ און ליכט־שטראַלן און זיי צוריקגעגעבן אין אַ מערקווירדיקן גלאַנץ און שימער.

אַנדערע יידישע שרייבער זיינען געוואַקסן, ווי דאָס אַרומיקע לעבן גופא, פּאַמעלעך, בהדרגה, ווערק נאָך ווערק, געוואַקסן און אַלץ־פאַר־ברייטערט זייערע האָריזאָנטן, אַריינגענומען אַלץ מער אַרומיקע געשטאַלטן און טיפן פון זייער סביבה. פרץ איז געקומען אין דער יידישער ליטע־ראַטור מיט זיין „מאָניש״, ווען ער איז שוין אַלט געווען אַ 36 יאָר, ער איז געקומען אַ פולער, אַ רייפער און אַ שווער־אָנגעלאָדענער מיט פּראָ־בלעמען און פאָדערונגען, מיט ספקות און פּערספּעקטיוון. און אַזוי אַלע

זײַנע יאָרן האָט ער געשאַפֿן ווערק, אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, גערופֿן און געמאָנט אויף זײַן אייגנאַרטיקן שטייגער און מיט זײַן אייגענעם גאַנג.

און ווי זײַן ערשטלינג־ווערק „מאָניש" איז געווען עפּעס אַ נייס, עפּעס אַנדערש ווי די אַלע ווערק, וואָס זײַנען אין זײַן צײַט געשאַפֿן געוואָרן, אַזוי אויך די אַלע איבעריקע גרעסערע און קלענערע פּרצישע ווערק, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט די אַלע יאָרן זינט 1888 ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן, זײַנען געווען אויסטערלישע, אייגנאַרטיקע, אַ פּראָדוקט פֿון כסדרדיקן אומרואיקן זוכן און געפֿינען, אַ פּועל־יוצא פֿון שטענדיקע אינעווייניקסטע געראַנגלענישן. אין איין און דער זעלבער צײַט האָט ער אָנגעשלאָגן די סאַמע טיפֿסטע און עכטסטע פֿאָלקס־קוואַלן און אויך אַלגעמיין־מענטשלעכע, אוניווערסאַלע מאָטיוון. און מערקווירדיק זײַנען געווען זײַנע שאַפֿונגס־וועגן: די ייִדישיסטע מאָטיוון זײַנען דורך אים פֿאַרוועלטלעכט געוואָרן, און די אוניווערסאַלע — פֿאַרייִדישט געוואָרן. און ס'איז געווען בײַ אים אַ שטענדיקער הין־און־צוריק גאַנג — פֿון סאָציאַלע צו נאַציאָנאַלע, און פֿון נאַציאָנאַלע צו סאָציאַלע מאָטיוון און טענדענצן, פֿון תמימות־פֿאָלקסטימלעכע צו בוילעט־אינדיווידואַליסטישע און אינטעלעקטועלע. הויכער ראָמאַנטיזם, טיפֿער גלויבן און סאַטירע און ספֿקות; רעאַלע געשיכטן און אַלעגאָריעס און סימבאָלן; הוילע, שטימונגספֿולע ליריק און לידער סאָציאַל־אָנגעלאָדענע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע. ער האָט זיך איבערגערופֿן מיט די נביאים און מיט היינריך היינע, מיט גאָרקין און איבסענען, מיט וויספּיאַנסקין און טשעכאָווען א. א. וו.

אָט די פֿאַרשיידנאַרטיקייט, די פֿילגעשטאַלטיקייט האָט אַרויסגערופֿן די סאַמע ווידערשפּרעכנדיקע מיינונגען און פֿאַרשטעלונגען פֿון פּרצן, און יאָרן און יאָרן איז פּרץ געווען אַ צילברעט פֿאַר אָנפֿאַלן, פֿאַר ביטול, פֿאַר חוזק. און אין דער זעלביקער צײַט איז געוואָקסן די באַגייסטערונג, די פֿאַרהערלעכונג פֿאַר פּרצן. און סײַ די פֿאַרלייקענונג און סײַ די פֿאַרגעטערונג זײַנען אין רעטראָספּעקטיוו, אין צוריקבליק פֿון יאָרן און יאָרן פֿאַר אונדז זייער וויכטיק און באַלערנדיק.

איצט, דרײַסיק יאָר נאָך פּרצעס טויט, מוזן מיר אָט די בײדע אויפֿנעמען און באַהאַנדלען, ווײַל דורך דעם ווערט פֿאַר אונדז שאַרפֿער באַלויכטן סײַ פּרץ און סײַ זײַן צײַט, סײַ פּרצעס פּערזענלעכקייט און סײַ זײַנע מיטצײַטלער.

גערעכט איז געווען ד"ר ח. זשיטלאָווסקי, וואָס האָט געזאָגט, אַז מיר זײַנען נאָך נישט פֿאַרטיק געווען אין 1915 צו מאַכן אַ סך־הכּל, אונטער־

צופירן אַ חשבון און באַווייזן די גרויס און דעם באַטייט פֿון פּרצן און פֿון דער פּרץ־ירושה.

ערשט נאָך פּרצעס אַוועקגיין האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פֿאַר־טיפֿטע נאָכשאָפֿונג, די פֿאַרשונגען און שטודיעס פֿון פּרצן און זיינע ווערק, פֿון פּרצן און זיין צייט. עס זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פֿון פּרצעס לעבן, מען איז דערגאַנגען צו די דירעקטע און אומדירעקטע השפּעות, די רעגונגען און רייצונגען פֿון פּרצן און אַזוי אַרום איז מעגלעך געוואָרן אויפֿצונעמען און באַגרייפֿן זיין פֿילקאָלירקייט.

מיר האָבן דערבליקט און דערשפּירט די עלעמענטן פֿון פּרצעס גייסטיקע פֿיזיאָנאָמיע, פֿון פּרצעס כאַראַקטער, פֿון פּרצעס אופֿן פֿון אויפֿ־נעמען דערשיינונגען און זיי איבערקאָכן איז זיך און אַרויסברענגען זיי אויף זיין פּרצישן שטייגער. און צי דאָס זיינען געווען רעאַלע געשיכטעס פֿון פּשוטע מענטשן, צי דאָס זיינען געווען פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אין זיין טיפֿער תמימות געשאַפֿן, צי דאָס זיינען געווען איבערערדישע כוונות און מימראס פֿון גרויסע יידישע קעפּ, צי דאָס זיינען געווען סענטענצן, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט אין משך פֿון טויזנטער יאָרן אויסגעטראָגן אין זיינע געהירן און געפֿילן, צי דאָס זיינען געווען פֿאַרווירקלעכטע, פֿאַררעאַליזירטע טרוימען, אָדער „פֿאַרטרוימיזירטע" רע־אַלקייטן, — אַלץ האָט פּרץ אויפֿגענומען אין זיך און אויף זיין באַזונדערן שטייגער זיי אַרויסגעבראַכט, איבערדערציילט, איבערגעדיכטעט. פּרץ האָט מיט דער זעלבער טיפֿקייט און שאַרפֿקייט אַרויסגעבראַכט דעם אפּיקורס און דעם גלויביקן, דעם מתנגד און חסיד, דעם פֿאָלקס־מענטש און דעם אויסגעווייקטן פּרוש, דעם זינדיקן און הייליקן, דעם כלל און דעם יחיד. זיי אַלע זיינען אַדורך די פּריזמע פֿון פּרצן, זיינען געוואָרן אָפּגעשטראַלט פֿון זיין ליכט, זיינען דורך אים באַלעבט געוואָרן, כדי ווידער צו ווירקן און באַווירקן אין לעבן.

און ס'איז פֿאַרשטענדלעך געוואָרן, אַז פּרץ האָט געמוזט אָנקומען צו פֿאַרשיידענע פֿאָרמען, ווייל דער אינהאַלט איז געווען פֿאַרשיידן. דער קול פֿון נגינה האָט זיך ביי אים געענדערט צוזאַמען מיט דעם ניגון, וואָס ער האָט געזונגען. און נישט נאָר דעם גלגול פֿון אַ ניגון האָט פּרץ געוויזן, נאָר אויך דעם גלגול פֿון דער יידישער נשמה, די איבערוואַנדלונג פֿון דעם יידישן מהות, פֿונעם יידישן וועזן, פֿונעם יידישן געדאַנק, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די לעצטע דורות אַ שנעלן און ראַשן וועג פֿון טיפֿן מיטל־אַלטער צו אַ מאָדערנעם לעבן. פֿיר דורות פֿיר צוואות, די גאָלדענע קייט,

צווישן צוויי בערג, אַ גלגול פֿון אַ ניגון — אומעטום איז ביי פּרצן דאָ דער גאַנג אַרויף, אויב נישט נאָך העכער, אָדער עס ווערט באַוויזן דאָס פֿאַלן אַראָפּ, אַלץ נידעריקער אין שאול תחתיה אַריין, כדי ווידער גלייך דערהויבן צו ווערן.

מען איז אַוועק ביי אונז פֿון נביאים, פֿון הייליקע ספֿרים, פֿון טיפֿער חקירה, פֿון העכערע עולמות, פֿון דערהויבענע ענינים, פֿון וואונדערלעכע שענקייטן צו פּראָסט־פּשוטע מעשיות, צו מאָמענט־פֿאָטאָגראַפֿיעס, צו פֿלאַכע באַשרייבענישן, איז געקומען דער יום־טובדיקער פּרץ און גלייך פֿון אָנהויב געפֿאָדערט נייע דערהויבונג, נייע הימלען, ברייטן פֿאַרמעסט, שבת און יום־טוב.

אין איינעם פֿון זיינע שפּעטערדיקע פּראָגראַם־אַרטיקלען „וואָס פֿעלט אונזער ליטעראַטור ?" האָט פּרץ געשריבן (אין 1910, צוריק מיט 35 יאָר): „אַן אַלט פֿאָלק, אַ גלאַנץ־שטראַלנדע פֿאַרגאַנגנהייט, אַ בלוטיקער, לאַנגער מאַרטירער־וועג צו אַ פּראָפֿעטיש־געחלומטער צוקונפֿט... אַ צעזייט און צעשפּרייט פֿאָלק, אַ וואַנדער־פֿאָלק, אַ וועלט־פֿאָלק און אַן אייביק פֿאָלק, און אַ מאָמענט־אויפֿנאַם־ליטעראַטור, וואָס קאָן פֿון וואַליגער, ליטויער און פּוילישן קליינשטעטל בשום אופֿן נישט אַרויס..." און פּרץ האָט געטענהט, אַז „עס פֿעלט דער הויכער פּונקט, פֿון וועלכן דאָס אַלץ זאָל געזען ווערן..."

און אָט דעם הויכן פּונקט האָט פּרץ געבויט און געשאַפֿן.

די לעצטע 30 יאָר האָבן מיר אַדורכגעמאַכט אין דער וועלט און אין אונזער יידישן לעבן שווערע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע יאָרן. מיר זיינען געשטאַנען פֿאַר גרויסע נסיונות און פֿאַר נאָך גרעסערע איבערראַשונגען פֿון וועלט־ און יידישע־ווערטן. עס זיינען פֿאָרגעקומען שטאַרקע איבערגרופּירונגען פֿון סאָציאַלע און קולטורעלע כוחות, נייע פּראָבלעמען זיינען אויפֿגעשוואומען און אַ נייע דיפֿערענצירונג פֿון די שאַפֿנדיקע און פּראָדוצירנדיקע קינסטלער אויף דער יידישער גאַס איז אויפֿגעקומען. און באַזונדערס האָבן די לעצטע פֿינף יאָר געבראַכט אונז גרויסע, ביזאַהער נישט־געדאַכטע געשעענישן און נישט־געהערטע פּאַסירונגען, וואָס די אַזוי אויך רייכע יידישע געשיכטע האָט וועגן זיי נישט געוואוסט, — דאָס אַלץ האָט אויף אונז אַרויפֿגעלעגט נייע פֿליכטן און לאַסטן, נייע פֿאַראַנטוואָרטונגען און אויפֿגאַבן. גרויסע, רייכע יידישע ישובים, וואו ס'איז פֿאָרגעקומען אַ שאַפֿעריש לעבן אין לויף פֿון יאָרהונדערטער, זיינען אין פֿייער און אין בלוט, אין גרויזאַמע יסורים און פּייניקונגען צעשטערט געוואָרן און כמעט

ווי אָפּגעווישט געוואָרן. מער ווי ווען עס איז נויטיקן מיר זיך איצט אין נייער דערמונטערונג, אין נייעם גלויבן, אין נייעם ברען, מיר זאָלן קאָנען אויף די מוראדיקע חורבות און פֿאַרוויסטונגען אויפֿשטעלן אַ ניי לעבן.

דער לאָזונג „לא אמות כי אחיה" — מיר וועלן נישט שטאַרבן, נאָר מיר וועלן לעבן — איז אַ הייליקער לאָזונג, וואָס דאַרף שטיין פֿאַר אונז אַלעמען, די לעבן־געבליבענע יידן, סיי יחידים און קאָלעקטיוון און סיי גרויסע יידישע ישובים און קיבוצים, — אָט דער לאָזונג דאַרף פֿאַר־קערפּערט ווערן אין מעשים, אין שאַפֿערישע מעשים.

און וואו איז דער קוואַל אין דער יידישער ליטעראַטור, וואו מיר קאָנען שעפּען פֿרייד און התלהבות, ברען און באַגייסטערונג אויב נישט ביי פּרצן, וואָס מיט זיין טיפֿן בליק האָט ער אַריינגעקוקט אין אונזער גייסטיקן יידישן לעבן, געזען די שענקייטן, דערשפּירט די גרויסע נשמות אין יעדן איינציקן, אַפֿילו ביים סאַמע פּראָסטן ייד, דעם פֿאָלקס מענטש. פּרץ האָט גערופֿן צו פּראָפּעטן, צו באַגייסטערטע וואָרט־זאָגער, וואָס זאָלן באַ־לויכטן דעם וועג און מאַכן פֿון דעם אינדערוואָכן שבת, יום־טוב, גערופֿן צו דערהויבנקייט, צו אויב נישט נאָך העכער.

דער גרויסער העברעאיש־יידישער דיכטער ח. נ. ביאַליק האָט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך פּרצעס טויט (דעם 3טן מאַי 1915) געשריבן צו יעקב דינעזאָן אַ בריוול, וואו ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „פּרצעס טויט האָט עפּעס אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק ווי אַ מין „עלה בסערה" [ער איז אַרויף מיט אַ שטורעם — ווי אליהו הנביא — נ. מ.]; זיין שאַפֿן איז דאָך אויך געווען אַזוי: „ברכב וסוסי אש", — שטורמיש איז ער דורכ־געפֿלויגן אין זיין פֿייערדיקער מרכבה, און בליצן זיינען אים געלאָפֿן פֿאַר־אויס און נאָך אים. מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך נאָך ביט איין מאָל באַווייזן און דווקא אַ גוטמוטיקער, פּונקט ווי יענער אַלטער זיידע... ער איז דאָך ווי יענער קנאי בן קנאי [אליהו הנביא — נ. מ.] נישט גע־שטאָרבן..."

און דאָס איז אייגנטלעך דער צוועק פֿון דעם דאָזיקן פּרץ־בוך. ס'איז נישט קיין איינהייטלעכע מאָנאָגראַפֿיע פֿון פּרצעס לעבן און שאַפֿן. עס קומען אין דעם בוך אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען, עפּיזאָדן און מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבנס־ און שאַפֿונגס־גאַנג פֿון י. ל. פּרץ, אָנגעהויבן פֿון זיין געבוירן־שטאָט זאַמאָשטש און איבער די וויכטיקסטע עטאַפּן פֿון זיינע

לעבנס־יאָרן, ביז זיין טויט. אָבער מיטן אַוועקגיין פֿון דער וועלט, מיט דער טרויעריקער דאַטע, וואָס ס'ווערט באַצייכנט פּרצעס יאָרצייט, האָט זיך פּרצעס שאַפֿן נישט איבערגעריסן, נישט אָפּגעשטעלט, נאָר אדרבא, עס איז פֿאַרגעזעצט געוואָרן; עס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוואָקסן. און וועגן דעם, וועגן דעם ווייטערדיקן פּרצישן שאַפֿן, ווערט דאָ אין בוך, אין פֿאַרשיידענע קאַפּיטלען באַזונדערס פֿיל דערציילט.

יעדעס קאַפּיטל אינעם בוך נעמט אַרום אַ באַזונדערן פּעריאָד אין פּרצעס לעבן און שאַפֿן, וואָס דאָס רוב זיינען זיי ביידע, דאָס לעבן און דאָס שאַפֿן, ענג פֿאַרבונדן, נישט צום אָפּשיידן. אין די פֿאַרשיידענע פּעריאָדן זיינען אויך אַריינגעפֿלאָכטן קאָלעגן, פֿריינט און די קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע סביבה אַרום פּרצן. איז ממילא אויסגעקומען זיך ברייטער אָפּצושטעלן אויף קעגנזייטיקע באַציאונגען, אויף פֿריינדשאַפֿטן און קאָנפֿליקטן, און אַדורך דעם קומט ממילא אַרויס פּרץ, זיין געשטאַלט און זיין ראָלע פֿולער און גאַנצער. איך האָב אין יעדן באַזונדערן צייט־אָפּשניט באַמיט זיך אַרויסצוגעפֿינען דעם קרייז שרייבער און טוער, וואָס פּרץ האָט מיט זיי געאַרבעט און פֿון זיי זיך אַרויסגעטיילט. אין די אַלע פֿאַלן האָב איך געלאָזט אָט די מיטצייטלער צו רעדן און צו דערציילן אין זייערע אייגענע ווערטער וועגן פּרצן און וועגן זיינע אויפֿטוען. איך האָב אויך נאָכגעזוכט די טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען, כּדי דורך זיי, אויף זייער הינטערגרונט, זאָל בולעטער זיך אַרויסטיילן און אַרויסשיילן די פּרץ־געשטאַלט.

די אָפּהאַנדלונגען זיינען בכלל געגעבן כראָנאָלאָגיש. אָבער אין אייניקע קאַפּיטלען בין איך פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, געבראַכט פֿאַקטן און פּאַסירונגען, זיך אָפּגעשטעלט אויף דערשיינונגען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען שפּעטער. דאָס איז וויכטיק געווען כּדי אַ וויכטיקער עלעמענט אין פּרצעס שאַפֿן און וויכטיקע באַציאונגען צווישן אים און אַנדערע שרייבער זאָלן אַרויס פֿול און אויסשעפּנד. דעריבער האָב איך אין אייניקע ערטער נישט אָפּגעהיט קיין „מוקדם ומאוחר", דעם וואָס־פֿריער און וואָס־שפּעטער.

ווי ווייט מעגלעך האָב איך זיך אומעטום באַמיט צו דערגיין צו די ערשטע מקורים, אויפֿגעזוכט (איבערהויפּט אין די ערשטע יאָרן פֿון זיין וויניק־באַקאַנטערן לעבן און שאַפֿן) פּרצעס זאַכן, וואָס זיינען אינגאַנצן אָדער גאָר־וויניק צוגענגלעך דעם געוויינלעכן לייענער. איך האָב אויך אויסגענוצט די פּרץ־בריוו, וואָס זיינען דורך מיר אויפֿגעזאַמלט און פֿאַר־עפֿנטלעכט געוואָרן אין 1944 (אַ פֿריערדיקע נישט־פֿולע פֿון פּרצעס „בריוו און רעדעס" האָב איך אַרויסגעגעבן אין 1929 אין וואַרשע). די זייטן, וואָס

זיינען אָנגעמערקט ביי אויסצוגן פֿון פּרצעס בריוו און רעדעס, זיינען פֿון אָט דער לעצטער, ניו־יאָרקער אויסגאַבע פֿון „בריוו און רעדעס". איך האָב זיך אויך אין פֿיל פֿאַלן געשטיצט אויף די אוממיטלבאַרע זכרונות פֿון פּרצעס פֿריינט, וואָס זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט אין זעלטענע צייטונגען, צייטשריפֿטן אָדער ביכער אָדער וואָס זיינען מיר פּערזענלעך איבערגעגעבן געוואָרן.

כדי יעדער באַהאַנדלטער און געשילדערטער עפּיזאָד און פּעריאָד זאָל אַרויס וואָס־ברייטער און פֿולער האָב איך דאָ און דאָרט איבער־געחזרט אייניקע פּרטים און ציטאַטן פֿון און וועגן פּרצן, וואָס זיינען שוין געבראַכט געוואָרן אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל. דער וואָס וועט איבער־לייענען דאָס בוך מיטאַמאָל, וועט אפֿשר האַבן פֿאַראיבל, אָבער יעדעס קאַפּיטל, יעדער עטיוד פֿאַר זיך וואָלט געליטן, ווען איך וואָלט זיך פֿאַרלאָזט אויף דעם, וואָס אין אַן אַנדער אָרט איז שוין דער פּרט אָדער די ציטאַט שוין דערמאָנט געוואָרן.

די קאַפּיטלען אין בוך זיינען געשריבן דורך מיר אין פֿאַרשיידענע צייטן און זיי זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס און אויך אין מיין בוך „פּרץ" (ווילנע 1931). דעריבער איז נישט אָפּגעהיט די שטרענגע פּראָפּאָרץ. אייניקע פּעריאָדן און עלעמענטן ביי פּרצן זיינען אויספֿירלעכער באַהאַנדלט, אַנדערע — מער בקיצור. דאָס גאַנצע בוך איז נישט געשאַפֿן געוואָרן אין איין אימפּעט. כמעט אַלע די אָפּהאַנדלונגען, וואָס זיינען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט, זיינען פֿאַר דער איצטיקער אויסגאַבע אין אייניקע שטעלן אויסגעבעסערט געוואָרן. אייניקע קאַפּיטלען זיינען ספּעציעל געשריבן פֿאַר דער איצטיקער אויפֿלאַגע. אין לויף פֿון פֿיל יאָר האָב איך געזאַמלט מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פֿון פּרצעס לעבן און שאַפֿן, אָבער אָט די אַלע וויכטיקע מאַטעריאַלן זיינען פֿאַרבליבן אין וואַרשע, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע דאָקומענטן און בריוו, וואָס האָבן זיך אין משך פֿון מיין שרייבערישער און רעדאַקטאָרישער טעטיקייט אויפֿ־געזאַמלט. די אַלע וויכטיקע מאַטעריאַלן, אַ רעזולטאַט פֿון צענדליקער יאָרן אַרבעט, האָבן געהאַט דעם ביטערן גורל פֿון די אַלע פֿריינט און חברים, דעם ביטערן גורל פֿון די יידן אין פּוילן.

איך האָב מיר געשטעלט אַן אויפֿגאַבע ביים אויפֿקלייבן מיינע פֿריער־דיקע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן פּרצן, ווי אויך ביים אָנשרייבן אייניקע נייע קאַפּיטלען ספּעציעל פֿאַרן דאָזיקן בוך, צו געבן בעיקר מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, וואָס קאָנען באַלויכטן דעם גאַנג פֿון פּרצן אין לעבן און אין שאַפֿן. איך האָב זיך געהיט נישט אַריינצוגעבן סתם

געלעגנהייט־אַרטיקלען, גלאַט ,ליב־געזאַנגען און אַלגעמיינע פּרץ־כאַראַק־טעריסטיקעס, וואָס ס'איז אויסגעקומען מיר צו שרייבן און פאַרעפנטלעכן אין פאַרשיידענע צייטן. מיר זיינען מיט אָט דעם מין אַרטיקלען איבער פּרצן איבערגעזעטיקט. איך האָף, אַז דער ערנסטער לייענער און פּרץ־פאַרערער וועט דערפאַר אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן. האַרטער ביי דער ערד, נעענטער צו פּרצן גופא, צו זיינע איבערלעבענישן און צו זיינע ממשותדיקע באַציאונגען מיט וועלט און קינסטלער — דאָס איז געווען פאַר מיר די ריכט־ליניע ביים צונויפשטעלן דאָס בוך.

אגב, איך האָב אָנגענומען די דאַטע פון פּרצעס געבוירן — נישט 1851, נאָר 1852, ווייל די אָפיציעלע דאָקומענטן — סיי פּרצעס מעטריקע, אויך פּרץ גופא אין זיין אָפיציעלער אָנגעבונג צו דער וואַרשעווער גמינע, האָט זיך געהאַלטן ביי אָט דער דאַטע.

איך פּרעטענדיר כלל נישט אויסצושעפּן אין דעם בוך דאָס גאַנצע לעבן און שאַפן פון פּרצן. איניקע וויכטיקע מאָמענטן און עלעמענטן זיינען אויסן געבליבן. אַריינגעבן אַלץ — וואָלטן קאַרג געווען צוויי בענד. איך האָב זיך געמוטשעט באַגנוגענען אין דער איצטיקער קריגס־צייט, ווען ס'איז אַזאַ מאַנגל אין זעצער, אין פּאַפּיר און דרוק, בלויז מיט איין באַנד. וועל איך פאַרשיידענע אַנדערע פּרץ־אָפּהאַנדלונגען און אַרבעטן איבערלאָזן אויף אַ בעסערער געלעגנהייט. איך האָב אויך נישט געוואָלט איבערחזרן אין בוך דאָס, וואָס איז שוין געשריבן געוואָרן אין דעם דערמאָנטן בוך „בריוו און רעדעס", וואָס איז דערשינען מיט עטלעכע חדשים צוריק דורכן איקוף־פאַרלאַג, ווייל איין בוך דערגאַנצט דעם צווייטן.

15טן מערץ 1945

זאַמאָשטש

א

יצחק לייבוש פּרץ איז געבוירן געוואָרן אין זאַמאָשטש דעם 18טן מאַי 1852 (אַזוי זאָגט דער געבורטס־שיין, וואָס האָט זיך געפֿונען אין מאַגיסטראַט. ס׳איז געווען אָנגענומען, אַז פּרץ איז געבוירן ל״ג בעומר תרי״א, דעם 25סטן מאַי, 1851), און אין זאַמאָשטש האָט פּרץ געלעבט, מיט אייניקע הפסקות ביז 1888, ביזן עלטער פֿון 36 יאָר.

זאַמאָשטש איז שוין פֿון אַלטע צייטן באַרימט געווען מיט אירע חכמים און גרויסע לייט, וואָס האָבן פֿאַראייניקט אין זיך תורה און חכמה, יידיש און אַלגעמיין וויסן. די שטאָט האָט זיך אויסגעטיילט פֿון די אַלע איבעריקע שטעט אין אַמאָליקן פּוילן, וואָס ס׳איז נישט געווען דאָרט אַזאַ טיפֿער תהום צווישן די תלמידי־חכמים מיט די משכּילים. די שטאָט איז געווען, צוליב פֿאַרשיידענע סיבות, מער פּראָגרעסיוו, מער פֿאָרגעשריטן פֿון אַ סך אַנדערע ישובים אינעם יידישן פּוילן.

דער באַקאַנטער זאַמאָשטשער משכּיל, דער וואָליקענעווודיקער דוד שיפֿמאַן, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „המליץ״ (1878) אַן אָדע צו דער שטאָט זאַמאָשטש און זי טראָגט טאַקע אַזאַ נאָמען „משא זאַמאָשטש״. לויט אים איז די שטאָט זאַמאָשטש אַן „עיר ואם בישראל״ — אַ מאַמע־שטאָט ביי יידן, — אַ באַצייכענונג, וואָס מען פֿלעגט געבן נאָר באַרימטע יידישע שטעט. אין זאַמאָשטש — שרייבט דוד שיפֿמאַן, הויערט תּורה און חכמה, וואו זיי גייען האַנט ביי האַנט פֿון די אַמאָליקע צייטן אָן. דוד שיפֿמאַן גרויסט זיך באַזונדער מיט די גאונים און געלערנטע, וואָס שטאַמען אָדער וואָס האָבן פֿאַרבראַכט אין זאַמאָשטש אַ לענגערע צייט. ער רעכנט אויס דעם רב און גאון ר׳ שלמה אַשכּנזי, דעם מחבר פֿון „מרכבת המשנה״, אַ פּירוש אויפֿן רמב״ם, און פֿונעם געאָגראַפֿישן בוך „חוג הארץ״ (וועגן די ארץ־ישראל גרענעצן) און אַנדערע ספֿרים; ר׳ ישראל מזאַמאָשטש, איינער פֿון די באַוואוסטע גאַליציאַנע משכּילים (דער לערער פֿון משה מענדעלסאָן, דער בעל „הביאור״), וואָס האָט פֿאַרפֿאַסט דעם ספֿר „נצח ישראל״ (1741),

וואו די שווערע ערטער פֿון תּלמוד ווערן פֿאַרטײַטשט מיט דער הילף פֿון געאָמעטריע און אַסטראָנאָמיע און פֿיל דינים — דורך מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס; און דער וואונדערבאַרער דאָקטער, וואָלף־בער שיף, וואָס מ'האָט אים גערופֿן דער „מומחה לרבים". ער איז געשטאָרבן אין לובלין און באַהאַלטן אַרום קבר פֿון דעם צדיק ר' שכנא; אין זאַמאָשטש האָט אויך געלעבט ר' יוסף צעדערבוים, דער פֿאָטער פֿונעם באַוואוסטן העבראיש־יידישן רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער, דעם פּיאָנער פֿון דער יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד אַלעקסאַנדער צעדערבוים. ר' יוסף איז געווען אַ גרויסער קענער פֿון תּנ"ך, דקדוק און תּלמוד, אַ בקי אין דער אַלטער און נייער פֿילאָסאָפֿישער און דיכטערישער ליטעראַטור אין העברעאיש, ווי אויך געווען באַהאַוונט אין דער דייטשער ליטעראַטור. אין ר' יוספֿס הויז פֿלעגן זיך צונויפֿקומען די אויפֿגעקלערטע יונגעלייט פֿון זאַמאָשטש און איר אומגעגנט; און אַ זאַמאָשטשער איז געווען ר' שמעון בלאַך, דער פֿאַרפֿאַסער פֿון „שבילי עולם", מיט זיין ברודער דעם משכּיל ר' שלמה וואָלף בלאַך; און דער באַוואוסטער געלערנטער ר' יעקב אייכנבוים; און אַ צייט האָט געלעבט אין דער שטאָט ד"ר שלמה עטינגער (ער איז באַהאַלטן אויפֿן זאַמאָשטשער בית־עולם), דער באַרימטער משלים־מייסטער און מחבר פֿון דער דראַמע „סערקעלע"; און הירש געליבטער מיט זיין זון ר' פּיוול, דער פֿאָטער פֿון פּרצעס יוגנט־חבר און לאַנג־יאָריקער פֿריינד ד"ר יצחק געליבטער (וועגן פּיוול געליבטער — פּ. ג. — דערציילט פּרץ פּיל אין זיינע „זכרונות" זז' 41־45); און דער זון פֿון באַוואוסטן אַברהם יעקב שטערן און ר' יעקב רייפֿמאַן א. א. וו.

און דוד שיפּמאַן באַרימט זיך, אַז „אַפֿילו די שמשים אין בית־מדרש האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער לערנען און וויסן". אין זאַמאָשטשער בית־המדרש איז געווען אַ גרויסע זאַמלונג פֿון פֿאַרשיידענע טייערע און זעלטענע ספֿרים. און ד. שיפּמאַן זאָגט מיט גדלות: „אוירא דזאַמאָשטש מחכּים" — די לופֿט פֿון זאַמאָשטש מאַכט קלוג... אויך די פּשוטע באַלעבאָטים קאָנען גוט העברעאיש, און ס'זיינען דאָ צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס פֿאַרשטייען אייראָפּעאישע שפּראַכן, חוץ דער פּוילישער שפּראַך, וואָס ס'איז נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל נישט קענען לייענען און שרייבן פּויליש".

דאָס איז געווען די שטאָט, וואו פּרץ איז געוואַקסן און פֿון וואַנעט ער האָט געצויגן אין זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, ווי אויך אין די אַלע שפּעטערדיקע יאָרן, זיין יניקה.

פּרצעס אַ בן־עיר, וואָס וואוינט זינט פּיל יאָרן אין אַמעריקע, האָט איבערגעגעבן פּסח קאַפּלאַנען אייניקע אינטערעסאַנטע ערינערונגען וועגן

זאַמאָשטש. ער האָט דערציילט וועגן דעם אַפּיקורס יעקב רייפמאַן, וואָס האָט געוואוינט אין שעבערשין אַרום זאַמאָשטש (אין שעבערשין האָט פּרץ יינגלווייז געלערנט). כ'האָב אים (י. רייפמאַנען) נישט איין מאָל געזען. ער איז געגאַנגען אין אַ לאַנגער זשיפּיצע מיט ווייסע זאָקן און אָפּענע שיכ־לעך, און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ ברייט חסידיש היטל. אין שטאָט האָט מען אים גערופן „יענקעלע רייפמאַן" און מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ טמא. אין זאַמאָשטש הינטערן שטאָט איז געווען אַ פעסטונג, און פון אַלטע צייטן זיינען פאַרבליבן טיפע גראָבנס. דאָרטן פלעגט קומען יעקב רייפמאַן מיט זיינע תלמידים, פּרץ, געליבטער און שיפּמאַן, און שעהן־לאַנג רעדן וועגן תורה און השכלה. יעקב רייפמאַן פלעגט זיצן ביי זיך אין שטוב גאַנצע טעג און לערנען און שרייבן. פּרנסה פלעגט געבן אַביסל דאָס ווייב און אַביסל האָבן אים געשטיצט די משכילים און תלמידים. ווען איך בין אַלט געווען — דערציילט פּרצעס בן־עיר — 15 יאָר, איז יעקב רייפמאַן געשטאָרבן. איך געדענק נאָך ווי היינט, ווי זיין תלמיד דוד שיפּמאַן איז אַרומגעגאַנגען איבער די קראָמען און געשריגן: „יעקב אָבינו לא מת" (יעקב אונדזער פאָטער איז נישט געשטאָרבן!) און אויפגעפאָדערט די יידן צו פאַרמאַכן די קראָמען לכבוד דעם גרויסן נפטר. אַסך יונגעלייט זיינען געפאָרן קיין שעבערשין אויף דער לוויה און איך האָב אויך אַרויסגעגנבעט ביי מיין טאַטן אַ האַלבן רובל און בין מיטגעפאָרן" (פּסח קאַפּלאַן אין ביאַ־ליסטאָקער „דאָס נייע לעבן", 1929).

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז זאַמאָשטש נישט געווען דורכאויס אַזאַ מין אידעאַלע, האַרמאָנישע שטאָט, ווי עס זעט זי דער משכיל דוד שיפּמאַן. מיר ווייסן פון פּרומאַקעס, פון קנאים, וואָס האָבן אין זאַ־מאָשטש געקעמפט און שאַרף געקעמפט קעגן די אויפקלערער, די משכילים. פּרץ אַליין האָט אין 1913, ווען ער האָט געשריבן זיינע זכרונות געזען די שטאָט מיט ראָמאַנטישע אויגן און זי אַזוי אין אייניקע קאַפּיטלען געמאָלט, אַן איבערגעדיכטעטע, אַ העל־באַלויכטעטע. און דער בעסטער באַווייז זיינען די ערשטע לידער פּרצעס אין יידיש, וואָס פלעגן אַרומגיין פון מויל צו מויל, אָדער איבערגעשריבענע פון האַנט צו האַנט, וואו פּרץ האָט גאַנץ סאַרקאַסטיש געמאָלט די „פּאַזשאַנדקעס" אין זיין שטעטל (זע ווייטער דעם קאַפּיטל „ערשטע לידער אין יידיש").

פּרץ איז שוין אויפגעוואַקסן מיט אַ דור שפּעטער. ער האָט אויפגענומען זייער השפּעה, אָבער ער איז שוין געגאַנגען ווייטער אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. פּרץ דערציילט אין „מיינע זכרונות" (ז. 86): „איך קריך קוים אַריין מיט אַ פוס אין דער „באַוועגונג" (פון דער השכלה)"... „אינם

לעפּל וואַרעם וואַסער ווער איך נישט דערטרינקען"... „געווען ביי אונז אַ דוד שיפּמאַן..., וואָס האָט זיך אַ קראַם געעפֿנט מיט שרייב־געצייג און השכלה־ספֿרים אַלס צולאַג, און איז דאַצו לערער געוואָרן פֿון לשון־קודש, — פֿון דוד שיפּמאַנס „פּקוד, פּקדתי" אַנטלויף איך, ווי פֿאַר פֿייער! לאַנגוויליק! ביים קליינעם הויקערל שטערן, דעם גרויסן שטערנס אַ זון, וואָס איז געקומען לערנען דייטש פֿון אַלעגדאָרף אַרויס... לערן איך פּראָפּערענץ־שפּיל. אַ מענטש איז נישט מחויב צו וויסן, ווי אַ שטיוול הייסט אויף כּמה לשונות"... דעם ערגסטן איינדרוק מאַכט אויף מיר יעקב רייפּמאַן. אַ מענטש געפֿינט גרייזן אין תּנ"ך, מער ראשי־תּיבות, ווי אין „פּרי־מגדים", און וואַשט זיך נישט מיט אַ קוואָרט, וואָס האָט אַ געשפּרונגענע ראַנד און טראָגט אַ טלית־קטן ...מיך אָבער באַשעפּטיקן „דברים העומדים ברומו של עולם"... „הוויה" און „יצירה"... נאָך וואָס האָט גאָט די וועלט באַשאַפֿן („מיינע זכרונות", ז. 107).

עס זיינען וויכטיק פֿאַר דער כאַראַקטעריסטיק פֿון פּרצעס גייסטיקער פֿיזאָנאָמיע, פֿאַר דער אויספֿורעמונג פֿון זיין קאָנטראַסטנפֿולער וועלט אַט די אַלע השפּעות, וואָס זענען געקומען פֿון פֿאַרשיידענע ווידערשפּרעכנדיקע מענטשן און וועלטן, טראַדיציעס און אידייען.

און אַ צווייטער ביז גאָר וויכטיקער מאָמענט, וואָס גלייכצייטיק מיט די טיף־יידישע, געשיכטלעך־יידישע איינפֿלוסן, זענען געקומען אויך אַלגעמיינע, נישט־יידישע השפּעות. אויך דערמיט האָט זיך אויסגעצייכנט זאַמאָשטש, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ רייכע, קאָלירפֿולע נישט־יידישע וועלט, וואָס האָט געריצט, גערעגט און געלאָקט די עמפּינדלעכע נשמות אינעם עכט־יידיש שטעטל.

פּרץ אַליין דערציילט וועגן דעם:

און „אָט, מיין וועלטל ווערט רייכער... עס ציט פֿון שטאָט אַרויס און אַנעקסירט דעם אינזשענערנעם גאָרטן... אַ „גוייש־פֿאַרשלאָסענער גן־עדן"... שפּאַצירט מען אַמאָל איבערן שאָסיי, לאָזט מען זיך, ביים אינזשענערנעם גאָרטן, אַראָפּ אין ראָוו אַריין און מען קוקט אין גאָרטן אַריין מיט גרויס גלוסטונג... מען שטעקט די קעפּ, מיט די ברענענדיקע אויגן, צווישן די שטאַכעטן אַריין וואָס־טיפֿער... זעט מען ביימער און אַלייען... און דאָס ווייסע הויז, וואָס בלאַנקט פֿון די גרינע ביימער אַרויס... און דאָס דורכפֿלאַטערן פֿון ווייסע קליידער, וואָס די דאַמען, וואָס קומען אַמאָל אין שטאָט אַריין, שפּאַצירן באַלייגט מיט קוויטן. — — — די פּאָלקאָוואָי מוזיק קומט און שפּילט פֿאַרן הויז... אינעווייניק אין הויז ווערט געטאַנצט... —

— — מאַנכמאָל, אין שטילע אָוונטן, הערט מען פֿון הויז אַרויס פּיאַנאָ־שפּיל"...

און פּרץ אַליין גיט איבער וועגן דעם: „מיכל, אונדזער קאַפּעלמייסטער פֿון די קלעזמער, מיין שפּעטערדיקער יואל פֿון „וואָס אין דער פֿידעלע שטעקט", שטאָלפּערט שוין (זעלטן גאָר אינגאַנצן ניכטער) איבערן ראָוו מיט דורשטיקע אויגן און פֿאַנגט מיטן געשפּיצטן אויער די מוזיק... פֿון דער מוזיק, זאָגט מען, מאַכט ער מאַראַלישע שטייגערס צום באַדעקנס, מאַרשן צו די חופּות און פֿריילעכצער פֿון דער „וויעטשערע"..."

די אינזשענערן ווערן אָפּגערופֿן, דער אינזשענערנער גאָרטן ווערט געעפֿנט פֿאַר דער באַפֿעלקערונג. „דער גן־עדן איז אָפֿן, ער פֿאַרברייטערט מיין קינדישע וועלט. שפּעטער וועל איך צו אים צונעמען אַ שטיק זאַקסישן גאָרטן פֿון וואַרשע און די רבישע גערטלעך פֿון סטריקאָוו און ביאַלע און מאַכן אַ רעזידענץ פֿאַר אַ יידישן גביר אין צפֿת..." („מיינע זכרונות", ז"ז 114—122).

ווי נישט ענלעך איז די אַמאָליקע שטאָט זאַמאָשטש מיט אירע יידן און נישט־יידן, מיט איר אויסזען און לעבנס־שטייגער צו די אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין ליטע און אין וואָלין, וואָס האָבן אויפֿגעהאָדעוועט דורות יידישע שרייבער, וועלכע האָבן געשאַפֿן די יידישע ליטעראַטור. „ערגעץ אַנדערש — שרייבט פּרץ — פֿילדערט, רוישט. חסידים שמייסן משכּילים אויף קאָנקאָרדאַנציעס, — משכּילים שרייבן מיט איין האַנט שירים בשבח ההשכּלה און וועגן די פֿיר צייטן פֿון יאָר, און אַדעס, דאַנק־ און לויב־געזאַנגען צו דער ממשלה פֿאַר איר חסד צו כּנסת־ישׂראל, און מיט דער צווייטער האַנט — מסירהלעך אויף די שוואַרצע... און אַ מלחמה מיט תּקיפֿים און קהל, אַ מלחמה מיט רבנים, אַ מלחמה מיט חסידים, מיט רבנים... ביי אונדז — פֿון דעם אַלעם קיין צייכן" („מיינע זכרונות", ז. 85).

אַ וווּנדערבאַרע, טיף־אייגנאַרטיקע יידישע שטאָט, מיט סטיל און כאַראַקטער, מיט גאַנצע און געבראָכענע ליניעס, מיט וועגן אין דער רייכער יידישער גייסטיקער געשיכטע. און ווען מען פֿאַרטיפֿט זיך אין דעם יידישן זאַמאָשטש, וואָס פּרץ האָט פֿונסניי אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אין זיינע זכרונות, — ווערט פֿאַר אונדז פֿאַרשטענדלעכער פּרץ גופֿא, פּרץ מיט זיינע אויפֿבליצן און געהיימנישן, מיט זיינע יידישע און אַלמענטשלעכע מאָטיוון, מיט זיינע ווידעראַנאַנדן, מיט די „פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן, אויף וועלכע עס וויקלען זיך אַלע זיינע שריפֿטשטעלערישע ידיעות"...

ב

אין זאַמאָשטש איז פּרץ געבוירן און אין זאַמאָשטש האָט ער ביזן 36סטן יאָר פֿון זיין לעבן, געוואוינט. און נישט נאָר פּרץ, אויך זיין מוטער, זיין זיידע און עלטער־זיידעס (פֿון מוטערס צד) זיינען געבוירן און געלעבט אין אָט דער וואונדערבאַרער, אָריגינעלער אַלט־יידישער און פּריציש־אינטעליגענטער שטאָט.

זאַמאָשטש האָט זיך טיף איינגעשניטן אין פּרצעס עמפּינדלעכער נשמה און געבליבן לעבן אין זיין פֿאַנטאַזיע אויך צענדליקער יאָרן נאָך דעם ווי ער האָט די שטאָט פֿאַרלאָזט.

ווען פּרץ האָט אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן געפּרואווט אין זיינע „זכרונות" (געשריבן אין די יאָרן 1913—1914) צו געבן „אַ שליסל צו זיין שייער" און נאָכגעזוכט די קוואַלן פֿון זיין שאַפֿן און די כאַראַקטער־שטריכן פֿון זיין פּערזענלעכקייט, האָט ער זיך און זיין גאַנץ וועזן אַדורכ־געפֿלאָכטן מיט אָט דער טיף־אייגנאַרטיקער שטאָט, מיט אירע גאַסן און מויערן, מיט איר מאַרק און בית־המדרש, מיט אירע יידן און נישט־יידן, מיט די לעגענדעס און געשטאַלטן, וועלכע האָבן אין וואָר און אין טרוים דאָרט געלעבט. און נישט נאָר דעם זאַמאָשטש פֿון זיין צייט האָט פּרץ אַזוי טיף און אייגנאַרטיק געזען און געשפּירט. פּרץ האָט צו 61־62 יאָר פֿון זיין לעבן — ווי אַמאָל אין זיין קינדהייט — אויפֿגענומען דורך זיינע געהירן אויך דאָס זאַמאָשטש פֿון אַמאָל, פֿון דורות און דורות פֿ אַ ר אים. פּרץ שרייבט וועגן דעם אין די „זכרונות": „אין די 'זעענישן' פֿון דער היים, וואָס איך האָב ווירקלעך מיט אייגענע אויגן געזען, מישט זיך אַריין דאָס געהערטע, דאָס עלטערע זאַמאָשטש, פֿון וועלכן מיין אויער האָט פֿאַרנומען" (ז' 39).

פּרץ האָט שוין געטראָפֿן זאַמאָשטש אין דער ירידה. שוין אויס פֿעסטונג, שוין חורבונות אַרום. זכרונות, איבערבלייבענישן פֿון אַמאָליקע צייטן... אָבער גאָר לייכט בויט זיך פֿונסניי אויס, אַדאַנק די לעבעדיקע לעגענדעס, וואָס שוועבן אַרום, דאָס אַמאָליקע „זאַמאָיסקעס זאַמאָשטש", פֿון וועלכן ער האָט אין פֿריער יוגנט געהערט, — „זאַמאָשטש נאָך אַלס פֿעסטונג אין איר מאַכט, פּראַכט און אַרומגעוואָרפֿענע שרעק... אַרום — נישט פֿאַרלאָזטע, נישט אָפּגעשיטע, נישט אָפּגעשטאָכענע וואַלן; צווישן וואַלן און וואַלן — פֿאָסן מיט וואַסער; טיף קלאָר וואַסער..." צוזאַמען מיטן אַמאָליקן זאַמאָשטש קומט אויף פֿאַר אים זיין עלטער־זיידע, לייבושל סטאַראָסטער, וואָס „האָט זיך געפֿירט ווי אַ שררה, געטראָגן זיידענע זאָקן, גערעדט דייטש ווי אַ וואַסער", מיט דער עלטער־באָבען, וואָס האָט אַ גע־

וועלבל געהאַט, אַ גרויס געשעפֿט פֿון קאָלאָניאַל־סחורה, טאַקע מכּל־טוב און — מעבר לים... סחורה פֿון לייפּסק...״ און „בראָמען זיינען נאָך בראָמען געווען... די לובלינער בראָם איז ווי־זאָ־ווי צו די בית־המדרש־פֿענצטער...״ און „אין בית־המדרש צווי גראָע טויבן, צווילינג־ברידער... זיצן אין בית־המדרש שטאָט ביי שטאָט מיטן רוקן צום שולחן, מיטן פּנים צום אָרון־קודש... און וואָרקען, אויב זיי בלייבן עטוואָס לענגער נאָכן דאַוונען, ווי די טויבן, וועגן אַלטע צייטן״.

„און איך — דערציילט פּרץ — בין שוין ביים שולחן, האַלט שוין די אויערן צווישן די גראָע קעפּ...״

נאָך גאָר אין דער יוגנט האָט פּרץ אָנגעהויבן מיט יידישע האַלב־בדחנישע לידער־קופּלעטן, געווידמעט זאַמאָשטשער פּאַסירונגען — „זאַמאָשטשער פּאַזשאָנדקעס״, — און אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן האָט ער פֿאַרענדיקט מיט דער פֿאַרטיפֿטער, עכט־פּרצישער דערינערונגס־פּאָעמע „מיינע זכרונות״, וואָס ס׳איז נישט באַשערט געווען, זי זאָל זיך אויסשפּרייטן ווייטער אויסער דער שטאָט זאַמאָשטש. אויך אין פֿיל אַנ־דערע ווערק, וואָס פּרץ האָט געשאַפֿן צווישן דעם נישט־זיכערן אָנהויב און איבערצייטיקן סוף, איז זאַמאָשטש געווען ביי פּרצן דער נישט־אויס־שעפּנדיקער קוואַל פֿאַר זיין שאַפֿן, פֿאַר זיינע וויזיעס.

זאַמאָשטש איז אין פּרצעס פֿאַנטאַזיע שפּעטער אַלץ־מער דערהויבן געוואָרן. „אין דער ערינערונג — זאָגט פּרץ וועגן זאַמאָשטש אין די „זכרונות״ — ווערט אַלץ פֿאַרפֿיינערט און גערייניקט״ (ז׳ 37). „געבוירן און דערצויגן אין זאַמאָשטש, מוז איך, אום זאַמאָשטש צו זען, פֿאַרטריבן ווערן דריי מיילן ווייט — קיין שעבערשין. ערשט אין דער הילצערנער שטאָט... ערשט אין נידעריק־געבויטן, שינדל־ און אויך שטרוי־געדעקטן שעבערשין פֿלאַנצט זיך און שטעלט זיך אויף, פֿאַר מיינע פֿייכט־פֿאַר־בענקטע אויגן, מיין געמויערטע דריי־שטאָקיקע אייזן־ און דאַך־ציגל־געדעקטע היים... וואָס ציט זיך נישט אויס אין דער לענג, „ווי אַן אָפּגעשטאַנענער פֿיש״, נאָר מוז, צווישן וואַלן געדרענגט, וואַקסן אַרויף צו דער הויך. איך האָב געמוזט באַקומען צו זען דאָס אומגעלומפּערטע הילצערנע מיסגעבורט פֿון שטאָט־זייגער אין שעבערשין, — איך זאָל דערפֿילן די גאַנצע הויכע פּראַכט פֿון מיין היימישן זייגער־טורעם, וואָס קראַצט, ווי מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, די וואָלקן! און געמוזט באַ־קומען צו זען דאָס שטיק „ברכי נפשי״ אַרום שעבערשין, די „לבשו כּרים

הצאָן״ — דאָס גרינע טישטעך, באַפֿלעקט מיטן בהמהשן געל און רויט, מיטן בריקל צום וואַסער און צו דער, פֿון דער עלטער פֿאַרשוואַרצטער און פֿון מעל פֿאַרוויסטער, וואַסער־מיל, — איך זאָל באַמערקן און קאָנען אָפּשאַצן דעם באַזונדערן חן פֿון אונזער „אונטערן פֿעסטונג״, וואָס איך האָב איבערגעגעבן אין „משיחס צייטן״, פֿון קליינע פֿאַרשאָטענע שפּאַציר־פּלעצער צווישן וואַלן, אין דער באַהאַלטענער „אוציעצקאַ״, וואו איך האָב געלאָזט שפּאַצירן דעם קאַצקער און בעלזער אין „שהשמחה במעונו״ (זז' 38־39).

נאָך אין „מאַניש״, אין זיין ערשטן געדרוקטן ווערק אין יידיש, לעבט פּרץ פֿאַר אונז אויף זיין זאַמאָשטש, איבערגעדיכטעט אין זיין שעפֿערישער פֿאַנטאַזיע. „אַ קונץ היינט צו זיין אַן עלוי? — זאָגט פּרץ — שפּעטער, אַלס „מאַניש״, פֿאַרזעץ איך בעסער אין יענע צייטן אַריין... ווען —

געלעבט האָבן די אַלטע בעלי־בתּים,
מעשענע ברילן, זילבערנע בתּים,
גאָלדענע עטרות, אייזערנע מוחות...
אַנדערע יאָרן, אַנדערע כּוחות... („מיינע זכרונות״ ז' 78).

און אויף אַן אַנדער אָרט אין „מאַניש״ געפֿינען מיר אַזעלכע שורות, וואו עס פֿלעכט זיך אַריין אין דער פֿאַנטאַסטישער מעשה אַ שטיק זאַמאָשטש:

אינעם שטעטל איז געווען
פֿון קדמונים אַ מפּולת:
דאָרטן פֿלעגן לצים וואוינען,
מוזיצירן, מאַכן קולות... („מאַניש״).

און פֿיל שפּעטער, אין אַ 20 יאָר אַרום, נעמט פּרץ אַריין אין זיינע „דריי מתּנות״ די מעשה מיטן קאָנטאַגיסט, וואָס פֿלעגט זיך פֿאַרגנבֿענען אין בית־המדרש אַריין און וואָס מ'האָט אים שפּעטער געכאַפּט און „צווישן וואָך און בית־המדרש „סקוואַז סטראָי״ געטריבן״ („מיינע זכרונות״, זז' 58־59). און אַזוי ווייטער און ווייטער האָט פּרץ אַריבערגעפֿירט געשטאַלטן און ערטער פֿון זאַמאָשטש אין זיינע פֿאַרשיידענע דערציילונגען. דעם זאַמאָשטשער „אינזשענערסקי גאָרטן״ האָט פּרץ נישט איין מאָל גע־מאַכט פֿאַר אַ רעזידענץ־אָרט פֿאַר זיינע העלדן פֿון די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״, און לסוף גענומען דעם אַלטן מאַרק, דעם מאַגיסטראַט מיטן זייגער־טורעם, מיט די נישן פֿון דער מאַגיסטראַט־מויער, מיט די שטיין־בילדער פֿון אַלטפּוילישן ריטער און גייסטלעכע, מיט דעם הייזל מיטן גאַניק און מיט די טרעפּ אויפֿן גאַניק אַרויף — דירעקט פֿון זאַמאָשטשער מאַרק פֿאַר אַ סצענע אין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״.

„איר האָט פּיליכט געלעזן — שרייבט פּרץ אין די ‚זכרונות' — און געדענקט „דעם פאַרשאָלטענעם ברונען" ?". און ער דערציילט אויספירלעך:
„אין מיטן פון איין מארק־פערטל שטייט אַ ברונען, אונטער אַ הילצערנעם דאַך אויף פיר שווערע זיילן... אַרום ברונען, — אַ צעמברינע פון באַלקן ביז דער ברוסט פון אַ דערוואַקסענעם מענטש... וואַסער ציט מען מיט שעפן אויף אייזערנע קייטן, געוויקלט אַרום אַ וואַל, וואָס באַ־וועגט זיך דורך אַן „אומגעהויער גרויס" ראַד מיט שפּיצן... דאַכט זיך, אַן איינפאַך ענין פון אַ שטאָט־ברונען? איז אָבער דער ברונען „זייער, זייער" טיף, און אַז מען שפּאַרט זיך אָן מיט דער ברוסט אָן זוים פון צעמברינע און מען קוקט אַריין, גלאַנצט עפּעס אַ רעדל פון ליכטיקייט איבערן שוואַרצלעכן וואַסער — עפּעס אַ „וואַסער־שמייכל", וואָלט איך היינט געזאָגט... און אַז מען קוקט לענגער אַראָפּ, הייבט זיך אָן צו דרייען דער קאָפּ און עס כאַפּט אָן אַ וואונדערלעך גליסטונג אַראָפּ צום וואַסער־שמייכל, וואָס ציט אַראָפּ ווי אַ מאַגנעט. מען מוז זיך גוט איינ־האַלטן און אַנהאַלטן, נישט אַראָפּצושפּרינגען... אַזאַ כּישוף שטעקט אין דעם שוואַרצלעכן ברונען־וואַסער, מיטן ציטעריקן שמייכל פון אויבן..."
(„מ. ז." 118).

אין זיינע זכרונות זאָגט פּרץ, אַז ער גיט פאַר דעם לייענער, „אַ בינטל שליסלען צו זיינע זאַכן". און אַוודאי זיינען די נישט־פאַרענדיקטע זכרונות אַ בינטל שליסלען צו דער פּראָבלעם זאַמאָשטש אין פּרצעס שאַפן און עס ווייזט אויך אויף וויפיל היימישער באַדן, רעאַלע פּאַסירונגען פאַרנעמען אַן אָרט אין פּרצעס ווערק.

פּרץ האָט טיף געשפּירט זאַמאָשטש אין זיך, ער האָט באַגריפן אויף וויפיל די שטאָט האָט זיך איינגעקריצט אין זיינע געהירן.

אָט זיינען איינצלנע שאַרפע שטריכן, וואָס זיינען געצייכנט דורך פּרצן:

„אַ קינד אַ ייִדישס, אין אַ פעסטונג געבוירן, פון וואַלד און פעלז מיט מויערן און וואַלן אָפּגעגרענעצט, אויף טויערן פאַרמאַכט... שוין היפּש דורכגעפילט „ברכי נפשי" און אַנדערע ביבליש־פּאָעטישע נאַטור־באַשריי־בונגען און האָב נאָך קיין וואַקסנדיק גרעזל נישט געזען..."

„איך וועל שוין האָבן דורכגעפילט דעם גאַנצן סוד, מיט זיין גאַנצער טיפקייט און דערהויבנקייט פון סנה און מדבר, — און ווייס נישט וואָס סטעפּ איז און האָב נאָך קיין דאָרן, קיין שטענגל פון עפּעס וואָס וואַקסט, נישט געזען..."

„זאַמאָשטש פֿון אייביק אויף אַן „עיר מלאה חכמים וסופרים", — געווען אַ שטאָט פֿון תורה, און „וואו תורה — דאָ חכמה" („מיינע זכרונות" ז' 78), „ווען „הנצנים נראו בארץ" — עס הויבט אָן שפּראָצן אין פּוילן־לאַנד, און דאַרפֿן זיך באַווייזן נייע שפּראָצונגען, איז (נאַטירלעך, אויסער וואַרשע) זאַמאָשטש די שטאָט מיט פֿולע רעכט אויף ביכּורים".

„די השכּלה אַז זי וועט זיך באַווייזן, וועט ביי אונז קיין אַסימילאַטאָרישע פֿאַרבן נישט טראָגן. ...אין גאַס וואַרטן אויף אונז די אומות־העולם נישט... קליין־פּאַריז (זאַמאָשטש) איז אַ באַזונדער, שאַרף־אָפּגעגרענעצט וועלטל. עס פֿאַלט גאַרנישט איין זיך מיט עמעצן צו מישן און עס איז נישטאָ מיט וועמען! אַ באַזונדער יידיש־בעל־הבתיש קעניגרייך".

„די בת־מלכּה השכּלה וועט ביי אונז קיין שטאָך אַרבעט נישט האָבן. עס וועט זיין אַ ראָמאַנטישע זאַך. יינגלעך וועלן אַרומגיין אין מאַרק און דעקלאַמירן ביים שיין פֿון דער לבנה: „ציון, ציון", „החמלה", „יונה הומיה" — און דערביי וואַרפֿן פֿאַרבענקטע אויגן אין די געוועלבער אַריין, וואו כּלה־מיידלעך זיצן"..." (דאָרט 91).

„אַ מתנגדישע שטאָט, אַ מתנגדישער בית־המדרש".

„מיט דער צייט הייבט זיך אָן צו בלעזלען אויפֿסניי... השכּלה! צו „בלעזלען", ווייל ביי אונז אין קליין־פּאַריז וועט דער פּראָצעס נישט זיין געפֿערלעך, גאָר אַן אַ הויכער טעמפּעראַטור. און אַז איך און מיין חבר יחזקאל וועלן זיך מיטאַמאָל, אין אַ שיינעם העלן פֿרייטיקדיקן טאָג, באַווייזן זיך פֿלוצלינג אין גאַס, אויף די פּאַדציעניעס, אָנגעטאָן „דייטש", אין מאַרינאַרקעס און אַז מיין חבר יצחק וועט אַריין אינעם ניי־געעפֿנטן פּראָגימנאַזיום, וועט צו קיין עקסצעסן קעגן השכּלה נישט קומען... דער השכּלה־פּראָצעס וועט דורכגיין, ווי ווייט מעגלעך, שטיל, די געבורט אָן גרויסע ווייען, — די הימלישע טאָכטער וועט נישט אָפּגענומען ווערן מיט צוואַנגען, — דאָס קעפּל איז גאַרנישט אַזוי גרויס, און קיין ערשטלינג וועט עס נישט זיין..." (דאָרט 77).

דאָס זיינען די „שאָטן און שטראַלן", פֿון וועלכע פּרצעס „אינערלעכקייט האָט זיך אויסגעוועבט".

און דאָ קומט דער פּרצישער סך־הכּל פֿון זיינע דערינערונגען:

„פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן — דאָס זיינען די צוויי וואָלצן, אויף וועלכע עס וועלן זיך וויקלען אַלע מיינע שריפֿטשטעלערישע יריעות... עטישע קאָנטראַסטן־בילדער, — טרויעריקע דעקאַדאַנסן פֿון חסידיזמוס, חורבות פֿון וועלט־אַנשויאונגען... דראַמען און טראַגעדיען מער אין ברענענדיקע אָדער [איידער ?] זיך לעשנדיקע געהירן...

אַ קליין, קליין ביסל נאַטור....

איך האָב זי אין אוצר אַזוי ווייניק; איך האָב אין דער יוגנט, וואָס שפּייזט די שפּעטערדיקע יאָרן, אַזוי ווייניק געהאַט — — —"(דאָרט, ז' 109).

פּרץ „לויפט פון ידישן אין גויישן בית־המדרש אַריין". „דער יצר־הרע איז גובר, אַזוי ווי ביי מאַנישן". „צו גרויס איז מיין דורשט צו „קענטעניש", איך זאָל מיך זעצן סילאַביזירן!... איך לעז [אין דער גרויסער פּריוואַטער ביבליאָטעק] כסדר... און די ביכער זיינען אויס־געשטעלט אָן אַ סדר, אַ תוהו־ובוהו פון ביכער. ראָמאַנען און וויסנשאַפט־לעכע זאַכן. אויסגעמישט און צעוואָרפן... — — — איך זוך קיין ספור־המעשה נישט. איך לעז אויך קיין נאַטור־באַשרייבונגען נישט, זיי דער־מאָנען מיך אָן גאָרנישט, וועקן אין מיר קיין בילדער נישט!... דער עיקר ציען מיך און נעמען מיך די דיאַלאָגן — די „שטיקלעך מיט די פּאַסיקלעך", ווי עס האָט דעמאָלט ביי מיר געהייסן, וואו מענטשן רעדן. יעדעס פּאַסיקל האָט מיר אויסגעזען, ווי אַ שפּעלטל אין אַ מענטשלעכער נשמה — — — גאָט, ווי גרויס די וועלט איז, ווי פאַרשיידנאַרטיק און וויפיל שכל, וויפיל גייסט... און פּלוצלונג: אַלץ מאַטעריע! (האַרטמאַן). קיין פּרייער ווילן! (צענדליקער בראַשורן). און קאַרל פאָגט: דער געהירן „אַרבעט אויס געדאַנקען, ווי אָן אַנדער גליד — שטונען..." (דאָרט, 128־130).

„אַנגעפּולט אַ שייער, און דערלאַנגט דעם שליסל"....

זאַמאָשטש — דאָס איז דער אַריינפיר צו דער קאָמפּליצירטער פּרץ־פּערזענלעכקייט און צום קאַלירפולן ווידערשפּרעכיקן פּרצישן שאַפן. און ווי אַנדערש איז זאַמאָשטש לויט זיין מהות און כאַראַקטער פון מענדעלעס און פון שלום־עליכמס געבוירנשטעטלעך, ווי אַנדערש עס זיינען געווען פּרצעס קינדער־ און יוגנט־יאָרן און זיין סביבה פון זייערע קינדער־יאָרן און סביבות!

ג

לעבט פּרץ אין איצטיקן זאַמאָשטש?* קאָן מען געפינען „לעבעדיקע" שפּורן פון אים אין זיין היים־שטאָט? איז קאָנטיק זיין השפּעה אויף דעם זאַמאָשטש פון היינט?

אָט די פראַגן זיינען כסדר אויפגעקומען ביי מיר בעתן לייענען און

* דער קאַפּיטל איז געשריבן אין 1929.—נ. מ.

שטודירן פּרצעס ווערק, פּרצעס פּערזענלעכקייט. בין איך געפֿאָרן קיין זאַמאָשטש, צו באַקענען זיך מיט דער שטאָט און מיט די פּלעצער, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט רעאַלע אָדער איבערגעדיכטעטע אין פּרצעס שאַפֿונגען. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1928 און 1929.

לכתחילה האָב איך איבערגעלעבט אַן אַנטוישונג. פֿון דער ווייט האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז זאַמאָשטש איז פֿול מיט פּרצן, מיט זיין גייסט, מיט זיין געדעכעניש.

ביי די אומות־העולם וואָלט דאָך די געבוירן־שטאָט פֿון אַזאַ גרויסן נאַציאָנאַלן קינסטלער ווי פּרץ פֿול געווען מיט אים: אַ דענקמאָל, אַ גאַס אויף זיין נאָמען, און דער עיקר — אַ מוזיי מיט אַרכיוון, און ס׳וואָלט געווען אויפֿגעזאַמלט און אויפֿגעהיט אַלץ, וואָס האָט וואָסער ס׳איז שייכות צום דיכטער, צו זיין לעבן און שאַפֿן. וועגן דעם אַלעם איז אין זאַמאָשטש קיין שפּור נישטאָ. פֿאַראַן נאָר אַ יידישע ביבליאָטעק און אַ יידישע שול אויף פּרצעס נאָמען — און דאָס גאָר, אָבער פּרץ־ביבליאָטעקן און פּרץ־שולן זיינען דאָ אין פֿיל שטעט און שטעטלעך פֿון פּוילן, און צי נאָר אין פּוילן? פֿאַרדריסט, וואָס מען דערפֿילט נישט פּרצן באַלד ביים קומען קיין זאַמאָשטש.

אָבער דאָס איז נאָר דער ערשטער איינדרוק, גייט מען זיך אָבער אַדורך איבערן שטאָט הין און צוריק, באַגעגנט מען זיך מיט אייניקע יידן, און דער עיקר — מיט די אַנשי שלומנו, וואָס לעבן אין דער שטאָט, דאַן הויבט מען אָן קומען אויף די שפּורן פֿון פּרצן און עס הויבט זיך אָן פֿאָרנאַנדערצעוויקלען אַ ברייט בילד פֿון פּרצן אין זאַמאָשטש.

און פֿריער פֿון אַלץ קומט מען צו די נאָענטע קרובים פֿון פּרצן.

ס׳איז געווען דאַן אין זאַמאָשטש פּרצעס אַ שוועסטער — העסיע גאָלדשטיין, אַ יינגערער ברודער — יונה־יהושע — און אַן אַלטער פֿעטער — שמואל־לייב לעווין (דער ברודער פֿון פּרצעס מוטער — ריוועלען). און עס באַווייזן זיך אויך אייניקע פּרצעס חברים, באַקאַנטע און פֿאַרערער. יעדער איינער פֿון זיי איז זייער צופֿרידן, ווען מען ווייזט אַרויס אַ ספּעציעלן אינטערעס צו זייער פּרצן.

שמואל לייב לעווין — אַ ייד פֿון איבער 80, אויף אַ פֿינף יאָר עלטער פֿון פּרצן. ער וואוינט טאַקע אין דעם הויז, וואו ס׳האָבן געוואוינט דורות פֿון דער פּרץ־משפּחה. אין דעם זעלבן הויז וואוינט אויך פּרצעס שוועסטער. עס עקזיסטירט נאָך די קראָם, וואָס איז אַריבער בירושה צו פּרצעס שוועסטער פֿון די עלטערן. דאָס הויז גייט אַרויס צום מאַרק, וואָס פֿיגורירט ביי פּרצן אין די ווערק און אין די זכרונות אַזוי פֿיל מאָל. עס איז אַן אַלט־

מאַדיש הויז, מיט די אייגנאַרטיקע „פּאַדציעניעס" אַרום. מען דערפילט גלייך אַלטקייט, אַלטערטימלעכקייט.

מען פירט מיך אַריין צו ר' שמואל לייב לעווין. מען שטעלט מיך פאַר פאַר אים. אַ שרייבער, ספּעציעל געקומען פון וואַרשע. איז דער אַלטער פאַרטיפט אין דער גמרא, און איז לכתחילה ווי נישט צופרידן וואָס מ'שטערט אים, און ער איז נישט גערן מפסיק צו זיין דאָס לערנען. קומט אָן שווער אַרויסצוקריגן פון אים אַן ענטפער אויף פראַגן. פאַר אים איז פּרץ — לייבושל, לייבעלע — יאָ, ער ווייסט, זאָגט ער פון דער גמרא אַרויס, אַז לייבושל איז ביי „זיי" אַ גאַנצער יש, אָבער ער פאַרשטייט עס נישט פאַרוואָס. פּאַמעלעך צעשמועסט ער זיך גערן: זיין (און פּרצעס מוטערס) פאָטער שלמה הירש איז געווען אַ גרויסער גביר, געהאַט אַ „בלאַ־וואַטנע האַנדל". די מוטער חנהלע איז געווען אַ צדיקת. וועגן זיי דערציילט עס פּרץ („זכרונות" ז' 9) די מעשה, ווי דער זיידע איז געקומען אָן אַ גראָשן פון דאַנציק, געשיקט רופן שבת נאָך הבדלה די בעלי־חובות און געזאָגט צו זיי: „נעמט אייך צו אַלץ, וואָס איז שטוב". די באָבע חנהלע האָט אויס־געטאָן די צירונג און געלייגט אויפן טיש, געעפנט די שאַנק מיט זילבער און גאָלד, אַריינגעברענגט די חפצים פון אַנדערן שטיבל... קיינער האָט אָבער נישט גערירט. די באָבע האָט איר קראָם געהאַט, האָט מען פון קראָם געלעבט, איינציקווייז די חובות באַצאָלט מיט פּראָצענט, און קינ־דער אויסגעגעבן". דאָס בילד פון דער באָבען איז, אַגב, פאַרבליבן ביי די קינדער. יהודהן (פּרצעס פאָטער) — דערציילט שמואל־לייב לעווין — האָט מען געגומען פאַר זיין שוועסטער ריוועלען פאַר אַ גוט יינגל, אַ זיידענער יונגערמאַן געווען, מ'האָט געגעבן נדן 400 טאָלער (נישט קערבלעך! — גיט ער צו). אויך דעם צווייטן איידעם האָט מען געקויפט פאַר 400 טאָלער, ר' משה עפּשטיין (געווען רב אין זאַמאָשטש, אין ניישטאָט, דער מחבר פון „בית משה"). ער, שמואל־לייב, האָט אַמאָל געוויזן לייבושן „אַ־בע־צע", האָט ער באַלד שוין געקענט בעסער פון אים. לייבושל איז אַלט געווען אַ 12 יאָר, ווען מ'האָט אים געשיקט לערנען קיין שעברעשין צו ר' פּנחסלען. ער האָט דאָרט אויך געלערנט ש"ך און תומים. דער מלמד האָט אויף אים געזאָגט: „ער וועט זיין אַ רב אָדער אַ דאָקטאָר", דער פאָטער לייבושלס, יהודה איז אויך געווען משוגע — גיט צו ה' לעווין. פּרצעס ערשטע פרוי איז געווען אַ קענערין. אַז מ'האָט געפרעגט ביי איר פאָטער, גבריאל־יהודה ליכטנפעלד, וועגן איר בילדונג, האָט ער געענטפערט איראָניש: „וויפיל זי קען? זי ווייסט אַז שילער איז נישט פון די פיר פּיסיקע!" לייבושלס מוטער, ריוועלע, איז געווען זייער אַ פרומע, אָפּגעגעבן אַ העלפט

פֿון איר עסן אָרעמע לייט. זי האָט לייבושן שטאַרק ליב געהאַט און זי האָט אַסך תהלים געזאָגט, ער זאָל פֿרומער ווערן. לייבוש איז געווען אַ הפֿקר־מענטש. האָט ער פֿאַרדינט אַ קערבל, האָט מען געקאָכט אַ זופּ פֿון אַ פֿלאַש ווייַן — און אויף מאָרגן גאָרנישט געהאַט. ווען לייבוש איז געווען אין וואַרשע, האָט ריוועלע מיטגעגעבן מיט אים, לעווינען, אַ טעפּל פּוטער מיט נאָך זאַכן. ער האָט אינדערפֿרי די פּוטער צוגעשיקט, און ווען ער איז געקומען צו לייבושן בייטאָג, איז שוין פֿון דער פּוטער קיין זכר נישט געווען... ער איז געווען אַן עילוי. זיינע געדאַנקען האָבן גיך אין אים געיאָגט. ער האָט פֿיל געשריבן, און אויפֿן צווייטן טאָג צעריסן און פֿאַרברענט. ער האָט געהאַט אַ בראָוואַר (ביר־ברויעריי) אין זאַוועראָסט. און די מעשה מיטן פֿאַרקויפֿן חמץ? — פֿרעג איך ש.־ל. לעווין. — איז ליגנט — זאָגט ער, — דאָס האָבן זיינע חסידים אויסגעטראַכט! ער איז געווען אַ פֿרייער מענטש, נישט קרעמפּירט זיך מיט קיין זאַך. ער האָט געהאַלטן דרשות פֿאַר יונגעלייט און עלטערע. געווען אַ בעל־מלאכה אין זאַמאָשטש, האָט ער (לעווין) געהערט פֿון אים פֿרייע רייד. דאָס איז געווען פֿון לייבושעס דרשות. וועגן דער מסירה און וואָס פּרץ האָט פֿאַרלוירן דאָס רעכט צו זיין אַן אַדוואָקאַט? — ס׳איז געווען נאָך אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט, האָט ער אים געמסרט, אַז ער פּראַפּאַגירט פּויליש. לייבוש איז געגאַנגען מיט מיידלעך און גערעדט פּויליש. ווען מ׳האָט פֿאַרווערט לייבושן צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַדוואָקאַטור, האָט אַ באַקאַנטער פּוילישער אַדוואָקאַט געזאָגט: „ס׳איז געווען איין גוטער אַדוואָקאַט, האָט אים די רוסישע מאַכט אַרויסגעוואָרפֿן״.

פֿון דעם אַלטן פֿעטער קומען מיר צו פּרצעס יינגסטן ברודער, דער איינציקער ברודער, וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן לעבן. יונה־יהושע פּרץ איז אַ גלענצנדער פּויליש־קענער, ער איז אַ שטאַרק־אָנגעזעענער מענטש אין זאַמאָשטש, ער איז אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט, אַ גרויסער מומחה אין יוריס־פּרודענץ, די פּוילישע אַדוואָקאַטן ווענדן זיך צו אים אָפֿט נאָך עצות. ער איז אין שטאָטראַט, אין דער גמינע און אין אַלע חברות. ער האָט אין זיך די זעלבע חריפֿות, וואָס פּרץ. ער רעדט פֿלינק, אָפּגעריסן און בליצט דערביי מיט זיינע לעבעדיקע, שאַרפֿע אויגן.

„וועגן לייבושן? ע, מ׳קאָן דערציילן און דערציילן״.

און ער דערציילט און איך פֿאַרנאָטיר.

אָט איז אַ מעשה, וואָס די מאַמע, ריוועלע, האָט שטענדיק דערציילט: לייבוש אין דאַן אַלט געווען אַ 2 יאָר; דער זיידע, שלמה־הירש לעווין, האָט געהאַט די פּאַכט מיט אַ שותּף. סליחות־צייט. ווען קיינער איז נישט

געווען אין שטוב, איז דער שותּף געקומען און צו צו דער קאַסע אין טיש־שופלאַד און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט געלט און פּאַפּירן. ער האָט קיין אַכט נישט געלייגט אויף דעם קינד, וואָס איז געווען אין צימער. אויף מאָרגן האָט לייבושל געוויזן אויף שטום־לשון — המ־המ —, ווי דער שותּף האָט גענומען פון טיש. און נאָך אַ מעשה: ס'איז געקומען אַמאָל צום זיידן אַ רב אין אַ שטריימל און גענומען פון דער ספרים־שאַנק אַ ספר. האָט לייבושל געשריגן: „נעם נישט! אַ גוי נעמט נישט אַ ספר!"

וועגן פּרצעס מלמדים דערציילט זיך אַן יונה־יהושע פאַרשידענע מעשיות. איינער פון די מלמדים, ווי נאָר ס'איז צו אים אָנגעקומען אַ נייער תּלמיד, האָט ער אים גלייך געגעבן אַ פּאָר פּעטש: „ביזט אַ בטוח, דו וועסט אָפּאַרבעטן!" — האָט ער דערביי צוגעגעבן.

לייבושל האָט אַמאָל געהאַלטן אין חדר אַ ספרל, האָט דער רבי צוגעקומען ביי אים דעם ספר און געזאָגט: „אַזוי ווי דו זעסט נישט דיינע אויערן, וועסטו מער ניט זען דעם ספר!" איז לייבושל אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, געקוקט אין שפּיגל און געזאָגט: „אָט זע איך מיינע אויערן, גיט מיר אָפּ דעם ספר!" האָט מען אים אָפּגעשיקט קיין שעבערשין, אָבער ער פלעגט קומען צו לויפן צופוס, געקראָכן אויף די דעכער, האָט מען אים אַראָפּגענומען די שיך, ווי פּרץ אַליין דערציילט עס.

חתונה געהאַט האָט לייבוש צו 18 יאָר. די חתונה איז געווען אין גאַראַיעץ. שרהלע (ליכטענפעלד), אַזוי האָט געהייסן פּרצעס ערשטע פרוי, איז געווען אַ געבילדעטע. זי האָט קאָרעספּאָנדירט מיט קראַשעווסקין. אָבער זי איז געגאַנגען אין אַ שייטל. פּרץ האָט אַמאָל געכאַפּט דאָס שייטל און אַריינגעוואָרפן אין אויוון. לכתחילה איז לייבוש געווען פאַרנומען אין דער ברויערײ, שפּעטער, צו 24־25 יאָר (אין 1876), האָט ער געהאַלטן עקזאַמען אין „סיעזד" (אין זאַמאָשטש), געקראָגן אַ 2, אָבער דער פאָרזיצער פון געריכט האָט געהייסן אים געבן אַ פּאַטענט. לייבוש איז געווען אַ גוטער אַדוואָקאַט, אויך אַ זעלטענער שאַך־שפּילער און אַ בריה אין פּרעפעראַנס. ער האָט ליב געהאַט די אַדוואָקאַטור... יאָ, נאָך פאַר דער חתונה האָט לייבוש געוואָלט פאָרן קיין ווילנע אין דער ראַבינער־שול. וועגן דעם באַשלוס צו פאָרן שטודירן דערציילט פּרץ אַליין אין זיינע „זכרונות". ער איז אַרומגעגאַנגען איז זאַמאָשטש פול מיט ספקות און געשטרעבט צו עפּעס אַנדערש. האָט ער זיך דאַן דערנענטערט צו איינעם ש. ה., אַ געוועזענער רעליגיע־לערער אין זאַמאָשטש, וואָס איז אַראָפּגעקומען ערגעץ פון ליטע. יענער הערט אויס פּרצעס „ספקות און פּיין" און ענטפערט: „ניטשעוואָ, איר מוזט ווערן אַ לייט, אַוועק שטודירן! קיין זשיטאָמיר, קיין

ווילנע... אַלע ספקות וועלן אַפּפאַלן, אַלץ וועט וועט ווערן קלאַר, אַלץ וועט ווערן גלייך..." און ש. ח. פֿאַרזעצט אויף די הוצאות פֿאַר פּרצן זיין גאָלדן קייטל און עס ווערט באַשטעלט אַ פֿור. „איך פּאַק מיך בסוד־סודות, ליג מיך פֿרי מכּלומרשט שלאָפֿן, מיטן פּעקל אונטערן קישן, איך וועל קיין אויג נישט צוטון. אַ פֿייף פֿון גאַס וועט זיין דער צייכן... איך לעש אויס דאָס לעמפּל, געזעגן מיך מיט אַלע און אַלץ אין דער פֿינצטערער שטוב. אויפֿן האַרץ נישט אַזוי לייכט... אָבער איך מוז... ליג איך און דערהער אַ שטילן שאָרך פֿון צווייטן צימער. איך האָרך, שטיל עפֿנט זיך די טיר. שטיל, באָרוועס קומט אַריין די מאַמע, איך זע זי קוים ביים שוואַכן שיין פֿון דער לבֿנה אין פֿענצטער. זי שוועבט שטיל צו צום בעט, זעצט זיך קעגנאיבער, קוקט מיר מיט ווייטיק אין פּנים אַריין... איך קען די אויגן נישט שליסן, איך מוז זי זען, און זען, ווי פֿון די אויגן אירע רינען שטיל, שטיל די טרערן... זי געזעגנט זיך מיט מיר... ווער האָט אויסגעזאָגט מיין סוד? אָבער זי וואַכט ביי מיר, אירע טרערן וואַכן. איך פֿאָר נישט"... (מ. ז. 133). „די מאַמע ריוועלע — דערציילט יונה־יהושע פּרץ — האָט געפֿאַסט אַ יאָר כּסדר מאָנטיק און דאָנערשטיק, פֿלייש געגעסן נאָר פֿון שבת צו שבת, — לייבוש זאָל נישט פֿאָרן, ער זאָל נישט אַרויס לתּרבות־רעה...

ער, יונה־יהושע, האָט געוואָלט אַמאָל זיך אויסלערנען דייטש. זאָגט צו אים פּרץ: „נאַ דיר 50 קאָפּיקעס און קויף אַ ביכל". „און ווייטער?" — „לייענט מען, — האָט לייבוש געזאָגט — מען נעמט און מען לייענט".

פּרץ איז געווען אַדוואָקאַט ביי דער זאַמאָיסקי־אָרדינאַציע. ער איז געווען אַ חשובֿ ביי „נאַטשאַלסטוואָ". דער פּרעזעס פֿון „סיעזד" פֿלעגט קומען צו אים שפּילן אין שאַך. זיינען יידן אַמאָל אַריינגעקומען צו פּרצן, האָבן זיי זיך דערשראָקן... לייבוש האָט געהאַט שונאים, האָט מען אויף אים אָנגערעדט. דער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק האָט אויף אים געוואָרפֿן אַן אויג. ער רעדט „טענדענציעז" פּויליש אין גאַס, האָט מען ביי אים (סוף 1887) צוגענומען דעם פּאַטענט. איז לייבוש געפֿאָרן קיין פּעטערבורג, געזוכט פּראָטעקציע. דער יוסטיץ־מיניסטער אָבער האָט געזאָגט: „אַדנים זשידאָם מענשע וו אַדוואָקאַטוריע!"... (מיט איין ייד וועט זיין ווייניקער אין דער אַדוואָקאַטור).

איך גיי אַריבער צו שמועסן מיט יונה־יהושען וועגן פּרצעס שרייבן.

ווי האָט פּרץ אין זיין יוגנט געשריבן? — יונה־יהושע געדענקט אַזאַ זאַך: שבת פֿאַרנאַכט, מ'האָט נאָך קיין ליכט נישט געצונדן, האָט פּרץ אָנגעצונדן אַ ליכט און געשריבן האַסטיק מיטן ניגון פֿון „המבדיל". ס'איז

געוועזן זיין ליד „נשמה יתירה". פּרץ איז דאַן אַלט געוועזן אַ יאָר 30 (ס'איז געוועזן לערך אין 1881). און ערשט אין 1888 האָט ער זיך גענומען אויף אַן אמת צו שרייבן און דרוקן זאַכן. דאָס איז שוין געוועזן אין וואַרשע. פּרץ איז אַריבער צו יידיש און יונה-יהושע גיט מיר איבער אַ מערק־ווירדיק וואָרט, וואָס פּרץ האָט אַמאָל געשריבן צו אים פֿון וואַרשע, הלמאַי ער איז אַריבער צו יידיש: „חביבים עלי רעיוני, לא אוכל לראותם כגנבים בנחושתים!" (עס זיינען מיר ליב מיינע געדאַנקען, איך קאָן זיי נישט זען געשמידט, ווי גנבים אין קייטן). און ווי איז געשאַפֿן געוואָרן דער „העוגב" (אַ זאַמלונג העברעאישע לידער, דערשינען אין יאָר 1894)? — מ'האָט ליבושן פֿאַרגעוואָרפֿן, אַז ער האָט שוין פֿאַרגעסן העברעאיש, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ביכל העברעאישע לידער.

יונה-יהושע דערציילט מיר, אַז פּרץ איז אין יאָר 1911 געוועזן אין זאַמאָשטש. דער פֿעטער שמואל-לייב לעווין האָט אים געמוסרט, פֿאַרוואָס ער קאַרגט נישט קיין געלט און קלויבט נישט אויף דער עלטער, ווען ער וועט שוין נישט קאָנען אַרבעטן. האָט פּרץ דאַן געענטפֿערט: ער איז זיכער, אַז דער קאָפּ וועט איבערלעבן דאָס האַרץ! — — —

און יונה-יהושע האָט זיך טיף פֿאַרטראַכט און אין זיינע פֿייערדיקע, בלישטשענדיקע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט טרויער, פּיין, וואָס דאָס פּרץ-האַרץ האָט אַזוי פֿרי אויפֿגעהערט צו שלאָגן.

פֿון די נאָענטע פּרץ-קרובים לאָזן מיר זיך גיין צו פּרצעס יוגנט-פֿריינט, שמואל אשכנזי, וואָס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זכרונות וועגן פּרצן. און דאָ לאָזט מען זיך שוין אָוועק אין אַ לאַנגן שמועס. ער האָט עס אַמאָל צוזאַמען מיט פּרצן געלערנט די אַרבעטער און באַלעמעלאַכעס צו לייענען און שרייבן. פֿייוול געליבטער האָט געלערנט מיטן עולם פּרק, פּרץ — יידישע געשיכטע. „פּרץ איז געוועזן אַ צוואָרפֿענער, — גיט אַ זאָג דער בכּבודיקער שמואל אַשכּנזי — קיין סטאַלע דעה נישט געהאַט!... געוועזן אַ גרויסער אויסברענגער. און געשריבן האָט ער, ליבוש, ווי מ'שיט אויס פֿון אַ זאַק!..." און ס'ציען זיך די דערינערונגען פֿון דעם וואוילן ש. אַשכּנזי. פֿיל זאַכן, וואָס ער דערציילט, זיינען שוין באַקאַנט און אַ טייל אויך פֿאַרעפֿנטלעכט דורך אים גופֿא.

אין זאַמאָשטש זיינען דאָ אייניקע פּרץ-פֿאַרערער.

ווען מ'קומט אַראָפּ אין שטאָט אַריין צוליב פּרץ-אַנגעלעגנהייטן, זיינען זיי די הויפּט-מחותּנים, די אונטערפֿירער.

קודם-כּל דער אַרטיקער קולטור-טוער מ ר ד כ י ב ע כ ע ר, אַ געוואַל־דיקער פּרץ-חסיד, וואָס קלויבט זאָרגפֿעליק יעדע שורה וועגן דיכטער,

און נאָך יעדן אָפּגעדרוקטן פּרץ־אַרטיקל שרייבט ער שטענדיק לאַנגע אויפֿ־פֿירלעכע בריוו און גיט אָן דערגאַנצונגען. און אויך ד ו ד פ אַ ל ק, וואָס האָט אַמאָל, אין דער יוגנט, געשיקט יידישע שירים צו פּרצן און פֿאַרמאָגט זיינס אַ גרויסן העברעאישן בריוו (פֿון 1891), וועלכן ער האַלט ווי אַ רעליקוויע (פֿאַרעפֿנטלעכט אין די פּרץ־בריוו זייט 161). און דער יונגער ש מ ו א ל ה ע כ ט מ אַ ן, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, וואָס פֿאַרטיפֿט זיך אין פּרצן און זוכט צוזאַמענהאַנגען צווישן די פּרץ־שאַפֿונגען און דער אַמאָליקער זאַמאָשטשער סביבה. איז אָט די דריי האָבן צווישן זיך געטיילט די אַרבעט מיטצוהעלפֿן מיר אויפֿצוזוכן און אויסצוגעפֿינען וואָס מער פּרטים צו פּרצעס לעבן אין זאַמאָשטש.

מיר קומען אין זאַמאָשטשער בית־מדרש. איצט איז שוין דער בית־מדרש אָפּגעפּרישט, „מאָדערניזירט", אַפֿילו מיט עלעקטרישער באַלייכטונג. אָבער דאָ אין די פֿיר ווענט פֿון בית־מדרש איז פּרץ אויפֿגעוואַקסן און פֿאַרבראַכט אַ שטיק פֿון זיין קינדהייט און יוגנט. דער בית־מדרש איז געווען פֿאַר אים פֿיל מער ווי זיין היים, ווי זיין שטוב. דאָ האָט ער אויפֿגענומען וואָר און מעשה, כאַראַקטער־טיפּן און יידישקייט. אין אַ בריוו צו י. צינבערג שרייבט פּרץ: „אַ גרויס בית־מדרש ביי אונז, גרויסע שענק ספֿרים, איז מען טאַפּנדיק און זוכנדיק צוגעקומען צו דער שאַנק, וואָס „קבלה" האָט פֿאַרנומען, האָט מען געלערנט". אין די זכרונות פֿאַרנעמט דער בית־מדרש ביי פּרצן אַ וויכטיק אָרט: „דאָס בית־מדרש איז פֿול מיט קאַרפּן־קעפּ", און עס איז ענג: „מען לערנט נאָך אין פּאָליש, מען לערנט נאָך אויף די טרעפּ"... דער בית־מדרש איז שוין אַ 200 יאָר אַלט, ער געהערט צו דער חברה־קדישא „גמילות־חסדים".

מיר גייען צו צום אָרט, וואו יהודה, פּרצעס פֿאָטער, איז געזעסן, ער איז געווען פֿון די שענסטע שטאָט־באַלעבאַטים.

מען דערציילט דאָ פֿון דעם אַמאָליקן שמש ר' פּינחסל. ער האָט געזאָגט: נאָך קינדווייז אין לייבושל געווען אַ „משומד": צו עטלעכע יאָר, ווען ער האָט נאָך נישט געקאָנט אויסרעדן אַ ג. ק. האָט ער אַמאָל געזאָגט: „רש"י האָט נישט דעטענט (געקענט)".

דאָ אין בית־מדרש האָט פּרץ געקערט אַ וועלט. דאָ, אין בית־המדרש, — דערציילט פּרץ — ווייזט ער „חידושים אין דאַמען־ און שאַך־שפּיל. דאָס ברעט אויסגעצייכנט מיט קרייד אין דער הויך, אויף דער פּאָדלאָגע פֿאַרן ארון־קודש (ריינער!) די שטיינדלעך און פֿיגורן — געקנעטן פֿון ווייס און ראָזאָווע ברויט, און געטריקנט, אָדער אויסגעשניטן פֿון קאַרטאָפֿלעס, די שוואַרצע — אין די שאָלן" (דאָרט, 22). אויף אַ „חושן־

משפט" איז פֿאַרבליבן אַן אויפֿשריפֿט: „קלוג, שיין געלערנט — משוגע"— אַזוי האָט מען אַמאָל באַצייכנט דעם יונגן לייבוש. דאָ אין בית־מדרש האָט פּרץ שפּעטער אָרגאַניזירט אַ שול צום לערנען לייענען און שרייבן.

פֿון דער צייט, ווען פּרץ איז אַרויס שוין „לתּרבות רעה", דערציילט מען פֿאַרשידענע מעשׂיות און מימרות וועגן אים. פּרץ האָט אַמאָל געזאָגט: עס שטייט געשריבן „אשת־איש אסורה משום גזל" — ווען אָבער ס'איז דאָ אַ דעת־בעלים איז עס שוין קיין גזל נישט. אַמאָל איז געקומען צו אים אַ פֿרומער ייד און געבעטן צו טאָן עפּעס אַ טובה. פּרץ האָט צוגעזאָגט. יענער האָט אַלץ געבעטן נישט צו פֿאַרגעסן, האָט פּרץ אים געזאָגט: „במקום שיש פּאה — יש שכחה, במקום שאין פּאה — אין שכחה" (דאָס הייסט, אַז ער, אַלס פֿרייער, אַ ייד אָן פּאות, וועט נישט פֿאַרגעסן). פּרץ האָט אין ראש־השנה אָנגעשריבן אַמאָל אַ בריוול, האָט ער אָנגעהויבן „היום יום א' דראש־השנה".

פּרץ איז געווען פֿון די באַליבסטע מענטשן אין זאַמאָשטש, באַליבט נישט נאָר צווישן יידן, נאָר אויך צווישן די קריסטן. ער איז אַפֿילו געווען טעטיק צווישן די שטאָטישע פּריווילעגיע פֿייערלעשער. אויף אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון די זאַמאָשטשער פֿייערלעשער (פֿון צוריק מיט העכער 50 יאָר) איז אויך דאָ פּרץ, אָנגעטאָן אין דער פֿייערלעשער־אוניפֿאָרם.

נאָך פֿיל מי האָבן מיר מיט די פּרץ־פֿריינט באַוויזן צו קריגן אָט דאָס גרויסע בילד, וואָו זיינען אָראָפּגענומען ביז אַ הונדערט אָרטיקע יידן און נישט־יידן. דאָס בילד האָט זיך פֿאַרהיט ביים זאַמאָשטשער בירגערמייסטער (אַ רעאַקציאָנער און אַנטיסעמיט). מיר האָבן געפּועלט ביי אים צו לייען דאָס בילד, כּדי אָראָפּצוקאָפּירן פֿון אים פּרצן אין אַ פֿייערלעשער היטל.

ס'איז וויכטיק צו באַטאָנען אַז זאַמאָשטש איז געווען אַ שטרענג־מתנגדישע שטאָט און אויך דערמיט האָט זיך זאַמאָשטש אויסגעטיילט און אויסגעצייכנט פֿון די איבעריקע און דערבייאיקע שטעט אין אַמאָליקן פּוילן. קיין רבין, קיין „גוטן יידן" האָט מען ממש נישט אַריינגעלאָזט אין שטאָט. איז פּרץ געווען צווישן די, וואָס האָבן פֿאַרהיט זאַמאָשטש פֿון רביים. אין בית־מדרש האָט אַמאָל אַ ייד אַ חסיד זיך דערוועגט צו זאָגן אין קדיש „ויצמח פּורקניה", — האָט אים דער קליינער עזריאלכל אָראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. אין דעם דערמאָנטן בריוו צו צינבערגן שרייבט פּרץ: „איך האָב ביז היינט קיין רבין פֿאַר די אויגן נישט געזען... קיין מאָל צווישן חסידים נישט געלעבט"... און דאָך האָט פּרץ שפּעטער, ווי קיינער נישט ביז אים און נאָך אים, געשאַפֿן די עכט־חסידישע מעשׂיות און אויף אַזאַ וואונדערלעכן אופֿן אַרויסגעבראַכט די טיפֿע אמת־חסידישע נשמות...

פון בית־מדרש זעט מען נאָך איצט די לובלינער בראַם, אייגנטלעך רעשטלעך פון דער בראַם. וועגן איר האָט עס פרץ דערציילט די וואונדער־לעכע מעשה מיטן זעלנער דעם קאָנטאָניסט, וואָס איז „מיט די אויגן פאַרקוקט און די אויערן אויסגעשפיצט צו די בית־מדרש־פענצטער צו"... און „נאָך זאַריס, אַז די וואַך גייט אויף און אָפּ, פאַרנעמט זיך דער קאָנטאָ־ניסט אין בית־מדרש אַריין און זעצט זיך לערנען"...

פון בית־מדרש גייען מיר צום אַלטן יידישן בית־עלמין, וואָס איז, ווי אין אַלע אַלטע שטעט, אַ מין המשך פון דער רעאַלער, לעבעדיקער טייל שטאָט. דאָ זיינען דאָ פיל קברים פון דער פרץ־משפחה, דאָ זעט מען איר יחוס־קייט. און אָט איז דער קבר פון פרצעס פאָטער — יהודה, נישט ווייט פון ד"ר שלמה עטינגערס קבר.

אויף דער מצבה פון פרצעס פאָטער יהודה איז אויסגעקריצט:

> „פ"נ ר' יהודה בן משה למשפחת פרץ, נסתלק ביום ארבעה עשר והובא לקברות ביום חמשה עשר לחודש סיון לשנת ה"א תרנ"ה (תרנ"ח?) בששים ושמנה שנים לימי חייו. איזו היא דרך טובה שידבק בה האדם? ר' אליעזר אומר: לב טוב. אמר להם: רואה אני את דברי אלעזר בן ערך מדבריכם, שבכלל דבריו דבריכם".

עטלעכע מינוט גיין, און עס שפרייט זיך פונאַנדער די אַרומיקע געגנט: רואינען פון אַמאָליקער פעסטונג, וואַלן, וואָס זיינען שוין האַלב־פאַרשיט, אומגעפאַלענע ציגל־ווענט פון די בראַמען, און דאָרט ווייטער „קליינע פאַרשאָטענע שפּאַציר־פּלעצער צווישן וואַלן", וואו פרץ האָט „געלאָזט שפּאַ־צירן דעם קאָצקער און בעלזער" (אין זיין דערציילונג „שהשמחה במעונו"). און דאָ שלענגלט זיך דער וועג קיין שעברשין, אויף וועלכן פרץ דאָס יינגל איז געלאָפן פון זאַמאָשטש אַהין און צוריק, און דער באַרימטער אינזשינערסקי־גאָרטן. און איין־צווייט געסל ווייטער, און מען איז אויפן פּלאַץ, וואו עס שטייט דער מאַגיסטראַט מיטן זייגער־טורעם, „וואָס קראַצט, ווי ס'האָט זיך אַמאָל פרצן געדאַכט, די וואָלקן". דאָ אויף דעם פּלאַץ איז אַמאָל געווען דער אַלטער מאַרק, וואָס פרץ האָט אים גענומען שפּעטער אַלס אָרט פאַר זיין „טרוים און פיבערנאַכט", פאַר זיין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", און געפלאַכטן

... אָן אַלטע נעץ,
אַ נעץ
פון שאָטן און שטראַלן...

שאָטן פֿון פֿאַרגאַנגענעם,
קוים איבערגעלעבטע קוואַלן...
און שטראַלן
ווערן אַריינגעהאַפּטן
פֿון נאָך אין נעץ נישט געפֿאַנגענעם,
פֿון קוים געהאַפּטן...

און אַזוי איז געווען און פֿאַרבליבן זאַמאַשטש אין דעם געדעכעניש פֿון י. ל. פּרץ. עס איז געווען פֿיזיש אַריינגעפּלאָכטן און אַריינגעוועבט אין פּרצעס געמיט, אין זיינע געהירן. ס'איז געווען ווי שטיק פֿון זיין אייגענעם איך, נישט צום אָפּטיילן. אינעם קאַפּיטל „מיינע זכרונות״, וואו פּרץ פֿאַרענדיקט זיינע דעראינערונגען, שרייבט ער: „... עס שליסט זיך דער היימישער אוצר פֿאַר סקיצן און בילדער. אַלץ, וואָס איך זע אין דער פֿרעמד, אַלץ, וואָס איך באַגעגן אין שטעט און שטעטלעך, אויף וועג און שטעג, זע איך און פֿאַרש. אָבער איך פֿיל עס נישט אוממיטלבאַר. איז מיין נשמה האַרטער געוואָרן און קאָן אין אַנדערער נישט אַריינפֿליסן, צוריק צוקומען רייכער, פֿאַרביקער און פֿאַרשטענדיקער? אָדער האָט מען אויסער דער פֿאַרמיטלונג פֿון די חושים, צום נישט־היימישן, צו דער נישט־קינדישער וועלט קיין צוטריט איבערהויפּט?״

דאָס איז געווען זאַמאָשטש פֿאַר פּרצן, געווען ביז די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן, די היים פֿון אייגן לעבן און פֿון גרויסע וויזיעס.

ערשטע לידער אין יידיש

דער יונגער פּרץ האָט געפּרואווט אין זאַמאָשטש שרייבן לידער אין יידיש, דאָס רוב אויף אַרטיקע אַקטועלע טעמעס. די לידער זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין זאַמאָשטש, אפשר אויך אין די דערבייאיקע שטעטלעך. זיי זיינען געזונגען געוואָרן מיט פאַרשיידענע פּאָפּולערע מאָטיוון דורך דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג. און עס איז קיין וואונדער נישט. זאַמאָשטש איז דאָך געווען אַ ליטעראַרישע שטאָט, די לופט איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט ליטעראַטור פון פיל יאָרן פריער. האָט דאָך ד״ר שלמה עטינגער געהאַט פאַרפאַסט אין זאַמאָשטש משלים, כתבות־לעך, איבערזעצונגען־איבערמאַכונגען פון דייטשישע לידער, וועלכע זיינען פיל יאָרן אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין געשריבענע קאָפּיעס. פּרץ אַליין גיט איבער אין זיינע „זכרונות" (ז׳ 82), אַז אין דער יוגנט האָט ער זיך באַקאַנט מיט עטינגערס „סערקעלע", מיט זיין „קוגעל", איבערגעמאַכט פון שילערס „די גלאָקע", און מיט זיינע משלים. די אַלע ביכלעך און מאַנוסקריפּטן האָבן זיך געפונען אויך ביי זיין (פּרצעס) פעטער, אַ ליבהאָבער פון ליטעראַטור, וועלכער האָט אויך פון גאַר פריע צייטן געקליבן פּרצעס געשריבענע זאַכן. צו אָט דעם פעטער אין שטוב פלעגן קומען און זינגען די בראָדער זינגער, בעת זייער דורכפאָרן זאַמאָשטש.

וועגן אָט די לידער (וואָס פּרץ האָט געשריבן אין עלטער פון 20 ביז 30 יאָר) דערמאָנט פּרץ אין די זכרונות (ז׳ 85). ער שרייבט:

„אויב איך וועל קלאָגן אַמאָל:
אַכט־און־צוואַנציק גראָשן אַ פונט...
און — צום גראַם:
אַרויסצוואַרפן פאַר די הינט,
און קרעכצן:
און אַ פונט, אוי! אַ גרויסע קלאָג,
שטיינער און ביינער און אַ פאַלשע וואָג..."

און נאָך שפּעטער, אין „סיפּורים בשיר", אַ פּאָעמע „חנה", וואו די העלדין מיט דעם נאָמען ווערט פאַרשוועכט פון ראש־הקהלס זון, און

דער ראש־הקהל דער תקיף אאַז״וו... — וואָלט עס זיין נישט מער ווי אַ נאָכמאַכעכץ... ווי איך האָב נאָכגעמאַכט היינען... נאָר מיט מער געשמאַקלאַזיקייט...״

האָסט צו מיר אַ טענה, איך האָב דיך געקושט,
גלייב, ס׳איז געווען אַ שיגעון...
זיכער אַ דיבוק פון זמרי־בן־סלוא,
איך וואָלט מיך באַגאַנגען דעראָן...

גאַנץ זיכער אַ דיבוק פון זמרי־בן־סלוא...
גלויב, נישט דיין איז דער כישוף,
וואַרט, אפשר קומט ער צוריק דער שיגעון,
דערווייל אָבער בין איך מיושב...

אַ חטאת־נעורים, וואָס איך האָב שפּעטער ביי מיין פעטער געפונען, שטאַרק פאַרריכט און, ליידער, אין יובילעאום־אויסגאַבע פאַרעפנטלעכט...״

זלמן רייזען גיט איבער („ליט. בלעטער״, נומ׳ 103), אַז ווען ער האָט געגרייט דעם לעקסיקאָן (אין 1912—1913), האָט ער באַקומען פון פּרצעס יוגנט־פריינט ד״ר יצחק געליבטער אַ פּעקל פּרצעס יידישע לידער. „די דאָזיקע לידער — האָט געליבטער דאַן מיטגעטיילט — זיינען געווען אומגעהויער פּאָפּולער אין זאַמאָשטש און פלעגן געזונגען ווערן. אייניקע פון זיי זיינען געווען געשריבן אונטער דעם רושם פון די פּאָגראָמען פון 1881... לויט זייער סטיל — זאָגט ז. רייזען — זיינען זיי געווען נאָענט צו דער בדחנישער פּאָעזיע. ס׳איז אויך קענטיק אין זיי — אויף וויפיל איך געדענק — די השפּעה פון גאָלדפאַדענס פּאָעמעס־פּאַמפלעטן קעגן די אַנטיסעמיטן און אַסימילאַטאָרן. און דער גרעסטער חידוש איז, וואָס פון זיי האָט מען זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט דער זעלבער דיכטער אָנשרייבן אַזאַ ווערק ווי „מאָניש״...״

וועגן די־אַ פּרצעס יידישע לידער דערציילט אויך י. ח. זאַגאָראָדסקי, וועלכער האָט געוואוינט אין זאַמאָשטש אַרום 1883, און איז געווען נאָענט צו פּרצן און זיין פאַמיליע. י. ח. זאַגאָראָדסקי ברענגט אין זיין אַרטיקל („לוח אחיאסף״, תרס״ב — 1901) אייניקע סטראָפעס פון די לידער.

ש. ל. ציטראָן שרייבט אין זיין אַרטיקל „פון מיינע זכרונות״ (ליט. בלעטער״ נומ׳ 49־50, 1925): „מיר אַליין איז אויך אַמאָל אויסגעקומען צו הערן אין וואַרשע פון איינעם אַן אַלטן זאַמאָשטשער בעל־הבית, יעבץ, פּרצעס אַ קליין לידל מיטן נאָמען „דאָס שניידערל״, פון וועלכן עס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון בלויז דער פאָלגנדיקער פערז:

„אויב לייבל דער חייט
קאָן נישט קיין פּיוט,
חאָס האָט עך צו נ׳עם?
איז נאָר זיין שער־און־אייזן
אָן גרייזן,
איזס שוין מכפּר אויף דעם״.

רחל פייגענבערג דערציילט („פאָרווערטס״, 1929, 31 מערץ) אין נאָמען פון ד״ר יצחק געליבטער, ווי פּרץ האָט אָנגעשריבן זיין ערשטע ווערק. „געווען איז דאָס אַ פלאַמענדיק ליד וועגן בלויע ציצית, וועלכע דער ראַ־דזינער רבי האָט איינגעפירט פאַר זיינע חסידים. שפּעטער האָט פּרץ נאָך אָנגעשריבן דריי ליבע־לידער. ד״ר געליבטער איז שוין דאַן געווען אַ סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, האָט ער געוואוינט אין איין צימער מיט נאָך אַ סטודענט און יענער האָט געהאַט זייער אַ שיינע כלה. האָבן זיי ביידע, געליבטער און פּרץ, באַזונגען די ליבע פון יענעם פּאָרל. פּרץ האָט אָנגעשריבן לידער, און ער, געליבטער, האָט צוגעפּאַסט די ניגונים אויף צו זינגען... ביז היינטיקן טאָג געפינט זיך ביי אים אין אַלבאָם דאָס בילד פון זיין יוגנט־חברס כלה, וואָס ער מיט פּרצן האָבן באַזונגען איר ליבע צו איר באַשערטן״.

די לידער זיינען וויכטיק פאַר דער פּרץ־פאָרשונג, ווייל מיר טרעפן דאָ פאַרשיידענע מאָטיוון, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און שטייגערישע. מיר זעען דאָ אויך די קאָנטיקע השפּעות פון די בדחנישע לידער פון זיין צייט, וואָס זיינען זיכער אויך פאַרשפּרייט געווען אין דעם מער־אויפגעקלערטן זאַמאָשטש. מיר האָבן דאָ די וואָכעדיקע אַטמאָספער פון דעם רעאַלן שטייגער־לעבן, וואו פּרצן איז אויסגעקומען צו לעבן זיינע יוגנט־ און דערוואַקסענע־יאָרן. מיר האָבן שוין דאָ די שפּורן פון די אינעווייניקסטע געראַנגלענישן פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טענדענצן, וואָס קומען אַרויס שאַרפער אין די שפּעטערדיקע ווערק.

די לידער, וואָס ווערן דאָ ווייטער געבראַכט, זיינען נאָך פּרצעס טויט אויפגעשריבן געוואָרן דורך פּרצעס פריינט אין זאַמאָשטש, שמואל אַשכנזי און מרדכי בעכער, און זיינען צוגעשיקט געוואָרן צו יעקב דינעזאָן. איך האָב זיי רעווידירט ביי די דערמאָנטע פּרץ־פריינט בעת מיין באַזוך אין זאַ־מאָשטש אין 1928.

זיי ווערן דאָ פאַרעפנטלעכט, ווי זיי זיינען אויפגעשריבן. עס איז נאָר געענדערט די אָרטאָגראַפיע.

זאַמאָשטשער פּאָזשאָנדיק

1

און אַ פֿונט, אוי! אַ גרויסע קלאָג,
שטיינער און ביינער און אַ פֿאַלשע וואָג —
און אַ שטשערווע פֿון אַ געפּגרטן הונט,
מעל, קאַרטאָפֿל זיינען טייער,
אַ שלעכטע צייט, עס איז נישטאָ קיין דרייער,
אָרעמעלייט הי שטאַרבן פֿאַר הונגער,
שרייען געוואַלד און בייסן די פֿינגער:
28 גראָשן פֿלייש אַ פֿונט,
מען אַכט דעם טאָג מיט דעם ווינט.
עס זאָל אַמאָל אַ שטשור האָבן אַ טעות
און זאָל אויפֿעסן דעם רמ״אס הגהות,
און דעם רב זאָל טרעפֿן דער פּיוט „אש, אש“.
אַ דינער זאָל טרעפֿן דעם שוחט דעם עניו,
און דער קצב זאָל גיין קיין יאָנעוו,
דאַמאָלס וועלן מיר אפֿשר האָבן פֿלייש!
נאָר ווען דאָס וועט זיין, ווייסט דער רוח,
אפֿשר קומט אַמאָל משיח,
דערווייל רייסט מען פֿון אונז אָפּ דאָס פֿלייש!

2

אין דעם בית־המדרש אַ שיינער פּאָזשאָנדעק:
שמוציק, בלאָטיק, רויכיק, סוואָנדיק,
צעשניצטע שטענדערס און צעהאַקטע בענק.
זומער נוצט עס נאָר אויף קאָרטן,
ווינטער נאָר אויף קאַרטאָפֿליעס בראָטן.
און דערלעבן ביי דער שמשטע אַ שענק!
מען קומט נישט מער נאָר פֿרעסן און זאָפֿן,
בייסן פּופּקעס און טרינקען בראָנפֿן.
אַ פֿייג דאַווענען, און לערנען אַ קרענק.
לאָמיר האָפֿן אויף להבא,
מען וועט אונז מאַכן אַ נייעם גבאי,
אַרויס די שענק מיטן גאַנצן טאַראַראַם,
אויף מיכלס קבר וועט וואַקסן גראָז,
אַז שיניצקי וועט זיין בעל־הבית,
דאַמאָלס וועט פּאָזשאָנדעק זיין מן הסתם.
נאָר ווען דאָס וועט זיין, ווייסט דער רוח,
אפֿשר קומט אַמאָל משיח,
דערווייל גייט אויף אין אונז דער כּוח־הדם.

3

פון דעם הקדש — אויף מיין וואָרט —
איז נאָר אַ וועג אויפן הייליקן אָרט,
דער לאָמער זלמן מאַכט רפואות
דער רופא איז ביי זיך אַ גרויסער פּריץ.
מען זאָגט: ברוך מרחם על הארץ
און נישט: ברוך מרחם על הבריות.
אַ סך פּאַדאַטקעס נאָר מען נעמט,
די קראַנקע בלייבן אָן אַ העמד,
עסן גיט מען קדחת און רביעית,
אָן ראָובנען און אָן שמחהן לאָמיר פאַרגעסן,
לאָזן די קראַנקע האָבן צו עסן
און דער רופא זאָל קיין פּריץ נישט זיין,
און יונגע משגיחות, וואָס האָבן צייט,
נישט קיין אַלטע, פוילע לייט,
דאַמאָלס וועט אַוודאי אַ פּאַזשאַנדעק זיין.
נאָר ווען דאָס וועט זיין, ווייסט דער רוח,
אפשר קומט אַמאָל משיח,
דערווייל קאָן קיין ערגער הקדש נישט זיין.

4

אויף דעם גיט מיר נאָר אַ תקוה —
זיבן יאָר בויעט מען אַ מקוה,
מען טוט נישט מער, נאָר מען רייסט און מען נעמט,
דער שמוקלער איז דער גאַנצער פירער,
די „באַק" — אַ מאַכער, דער רב — קאַסירער.
צו די הוצאות איז גאָר קיין גרונט.
צי איז נישט גלייכער, פרעג איך אייך,
אַ וואַנע אום ווינטער און זומער אַ טייך,
איידער די אַלע נאַרישקייטן הערן?
נאָר אפשר אַמאָל, איבער הונדערט יאָר,
וועט דער עולם ווערן קלאָר,
וועט מען דאָס אַלץ נישט באַגערן.
נאָר ווען דאָס וועט זיין, ווייסט דער רוח,
אפשר קומט אַמאָל משיח,
דערווייל פירט מען אונז אַרום ווי די בערן.

5

עס ווייסט דערפון שוין יעדער באַזונדער —
מען מוז לערנען, ערציען קינדער,
אַ שקאָלע דאַרף מען נייטיק, כ'ילעבן,

אַלע שבתים און אַלע ימים־טובים,
קומט נאָר אַרויף צום דאַווענען אויבן,
װעט איר הערן אַלע פּלענער געבן,
נאָר דער יום־טוב גייט אַוועק,
פֿון דער שקאַלע איז שוין אַן עק,
ביז מ׳וועט ווייטער יום־טוב דערלעבן.
עס איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה,
נאָר צו וואַרטן אויף אַ גזירה,
פֿון פּעטערבורג אַ נייער אוקאַז,
מען זאָל די עלטערן לערנען אַליין,
זאָלן שפּעטער מוזן פֿאַרשטיין,
אַז מען מוז קינדער שיקן אין קלאַס.
נאָר ווען דאָס וועט זיין, ווייסט דער רוח,
אפשר קומט אַמאָל משיח,
דערווייל האָדעוועס קינדער אין באָס.

6

אויף חסידים איז קיין הוה־אַמינא —
זיי פֿאַרזאָרגן נאָר די שכינה.
אונז נעמט דאָס גרינגע טישל צו די צייט,
פֿינף קאָרטן, קליידער, וואָס נאָר געפֿעלט,
זע׳מער רייך און האָבן געלט
אויף דירות, בעלער, אַטלעס און אויף זייד.
אויף עפּעס רעכטס, אַז עס קומט דער פֿאַל,
פֿאַר דער שטאָט לטובת הכלל:
די הענט — אייזן, דאָס האַרץ ווערט אַ שטיין,
מען קאָן נישט געבן, נישטאָ קיין דרייער,
מען קאָן נישט טון, די צייט איז טייער,
דעריבער מוז צו גרונט אַלעס גיין.
צי וועט זיין בעסער, ווייסט דער רוח,
דערווייל, ברידער, שטייען מיר גאַנץ געמיין.

איך זאָל גאָרנישט זיין

(מיטן ניגון פֿון „קין״)

1

מיט הונגער דורכגעלעבט די וועלט,
אַוועקגעריסן פֿון מויל,
אַ גראָשן איז ביי מיר שוין קיין געלט,
צו אַרבעטן נישט פֿויל.

מאַך איך דאָך אַמאָל פֿאַרמעגן
און וויל פֿאַרגעניגן האָבן —
„זשיד" שרייט מען מיר אַנטקעגן,
אַ ייד דאַרף מען באַגראָבן.

2

אפֿשר טראַכט איך עס פֿון האַנדל,
נישט ערלעך פֿאַרט דאָס געלט,
עס גייט ביי מיר געשווינט דער וואַנדל,
איך זוך און קויף אַ פֿעלד, —
„פּראָטש !" שרייט מען, זאָלסט אַנטלויפֿן,
קיין נחלה איז דיר באַשערט,
קיין ייד קיין נחלה טאָר נישט קויפֿן,
אונזער איז די ערד.

3

„דו ביסט אַ שונא" זאָגט מען מיר,
האַלסט דיך פֿון אונז גאַנץ ווייט.
באַן יור, מאָסיע, איך קום צו דיר
האָב מיך נישט פֿיינט !
„וואָן זשידזשע !" שרייט מען מיר,
ווו שטופּסטו דיך, נאַכאַל ?
אַרויס פֿלי איך, און די טיר
פֿאַלט צו מיט מיט אַ שטאַרקן פּראַל.

4

איר זענט נישט, יידן, רעליגיעז,
ניהיליסטן זענט איר אַלע,
גוט, איך האָב צווייערליי געפֿעס,
איך באַק אויף שבת חלה.
פּלוצלינג הער איך נייעס אַצינד,
וואָס זאָל פֿון מיר בלייבן ?
פֿון שקאָלע טרייבט מען אַרויס מיין קינד,
ער זאָל אום שבת שרייבן.

5

מיין עלטערער זון אין יידישע קליידער —
עס איז אַ פֿעלער, איך הער.
דער צווייטער זעט נישט פֿאַר זיך דאָס חדר,
ער איז אַ דאָקטאָר אין מיליטער,

מען שיקט אים אַהיים מיר אַצינד:
צופיל יידעלעך דאָרט,
מען דאַרף נישט נאָר 5 פּראָצענט,
און מיין זון בלייבט אָן אָן אָרט!

6

זאָגט מיר אַלע, זאָגט מיר היינט,
וואָס האָט איר פּער מיט מיר?
זאָגט מיר, שונאים, גוטע־פריינט:
וואָס זאָל זיין פון מיר?...
איר שווייגט, נאָר אָן אייערע רייד
פאַרשטיי איך אייך גאַנץ פיין,
איר ווילט פון מיר אַ קליינקייט:
איך זאָל גאָרנישט זיין...

די נשמה־יתרה

(מיטן ניגון פון „המבדיל)

1

איך דאַנק דיר, טייערע נשמה־יתירה,
כ׳האָב אַ טאָג געלעבט, גערוט,
געשלאָפן, געגעסן, אין צרות פאַרגעסן
און אין דעם שונא, וואָס קאָכט און זידט.
געלעבט זיך פריילעך ווי אַ מלך,
אין בגדי מלכות ווייב און קינד.
יעצט פליסטו צוריק איז אויס מיין גליק
אָה! דו פליסט מיר צו געשווינט.

2

איך הייב שוין אָן זאָרגן, וואָס וועט זיין מאָרגן,
אין די זעקס וואָכן־טעג.
פאַר מיר איז פאַרשטעלט די גאַנצע וועלט
און פאַרגראַדזשעט יעדער וועג.
וואָס העלפט מיר מיין מוח, וואָס העלפט מיר מיין כוח,
אַז מען האָט מיך אַרומגעקרייצט
אין בלוטיקע ווונדן, געקאָוועט, געבונדן.
אַך, ווי לעבט מען איבער די שלעכטע צייט...

3

איך בעט דיך, טייערע נשמה־יתירה,
דו פליסט אַרויף צו אים אַצינד,

ווײַן דאָרט און קלאָג, דערצייל אים און זאָג,
וואָס דאָ לײַדט זײַן אָרים קינד.
וואָס פֿאַרלאָזט ער מיך ?... זיי צווישן זיך
האָבן זיך צעטיילט מיט זײַן גאַנצער וועלט.
אפֿשר וועט ער מיר פֿאָרט אויך זען אַן אָרט,
וווּ ס'זאָל שטיין מײַן אָרים געצעלט.

דאָס וויג־ליד

1

שלאָף, מײַן בידנע, אָרים קינד
איך זינג דיר אַ ליד.
ווײ איז דיר, ווײ און ווינד,
ביסט געבוירן אַ ייד.

2

וועסט אַמאָל דערוואַקסן ווערן
און דײַנע צרות מיט,
פֿון אַלע זײַטן וועסטו הערן
„זשיד, פֿאַרכאַטי זשיד".

3

שלאָף מײַן בידנע, אָרים קינד,
שלאָף מײַן קינד, מײַן נויט.
דער הימל ווייסט וואָס באַדײַט,
וואָס איז פֿײַער־רויט.

4

הערסט דאָס שרעקלעכע גערודער,
וואָס עס ברענגט דיר דער ווינט ?
דאָרטן ברענען דײַנע ברידער,
איוואַן גולײַעט אַצינד.

5

זײַער בעטגעוואַנט ווי שניי
באַדעקט די גאַנצע שטאָט,
דערנאָך וועט קומען פּאָליציי,
צינדערט פֿעלט זי גראָד.

6

אַז עס וועט נישט זײַן צו ראַבעווען וואָס,
וועט מען אַרעשטירן,
אויך וועט קומען מיליטער
און וועט זיך דאָרט מושטירן.

7

שלאָף מיין בידנע, אָרים קינד,
דאָס האַרץ וויינט אין מיר.
ווי אַזוי זאָל איך דיר ערציען ?
וואָס זאָל זיין פֿון דיר ?

8

וועסט האַנדלען, איז נישט גוט,
גנבה הייסט דיין געלט.
מ׳שרייט, דו צאַפּסט ביי יעדן בלוט,
עקספּלואַטירסט די וועלט.

9

לערנען איז די צרה גרעסער —
דיר קיין אָרט פֿאַראַן.
דו פֿאַרשטייסט און דו קאָנסט בעסער,
די שטעלע קריגט איוואַן.

10

שלאָף, מיין בידנע, אָרים קינד,
צרות דאַרפֿן כּוח.
דיינע שונאים וואַכן צינד,
ברעכן זיך דעם מוח.

11

נאָך קליין זיינען דיינע וויגדן,
האָסט נאָך ווייניק קלעפּ.
נייע קייטן דיך צו בינדן
זוכן גרויסע קעפּ.

12

נייע צרות, נייע גזירות
הערט מען אַלע שרייען,
איוואַן וויל האָבן טויזנט ברירות
דיר אין פּנים צו שפּייען.

פוילישע לידער

ווי מיר וועלן ווײַטער זען (אינעם קאַפּיטל „העברעאישע לידער און פּאָעמעס"), האָט פּרץ זינט 1875 אָנגעהויבן צו פֿאַרעפֿנטלעכן העברעאישע משלים און לידער אין פֿאַרשיידענע זשורנאַלן און זאַמלביכער. אָבער פֿאַר דעם האָט דער יונגער פּרץ געשריבן לידער אין פּויליש. אין זאַמאָשטש איז די אומגאַנג־שפּראַך פֿון דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג געווען בעיקר פּויליש; רוסיש — בלויז בײַ די רוסישע מלוכה־אָנגעשטעלטע און מיליטער־לײַט. די האַלב־אַסימילירטע יידישע אינטעליגענטן האָבן אויך גערעדט פּויליש. פּרץ לייענט אײניקע יאָרן פֿיל פּויליש (מערער ווי רוסיש אָדער דײַטש), איז פֿאַרשטענדלעך, וואָס אין די יונגע יאָרן האָט ער געפּרוּווט ברענגען צום אויסדרוק זײַנע איבערלעבענישן און טראַכטענישן דורך פּוילישע פֿערזן.

אין זײַן קורצן אויטאָביאָגראַפֿישן בריוו צו י. צינבערג („בריוו און רעדעס" ז' 321) פֿון 1911 טיילט מיט פּרץ: „אָנגעהויבן האָב איך צו שרײַבן פּויליש (גאָר נישט געדרוקט, פֿאַרברענט) — אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאָמענט געווען — אָוועקגעוואָרפֿן, פֿרעמד־געווען, אָנגעהויבן העברעאיש, געפֿילט —נישט־לעבעדיק, אַריבער צו יידיש".

מיר וואָלטן טאַקע נישט געווען געוווּסט וועגן פּרצעס לידער אין פּויליש, ווען נישט אַ גליקלעכער צופֿאַל, וואָס אַ העפֿט פֿון אַ 24 בלעטער, געשריבן מיט פּרצעס אייגענער האַנט, וואָלט זיך נישט אויפֿגעהיט בײַ דער משפּחה אַלטבערג — פּרצעס נאָענטע פֿרײַנט און קרובים — פֿון פּלאָצק. משה אַלטבערג איז געווען אַ יוגנט־פֿרײַנט און קוזין פֿון פּרצן. לויט זײַן איניציאַטיוו איז עס פּרץ געוואָרן אַ פּריוואַטער אַדוואָקאַט, און ער, אַלטבערג, האָט געפֿירט די קאַנצעלאַריע (אָפֿיס) און ווי ער שרײַבט „צוהיטן די טערמינען פֿון די ענינים, ווײַל פּרץ האָט קיין מאָל נישט פֿאַרמאָגט דאָס אַזוי־גערופֿענע „זיץ־פֿלייש" און האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין פּינקטלעכקייט" („ייוואָ־בלעטער", 1937, ז' 303).

דאָס קעפּל טראָגט דעם נאָמען Wiersze różnej treści (לידער פֿון פֿאַרשיידענעם אינהאַלט), און ס'איז צוגעגעבן אַ מאָטאָ (נישט אויף

(Nie Odrazu Krakow Zbudowany איין מאָל איז קראָקע אויפגעבויט
און צוגעגעבן גראַבאָוו, 1874, וואו פּרץ האָט דאַן אַ קורצע צייט געוואוינט.

אין דעם פּרץ־נומער („ייִוואָ־בלעטער" 1937) האָבן מיר אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג פון נ. וויינּיג, אַ גוטער פּויליש־קענער, וועגן די פּרצישע פּוילישע לידער. נ. וויינּיג אַנאַליזירט די אַלע לידער, שטעלט זיך אָפּ אויף זייער אינהאַלט, פאָרם און שפּראַך. ס'זיינען אַריין אין העפט 40 לידער מיט אַ פאַרשיידענער טעמאַטיק. לויט נ. וויינּיג, איז „שיר נישט אַלע עלעמענטן פון פּרצעס שפּעטערדיקן שאַפן געפינען מיר דאָ ביים אויספּיקן זיך, אַזוי צו זאָגן"...

דער 22 יאָריקער פּרץ איז קראַנק געוואָרן. „אַ שרעקלעכער ווייטיק פון מאָגן און קאָפּ האָט מיך אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז כ'האָב זיך אָנגעהויבן צו שרעקן פאַרן טויט". ער האָט אַפילו אָנגעשריבן אויף זיך אַן עפּיטאַפיע אין דייטש מיט יידישע אותיות. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּויליש ליד „צום טויט", וואו ער זאָגט צום מלאך המות (מיר גיבן עס איבער בקיצור אין יידישע פּראָזע): „הער נאָר, דו מלאך־המות, קום נישט נאָך מיר אַזוי פרי. איך האָב נאָך אויף דער וועלט אַזוי קורץ געלעבט, דאָס לעבן איז פאַר־פלויגן ווי אַ חלום... כ'גיי נישט, ווייל כ'האָב נישט קיין צייט, מיינע לידער מוז איך פאַרענדיקן, מעשיות, סאַטירעס און אָדעס, און עפּיגראַמען אַ סך... צי קאָן איך דען שרייבן דאָרט אין קבר? אין קבר איז צו־ענג, צו־פינסטער!"

אין די פריע, נאָך־נישט גאָר רייפע לידער זיינען שוין דאָ די שטריכן פון פּרצעס פּערזענלעכקייט, ווי אויך — זאָגט נ. וויינּיג — „די ווידער־אַנאַנדן פון זיין כאַראַקטער", און ער פירט אויס: „דאָס וואָס דרייצט אַזוי אין דער פּסיכיק פון פּרצן, איז נישט קיין אויסדרוק פון השפּעות דווקא, נאָר פון זיין נאַטור". ער געפינט שטאַרקע השפּעות פון געטע (אייניקע לידער אַפילו איבערגעזעצט) און ס'איז דאָ „דער סאַטירישער און שפּאָ־טיקער טאָן פון היינע". ס'זיינען דאָ אויך אייניקע לידער מיט אַ קאָנטיקן סאָציאַלן שטאָך. אין זיין ליד „אלול" מאָלט ער יידן „אין אַ פאַרשמוצטער, פון מילבן צעפרעסענער שול, יידן זיינען צעבראָכן, דערנידעריקטע" אָבער „עס וועט זיך אויפהויבן דער פאַרכישופטער ריז — דער אָרעמער וואָרעם. מיטן צויבער־שטעקן וועט אים אָנרירן די פרייהייט, מיטן צויבער־שטעקן וועט זי צערייסן די כישוף־קייטן. פון אַ וואָרעם וועט ווערן אַ מעכטיקער מענטש... ער וועט אויפשטיין און געבן אַ געשריי: זאָל לעבן די מענטש־הייט".

אין דער אָפּהאַנדלונג פון נ. וויניג ווערט אָנגעוויזן די השפעה, וואָס עס האָט געהאַט אויף דעם יונגן פּרץ דער אַזוי־גערופענער פּאָזיטיוויזם, „די נייע ליטעראַריש־אידעאישע שיטה מיט שטאַרק־סאָציאַלע אַקצענטן, וואָס בפרט אין פּוילן האָט זי אָנגענומען אַ דעמאָקראַטישן און רעוואָל־טירנדיקן כאַראַקטער. עס טראָגן זיך אַרום, כמעט אין דער לופטן, אידעען וועגן דערהייבן דאָס פּשוטע פאָלק פון זיין שלעכטן מצב... קולט פאַר אַרבעט איז איינע פון די יסודותדיקע אידעען פונעם פּאָזיטיוויזם".

אַז פּרץ האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון פאַרשיידענע פאַר־געשריטענע אידעען — דאָס זעען מיר גאַנץ קלאָר פון די בריוו, וואָס ער שרייבט מיט אַ דריי יאָר שפּעטער, אין 1877, צו זיין כלה, העלענאַ (זע „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ").

פאַראַן אייניקע לידער אויף טעמעס, צו וועלכע פּרץ וועט זיך מיט יאָרן שפּעטער אומקערן אויף אַ פאַרגאַנצטן און רייפערן אופן, דורך ליד אָדער דורך סקיצע.

שוין אין די לידער האָבן מיר באַגלייך מיט די יחידישע, פּערזענלעכע איבערלעבונגען, וואָס בייסן זיך פון דער אימפּולסיוועד נאַטור, אויך לידער קאָלעקטיוע, אויף סאָציאַלע טעמעס, אויף צייט־מאָטיוון. אָפט מישן זיך צוזאַמען די באַזונדערע עלעמענטן אין איין ליד.

„פּרץ — זאָגט נ. וויניג נאָך אַ גרינטלעכער שטודיע פון די פערציק לידער אין פּויליש — האָט פון סאַמע אָנהייב גאַנץ ערנסט גענומען זיין פּאָעטישן באַרוף אָדער זיין פּאָעטישע מיסיע. ס'איז געווען, משמעות, פאַר אים קלאָר, אַז דערווייל איז ער נאָך נישט קיין פּולקאָמער דיכטער, ער האָט אָבער געהאָפט צו ווערן עס מיט דער צייט. נאָר גאַנץ זיכער דערמיט איז ער אָבער נישט געווען. פרעגט ער דעריבער מיט צער, ווען וועט קומען די צייט, ווען ער אַליין וועט אויסוואַקסן און צוזאַמען מיט אים— אויך זיינע לידער" (דאָרט, ז' 194).

וואָס שייך דער פּוילישער שפּראַך, זאָגט נ. וויניג: „עס פילט זיך דייטלעך, ווי פּרץ ראַנגלט זיך מיט זיינע שפּראַך־מעגלעכקייטן, ווי עס פעלט אים אויס אויסדרוק, ווי דער פאַרמעסט זיינער ווערט געפּענטעט דורך ווערטער־ און סטיל־מאַנגל. דעריבער אויך טיילמאָל אומבאַהאָלפענע אויסדרוקן, שלעכט־געבויטע זאַצן אָדער ממש אומקלאָרקייטן... מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז פּרץ איז דאַן געווען נאָך אַ יונגערמאַן פון קוים 22 יאָר, נישט לאַנג ערשט פון דער בית־המדרש־סביבה. האָט ער ביי אַלע זיינע גרויסע שפּראַך־פעאיקייטן נאָך נישט באַוויזן ריכטיק צו באַהערשן די [פּוילישע] שפּראַך" (דאָרט, ז' 196).

לאָמיר דאָ זיך דערמאָנען, אַז מיט אַ 14 יאָר שפּעטער (אין 1888) האָט פּרץ אין זיין יידישער באַלאַדע „מאָניש" זיך געקלאָגט:

„מיין ליד וואָלט אַנדערש גאָר געקלונגען
איך זאָל פאַר גוים גויש זינגען,
נאָר נישט פאַר יידן, נישט זשאַרגאָן,
קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן,
קיין איינציקן וואָרט ניש' און קיין סטיל
האָב איך פאַר „ליבע", פאַר געפּיל".

און אַן אַנדערש מאָל, אפשר מיט אַ 12 יאָר שפּעטער, איז פּרץ אַוועק פון העברעאיש, ווייל ער האָט געהאַט — ווי ער האָט געשריבן צו זיין ברודער, — אַ געפּיל, אַז ער איז געשמידט אין קייטן דורך דער שפּראַך, ער קאָן זיך אין איר פריי נישט באַוועגן.

מ'דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אין די בריוו צו זיין צווייטער פרוי העלענאַ, אין 1877, געשריבן דאָס רוב אין פּויליש, האָט ער אַמאָל אַריינגעפּלאָכטן עטלעכע אייגענע פּוילישע פערזן. אין איינעם אַ בריוו (אין פּויליש) שרייבט פּרץ: „איך צייג זיך איבער, אַז כ'בין נישט מסוגל ווי ס'געהער צו זיין אַרויסצוברענגען מיינע געדאַנקען און ווייל כ'זינדיק מיט אומקלאָרקייט אין שרייבן און מיט אַ נייגונג צו גראַמען, וועט איך פון דיר שלעכט פאַרשטאַנען..."

די פּוילישע לידער פון דעם אויפגעהיטן העפט זיינען אַזוי־אַרום אַ שטאַפּל צו דער קינסטלערישער פּרץ־פּערזענלעכקייט, וואָס האַלט אין שטייגן אַלץ העכער און העכער.

פּרצעס כסדרדיקע ראַנגלענישן מיט דער שפּראַך, מיט דער פאָרם, זיין שטענדיק קלעטערן און רייסן זיך פון שפּראַך־ און פאָרם־צוימען איז איינער פון די עיקרדיקסטע שטריכן אין זיין כאַראַקטער, אין זיין שאַפן. אָבער גראָד אָט די נישט־באַפרידיקייט האָט פּרצן געטריבן אַלץ ווייטער, דערהויבן אַלץ־העכער. נאָר נישט גליווערן אויף איין אָרט, — דאָס איז געווען אַן אינעווייניקסטער געזעץ און נאַטור ביי פּרצן. און מיר טרעפן עס אומעטום, אויף אַלע וועגן און אומוועגן פון פּרצן אין זיין לעבנס־ און שאַפונגס־גאַנג.

העברעאישע לידער און פּאָעמעס

אין די יאָרן 1875—1888 האָט פּרץ, מיט אייניקע הפסקות אין מיטן, פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאַרשיידענע העברעאישע זאַמלונגען און צייטשריפֿטן העברעאישע לידער און פּאָעמעס. פֿיל פֿון די לידער, געשריבן מיט אַ 50־60 יאָר צוריק, טראָגן דעם שטעמפּל און גייסט פֿון יענער תקופֿה. זיי זיינען נישט פֿריי פֿון דער דעמאָלסטיקער העברעאישער מליצה. אָבער דאָך, פֿאַרגלייכן מיר זיי מיט דאָס רוב שירים פֿון אַנדערע שרייבער פֿון יענער צייט, זעען מיר אויף וויפֿל זיי שטייגן אַריבער מיט זייער גייסט, פֿאַרנעם און טעמפּעראַמענט פֿיל לידער פֿון דעמאָלסטיקע באַוואוסטע העברעאישע דיכטער.

אונז גייט דאָ נישט אין אַנאַליזירן און אויספֿירלעך באַהאַנדלען די העברעאישע לידער פֿון פּרצן אין יענער צייט. מיר ווילן געבן איבער זיי אַן אַלגעמיינעם איבערבליק און אויך ברענגען די וויכטיקערע, כאַראַקטעריסטישערע שטעלן פֿון די לידער און פּאָעמעס, וועלכע זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלטע וויניק־צוגענגלעכע צייטשריפֿטן, און אַזוי־אַרום אָנצייכענען דעם שאַפֿונגס־וועג פֿון פּרצן ביז זיין „מאָניש״.

אַזוי איז שוין דער וועג פֿון פֿאַרשיידענע יידישע שרייבער, וואָס האָבן מיט דער צייט געלייגט די פֿונדאַמענטן פֿון דער ניי־יידישער ליטעראַטור אין די 70ער און 80ער יאָרן. זיי זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט דער העברעאישער שאַפֿונגס־וועלט און מיט אירע צייטשריפֿטן, און ערשט שפּעטער זיך אַרויסגעריסן און אַריבער צו יידיש.

פּרצעס ערשטער אַרויסטריט אין דער ליטעראַטור איז געווען אין פּרץ סמאָלענסקיס העברעאישן „השחר״ (תרל״ה — 1875 העפֿט 10, ז׳ 555) מיט אַ שיר־פֿאַבעל „השותפות״. אַ מעשה מיט אַ שווערער מגפֿה, וואָס איז אָנגעפֿאַלן אויף אַ טשערעדע שאָף. דער אייגנטימער פֿון דער טשערעדע קומט צו לויפֿן צו אַ קדוש און בעט זיך ביי אים, ער זאָל אָפּשטעלן די מגפֿה. יענער מאַכט זיך, אַז ער האָט אַ שטאַרקע דעה ביים משחית. ער זאָגט אים צו אָפּצושטעלן די מגפֿה, דערפֿאַר אָבער פֿאַרלאַנגט ער העלפֿט פֿון דעם, וואָס עס וועט פֿאַרבלייבן. דער אייגנטימער פֿון דער טשערעדע

איז צופרידן: זאָל כאַטש בלייבן אַ העלפט! דעם הייליקערס באַפעלן העלפן נישט. די שאָף פאַלן אין דער מגפה ביז איינער. קומט דער אייגנ־טימער ווידער אַמאָל צו לויפן צום קדוש. יענער זאָגט אים, אַז ער וועט זיך מיט דעם משחית אָפּרעכענען, דערווייל אָבער מאָנט ער זיין חלק שותפות פון די פעל, וואָס איז פאַרבליבן נאָך די געפאַלענע שאָף...

אין דער זעלבער צייט איז אין דעם העברעאישן ספר פון זיין שוואָגער, ג. י. ליכטענפעלד, פאַרעפנטלעכט געוואָרן פרצעס אַ ליד־פאַבעל, אונטערן נאָמען „התנשמת והירח" (די פלעדערמויז און די לבנה). ליכטענפעלד האָט געהאַט געפירט אַ פאָלעמיק מיט ח. ז. סלאָנימסקי, דעם רעדאַקטאָר־אַרויס־געבער פון „הצפירה". זייענדיק שטאַרק געטראָפן פון סלאָנימסקיס אָנפאַלן, האָט ליכטענפעלד אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „צפנת פענח" (1874), אין וועלכער ער האָט קריטיקירט סלאָנימסקיס ווערק איבער העכערער מאַטע־מאַטיק „יסודי חכמת השעור" (1866). קעגן אָט דער בראָשור פון ליכטענ־פעלדן איז אַרויסגעטראָטן א. ב. שווייצער (אַ מיטאַרבעטער פון „הצפירה") מיט אַ בראָשור „קנאת סופרים" (מענה לכסיל כאולתו). און אויף אָט דער בראָשור האָט עס ליכטענפעלד אָפּגעדרוקט זיין ביכעלע „תוספת הערבון" (1875). צום סוף פון דער בראָשור קומט פאָלגנדיקע צושריפט: „כדי שלא להוציא הנייר חלק כמנהג המחברים, וכמנהג המחבר מוסדי חכמה, אביא פה שיר אחד, אשר חבר צעיר לימים מהרילפ"ר מזאמ", בראותו את תוספות הערבון הנוכחית, ואת הקונטרס ק"ס ע"י א. ב. שווייצער". פרץ, הייסט עס, האָט זיך אָנגענומען דעם כבוד פון זיין שוואָגער, דעם מאַטעמאַ־טיקער, און רעאַגירט אויף דער פאָלעמיק מיט אָט דעם שיר. אין דעם שיר זיינען דאָ אייגנאַרטיקע פרץ־מאָטיוון און פרץ־שטריכן, וואָס קומען אַרויס מיט יאָרן שפּעטער אין אַ רייכער פאַרגאַנצטער פאָרם:

עס איז שטאָק פינצטער, און אַ פלעדערמויז טראַכט ביי זיך: איצט וועל איך פונאַנדערשפרייטן מיינע פליגל און וועל פליען אין דער הויך. אייזל, פערד און אָקס האָבן גענומען רופן: אַן אָדלער, אַן אָדלער פליט! די לבנה האָט דאָס דערהערט, האָט זי פונאַנדערגעיאָגט די וואָלקנס, האָט זיך באַוויזן דאָס מיאוסע פנים פון דער פלעדערמויז. זי בעט זיך ביים הונט, ער זאָל בילן אויף דער לבנה, וועט זי אַנטלויפן און זיך באַהאַלטן אונטער די וואָלקנס, און דערווייל וועט זי, די פלעדערמויז, ווייטער פליען און מ׳וועט מיינען, אַז עס איז אַן אָדלער... אָבער דער הונט בילט, און עס העלפט נישט. די לבנה פאַרשפרייט אַלץ מער ליכט, די פלעדערמויז האַלט נישט אויס, ווערט פאַרבלענדט און פאַלט אַראָפּ אין אַ גרוב... איצט לאַכן פון איר אויך דער אָקס און אייזל, און שפּאָטן פון איר...

דאָס ליד האָט אויפגעבראַכט ח. ז. סלאָנימסקין קעגן פּרצן. וועגן דעם דערציילט פּרץ אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען. פּרץ דערמאָנט די אַלע, וואָס האָבן געלויבט זיינע לידער. „נאָר דער בעל „הצפירה״ (דאָן סלאָנימסקי אַליין) — שרייבט פּרץ — וואָס איז אין כּעס געווען אויף ליכטענפעלדן פאַר דער קריטיק און אויף מיר פאַר דעם קליינעם ליד „הכּלב והירח״ [דאַרף זיין „התנשמת והירח״. נ. מ.], האָט ער געענטפערט צו אַן אויסגעטראַכטן פרעגער: „מיר וועלן נישט רעצענזירן דעם ספר „שירים שונים״,[1] ווייל עס איז אונטער יעדער קריטיק״...

דערנאָך האָט פּרץ פאַרעפנטלעכט אַ שיר אין „השחר״ תּרל״ו (1876 העפט 4, ז׳ 192) א״נ „חלוקת החכמות״. גאָט רופט פון הימל: „קומט, נעמט אייך חכמות, איך גיב זיי אייך אין מתּנה אויף שטענדיק!״ קומען אַלע און יעדער נעמט זיין חלק. גליקלעך און צופרידן לויפן אַלע אַהיים מיט זייער גוטס.

עס איז אַוועק אַ צייט, און יעדער האָט שוין באַקומען זיין חלק, נאָר אָט קומט איינער און בעט זיך מ׳זאָל אויך אים געבן זיין טייל. אָבער די חכמה האָט זיך שוין אויסגעלאָזט, נישט געבליבן איז שוין מער קיין ווייסן. דער מענטש וויינט, קלאָגט און בעט, האָט גאָט רחמנות אויף אים און אַזוי ווי ס׳איז גאָרנישט פאַרבליבן, האָט ער אים געגעבן שלילה (נעגאַציע). די חכמים האָבן זיך גיך דערוואוסט וועגן דעם אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפן. ווען ס׳האָט אויסגעפעלט חכמה, איז באַשאַפן געוואָרן דער קריטיקער...

און אָט נאָך פּרצעס אַ ליד, „לי אומרים״, אין זעלבן יאָר אין „השחר״ (תּרל״ו, העפט 10). מען זאָגט דעם דיכטער, אַז אַלע מאָל וועט הערשן אויף דער וועלט נאָר קרעכצן, און די פינצטערניש וועט שוין קיין מאָל נישט אויפהערן; מען זאָגט דעם דיכטער, אַז אויף אייביק וועלן פאַרבלייבן קנעכט און האַרן, אונטערדריקטע און באַדריקער, אאַז״וו, אָבער דער דיכטער גלויבט און האָפט, אַז די נאַכט וועט אַריבער און אַז די זון וועט אויפגיין.

פּרץ אַליין, אין זיין קורצער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס ער האָט מיטגעטיילט י. צינבערגן, האָט אָנגעגעבן דעם שיר „לי אומרים״ פאַר דעם ערשטן ליד, וואָס ער האָט געדרוקט („בריוו און רעדעס״ ז׳ 322).

אין דעם זעלבן יאָר האָט פּרץ אָפּגעדרוקט אין אַברהם־בער גאָטלאָבערס „הבּקר אור״ (תּרל״ו, די העפטן א׳ ז׳ 31 און ב׳ ז׳ 99) אַ גרעסערן

---

[1] „סיפּורים בשיר ושירים שונים״ (אַ זאַמלונג העברעאישע לידער פון פּרץ און ליכטענפעלד) 1877.

העברעאישן שיר „נגניאל״. אין דער באַמערקונג גיט צו פרץ: „עס איז דער מלאך פון שיר און זמרה, ווי ס'ווערט דערקלערט אין די קבלה־ספרים״. דאָ קומט אַ מין השתפכות הנפש פון דיכטער: צוליב וועמען הארעוועט ער, צוליב וועמען שרייבט ער לידער, אַז דאָס פאָלק וויל נישט הערן, די שפּראַך (העברעאיש) איז אים פרעמד. און אָט בעת ער טראַכט אָט די פאַרצווייפלטע געדאַנקען, ווערט ער אַנטשלאָפן. און ס'באַווייזט זיך פאַר אים נגניאל, דער שר פון פּאָעזיע. עס רייסט זיך צו אים אַ גרופּע יידישע דיכטער. זיי ווענדן זיך צו אים מיט לויב־געזאַנגען און בעטן, ער זאָל זיי עפּעס אָפּטיילן פון זיין גייסט.

די דיכטער רעדן אַלע צוזאַמען, נגניאל הייסט זיי רעדן איינציקווייז.

פרץ פירט פאַר אונז אַדורך פאַרשיידענע טיפּן העברעאישע דיכטער. עס טרעט אַרויס פריער אַן אָרעמער דיכטער, אין צעריסענע קליידער, ער פאַלט צו דער ערד און בעט רחמים ביי נגניאלן. ער איז אַ מטופל מיט הונ־געריקע קינדער, דאָס ווייב מאָנט ברויט, אַרבעט איז אים דערווידער, שרייבט ער לידער און גייט מיט זיי אַרום איבער די גבירישע הייזער. ס'איז אים שווער צו שרייבן לידער, בעט ער ביי נגניאלן אַ „לייכטע פעדער״, ער זאָל לייכטער שרייבן און דערנאָך בעטלען ביי די גבירים.

נגניאל זאָגט אים אָפּ: אויב דו ביזט אַ קבצן, טאָ פאָר אין ירושלים, פיל אָן דיינע געפּעק מיט ערד און פאַרקויף דערנאָך די שוטים. אין דיר וועל איך נישט דערוועקן קיין גייסט פון פּאָעזיע.

באַווייזט זיך אַ צווייטער דיכטער. ער איז זאַט, ער האָט געלט אויף פּראָצענט און לידער שרייבט ער פון וואוילטאָג. ער פאַרפאַסט לידער צו אַ געבוירן־טאָג, הספדים צו לוויות. נגניאל ווערט אין כעס און טרייבט אים אַוועק פון זיך.

קומט אַ דיכטער אַ ליריקער. ער באַזינגט ליבע, די שטילקייט פון נאַכט, די לבנה, דעם וואַלד, דעם קוואַל, דעם נאַכטיגאַל. אָבער נגניאל איז אויך אומצופרידן „פון אָט דער דיכטונג, ס'איז איצט קיין צייט נישט פאַר יידן צו באַזינגען די ליבע!״ פאַר אַ פאָלק, וואָס לעבט נאָרמאַל אין זיין פאָטערלאַנד, פאַר אַ פאָלק, וואָס איז נישט נע־ונד ווי אַ פויגל, איז וואויל און גוט ליבע־ברידער. דאָס לעבן אָבער פון יידן איז שלעכט און ביטער.

און אָט נאָך אַ משורר. ער נעמט זיך אָן די קריוודע פון לשון־קודש. ער האָט ליב די שפּראַך, ער האָט איר געשוואוירן אייביקע ליבע. נגניאל
ז אים אָפּ אין מיטן: איך קען דיך און דיינע חברים, אייער אַרבעט איז
ט ווערט, אויב איר האָט בלויז ליב די שפּראַך. — זאָגט וואָס

איר טראכט, פארציילט וואס איר שרייבט! ווארפט אוועק די אויסגעדראָ־שענע מליצות, וואס איר האט אויפגעקליבן אין די טויזנטער, דער ווערטער־שפיל ברעכט די ציין ווי שטיינדלעך... פארטראכט זיך נאר! האט איר נישט אומזיסט געהארעוועט, איר האט פיל שירים געשריבן, אבער וואס האט איר אויפגעטאן!

דאן קומט נאך א דיכטער. ער קוקט זיך צו צו די אלע עוולות אין יידישן לעבן. ער זעט די רבנים וואס „נעמען אין האנט", די „הייליקע", וואס פארפירן דאס פאלק, די „ראשי־הקהל", וואס באראבעווען דעם המון, די פינצטערניש, וואס האט באהערשט דאס יידישע לעבן אזוי, און ער זאגט נגניאלן: „גיב מיר קראפט, נגניאל, איך זאל נישט וויסן פון קיין שרעק, און דעם קאמף פאר ליכט זאל איך קענען פירן ביזן סוף".

אט דער לעצטער דיכטער־קעמפער געפעלט נגניאלן. דער שר פון שירה בענטש אים. דער דיכטער רעכנט אויס ווידער אמאל א צעטל עינויים און יסורים, וואס דאס יידישע פאלק האט אויסצושטיין. ער דער־ציילט: „מ'האט געזאגט צו יידן: לערנט וויסן און חכמה, אבער מ'האט פארמאכט פאר זיי די שולן". און דער דיכטער ענדיקט: „נישט צום קאמף מיט מיין פאלק איז מיין האנט אויסגעשטרעקט. מיט אן אכזריותדיק הארץ וועל איך נישט אנגרייפן אויף זיינע זינד. מיין הארץ איז ווארעם, און נישטא קיין מוט פאר כעס... מיר מיען זיך, מיר רופן צו פרייהייט, אבער קיינער הערט נישט..."

און דא כאפט זיך אויף דער דיכטער.

און אט דעם גרעסערן ליד, וואס איז געשריבן דורך פרצן צו 24 יאר, האבן מיר א שטיק דיכטערישן אני־מאמין. פון די אלע ארטן דיכטונג קלויבט פרץ אויס דעם דיכטער־קעמפער קעגן סאציאלן אומרעכט, קעגן פאליטישער רעכטלאזיקייט. די אלע איבעריקע מינים דיכטער שטויסט ער אפ. ס'איז אינטערעסאנט: אט דער דיכטערישער אני־מאמין איז אין א 12 יאר ארום, אין די בריוו צו שלום־עליכמען אין 1888, קלארער און אויספירלעכער באגרינדעט דורך פרצן.

וויכטיק איז פאר יענע יארן די העברעאישע פאעמע „קידוש השם", וואס פרץ האט אפגעדרוקט אין א יאר שפעטער אין „הבוקר אור" (יאר תרל"ו — 1877, ז"ז 173—175). פרץ האט זיך געווארפן צו געשיכטלעכן שטאף און דיכטעריש באארבעט א היסטארישע לעגענדע, וואס ער האט גענומען פון אן אלטן ספר.

אין דער צושריפט צו דער פאעמע גיט צו פרץ, אז דער שיר איז געבויט אויף א ווירקלעכן פאקט (מעשה שהיה), וואס האט פאסירט כ'

ניסן פֿון יאָר ת״ח (זע דעם ספֿר „צוק העתים״ און דעם ספֿר „דברי ימי רוסיא״ פֿון ש. מאַנדעלקערן, צווייטער טייל, ז׳ 57).

אַט דער ספֿר „צוק העתים״ איז דערשינען עטלעכע יאָר נאָך ת״ח (יאָר 1648), אין יאָר תט״ז (1656). ער איז פֿאַרפֿאַסט פֿון יהושע בן הגאון חסיד ר״מ ואב״ד מהר״ר דוד מק״ק לבו״ב הבירה, — אַ זון פֿון דעם לעמבערגער רב. דער ספֿר איז געדרוקט אין ויניציאה (ווענעציע) אין יאָר „המקום אשר אתה עומד עליו קדש הוא״, — „קדש הוא״ באַטרעפֿט 416—תט״ז (1656).

אין אַט דעם ספֿר ווערט דערציילט אין פֿערזן:

ריבה אחת בעדי עדיים
נשבתה לריק איש הבינים
בקשה מאתו שיקדשנה בצהרים
בעבר הנהר במחולת המחנים
על יד הכומר הרובץ בין המשפתים.
כאשר הוליכה בגשר המצלתים,
קפֿצה ונטבעה כעופֿרת במים,
שלא יחולל בה שם שמים:

(אַ יונג מיידל, געפּוצט אין צירונג, איז געפֿאַנגען געוואָרן דורך איינעם פֿון די אויסוואורפֿן. זי האָט זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל זי מקדש זיין נאָר בייטאָג, אויף יענער זייט טייך, פֿאַר דעם גאַנצן עולם און דורך דעם גלח, וואָס וואוינט דאָרט. און ווען ער האָט זי געפֿירט אויף דער בריק פֿונעם טיפֿן טייך, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען און דערטרונקען געוואָרן אין די טיפֿענישן, כּדי גאָטס נאָמען זאָל דורך איר נישט פֿאַרשוועכט ווערן).

דער באַוואוסטער העברעאישער דיכטער און היסטאָריקער ד״ר שלמה מאַנדעלקערן, דערציילט אין זיין געשיכטע „דברי ימי רוסיא״ (וואַרשע, תרל״ה — 1875) וועגן דעם פֿאָלגנדעס:

„די קאָזאַקן האָבן פֿאַרשוועכט אַלע יידישע הייליקייטן און געשענדט די יידישע פֿרויען און זייערע טעכטער, און צוויי שיינע מיידלעך וואָס די קאָזאַקן האָבן באַשלאָסן צו נעמען זיי פֿאַר זיך פֿאַר ווייבער, האָבן זיך איבערגעגעבן צום טויט, און נישט דערלאָזט צו פֿאַרשוועכן זייער כּבוד דורך די מערדער, וואָס האָבן געוואָלט זיי פֿאַרגוואַלטיקן. איינע פֿון זיי איז אַראָפּגעשפּרונגען אין טיפֿן טייך אַריין, ווען זי איז געפֿירט געוואָרן צו זייער קירכע, און די צווייטע האָט פֿאַררעדט דעם וואָס האָט זי געפֿאַנגען און זיך פֿאַרליבט אין איר, אַז זי האָט קיין מורא נישט פֿאַר קיין געווער, און אַז מ׳וועט שיסן אין איר מיט אַ קויל, וועט איר נישט שאַטן.

זי האָט אים איינגערעדט און איינגעשמועסט. ער האָט אַזוי געטאָן, און זי איז געפֿאַלן אַ טויטע".

פּרץ האָט באַנוצט פֿאַר זיין פּאָעמע דעם ערשטן עפּיזאָד.[1]

די פּאָעמע האָט אין העברעאיש אַ 75 סטראָפֿעס. שאַרף קאָנצענטרירט שילדערט פּרץ אין זיין פּאָעמע דעם טראַגיש־העראָישן קאַמף פֿון דעם יידישן מיידל און די ליידנשאַפֿט פֿון דעם ווילדן פֿאַרליבטן קאָזאַק. פֿייער און בלוט, אומקום און אַכזריות, ליידנשאַפֿט און קדושה, שווערד און טרערן מישן זיך, פֿינקלען און בליצן אין אָט דער פֿיין־געשליפֿענער פּרץ־פּאָעמע. די שפּראַך, דער סטיל, דער אינהאַלט אין דער פּאָעמע טיילן זיך שטאַרק אויס פֿון די אַלע צעפֿלאָסענע שירים פֿון יענער צייט. דאָ האָבן מיר שוין דעם אָנזאָג פֿון דעם שפּעטערדיקן גרויסן יידישן וואָרט־מייסטער, וואָס איז ערשט מיט 12 יאָר שפּעטער געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין „מאָניש".

אין דעם פּראָזאַאישן איבערדערציילן וועט, פֿאַרשטייט זיך, די העברעאישע פּאָעמע פֿיל פֿאַרלירן. פֿאַר אונז איז אָבער אינטערעסאַנט דאָ דער שטאָף, פֿון וועלכן ס'איז געבויט די פּאָעמע:

די שטאָט איז איינגענומען. עס פֿליען אַרום איבערן מאַרק און אין די גאַסן די ווילדע קאָזאַקן. זיי פֿליען ווי בליצן. עס גייט זיי פֿאָרויס אַ שחיטה, און עס באַגלייט זיי דאָס פֿייער. אַלע הייזער אין שטאָט זיינען אַרומגענומען אין פֿלאַמען. עס איז געוואָרן איין גרויסער פֿלאַקער־פֿייער אויף דעם טייך פֿון בלוט.

בלוט און פֿייער און געדיכטע קנוילן פֿון רויך. און דאָ קניט אַ קאָזאַק, אַ העלד, צו די פֿיס פֿון אַ יידישער טאָכטער. ער קושט דעם שטויב פֿון אירע פֿיס און בעט זיך ביי איר: „גענוג דיר צו קלאָגן! ווי אַ שאַרפֿע שווערד אין מיין האַרץ, אַזוי זיינען די טרערן אויף דיין באַק פֿאַר מיר. גענוג דיר צו קלאָגן — די טויטע וועלן שוין פֿון זייער קבר נישט אויפֿשטיין! גענוג צו פֿאַרגיסן טרערן. עס איז אומזיסט, גיב נאָר אַ באַ־

---

[1] דער צווייטער היסטאָרישער עפּיזאָד איז דורך שלום אַש קינסטלעריש באַאַרבעט אין זיין ראָמאַן און דראַמע „קידוש השם", מיט אַ 45 יאָר שפּעטער. דבורהלה, דעם רבס טאָכטער, איז די יונגע פֿרוי פֿון שלמהלען, דעם אויפֿגעקומענעם אַרענדאַרס זון. ביי אַשן זיינען די ביידע עפּיזאָדן, וואָס ס'זיינען דערציילט, פֿאַרפֿלאָכטן אין דער איינער דבורהלען. זי טרינקט זיך. די קאָזאַקן ראַטעווען זי אַרויס פֿון טייך, אָבער זי פֿאַרהיט איר ריינקייט. זי בעט אים, דעם פֿאַרליבטן קאָזאַק, נישט אָנרירן זי ביז נאָך דער חתונה. זי הייסט אים שיסן אין זיך או זי קומט אום פֿון זיינע קוילן אַ ריינע, אַ נישט־פֿאַרשוועכטע.

פֿעל, זאָלן דײַנע אויגן אַ ליכט טאָן; דײַנע אויגן, וואָס פֿאַנגען הערצער, — און עס וועט נעמען אַ סוף צו די גוואַלדן און עס וועלן פֿאַרלאָשן ווערן די פֿײַערן!״

דאָס מיידל אָבער פֿאַרנעמט נישט זײַנע רייד. אין זײַן האַרץ קומט פֿאַר אַ שרעקלעכער קאַמף — ליבע און כּעס. זײַנע אויגן זײַנען שפּיזן פֿײַער — תּאווה און מאָרד. ער כאַפּט אַרויס די שווערד פֿון שייד און זאָגט: „ליב מיך מיידל, ווײַל אַ גרוב איז אין מײַן ברוסט. פֿאַרשאָלטענע ייִדישקע, דערפֿיל מײַנע פֿאַרלאַנגען! אויב נישט, וועל איך דיך גלײַך שענדן. און דערנאָך וועל איך דײַן קערפּער אַרויסוואַרפֿן פֿאַר די פֿייגל אין פֿעלד!״

אַט אַזוי האָט ער אין טיפֿן צאָרן גערעדט צו דעם מיידל. אַ שרעק אַ ווילדע האָט אָנגעכאַפּט די אומגליקלעכע. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן און צאַפּלען: זיי מיך מקדש לויטן געזעץ, אויב דו האָסט מיך ליב... די טויערן פֿון מײַן געבעט־הויז זײַנען אין דער ערד געזונקען, און צו דײַן געבעט־הויז רופֿן די גלעקער. — לאָמיך נישט זײַן פֿאַר דיר קיין זונה, ווײַל דאַן איז מיר ליבער דער טויט.

שנעל קערט אום דער קאָזאַק די שווערד אין איר שייד, ער שטילט אײַן זײַנע חברים קאָזאַקן. און פֿאַרנאַכט, ווען עס פֿאַלן צו די נאַכט־שאָטנס און די לבֿנה לאָזט זיך שווימען איבער דעם טײַך פֿון בלוט און פֿײַער, און מענטשלעך בלוט איז אויסגעמישט מיט די טײַך־פֿאַליעס, און די געדיכטע וואָלקנס רויך קנוילן זיך, — דאַן שנײַדט אַ שיפֿל די כוואַליעס פֿון טײַך, און עס ציטערן אין די טײַך־כוואַליעס די לבֿנה און די שטערן, וואָס זײַנען רויט פֿון בלוט און פֿײַער. עס קלאָגן די כוואַליעס, קלאָגן און וויינען...

און אויף דעם שווימענדיקן שיפֿל קניט דער העלד, דער קאָזאַק, פֿאַר דער ייִדישער טאָכטער מיט די שיינע אויגן. ער פֿאַרנעמט נישט דעם רויש פֿון די כוואַליעס, ער באַמערקט נישט דעם רויט פֿון הימל. זײַן האַרץ און בליק זײַנען געווענדט צום מיידל, און אויך צום צלם, וואָס שיקט פֿון ווײַטן זײַנע שטראַלן — נאָך אַ ביסל, און זײַנע האַרץ־באַגערן וועלן דערפֿילט ווערן, און ער וועט זײַן אויף דער הייך פֿון גליק און פֿון פֿאַרגעניגן.

דאָס שיפֿל שנײַדט אַדורך די כוואַליעס, אין וועלכע עס ציטערן די לבֿנה און די שטערן, וואָס זײַנען רויט פֿון בלוט. אָבער בלאָס ווי בײַ אַ טויטן זײַנען די אויגן פֿון דעם מיידל. זודיקע טרערן קאָכן אין זיי. און אין דער צײַט, וואָס דעם קאָזאַקס האַרץ איז ווי פֿלאַם־פֿײַער, און עס גאַרט

נאָך גליק און נאָך לוסט — זיינען אירע אויגן אויפֿגעהויבן צום הימל און זי בעט און איז מתפּלל: זיי מיר מוחל גאָט, וואָס איך נעם מיר דאָס לעבן. איך וויל נישט געהערן צום פּיינט. מיינע עלטערן האָט ער אומגעבראַכט, און אויך מיין נשמה, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, זאָל זיך צוריקקערן צו דיר אַ ריינע!

אַזוי האָט דאָס אומגליקלעכע מיידל ביי גאָט געבעטן, און דער קאָזאַק האָט עס נישט געהערט, — ער איז ביי אירע קני אַזוי אַנדרימלט געוואָרן.

און דער דיכטער זאָגט צום העלד, צום קאָזאַק:

„ביז וואַנען וועסטו דרימלען? ביז וואַנען וועסטו שלאָפֿן? כאַפּ זיך אויף, דו העלד! וואַך אויף, דו, זון פֿון די דאָנער קאָזאַקן, — די שיינע יידישקע איז שוין מער נישט אין דיינע אָרעמס, זי האַלזט שוין איצט די כוואַליעס און זי זינקט שוין איצט, — אַט אָן עק פֿון איר קלייד ציטערט נאָך אויפֿן וואַסער. ראַטעווע דיין איינציקע, פּראַל אויף דיינע אויגן. אָבער אַט איז שוין אויך דער עק פֿאַרזונקען געוואָרן. און עס איז אויף דעם אָרט אַ שוים פֿאַרבליבן, און אַט איז שוין אויך דער שוים צערונען.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין שלאָף, אָבער ס'איז שוין צו שפּעט! די כוואַליעס פֿון טייך שטומען און ווילן נישט דערציילן, וואו עס איז אַהינגעקומען זיין געליבטע".

מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער האָט פּרץ זיך נישט איין מאָל און אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אומגעקערט צו אַט די קידוש־השם און מסירת־נפֿש־מאָטיוון אין זיינע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן" און אַרויסבאַוויזן שוין אין אַ מער דיכטערישער פֿאָרם די דערהויבנקייט, די שיינקייט פֿון די, וואָס קומען אום אויף קידוש־השם.

גלייכצייטיק גיט פּרץ אַרויס צוזאַמען מיט זיין שווער גבריאל־יהודה ליכטענפֿעלד אַ העברעאישע לידער־זאַמלונג פֿון זייערע ביידנס לידער און פּאָעמעס א"נ „סיפורים בשיר ושירים שונים מאת שני בעלי־אספות" (וואַרשע, תרל"ו — 1877, 158 זייטן).

די שירים פֿאַר אַט דעם ביכל זיינען געשריבן געוואָרן, ווי פּרצעס ברודער יונה־יהושע דערציילט (אין „זאַמאָשטשער שטימע", 1928 נומ' 8), אין דעם שטעטל אַפּט (אָפּאַטאָוו). ס'איז טשעקאַווע: ג. י. ליכטענפֿעלד, דער שווער, איז דאַן אַלט געווען 66 יאָר, און פּרץ, דער איידעם, בלויז אַ 25־26 יאָר, געדרוקט הייסט עס, אויף 40 יאָר!

צום ביכל איז צוגעגעבן (מסתמא אַ בשותּפֿותדיקע) הקדמה, דערנאָך אַ גרעסערע זאַך אין פֿערזן „חיי משורר עברי" אין 10 פּרקים („שיר ראשון"),

„שיר שני״ אַזױ ביז „שיר עשירי״), געחתמעט פלא״י ג״ל (דאָס מיינט: ג. י. ליכטענפעלד) און יל״פּ (י. ל. פרץ).[1] די בײדע נעמען זײנען אונטער־געשריבן אויף נאָך איין ליד „השופט והמליץ״. חוץ אייניקע שירים, גע־שריבן דורך פלא״י ג״ל (ג. י. ליכטענפעלד), קומען פאָלגנדיקע זאַכן גע־חתמעט יל״פּ, וואָס געהערן בלויז פּרצן: „בית שומם״ (סיפור שומר היער), „העצל״ (על שנת תרכ״ג), „חנה״ (שיר סיפורי).

דאָס ליד „בית שומם״ איז אינטערעסאַנט, וואָס שוין דאַן (אין 1877) האָט פּרצן פאַרנומען דער סאָציאַלער אומרעכט. פּרץ שילדערט דאָ די קאָנטראַסטן, די תהומען צווישן אָרעמע און רייכע, צווישן שוואַכע און שטאַרקע, צווישן פריץ און פּויער. נישט אומזיסט האָט פּרץ אין זיין יוגנט צו 10־11 יאָר אַדורכגעלעבט דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863, און אין זאַמאָשטש איינגעזאַפּט אין זיך פיל פון דעם העראָאישן קאַמף פון די אונטערדריקטע קעגן די באַדריקער. אָט איז די הפקרות, די אַכזריות. אָבער ס׳קומט דער יום־הדין און מען נעמט נקמה פאַר דער אַכזריות, פאַרן בלוט. פּרץ גיט טאַקע צו צום ליד, אַז ס׳איז אַ „מעשה שהיה״.

אַ חורבה, אַ וויסטער פּאַלאַץ. פרעגט מען דעם וואַלד־וועכטער, דער־ציילט ער: שוין לאַנג איז דער פּאַלאַץ וויסט... אַלטע לייט געדענקען... אַמאָל איז דאָ געווען אַ קליין שטיבל, האָט דאָ געוואוינט אַן אַלמנה מיט אירע זעקס קינדער.

איין מאָל אין אַן אָוונט פון אַ שטורעמדיקן טאָג, איז מען געקומען מאַנען ביי איר, וואָס זי איז שולדיק. ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין געבעט. די אומגליקלעכע מיט אירע זעקס קינדער האָט מען אַרויסגעוואָרפן אויף הפקר, אויף אומקום. מ׳ווייסט נישט וואו זיי זיינען אומגעקומען. און אויפן אָרט פון קליינעם שטיבל האָט מען אויפגעשטעלט אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ.

גיך האָט מען פאַרגעסן די אומגליקלעכע. ס׳האָט זיך דאָ געלאָזט הערן שטימען פון האַרן און האַרינטעס, דאָס אויג האָט זיך גאַרנישט געקענט אָנזעטיקן פון דעם פּראַכט און גלאַנץ. עס איז געווען פריילעך. אָבער פּלוצים איז אויך צו זיי געקומען אַ סוף. דעם באַלעבאָס פון פּאַלאַץ האָט מען געפונען אַן אויפגעהאַנגענעם אויף אַ בוים... און פון דאַן — איז דאָ שטיל, וויסט...

פאַרשיידענע מעשיות ווערן פאַרשפּרייט וועגן זיין טויט. איז עס אַן אויפשטאַנד פון זיינע קנעכט, אָדער אַ גנבה און אַ מאָרד, אָדער ער אַליין

[1] אין זיין בריוו צו שלום עליכם („בריוו און רעדעס, ז׳ 142) גיט פּרץ אָן דאָס ליד „חיי משורר עברי״ ווי ז י י נ ס אַ ליד. מעגלעך, אַז עס איז מער פּרצעס ווי ליכטענפעלדס.

האָט זיך דאָס לעבן גענומען, ווייל ס'איז אים שווער געווען צו טראָגן די לאַסט פון לעבן, ווייל מאָרד און בלוט האָט ער שטענדיק געברויכט...

דער גרעסערער שיר „חנה" (זייטן 117—128) איז אַ סענטימענטאַלע מעשה מיט אייניקע מעלאָדראַמאַטישע מאָמענטן. וויכטיק אָבער זיינען די שורות, אין וועלכע פרץ רעדט וועגן דעם דיכטער, וואָס קומט אַרויס־צורופן אַ קרעכץ. דעם דיכטערס האַרץ איז פאַרביטערט, זיין געמיט דער־שלאָגן און ער ווייסט פון קיין פרייד נישט. ער האָט אַ טרער פאַר יעדן בראָך, און ער דערוועקט ביי זיינע לייענער רחמים צו דעם פיין און צו די יסורים פון די אומגליקלעכע.

וואָס ווייסן דען די איינוואוינער פון די פּאַלאַצן, די אַלע גאָלדזועק? איר קענט נישט דעם אָרעמאַן, איר רופט זיי „פוילע".

און אָט רעדט ער, דער דיכטער, ווייטער וועגן דער הפקרות און צעלאָזנקייט פון די גבירים, וואָס פאַרפירן די טעכטער פון פשוטן פאָלק.

און פרץ ענדיקט אַזוי דאָס ליד מיט זעקס פיינע שורות:

„נאָך ברומען די סטרונעס פון מיין פידל, פון זיך אַליין ציטערן זיי, איך ריר זיי נישט אָן... וואָס קאָן איך נאָך זאָגן, וואָס זאָל איך זינגען? דער טויט ברענגט צו אַלץ אַ סוף, צו פרייד און צו בראָך. חנה האָט געפונען איר קבר אויפן גרונט פון טייך!..."

פרץ אַליין שרייבט וועגן דעם ליד: „אויב איך וועל קלאָגן אַמאָל... און קרעכצן... — און גאָר שפּעטער אין „סיפּורים בשיר" אַ פּאָעמע „חנה", וואו די העלדין מיט דעם נאָמען ווערט פאַרשוועכט פון ראש־הקהלס זון, און דער ראש־הקהל אַאַז"וו — וואָלט עס זיין נישט מער, ווי אַ נאָכמאַכעכץ... ווי איך האָב נאָכגעמאַכט היינען... נאָר מיט מער געשמאַקלאָזיקייט" (מיינע זכרונות ז' 85).

די העברעאישע לידער פון דעם זאַמאָשטשער יונגעמאַן יצחק־לייבוש פרץ האָבן, משמעות, צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם דעמאָלטיקן שרייבער און לייענער. דער רעדאַקטאָר פון דעם העברעאישן פּאָפּולערן זשורנאַל „השחר", דער באַוואוסטער העברעאישער ראָמאַניסט און שריפט־שטעלער פרץ סמאָלענסקין, האָט געווידמעט אין „השחר" (תרל"ט — 1879) עטלעכע וואַרעמע שורות דעם יונגען העברעאישן דיכטער.

ש. ל. ציטראָן דערציילט, אַז זייענדיק אין דער צייט אין ווין האָט ער אַמאָל געהערט פון פרץ סמאָלענסקין, אַז „פרץ וואַקסט אַ צווייטער גאָרדאָן, אויך דער באַוואוסטער העברעאיש־יידישער שריפטשטעלער ראובן־אשר ברוידעס האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון פרצעס פּאָעטישן טאַלאַנט".

נאָך דעם, ווי פרץ האָט אין די יאָרן 1875—1877 פאַרעפנטלעכט די אויבנדערמאָנטע לידער און פּאָעמעס, טרעט אַריין אין פּרצעס שאַפן אַ לענגערע הפסקה, וואָס דויערט קנאַפּע צען יאָר. פאַר אָט דער צייט (אין די יאָרן 1878—1886) איז פּרץ ווי פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער ליטע־ראַטור. ער באַווייזט זיך כמעט אין קיין שום צייטשריפט נישט.

וועגן אָט דעם צייט־אָפּשניט האָבן מיר גריסן אין די אינטימע בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו זיין כלה און דערנאָך פרוי העלענאַ. פרץ האָט אין צווישן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט און ציט זיך אַריין אין גאַנצן אין דער אַרבעט. ער אַרדנט איין ביי זיך אַ גרויסע קאַנ־צעלאַריע מיט עטלעכע ביורא־געהילפן און ווערט שטאַרק באַשעפטיקט מיט יורידישער פּראַקטיק. „אין דעם פאַך — דערציילט פּרצעס יוגנט־פריינט שמואל אַשכנזי („זאַמאָשטשער שטימע", 1928, נומ' 3) — איז ער אויך געווען אַן עילוי. ער האָט באַקומען אַ גוטע פּראַקטיק, אַזוי ווייט, אַז די אָרדינאַציע זאַמאָיסקי האָט אים איבערגעגעבן אַלע אירע „ספּראַוועס". מיט זיין שאַרפזין האָט ער אַלע ספּראַוועס דורכגעפירט מיט ערפאָלג".

אין אָט די עטלעכע יאָרן האָט פּרץ פון צייט צו צייט זיך פאַרנומען פאַר זיך מיט שרייבן. ש. אַשכנזי דערציילט: „זיין שאַפונגס־קראַפט האָט אים נישט געלאָזט רוען. איבערהויפּט איז אים דאָס שאַפונג אָנגעקומען זייער לייכט, אָן מי. איך געדענק, אַז כ'בין אַמאָל געקומען צו אים מאַכן אַן אַפּעלאַציע אין „סיעזד" אַריין, האָט ער גענומען שרייבן די אַפּעלאַציע, נאָר לעבן אים איז געלעגן דאָס תנ"ך אָפן ביי אַ קאַפּיטל פון יחזקאל. האָט ער אַ בליק געטאָן אין תנ"ך און מיר געזאָגט: „זעט איר, אַשכנזי, דאָס איז אַ גוט קאַפּיטל". אַוועקגעלייגט די אַפּעלאַציע, געכאַפּט אַ בלייפעדער און געטינטלט עטלעכע מינוט. באַלד האָט ער מיר פאַרגעלייענט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן: „גאָט זאָגט מיר אַזוי צו זאָגן: די פאַלשע נביאים וועל איך קלאָגן אאַז"וו".

אפרים זינגער (פון דעם שטעטל קאַמאַראָוו, אַ צוויי מייל פון זאַ־מאָשטש) גיט איבער („אונזער עקספּרעס", וואַרשע, 1929, מאַי), אַז אין זייער אומגעגנט איז פּרץ געווען אַ שם־דבר. פריער אַלס עילוי מיט אַ געוואַלדיקן פייערדיקן קאָפּ און שפּעטער אַלס גלענצנדער אַדוואָקאַט. וועגן זיינע קונץ־שטיק און געוואַלדיקער הצלחה אין אַדוואָקאַטור זיינען אַרומ־געגאַנגען פאַרשיידענע לעגענדעס. מ'פלעגט איבערגעבן אין זיין נאָמען, אַז די דאָזיקע הצלחה זיינע האָט ער צו פאַרדאַנקען נאָר זיין לומדות, און אַז מיט אַ „סברא" פון אַ ש"ך אָדער אַ תומים געווינט ער אָפטמאָל די שווערע פּראָצעסן"...

אין אָט די יאָרן האָט פּרץ, ווי באַוואוסט, אָרגאַניזירט מיט זיינע פריינט אין זאַמאָשטש אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער. ש. אַשכּנזי גיט איבער (אין „זאַמאָשטשער שטימע״), אַז פּרץ האָט צונויפגעזוכט עטלעכע פרייוויליקע מיטהעלפער צו זיך, זיי זאָלן (מיט די אַרבעטער) לערנען, לייענען, שרייבן און רעכענען. אויסער דעם האָט ער איינגעאָרדנט פאַרלעזונגען יעדן שבת נאָכמיטאָג, פּרץ האָט געלייענט יידישע געשיכטע.

פּרץ האָט אין די יאָרן געפונען אויך אַ פרייע מינוט און געשריבן העברעאיש און אויך יידיש. ווי די פרוי פּרץ, העלענאַ, האָט מיר דערציילט, האָט ער דאַן פיל געשריבן. ער פלעגט שרייבן שפּעט ביינאַכט און אָפט־מאָל — שעהנלאַנג. ער האָט די זאַכן אויך פאַרגעלייענט פאַר זיינע באַקאַנטע.

ערשט אין יאָר תּרמ״ז — 1887 באַווייזט זיך י. ל. פּרץ מיט אייניקע העברעאישע זאַכן אין נחום סאָקאָלאָווס „האסיף״ (וואַרשע, דריטער יאָר־גאַנג). פּרץ פאַרעפנטלעכט דאָרט עטלעכע קליינע סקיצן: „אע״פּ שחטא ישראל הוא״, „הדבוק והמשוגע״, „הצטדקות הנאשם״, אייניקע שירים „מנגינות הזמן״ און אַ פּאָעמע „העיר הקטנה״. די לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער שיינער פאָרם און קינסטלערישער גאַנצקייט. זיי טיילן זיך אויס פון דאָס רוב לידער, וועלכע זיינען דאַן געדרוקט געוועז אין די זאַמלביכער. די לידער זיינען געשריבן אין אַ פיינער, קלאָרער שפּראַך, אָן די באַנאַלע אויסגעדראָשענע מליצות און סתם בטלנישע שורות.

די פּאָעמע „העיר הקטנה״ (דאָס קליינע שטעטל) איז פונעם אָנהויב ביזן סוף אויסגעהאַלטן. פאַראַן דאָרט שיינע בילדער, פיינע שילדערונגען. דער דיכטער געפינט אַ באַזונדערן חן אין דער שטילקייט פונעם שטעטל. דאָס שטעטל איז קליין, דאָ וועל איך רוען און אָפּרוען, ווייל קראַנק איז מיין האַרץ, געפערלעך איז מיין געמיט. מיר איז נמאס דער ים, אָן גרע־נעץ, אָן סוף הויבן זיך די וועלן ווי בערג״. פּרץ פירט אַדורך אַ ריי בילדלעך פונעם קליינשטעטל. אויף אַלץ ליגט אויסגעגאָסן באַהאַרצטע ליבע. פּרץ קומט דאָ ווי פון דער זייט, קוקט זיך צו ווי אַ זייטיקער. אָבער ער קוקט נישט פון אויבן אַראָפּ. מיט אינטימער, ליבער איבערגעגעבנקייט דערציילט ער וועגן דעם קליינשטעטלדיקן לעבן, וואָס ציט זיך אָן דער זייט פון דער גרויסער וועלט. אָן ציייטונגען, אָן וויכטיקע געשעענישן. ווי נאָר ס׳ווערט טאָג, עפענען זיך טיר און טויער. דאָס שטעטל וואַכט־אויף און שאָטנס־מענטשן באַווייזן זיך אין די גאַסן. צום פוסטן מאַרק קוקט מען, נישטאָ נאָך קיין פויערים, און אָט וואַרפט מען אַ בליק צו דעם שאָסיי. צווישן די בערג . . . עס באַווייזט זיך דאָרט אַ פויער, ער פאָרט אין שטעטל.

ער שלעפּט זיך פּאַמעלעך, שווער, ווייל זיין פערד הינקט אונטער. און אַלע האָפן, אַלע פרעגן: וואוהין וועט דער פויער ווענדן און וועט בעטן אַ טרינק־בראַנפן? ברענגט דער פויער תבואה צום פאַרקויפן, ווייץ אָדער גערשטן? ווער וועט היינט מצליח זיין, ווער וועט היינט פאַרדינען אַ פּרוטה. אַט אַזוי קוקט אַרויס די גאַנצע עדה אויף דעם פויער, לאַנג ווי דער גלות דויערט זיין פאַרן..."

אין דער פּאָעמע „העיר הקטנה" איז פרץ אַ באַרואיקטער, אַ פאַר־טרוימטער. ס'איז אַ אידיליע פון קליינשטעטל. פרץ פאַרוויגט דאָס שטעטל מיט מיטגעפיל און באַדויערונג. גאָר אַן אַנדערער איז פרץ אין דער צווייטער זאַך, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דעם זעלביקן „האסיף", פרץ באַווייזט זיך צו אונז דורך שטורם און דראַנג. „מנגינות הזמן" איז אַ סעריע צייט־לידער, וואָס זיינען געווידמעט דער אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק. עס זיינען איינצלנע, אָפּגעריסענע שטימונגען, געפילן, אַדורכגעדרונגען מיט ברויזנ־דיקן דיכטערישן גייסט. די שטימונגען זיינען נאָך נישט פאַרגאַנצט. זיי זאָגן עדות וועגן שטאַרקע אינערלעכע איבערלעבונגען פון דעם דיכטער. „וואָס שטורעמט עס אין מיר מיין האַרץ, וואָס קלאַפּט עס מיין נשמה? דעם קול פון אַ שופר האָב איך דערהערט, דאָס שאַלן פון אַ מלחמה. רו איז איצט אַ זינד, אַ שטאַרק פאַרברעכן. איך בין אַ גבור, זאָגט דער שוואַכער, אומבאַהאָלפענער. און איך? אָ, גיט מיר פליגלען פון שטורעם, וועל איך שוועבן, פליען און איילן צו מיינע ברידער, צו קעמפער־העלדן און צוזאַמען וועלן מיר פירן די מלחמה פון טאָג און נאַכט".

אָבער די אַרומיקייט ברעכט זיין געמיט, ער בלייבט דערשלאָגן. ער פילט עס. אָבער ער שטויסט אָפּ דאָס שווערע געמיט פון זיך. מ'זאָגט דער וועג איז פאַרבאַרגן. ער רופט אָבער צום קאַמף, צו אַרבעט: דער געוויין וועט נישט העלפן, דאָס קלאָגן איז אומזיסט. דאָס לעבן איז קאַמף, נישטאָ קיין רחמים אין קריג. נאָר צו וואָס, ברידער, זינגט איר „מה יפית"! דער דיכטער דערשפירט די אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק. ער רופט אויס: דאָס פאָלק האָט זיך אַ ריר געטאָן פון זיין אָרט, אויפגעוואַכט פון זיין חלום, פון דעם פאַרניכטנדיקן שלאָף!

דאָס איז אַ צינג, וואָס פרץ צאָלט דורך זיין דיכטערישן טאַלענט דער השכלה, דער אויפקלערונג, וואָס פאַרכאַפּט אָפּט דאָס געמיט און האַרץ פונעם דיכטער, וועלכער זוכט אַלץ מיטלען און פאָרמען אויסצודריקן דאָס אַלץ, וואָס זאַמלט זיך אין אים.

אין דעם זעלבן „מנגינות הזמן" זיינען דאָ אינטערעסאַנטע שורות, וואָס דערציילן וועגן פרצעס באַציאונג צו יידיש: „אחי הסופרים, אל תטרו

לי איבה, אם לי שפת בעריל ושמעריל ערבה. ובבוז לא אקרא „עלמים" ללשונם. כי לשון עמי אשמע מגרונם! — לא שפת הקודש, לא לשון הנביאים, אך שפת הגולים, לשון ה„עברים", השפה שתהי לעד כל הימים על הדם הנשפך, על רצח עולמים, על שוד וכל עמל פרצו בנו פרץ ולכל הגליות, מארץ אל ארץ, בה בכי האבות, יליל רוב הדורות, רעל דברי הימים, תמרורי הקורות. הן אבני השוהם, היקר, בה יראו, הם דמעות ישראל לא יבושו — נקפאו!" (ברידער מיינע, שרייבער, איר זאָלט נישט זיין אויף מיר ברוגז, אויב די שפּראַך פֿון בערל און שמערל איז מיר ליב, און איך רוף נישט אָן מיט פֿאַראַכטונג זייער שפּראַך — אַ שטאָמ־לער־שפּראַך. פֿון זייער מויל הער איך די שפּראַך פֿון מיין פֿאָלק... די שפּראַך פֿון די פֿאַרוואָגלטע, די פֿאַרטריבענע, די שפּראַך, וואָס וועט בלייבן שטענדיק אַן עדות אויף דעם פֿאַרגאָסענעם בלוט, אויף די רציחות, גזלות און חרבונות, וואָס מ'איז מיט אונז באַגאַנגען אין די אַלע וואָגלענישן פֿון לאַנד צו לאַנד. אין דער שפּראַך ליגט דער געוויין פֿון אונזערע עלטערן, דער וויי־געשריי פֿון פֿיל דורות, דער גיפֿט און די פֿאַרביטערטקייט פֿון דער געשיכטע. דאָס זיינען טייערע דימענטן, — די יידישע טרערן, וואָס נישט אויסגעטרוקנט זיינען זיי פֿאַרגליווערט געוואָרן!).

פרץ האָט דאַן אין אַ צווייטן העברעאישן זאַמלבוך, אין ש. פּ. ראַבינאָ־וויטשעס „כּנסת ישראל" (תּרמ"ו — 1887) פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ליד „לעלמה העבריה והיא מתנכרה" (צו דעם יידישן מיידל, וואָס דערווייטערט זיך פֿון יידן). דאָס ליד איז אַדורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פֿון דער צייט. ס'איז אין די 80ער יאָרן, וואָס האָבן געבראַכט אַ טיפֿע ענדערונג אין דער אידעאָלאָגיע פֿון דער יידישער אינטעליגענץ. די יידישע פּאָגראָמען, די אַלגעמיינע רעאַקציע האָקן אונטער די פֿליגל פֿון די טרוימערישע משכּילים. עס קומט דער צוריקקער צו יידן, אין דער אומבאַהאָלפֿענער, דערשלאָגענער שטימונג וואַקסט דער חבת־ציון־געדאַנק. עס ווערט געטאַדלט די יוגנט, וואָס דערווייטערט זיך פֿון יידן. דער שיר „לעלמה העבריה והיא מתנכרה" איז אַ ווענדונג צו דעם שיינעם יידישן מיידל, וואָס איז אַ פֿרעמדע צווישן יידן: „ביזט שיין, יידיש מיידל, דיינע שוואַרצע אויגן זיינען ווי פֿינקלענדיקע שטערן, די לאָקענעס אויפֿן קאָפּ פֿאַליען זיך ווי כוואַליעס, ס'איז די שיינקייט פֿון יוגנט, דער שיר־השירים". אָבער וואָס קומט אַרויס, דאָס יידישע מיידל איז פֿרעמד צו אונז.

פרץ קערט זיך אָפּ פֿון דער אַלגעמיינער, נעגאַטיווער באַציאונג צו דעם אַמאָליקן יידן. ער זעט דעם יידן אין אַן אַנדער ליכט: „דעם ייד מיט די פּאות און מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע איז זיין פֿאָלק נישט פֿרעמד, ער וויי־

טיקט מיט די ליידן פֿון זיין פֿאָלק. און דעריבער איז ער אַזוי פֿאַרטרויערט, אָבער אויך אים ביזטו פֿרעמד״.

אין „הצפֿירה״ איז דאַן (אין 1888) געדרוקט געווען אין המשכים פּרצעס אַ גרעסערע העברעאישע דערציילונג „הציץ ונפֿגע״ (אַ מעשה מיט אַ ישיבה־בחור, וואָס איז אַן אַפּיקורס געוואָרן). די דערציילונג האָט אַרויס־גערופֿן צווישן די חסידישע לייענער פֿון „הצפֿירה״ שטאַרקע אויפֿרעגונג, און די „הצפֿירה״ האָט איבערגעריסן די דערציילונג אין מיטן (אויף דעם נומער 170). ערשט אין אַ דריי וואָכן אַרום (אין נומ׳ 193) האָט זיך די דער־ציילונג ווידער אָנגעהויבן צו דרוקן מיט אַ צושריפֿט פֿון דער רעדאַקציע, אַז „צוליב עפּעס אַ סיבה האָט זיך דער המשך פֿון דער דערציילונג אָפּ־געלייגט צו דרוקן ביז היינטיקן טאָג״.

אין אַ בריוו צו ש״ע (אין 1888) שרייבט פּרץ: „צוליב אָט דער דערציילונג, וואָס די אַרויסגעבער האָבן קאַליע געמאַכט מיט צוגאָבן און מעקעכצן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר די פֿרומאַקעס, האָב איך אויפֿ־געהערט צו שיקן זאַכן צום דרוק״.

אין זעלבן בריוו שרייבט פּרץ: „זשאַרגאָן האָב איך נאָך נישט גע־דרוקט, און ביז אַהער פֿאַרברענט דאָס, וואָס איך האָב געשריבן״.

אין 1888 האָט זיך פֿאַרענדיקט דער פֿריער שאַפֿונגס־פּעריאָד ביי פּרצן, ווען ער האָט פֿון צייט צו צייט געשריבן העברעאישע לידער, פּאָעמעס און דערציילונגען און זיי פֿאַרעפֿנטלעכט אין די דעמאָלסטיקע העברעאישע אויסגאַבעס.

און דאָס יאָר 1888 איז געווען פֿאַר פּרצן און זיין שרייבן אַן איבער־גאַנג־יאָר, ס׳האָט אָפּגעשלאָסן אַ קייט יאָרן פֿון וואַקלעניש, פֿון זוכע־ניש — די „אין צווישן־צייט״, וואָס האָט זיך געצויגן גוטע עטלעכע יאָר.

אין דער צווישן־צייט

צווישן דער צייט, וואָס פּרץ האָט אויף אַזאַ דיכטערישן און פֿאַר־טיפֿטן אופֿן אַרויסגעבראַכט אינעם לעצטן קאַפּיטל פֿון „מיינע זכרונות" (געשריבן אין 1914, דאָס לעצטע יאָר פֿון זיין לעבן), די צייט פֿון זיין חתונה מיט שרה ליכטענפֿעלד אין 1871, און דער צייט פֿון זיין אַריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור, אין 1888, מיט זיין „מאָניש", ליגט אַ לאַנגער פּעריאָד פֿון אַ 17־18 יאָר. מיר האָבן דאָ און דאָרטן איניקע אָנדייטונגען וועגן אָט דעם לאַנגן צייט־אָפּשניט אין פּרצעס לעבן אין זיינע יידישע, פּוילישע און העבראַאישע לידער און פּאָעמען, וואָס זיינען טייל־ווייז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין לויף פֿון אָט די יאָרן און טיילווייז זיינען זיי אויפֿגעהיט געוואָרן דורך פּרצעס פֿריינט, ווי מיר האָבן עס געזען אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען.

אַ דאַנק די פּרץ בריוו צו פֿאַרשיידענע נאָענטע מענטשן, וועלכע זיינען פֿאַרבליבן גאַנץ און זיינען אויפֿגעזאַמלט געוואָרן דורך מיר אינעם באַנד „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ", קאָנען מיר שאַפֿן אַ בילד פֿון פּרצן און זיין לעבן במשך פֿון אָט דער צייט.

אין לעצטן קאַפּיטל פֿון „מיינע זכרונות", „איך האָב חתונה געהאַט", מאָלט פּרץ די פֿאַרבינדונג זיינע מיט אַ מענטשן, וואָס ער האָט נישט געקענט און אין אַ מאָמענט, ווען זיין געדאַנק און ווילן האָט גאָר גע־שטרעבט צו עפּעס אַנדערש, — פֿאָרן קיין ווילנע לערנען און שטודירן. אין דעם קאַפּיטל וואַרפֿט אַריין פּרץ אַ פּאָר שורות: „... איך דריי מיך איינער אַליין אַרום איבער דער קרעטשמע און פֿייף, אינערלעך אין מיר פֿייפֿט, און איך פֿיל, אַז עס ווערט מיר לייכטער, גרינגער, אַז די רעשט נעפּל פֿון די אומעטיקע וואָלקן צעשווימען... בע, אַלץ נאַריש! מען דאַרף פֿייפֿן... אינערלעך צעשפּרייט זיך אַ שטיקל הפֿקר אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן... אויף זאַמאָשטש, אַפּט, צויזמער, וואַרשע, גרויס־פּוילן און צוריק וואַרשע — ביז עפּעס נייעס וועט קומען" (ז' 149).

דאָ ווערט פֿאַר אונז פּרץ פֿאַרפֿאַלן אויף עטלעכע יאָר. ער לעבט אין אַפּט און אין צויזמער, און וועגן אָט די יאָרן ווייסן מיר ווייניק, זייער

ווייניק. עס איז באמת אַ גרויסער שאָדן, וואָס מ׳האָט פרצן נישט געגעבן די מעגלעכקייט ווייטער פֿאַרצוזעצן זיינע זכרונות, איינס פֿון זיינע גלענצנ־דיקסטע, רייפֿסטע און טיפֿסטע ווערק. דער רעדאַקטאָר פֿון דער „יידישע וועלט״ אין ווילנע, ש. ניגער, האָט נישט תופֿס געווען די גוואַלדיקע באַ־דייטונג פֿון די פּרצישע זכרונות און ער האָט כסדר אים געמאַכט שווע־ריקייטן, נישט געדרוקט גערן די צוגעשיקטע קאַפּיטלען, זיי געהאַלבט א. אַ. וו. און דאָס האָט אָפּגענומען ביי פרצן דעם חשק צו שרייבן זיי ווייטער. פֿון די פרץ־בריוו, וואָס זיינען אויפֿגעהיט פֿון יענער צייט, זעען מיר, וויפֿל האַרצווייטיק דאָס האָט פֿאַרשאַפֿט פרצן (זע „בריוו און רעדעס״, ז״ז 341־342). אַזאַ מזל האָבן מיר שוין מיט די זכרונות פֿון אונזערע קלאַסיקער: סיי מענדעלע, סיי שלום־עליכם, אויך מ. ספּעקטאָר און פרץ זיינען פֿאַרבליבן מיט זייערע לעבנס־געשיכטעס ביים עלטער פֿון אַ 20 יאָר.

דער ערשטער בריוו, וואָס עפֿנט דאָס בוך „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פרץ״ איז אַ בריוו אין העברעאיש, וואָס פרץ, דער איידעם, שרייבט צו זיין שווער גבריאל יהודה ליכטענפֿעלד אַרום 1874, עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה מיט זיין טאָכטער. דעם בריוו האָט מיר אַנומלטן איינער אַן אומבאַקאַנטער ייד אַריינגעטראָגן אין וואַרשע, שוין נאָך דעם ווי ס׳איז דערשינען די ערשטע אויפֿלאַגע פֿון „פרצעס בריוו״ (1929). דער בריוו פֿירט אונז אַריין אין אַ פּעריאָד פֿון פרצעס לעבן, וואָס איז געווען פֿאַר אונז פֿאַרהוילן.

דאָס זיינען געווען שווערע יאָרן פֿאַר פרצן. קיין שלום־בית מיט דער פֿרוי איז נישט געווען, ער האָט געלעבט אין אַפּט און אין צויזמער, וואו ס׳זיינען געבוירן צוויי זין, — יעקב און לוציאַן. יעקב איז געשטאָרבן אין צויזמער. פרץ וואוינט ווידער, אַן אַ באַשעפֿטיקונג און אַן מיטלען, אין זאַמאָשטש. פֿון יענעם פּעריאָד קומט דער בריוו, דער איינציקער בריוו פֿון יענער צייט, וואָס איז אויפֿגעהיט געוואָרן (ז״ז 17־18). ס׳איז אַ טיף־טרויעריקער בריוו. דער שווער, ג. י. ליכטענפֿעלד, האָט צו אים טענות, ער מאַכט אים פֿאַרוואורפֿן. פרץ האָט געענדיקט בוכהאַלטעריע, און ווען ער וואָלט געהאַט געלט אויף הוצאות קיין וואַרשע, וואָלט ער אַהין געפֿאָרן מיט דער האָפֿנונג צו געפֿינען דאָרט אַ שטעלע. ער פֿרעגט ביים שווער: „וואָס נאָך האָב איך געקענט טאָן אין זאַמאָשטש און נישט געטאָן״.

ס׳קומט אַן איבעררייס פֿון עטלעכע יאָר אין די אויפֿגעהיטע בריוו. אין צווישן האָט פרץ פֿאַרבראַכט אין וואַרשע, דערנאָך זיך צוגעגרייט פֿאַר אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט און אָנגעהייבן מיט דערפֿאָלג צו פּראַקטיצירן אין זאַמאָשטש. ער באַקענט זיך מיט העלענאַ (נחמה) רינגעלהיים פֿון לענטשנע

סעפּטעמבער 1877, און ס׳גייען לאַנגע בריוו פֿון דעם חתן צו דער כלה אין פּויליש און אין רוסיש, און דערנאָך צו דער פֿרוי, ווען זי פֿאָרט אָפּ אויף אַ ווײַלע פֿון זאַמאָשטש, ווי אויך קירצערע בריוולעך (אין העברעאיש) צו די מיטגלידער פֿון איר משפּחה. אַט די אַלע איבער 60 בריוו ברענגען פֿאַר אונז אַרויס פּרצן, דעם לײַדנשאַפֿטלעך־פֿאַרליבטן חתן און מאַן, און גלײַכצײַטיק שילדערן זיי אונז אויך די שטאָט זאַמאָשטש, די סביבה, וואו פּרץ האָט געלעבט. זיי דערציילן אונז אויף אַן אומיטלבאַרן אופֿן וועגן פּרצן דעם דערפֿאָלגרייכן אַדוואָקאַט, וואָס איז פֿאַרכאַפּט מיט זײַנע געריכטלעכע ענינים און מיר זעען אָבער אויך דאָ און דאָרטן דעם אָריגינעלן, אייגנאַרטיקן פּראָווינצער אַדוואָקאַט, וואָס שטייט געוויס מיט צען קעפּ העכער פֿון זײַנע אַרומיקע פֿרײַנט. ער רײַסט אָפּ צײַט און לייענט לײַדנשאַפֿטלעך ביכער איבער פֿאַרשיידענע סאָציאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען און ער פֿאַרטיידיקט די פֿאָרגעשריטענע אידעען. מיר טרעפֿן שוין דאָ אַן אומרואיקן, זוכנדיקן מענטש. אַט וואָרפֿט ער אַרײַן אַזאַ זאַץ אין אַ בריוו: „גאָט מײַנער! וואָס פֿאַר אַ לאַנגע אָוונטן, שלאָפֿלאָזע נעכט, וואָס ציִען זיך אָן אָ סוף. וויפֿל פֿאַרגעניצטע קאָרטן־שפּילערײַען, טאַנצנדיק־לאַנגווײַליקע אָוונטן און פֿאַרדרייטע געריכטלעכע ענינים״... און אַט קומען ווידער געסט. „אין ענגן צימער צעלייגט זיך אַ פּוסטער, געצוואונגענער געלעכטער, ס׳טראָגט זיך אין דער לופֿטן דער שוואַרצער רויך פֿון פּאַפּיראָסן און די צײַט שלעפּט זיך ווי די מאַטערנישן אין גיהינום״. („בריוו און רעדעס״, ז׳ 70).

און אין נאָך אַ בריוו: „לכתחילה האָב איך געוואָלט פֿירן אַ טאָגבוך. כ׳האָב אָוועקגעוואָרפֿן דעם דאָזיקן געדאַנק, ווײַל אין זײַטל פֿון טאָגבוך וואָלט געווען אַ געטרײַע קאָפּיע פֿונעם אַנדערן. כ׳פֿיר אַ לעבן אין גאַנצן אַן אײַנטאָניקס״. (ז׳ 89).

פּרץ האָט, משמעות, פֿיל געלייענט אין די אַלע יאָרן. דאָס זעט מען פֿון פֿאַרשיידענע ערטער, וואו פּרץ דערציילט וועגן דעם פֿאַרבײַגייענדיק. אַט שרײַבט פּרץ צו זײַן כלה העלענאַ (אין 1877): „מײַן גאַנצער פֿאַרגעניגן איז דאָס לייענען, אָבער באַקומען אַ לייטיש בוך איז אַ שווערער ענין. כ׳לייען איצט זאַבלאָצקין [פּוילישער דראַמאַטורג, 1754־1821], אַמאָל האָט ער מסתמא געטויגט, אַצינד וועקט ער נישט קיין אינטערעס. כ׳קאָן אויך נישט פֿאַרדייען זײַן אַלטפֿרענקישן סטיל״. (ז׳ 61).

אין איינעם פֿון זײַנע ערשטע בריוו צו זײַן כלה העלענאַ הויבט אויף פּרץ דאָס פּראָבלעם פֿון דער פֿרוי אין געזעלשאַפֿט, אין הויז, און ציטירנדיק מיינונגען פֿון פֿאַרשיידענע דענקער, שרײַבער, וואָס האָבן זיך אַרויס־

געזאָגט וועגן אָט דער פֿראַגע, זאָגט פּרץ: „מיר קוקן אויף דער פֿרויען־עמאַנציפּאַציע אַזוי ווי די פּוילישע פּריצים אויף דער באַפֿרייאונג פֿון די פּויערן. אַפֿילו פֿרויען אַליין האָבן מורא פֿאַר אָט דער פֿרייהייט. דאָס איז אָבער אויך קיין וואונדער נישט; מיט דער זעלבער מורא האָבן די נעגערס אויפֿגענומען זייער גלייכבאַרעכטיקונג; די וואָס האָבן גיט קיין פֿרייהייט האָבן מורא פֿאַר איר, פֿילן זיך נישט בכוח זיך אַליין אויסצוהאַלטן!...״ און פּרץ גיט צו, אַז „דעם מיאוסטן מין אונטערדריקונג פֿון דער פֿרוי טרעפֿן מיר ביי אונז, יידן״. און פּרץ שרייבט ווייטער: „נישט קענענדיק גענוג רוסיש, וועל איך זיך באַמיען דיר איבערצוזעצן עטלעכע העבראַאישע סטראָפֿעס פֿון י. ל. גאָרדאָנס פּאָעטיש ווערק אויף יידיש״ (זיין דאָזיקער בריוו איז געשריבן געוועןן אין רוסיש — „בריוו און רעדעס״, ז״ז 31־33). פּרץ ברענגט אויך ווייטער גרעסערע אויסצוגן פֿון פֿאַרשיידענע ווערק, וועלכע קעמפֿן פֿאַר די פֿרויען־רעכט.

פֿאַראַן אויך וויכטיקע געשעענישן אינעם שטעטל, ס׳קומט פֿאַר עפּעס אַ מאַגיש־מוזיקאַלישע פֿאַרווילונג. עפּעס אַן אומגעשיקטער לא־יצלח, ווי פּרץ כאַראַקטעריזירט אים, טרעט אויף און מאַכט נאַרישע קונצן. „דאָס האָט מיך אויפֿגעבראַכט — דערציילט פּרץ — האָב איך געגעבן אַ צייכן״ און מ׳האָט אָנגעהויבן צו „פֿייפֿן און טופּען, אַזש דאָס גאַנצע טעאַטער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן״. און פּרץ דערציילט אין נאָך אַ בריוו: „די אַרבעט ביים טיש איז מיין רעטונג פֿון דער שרעקלעכער לאַנגווייליקייט״ (ז׳ 101). „אין זאַמאָשטש — קלאָגט זיך פּרץ — איז אַ שרעקלעכע פּוסט־קייט״ (ז׳ 104). און אָט דערציילט פּרץ, אַז „נעכטן און היינט בין איך אַ גאַנצן טאָג געווען אַזוי טרויעריק, אַזוי צעשרויפֿט און מיד״... „נעכטן האָב איך זיך אומגעקערט פֿון אַ פֿאַרשטעלונג (ביי אונז ווילט עפּעס אַ קראָקעווער טרופּע) אין דער ערגסטער שטימונג, וואָס האָט מיך ביז איצט נישט פֿאַרלאָזט״ (ז׳ 110).

צווישן די צענדליקער פּרץ־בריוו צו זיין כּלה און פֿרוי זיינען פֿאַראַנ־דערגעוואָרפֿן וויכטיקע שטעלן, וועלכע וואַרפֿן אַ ליכט אויף דעם פּרץ־כאַראַקטער, וואָס האַלט זיך אין איין פֿורעמען, און וואָס זיינען אַ שליסל צו פּרצעס פּערזענלעכקייט. אָט אַזאַ שטעלע אין אַ בריוו (פֿון אויגוסט 1882): „יענער בריוו מיינער איז נישט געווען, ווי דו האָסט געדרונגען, געשריבן אין פֿאַרשיידענע צייטן. ער איז בלויז באַשטאַנען פֿון פֿראַג־מענטן. די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך מיר, רייסן זיך איבער ווי אַ שוואַכער פֿאָדים ביים נייען. כ׳הויב אָן צו טראַכטן און דעם געדאַנק באַשרייבן, דער

גערדאַנק רייסט זיך און די פּען נאָטירט מיט פּינטעלעך יעדן אַזאַ איבער־רייס" (ז' 89).

ס'וואָלט ווייט דערפירט, ווען מיר וואָלטן געבראַכט אויסצוגן פֿון די בריוו, וואָס דערציילן אונז וועגן פּרצעס שטייגער־לעבן, זיינע שטימונגען און וועגן דעם אופֿן ווי פּרץ נעמט אויף פֿאַרשיידענע איינפֿלוסן און ווירקונגען. ס'איז מערקווירדיק, וואָס אין די בריוו איז נישטאָ קיין אָנדייטונג, אַז פּרץ האָט געהאַט געשריבן און אַפֿילו פֿאַרעפֿנטלעכט זאַכן. ווייזט אויס, אַז פּרץ גופֿא האָט קיין ספּעציעלע אַכט נישט געלעגט אויף דעם, וואָס ער האָט ביז דאַן געשריבן. ס'איז אָפּטמאָל שווער אַפֿילו צו גלויבן, אַז דאָס זיינען בריוו געשריבן פֿון דעם צוקונפֿטיקן גרויסן מייסטער פּרץ.

זייער וויכטיק פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דעם דעמאָלסטיקן פּרץ זיינען די 8 בריוו (אַלע אין פּויליש), געשריבן פֿון זאַמאָשטש, צו זיין לוציאַן קיין פּלאָצק, וואו ער האָט באַזוכט די דאָרטיקע גימנאַזיע. זיי ברענגען פֿאַר אונז אַרויס אַ געטרייען, איבערגעגעבענעם פֿאָטער, וואָס איז שטאַרק באַזאָרגט פֿאַרן גורל, אַנטוויקלונג און געמיט־צושטאַנד פֿון זיין קרענקלעכן זון. ס'זיינען רירנד די בריוו און די באַהאַרציקייט און וואַרעמקייט, מיט וועלכע זיי זיינען געשריבן. די בריוו שפּרייטן פֿאַנאַנדער די נישט־געשטויגענע געשיכטעס, אַז פּרץ האָט שלעכט באַהאַנדלט זיין זון פֿון דער ערשטער פֿרוי. דאָ און דאָרטן וואַרפֿן זיך אַדורך אין די בריוו אינטערעסאַנטע אָריגינעלע געדאַנקען. אָט שרייבט פּרץ צו זיין 13־15 יאָריקן זון: „פֿון מענטשן אַנטלויפֿט געוויינלעך אַזאַ איינער, וואָס וואָלט וועלן אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין אויך... אַ מענטש, וואָס איז נישט קיין באַלעבאָס איבער זיין אייגענעם ווילן, איז נישט בכוח צו געבן יענעם קיין טרייסט און קיין אויפֿמונטערונג" (ז' 127). און פּרץ, דער פֿאָטער, רעדט ווייטער אַזוי צו זיין זון: „דו שרייבסט, אַז איך האָב ביי אַלעמען אויסגענומען.* ווייסט פֿאַר וואָס? דערפֿאַר ווייל כ'האָב זיך ערלעך באַמיט, כ'האָב אַלעמען אַנטקעגנגעטראָגן מיין האַרץ אָפֿענערהייט, פֿאַר יעדערן האָב איך געהאַט אַ האַרציקן וואונטש, דאַנקבאַרקייט; אַלעמען האָב איך ליב געקראָגן און דערפֿאַר האָב איך געקענט אויסנעמען ביי מענטשן, כאָטש איך בין אומעטום געווען איך — אָדער דווקא דערפֿאַר". (ז' 127).

און אָט נאָך אַ פּאָר שורות: „גלויב מיר, ס'איז נישטאָ קיין נאַרישערע זאַך ווי אַ רעזיגנירטע, נישט־קעמפֿנדיקע יוגנט. ווער עס איז שוין דערדריקט ביי 15 יאָר, ביי וועמען איין נישט מקוים־געוואָרענער וואונטש

---

* פּרץ איז דאַן געווען אויף אַ באַזוך אין פּלאָצק.

ברענגט אַרויס ביטערע טרערן, ווער עס ווערט אַזוי יונג געשטרויכלט און האָט נישט קיין ווילנס־כוח זיך צו דערהויבן, דער איז נישט ווערט קיין הילף און איז נישט ווערט וואָס ער לעבט! אַן אמתע קרענק רופט אַרויס רחמנות, אַן איינגערעדטע — ביטול!" (ז' 126).

פּרצעס אַ זאַמאָשטשער פריינט, אינזשעניר ישעיה מרגולית (געב. אין 1864), וואָס זינט 1876 האָט ער געלערנט אין ווארשע און פלעגט אויף די וואַקאַציעס שטענדיק פאַרברענגען אין זאַמאָשטש, גיט איבער (אין זיינע זכרונות, „ייווא־בלעטער", 1937, ז"ז 308־315) זייער אינטע־רעסאַנטע פּרטים וועגן פּרצן און זיין שטייגער־לעבן אין זאַמאָשטש. ער איז געווען אַ שטענדיקער אריינגייער ביי פּרצן. „ס'איז נישט געווען כמעט דער טאָג, מיר זאָלן ניט פאַרברענגען עטלעכע שעה צוזאַמען". פּרץ האָט געהאַט פיל אַרבעט, אָבער ער פלעגט גיך פאַרטיק ווערן מיט זיינע געריכט־ענינים „אַ דאַנק זיינע אויסגעצייכנטע פעאיקייטן". ער האָט דאָ אַרויסגעוויזן ספּעציעלע חריפות. „פאַר מיין זיין אין זאַמאָשטש האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע צווייגן, ווי פילאָסאָפיע, ביאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע, פיזיאָלאָגיע א. א. וו. זייער אָפט (כמעט אַ טאָג איבער אַ טאָג) פלעג איך מיט אים לייענען ווערק פון אָט די געביטן... וויפל כ'דערמאָן מיך, האָבן מיר צווישן אַנדערע געלייענט צוזאַמען גומפּעלאָוויטשעס און ספּענסערס סאָציאָלאָגיע, נוסבוימס ביאָ־לאָגיע און נאָך אַ סך אַנדערע ערנסטע ווערק. נאָכן לייענען פלעגט מען גיין שפּאַצירן און בעת משעה פירן וויכוחים וועגן דעם געלייענטן... אָפּטמאָל פלעגן מיר אַרומרעדן אַ האַרבע סוגיא און ער האָט מיר אַ סך מסביר געווען אין פאַרשיידענע מסכתות... מיר האָבן ניט געהאַט די ספרים אונטער דער האַנט, פלעגן מיר פון צייט צו צייט אַריינגיין אין בית־המדרש".

אָט די פּרטים וועגן פּרצעס פילזייטיק וויסן און בקיאות זיינען פאַר אונז וויכטיק, ווייל איינעקע (ווי ג. סאָקאָלאָוו און ראובן ברײנין) האָבן פאַר־געשטעלט פּרצן מער ווי אַן אויבנאויפיקן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרינטלעכע ידיעות אין אָט די אַלע געביטן.

און נאָך אַ פּאָר שטריכן צו פּרצעס כאַראַקטער. „פאַרנאַכט — דער־ציילט ישעיה מרגולית — פלעגן מיר אָפּטמאָל מאַכן אַ שאָך אָדער ביי אים אין שטוב אָדער ביי ד"ר געליבטער, וואו ס'איז געווען אַ מין שאַכקלוב (ס'פלעגן אַהין קומען ש. אשכנזי, ס. עליאַשבערג, מיין פאָטער א. א.). שפּילן פלעגט מען זאַלבענאַנד נאָך דער ריי, די איבעריקע האָבן גע־קיבעצט. קיין גרויסער שאָך־שפּילער איז פּרץ ניט געווען, הגם אויך דאָ

פֿלעגט ער האָבן אָפּטמאָל אָריגינעלע איינפֿאַלן. מיר פֿלעגן אויך שפּילן וועמ־ניט־וועמ א פּרעפֿעראַנס, זעלטן אָבער פֿלעגט מען דערפֿירן די שפּיל ביזן סוף צוליב פּרצעס אומגעדולד און אָפּטמאָל צוליב א וויכוח אויף אַן אַלגעמיינער (וויסנשאַפֿטלעכער אָדער געזעלשאַפֿטלעכער) טעמע". (ז׳ 309).

דער זעלבער ישעיה מרגולית גיט איבער איינעם א פּרט, וואָס איז ווייניק באַקאַנט געווען. ס׳האָט א שייכות צו א שול, וואָס מ׳האָט געזאָלט גרינדן אין זאַמאָשטש. די איניציאַטאָרן פֿון דעם פּראָיעקט (א פּריוואַטע פּראָגימנאַזיע) זיינען געווען: י. מרגוליתעס פֿאָטער, פּרץ און ד״ר גליקסטער. עס האָט אַרויסגערופֿן אין זאַמאָשטש א גערודער. די יוגנט האָט שטאַרק אויסגעקוקט אויף אַזאַ מין שול. ס׳איז געווען א קעגנערשאַפֿט אין די פֿרומערע קרייזן. „דער עיקר האָבן די אָרטאָדאָקסן זיך אַנטקעגנגעשטעלט און אויף אַזוי ווייט, אַז איינער א פֿאַנאַטיקער האָט זיך דערוועגט א פּליוך צו טאָן אויף מיין פֿאָטער און אויף פּרצן אַלעם אין מיטן העלן טאָג. צום גליק האָט זיך געענדיקט מיט אויסגעבראָכענע שטיקער פֿון די מאַנטלען" (ז׳ 314). וועגן פּרצעס שול־אַרבעט אין זאַמאָשטש זע ז. רייזען: „צו דער געשיכטע פֿון פּרצעס שול אין זאַמאָשטש", „ליט. בלעטער" 1933, ז״ז 19־21, אויך „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ", ז״ז 356־357.

צו דערגאַנצן דאָס בילד פֿון פּרצן אין יענעם זאַמאָשטשער פּעריאָד, וועלן מיר געבן א וואָרט פּולינע אַלטבערג, — א נאָענטע פֿריינדין פֿון י. ל. פּרץ, — די פֿרוי פֿון משה אַלטבערג פֿון פּלאָצק. זי גיט איבער („ייוואָ־בלעטער", 1937, ז״ז 306־308), אַז זומער 1887 האָט זי פֿאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין זאַמאָשטש. זי האָט פּרצן גוט געקענט פֿון פֿריער. „אויף מיר, דער פּלאָצקער איינוואוינערין — דערציילט פּ. אַלטבערג, — וואָס איז געוואוינט צו גאַסן־אַלייען, סקווערן, גערטנער און דעם פּרעכטיקן אויסקוק אויף דעם ווייסל, האָט זאַמאָשטש געמאַכט א געוואַלדיקן רושם: איינגעשלאָסן אין פֿעסטונגסוואַלן, פּרעכטיקע אַרכיטעקטאָנישע דענקמעלער, פֿאַרשטיקטע ווי מחמת אויספֿעל פֿון פּערספּעקטיווע, מיט דער ענגשאַפֿט פֿון צענטער שטאָט און מיט דער רירעוודיקייט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, וואָס איר לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אָדער ריכטיקער געפּלאָסן אויפֿן מאַרק און אין די קעלערן. — וועגן די קאָנטראַסטן צווישן אָט די צוויי שטעט, אַזעלכע ווייטע צווישן זיך, האָבן מיר אָפֿט געשמועסט מיט פּרצן. מיט דער גאַנצער אָנערקענונג פֿאַר א בריימן האָריזאָנט איז ער אָבער באַשטאַנען אויף דעם, אַז דווקא דאָס לעבן פֿון דער גאַס, וואָס שפּילט זיך אָפּ כמעט פֿאַר די אויגן, דאָס לעבן פֿונעם „גאַנצן מאַרק" צינדט אָן, וועקט דעם געדאַנק" (ז׳ 306).

דאָס איז אין אַלגעמיין דעם אינטערעסן־קרייז און די סביבה, אין וועלכער פּרץ האָט געלעבט אין די יאָרן, ווען ער איז ווי אינגאַנצן ווייט געווען פֿון דער עפֿנטלעכקייט און פֿון דער ליטעראַרישער וועלט, צו וועלכער ער האָט יאָ־ און נישט־אַנגעקערט די גאַנצע צייט.

דאַן, זומער 1887, האָט פּרץ פֿאַרגעלייענט פֿאַר פּוילינע אַלטבערג די פּאָעמע „די געשמיסענע אמת", ווי אויך אַן ערשטן וואַריאַנט פֿון „מאָניש". לויט פּ. אַלטבערג געדענקט, האָט פּרץ געשטעלט העכער די פּאָעמע „די געשמיסענע אמת" פֿון „מאָניש". ביידע אָט די פּאָעמעס זיינען פֿאַרעפֿנט־לעכט אין די „ייווא־בלעטער" 1937.

אין אָט דער צווישן־צייט האָט געטראָפֿן נאָך אַ וויכטיק געשעעניש, וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט דעם ווייטערדיקן לעבנס־גאַנג פֿון דעם זאַמאָשטשער פּריוואַט־אַדוואָקאַט לעאָן פּרץ און אים אַרויסגעריסן פֿון זיין סביבה און אַרבעט. עס איז די מסירה, וואָס אַ דאַנק דעם איז ביי פּרצן צוגענומען געוואָרן דאָס רעכט ווייטער צו פּראַקטיצירן. דאָס איז געווען ווי אַ דונער אין אַ שיינעם זון־טאָג. וועגן דעם זיינען אַרומגעגאַנגען פֿאַר־שיידענע מעשיות, וואָס איינע איז געווען אַנדערש פֿון דער צווייטער. זלמן רייזען האָט אויפֿן סמך פֿון פֿאַרשיידענע דערציילונגען וועגן דעם געשריבן (אין זיין „לעקסיקאָן", ב' 2, ז' 992): „זיך אָפּגעגעבן דער ליטע־ראַרישער טעטיקייט, האָט פּרץ, ווייזט אויס, אָנגעהויבן נאָך מער צו פֿאַר־נאַכלעסיקן זיין אַדוואָקאַטאַרישע פּראַקטיק, פֿלעגט ניט דערליידיקן די אַן אַ שיער ענינים, וואָס זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן; דערצו זיינען צוגעקומען די אינטריגעס פֿון זיינע קעגנערס — פֿון איין זייט די חסידים, וועלכע האָבן אים נישט געקענט מוחל זיין זיין אַפּיקורסיש־אויפֿקלערערישע טעטיקייט פֿון דער אַנדערער זייט — די קאָנקורענטן־אַדוואָקאַטן (איינער פֿון זיי, אַ פּאָליאַק, זאָל אים האָבן געמסרט, אַז ער פּאָלאָניזירט זאַמאָשטש, וויל ער פֿלעגט אָנשטאָט רוסישריידן פּויליש); צוליב די אַלע סיבות אָדער צוליב איינער פֿון זיי (גאָר אויפֿגעקלערט איז די זאַך ניט), האָט ער סוף־כל־סוף, אַרום 1889, פֿאַרלאָרן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן אַדוואָ־קאַטור".

יונה יהושע, דער יינגערער ברודער פֿון פּרצן, האָט מיר דערציילט, אַז פּרץ האָט פֿאַרלאָרן דאָס רעכט צוליב „פּאָליטישע אורזאַכן". און אַז ער, פּרץ, איז געווען שטאַרק צופֿרידן פֿון דעם... פּרץ איז געפֿאָרן קיין פּעטערבורג זיך משתדל צו זיין מ'זאָל אָפּרופֿן דעם פֿאַרבאָט בלויז אַ דאַנק דעם פֿאַרלאַנג פֿון דער פֿאַמיליע. אָבער די אַלע ווענדונגען האָבן נישט געהאָלפֿן, און דער דעמאָלסדיקער יוסטיץ־מיניסטער מאַנאַסעין האָט

געגנטפערט: „בישקשה, וועט מיט איין פּעאיקן יידישן אַדוואָקאַט זיין וויניקער אין רוסלאַנד!"

אַ געגנויע באַשרייבונג וועגן דער גאַנצער געשיכטע און וועגן פּרצעס געמיט־צושטאַנד אין יענער צייט האָבן מיר פון פּרצן גופא אין זיינע צוויי לאַנגע בריוו (געשריבן אין העברעאיש) צו זיין אינטימען פריינט משה אַלטבערג („בריוו און רעדעס", ז"ז 129־136). מיר קאָנען דאָ נישט איבער־דרוקן אינגאַנצן די צוויי זייער אינטערעסאַנטע בריוו, מיר וועלן בלויז ברענגען אייניקע אויסצוגן. פּרץ שרייבט אין בריוו: „.... איך האָב געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן קאַמף מיט מיינע נישט־פאַרגינער, וואָס האָבן מיך געמסרט פאַר דער מאַכט, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט". און אַ צייט האָט ער פאַרבאָרגן די גאַנצע געשיכטע פון זיין פרוי, עלטערן און פריינט, אָבער איצט, ווען ער שרייבט דעם בריוו, איז „דער קאַמף פאַרענדיקט" און „איך בין געפאַלן אין שלאַכט". „איך האָב נישט געקאָנט קלאָר אויפ־ווייזן, אַז איך בין נישט קיין סאָציאַליסט און נישט קיין שונא פון דער רעגירונג און נישט קיין פיינט פון דער פראַוואָסלאַוויע און אַז איך נעם נישט צום פאַרטיידיקן קיין משפטים פון די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע אוניטן". און ס'איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון מיניסטער, אַז עס איז אים פאַרבאָטן אַרויסצוטרעטן אין געריכט. „קיינמאָל — שרייבט פּרץ — איז מיר נישט געווען אַזוי שווער אויפן האַרצן". און בעיקר ווייל „די אומגע־רעכטיקייט, די בייזוויליקייט האָבן מיך צעטומלט".

און פּרץ ווענדט זיך צו זיין פריינט: „אפשר ווייסטו וועגן עפּעס אַ פּאָסטן פאַר מיר? דו קענסט דאָך מיינע מעלות און מיינע חסרונות, די חסרונות, וואָס שטייגן איבער מיינע מעלות". און ווי טיף־מענטשלעך זיינען די ווערטער: „ווען נישט די צעבראָכנקייט פון מיין פרוי, ווען נישט דאָס געוויין, וואָס זי פאַרבאָרגט פון מיר און וואָס פאַרפינצטערט דאָס ליכט פון איר פנים וואָלט איך לייכטער איבערגעטראָגן דעם אומגליק".

אינעם צווייטן, פיל גרעסערן, בריוו טיילט מיט פּרץ די ווייטערדיקע פּאַסירונגען אַרום דעם פאַרבאָט, וועגן זיינע שמועסן מיט פאַרשיידענע געריכטס־באַאַמטע אין וואַרשע און זאַמאָשטש, וואו ער האָט באַקומען אַלץ־אַפּגוייגנדיקע ענטפערס. און אין דעם גרעסטן צווייפל זאָגט פּרץ, אַז ער באַגרייפט גוט, אַז „זיין זאָרג און אָפּהענטיקייט זיינען נאַריש און זינלאָז". ער „גיט זיך אַליין איבער דעם געריכט פון זיין שכל" און ער „טראָגט אַרויס אַן אורטייל אויף זיך — צו שטראָף און נישט צו גנאָד".

און דאַן קומט אַן אינטערעסאַנטע זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק. פּרץ זאָגט: „באמת, איך האָב זיך איצט איבערצייגט און איך ווייס, אַז מיין

פֿאַרשטאַנד איז נאָר דאָס ליכט, וואָס באַלייכט מײַנע טואונגען און מחשבות, אָבער איז נישט זייער סיבה. אַלע מײַנע טאַטן און געדאַנקען זיינען פּראָדוקטן פֿון געפֿיל, דער שכל שטייט פֿונדערווייטנס. ער (דער שכל) קריטיקירט און אורטיילט, אָבער ער האָט נישט קיין מעגלעכקייט צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס, צו וואַרפֿן אָ שפּילקע אויף דער ערד אָדער זי אויפֿצוהויבן... איך פֿאַרמאָג בלויז טעמפּעראַמענט, אָבער נישט קיין ווילן. די רעדער פֿון טאָט זיינען פֿעסט צוגעבונדן צו דער מאַשין פֿון געפֿיל, צום האַרץ... פֿון האַרץ צום מוח גייען פֿעדעם, צוריק אָבער גייען זיי נישט. מיט דער צייט קומט צום מוח דער באַוואוסטזיין וועגן געפֿיל און זיין טעטיקייט, אָבער פֿון דאָרט קומט נישט אַראָפּ קיין באַפֿעל, עס גייט נישט אַרויס קיין לערע, נאָר עס ווערט געשאַפֿן אַ קריטיק, וואָס איז ביטער פֿאַר מיין גומען. דעריבער זאָגט מען אויף מיר, און מיט רעכט, אַז איך האָב נישט קיין כאַראַקטער, וואָרום דער כאַראַקטער פֿון אַ מענטש איז אַ צונויפֿמיש פֿון טעמפּעראַמענט און ווילן" (ז' 134).

ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס פֿיל אַנדערע פּרץ־בריוו, וואָס האָבן זיך געפֿונען ביי די אַלטבערגס אין פּלאָצק, זיינען צוליב די פּאָליציייִשע רעוויזיעס אין זייער הויז, פֿאַרניכטעט געוואָרן. שוין די צוויי בריוו באַווייזן, אַז אין זיינע בריוו צו אָט די אינטימע און האַרציקע פֿריינט האָט פּרץ אויסגעגאָסן זיין האַרץ און האָט זיך באַמיט צו אַנאַליזירן זיך גופֿא, זיינע שטימונגען און טאַטן.

ווי באַקאַנט האָט אויך די רייזע קיין פּעטערבורג קיין שום רעזולטאַטן נישט געבראַכט, און באין ברירה איז פּרץ געצוואונגען געווען צו 37 יאָר, מיט אַ פֿרוי און זון, זיך לאָזן קיין וואַרשע צו זוכן עפּעס אַ באַשעפֿטיקונג.

אָט אַזוי האָט זיך פֿאַרענדיקט די צווישן־צייט ביי פּרצן. פֿון אַ דערפֿאָלגרייכן פּראָווינצער אַדוואָקאַט איז ער געוואָרן צו 36 יאָר אַ שרייבער, אַן אָנפֿאַנגער, ער האָט אָנגעהויבן זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו דער יידישער ליטעראַטור, צו דעם עפֿנטלעכן יידישן לעבן.

אין „מיינע זכרונות" אין די לעצטע צוויי זייטלעך שילדערט פּרץ אויף אַ מייסטערישן אופֿן אַ פּרעכטיק בילד אין די שווייצאַרישע בערג, וואו „די לופֿט איז פֿול מיט ברומעריי, און צווישן די ווייטע, שוין אין נאָסן נעפּל פֿאַרשלייערטע בערג צעשפּילט זיך דער דונער און דער קנאַל, און אַ פֿלייץ, אַ מבול פֿון הימל, אַ געברויש, אַ געפּילדער אין אַ האַלבער פֿינצטערניש", און „אינמיטן דערינען, מיין שווייצער־שייגעצל, דאָס באַרוועסע, האַלב־נאַקעטע מיטן פֿרייען צעשויבערטן קאָפּ, שפּרינגט אויפֿן

רוקן פֿון בארג אויף אַ שטיק פֿעלז אַרויף, לייגט צו די פֿלאַכע הענט צום מויל און פֿייפֿט אין דער וועלט אַריין, און שניידט מיטן פֿייפֿן, ווי מיט אַ מעסער, די האַלב־פֿינצטערניש, דעם שלאַקס־רעגן, דאָס געקנאַלעריי פֿון צווישן די בערג אַדורך, און פֿייפֿט אַלץ־דרייסטער און דרייסטער, שאַר־פֿער און שאַרפֿער:

— איר וועט! איר מוזט מיך הערן!" (ז' 151).

אַט דעם צושטאַנד האָט פּרץ פֿאַרגליכן צו זיין אומבאַשטימטער לאַגע, צו דער איבערגאַנגס־צייט, צו 20 יאָר, ווען ער גייט אַוועק פֿון איין לעבנס־פּעריאָד פֿון זיינע יוגנט־יאָרן און ער טרעט אַריין אין דער תּקופֿה פֿון אַ פֿאַרהייראַטן יונגן מאַן. אָבער דאָס פּאַסט זיך אויך צו צו דעם נייעם איבערגאַנג־מאָמענט אין זיין לעבן, דאָס אַרויספֿאָרן פֿון זיין היימשטאָט זאַמאָשטש אין יאָר 1888, און זיין אַריינפֿאָר אין אַ נייער לעבנס־תּקופֿה, אין זיין אייגנטלעכן אמתן לעבן און שאַפֿן.

פּרץ איז אַזוי אַריינגעקומען אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אַ שניידיק שאַפֿן, און ס'איז געוועזן ביי אים די זיכערקייט, אַז מען וועט אים הערן, מען וועט אים מוזן הערן!

ערב „מאָניש"

„מאָניש" איז דאָס ערשטע יידישע ווערק, מיט וועלכן י. ל. פּרץ איז אַריינגעטראָטן אין 1888, אינעם עלטער פון אַ 36 יאָר אין דער יידישער ליטעראַטור און גלייך פאַרנומען דאָרט אַ בכבודיקן אָרט. מיט „מאָניש" הייבט זיך ביי פּרצן אָן אַ נייע תּקופה אין זיין לעבן און אין זיין שאַפן. פון אַ נסתר, וואָס איז פאַרוואָרפן געווען אין אַ יידיש שטעטל און נאָר אַמאָל, פון צייט צו צייט, האָט ער זיך באַוויזן ערגעץ אין אַ העברעאישער צייטשריפט, ווערט פּרץ אַ נגלה. ער קומט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור ווי פון אַ זייט, אָבער מיט גאָר גרויסע פאָדערונגען. פון אַ מיטהעלפער, מיטאַרבעטער ביי שלום־עליכמען אין זיין „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", ווערט פּרץ אינגיכן אַליין אַן אַרויסגעבער, אַ רעדאַק־טאָר, אַ פירער אין דער יידישער ליטעראַטור. מעג דאָן די באַלאַדע „מאָניש" נישט אַלעמען געפעלן ווערן, מעג זי דאָן אַרויסרופן אומצו־פרידנקייט ביי אייניקע שרייבער און לעזער, אָבער בכלל טרעט פּרץ אַריין מיט דעם ווערק מיט אַ ברייטקייט און זיכערקייט.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז צווישן דעם פּעריאָד, מיט וועלכן פּרץ האָט פאַרענדיקט זיינע וואונדערבאַרע זכרונות, און דער צייט, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט „מאָניש", ליגט אַ תּקופה פון גאַנצע 17 יאָר. וועגן אָט די אַלע יאָרן האָבן מיר נאָר איינצלנע, אָפּגעריסענע שטריכן־גרוסן וועגן דעם וואוקס און אַנטוויקלונג פון פּרצן דעם דיכטער דורך די קנאַפּע דעריינערונגען פון זיינע פריינט און דורך די העברעאישע לידער און פּאָעמעס, וואָס פּרץ האָט אין אָט דער צייט פאַרעפנטלעכט.

שוין פון אייניקע שטעלן אין די בריוו פון פּרצן צו זיין כּלה, העלענאַ, אָנגעהויבן פון סעפּטעמבער 1877, האָבן מיר שוין אַ גרוס, אַן אָנדייטונג, אַז פּרץ איז אויך אַריינגעצויגן, אויסער זיין באַשעפטיקונג מיט דעם געריכט ווי אַן אַדוואָקאַט, אין פאַרשיידענע סאָציאָלאָגישע און עקאָנאָמישע פראַגן, און ער פאָלגט נאָך די פאַרשיידענע פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע אידעען און באַוועגונגען און ווייזט אַרויס שטאַרקן אינטערעס צו אייניקע וויכטיקע ווערק, — מער סאָציאָלאָגישע ווי ריין־קינסטלערישע. פאַר אונז

איז שטאַרק אינטערעסאַנט, אַז ביי י. ל. גאָרדאָן — דעם באַוואוסטן העב־רעאישן דיכטער, האָט ער אויפֿגעכאַפּט אַ פּאָעמע, וואָס האָט אַ סאָציאַל־שטייגערישן הינטערגרונט. אים אינטערעסירט דער נייער צוגאַנג צו דער פֿרוי און אירע רעכט אין דער געזעלשאַפֿט. פּרץ טרעט אַרויס קעגן די קלעריקאַלן, קעגן דער פֿאַלשער פֿרומקייט. „הגם — שרייבט ער אין אַ בריוו — זי (די פֿרומקייט) איז צוריק אַריין אין דער מאָדע, איז זי געוואָרן אַ שוץ פֿאַר די געמיינע, אַ צודעק פֿאַר די פֿוילע פּעפּערס, די מוטער פֿון איינגענעמע אינטריגעס, דער קוואַל פֿון באַגייסטערונג פֿאַר די קאַ־טוילישע „פּשעגליאָנדס". פֿון מיטלאַלטער אָן אָווירט זי מיט בלוט" (ז' 69).

פֿון די בריוו זעען מיר אָבער אַרויס, אַז בעיקר איז פּרץ פֿאַרנומען און פֿאַרקאָכט מיט זיינע געריכט־באַשעפֿטיקונגען, מיט זיין קאָנצעלאַריע און מיט דעם ווילן וואָס־נעענטער אַריינציען זיין כלה און דערנאָך פֿרוי אין זיין אינטערעסן־קרייז, דעם קרייז פֿון אַ דערפֿאָלגרייכן פּראָווינציעלן אינטעליגענטן באַלעזענעם אַדוואָקאַט, וואָס איז דאָך ראַדיקאַל און פֿאָר־געשריטן פֿאַר יענער צייט. („בריוו און רעדעס", ז'ז 19־77).

גאָר אַנדערש זיינען די עטלעכע בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו שלום־עליכמען אין יאָר 1888 (דאָרט, זז' 131־156), בעת ער שיקט צו אים זיין באַלאַדע „מאָניש". אָט די בריוו זיינען אַ רייכער אוצר, זיי גיבן אונז די מעגלעכקייט אויפֿצושטעלן אַ בילד פֿון פּרצעס גייסטיקער וועלט אין יענער צייט, און אויך פֿון דער קולטור־סביבה, אין וועלכער פּרץ האָט דאַן געלעבט.

וואוינענדיק אין דער קליינער שטאָט זאַמאָשטש, אָפּגעריסן פֿון אַ יידישער ליטעראַרישער און געזעלשאַפֿטלעכער סביבה, האָט פּרץ דאָך אַרויסבאַוויזן אינטערעס פֿאַר פֿראַגן פֿון יידישן שאַפֿן, פֿון יידישער געזעל־שאַפֿטלעכקייט. ס'איז קלאָר: עס זיינען אין פּרצן געלעגן כּוחות, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט, ער זאָל זיי קענען אָנווענדן. און אַ באַווייז: ס'איז גענוג נאָר איין קורץ, אָפֿן בריוול פֿון זיינעם אַ פֿריינט משה עפּשטיין וועגן דעם, אַז „איינער אַ באַרימטער, זשאַרגאָנישער שרייבער [שלום־עליכם] גרייט זיך אַרויסצוגעבן אינגיכן אַ יאָרבוך אין זשאַרגאָן" און פּרץ ווערט גלייך אויפֿגערודערט. ער שיקט צו דעם שרייבער, וועמען ער האָט ביז אַהער אינגאַנצן נישט געקענט, פּאָעמעס, לידער און בריוו און פֿאַרוואַרפֿט אים מיט כּלערליי פּראָיעקטן וועגן גרויסע קולטור־אויפֿגאַבן, וואָס ער איז גרייט אויסצופֿירן. די פּאָטענציעלע שאַפֿונגס־מעגלעכקייטן זיינען אַלזאָ ביי פּרצן זייער גרויס. עס וואַקסט אויס פֿאַר אונז אין די בריוו אַן אינטערעסאַנטער מענטש, וואָס גייט זיך אין זיין

דענקען און שרייבן מיט זיינע אייגענע דרכים און וואָס שניידט זיך אויף אַן אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט. ער פירט אַן אייגענעם חשבון־הנפש, ער טראָגט זיך אַרום מיט אייגענע פאַרלאַנגען און שטעלט אַרויס דער ליטעראַטור ספּעציעלע פאָדערונגען. ער טיילט זיך וועגן דעם מיט שלום־עליכמען און ער גיט צו: „איר האָט דאָס רעכט [זיין] צו דערנענטערן, אָדער צו דערווייטערן".

נאָך איידער ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יידיש זיין ערשט ווערק, און נאָך איידער ער באַקענט זיך מיט אים נעענטער, שרייבט ער: „איך ווייס די אַרבעט פון מיין האַר: זיין ווילן און שטרעבן איז (אויף וויפל איך האָב געקאָנט פאַרשטיין) צו שרייבן צוליבן עולם, וואָס רעדט זשאַרגאָן פון זשאַרגאָנען־לאַנד, און איך שרייב צוליב זיך, צוליב מיין הנאה וועגן, און אויב איך דערמאָן מיך אַמאָל אַן דעם לעזער, איז ער פון אַ העכערער מדרגה פון דער געזעלשאַפט, ער איז דער מענטש, וואָס האָט געלייענט און געלערנט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך". (ז' 139).

פּרץ לייענט דאַן בעיקר פאַרשיידענע פרעמדע שפּראַכן, פּויליש, דייטש, רוסיש. איניקע יידישע ווערק קאָן ער פון דער פּוילישער איבערזעצונג. אַט שרייבט ער צו ש"ע: „איך שעם זיך אייך צו דערציילן, אַז אייך און אייערע ווערק קאָן איך נישט פון אייערע [אָריגינעלע] ביכער, נאָר פון זייער איבערזעצונג אין פּויליש. מיר איז אַ בזיון אייך צו זאָגן, אַז ביי אונז אין שטאָט איז נישטאָ קיין איין זשאַרגאָניש ביכל, און קויפן דער־לויבט מיר נישט די איצטיקע שלעכטע לאַגע. דעריבער, ווי נאָר איך האָב דערהאַלטן אייערע ביכער, האָב דאָס רוב פון זיי גלייך איינגעשלונגען" („בריוו און רעדעס", ז' 141). בכלל שעמט מען זיך מיט יידיש אין די קרייזן אַרום פּרצן. ער קלאָגט זיך אין אַ בריוו: „ווי גרויס איז דער אונ־טערשייד צווישן די יידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד אין דער באַציאונג צו דער שפּראַכן־פראַגע! ביי אונז וועט איר נישט געפינען קיין פעלדשער, אַפילו איינעם פון טויזנט, וואָס זאָל זיך נישט שעמען צו רעדן יידיש, און וואָס זאָל אויך אין דער איצטיקער שווערער צייט נישט מאַכן קיין געוואַלטן אויף דעם נאַציאָנאַלן געפיל, וואָס האָט זיך דערוועקט ביי די בעסערע און אינטעליגענטערע יידן" (דאָרט, ז' 140).

די מאַטעריעלע לאַגע פון פּרצן איז דאַן אַ שלעכטע. נאָך די עטלעכע זאַטע יאָרן, בעת ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַדוואָקאַטור אין זאַמאָשטש, געפינט זיך פּרץ אין נויט. ער איז דערווייטערט פון דער אַדוואָקאַטור, ער פאַרלירט דעם מקור פון זיין פּרנסה און מוז אָנקומען צו פאַרדינען פון זיין פעדער. „איך האָב קיינמאָל גאָרנישט געטראַכט — קלאָגט זיך פּרץ

פֿאַר ש"ע — און ס'איז מיר אויפֿן געדאַנק נישט אַרויף, אַז ס'זאָל קומען אַמאָל אַ טאָג און איך זאָל געצוואונגען זיין צו פֿאַרדינען פֿון מיין פֿעדער. צו מיין אומגליק איז געקומען אַזאַ טאָג, און איך בין געצוואונגען צו געבן איך אַ דערלויבעניש צו פֿאַרריכטן [ש"ע האָט דורכאויס געוואָלט אויס־בעסערן פּרצעס צוגעשיקטע זאַכן !], ווייל איך נויטיק זיך זייער און זייער אין געלט" (דאָרט, ז' 154). פּרץ האָט שוין דאַן פֿאַרשיידענע ליטעראַריש־אַרויסגעבערישע פּלענער, אָבער צוליב געלט־מאַנגל קען ער זיי נישט פֿאַרווירקלעכן. ער וויל שוין דאַן אַרויסגעבן „פֿאַרן פֿאָלק פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטס־ביכער אין אַלע געביטן און צווייגן". „ווען מיין מאַטעריעלע לאַגע וואָלט מיר דערלויבט — שרייבט פּרץ — (זינט אַ צייט איז מיין פּרנסה שטאַרק פֿאַרקלענערט און ס'קלעקט מיר נישט צום לעבן) צו פֿאַר־שאַפֿן מיר העברעאישע ביכער, וואָלט איך עס פֿאַרווירקלעכט".

ווי יעדער שריפֿטשטעלער פֿון דער השכלה־צייט, האָט אויך פּרץ פֿאַר זיך ראַציאָנאַליסטישע אויפֿגאַבעס. ער האַלט אין איין טראַכטן וועגן בילדן די מאַסע. ער איז נישט צופֿרידן, וואָס „אַנשטאָט וויסן, וויסנשאַפֿט, וואָס זיי זיינען ברויט, פֿלייש, וואַסער, קלייד און וואוינונג פֿאַר דעם מענטשנס נשמה", גיט מען דער מאַסע „בעלעטריסטישע נאַשערייען און אילוזיעס". פּרץ זאָגט: „אונזער גאַנצע אַרבעט איז גאָרנישט ווערט, ביז מיר וועלן נישט באַרייכערן די ליטעראַטור מיט וויסנשאַפֿטס־ביכער". און ער אַליין האָט עס שוין אָנגעהויבן צו טאָן. „אַ סך מאָל — שרייבט פּרץ — האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן אַזעלכע ווערק... און באַזונדערס פֿיל איך מיך צוגעגרייט צוצושטעלן ווערק פֿון פֿאָלגנדיקע וויסנשאַפֿטן: פּסיכאָלאָגיע אָדער סאָציאָלאָגיע און אפֿשר אויך פֿיזיק". אים פֿעלן די נייטיקע ביכער פֿאַר אָט די אַרבעטן. ער בעט זיך ביי שלום־עליכמען, ער זאָל באַקומען פֿאַר אים אין קיעוו די ביכער. „אין לויף פֿון אַ חודש צייט קאָן איך צוגרייטן צוליב אָט דעם צוועק „איינע גאַנץ פּאָפּולערע פּסי־כאָלאָגיע", אויב נאָר איר וועט מיר קריגן אין איינע פֿון די דריי שפּראַכן — רוסיש, פּויליש און דייטש — אייניקע ביכער, ווי וואונדט אַ. אַנד." (דאָרט, ז' 144). און נישט נאָר איבער פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע און פֿיזיק וויל פּרץ פֿאַרפֿאַסן ביכער אין יידיש. אין אַ צווייטן בריוו צו ש"ע איילט פּרץ צוצוגעבן, אַז ער האָט „פֿאַרגעסן צו רעדן וועגן דעם, וואָס ס'איז זייער וויכטיק — צו געבן פֿאַרן פֿאָלק אַרטיקלען פֿון געשיכטע און יידישע געשיכטע בפֿרט".

לויט פּרצעס מיינונג, איז עס וויכטיק אויך פֿאַר דער באַפֿעסטיקונג פֿון דער יידישער שפּראַך אין לעבן. „כּדי די שפּראַך זאָל זיין אַ פֿעסטער

זייל, איז נויטיק זי זאָל זיין אַ שפּראַך, וואָס זאָל באַפרידיקן אַלע באַדער־פעניש פון די, וואָס רעדן און לייענען אויף איר, און דעריבער — דורך דערציילונגען אַליין קאָן מען נישט באַלעבן די שפּראַך, קאָן מען אונז נישט באַלעבן" (דאָרט, ז' 147).

מ'דאַרף באַזונדערס באַטאָנען אַט דעם מאָמענט פון פאַרברייטערן די ראַמען פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס פרץ האָט כסדר פאַרלאַנגט, כסדר אַלע זיינע יאָרן, ביי די פאַרשיידנסטע געלעגנהייטן. דאָס איז געווען אַן עיקר־עלעמענט אין זיין לעבן און שאַפן, דאָס איז געווען איינער פון זיינע הויפּט־פאָדערונגען צו דער ליטעראַטור און אירע שאַפער.

מעגלעך, אַז דערפאַר האָט פרץ אַליין נישט געהאַלטן אפשר פון דעם, וואָס ער האָט דאַן געשריבן. זיינע קינסטלערישע ווערק האָבן אים גופא נישט באַפרידיקט. פרץ שרייבט אין אַ בריוו דרך אגב: „זשאַרגאָן האָב איך נישט געדרוקט און ביז אַהער האָב פאַרברענט דאָס, וואָס איך האָב געשריבן".

פרץ קעמפט מיט זיך אַליין אין יענער צייט. עס ראַנגלען זיך אין אים פאַרשיידענע כוחות. פון איין זייט ציט אים אין דער ברייט, אין דער ווייט. עס רופן אים אַלגעמיינע פּראָבלעמען. „איך פאַרשטיי נישט — שרייבט ער צו ש"ע — פאַרוואָס פאַרלאַנגט איר נאָר פונעם לעבן פון יידן. דאַרף דען נישט קיין פאָלק וויסן דאָס לעבן פון דעם אַנדער פאָלק, וואָס לעבט מיט אים צוזאַמען?... און איר באַגרענעצט אים נאָר מיט אייגענע פראַגן..." (ז' 145). פון דער צווייטער זייט אינטערעסירן אים פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. פון די ווערק, וואָס ער האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן, זיינען כמעט אַלע מיט אַ יידישן, עכט־יידישן אינהאַלט. ער פאַרמעסט זיך אויך אויף אַ גרויס ווערק און דערווייל שיקט ער אַרויס צו ש"ע „דאָס ערשטע בוך פון דעם גרויסן ווערק". אין איינעם אַ בריוו („בריוו און רעדעס", ז' 151) דערציילט פרץ אויספירלעך וועגן אַט דעם ווערק: „דער צוועק פון דעם גאַנצן ווערק איז — אַדורכצופירן אונטער דער קריטיק און צושטעלן צום שאַנדסלופּ אַלע גדולי־הדור, די אַנגעזעענסטע חסידים, מתנגדים, סוחרים, די בעלי־צדקה און בעלי־טובות, און אויפדעקן דעם פאַרעיפושטן קוואַל, וואָס פון אים שעפּט אונזער לעבן".

פרץ שילדערט דאָרט אַ דיכטער, וואָס זוכט שטאָף און העלדן פאַר זיין ווערק. אַזוי ווי ער קאָן אים אין זיין קליינשטעטל טשאַכנאָווקע נישט געפינען, פאָרט ער דעריבער קיין בובערניק, אין דער השכלה־שטאָט, דאָרט האָפט ער צו באַקענען זיך מיט דער געזעלשאַפט און דאָרט וועט ער אויסקלויבן פאַר זיך אַ העלד. דערווייל פירט פרץ אַדורך פאַרשיידענע

שיכטן פֿון דער יידישער געזעלשאַפֿט. עס האָבן געזאָלט קומען נאָך טיילן (אגב, אָט די פּאָעמע איז פֿאַרלוירן געגאַנגען). יעקב דינעזאָן איז געווען באַגייסטערט פֿון דער פּאָעמע. „איר ברויכט זי לעזן, — שרייבט דינעזאָן אַ בריוו צו ש"ע — בייראָן וועט אייך אַ לעבעדיקער פֿון קבר אויפֿשטיין, און איר וועט נישט וויסן, אויב אין פּוילן וואָלט בייראָן אַנדערש געשריבן און געקאָנט שרייבן"... ווי דוד פּינסקי גיט איבער, האָט די פּאָעמע געהייסן „וואו נעם איך אַ העלד?" „געשריבן אין סטיל פֿון בייראָנס „טשאַילד האַראָלד" און אין דער בייראָנישער שטימונג". (זע „בריוו און רעדעס", ז' 151).

אָט די פּאָעמע איז נישט פֿאַרענדיקט געוואָרן, און דאָס, וואָס איז געווען אָנגעשריבן, איז פֿאַרלוירן געגאַנגען אָדער פּרץ האָט עס פֿאַרברענט.

אַ. ראָזענצווייג אין זיין בוך „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פֿון פּרצעס שאַפֿן" (קיעוו, 1934) מיינט, אַז דאָס ליד „אויסגעשטאָרבן", וואָס י. ל. פּרץ האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „אַרבעטער־צייטונג" (ניו־יאָרק, 1894) איז אַ פֿראַגמענט פֿון דער פּאָעמע „וואו נעם איך אַ העלד" (ז' 169).

ווי אַ שטייג איז פֿול מיט עופֿות,
און אַ מילגרוים פֿול מיט קערן,
בין איך פֿול אידעען, מעשיות,
פּלאי פּלאים, קאָן איך שווערן.

מויל און אויערן אויפֿצושטעלן,
און צו בלאָזן אויף די נעגל!
טייל טראַגעדיעס, ווי דער חורבן,
פֿול הרוגים — לויט דער רעגל.

הומאָרעסקן און קאָמעדיעס,
וויצן, פֿאַרסן, פֿול עפֿעקטן.
און דראַמאַטן און אידיליען —
האָניק זיסלעכע קאָנפֿעקטן!

אויף ראָמאַנטישע אידעען,
קושן, האַלזן, גאַר אַן אוצר,
נעפּל, שטראַלן, וואַסער, פֿייער —
אַ, כּחומר ביד היוצר,

איז ביי מיר אין האַנט די פֿעדער.
און עקספּראָמטע — ניט געקלערט;
און דאָס מאַך איך אַלץ אין גראַמען!
מיין פּעגאַזוס איז אַ פֿערד,

וואָס באַגייט זיך גאָר אָן האָבער,
און כאָטש ער איז באַלאָדן שווער,
שיט ער פּונקן ווי אַ קוזניע
פון די פּאָדקאָוועס אַפּער:

אין מיליאָנען שיט איך גראַמען
ווי אַ פיש אין וואַסער רויגן!
וויל איך — רוישן זיי ווי גרעגער,
שרייען ווי די פיילנבויגן,

אָדער ווי שאַמפּאַניער־קאָרקעס!
וויל איך — פליען זיי ווי טויבן,
באַלטער * פּעדערן! און קלינגען
ווי פּאָגראָם־געהאַקטע שויבן. —

און זיי פליען, יאָגן, טרייבן,
שפּילן, שפּריצן און מוסירן —
אַ פּאָעמע קאָן איך שרייבן,
זי זאָל שטיינער, פעלזן רירן,

עס זאָל קלינגען „גאַנץ קרוין פּוילן" —
עס זאָל שאָקלען זיך די וועלט...
איך האָב גראַמען און אידעען,
ליידער, האָב איך ניט קיין העלד!

אפשר ווייסט איר, בני רחמנים,
וואו איך קריג אַ העלד אַ פיינעם?
כ'האָב געשריבן אין גאַזעטן
און איך האָב געפרעגט ביי שכנים.

כ'האָב געזוכט אין אַלע גאַסן,
איך האָב אַלע לייט פאַרהאַלטן.
איינער גיט אַ דריק די פּלייצעס,
וואַרפט אַ שאַרפן בליק אַ קאַלטן!...

און דער צווייטער לאַכט אין פּנים,
„פוי", פאַרקרומט זיך נאָך אַ דריטער,
שיינע מיידכען זיפצן טרויעריק,
שיינע פרויען לאַכן ביטער. —

נאָר גרייז־גראָע זיי דערציילן:
אַז די וועלט איז היינט פאַרדאָרבן...
אַ פגירה איז געווען,
זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן!...

* באַלטע — אַ שטאָט אין פּאָדאָליער גוב', וואו ס'איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן אין די 80־ער יאָרן. — נ. מ.

פּרצן זיינען ענג די ראַמען, אין וועלכע עס איז אַריינגעטאָן די יידישע ליטעראַטור. ער וויל ענדערן דעם אינהאַלט צוזאַמען מיט די אַלטע פאָרמען. „אַז מיר וועלן אַריינברענגען נייע געדאַנקען — שרייבט ער צו ש"ע — מוזן מיר געבן אויך נייע פאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פּאַסט זיך נישט צו צום נייעם. די אויסדריקן זעען אויס לכתחילה פרעמדע, אָבער סוף־כל־סוף וועלן זיי אַריינדרינגען ווי וואַסער אין דעם לעזער און זיי וועלן באַרייכערן זיין פאַרשטאַנד. דעריבער האָב איך זיך נישט באַמיט צו באַשרענקען מיינע געדאַנקען און באַגרענעצן זיי מיט די אויסדריקן פון המון. פאַרקערט, איך האָב זיך געווענדט נישט צו זיין שפּראַך, נאָר צו דער שפּראַך, וואָס דריקט אַמשטאַרקסטן אויס דאָס פילבאַרע, און דער לעזער, וואָס איז נישט געבילדעט, זאָל זיך אויס־בילדן..." „איך קוק נישט אויפן „זשאַרגאָן" — זאָגט פּרץ — ווי אויף אַ כּלי שני און נישט ווי אויף אַ פאַרמיטלונג, וואָס גייט אַריבער. איך וויל עס זאָל ווערן אַ שפּראַך, און דעריבער באַדאַרפן מיר פאַרברייטערן און פאַרמערן אירע אוצרות און צוגעבן יעדע רגע אַלץ־נייע אויסדריקן, אַז דער שרייבער זאָל נישט זאָגן, מיר איז ענג דאָס אָרט" (דאָרט, ז' 153). „כּל זמן אונזערע ברידער — שרייבט פּרץ אין אַן אַנדער בריוו — וועלן נישט קאָנען זעטיקן באמת זייערע נשמות מיט דער יידישער ליטעראַטור, כּל זמן זיי וועלן נישט געפינען אין דער ליטעראַטור דאָס אמתע וויסן, וועט די ליטעראַטור זיין נישט מער ווי אַן אומנוציק שפּילכל". „אויב מיר פאַרלאַנגען פון פאָלק, עס זאָל קאָנען זיין שפּראַך, — דאַן דאַרפן מיר די שפּראַך צוגרייטן אַזוי, אַז זי זאָל באַפרידיקן אויך אַלע באַדערפענישן פונעם משכּיל" (דאָרט, ז' 144).

אינטערעסאַנט זיינען די מיינונגען, וואָס פּרץ זאָגט אגב אַרויס וועגן אַ רייע פראַגן פון יידישן לעבן. אַט באַרירט ער די פראַגע וועגן אַסימי־לאַציע און ער שרייבט: „אַסימילאַציע פון אַלע צדדים איז געוויס אַ שיינע און גוטע זאַך. צו פאַרלאַנגען אָבער פון איין פאָלק, עס זאָל זיך אַסימילירן, עס זאָל זיין אַ שפּייז פאַר אַנדערע, עס זאָל אַראָפּ פון דער לעבנס־אַרענע אין תהום פון נישט־זיין, איז געוויס אַ זינד און אַן אַטענטאַט. און אויב אַט דער געדאַנק גייט אַרויס פון דעם זעלבסטאָפּפערער גופא, איז עס זעלבסטמאָרד. דעריבער כּל זמן דער נאַציאָנאַלער געדאַנק לעבט צווישן אַלע אַנדערע פעלקער, וועט ער לעבן אויך צווישן אונז, און מיר זיינען מחויב און געצוואונגען (לויט דעם נאַטור־געזעץ) צו עקזיסטירן ווי אַ זעלבסטשטענדיק פאָלק. מיר קאָנען מוחל זיין אויף אונזער עקזיסטענץ, כּדי צו זיין אַ טייל אין כּלל, וואָס באַשטייט נאָר פון טיילן, אָבער מיר

קאָנען נישט צעמישט ווערן אויף אַן אַנדער אופן און איינגעשלונגען ווערן דורך אַנדערע און ווערן פון גאַר — גאָרנישט...״ „חוץ דעם — גיט פּרץ צו — קאָן דער געדאַנק פון אַסימילאַציע איצט גאָרנישט העלפן, ווייל ס׳איז אַוועק די צייט, ווען מ׳האָט די אַסימילירטע אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס״ (דאָרט, ז׳ 147).

און דאָ קומט פּרץ צו דעם געדאַנק, וועלכער איז שפּעטער מיט עט־לעכע און צוואַנציק יאָר, די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, אויפגעוואַקסן ביי פּרצן אין אַ גאַנצער וועלט־אַנשויאונג. ווי אַ קליינע מינדערהייט „זיינען מיר אַוועקגעשטעלט אין קאַמף קעגן דעם שונא, וואָס לויערט אויף אונז פון אַלע זייטן״. אָבער „אין איין זאַך האָבן מיר די אויבערהאַנט — די גערעכטיקייט איז מיט אונז. זאָלן די פּראַקטישע מענטשן זאָגן וואָס זיי ווילן. „גערעכטיקייט״ איז נישט קיין אַבסטראַקט־אויסגעטראַכטער גע־דאַנק, ס׳איז נישט נאָר אַ שיינער קלאַנג. אין אָט דעם וואָרט איז דאָ אַ וואונדערבאַרער אינהאַלט, אַ אינהאַלט אַן אַ קערפּער, אָבער ס׳איז אַ קראַפט אין אַ קערפּער. אָט די קראַפט, וואָס איז אין אונז, זינט מיר זיינען אין גלות און וואָס לאָזט אונז נישט אומפאַלן. דאָס איז אונזער שטאַר־קייט, דאָס איז אונזער האַרטנעקיקייט אין דעם קאַמף...״ (דאָרט ז׳ 147).

פּרץ רירט אָן אין די בריוו נאָך אַ וויכטיקע פראַגע — די ראָלע פון דער יידישער פרוי אינעם פּויליש־יידישן לעבן, וואָס האָט אים נישט אויפ־געהערט כסדר צו אינטערעסירן: „... שטענדיק זיינען די פרויען די ערשטע צו אַסימילירן זיך און אָפּצולערנען זיך פון זייערע קריסטלעכע חברטעס. יעדער מענטש האָט זיך זיינע גייסטיקע באַדערפענישן, און אויב די גייסטיקע באַדערפענישן פון דער יידישער פרוי ווערן נישט באַפרידיקט אין דער היים, לערנט זי זיך ביי פרעמדע און דורך פרעמדע״... און פּרץ צייכנט אָן אַ פּראָגראַם, ווי צוציען די יידישע פרוי צום יידישן לעבן, צו דער יידישער געשיכטע.

דאָס איז געווען אין אַלגעמיין דער גייסטיקער און געמיט־צושטאַנד פון י. ל. פּרץ, ווען ער איז אַרויסגעקומען מיט זיין ערשטלינג־ווערק „מאָניש״ אין דער יידישער ליטעראַטור. אָט די פאַרשיידענע באַרירטע פּראָבלעמען און וואַקלענישן ברעכן זיך איבער אין דעם אָריגינעלן דיכ־טערישן ווערק.

לסוף זאָלן דאָ געבראַכט ווערן די עטלעכע שורות, וואָס פּרץ זאָגט וועגן „מאָניש״. אַז „מאָניש איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן — שרייבט פּרץ צו ש״ע — האָב איך באַקומען פיל לויב־בריוו, אָבער די אַלע, וואָס האָבן געלויבט, האָבן באַמערקט, אַז דאָס פאָלק פאַרשטייט נישט „מאָניש״. און

אויב אַזוי — צו וואָס טויג עס? אָבער איך נעם עדות אונזערע מאָסן, אַז אויב זיי פֿ אַ ר ש ט י י ע ן נאָר לויט זייער פֿאַרשטאַנד, דערפֿאַר אָבער פֿ י ל ן זיי די שיינקייט, דעם גייסט, וואָס שוועבט איבערן שיר... דער לעזער באַדאַרף טאַקע לייענען איין מאָל און אַ צווייט מאָל, אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל. אָבער וואָס מער ער וועט לערנען, וועט ער אַלץ מער פֿילן, אַלץ מער פֿאַרשטיין..." (דאָרט, ז' 152).

אַזוי האָט פּרץ אַליין אויפֿגעפּאַסט זיין „מאַניש", וואָס איז געווען באמת גאָר אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור.

די אַלע בריוו, וואָס פּרץ האָט אין אַזאַ קורצער צייט געשיקט צו שלום-עליכמען, ווייזן אונז, אַז דער „אָנפֿאַנגער" פּרץ איז שוין צו יענער צייט געווען פֿולשטענדיק רייף, צייטיק. ער איז געווען פֿול אָנגעלאָדן מיט שאַפֿונגס-פֿאַרלאַנגען און דיכטערישע אילוזיעס, און ער האָט טאַקע גאָר גיך גענומען אויסלאָדן דאָס אָנגעזאַמלטע אין אים.

און דאָס סאַמע וויכטיקסטע — פּרץ איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור גאָר אויף אַן אייגענעם, אייגנאַרטיקן אופֿן: ער האָט אין דער דעמאָלסדיקער יידישער ליטעראַטור נישט געהאַט זיינע פֿאָרגייער, זיינע מיטגייער.

וואַריאַנטן פֿון „מאָניש״

די באַלאַדע „מאָניש״ איז געווען און פֿאַרבליבן איינע פֿון די באַ־ליבסטע ווערק ביי פּרצן גופֿא. „מאָניש״ איז געווען דער ערשטער גרויסער אַרויספֿאָר פֿון פּרצן אין דער יידישער ליטעראַטור. אין מאָנישן האָט פּרץ אַריינגעפֿלאָכטן זיך גופֿא, זיינע ליידנשאַפֿטן, זיינע יוגנט־ווייען, זיינע זוכעונישן און אומרו, ווי ער דערציילט עס אין זיינע וואונדערלעכע זכרונות. אין „מאָניש״ זיינען שוין דאָ אַלע פּרצישע אייגנאַרטיקייטן, די הויפּט־עלעמענטן פֿון זיין שאַפֿן, די אַלע שפּיל־קאָלירן פֿון זיין רעגנבויגן, וואָס שיינט אַרויס כסדר פֿון צווישן די אייגענע, אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע וואָלקנס. פּרץ האָט דערנאָך אַליין (אין „מיינע זכרונות״) כאַראַקטעריזירט זיין שאַפֿן, וואָס ציט זיין אמתן אָנהויב טאַקע פֿון „מאָניש״: „פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן — דאָס זיינען די צוויי וואַלצן, אויף וועלכע עס וועלן זיך וויקלען אַלע מיינע שריפֿטשטעלערישע יריעות... עטישע קאָנטראַסטן־בילדער, טרויעריקע דעקאַדאַנסן פֿון חסידיזמוס, חורבות — פֿון וועלט־אָנשויאונגען... דראַמען און טראַגעדיען מער אין ברענענדיקע, איידער אין זיך לעשנדיקע געהירן...״ אין „מאָניש״ האָבן זיך אייגנט־לעך אָנגעהויבן צו וויקלען, פֿאַנאַנדערוויקלען פּרצעס שריפֿטשטעלערישע יריעות. פּרץ האָט עס גוט געוואוסט. און נישט אומזיסט דעריבער האָט זיך פּרץ נישט איין מאָל אומגעקערט צו אָט דעם ליבלינג־ווערק און באַמיט זיך צו פֿאַרבעסערן עס, איבערגעאַנדערשט פֿערזן, שורות, אַוועקגענומען און צוגעגעבן גאַנצע שטעלן.

ווי באַוואוסט, האָט שלום־עליכם געמאַכט אייניקע ענדערונגען אין פּרצעס מאַנוסקריפּט, ווען ער האָט „מאָניש״ פֿאַרעפֿנטלעכט אין זיין „יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ (בוך I, קיעוו תרמח—1888), און אַזוי ווי „די באַלאַדע — ווי פּרץ האָט דערנאָך אויפֿגעשריבן אויף דער באַזונדערער „מאָניש״־אויסגאַבע — האָט געליטן פֿון רעדאַקטאָרס שער און פֿעדער״, האָט „די געקרענקטע אייגנליבע אים באַוואויגן זי איבערצושרייבן — און גוטע פֿריינט — איבערצודרוקן״.

די טעקסטן פון „מאניש" (פון דער „פאלקס־ביבליאטעק" 1888) און פון דער באזונדערער אויסגאבע (ווארשע 1892) גייען זיך שטארק פאנאנ־דער. ס'איז שווער געגוי פעסטצושטעלן, צי די אלע ענדערונגען, וואס זיינען אריינגעבראכט דערנאך אין דער באזונדערער אויסגאבע (1892) זיינען טאקע די, וואס שלום־עליכם האט געהאט זיי ארויסגעווארפן, אדער אויסגעבעסערט, אדער פרץ אליין האט מיט דער צייט (אין לויף פון די דריי־פיר יאר) אריינגעבראכט איניקע וועזנטלעכע שינוים אין זיין באלאדע.

חוץ אט די צוויי „מאניש"־ווריאנטן, האט זיך אויפגעהיט נאך איין ווריאנט, א פריערדיקער, דער עלטסטער, ביי פרצעס פריינדין פוילינע אלטבערג פון פלאצק. זומער 1887, מיט א יאר איידער פרץ האט געשיקט צו שלום־עליכמען זיין מאנוסקריפט, האט ער געלאזט איבערשרייבן א קאפיע פאר זיין פריינדין, פונקט ווי ער האט איר אויך איבערגעגעבן א מאנו־סקריפט פון זיינער א לאנגער פאעמע אין יידיש „די געשמיסענע אמת". ביידע אט די פאעמעס, וואס האבן זיך אויפגעהיט ביי פוילינע אלטבערג, זיינען פארעפנטלעכט אין דעם פרץ־נומער „ייווא־בלעטער" 1937 (ז"ז 260־279). אגב, לויט פוילינע אלטבערג (זע „ייווא־בלעטער", ז' 307) האט פרץ געשטעלט „די געשמיסענע אמת" העכער פאר „מאניש". אין א איבער־געארבעטער פארם איז „די געשמיסענע אמת" אפגעדרוקט געווארן אין 1892 אונטערן נאמען „כסא שלמה" (שלמה המלך'ס שטול) ,הומאריסטישער פראגמענט לויט תרגום שני און מדרש, אין א באזונדער העפטל „פאעזיע", און אויף דער ערשטער זייט איז געווען אן אויפשריפט „געווידמעט מאדאם פ. א. [פוילינע אלטבערג].

אין אונזער בוך „פרץ" (ווילנע־ווארשע 1931) האבן מיר אין דער גרעסערער אפהאנדלונג „ווריאנטן פון מאניש" באהאנדלט די צוויי „מאניש"־נוסחאות (פון שלום־עליכמס „פאלקס־ביבליאטעק" און פון דער באזונדערער אויסגאבע פון 1892) און זיי פארגליכן מיט די איבעריקע „מאניש"־ווריאנטן, וואס זיינען דורך פרצן פארעפנטלעכט געווארן. מיר האבן דאן, אין 1931, נישט געוואוסט נאך וועגן דעם ווריאנט וואס האט זיך געפונען אין פלאצק ביי פ. אלטבערג. איז געווען אלעמענס מיינונג, אז שלום־עליכם האט עס געענדערט פרצעס מאנוסקריפט און אריינגע־בראכט אזויפיל שינוים און אויסבעסערונגען. איצט, ווען מיר האבן פאר זיך דעם ניי־אנטדעקטן „מאניש"־נוסח, זעען מיר, אז ווייט־ווייט נישט **אלע ענדערונגען זיינען שלום־עליכמס, פיל זיינען געווען אין פרצעס אייגע־**נעם ערשטן ווריאנט. עס ווערט באשטעטיקט אונזער השערה (אין דעם

דערמאָנטן קאַפּיטל, פון „פּרץ" (1931), אַז אפשר האָט פּרץ גופא אַריינ־געבראַכט אייניקע אויסבעסערונגען אין זיין באַלאַדע און נישט שלום־עליכם האָט זיי פאַרביטן מיט אַנדערע. ווען מיר פאַרגלייכן דעם עלטסטן נוסח פון „מאָניש" (1887) מיטן אָפּגעדרוקטן וואַריאַנט אין דעם שלום־עליכם „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" זעען מיר, אַז זיי זיינען פיל נעענטער צווישן זיך ווי מיטן וואַריאַנט פון 1892. דאַרפן אַזוי־אַרום די פּאַרוואורפן און באַשולדיקונגען אויפן אַדרעס פון שלום־עליכם פיל געמילדערט ווערן. מיר וועלן אָפּשיקן דעם לייענער, וואָס אינטערעסירט זיך באַזונדערס דער־מיט, צו אונזער דערמאָנטן בוך „פּרץ". ס'איז גענוג בלויז אָנצעווייזן, אַז דער גאַנצער פּרעכטיקער אַריינפיר (8 סטראָפעס — 30 שורות) צו דער באַלאַדע, פעלט אינעם וואַריאַנט פון דער „פאָלקס־ביבליאָטעק". דער באַ־וואוסטער אַריינפיר:

„איר ווייסט מן הסתם!
די וועלט איז אַ ים,
מ י ר זענען פיש;
(טייל זענען העכט,
שלינגען נישׁ' שלעכט...
זאָגט אפשר נישׁ'?)

ביז דעם פערז:

און זעלטן איז עמעץ
באַשירמט און באַהיט...
אָט, אייך צו וואָרענען,
זינג איך מיין ליד!"

און ווייטער: די וואונדערלעכע 7 פיר־שורהדיקע פערזן, וואָס הויבן זיך אָן:

„געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך ד'אַלטע בעלי־בתים,
מיט מעשענע ברילן
און זילבערנע בתים.
גאָלד'נע עטרות
און אייזערנע מוחות,
גאָר אַנדערע יאָרן,
גאָר אַנדערע כּוחות:
אַ פול בית־המדרש,
פול קאַרפּן־קעפּ,
מען לערנט נאָך אין פּאָליש,
מען זיצט אויף די טרעפּ,

עס װערט נישט פֿאַר חצות
קיין ליכטל פֿאַרלאָשן;
און פֿראָשבעס צו רענדלעך,
און תּורה מי' גראָשן!
און דעמאָלט האָט מאָניש
אַלס עילוי געשמט;
די גרעסטע רבנים,
פֿון װייט, פֿון דער פֿרעמד,
דער פּטיש פֿון לאָשטשעװ,
דער סיני פֿון קאָזיץ,
זיי קומען אמישנע
פֿון קליין־מאַזלבאָזיץ,
דער מאור־הגדול
פֿאַרהערן דעם עילוי
און טאַנצן פֿאַר שמחה —
„אתחלתּא דגאולה".״

שפּעטער, װען „מאָניש" איז איבערגעדרוקט געװאָרן אין פּרצעס גע־קליבענע שריפֿטן, זיינען פֿון דער באַזונדערער „מאָניש"־אויסגאַבע (1892) געמאַכט געװאָרן בלויז אייניקע סטיליסטישע אויסבעסערונגען אין איינ־ציקע שורות, אין אייניקע װערטער.

פֿאַראַן נאָך אַ װאַריאַנט פֿון „מאָניש", װאָס פּרץ האָט אַרום 1910 פֿונסניי באַאַרבעט. ער איז צוערשט פֿאַרעפֿנטלעכט געװען אין ה. עפּל־בערגס װאָכנבלאַט „טעאַטער־װעלט" און דערנאָך אַריין אין אַלע פּרצעס װערק (פֿאַרלאַג ב. קלעצקין, באַנד XIV, „לידער און באַלאַדן", זייטן 35־50). אָט דער נייער װאַריאַנט איז אַ שטאַרק־געקירצטער און קאָנדענסירטער. פּרץ האָט פֿיל שורות און אויך גאַנצע פֿראַגמענטן פֿון זיין פֿריערדיקן „מאָניש" אינגאַנצן אַרויסגעװאָרפֿן, אַ ריי סטראָפֿעס און שורות לחלוטין פֿונסניי איבערגעאַרבעט און פֿון צװיי־שורותדיקע פֿערזן געמאַכט איינ־שורהדיקע. אין די װאַריאַנטן פֿון דער באַזונדערער אויסגאַבע (1892) און פֿון די געקליבענע שריפֿטן זיינען דאָ 629 שורות, אין דעם לעצטן װאַריאַנט בלויז 408 שורות — אויף העלפֿט, הייסט עס, געקירצט.

און נאָך אַן אָנהויב פֿון אַ „מאָניש"־װאַריאַנט. ער איז געװען אין אַרכיװ פֿון „פֿאַרלאַג ב. קלעצקין" צװישן אַ פּעקל איבערגעקליבענע כּתבים פֿון י. ל. פּרץ, אינגאַנצן איין בלעטל, געשריבן אייגנהענטיק פֿון פּרצן, װאַרשיינלעך אַרום 1910־1911. ס'איז בלויז דער אַריינפֿיר צו „מאָניש". אפֿשר איז עס געװען אַ פּרואװ, — דער ערשטער נוסח — צום ניי־איבער־געאַרבעטן „מאָניש", װאָס איז דאָ פֿריער דערמאָנט.

עס לייענט זיך אַזוי:

„צ׳וואָס איז אונזער וועלטל גלייך?
צו׳ן אַ טייך
און די מענטשן
(זאָל גאָט בענטשן
זייער צאָל)?
— זיינען פיש!

שווים־זשע דיר געזונט און פריש
אינעם וואַסער אַן אַן עק!
שטעלט דער שוואַרצער זיך אַוועק,
ווי אַ פישער אויפן ברעג.

שטייט דער שוואַרצער אויפן לאַנד
מיט דער ווענטקע אין דער האַנט...
כאַפּט די פיש!

אויף אַ ווערמל, נישט קיין ריינס,
אויף אַ תּאווהלע אַ קליינס,
אַ תּענוגל — אַן אויגנבליק,
גיט דאָס פישעלע אַ בליק,
דער ימח־שמו אַ צי...
און, פישעלע, פלי
גלייך צום קעסל אין גיהינם...
און מען ווייס׳ם און מע קענ׳ם
דעם ימח־שמו, דעם שטן,
און ס׳געראָט׳ם,
זעלטן איז עמעץ באַשירמט און באַהיט,
ווייל דאָס זיסע ווערמל ציט...
פליען פישלעך ווי די בליצן...
און אָט אייך צו וואָרענען, אייך צו באַשיצן
זינג איך מיין ליד!"

אָט דער אַריינפיר צו „מאַניש" איז זייער נאָענט צום אַריינפיר, וואָס איז געגעבן צו דעם פאַרעפנטלעכטן לעצטן „מאַניש"־וואַריאַנט. כמעט דער זעלבער אינהאַלט, נאָר אַנדערע ווערטער און אויסדרוקן. אייניקע זיינען אין דעם נישט־געדרוקטן גלאַטער, בילדערישער.

ווער ווייסט וואָסערער פון אָט די צוויי וואַריאַנטן איז דער לעצטער, דער אויסגעבעסערטער. אפשר איז דער נישט־פּובליקירטער אַריינפיר געווען גאָר ביי פּרצן אַן אַנהויב פון גאָר אַ נייעם „מאַניש"־וואַריאַנט.

די באַלאַדע גופא האָט אין דעם לעצטן פּובליקירטן וואַריאַנט אָן שום ספק פיל געוואונען אין גאַנצקייט און געשליפנקייט, אָבער די פריערדיקע

וואַריאַנטן זיינען געוויס כאַראַקטעריסטישער פֿאַר דער צייט, ווען פּרץ האָט צוערשט זיין „מאַניש" געשאַפֿן. און וויל מען קענען פּרצן פֿון זיין ערשטן אַריינטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור, דאַרף מען זיך ווענדן צו דעם פֿריערדיקן „מאַניש", דעם פֿולן, מיט אַלע זיינע אייגנאַרטן און אָפּווייכונגען.

„מאַניש" דאַרף אונז זיין באַזונדערס טייער, ווייל פּרץ האָט זיך גופֿא אַרויסגעבראַכט אין פֿאַרשיידענע שטעלן אין דער פּאָעמע. אין זיינע זכרונות רופֿט פּרץ זיך מאַניש, און מיט דער הילף פֿון דער מאַניש־געשטאַלט ברענגט ער אַרויס אייניקע וויכטיקע מאָמענטן פֿון זיין יוגנט. פּרץ דערציילט וועגן אַ יוגנטלעכער ליבע־סצענע און ער זאָגט: „איין מאָל, איך עילוי „מאַניש", וואָס קלער פֿון גאַרניש, ווייס פֿון גאַרניש, לויף, אייגנטלעך — פֿלי אַראָפּ פֿון די טרעפּ"... און ער הערט טריט, און „באַלד גיט מיר אַ שימער פֿאַר די אויגן אַ פּאָר ווייסע, נאַקעטע אָרעמס", און זי בעט: „לאָמיר זיך ליב האָבן, לייבושל"... און זי איז ביי פּרצן די „קליינע לילית"... און שפּעטער... מען קושט זיך „און — דערציילט פּרץ — לילית פֿאַרלאַנגט, און מאַניש שווערט"... (ז"ז 97־98). און מיט אַ צייט שפּעטער, ווען ס'הויבט זיך אָן אין זיין לעבן דער געראַנגל צווישן צוויי וועלטן, און פּרץ גייט אַרום פֿול צווייפֿל און עס ציט אים צו „זייער" וועלט, זאָגט ווידער פּרץ: „... כ'האָב התבודדות, און הער אויס אַ ויכוח צווישן „יצר הרע", אַזוי ווי איך האָב אים איבערגעגעבן אין „מאַניש"... אָבער מאַנישן אין חורבה אַריין רופֿט „מאַריע", זי ווינקט צו אים פֿון די פֿענסטער, רופֿט אים מיט געזאַנג. מיין „מאַריע" שפּאַצירט אַרום מיט יונהצען און מיין „כלה פֿון חורבה" איז פֿאַרנומען מיט איר אויסשטייער... אָבער דער יצר הרע איז גובר, אַזוי ווי ביי „מאַנישן". (ז' 125).

„מאַניש" איז אַזוי אַרום אַן אָפּבילד פֿון פּרצן גופֿא, פֿון פּרצן אין דער יוגנט.

פּרצעס ערשטע קריטיקער

פּרצעס שאַפֿן איז געווען גאָר אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך דאַן אַזוי ראַש גענומען צעוואַקסן. עס איז געווען ניי הן לויטן אינהאַלט, הן לויט דער פֿאָרם. פּרץ אַליין האָט אַזוי בדרך־אגב כאַראַקטעריזירט דאָס דעמאָלטיקע ליטעראַרישע וועלטל: „דאָס שטילע וואַסערל פֿליסט, פֿון אויבן אַביסל גרין־פֿאַרשימלט, הינטן שלינגט אַמאָל אַ לעבעדיק העכטל איין אַ ווערעמל, מען הערט אַ פּישטש, קוים אַ פּישטש, און ווייטער שטיל..." („בריוו און רעדעס", ז׳ 158). ער האָט געהאַלטן, אַז „דער צוועק פֿון דעם שיר [ער האָט דאַן גערעדט וועגן זיין „מאָניש"] איז נישט אויסצודריקן דורך מליצות דאָס באַקאַנטע, נאָר אויפֿצודעקן נייע הימלען, צו שאַפֿן פֿאַרן פֿאָלק נייע באַגריפֿן, אַריינצודרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען, און נישט איבערדערציילן דאָס אַלטע און פֿאַרעל־טערטע" (דאָרט, ז׳ 153). אָבער אָט די נייע באַגריפֿן, די נייע געדאַנקען, די נייע פֿאָרמען האָט מען אין דער יידישער וועלט אַזוי גיך נישט געקאָנט פֿאַרדייען. פֿון אָנהויב אָן האָט מען געהאַלטן אין איין פֿאַרוואַרפֿן פּרצן, אַז זיינע ווערק זיינען סתרי־תורה, אַז מען פֿאַרשטייט זיי נישט. די זעלבע טענות צו פּרצן, וועלכע האָבן זיך איבערגעחזרט אין לויף פֿון צענדליקער יאָרן, ביי זיין לעבן און אויך נאָך זיין טויט.

ס׳זיינען געווען אויך אויסנאַמען. פֿון די ערשטע יאָרן אָן האָט פּרץ געהאַט שאַרפֿע קעגנער, אָבער אויך טרייע פֿאַרטיידיקער.

אין זיין בריוו צו שלום־עליכמען, וואו פּרץ שטעלט זיך פֿאַר אים פֿאָר, דערציילט ער אים: „אין „השחר" האָט מען זייער געלויבט די לידער. גאָרדאָן (דער קריטיקער פֿון „המגיד") האָט אויך אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, וואָס איז געווען פֿאַר מיר אַ לויב, נאָר דער בעל „הצפירה" (דאָן סלאָנימסקי אַליין), וואָס איז אין כעס געווען אויף מיר פֿאַר דעם קליינעם ליד „הכלב והירח", האָט געענטפֿערט צו אַן אויסגעטראַכטן פֿרע־גער: „מיר וועלן נישט רעצענזירן דעם ספר „שירים שונים", ווייל עס איז אונטער יעדער קריטיק". („בריוו און רעדעס", ז׳ 142).

דאָ, אין דעם אַרטיקל, ווילן מיר זיך נאָך אָפּשטעלן אויף די ע ר ש ט ע קריטיקער פֿון פּרצן, און זען, ווי זיי האָבן אויפֿגענומען די ערשטע ליטע־ראַרישע טריט פֿון פּרצן אין העברעאיש און אין יידיש.

די ערשטע עטלעכע גוטע שורות וועגן פּרצן געהערן צו דעם באַ־וואוסטן העברעאישן שריפֿטשטעלער, דעם רעדאַקטאָר פֿון „השחר", פּרץ סמאָלענסקין. אין „השחר" (תרל"ט — 1879) האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם העברעאישן ביכל „ספּורים בשיר ושירים שונים", וואָס פּרץ האָט צוזאַמען מיט זיין שווער אַרויסגעגעבן (יאָר תּרל"ז — 1877). פּ. סמאָלענסקין ווידמעט דעם יונגן דיכטער, פּרצן, פֿאָלגנדיקע ווערטער: „השיר ספּורי בעשר מחלוקות, הוא מעשה ידי סופֿר מהיר ומשורר נאמן לכל פּרטיו וחוקותיו. הוא לא יבוש מפּני כל השירים כגילו הטובים והיפּים, אשר נכתּבו בשנים האחרונות האלה בשפֿת עבר. — לכותב השיר הזה, אשר לפֿנינו הצדקה לבוא בקהל וכל המשוררים הנאמנים האלה לא יבושו בו, והשפֿה ואוהביה ישישו על פּעליו ויברכוהו מקרב־לב". (דער דער־ציילערישער שיר אין צען אָפּטיילן איז דאָס ווערק פֿון אַ טאַלאַנטפֿולן און אמתן משורר מיט אַלע פּרטים און געזעצן. ער וועט נישט פֿאַרשעמט ווערן פֿאַר די אַלע איבעריקע גוטע און שיינע לידער, וואָס זיינען אָנגע־שריבן די לעצטע יאָרן אין העברעאיש. דער מחבר פֿון דאָזיקן שיר האָט דאָס רעכט פֿאַררעכנט צו ווערן צווישן אַלע אמתע דיכטער, און זיי וועלן זיך מיט אים נישט שעמען, און די שפּראַך און אירע ליבהאָבער וועלן זיך פֿרייען מיט זיינע ווערק און וועלן אים בענטשן פֿון טיפֿן האַרצן).

צווישן די שטאַרקע פֿאַרערער און באַגייסטערער פֿון דעם יונגן פּרץ, ווען ער האָט ערשט אָנגעהויבן צו שטעלן זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט אין דער העברעאישער ליטעראַטור, איז געווען דער באַוואוסטער העברעאישער שרייבער ראובן אשר ברוידעס. ער האָט זיך באַקענט מיטן יונגן 24 יאָריקן י. ל. פּרץ אין וואַרשע, וואו פּרץ לעבט דאַן און וואו, אַ פֿאַרצוויפֿלטער, זוכט ער זיך אַ מעמד אין לעבן און דערווייל גיט ער העברעאישע לעקציעס. אין אַ בריוו צו יצחק יואל לינעצקי (יאַנואַר 1876) שרייבט ער אים צווישן אַנדערן: „ווען איך בין געווען אין וואַרשע, האָב איך אויפֿגעמונטערט ה' פּרצן (ער איז אַ וואונדערבאַרער יונגערמאַן, אַן אָנגענומענער דיכטער מיט אַ פֿילנדיק האַרץ און איז פֿון מיינע פֿריינט), ער זאָל אָנשרייבן אַ זאַך פֿאַר דער צייטשריפֿט „ישראליק". איך האָב אים אויפֿגעגעבן אַן אידעע, און ער האָט זי אָנגעשריבן אין דער פֿאָרם פֿון אַ ליד מיט דעם נאָמען „אַ בריוו פֿון פּוילישע פּרויען", און מיר צוגעזאָגט עס איך צו שיקן. האָט ער עס געשיקט? צי וועט עס געדרוקט ווערן?"

אין אַ סעריע העברעאישע אַרטיקלען (אין ד. גאָרדאָנס „מגיד משנה", 1880), וואָס האָבן באַהאַנדלט ליטעראַרישע פּראָבלעמען, האָט ר. א. ברוידעס אויך זיך אָפּגעשטעלט אויף פּרצעס לידער און פּאָעמעס פון „ספורים בשיר ושירים שונים". נישט צופרידן מיט י. ל. גאָרדאָנס לידער, גייט ער איבער צו פּרצן און שרייבט (איבערגעזעצט פון העברעאיש דורך מ. וואַקסער, זע „ייוואָ-בלעטער", 1937, פּרץ-נומער, ז' 255—256):

"... איצט וועל איך ריידן וועגן אַ דערציילעריש ליד, וואָס פאַרוואונדערט סיי מיט זיין שיינקייט און סיי מיט זיין גוטן געשמאַק, און וואָס מאָלט אונז דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס איז אַזוי נאָענט צו אונזער האַרץ, דאָס ליד „חיי משורר עברי", וואָס איז געדרוקט אין אָנהייב העפטל „ספורים בשיר ושירים שונים", וואָס די קריטיק האָט עס ביז איצט פאַרשוויגן". ער שטעלט זיך אָפּ אויספירלעך אויף די פאַרשיידענע שילדערונגען, וואָס אייניקע געפעלן אים שטאַרק, אַנדערע—ווייניקער און באַטאָנט, אַז עס זיינען „בילדער וואָס זאָגן עפּעס וועגן דער באַגאַבטקייט פונעם מחבר און זיין רייכע פאַנטאַזיע". ער רעכנט אויך אויס אַנדערע לידער פון דער זאַמלונג. דאָס ליד „השופט והמליץ", האַלט ער, איז „עכט און דערהויבן, עס שפּירט זיך אין דעם דער גייסט פונעם היינטצייטיקן דיכטער". נאָך מער געפעלט אים „חנה", וואָס איז סיי לויט דער שפּראַך און פאָרם און סיי לויט דער כאַראַקטעריזירונג פון די העלדן פיל בעסער.

מיט 21 יאָר שפּעטער האָט י. ל. פּרץ, שוין אַ באַוואוסטער יידישער דיכטער און אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין דער יידישער וועלט, געווענדט זיך צו ר. א. ברוידעס, אין נאָמען פון אַ יובל-קאָמיטעט צו פייערן נחום סאָקאָלאָווס 25 יאָריקע ליטעראַרישע טעטיקייט, מיט דער בקשה, ער זאָל עפּעס צושיקן פאַרן געפּלאַנטן סאָקאָלאָוו-זאַמלבוך. און פּרץ האָט צום סוף פון לענגערן העברעאישן בריוו צוגעשריבן: „איך דענק, אַז איר האָט מיך נאָך ניט פאַרגעסן" („בריוו און רעדעס", ז' 220). ווייזט אויס אַז אויך ביי פּרצן איז פאַרבליבן אַ גוט געפיל צו ר. א. ברוידעסן פאַר זיין האַרציקער און אויפמונטערנדיקער באַציאונג צו אים אין די יונגע יאָרן.

אַ באַזונדער פאַראינטערעסירונג האָט אַרויסגערופן ביי שרייבער און לעזער פּרצעס „מאָניש" (געדרוקט אין שלום-עליכמס „די יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק"). וועגן אָט דער באַלאַדע שרייבט קריטיקוס (ש. דובנאָוו), דער קריטיקער פון דעם רוסיש-יידישן „וואָסכאָד" (אין „וואָסכאָד" 1889, VI): „פיל נידעריקער פון אָט דער פּאָעמע [ד. פרישמאַנס „אופיר"] איז די „באַלאַדע" פון ה' פּרץ, אין וועלכער עס ווערט באַזונגען אַ יונגער שיינער עילוי, וואָס פאַרליבט זיך אין אַ שיין קריסטלעך מיידל און

וואָס ווייזט אויס (ווייל קלאָר צו פאַרשטיין איז אוממעגלעך) באַשליסט צו שמדן זיך. דער פרעטענציעזער, פאַנטאַסטישער אָרום, אין וועלכן ס'איז אַריינגעשלעפּט נחס תּיבה, אי דער באַרג אַררט, אי דער שדים־קעניג, אי געדאַנקען וועגן זשאַרגאָן און נאָך אַנדערע טונקעלע רמזים אויף אַזוינס, וואָס קיינער ווייסט נישט, — דאָס אַלץ באַשווערט שטאַרק פאַר דעם גע־ווינלעכן לעזער דאָס לייענען די „באַלאַדע" פון ה' פרץ און צו פאַרשטיין איר אינהאַלט".

דער זעלבער קריטיקוס (ש. דובנאָוו) האָט נאָך פריער מיט 2 יאָר אין „וואָסכאָד" רעצענזירט דעם העברעאישן זאַמלבוך „האסיף" און קומענ־דיק צו פרצעס ליד האָט ער געזאָגט: „ווייזט אויס, ס'איז אַזוי באַשערט ה' פרץ צו שרייבן אַזוי, אַז קיינער זאָל אים נישט פאַרשטיין" (1887, נ' 1).

ביי דער זעלבער מיינונג האַלט זיך אויך דער העברעאיש־יידישער שרייבער י. ח. ראַווניצקי אין „המליץ" (1889 נומ. 97), וואו ער ענטפערט אַפּ איינעם, וואָס פאַלט אָן אויף שלום־עליכמען. ער שרייבט בדרך־אגב, אַז „מען האָט רעכט אָנצואַווייזן, אַז די לידער „אופיר" (פון דוד פרישמאַן) און „מאַניש", וואָס פאַר זיך זיינען זיי גוט און שיין, אָבער זיי זיינען העכער פאַרן פאַרשטאַנד פונעם פאָלק, וואָס פאַר אים איז דאָס בוך [די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק"] געשאַפן".

אַזוי־אָרום זיינען איבערגעטריבן ש. ל. ציטראָנס ווערטער, אַז „כמעט אַלע, וואָס האָבן דעם זאַמלבוך רעצענזירט, האָבן איינגעשטימט, אַז „מאַניש" איז אַ קינסטלער־ווערק, וואָס אין יידיש איז נאָך זיין גלייכן נישט געווען". (דריי ליטעראַרישע דורות I, ז' 135).

אינטערעסאַנט זיינען די ווערטער פון יעקב דינעזאָן וועגן פרצן און זיין שאַפן אין דער הקדמה צו דעם ביכל „בעקענטע בילדער", וואָס דינעזאָן האָט אַרויסגעגעבן אין 1890 („בעקענטע בילדער פאָן לעאָן פּרץ, הערויס־געגעבען דורך י. דינעזאָן", תּר"נ — 1890). י. דינעזאָן שרייבט אין די „איניקע ווערטער פונעם אַרויסגעבער":

„דער צוועק פון דער אויסגאַבע איז: דעם לעזנדן פּובליקום צו געבן ביליקע דערציילונגען פון אונזער יידישן לעבן און אונזער יידישן לשון, יעדער זאָל קאָנען קויפן, לייענען און פאַרשטיין. מיר הייבן אָן מיט די נאָוועלן און בילדער פון אונזער קאָלעגע הערן י. ל. פּרץ, וועלכער איז שוין דעם עולם באַקאַנט דורך זיין פּאָעמע „מאַניש" און איניקע נאָוועלן און אויך אין „נייען וועקער" [דאַרף זיין „יידישער וועקער"] (אָדעס 1890).

ה' פּרץ שרייבט נישט צו חנפהנען דעם גראָבן געשמאַק פון דעם נידעריקן קלאַס לעזער, פאַרקערט, ער וויל אים פאַרפיינערן און אויס־

בעסערן. דעריבער געפינען מיר פאַר נישט איבעריק צו בעטן די געערטע לעזער, וועלכע זיינען נאָך נישט געוואוינט אין אַ קליין זשאַרגאָניש ביכל עפּעס רעכטס צו געפינען, — זיי זאָלן אונז זייער צוטרוי שענקען, אַז מיר מיינען נישט דאָס געשעפט אַליין, ווען מיר ראָטן זיי דאָס ביכל צו קויפן, אָבער מיר מיינען מער, זיי זאָלן די ביליקע דערציילונגען אויך לעזן... לעזן מיט כוונה, זיך צוקוקן צו די ווערטער און צולייגן האַרץ און מוח צו דעם גאַנצן אינהאַלט! וועלן זיי אונז פאָלגן, וועלן זיי געוויס באַלד אַליין איינזען און דערקענען אונזער אמתן צוועק מיט דער „גראָשן-ביבליאָטעק". אַז מיר וועלן זעען, אַז מיר האָבן אַ פּובליקום, וואָס פאַרשטייט און קויפט אַזעלכע זאַכן, וועלן מיר, מיט גאָטס הילף, די פעדער פון דער האַנט נישט אַוועקלייגן און וועלן אונזער אָרעמע זשאַרגאָן-ליטעראַטור רייכער מאַכן מיט הונדערטער אַזעלכע דערציילונגען, וועלכע וועלן יעדנפאַלס ביליקער קאָסטן און מער נוצן ברענגען אַלס די „העכסט-אינטערעסאַנטע ראָמאַנען", וועלכע האָבן ביז איצט אַזוי ווי אַ רעגן געגאָסן און אַ סך בלאָטע אָנגעמאַכט.

מיר האָפן, אַז אונזער אויסגאַבע וועט זיך אַליין צום גוטן רעקאָמענדירן און זעלבסט די דאָ אויסגעשפּראָכענע ווערטער וועלן נישט בלייבן אומזיסט.

אַלע ליפערונגען צוזאַמען, וועלכע מיר הויבן אָן און האָפן אין קורצן אַרויסצוגעבן, וועלן הייסן מיט דעם נאָמען: „ביליקע יידישע ערצעלונגען", די ערשטע ליפערונג, מיט וועלכע מיר הויבן אָן הייסט: „בעקענטע בילדער".

אין דעם ביכל זיינען אָפּגעדרוקט „דער משולח", „וואָס הייסט נשמה" און „דער משוגענער בטלן".

וועגן פּרצעס ביכל „בעקענטע בילדער" האָט דער באַוואוסטער העברעאישער שריפטשטעלער עזרא גאָלדין אָפּגעדרוקט אין „הצפירה" 1890 (נומ. 211, ז' 872) אַ גרויס אַרטיקל א. נ. „שיחה בעולם הספרות". ער שמועסט לכתחילה אַרום די פאַרשיידענע אופנים, ווי מען ברענגט אַרויף אויפן לייוונט בילדער, וואָס דאַרפן דערוועקן אומעט און ליידן. אייניקע שטעלן פאַר אַן אומגליקלעכן מענטש, וואָס מען דערקענט אים גלייך לויט זיין אויסערלעכן אויסזען. ביי אַנדערע איז שווער פונעם ערשטן בליק צו דערגיין דעם כאַראַקטער פון דעם טיפּ. ערשט ווען מ'קוקט זיך צו נענטער, דערקענט מען די געזיכטס-שטריכן פון זיין כאַראַקטער. ע. גאָלדין רופט אָן דעם „משולח" „די וואונדערבאַרע דערציילונג" און שרייבט וועגן איר: „דאָס גאַנצע בילד איז אַדורכגעווייקט מיט בלוט און טרערן, די

שפּראַך איז שאַרף און באַצויבערט. דער סטיל פֿונעם דערציילער איז אַדורכגעמישט מיט פֿאָלקס־איינדרוקן, וועלכע דרינגען אַריין און דער־גרייכן ביזן סאַמע גרונט. איך קאָן דאָ נישט ברענגען קיין מוסטערן, ווייל אין לשון־קודש וועט פֿאַרלוירן גיין זייער זשאַרגאָנישער טעם. דער וואָס וועט לייענען די סקיצע אין אָריגינאַל וועט האָבן פֿאַרגעניגן, געמישט מיט אומעט און ביטערן טרויער. אַזעלכע מיני דערציילונגען זיינען מסוגל צו דערוועקן רחמנות און מיטלייד ביי יעדן לייענער". און רעדנדיק וועגן דער צווייטער סקיצע, וועגן „וואָס הייסט נשמה", שרייבט ע. גאָלדין, אַז די דערציילונג שטייט נידעריקער לויט איר ווערט פֿון דער ערשטער, הגם אין איר האָבן מיר געפֿונען פֿיל מעלות..." ער דערציילט איבער דעם אינהאַלט און גיט צו: „אויב דאָס איז דער ציל פֿון דעם קינסטלער, ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען, האָט ער עס נישט דערגרייכט. אָבער בכלל וועט די דערציילונג מאַכן אַן איינדרוק אויף די לעזער, ווייל זי איז פֿול מיט געדאַנקען, און די שפּראַך פֿונעם קינסטלער איז גענוג קרעפֿטיק צוצוציען די הערצער פֿון די לעזער..." „בעסער פֿון איר — שרייבט ווייטער ע. גאָלדין — איז די דריטע דערציילונג „דער משוגענער בטלן" — — — די דערציילונג פֿאַרמאָגט אַ שלל פֿון פֿאַרבן געמאָלט דורך אַן אינטעלי־גענטן קינסטלער, וואָס איז באַהאַוונט אין פּסיכאָלאָגיע (חכמת־הנפֿש), און ער האָט גאָר קיין גלייכן נישט. הלואי זאָלן זיך מערן אַזעלכע מיני ביכער אויף אונזער אומגאַנגס־שפּראַך און ס'וועט אויפֿלעבן דער גייסט פֿונעם פֿאָלק".

אין 1892 (תּרנ"ב) האָט פּרץ אַרויסגעגעבן אַ קליין ביכל לידער „פּאָעזיע", אין וועלכן ס'גייען אַריין „כּסא שלמה", „דעם לייבס לויה", „קליינע געדיכטע", „אַן איבערקערעניש" און לידער „פֿריי אויס נאַדסאָן". אויף דעם ביכל האָט שלום־עליכם פֿאַרעפֿנטלעכט אין זיין זאַמלונג „קול מבשר צו דער יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק", אָדעס 1892, אַ בייסנ־דיקע קריטיק, געחתמעט „קריטיקוס דער צווייטער".

דער הויפּט־אַרגומענט קעגן פּרצן איז ווידער־אַמאָל די סתרי־תּורה, די רמזים, די פֿאַרטונקלקייט, וואָס עס שוועבט אויף פּרצעס זאַכן. ש"ע ברענגט ציטאַטן פֿון פּרצעס פּאָעמע „כּסא שלמה" און לאַכט אָפּ פֿון זיי. „פֿון אויבן אויף קומט דאָס אויס אַפֿילו אַביסעלע טונקל, ווייטלעך פֿון פֿאַרשטאַנד, עפּעס ווי אַ מין שפּרוך פֿון אַ מכשף, אָדער אַ סגולה צו צאָנ־ווייטיק, רחמנא ליצלן"... „זאָגט בנאמנות, — שרייבט ש"ע אין זיין בייסנ־דיקן פּאַמפֿלעט קעגן פּרצן — אויב דער פּשוטער לעזער, פֿאַר וועלכן דאָס ביכעלע איז געמאַכט, וועט פֿאַרשטיין". און ער לערנט פּרצן: „פּאָעזיע

באַדאַרף האָבן קודם אַ געדאַנק, און דער געדאַנק באַדאַרף זיין אַרויס־געדעדט אַזוי, אַז מען זאָל פֿאַרשטיין, עס זאָל זיין ביי וואָס אָנצונעמען, ובפֿרט, אַז מען שרייבט פֿאַרן פֿאָלק אין זשאַרגאָן. באַדאַרף מען ערשט זען, עס זאָל עפּעס זיין געזאָגט, נישט גלאַט אַ מישמאַש פֿון משונה־ווילדע הויכע ווערטער, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, פּיזעם, קנאָבל, קובעבע מיט לאַקריץ, ווי, למשל, דאָס צווייטע ליד „דעם לייבס לויה", וואָס איז אויך פֿאַרשטעלט פֿול סודות". (זע אויספֿירלעכער אין קאַפּיטל „פּרץ און שלום־עליכם").

אַזוי פֿאַרשיידן זיינען געווען די מיינונגען פֿון די יידישע שרייבער און קריטיקער וועגן פּרצעס ערשטע העברעאישע און יידישע שאַפֿונגען.

ערשטע יאָרן אין וואַרשע

פּרץ האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע אויף שטענדיק ערשט אין יאָר 1889, אָבער נאָך אין די פֿריערדיקע יאָרן פֿלעגט פּרץ באַזוכן וואַרשע און זיך טרעפֿן דאָרט מיט די משׂכּילים און שרייבער. דאָס רוב זיינען עס געווען קורצע באַזוכן, און פּרץ פֿלעגט גלייך צוריקפֿאָרן אַהיים, קיין זאַמאָשטש. אין די יאָרן 1875־1876 איז פּרצן אויסגעקומען צו פֿאַר־ברענגען אין וואַרשע אַ לענגערע צייט, אפֿשר אַ יאָר און מער. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען ער האָט געהאַלטן ביים צעגיין זיך מיט זיין ערשטער פֿרוי, ג. י. ליכטענפֿעלדס טאָכטער, און, קאָן זיין, אויך נאָכן גט. פּרץ האָט אין יענער צייט געגעבן אין וואַרשע העברעאישע לעקציעס.

פּרצעס יוגנט־פֿריינט שמואל אַשכּנזי דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז אין יאָר 1875, ווען ער איז געקומען קיין זאַמאָשטש, האָט ער זיך באַ־קענט מיט פּרצעס פֿאָטער, ר׳ יהודה פּרץ. ווען ש. אַשכּנזי האָט אין גיכן באַדאַרפֿט פֿאָרן קיין וואַרשע, האָט אים ר׳ יהודה פּרץ געזאָגט, ער זאָל זיך אין וואַרשע באַקענען מיט זיין לייבושן. אין וואַרשע האָט אַשכּנזי אויפֿגעזוכט פּרצן. „דעמאָלט — דערציילט אַשכּנזי — איז פּרץ נאָך נישט געווען באַקאַנט אין דער ליטעראַרישער וועלט, כאָטש ער האָט שוין געשריבן וויכטיקע זאַכן, און דער זשעני איז שוין געווען בוילעט. אויס־געהאַלטן האָט זיך פּרץ אין וואַרשע פֿון העברעאישע לעקציעס. איך האָב מיט אים פֿאַרבראַכט עטלעכע טעג. ער האָט מיר געוויזן פֿיל שירים זיינע אין העברעאיש, און האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק פֿון אַ געניאַלן מענטשן״.

וועגן איינער אַ באַגעגעניש אַרום 1875 גיט איבער נחום סאָקאָלאָוו אין זיינע אַרטיקלען „י. ל. פּרץ״ (פֿאַרעפֿנטלעכט אין „הצפֿירה״ 1915, אַ דריי חדשים נאָך פּרצעס טויט): „אין איינעם אַ זומער־פֿאַרנאַכט — תּרל״ג אָדער תּרל״ה (1873 אָדער 1875) — האָבן זיך באַגעגנט צוויי יונגע־לייט משׂכּילים, איינער שוין אַ יונגערמאַן און דער אַנדערער כּמעט נאָך אַ ייִנגל״. ס׳איז געווען אין וואַרשעווער קראַשינסקי־גאָרטן, אַרום דער גרויסער באַנק, וואו עס פֿלעגן זיך טרעפֿן און פֿאַרברענגען די אַמאָליקע

וואַרשעווער משכּילים. דער עלטערער, פּרץ, האָט דאַן געמאַכט קורצע נאָטיצן אויף קאַרטלעך, און דער ייִנגערער, סאָקאָלאָוו, האָט זיך איינגעקוקט אין אים און געזען וואָס ער שרייבט. „ס'איז געווען פאַר זון־אונטערגאַנג. דער הימל אין מערב־זייט איז געווען אָנגעטרונקען מיט רויטער שיין. פון מינוט צו מינוט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן די טיפע רויטקייט. רויטלעכע וואָלקנס האָבן פאַרשטעלט די זון. די צוויי יונגעלייט האָבן געקוקט אַרויף, די זון האָט זיך געוואָלט אַדורכרייסן דורך די וואָלקנס און נישט געקאָנט. דער יונגערמאַן, וואָס האָט געשריבן, האָט פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־ביכל: „די וואָלקנס רויטלען זיך ווי כּלות, ווייל זייער חתן — די זון — קומט אָן"....

„אין יענער צייט — דערציילט נחום סאָקאָלאָוו — איז פּרץ געווען גלייכצייטיק דאָס „ליבלינג־קינד" און אויך דאָס „שרעקעוודיק קינד" פון יענער גרופּע וואַרשעווער משכּילים. מען פלעגט זאָגן אויף אים „אַ וואונדערבאַרער קאָפּ" און אין איינעם מיט דעם: „פּרא אָדם"; אָבער „פּרא אָדם" נישט מיט אַ שלעכטן און בייזן מיין, נאָר פון ליבשאַפט וועגן, ווי מען זאָגט אַמאָל אויף אַן עילוי, אַז ער איז אַביסל משוגע, און מען וויל אים נישט דערמיט מבזה זיין, נאָר אַדרבא, כּדי אונטערצושטרייכן, אַז ער איז באמת אַן עילוי, און אַן עילוי דאַרף זיין אַביסל משוגע". „....דער עיקר איז געווען, ער האָט אַ גוטן קאָפּ, אָבער ער וויל נישט. ס'האָט אים געפעלט התמדה — ווי מ'פלעגט זאָגן. ער וואָלט געקאָנט זיין אַ מענטש — אָבער, אַ שאָד, וואָס ער איז אָוועק פונעם אַלטן (ג. י. ליכטענפעלד). מען האָט אים ליב געהאַט, אַ גוטער חבר, אַן אָפן האַרץ, אָבער אַ ברויזנדיקס, אַ ברענענדיקס. עך, ווען מען זאָל עס קאָנען איינשטילן, באַרואיקן! — די אַמאָליקע משכּילים האָבן נאָך געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה אין פּסיכאָלאָגיע; זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז אַ ברויזנדיק און ברענענדיק האַרץ דאַרף און מוז ברויזן און ברענען, און ס'איז קיין עצה און קיין תּכלית נישט איבערצואַנדערשן עס". „איך האָב שוין דעמאָלט געזען פּרצן אין גאַנצן מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן און אייגנאַרטן, גאָרנישט איז פון מיר נישט פאַרהוילן געווען. זייערע וואָרצלען האָבן זיך שוין דאַן אין אים באַגעגנט, זיך געפלאָכטן און באַהאַפטן צוזאַמען, און אַלץ איז נאָך דאַן געווען צוזאַמענגעמישט ווי אין אַ קאָכעדיקן טאָפּ... אַ פאַרבאַהאַלטענער, פאַרשטאָפּטער קוואַל, אָבער גילדענע אָדערן האָבן שוין געפינקלט פאַר אַ דורכדרינגענדיק אויג... עס איז שוין געווען פּרץ, זיינע געדאַנקען זיינען שוין געפלויגן ווי מלאכים און שׂרפים, נישט מיד געוואָרן, שוין האָט אין זיין שטורעמדיקן גייסט געדונערט דער דונער און בליצן האָבן געבליצט, און

זיינע בליקן האָבן געשטאָכן און זיין האַרץ האָט געשטרעבט, געגאַרט, און זיין בלוט האָט געשטראָמט אין אים הין און צוריק. וואָס איז דאָן געווען פּרץ? נישט קיין בית־המדרש־זיצער און נישט קיין עילוי, לויט די אַמאָ־ליקע באַגריפן, און אויך נישט קיין באַזונדערס אויסגעצייכנטער משכיל. זיין וויסן איז נישט געווען איבעריק גרויס, ער האָט אַביסל געלייענט, אַביסל געלערנט, אָבער נישט אָפּגעגעבן זיך ספּעציעל מיט ביכער, אויך נישט געזעסן פיל אין לעבן, און נישט געהאַט קיין ספּעציעלע ידיעות אין דיקדוק — און אַ משכיל האָט דאָן געמוזט קענען דיקדוק, — אויך קיין תּלמוד האָט ער כּמעט נישט געלערנט, ער האָט אויך נישט פאַרבראַכט זיין צייט אין לערנען פאַרשיידענע שפּראַכן און לייענען פיל ביכער, — ער איז אָבער געווען אַ וואונדערבאַר־באַגאַבטער מענטש, ער איז געווען אַ פלאַם־פייער, אַ ברענענדיקער און צינדנדיקער פאַקל. ער איז געווען אַ מענטש, וואָס גאָט האָט אים ליב געהאַט און די דיכטונגס־טעכטער האָבן אים געקושט און געהאַלדזט, ער איז געווען אַ פילנדער, עמפּינדלעכער מענטש... — ער האָט פאַרמאָגט אַ התלהבות, וואָס האָט זיך נישט אויס־געלאָשן, פיל פילנדיקע רעגונגען, זיין בלוט און זיין גאַנץ וועזן האָט גערופן, געמאָנט, געשטורעמט, — צי ס׳איז יאָ אָדער נישט געווען קיין דרויסנדיקע סיבה... ער איז נישט געגאַנגען פאַמעלעך זיין וועג אין דער וועלט... נאָר געשוועבט און געפלויגן...״

„...מיר האָבן זיך דאָן צעשיידט — שרייבט נ. סאָקאָלאָוו — און יע־דער איז אַוועק מיט זיין וועג, יונגע, צאַרטע, געבלאָנדזשעט און געוואָגלט. ער איז אַוועק קיין זאַמאָשטש, ער איז אַריין ווי אַ שילדקרויט אין זיין שיידל. ער האָט געדעכנט, ווי יעדער איינער פון אונדז, זיך בילדן, אַנטוויקלען, זיך גרייטן צו העכערער בילדונג — ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט פון אים געוואָרן? וואָלט אפשר צוגעקומען צו די מחנות דאָקטוירים נאָך איין דאָקטאָר. לאָמיר נישט זיין קיין קאָרעקטאָרן פונעם לעבנס־בוך! אַזוי איז עס אָפּגעדרוקט און מ׳דאַרף נישט אַריינקוקן אין לוח פון די טעותים... — פּרץ האָט זיך אומגעקערט קיין זאַמאָשטש, און זיין געמיט האָט אים ווייטער דאָרט געפירט... — ער איז געוואָרן אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט, און זיך געדרייט צווישן מענטשן. ער איז געווען באַשעפטיקט, און איז אַריינ־געדרונגען אין די סאַמע טיפעניש פונעם לעבן, פון גאַס, פון געוועלבער, פון הייזער. אין זיין קליינער שטאָט האָט ער געפונען אַ גאַנצע וועלט — פריידיקע און טרויעריקע דערשיינונגען, אומעט און צווייפל, ליבע און צאָרן. די יידישע בעל־מלאכות און הענדלער, זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער, זיינען יעדן טאָג אַדורך פאַרביי זיין בליק. די אַלע רייכטימער

פון פאָלקס־אוצר, די אַפאָריזמען, גלייכווערטלעך האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים יעדן טאָג. אין לויף פון פיל יאָרן האָט ער זיך געטוקט אין אָט דעם קוועלנדיקן קוואַל... — און דאָס אַלץ איז געווען אַ גוטע צו־גרייטונג פאַר אַזאַ מענטש ווי פּרץ, עס זאָל ווערן פון אים אַ גרויסער יידישער פאָלקס־שרייבער".

עס זיינען אַוועק אַ 10־12 יאָר. פּרץ איז דערווייל צוריקגעקומען קיין זאַמאָשטש, געפּרואווט זיך פאַרנעמען מיט פאַרשיידענע עסקים, אויסגע־האַלטן דעם עקזאַמען פון אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט, חתונה געהאַט מיט נחמה־רחל (העלענע) רינגעלהיים פון לענטשנע, געפירט דערנאָך אַ טעטיק לעבן פון אַ פּאָפּולערן און באַליבטן אַדוואָקאַט, ביז ער האָט לסוף פאַרלוירן דעם „פּאַטענט", געבליבן אָן באַשעפטיקונג און געפאָרן זוכן גליק קיין וואַרשע.

אין די ערשטע עטלעכע יאָרן פון זיין באַשעפטיקן זיך מיט דער אַדוואָקאַטור איז פּרץ אין גאַנצן געווען אַריינגעטאָן אין זיין אַדוואָקאַטור־אַרבעט. ער איז אויך געוואָרן אַריינגעצויגן אין די שטעטלדיקע אינטערעסן און זיך וויניק אָפּגעגעבן מיט שרייבן, און איבערהויפּט מיט שאַפן ענגערע פאַרבינדונגען מיט דער ליטעראַרישער וועלט. ערשט אַרום 1886 הייבט פּרץ אָן זיך צוריק אומקערן צו דער ליטעראַטור, און נאָך אַ הפסקה פון אַ צען יאָר הויבן מיר ווידער אָן צו טרעפן פּרצעס נאָמען אין די העב־רעאישע זאַמלביכער און צייטונגען. „לייבוש — שרייבט פּרצעס ברודער יונה־יהושע — האָט אין יענער צייט געשריבן, אָבער ער האָט נישט גע־האַט קיין פאַרבינדונגען מיט אַן אַרויסגעבער אָדער רעדאַקטאָר. זיינע העברעאישע שריפטן זיינען דערשינען אין „האסיף" דורך אַ צופאַל... איך בין געפאָרן קיין וואַרשע זיך לערנען און כ'האָב — נישט אויף זיין איניציאַטיוו — מיטגענומען זיינע שריפטן. איך האָב געוואוינט אויף דער דזשיקע גאַס ביי אַן אינטעליגענטן „ליטוואַק" מיטן נאָמען אייזענבערג. איך האָב אים צופעליק געוויזן די שריפטן, און אייזנבערג האָט מיך גע־שיקט צו סאָקאָלאָוון... מיטגעבנדיק מיר די שריפטן קיין וואַרשע, האָט מיר לייבוש געזאָגט, אַז קיין האָנאָראַר וויל ער נישט, ווייל ער דאַרף נישט לעבן פון ליטעראַטור. „אויב עס וועט דיר אויספעלן אויף אויפצוהאַלטן זיך אין וואַרשע, און מען וועט דיר באַצאָלן פאַר די שריפטן, מהיכי תיתי, נעם!" — האָט מיר לייבוש געזאָגט" („פאָרווערטס", 1930, 13 אַפּריל).

וועגן איינעם פּרצעס אַ באַזוך אין וואַרשע, אין יאָר 1886, דערציילט ש. ל. ציטראָן פאָלגנדיקס: פּרץ איז דאַן געקומען צו פאָרן פון זאַמאָשטש אויף עטלעכע טעג און ער האָט באַזוכט די רעדאַקציע פונעם העברעאישן

יאָרבוך „כּנסת ישראל״, וואָס ש. פּ. ראַבינאָוויטש האָט דאַן געגרייט צום דרוק. „פּרץ — דערציילט ש. ל. ציטראָן — האָט זיך דעמאָלט פאַר מיר שטאַרק באַקלאָגט אויף זיין גייסטיקער עלנטקייט אין זאַמאָשטש, אויף זיין אָפּגעריסנקייט פון ליטעראַטור און פון שרייבער; ער האָט נישט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. וואָלט אים ווער געוועקט, געמונטערט, וואָלט ער געוויס פיל אָפטער געשריבן. געדאַנקען האָט ער געהאַט פּעק, דערהויפּט וועגן דער משונהדיק־ווילדער קינדער־דערציאונג אין פּוילן. די מאַנסבילן זיינען אומוויסנד, פאַנאַטיש, אַבערגלויבעריש, און די פרויען „בילדן״ זיך כּלומרשט, לערנען שפּראַכן און קריגן באַלד פיינט טאַטע־מאַמע. אין גרויס־פּוילן איז ער נישט לאַנג געווען, האָט ער דאָרט געזען טעכטער פון די שענסטע יידישע הייזער ראָמאַנסירן מיט אולאַנער־אָפיצירן און האָסן דאָס אייגענע פאָלק, ווי דעם טויט. דעם איינדרוק, וואָס דאָס האָט אויף אים גע־מאַכט, האָט ער איבערגעגעבן אין זיין שיר, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן פאַרן „כּנסת ישראל״: „לעלמה העבריה והיא מתנכּרה״. דעם דאָזיקן גע־דאַנק האָט פּרץ נאָך טיפער אַנטוויקלט דעם זעלבן טאָג אין שאול־פּנחס ראַבינאָוויטשעס וואוינונג. דערביי איז אויך געווען דער באַוואוסטער יידי־שער דראַמאַטורג אַברהם גאָלדפאַדען, וועלכער האָט פאַר אונדז דעקלאַמירט זיין באַקאַנטע פּאָעמע „דער שטיין פון הארצן״. איך געדענק, אַז פּרץ איז נישט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן דער אינהאַלט פונעם געדיכט גופא, ווי גאָלדפאַדנס קינסטלערישע דעקלאַמאַציע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלגעמיינער געשפּרעך וועגן דעם יידישן טעאַטער, און פּרץ האָט באַנוצט די געלעגנהייט אויפצוואַרפן גאָלדפאַדענען זיין „שמענדריק״ מיט די „צוויי קונע לעמלעך״ אאַז״וו. — אַז איך וואָלט געהאַט אייער טאַלאַנט, — אַזוי האָט זיך פּרץ דעמאָלט אויסגעדריקט — וואָלט איך געבויט מיינע דראַמעס צי קאָמעדיעס אויף פיל וויכטיקערע און אמתערע זייטן פונעם לעבן. אָט נעמט, למשל, די סיסטעמלאָזיקייט פון אונדזער קינדער־דערציאונג אין פּוילן... און פּרץ האָט גאָר פונדאַסניי געגומען רעדן אויף דער דאָזיקער טעמע, און גערעדט האָט ער אַזוי שיין און מיט אַזוי פיל התלהבות, אַז ער האָט באַגייסטערט אַפילו דעם טרוקענעם, פלעגמאַטישן שפ״רן. גאָלדפאַדען, געדענק איך, האָט זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר זיינע „העלדן״ און געוואָלט אויפווייזן, אַז זיי זיינען לגמרי נישט קיין קאַריקאַטורן, נאָר אמתע באַשעפענישן, גענומען פונעם לעבן, פונעם וואָליניש־יידישן לעבן, צוגעריכט צוליבן עפעקט מיט פאַרשיידענע מינים טעאַטער־קרייטעכער. פּרץ האָט זיך מיט גאָלדפאַדענען לאַנג מתווכח געווען, האָט אָפּגעשלאָגן אַלע זיינע טענות און פאַרגעלייגט אַ גאַנצע רשימה בילדער, וועלכע קאָנען און

דאַרפֿן אָנגעטאָן ווערן אין דראַמאַטישע פֿאָרמען און פֿאַרגעשטעלט ווערן אויף דער יידישער בינע. אַז איך דערמאָן זיך איצטער אָן יענער בילדער־גאַלעריי, געפֿין איך צווישן זיי עטלעכע אַזעלכע, וואָס האָבן שפּעטער מיט דער צייט פֿיל מיטגעווירקט צו פּרצעס גרויסקייט".

„די אייניקע טעג, וואָס פּרץ האָט דעמאָלט פֿאַרבראַכט אין וואַרשע, וואו ער איז שוין נישט געווען פֿון עטלעכע יאָר, און די אויסרעדעניש, וועלכע זיינען אים דאָרט אויסגעקומען צו הערן פֿון פֿאַרשיידענע זייטן, פֿאַרוואָס ער פֿאַרלאָזט זיין פּען, האָבן אויף אים געווירקט, אַז, קומענדיק צוריק קיין זאַמאָשטש, זאָל ער זיך נעמען מיט אַ באַזונדערן חשק צו ליטע־ראַרישער אַרבעט. אַזוי האָט ער מיר מודיע געווען אין זיין ערשטן בריוו. דערביי האָט ער מיך געבעטן שרייבן אים וועגן יעדער נייער ליטעראַרי־שער דערשיינונג, וואָס באַווייזט זיך, אָדער וועגן וועלכער עס ווערט גע־רעדט צווישן אין וואַרשע. לויט זיין בקשה האָב איך זיך פֿאַר אים אַבאָנירט ביי דעם אַלטן נחמיה טשערנאָוויטש אויף ד״ר י. ל. קאַנטאָרס „היום". ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און אינעם פֿעליעטאָן פֿון „היום" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן פּרצעס אַ פּראַכטפֿולע חסידישע דערציילונג מיטן נאָמען „הקדיש". (ש. ל. ציטראָן — „דריי ליטעראַרישע דורות", באַנד ו, זז׳ 131־132).

אין 1888 האָט פּרץ פֿאַרלוירן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן אַלס אַד־וואָקאַט. פּרץ פֿאַרלאָזט דאַן אויף שטענדיק זיין געבוירנשטאָט זאַמאָשטש און פֿאָרט אַריבער קיין וואַרשע.

ס׳קומט פֿאַר אַ שטאַרקער איבערברוך אין פּרצעס לעבן.

„פּרץ — גיט איבער אין זיינע זכרונות מרדכי ספּעקטאָר — איז דאַן געווען טרויעריק, דערשלאָגן און פֿאַרזאָרגט. ער האָט דאַן איבערגעלעבט אַ שווערע קריזיס־צייט".

וועגן פּרצעס שרעקלעכער פֿאַרצווייפֿלונג און פֿאַרלוירנקייט האָבן מיר אַ גאַנץ גענויע באַשרייבונג פֿון פּרצן גופֿא אין זיינע צוויי לאַנגע בריוו צו זיין פֿריינט און חבר משה אַלטבערג („בריוו און רעדעס", זז׳ 129־131).

ער האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע ציטווייליק ביי זיינעם אַ קרוב אַן אַדוואָקאַט. ווי מ. י. פֿרייד האָט מיר דערציילט, האָט פּרץ לכתחילה דעם אַדוואָקאַט אַביסל צוגעהאָלפֿן אין זיין אַרבעט. אין דער ערשטער צייט איז פּרץ געווען אַ טיכטיקער טוער אין דער חברה „שׂפֿה ברורה". פֿאָרזיצער איז געווען דער באַקאַנטער העברעאישער שרייבער הנ״ץ (נ. ה. ניימאַ־נאָוויטש), און פּרץ, ווי מ. י. פֿרייד זאָגט, איז געווען דער סעקרעטאַר. אין אַ שול אויף נאַלעווקיס 41 פֿלעגט פּרץ האַלטן פֿאָרלעזונגען אין העב־

רעאַיש. מ. י. פֿרייד האָט געהערט איין פֿאַרלעזונג פֿון פּרצן וועגן דער יידישער (העברעאישער) ליטעראַטור און דעם יידישן פֿאָלק. וועגן פּרצעס פֿאַרלעזונגען דערציילט אויך ד״ר גרשון לעווין אין זיין בוך „פּרץ. — אַביסל זכרונות״ (ז׳ 17־18): „שבת, 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג, בין איך מיט עטלעכע קאָלעגן (סטודענטן) געגאַנגען אין שול אַריין, דאַכט זיך, אויף די נאַלעווקיס. דאָרט האָבן מיר געטראָפֿן נישט קיין גרויסן עולם, אַממייסטן יונגעלייט. אין מיטן שול, אויף דער בימה, איז געשטאַנען אַ יונ־גערמאַן, וועלכן מ׳האָט געקאָנט געבן אַ יאָר 30 (פּרץ איז דאַן אַלט געווען אַ 37 יאָר. — נ. מ.) מיט אַ בלאָנד בערדל, מיט ענערגיש־לײדנשאַפֿטלעכע ליפּן און מיט אַ פּאָר גרויסע שיינע אויגן, פֿון וועלכע איך האָב מיך פּשוט נישט געקאָנט אָפּרייסן. דאָס איז געווען יצחק־לייבוש פּרץ. ער האָט זייער פֿליסיק גערעדט אַ שיינעם העברעאיש, מיט וועלכן ער האָט אונדז זייער אימפּאָנירט. די השכלה־טעמע, אויף וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זי באַאַרבעט פֿון אַלע זייטן, די טעמע האָט אויף אונדז סטודענטן גראָד נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם, מיר האָבן אייגנטלעך דערוואַרט עפּעס אַנדערש...״

מערער וועגן פּרצעס העברעאישע אויפֿטריטן אין יענער צייט האָב איך איבערגעגעבן אין „בריוו און רעדעס״ פֿון י. ל. פּרץ (זז׳ 360־361).

„דער אָנהויב פֿון פּרצעס לעבן אין וואַרשע — דערציילט נחום סאָקאָלאָוו אין זיין דערמאָנטער סעריע אַרטיקלען — איז געווען זייער אַ שווערער. אין דער אַדוואָקאַטור איז פֿאַר אים קיין אָרט נישט געווען; די העברעאישע קענטענישן, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, זיינען געווען צו־געפּאַסט פֿאַר אַ העברעאישן שרייבער אָדער לערער, אָבער די ביידע זאַכן האָבן נישט געשטימט מיט זיין כאַראַקטער, געשמאַק, טאַלענט און באַ־דערפֿענישן״.

דערווייל ווערט פּרץ זייער גיך אַריינגעצויגן אין די אינטעליגענטע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן פֿון וואַרשע. ד״ר גרשון לעווין גיט איבער אין זיין בוך וועגן איינעם אַן אָוונט, אויף וועלכן ער האָט זיך געטראָפֿן אין יענעם יאָר מיט פּרצן. עס איז געווען ביים ד״ר מינץ, אויף טוואַרדע גאַס 20.

„איין מאָל אין דער וואָך, שבת־צו־נאַכטס, פֿלעגן ביים ד״ר מינץ אין דעם שיינעם גרויסן זאַל זיך צו פֿאַרזאַמלען עטלעכע יידישע דאָקטוירים, אַ פּאָר וואַרשעווער און פּלאָצקער משׂכּילים, עטלעכע דאַמען, אייניקע סטו־דענטן און סטודענטקעס (פֿון אויסלענדישע אוניווערסיטעטן). דאָס זיינען,

דאַכט זיך, געווען די ערשטע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער יידישער אינטעליגענץ אין וואַרשע.

אויף די פֿאַרזאַמלונגען האָט מען באַרירט פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן, מען האָט דיסקוטירט מכּוח ליטעראַטור און קונסט, מען האָט געזונגען, געשפּילט, זיך געוויצלט, און נאָך אַ גוטן, לוסטיקן נאַכט־עסן זיינען גאַנץ אָפֿט אָפֿילו פֿאָרגעקומען אימפּראָוויזירטע טענץ.

גערעדט האָט מען זעלבסטפֿאַרשטענדלעך פּויליש, אַז מען האָט זיך אָבער אַרויסגעכאַפּט מיט אַ יידיש וואָרט, האָט מען נישט פֿאַרשטיינערט. מען האָט זיך אָפֿילו געקאָנט דערלויבן צו דערציילן אַ יידישן וויץ, די אינטעליגענץ האָט זייער האַרציק געלאַכט, בפֿרט ווען דער דערציילער איז געווען אַזאַ אויטאָריטעט, ווי נחום סאָקאָלאָוו.

„ווען איך בין אין אָוונט געקומען צו ד״ר מינץ, האָב איך שוין דאָרט געטראָפֿן די גאַנצע געזעלשאַפֿט, וואָס שטענדיק. פּנים חדשות זיינען געווען פּרץ און יעקב דינעזאָן. אָן דעם הוט, מיט דעם שיינעם רבנישן שטערן, האָט פּרץ אין סאַלאָן געמאַכט נאָך אַ בעסערן איינדרוק ווי אין דער שול.

„איך האָב באַמערקט, אַז פּרץ פֿאַרנעמט שוין אין דער געזעלשאַפֿט דעם ערשטן פּלאַץ, אַז ער בילדעט שוין די אַקס, אַרום וועלכער ס׳האָט זיך געדרייט דער גאַנצער געשפּרעך. זיין שאַרפֿזין, זיין בליצאַרטיקער וויץ, זיין שלאַג־וואָרט האָט צו אים צוגעצויגן. וואָס אמת איז, ער האָט אויך מייסטערהאַפֿט געשטאָכן און סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט, אָבער קיינער האָט עפּעס קיין פֿאַראיבל נישט געהאַט אויף אים, ווי איינער זאָגט: ע ר מעג.

„וואָס פֿאַר אַ געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגע מען האָט נישט באַרירט, האָט פּרץ אַרויסגעוויזן אין איר גרויס בקיאות. זיין מיינונג איז געווען גאַנץ אָריגינעל, ער האָט אַרויסגעזאָגט עפּעס אייגנס...״

„נאָכן אָוונט־ברויט, ביי וועלכן פּרץ האָט ווידער געשפּילט די ערשטע פֿידל מיט זיין וויץ און לעבעדיקן טעמפּעראַמענט, האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפֿט צעטיילט אויף פֿאַרשיידענע קליינע גרופּעס. נחום סאָקאָלאָוו האָט פֿאַרדרייכערט אַ גוטן האַוואַנער און אַרום אים האָט זיך געבילדעט אַ קרענצל נייגיריקע, פֿאַר וועלכע ער האָט אַנטפּלעקט סודות פֿון דער וועלט־פּאָליטיק, ווי אַ געניטער דיפּלאָמאַט... די סטודענטן האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן, און פּרץ האָט אויך גאַנץ שיין דורכגעטאַנצט אַ וואַלס...״

„שוין דאַן האָט זיך פּרץ אַרומגעטראָגן מיט פֿאַרשיידענע פּלענער וועגן אַרויסגעבן זאַמלביכער, זשורנאַלן. גרשון לעווין גיט איבער ווייטער, אַז פּרץ האָט זיך מיט אים אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, לעבן אַ פֿענצטער

און פֿאַרפֿירט אַ שמועס. פּרצן האָט זייער אינטערעסירט דאָס סטודענטן־לעבן אין וואַרשע, די באַציאונגען צווישן יידישע און קריסטלעכע סטודענטן, די ברענענדיקע פֿראַגע מכּוח די „ליטוואַקעס" און פֿאַרשיידענע אַנדערע לאָקאַלע געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן... „מיר זיינען אַריבער אויף ליטעראַטור, און פּרץ האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט בדעה אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אין יידיש אונטערן נאָמען: „די יידישע ביבליאָטעק" און דערקלערט די צילן, וועלכע ער פֿאַרפֿאָלגט דערמיט. די מאָטיוון זיינען געוועזן די זעלבע, וועלכע ער האָט שפּעטער אַרויסגעזאָגט אינעם לייט־אַרטיקל פֿונעם ערשטן באַנד „בילדונג" (דאָרט, ז' 22).

אויך נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען זייער נאָענט צו פּרצן מאָלט זיין בייזיין אויף די פֿאַרשיידענע צונויפֿטרעפֿן פֿון דער וואַרשעווער משׂכּילישער אינטעליגענץ: „כּמעט קיין איין מאָל האָט פּרץ נישט פֿאַר־פֿעלט צו קומען. דאַן איז שוין קלאָר געוואָרן זיין גייסטיקער פּרצוף. אַ קוואַל פֿון לעבן האָט שטענדיק געשלאָגן פֿון אים. ער איז תּמיד געווען יונג, מונטער, באַגייסטערט און קרעפֿטיק. נישט שטענדיק האָט זיין ליכט געפֿירט און באַוויזן דעם ריכטיקן וועג, אָבער תּמיד האָט זיין ליכט געשטראַלט, געלויכטן. דאָרט האָבן שוין דאָס רוב אָנשויאונגען זיינע געפֿונען אַ קלאָרן אויסדרוק". („הצפֿירה", 1915, ז' 142).

אַזוי האָט זיך פּרץ אַנטפּלעקט אין דער דעמאָלסטיקער יידישער וואַרשע און גענומען אַרויסרוקן זיך צו פֿאַרנעמען גאָר אינגיכן אַ צענטראַלן אָרט, דעם מיטלפּונקט אינעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן און קינסט־לערישן יידישן לעבן.

אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע

פּרץ איז געקומען פֿון זאַמאָשטש קיין וואַרשע „אַן אַ גראַשן געלט און מיט חובות איבער די אויערן" (יונה־יהושע פּרץ אין „פֿאָרווערטס"). גלייך ביים אָנהויב איז געשטאַנען פֿאַר אים די פֿראַגע, ווי־אַרום צו באַקומען אַרבעט. און אָט רוקט זיך אונטער אַ געלעגנהייט: דער באַוואוסטער עקאָנאָמיסט און פֿילאַנטראָפּ יאַן בלאָך אָרגאַניזירט דאַן אַ סטאַטיסטישע עקספּעדיציע איבער די יידישע שטעטלעך אין פּוילן מיטן צוועק אויסצופֿאָרשן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די יידן. יאַן בלאָך (אַגב, אַ משומד, אָבער מיט געוויסע פֿאַרדינסטן אין קאַמף פֿאַר דער יידישער גלייכבארעכטיקונג אין צאַרישן רוסלאַנד אין יענע יאָרן) האָט באַדאַרפֿט די סטאַטיסטישע ידיעות צוליב זיינע מעמאָריאַלן, וואָס ער האָט צוגעשטעלט דער רעגירונג מיט דער האָפֿענונג אָרויסצובאַקומען פֿאַרלייכטערונגען פֿאַר דער רעכטלאָזער לאַגע פֿון די יידישע פֿאָלקסמאַסן. יאַן בלאָך האָט געעפֿנט ביי זיך אין הויז אין וואַרשע אַ ביוראָ, איינגעלאַדן אַ ריי מיטאַרבעטער און איינגעטיילט די אַרבעט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. צווישן אַנדערע איז אויך נחום סאָקאָלאָוו (דער דעמאָלטיקער רעדאַקטאָר פֿון דער העברעאישער „הצפֿירה") געווען באַשעפֿטיקט אין דער עקספּעדיציע. אים איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויספֿאָרשונג פֿון ערד־אַרבעט ביי די פּוילישע יידן, איר געשיכטע און צושטאַנד צו יענער צייט. אָט די עקאָנאָמישע אויספֿאָרשונגען פֿון יאַן בלאָך האָבן באַשעפֿטיקט אויך פֿיל אַנדערע יידישע שריפֿטשטעלער, און איניקע פֿון זיי זיינען דעלעגירט געוואָרן אין די יידישע שטעטלעך אויפֿצוזאַמלען אויפֿן אָרט די נויטיקע ידיעות. „צווישן אָט די אַלע — שרייבט נחום סאָקאָלאָוו אין זיין סעריע אַרטיקלען נאָך פּרצעס טויט („הצפֿירה", 1915, נ' 139) — איז אויך געווען פּרץ. איך געדענק, אַז ווען עס פֿלעגן אָנקומען זיינע ענטפֿערס און באַמערקונגען, זיינען איניקע פֿון די ביוראָ־אַרבעטער געווען צופֿרידן און איניקע זיינען געווען אויפֿגעבראַכט: צופֿרידן זיינען געווען די וואָס האָבן גוט געקענט די יידישע מאַסן, און האָבן ליב געהאַט אַן אָריגינעל וואָרט, אַ ריכטיקע באַמערקונג, אַ שאַרפֿן שטריך. אומצופֿרידן זיינען געווען די, וועלכע האָבן פֿאַרלאַנגט

דורכאויס ציפֿער, טרוקענע ידיעות. אין פּרצעס מיטטיילונגען איז געווען אַ געמיש: ליטעראַטור און ציפֿער, אויך סטאַטיסטיק, אָבער מער פֿון אַלץ — באַהאַרצטע איינדרוקן פֿון אַ פּראָווינצער ייד, וואָס פֿילט און קען גוט די פּראָווינץ. די „בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט", וועלכע זיינען דערנאָך פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין פּרצעס „די יידישע ביבליאָטעק" באַנד 2, זיינען עס אַ רעזולטאַט פֿון אָט דער נסיעה".

וועגן פּרצעס אָנטייל אין די אַרבעטן פֿון דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע דערציילט אויך ד"ר גרשון לעווין, וועלכער האָט אויך מיטגעהאָלפֿן ביים באַאַרבעטן די סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן. „אין אַ סך שטעט און שטעטלעך — שרייבט ג. לעווין (פּרץ — אַ ביסל זכרונות ז' 31) — האָבן זיך געבילדעט קאָמיטעטן, וואָס האָבן געזאַמלט מאַטעריאַל פֿאַר דער סטאַטיסטיק און האָבן עס איבערגעשיקט קיין וואַרשע, וואו מיר, עטלעכע סטודענטן מיט פּרצן אין דער שפּיץ, האָבן עס באַאַרבעט. דאָס מאַטעריאַל איז געווען זייער אינטערעסאַנט נישט נאָר דערפֿאַר, ווייל מען איז פֿון אים געוואויר געוואָרן, אַז יידן אין פּוילן גיבן אַ גרויסן פּראָצענט האַנטווערקער און אַרבעטער, נאָר אויך דערמיט, וואָס אין אים האָט זיך אַביסל אָפּגעשפּיגלט די פּסיכאָלאָגיע פֿון די יונגעלייט, משכּילים, וואָס האָבן זיך באַשעפֿטיקט מיט זאַמלען מאַטעריאַלן. די זאַמלער האָבן צוגעשריבן אַ סך זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין שום שייכות מיט דער סטאַטיסטיק, און האָבן כמעט צו יעדן פֿון די אָפּגעשריבענע צוגעגעבן אַ קליינע כאַראַקטעריסטיק... אין אַ סך ערטער איז פּרץ אַליין געפֿאָרן זאַמלען ידיעות".

אין זיין גרעסערער דערציילונג „יוסיל המשוגע" (ערינערונג פֿון דער צייט פֿון דער עקספּעדיציע), וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „התקופה" (כרך כו'־כז' 1930), דערציילט ער בדרך־אַגב וועגן איינער אַ געמיינזאַמער נסיעה מיט פּרצן. „מיר האָבן אָפּגעמאַכט פֿונאַנדערצעטיילן צווישן זיך די אַרבעט. פּרץ איז געווען אַ ספּעציאַליסט אויף ענינים פֿון „ער און זי", אויף די מנהגים פֿון די פֿאָלקסמאַסן, אויף די געריכטלעכע אָנגעלעגנהייטן (ער איז דאָך געווען פֿריער אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט), אויף סיכסוכים מיט דער רעגירונג. איך האָב זיך מער ספּעציאַליזירט אויף די בית־המדרש־בחורים, יונגעלייטלעך, רבנים, חסידים, משכּילים. אונדזער אָפֿיציעלע אויפֿגאַבע איז געווען צו געפֿינען יידישע פּויערן, פּינקטלעכער — „די איבערבלייבענישן פֿון די יידישע קאָלאָניסטן אין פּוילן" פֿאַר יאַן בלאָך, וואָס האָט זיך דערמיט באַשעפֿטיקט צוליב פֿאַרטיידיקונגס־צוועקן, —כדי אויפֿצואווייזן אין די הויכע פֿענסטער, אַז יידן פֿאַרנעמען זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. אָבער אונדזער פּריוואַטע, פּערזענלעכע אויפֿגאַבע

איז געווען: וואַנדערן איבער דעם יידישן וועלטל, אָפּפרישן די קינדער־ערינערונגען און אופנעמען נייע איינדרוקן. בנוגע דער פּאַרטיידיקונג זיינען מיינע מיט פּרצעס מיינונגען גלייך געווען, אָבער אונדזערע כאַראַקטערן זיינען געווען גאַנץ פאַרשיידן. מיר האָבן ביידע פאַראויסגעזען, אַז די פּאַרטיידיקונג איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, זי וועט העלפן ווי אַ בלינדן ברילן אָדער ווי אַ טויטן באַנקעס. פּרץ, דער דיכטער, האָט זיך לכתחילה אויפגערעגט, אויפגעצאַרנט, דערנאָך אין מיטן אויפפלאַקערן איז ער פאַרלאָשן געוואָרן. פאַר אונז ביידע איז די אַרבעט געווען אַ תּכלית, נישט קיין מיטל. איך בין דאַן געלעגן ווי אַ שילדקרויט אין שאָלעכץ פון ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. איך האָב געוואָלט צעברעכן די ווענט פון מיין תּפיסה און אַרויסרייסן זיך אויף דער פריי, זיך אַ ביסל אויסלופטערן, אַזוי אויך האָט פּרץ זיך אַרויסגעריסן פון זיין באַהעלטעניש, כדי אַרומצוּוואַנדערן אַזוי פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף. עס איז געווען אַ מין רייזע פון יידישע דאַן־קישאָטן, פיל אינטערעסאַנטער פון מענדעלעס מוכר־ספרימס וואונדערלעכער און מערקווירדיקער רייזע...״ (געמיינט זיין „מסעות בנימין השלישי״ — נ. מ.).

אָפּשטעלנדיק זיך אין דער דערמאָנטער דערציילונג אויף דער סענסאַציע, וואָס די מיטגלידער פון דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע האָבן אַרויסגערופן אין די שטעטלעך, דערציילט נחום סאָקאָלאָוו, אַז פּרץ מיט זיין אויסזען האָט דערוועקט מורא ביי די פּראָווינצער יידן. „פּרצעס וואָנצעס, די האַלב־ניטשעאַנישע און האַלב טאַראַס־בולבעשע, האָבן געשראָקן און אויפגערודערט, נישט געקוקט אויף דעם ליבן, פריידיקן און קלוגן שמייכל, וואָס האָט גערוט אויף די דיקע ליפּן... חוץ די וואָנצעס, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די יידן, איז נאָך פּרץ געגאַנגען אין אַ קורצער פּעלערינע, וואָס איז אים געהאַנגען אויף די פּלייצעס און איז געווען פאַרשפּיליעט נאָר ביים האַלדז. איך האָב זיך ביי אים געבעטן: „האָב רחמנות! מען וועט אָט דעם מלבוש נישט פאַרשטיין אין אַ יידיש שטעטל, דו וואַרפסט דערנער אויף אונזער וועג, אונזער גאַנצע שליחות וועט זיך נישט איינגעבן צוליב דעם!״ אָבער ער האָט זיך איינגעעקשנט דווקא און נאָר די פּעלערינע. און עס איז טאַקע אַזוי געשען: די לומדים האָבן זיך מפלפל געווען, צי מעג מען טראָגן אַזאַ מין פּעלערינע אום שבת, ווייבאַלד זי איז אַן אַרבל, און אַז דער ווינט בלאָזט, הויבט זי זיך אויף, ווי אַ זעגל ביי אַ שיף, און זי וואַרעמט נישט, און אפשר איז זי גאָר אַ מין משא. און איינער אַ ליטישער באַלעבאָס, אַ שטיקל משכיל (געהאַט אַ קראַנקע לעבער, איז ער אַ פּאָר מאָל געפאָרן קיין קאַרלסבאַד, און ווען ער איז

צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, איז זיין וועלט־אַנשויאונג געוואָרן ברייטער) האָט מיר געזאָגט: „מילא, לאַנגע קליידער אָדער קורצע, אַ יידישער אָדער אַ גויישער גאַנג — דאָס איז פאַרשטענדלעך, מיך אַרט עס נישט, אָבער אַזאַ מין בגד קאָן איך לחלוטין נישט פאַרשטיין!" און ווער ווייסט וויפל דער־נענטערונג מיר וואָלטן דאַ געפונען, ווען נישט אַט דער אָפּהאַלט, — פּרצעס פּעלערינע! פאַרפאַלן, ס'איז קיין עצה נישט געווען!..."

ווי מרדכי ספּעקטאָר, וואָס איז דאַן געשטאַנען נאָענט צו פּרצן, גיט איבער אין זיינע זכרונות, איז פּרץ געווען שטאַרק צופרידן מיט אַט דער אַרבעט פון דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע. שוין לאַנג האָט פּרצן זיך געוואָלט באַקענען מיטן לעבן פון די יידישע מאַסן אין דער פּוילישער פּראָ־ווינץ. אין די פּאָר חדשים, וואָס ער איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט־לעך, האָט „ער באַזוכט די קליינע אָרעמע שטיבלעך פון די יידישע בעל־מלאכות, אויסגעפרעגט, ווי די בעל־מלאכות לעבן, וויפל זיי פאַרדינען, וויפל שעה זיי אַרבעטן... די באַציאונג פון די באַזוכטע יידן צו די סטאַ־טיסטיקער איז צוערשט געווען אַ קאַלטע, אַ פרעמדלעכע. דאָס ערשטע מאָל איז זיי אויסגעקומען צו זען, ווי אַן אינטעליגענט, „אַן אויסגעפּוצטער יידישער פּריץ", זאָל קומען צו זיי אין שטוב אַריין און זיך אינטערעסירן מיט זייער שווער אָרעם לעבן. אין אָנהייב האָבן זיי דעריבער געקוקט אויף דעם יידישן פּריץ מיט חשד. אויף אַזאַ חשד האָט אויך פּרץ זיך אָנ־געטראָפן כמעט אין יעדער שטאָט. דערנאָך אָבער, באַקענענדיק זיך נענטער מיט אים, און הערנדיק, ווי ער רעדט מיט זיי נישט אויף פּויליש, ווי דער שטייגער איז געווען פון די אינטעליגענטע פּוילישע יידן, נאָר דווקא אויף פּראָסט־יידיש, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פילן מיט אים היימישער... די רייזע איבער די פּוילישע יידישע שטעטלעך האָט אויף פּרצן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. און אַ צייט לאַנג האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם טרויעריקן שווערן לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. און דער־ציילנדיק וועגן דעם אָלעמען, וואָס ער האָט געזען און געהערט בעת זיין רייזע, פלעגט ער זאָגן, אַז אין דער שרעקלעכער אָרעמקייט, פּיין און זאָרג, האָט ער געפונען שיינע נשמות, גרויסע נשמות..." „באַלד נאָך דער רייזע האָט פּרץ אָנגעשריבן זיינע „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע" און נאָך אייניקע דערציילונגען „פונעם לעבן אין די קעלער־שטובן". „עס איז געווען צו באַמערקן, — גיט צו מ. ספּעקטאָר, — אַז אַ דאַנק דער רייזע האָט זיך דער זשאַנר פון זיין שרייבן אויף אַ סך געביטן".

אין די „רייזע־בילדער", אָדער ווי פּרץ רופט זיי אָן אין דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק": „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט אין 1890 יאָר", באַווייזט אונז פּרץ דאָס יידישע שטעטל אין אַ גאָר נייער אויפפאַסונג. די פריערדיקע יידישע שרייבער זיינען געקומען פון קליינשטעטל גופא און זיי האָבן דאָס שטעטל געזען און געוויזן פון אינעווייניק אַרויס. זיי האָבן דאָס קליינשטעטל געגעבן אין זייערע ווערק ווי אַ פאַרענדיקטס, אַ פאַרגליווערטס, אַן אָפּגעשלאָסנס. דער שרייבער גופא איז אין די ווערק אַן אָרגאַנישער טייל פונעם שטעטל. פּרץ אָבער קומט אין זיינע רייזע־בילדער פון דער זייט. פאַר אים איז שוין דאָס שטעטל אַן אַנדערע וועלט, אַן אָוועקגייענדיקע, אַ דעגענערירנדיקע. פּרץ באַזוכט עס ווי אַ גאַסט, קוקט אויף דעם מיט די אויגן פון אַ צוקוקער. ער איז טאַקע אַראָפּגעקומען צום קליינשטעטל לויט אַ באַשלוס. פּרץ שרייבט אין דער פאָררעדע צו די „רייזע־בילדער": „...עס איז געבליבן ביי אונז, אַז מען דאַרף זיך גוט באַקענען מיטן געוויינלעכן וואָכעדיקן יידישן לעבן, זעען וואָס עס טוט זיך באמת אין די קליינע שטעטלעך, אויף וואָס מען האָפט, פון וואָס מען לעבט, וואָס מען טוט..."

אין אָט דער קורצער פאָררעדע גיט פּרץ אין עטלעכע ווערטער דעם דעמאָלסטיקן גייסטיקן צושטאַנד, די שטימונג, וואָס האָט דאַן באַהערשט די געמיטער. „עס איז געווען — שרייבט פּרץ — אין סוף פון די גוטע און אין אָנהויב פון די שלעכטע צייטן. אויפן הימל האָבן זיך געוויזן שוואַרצע כמאַרעס. נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער רוח — דער צייט־גייסט, מיין איך — וועט זיי לייכט פאַרטרייבן, און זיי וועלן ערגעץ אויסגיסן זייער האַרץ אין מדבר. אין אייראָפּעס פיין־געהאַלטענעם וויינגאָרטן האָט דער ביטערער וואָרצל שוין געשפּאָלטן די ערד און אַרויסגעשיקט זיינע שטעכעדיקע פאַרסמטע שפּיצלעך. נאָר אָט־אָט, טראַכט מען, דערזעען עס די גערטנער און רייסן עס אויס מיטן שורש... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ניינצנטער יאָרהונדערט האָט זיך אויף דער עלטער נאָר אַ ביסל פאַרקילט, אַ ביסל היץ געקריגן, נאָר עס זאָל זיך פון דעם מאַכן אַ שווערע קרענק, אַ שגעון, — האָט זיך קיינער נישט געריכט..."

אָט אַזוי בילדלעך און אַלעגאָריש שרייבט פּרץ וועגן סאָציאַלער אומרעכט אָן ספק צוליב צענזור־טעמים.

און דאָס איז דער אַקאָרד פון די רייזע־בילדער, וואָס איז ביי פּרצן געגעבן, ווי אַ מאָטאָ צום ווערק: „געווידמעט די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט, נאָר לײדער, נישט געקאָנט העלפן".

טרויעריק און דערשלאָגן זיינען די שטעטלעך ביי מענדעלען און שלום־עליכמען, אָבער ביי זיי זיינען זיי נאָך אַ יש, אַ גאַנץ וועזן, וואָס האָט אַן אייגן, אייגנטימלעכן לעבן מיט אייגענע פאָרמען און געזעצן. פּרצעס שטעטל איז שוין צעפאַלן, צעברעקלט. עס גייען דאָרט אויס איינציקווייז די לעצטע ליכטלעך. ביי מענדעלען איז פאַראַן אַן עדה, וואָס לעבט אַ גע־מיינזאַם פאַרגליווערט לעבן. ביי שלום־עליכמען איז די זעלבע עדה אין באַוועגונג. פּרץ זעט שוין בלויז איינצלנע בילדער, בילדער פון שטעטל. אויך זיין באַציאונג צום שטעטל איז שוין אַן אַנדערע. מענדעלע קוקט אויף דעם שטעטל ווי אַ בייזער פאָטער און אַפּטמאָל מיט רחמנות־געפילן פון אַ האַרציקן ייִדן, שלום־עליכם — מיט אַ קלוג־שטיפעריש, טרויעריקן שמייכל, פּרץ איז שוין איבערצייגט, אַז דאָס שטעטל איז פאַרמשפּט צום שנעלן טויט. צווישן אים און דעם שטעטל ליגט שוין אַ מהלך, אַ תהום, וואָס מ׳קאָן שוין מיט גאָרנישט אָנפילן...

אין אייניקע בילדער אַנטפּלעקט זיך שוין פאַר אונז דער צוקונפטיקער פּרץ מיט זיין אייגנאַרטיקן אַרט שילדערן און דערציילן. פּרץ מאָלט שנעל, בליציק, מיט אייניקע קורצע און טרעפלעכע שטריכן. ער שטעלט זיך נישט אָפּ אויף קלייניקייטן, ער איז נישט קיין מאריך, ער לאָזט זיך נישט אין זייטן. ער כאַפּט גלייך דעם עיקר, ער האָט זיך זיינע אייגענע וועגן און שטעגן צום אינערלעכן לעבן, צו דער פּסיכיק פון מענטש און גע־שעעניש. די בילדער, ווי פּרץ גופא, זיינען האַסטיקע, נערוועזע, און זיי פאַרמאָגן ליידנשאַפט, רייץ און ברען.

פּרץ זוכט אויס אין דעם אונטערגייענדיקן שטעטל שטילע, ציכטיקע נשמות, ריינע, זויבערע פאָלקס־געשטאַלטן און ער ברענגט זיי אין אַ העל־אויפלויכטנדיקער ליכט. „פאַרציילטע מעשיות", „סקולער רביצין", „דאָס וואַסערל" אאַז"וו זיינען דיכטערישע פּערל פונעם עכט פּרצישן אוצר.

„זי איז אַוודאי געשטאַנען פּערציק יאָר דורכאַנאַנד ביים קוימען, איבערגעדרייט מיטן גוטן פּנים צום טיש, וואו דער מאַן איז געזעסן און געלערנט. מיט די טויבן־אויגן האָט זי איינגעזאַפּט יעדע תנועה זיינע; מיט די האַלב־באַהאַלטענע אויערן אונטערן שטערנטיכל — זיין יעדעס וואָרט. זי איז געווען אַן אמתער „עזר כנגדו"; זיין יעדער געדאַנק האָט זיך דעריבער אָפּגעשלאָגן אין איר מוח, און זיין גוטסקייט — אין איר האַרץ". („סקולער רביצין").

אין אַ ריי בילדער קומט אַרויס די באַזונדערע רירנדיקע באַציאונג פון פּרצן צו דער ייִדישער פרוי. זי טראָגט אַ שווערערע לאַסט פונעם מאַן, איז זי דעריבער איידעלער, העכער פון דעם מאַן. דער מאַן האָט

זיך זיין רעאַלע וועלט, ער לעבט זיך אין מאַרק, אין בית־המדרש, די פרוי ציט אַן איגן נשמהדיק לעבן, פול פיין און צער. און פּרצן איז אַזאַ לעבן באַזונדערס נאָענט.

אַ נעגאַטיווע באַציאונג האָט פּרץ צו דעם אָפּשפּעטער, צום משכיל, וואָס גייט אַרום מיט „אָפענע" אויגן איבערן שטעטל און חוזקט אָפּ פון די נאַאיווע, גלויביקע יידן. אין דער סקיצע „דער משכיל" און אין „פאַר־ציילטע מעשיות" שילדערט פּרץ אַ משכיל אין קאָמישע לעכערלעכע סי־טואַציעס. דער משכיל איז גראָב, חוצפּהדיק און חוזקדיק. און פּרץ שרייבט: „דער משכיל ווערט מיט אַלע רגע עקלדיקער..." און דער ייד, ר' אליה, וואָס פאַרציילט פּרצן, דעם „פאַרשרייבער", די מעשה, זאָגט צום משכיל פאַר פּרצן אין די אויגן: „זעט אַליין, אונזער „פאַרשרייבער", אויסן פּנים קוקנדיק, איז מער משכיל פון אייך, גלויבט אפשר ווייניקער פון אייך, נאָר חוזק מאַכט ער נישט... מען מעג זאָגן אַנדערש... דער רמב"ם, ז"ע, האָט אַפילו אין כּישוף להבדיל נישט געגלויבט... ווי עס איז ענטפערט מען ערנסט... אַ ייד דאַרף האָבן אַ דרך... נאָר חוזק איז נישט מעשה... מעשה... ייד, עס כאַפּט אַן ביי דער לעבער." און דער סוף אין דעם בילד איז, וואָס דער ייד ווערט פון דעם משכילס רייד אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. „אין איין רגע איז דער בלאַס־געלער ייד רויט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך אים אונטערגעצונדן, די געשטאַלט האָט זיך אויסגעצויגן, און די שטוב האָט געהילכט פון צוויי פּעטש, וואָס דער משכיל האָט גע־קריגן".

עס זיינען אייגנטלעך הילכיקע פּעטש, וואָס דער משכיל האָט באַקומען פון פּרצן גופא...

דאָ און דאָרט איבער די „רייזע־בילדער" זיינען פונאַנדערגעוואָרפן וואונדערבאַרע פּרצישע שילדערונגען, וועלכע טיילן זיך אין גאַנצן אויס מיט זייער אייגנאַרטיקייט און אָריגינעלקייט פון די אַלע יענע צייטיקע שילדערונגען.

אָט אַזאַ מין קורצגעפאַסטע און אָריגינעלע אויפצייכענונג: „אין אַ טונקעלע זומער־נאַכט, צווישן עלף און צוועלף, בין איך אָנגעקומען קיין לאַשטשאָוו. ווייטער אַ מאַרק, אַן אַרומגעצוימטער מיט געבויטע און גע־מויערטע הייזלעך. אין מיטן מאַרק ליגן אָנגעוואָרפענע ווייסע שטיינער. איך פאָר צו נעענטער און — די שטיינער רירן זיך, קריגן הערנער און עס ווערט פון זיי אַ מאַסע הערלעכע ווייסע ציגן" („לאַשטשאָוו").

פאַר נאַטור, אַזוי ווי אַלע מאָל, האָט פּרץ כּמעט קיין ווערטער און אויסדרוקן נישט. ער דענקט בילדעריש, נישט ער פילט זיי אַרויס. עס

איז אינטערעסאַנט, ווי פּרץ פּרוּווט אין די „רייזע־בילדער" צו מאָלן די נאַטור: „מיר זיינען אַרויס אין גאַס אַריין. דער הימל הענגט איבער טי־שיוויץ אין אַ טונקל־בלאָען מונדיר מיט מאַט־זילבערנע קנעפּ. מיין מיט־שפּאַצירער האָט ער אַוודאי אויסגעזען ווי אַ פּרוכת מיט זילבערנע פּלי־טערלעך, אין אַ יאָר פינף־זעקס וועט ער אפשר קריגן אַזאַ מתנה פון דער כלה" („אַ ייִנגעלע").

און נאָך אַביישפּיל, ווי פּרץ האָט אויפגענומען די נאַטור: „אַ רואיק שטילע זומער־נאַכט. אין עק הימל שוואַרצט זיך דאָס באַרימטע וועלדל; אויף זיינע בוימער האָבן אונזערע עלטערן אויסגעשניטן יעדע מסכתא, אויף וועלכער זיי האָבן געמאַכט אַ סיום אין וועג. דאַ נישט ווייט האָבן זיי געגנעכטיקט. דער „ראש הגולה" האָט געזאָגט: „פּה לין!" און פון דעמאָלט אָן הייסט דאָס לאַנד פּוילן, נאָר די אומות־העולם קאָנען נישט אויסלייגן! אויך האָט דאָס וועלדל אַ קורצן וועג קיין ירושלים, און — עס איז געווען אַמאָל אַ קאַזע (אַ ציג) ביי איינעם פון די ל"ו־צדיקים, וואָס האָט געקענט דעם וועג, זי פלעגט אַלע פאַרטאָג לויפן זיך פּאַשען ביים הר־הבית און קומען צוריק מיט דריי טעפּ מילך פאַרן צדיקס וועגן..." („אַסעקורירט").

ביי פּרצן קומט אַרויס די נאַטור אַ פאַרקולטיווירטע, אַ פאַריידישטע, אַ פאַריידישלעכטע. זי איז מער אַ באַוואוסטזיניק־געטראַכטע, ווי אָן אומ־מיטלבאַר־געפילטע.

פּרץ הויבט זיך אין די רעאַלע „רייזע־בילדער" אויף העכער פון דער ווירקלעכקייט און דערזעט דעם פאַרחושכטן ייד אין אָן אַנדער שיין און אַפּשיין. עס איז דאָס אייגנאַרטיקע, פּרצישע, וואָס האָט אים און זיין שאַפן אויסגעטיילט פון אַלע שרייבער פון זיין צייט. אין דעם ייד פון איצט זעט ער דעם ייד פון אַמאָל, דורך דעם „שטעטל דלמטה" זעט ער דאָס „שטעטל דלמעלה". דאָס רעאַלע מישט זיך ביי אים מיטן איבעררעאַלן. „די נאַרישע סטאַטיסטיק — שרייבט פּרץ — שפּילט מיט ציפערן. צי ווייסט זי וויפיל מאָל יעדעס און יעדעס מאָל, ווי טיף און ווי שטאַרק דאָס האַרץ האָט גע־קלעמט דעם שפּאַנישן מיוחס־אייניקל, דעם תבואת־שורס זון, אָדער אַזוי אַ בעל־הבית, איידער ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָפּגעטאָן וואָס נישט רעכט איז, און ווי לאַנג עס האָט דערנאָכטן געבלוטיקט. צי ציילט זי כאָטש די פריער און שפּעטער נישט געשלאָפענע נעכט. צי רעכנט זי, וויפיל טעג הונגער, וויפיל קינדער־מעגעלעך האָבן זיך געוואָרפן אין קראַמף, וויפיל מאָל אַלע הענט און פיס אין שטוב האָט געוואָרפן דאָס קדחת ביים ערשטן אָנגיסן אַ גלעזל בראָנפן אָן פאַטענט?"

פּרץ, וואָס האָט זיך נאָענט באַקענט מיטן טרויעריקן יידישן לעבן, טרויעריק־מאַטעריעלן און טרויעריק־גייסטיקן, האָט מיט זיך מיטגענומען אַ שווער געמיט, אָפּטמאָל אַן אויסזיכטלאָזיקייט. פּרץ האָט געזען דאָ די שאַרפע פאַנאַנדערטיילונג פון די נישט־יידישע און יידישע גאַסן. די גוישע גאַס — „אַ גראַד־ברוקירטע מיט געמויערטע הייזער, אונטער בלע־כענע דעכער, — סאַמע גשמיות, צוגעקאָוועט צו דער ערד, מיט פונדאַ־מענטן" און דערביי די יידישע גאַס — „סאַמע רוחניות... הינערשע הייזער... סאָסנע און שטרוי... עס בלאָזט גלייך אַ ווינטל־ואיננו!"

די פאַרשיידענע טיפּן און געשטאַלטן, וואָס פּרץ האָט מיט אַזאַ שפע אַרויסגעבראַכט פון זיין רייזע, זיינען דורך אים אַליין מיט יאָרן שפּעטער פונדאַסניי געשילדערט געוואָרן. מיר האָבן דאָ שוין די ערשטע שפּורן פון די קומענדיקע חסידישע מעשיות און פאָלקסטימלעכע געשיכטן, וואָס זיינען שפּעטער געגעבן געוואָרן מער־פאַרגאַנצטע, מער־מייסטערישע.

דאָס אַלץ, וואָס פּרץ האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אויף דער רייזע, האָט זיך טיף איינגעשניטן אין זיינע געהירן (געהירן — פּרצעס געליבט וואָרט). אין איינעם פון זיינע בילדער דערציילט ער: „...קוים מאַך איך צו די אויגן, שווימען פאַר מיר דורך די אַלע מאַטע, גרינע, בלאַסע, פאַר־קרימטע צורות... זעלטן איינע שמייכלט, זעלטן איינע מיט אַ חן־גריבל... אַלע מענער אַזוי ווייניק מעניש, אַזוי גולמעוואַטע... אַלע ווייבלעך מיט פאַרטריפטע אויגן, טראַגנדיק אָדער אַ מילטער אויבס, אַ זאַק ציבעלעס, אָדער אַ פרישן „אַתה־בחרתנו" מיט אַ זאַק ציבעלעס צוזאַמען..."

טיף־רירנדיקער ווייטאָג, טיף־פיינלעכער מיטלייד שלאָגט אַרויס פון די האַרציקע רעאַל־לירישע „רייזע־בילדער", און נאָך איצט, איבער 50 יאָר נאָך דעם ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן, פאַרמאָגן זיי אין זיך קינסט־לערישן און מייסטערישן רייץ.

אין דער וואַרשעווער גמינע

ווען פּרץ איז פֿריי געוואָרן פֿון זיין אַרבעט אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע, איז ווידער פֿאַר אים געשטאַנען די פֿראַגע ווי איינצואָרדענען זיך. ער איז שוין אַלט געווען באַלד 40 יאָר. געהאַט אַ פֿרוי און אַ זון (לוציאַן) פֿון דער ערשטער פֿרוי, שוין אויך קרוב צו צוואַנציק. אַ דאַנק די באַמיאונגען פֿון זיינע וואַרשעווער פֿריינט איז ער אַנגעקומען אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע, וואו ער האָט געאַרבעט זיין גאַנץ לעבן.

קרוב צו 25 יאָר האָט ער אָוועקגעגעבן דער קאַנצעלאַריע־אַרבעט אין דער גמינע. אַ זיבן טויזנט טעג, פֿון 9 ביז 3, האָט ער ערלעך דער־ליידיקט די קאַנצעלאַריע־ענינים אין די גמינע־ווענט אויף גזשיבאָווסקע 26, אָנגעהויבן אַלס קלענערער אָנגעשטעלטער, ביז ער האָט זיך דערדינט צו אַ „טשין" פֿון אַ העכערן באַאַמטן. „פּרץ איז אַ גרויסער מענטש, — האָט אַמאָל ערנסט געזאָגט איינער פֿון די אָנגעזעענסטע גמינע־לייט, — די גאַנצע צייט האָט ער קיינמאָל נישט פֿאַרשפּעטיקט אויף דער אַרבעט!" אָט די ביוראָקראַטיש־נודנע גמינע־אַרבעט איז נישט צוגעפּאַסט געווען צו דעם ברויזנדיקן כאַראַקטער פֿון פּרצן, און עס איז באמת צו באַוואונדערן, ווי דער לעבנסלוסטיקער, שטאָלצער און גייסטרייכער פּרץ האָט עס אויס־געהאַלטן גאַנצע 25 יאָר און נישט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם שווערן עול־פּרנסה, וועלכער האָט אים צייטנווייז אַזוי שטאַרק געדריקט און פֿאַר־שאַפֿט פּיין און יסורים.

„אויב עס זיינען דאָ שולדיקע אין דעם וואָס פּרץ האָט געדינט אין דער גמינע — שרייבט נחום סאָקאָלאָוו („הצפירה", 1915, נ' 139) — בין איך גרייט צו טראָגן די שולד. איך בין געווען איינער פֿון די, וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן, אַז פּרץ זאָל אָננעמען אָט די אַרבעט. — — — דער אָנהויב פֿון פּרצעס לעבן אין וואַרשע איז פֿאַר אים געווען זייער אַ שווערער. אין דער אַדוואָקאַטור האָט ער נישט געהאַט קיין אָרט. זיין יידיש וויסן, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, האָט אים צוגעגרייט פֿאַר אַ העברעאישן שרייבער אָדער לערער — אָבער אָט דיביידע זאַכן האָבן נישט געקאָנט באַפֿרידיקן

זיין געשמאַק, זיינע פֿעאיקייטן און זיינע באַדערפֿעניש. יידישע ליטעראַ־טור — זי איז כמעט ווי נישט געווען. און יעדנפֿאַלס האָט זי נישט געקאָנט געבן קיין פּרנסה דעם יידישן שרייבער. פּרץ איז געווען אַ מענטש אויך מיט גרויסע פּראַקטישע פֿעאיקייטן, און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז ער וואָלט געקאָנט פֿירן אַ גרויסע אונטערנעמונג אָדער פֿאַרנעמען אַן אַנגעזעענע שטעלע אין אַ געשעפֿט, און וואָס ער האָט נישט געוואוסט, וואָלט ער דערוואָרבן דורך זיין תּפֿיסה און חריפֿות, אָבער דאַן וואָלט אים אָט די אַרבעט אינגאַנצן פֿאַרשלונגען, און ווער ווייסט, צי עס וואָלט אים פֿאַר־בליבן אָרט און צייט פֿאַר ליטעראַרישע אַרבעטן. דאַגעגען אַ שטעלע אין דער גמינע האָט אַ שייכות און אַ פֿאַרבינדונג מיטן יידישן לעבן, זי רויבט נישט צו די גאַנצע צייט פֿונעם באַאַמטן, זי גיט דעם מענטשן, אויב נישט קיין איבערפֿלוס פֿון פּרנסה, איז יעדנפֿאַלס אַ פֿעסטן יסוד און קוואַל פֿאַר די נויטיקע באַדערפֿענישן און רויבט אים נישט צו פֿון זיין גייסטיקער וועלט און סביבה. דאָס איז איינס. און צווייטנס: די גמינע האָט זיך גע־נויטיקט אין אַזאַ מין ייד. און מער וואָס די גמינע האָט געגעבן פּרצן, האָט פּרץ געגעבן דער גמינע: אַ פֿונק פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט, דאָס קענען פֿון די היינטצייטיקע יידן, די פֿעאיקייט צו פֿאַרקערן מיט מענטשן און זיי פֿאַרשטיין״.

א. פֿאַדלישעווסקי דערציילט אין זיינע זכרונות (וואַרשעווער „היום״, 1925, כ׳ ניסן, „פגישתי הראשונה עם י. ל. פרץ״), ווי ער האָט דאַן גע־טראָפֿן פּרצן ביים אַדוואָקאַט קליינערמאַן אין שטוב. פּרץ האָט דאַן געלייענט פֿאַר זיי זיין „באַנציע שוויַיג״,* וואָס האָט שטאַרק איסגענומען. נאָך דעם אָונטערברויט האָט מען גענומען שמועסן וועגן אַ שטענדיקער אַרבעט פֿאַר פּרצן און מ׳האָט צווישן אַנדערן פֿאַרגעלייגט דעם פּאָסטן אין דער גמינע. פּרץ האָט געזאָגט: „וואַרשע איז אַ שיינע יידישע שטאָט, נאָר די גמינע איז אַ בית־עלמין״. און „ס׳איז פֿאַטאַל דער פֿאַקט, — שרייבט פֿאַדלי־שעווסקי, — וואָס פּרצן איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער גמינע גראָד אין דער בית־עלמין אָפּטיילונג״.

ווען איז פּרץ אַריינגעטראָטן אין דער גמינע?

אין די גמינע־אַרכיוון האָב איך געפֿונען פֿאָלגנדיקן דאָקומענט וועגן פּרצעס אַריינטרעטן אַהין, געשריבן אין רוסישן, אויף אַ גרויסן בויגן, מיט דעם באַקאַנטן אַלט־רוסישן „פּראַשעניע״־נוסח.

* ס׳איז אפֿשר נישט ריכטיק: „באַנציע שוויַיג״ האָט פּרץ אָנגעשריבן אין 1894.—נ. מ.

„צו דער וואַרשעווער יידישער גמינע־פֿאַרוואַלטונג,
פֿון דעם איינוואוינער פֿון דער שטאָט זאַמאָשטש
לוואַ יודאָוויטשאַ פּערעצאַ.
„דאָקלאַדנאַיאַ זאַפּיסקאַ״ —

„דערוויסנדיק זיך וועגן אַ וואַקאַנטן אָרט אין דער קאַנצעלאַריע פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, האָב איך דעם כבוד הכנעהדיק צו בעטן די פֿאַרוואַלטונג (אין רוסישן: „אָנאָיע אופּראַוולעניע״. — נ. מ.) איבערצוגעבן מיר די שטעלע.

איך גיב צו (אין רוסישן: „פּריסאָוואָקופּליאַיו״. — נ. מ.), אַז איך בין געבוירן אין יאָר 1852 און בין פֿאַרשריבן אין זאַמאָשטש, 10 יאָר בין איך געווען אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט („טשאַסטני פּאָווערענני״) און פֿאַרלאָזט די אַרבעט צוריק מיט צוויי יאָר, זיך פֿאַרנומען ביז איצט מיט ליטעראַטור״.

די ביטע איז דערלאַנגט געוואָרן דעם 30טן דעצעמבער 1890. משמעות, אַז די בקשה איז דערלאַנגט געוואָרן נאָך דעם, ווי מ׳האָט שוין פֿריער געהאַט אָפּגעשמועסט מיט די אָנפֿירער פֿון דער גמינע צוצונעמען פּרצן אויף דער שטעלע, — ווייל שוין פֿון 1טן יאַנואַר 1891 האָט פּרץ אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער גמינע.

לכתחילה האָט פּרץ פֿאַרנומען אַן אַמט פֿון אַ חשבון־פֿירער (ראַכ־מיסטער), מיט אַ געהאַלט פֿון 500 רובל אַ יאָר (קנאַפּע 42 רובל אַ חודש). פֿאַר פּרצן איז עס געווען דאָן זייער אַ נידעריקער געהאַלט. ווי פֿרוי העלענע פּרץ האָט מיר דערציילט, האָבן זיי אין זאַמאָשטש די לעצטע יאָרן פֿון זייער וואוינען דאָרט פֿאַרדינט און פֿאַרלעבט ביז 3000 רובל אַ יאָר, און דאָס קליינע גמינע־שכירות האָט ווייט נישט געקלעקט צו לעבן אַפֿילו בצימצום. ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום איז דאָס שכירות צו ביסלעך געהעכערט געוואָרן.

פּרץ איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם וואַרשעווער מאַגיסטראַט ערשט דעם 31טן אויגוסט 1892. די מעלדונג פֿון מאַגיסטראַט געפֿינט זיך צווישן די פּאַפּירן אין גמינע־אַרכיוו.

„פּרץ — דערציילט נ. סאָקאָלאָוו — איז געווען אַ זייער פֿלייסיקער באַאַמטער, נישט קיין אויטאָמאַט. ער האָט אויך געקאָנט מאַכן אַן אָרדענונג, און מער ווי ער איז געווען אַ מתמיד, איז ער געווען אַ חריף און אַ מענטש מיט אַ גוטער תּפֿיסה, און יעדעס מאָל האָט ער געפֿונען נייע מעטאָדן פֿאַר דער איינאָרדענונג פֿון די דאָקומענטן און פּאַפּירן. ער האָט דערגאַנצט מיט דער שנעלקייט פֿון אַרבעט דאָס, וואָס ס׳האָט אים געפֿעלט אין אָרגאַ־

ניזירטער פּלייסיקייט. און אפילו גראָסליק, דער הויפּט־סעקרעטאַר, וואָס איז נישט געווען קיין איבעריקער חסיד פֿון פּרצן, פּלעגט מסכים זיין און זאָגן: אַלץ ברענט אונטער זיינע הענט!״

פּרץ האָט ווי אַ באַאַמטער פּאַרנומען אַ גאַנץ־בכבודיקן אָרט אין דער גמינע. אָבער אַ לאַנגע צייט האָט זיין געהאַלט נישט געקלעקט אויפֿן לעבן. אין אַ בריוו (זומער 1892) שרייבט ער, אַגב, צו י. דינעזאָן: „... אין צוויי חדשים אַרום דאַרף איך באַצאָלן דירה־געלט, און פֿון וואַנען צו קריגן געלט איז נישטאָ און וועט נישט זיין; נאָך דעם ווי ס'וועלן זיך ענדיקן די פֿעריען פֿאַר אוניווערסיטעט־־סטודענטן, דאַרף איך באַצאָלן 50 רובל שכר־לימוד...״ („בריוו און רעדעס״ ז. 173.)

וועגן געלט־מאַנגל שרייבט פּרץ אין 19 יאָר אַרום אין אַ בריוול צו ל. קאַהאַן: „איך בין זייער געענגט אין געלט. אויב איר קאָנט מאַכן אַ גרויסע פֿאַרלעזונג, איך זאָל האָבן פֿון איר, ווייניקסטנס, 150 רובל, וועל איך קומען. צייטן בייטן זיך, איך וויל האָפֿן, נישט אויף לאַנג״. דאָס איז געווען דעם 8טן נאָוועמבער 1911. אין אַ וואָך אַרום, דעם 15טן נאָוועמבער, טיילט ער מיט ל. קאַהאַן: „דער ברענענדיקער געלט־מאַנגל איז פֿאַרביי. אויס נצרך. דאָס הייסט — אויס אויסערגעוויינלעכער... אַלזאָ, ברויך מען נישט קיין עקסטרא וואַגאַנצן״... (דאָרט ז' 320.)

וועגן פּרצעס שכירות אין דער גמינע האָבן מיר גענויע ידיעות אין די „פֿאָרמולאַרע רשימות פֿון דינסט״. ווי אַלע באַאַמטע, האָט אויך פּרץ געהאַט אַזאַ מין „פֿאָרמולאַרני ספּיסאָק אַ סלוזשביע״ (אין רוסישן). דאָרט דערוויסן מיר זיך, אַז אין מאַי 1895 איז פּרצעס יערלעכער געהאַלט געהעכערט געוואָרן ביז 800 רובל, אין מערץ 1898 — ביז 1400 ר', אין יאַנואַר 1909 — ביז 1800, אין יאַנואַר 1910 — 2000, אין יאַנואַר 1911 — געהעכערט ביז 2400 רובל אַ יאָר.

עס איז זייער פֿאַרשטענדלעך, אַז די שטענדיקע קאַנצעלאַריע־אַרבעט איז נישט געווען צוגעפּאַסט פֿאַר פּרצעס טעמפּעראַמענט, און הגם ער איז געווען פֿאַרנומען אין דער גמינע נאָר אַ האַלבן טאָג, האָט אים די אַרבעט בקרוב שטאַרק דערעסן.

אין אַ בריוו צו י. דינעזאָן (פֿון 15. 11. 1893) קלאָגט זיך פּרץ: „... וואָס זאָל איך דיר דערציילן וועגן זיך? אַ האַלבן טאָג פֿאַרברענג איך אין דער גמינע, דערנאָך בין איך אָנגעשטעלט אינעם קאָמיטעט, וואָס קעמפּט מיט אַ ווינט־מיל — כ'האָב געוואָלט זאָגן: מיט דער כאָליערע, — און דערנאָך בין איך אַ יידישער שרייבער... — — — די איבעריקע

צייט עס איך און טרינק און שלאָף, און ווען דאָס לעבן ווערט מיר מיאוס, קער איך אום דעם סדר און איך טרינק, עס און שלאָף, שלאָף, טרינק און עס א. אַז. וו.... איך האָב נאָך נישט געהונגערט, איך וועל מאָרגן אָדער איבערמאָרגן הונגערן...״ (בריוו און רעדעס, ז׳ 200).

אין אַן אַנדערן בריוו צו י. דינעזאָן שרייבט פרץ: „נאָכמיטאָג האָב איך מער קיין אַרבעט נישט. ס׳איז נאָך פֿאַראַן אַ קליינע, לייכטע אַרבעט אויף עטלעכע טעג, און גאָר אינגיכן וועל איך ווערן פֿריי, ווי אַ פֿויגעלע, פֿון דריי אַזייגער אָן ביזן אָונט, צו גיין קוקן אויף די טעכטער פֿון גאָרטן און פֿון די בולוואַרן״.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פרץ האָט אויף זיך אַרויפֿגענומען די לאַסט פֿון זיין גמינע־שטעלע און געפֿועלט ביי זיך געדולדיק צו טראָגן זי, פֿלעגט אים די אַרבעט ווערן דערווידער און ער האָט געהאַט אָפֿט דעם פֿאַרלאַנג פּטור צו ווערן פֿון איר. אָבער זיינע פֿריינט, וועלכע האָבן גוט געוואוסט זיין מאַטעריעלע לאַגע, האָבן נישט צוגעלאָזט צו דעם. אָט דערציילט ד״ר ג. לעווין, אַז „איין מאָל איז ער צוגעקומען צו מיר זייער אויפֿגערעגט. ער מוז אַרויס פֿון דער גמינע, — האָט ער געזאָגט, — לענגער קאָן ער שוין נישט אויסהאַלטן...״ די פֿריינט האָבן אָבער אים אָפּגעראַטן, ווייל אַפֿילו מיט דער גמינע־געהאַלט איז פּרץ קוים־קוים אויסגעקומען. און אָט דערציילט ווייטער ד״ר ג. לעווין: „יעדעס מאָל, ווען איך בין צו אים אַריינגעפֿאַלן אין דער גמינע, פֿלעגט ער מיר ווייזן אויף געוויסע פֿאַרשוינען, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט ליידן און האָט געזאָגט איראָניש: „אָט דאָס זיינען מיינע בעלי־בתּים״. (ד״ר ג. לעווין — „פּרץ״ ז. 48—74).

גאָר אַן אַנדערע מיינונג איז וועגן פּרצעס אַרבעט אין דער גמינע נחום סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען זייער נאָענט צו פּרצן יענע יאָרן. אין זיין גרויסן אַרטיקל וועגן פּרצן שרייבט נ. סאָקאָלאָוו: „די אַלע, וואָס האָבן געקלאָגט אויף דער „טראַגעדיע״: פּרץ — ווי אַ באַאַמטער, פּרץ — אַ גע־פּענטעטער, אַ מין פֿראַמעטעי — זיינען זייערע קלאָגענישן סתּם אין דער וועלט אַריין. פּרץ האָט געפֿונען (אין דער גמינע) נישט נאָר אַ לייטישע פּרנסה, נאָר אויך אַ ברייט פֿעלד פֿאַר באַקאַנטשאַפֿט, פֿאַר באַטראַכטונג, פֿאַר באַציאונגען מיט דער געזעלשאַפֿט — דאָס וואָס האָט אים געבראַכט נישט ווייניק גייסטיקע נוצן. פּרץ איז געווען איינער פֿון די גאָר־ווייניקע יידישע שרייבער, וועלכער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו דערקענען די יידישע וואַרשע פֿון פֿאַרשיידענע זייטן און פֿאַרבן. דאָס רוב שרייבער פֿאַר אים און פֿון זיין צייט האָבן געקענט נאָר איין ווינקל פֿון דעם קרייז, אין

וועלכן זיי האָבן זיך געדרייט. דאָס רוב פֿון זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום באַגריף נישט פֿון דער שטאַט — און די שטאַט איז אַ שטיק תּורה, וואָס מ׳דאַרף עס גוט לערנען. וואַרשע איז אַ גרויסע מסכתא, אפֿשר אַ גאַנצער ש״ס מיט פֿיל מפֿרשים. און מען דאַרף נישט פֿאַרשטעלן אין דער פֿאַנטאַזיע פּרצן פֿאַר עפּעס אַ קרבן, פֿאַר עפּעס אַ דערנידעריקטן און באַ־ליידיקטן אין דער וואַרשעווער גמינע. אַביסל אמת איז פֿאַראַן אין דעם, אָבער פֿיל מער גוזמא און איבערטרייבונג. אַז ס׳איז פֿאַרגעקומען אַ וואַלן־קאַמף, אַז ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַ מוראיקער פּירוד, איז אַוודאי געווען ביי אַ געוויסער גרופּע אַ נייגונג צו דערוויטערן פּרצן, און דאַן איז די לופֿט אַרום אים געוויס געווען פֿול מיט פֿאַרביטערונג און צאַרן, און דאַן איז ער געווען אויפֿגעטראָגן און נערוועז. אָבער דאָס האָט אים נישט געשאַדט און ביי אים גאָרנישט צוגערויבט. אַדרבא, ער האָט פֿאַרמאָגט אַ נאַטור פֿון אַ קעמפֿער, און אַזעלכע מיני אויפֿרעגונגען זיינען געווען גוט פֿאַר אים. חוץ דעם איז עס געווען אַן אוממעגלעכע זאַך: מ׳וואָלט פּרצן נישט דער־ווייטערט פֿון דער אַרבעט, אַפֿילו די, וואָס זיינען געווען אויפֿגעטראָגן קעגן אים, האָבן נישט נאָר מורא געהאַט פֿאַר אים, נאָר אויך פֿאַרערט אים, און איניקע — האָבן אים אַפֿילו ליב געהאַט. און נישט שטענדיק איז דאָך געווען אַ מלחמה־צייט. מ׳דאַרף וויסן, אַז פּרץ איז אויך געווען אַ פֿלייסיקער באַאַמטער, נישט קיין טרוקענער, באַלזאַמירטער ביוראָקראַט, נאָר אַ שנעלע קראַפֿט, און ער האָט אָפֿטמאָל אָפּגעטאָן אין אַ שעה, וואָס אַנדערע האָבן נישט באַוויזן צו טאָן אין משך פֿון טעג. דאָרט, ביים טיש, הינטער דער באַריער האָט ער זיך פֿאַרשריבן זיינע פֿאַרצייכענונגען. אַ בלויער פֿויגל פֿון דיכטונג האָט געשוועבט אַרום אים, איז געקומען אים באַזוכן, זיך טוליען צו אים און וואַרעמען דאָס האַרץ. ס׳איז געווען אַ וואונדערבאַרע און קאָמישע זאַך: דאָרט, אין דער גמינע, וואָס דאָס הויז איז געווען אַ פֿעסטונג פֿון אַסימילאַציע, איז זיך געזעסן איינער אַן אַנגע־שטעלטער, וואָס האָט דערפֿילט זיין אַרבעט, געשריבן אין די ביכער, אויפֿ־געשריבן קוויטאַנציעס, געמאַכט אויסרעכענונגען, אָבער פֿון צייט צו צייט, פֿון איין אַרבעט ביז דער אַנדערער, האָט זיין פֿעדער געשאַפֿן זאַכן, וואָס האָבן אויפֿגעריסן אָט די דאָזיקע פֿעסטונג. אַז עפּעס אַ ייד מיט אַ חוש פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור איז אַריינגעקומען אין דער יידישער גמינע, האָט ער געפֿילט, אַז ער האָט דאָרט אַ „צד״. אַז אַ ייד האָט גלאַט געוואָלט רעדן דאָרט יידיש — פֿלעגט ער זיך ווענדן צו פּרצן; אַז מ׳האָט געוואָלט עפּעס אַ זאַך, וואָס דאָס געזעץ איז געשטאַנען ווי אַ מויער קעגן דעם, און מ׳האָט באַדאַרפֿט האַנדלען דאָ לויטן שכל און לויטן יושר, נישט מעשה־

אויטאָמאַט, האָט מען זיך געווענדט צו פּרצן. און בכלל, אַז עמעץ פֿון די גדולים, פּרנסים און אָנגעשטעלטע האָט געוואָלט אַביסל שׂיחת־חולין פֿון אַ תּלמיד־חכם, אַ ווערטל אָדער אַ שטיקל רוח־הקודש, האָט מען געמאַכט אַן אָפּשטעל ביי אַט דעם טיש, ביי פּרצעס טיש, וואָס איז געווען אַ מין קעניגרייך אין אַ קעניגרייך״... (נ. סאָקאָלאָוו — „הצפירה״ 1915, נ׳ 139).

אַ צען יאָר האָט פּרץ געאַרבעט אין דער גמינע אָן קיין שום איבער־רייס און אָן קיין שום וואַקאַציע.

די ערשטע ביטע אויף אַ חודש־אורלויב געפֿינען מיר אין דעם גמינע־אַרכיוו ערשט פֿון דעם 23טן יולי 1901. די ביטע איז געשריבן דורך פּרצן אין פּויליש. אין יענער צייט איז נאָך נישט געווען דער אורלויב אַן אָבלי־גאַטאָרישע זאַך, און יעדן יאָר האָט מען געמוזט דערלאַנגען אַ ספּעציעלע ביטע וועגן וואַקאַציע און אָנווייזן די סיבות אויפֿן שלעכטן געזונט א. אַז. וו. אַזעלכע מיני ביטעס געפֿינען מיר עטלעכע צווישן די פּאַפּירן אין אַרכיוו.

בכלל איז געווען אַ שטרענגער רעזשים פֿון אַרבעט אין דער גמינע, — וועגן דעם דערציילט, למשל, פּרצעס אַ בריוו צו דער גמינע (פֿון 17טן דעצעמבער 1905) אין פּויליש, אַז צוליב דער אינפֿלוענציע קאָן ער דעם טאָג, זונטאָג, נישט קומען צו דער אַרבעט. אין 1905 האָט פּרץ געבעטן אַן אורלויב אויף 6 וואָכן, און אויך באַקומען 100 רובל אַלס שטיצע. אין אַ יאָר אַרום ווענדט זיך פּרץ מיט אַ ביטע וועגן אורלויב, וואו ער שרייבט, אַז די דאָקטוירים באַפֿוילן אים זיך אָפּרוען און אַז צוליב דער פּאָליטישער סיטואַציע קאָן ער נישט פֿאַרדינען פֿון ליטעראַרישער אַרבעט און בעט דעריבער אַ סובסידיע.

אין די אורלויב־צייטן איז פּרץ על־פּי־רוב אַרויסגעפֿאָרן קיין אויס־לאַנד. פֿון די בריוו צו זיינע וואַרשעווער פֿריינט, איבערהויפּט פֿון פּרצעס בריוו צו י. דינעזאָן, זעען מיר, אַז פּרץ איז אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד אין די זומער־חדשים יולי־אויגוסט אין די יאָרן 1903, 1906, 1909, 1910, 1911 און 1912.

פֿון אַט די אויסלענדישע בריוו און בריוועלעך דערוויסן מיר זיך, אַז פּרץ פֿלעגט זיך שטאַרק אָפּפֿרישן צווישן די פּרעכטיקע לאַנדשאַפֿטן אין אויסלאַנד, און יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך געענדיקט זיין אורלויב, פֿלעגט ער מיט האַרץ־ציטער זיך דערמאָנען, אַז ער דאַרף זיך צוריק אומקערן צו דער איינטאָניקער, לאַנגווייליקער באַאַמטן־אַרבעט אין גמינע.

אין אַ בריוול פֿון גרינוואַלד שרייבט פּרץ צו ד״ר גרשון לעווין (3טן אויגוסט 1906):

„אַראָפּגעקומען פון טורם,
וואו געזען אַ וועלט,
(פאַר צען פעניג געלט)
זיך מיר איבער אַ ווילדע טויב,
(די זון פאַרגאָלדט די שויב!)
און טראַכט מיט שרעק,
אַז אַלץ מוז האָבן אַן עק,
עס ווערט אויפן האַרץ פּאַסקינע,
צייטונג, פּאָליטיק, גמינע — —
— — — — — — — — — — — — —" (בריוו און רעדעס ז' 245)

אין דער זעלבער שטימונג איז געשריבן אַ צווייט בריוול אויף מאָרגן (4טן אויגוסט):

„דער זייגער קלינגט,
דער לוח ווערט געריסן, —
עס בלייבט אַמאָל שטיין אין האַלז
דער ביסן,
און ביטער ווערט דער זיסער שליק,
און אַלץ אַרום טרייבט: צוריק! צוריק!" (דאָרט ז' 246).

און אָט שרייבט פּרץ צו י. דינעזאָן (דעם 15טן אויגוסט 1906):

„ווייט און ברייט עס פאַרנעמט די אויגן,
די נשמה וואָלט נאָך ווייטער, ווייטער געפלויגן,
עס ווערט אָבער וואָס ווייניקער מאַרקן.
זיי געזונט, זאָל דיך גאָט שטאַרקן
אין סווידער —
אין אַ פּאָר וואָכן זעען מיר זיך ווידער...
פון פרייען לעבן קיין שפור,
מ'וועט רעדן פון ליטעראַטור!" (דאָרט ז' 245).

אין אַ יאָר אַרום, אין 1907, נאָך אַ רייזע איבער זאַקאָפּאַנע, וואו ער איז געווען באַצויבערט פון די בערג, שרייבט ער אַ פּאָסטקאַרטל צו י. דינעזאָן: „זונטאָג נאָך אַלעם. מאָנטאָג — צוריק אין בודע אַריין. עס איז זייער, זייער טרויעריק. נעכטן געמאַכט דעם לעצטן אויספלוג. אַ סיום געמאַכט. עס איז מיר נאָך קיינמאָל אַזוי שווער נישט געווען אַ היים צו פאָרן..." (דאָרט ז' 258).

וואָס די אויסלענדישע נסיעות האָבן באַטייט פֿאַר פּרצן, ווי זיי האָבן געווירקט אויף אים, זעען מיר אין אַ בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן אויגוסט 1912 צו י. דינעזאָן: „זיץ איך מיר, ר׳ יעקל, אין האָטעל סיטי אין ציריך, נאָכן פֿרישטיק, אויף דער צוריק־רייזע פֿון טאַראַספּ... זיץ איך מיר און טראַכט נאָך, און קלער, און קלער איבער. פּערזענלעך האָב איך פֿון די 5 וואָכן אין דער שווייץ, אין אונטערגאַנדין, צווישן בערג און שניי־בערג, וויזען און משוגענע וואַסערפֿאַלן פֿיל פֿאַרדינט: אַביסל אויס־גערוט זיך דעם קאָפּ, אַביסל שטאַרקער געוואָרן דאָס האַרץ. אַ מאָדנעם איינדרוק מאַכט אָבער דער פֿאַקט פֿון פֿינף וואָכן אַ נ ד ע ר ש לעבן: פֿון אַ שטיק צייט, וואָס שווימט נישט אַרויס פֿון געוועזענעם, שווימט נישט אַריין אינעם קומענדיקן: אַ באַזונדערער שטראָם פֿון שטונדן, טעג און וואָכן, וואָס האָט זיך אַריין און דורכגעריסן, באַוויזן, אָפּגעברויזט און פֿאַרשוואונדן... און די אַ ל ט ע צייט, די ב אַ ש ט ע נ ד י ק ע איז דאָס ריכטיקע, דאָסווירקלעכע; דאָס בוך, וואָס איך שרייב מיט אָפּט מידע נערוון און צערינען בלוט, און דאָס פֿינף־וואָכעדיקע, איז עפּעס אַ מין משונה׳נער חלום, אַ פֿאַרוועגדט־פֿרעמדער טעקסט, אַ דרוק־פֿעלער, אַ מאָד־נע קונץ פֿון הבחור הזעצער..." (דאָרט, ז׳ 331).

צוליב זיין צוגעבונדנקייט צו דער שטעלע פֿלעגט פּרץ קאָנען באַזוכן נאָר די נאָענטסטע שטעט און שטעטלעך און דאָס אויך אין די שבת־טעג. אין די עטלעכע בריוועלעך צו לאַזאַר קאַהאַן אין לאָדז וועגן פֿאָרלעזונגען פֿון די יאָרן 1908 און 1911 האַנדלט זיך אַלץ וועגן שבת־טעג. כדי אַרויס־צופֿאָרן אויף אַ ווייטערע נסיעה, האָט פּרץ געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פֿון דער גמינע, וואָס ס׳איז אים אָנגעקומען נישט אַזוי גרינג.

אין פּעקל פּאַפּירן, וואָס האָבן אַ שייכות צו פּרצן אין דער גמינע, איז דאָ אַ בריוו פֿון 14טן יולי 1910 פֿון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט אין קיעוו (געשריבן אין פּויליש — דער פֿאָרזיצער איז דאַן געווען דער באַקאַנטער ציוניסט און שריפֿטשטעלער מ. נ. סירקין). אין דעם בריוו, געווענדט צו דער גמינע, שטייט געשריבן: „היות ווי די ליטעראַרישע געזעלשאַפֿט, וואָס ציילט ביז 700 מיטגלידער, ווויל באַערן דעם גרויסן דיכטער, בעט זי געבן פּרצן אורלויב צו קומען קיין קיעוו". אַזאַ מין דערלויבעניש איז פּרצן געגעבן געוואָרן, און פּרץ האָט דאַן באַזוכט קיעוו און בערדיטשעוו, וואו ער איז אויפֿגעטראָטן מיט פֿאָרטראָגן און געהאַט דעם גרעסטן דערפֿאָלג.

נישט אַלעמאָל אָבער האָבן אַזעלכע ווענדונגען צו דער גמינע געהאַט דערפֿאָלג. מיר האָבן געפֿונען אַ ביטע פֿון דער יעקאַטערינאָסלאַווער גע־

זעלשאַפֿט פֿון קעגנזייטיקער הילף פֿאַר יידן (פֿון 26טן אָקטאָבער 1912).
די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער געזעלשאַפֿט — שטייט געשריבן (אין רוסיש) — האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו איינצולאַדן פרצן אויף 1—2 לעקצעס און זי ווענדט זיך צו דער גמינע א. אַז. וו. אויף אַט דעם בריוו איז דעם 15טן נאָוועמבער אָפּגעשיקט געוואָרן (אין רוסיש) קיין יעקאַטערינאָסלאַוו אַן אָפּזאָג, אַז היות „ווי די אַרבעטן פֿון פרצן קאָן מען נישט אָפּלייגן — איז זיין אָפּפֿאָר פֿון וואַרשע אוממעגלעך".

צווישן די אַרכיוו־פּאַפּירן געפֿינען מיר אַזאַ מין אָפֿיציעלע ווענדונג (אין רוסיש) פֿון וואַרשעווער מאַגיסטראַט, אַדמיניסטראַטיווע אָפּטיילונג, פֿון 29טן מאַי 1910, נומ. 26596/1780. פֿון אויבן אַן אויפֿשריפֿט „ס ע ק ר ע ט נ אָ" (געהיים).

„אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע־פֿאַרוואַלטונג.

צוליב דעם וואָס ס'איז פֿאַראַן אין דעם אַ נויטיקייט, לייגט פֿאַר דער מאַגיסטראַט פֿון דער שטאָט וואַרשע די יידישע גמינע־פֿאַרוואַלטונג מיטטיילן ווי מעגלעך שנעל:

1) וואָס פֿאַר אַ שטעלע פֿאַרנעמט אין דער פֿאַרוואַלטונג דער איינוואוינער פֿון וואַרשע אויף צעגליאַנאַ — יידל *), לייב פרץ.

2) ווי איז זיין פֿירונג אויף דער שטעלע און בכלל זיינע מאָראַלישע זייטן.

3) אויב ער האָט צוגעשטעלט ערבות־געלט אויף דער שטעלע, איז וועלכע סומע.

בכלל בעט דער מאַגיסטראַט געבן ווי ווייט מעגלעך אויספֿירלעכע אָנווייזונגען, וואָס זאָלן באַלויכטן די פּערזאָן פֿון אַט דעם פּרץ".

אויפֿן פּאַפּיר זיינען געחתמעט דער פֿאַרטרעטער פֿון דעם „סאָוועטניק", עלטערער ראַטמאַן און אַ געשעפֿטפֿירער.

די גמינע האָט זיך נישט צוגעאיילט מיטן ענטפֿער און דעם 3טן יולי איז אָנגעקומען, אויך ג ע ה י י ם, אַן אויפֿפֿאָדערונג צו ענטפֿערן תּיכּף אויף דער ווענדונג פֿון 29טן מאַי.

דעם 6טן יולי האָט די גמינע־פֿאַרוואַלטונג געענטפֿערט אַ בריוו (אין רוסיש): „מיר האָבן דעם כּבוד מיטצוטיילן, אַז 1) ל. פּרץ פֿילט אויס די

---

* דער מאַגיסטראַט חזרט־איבער דעם אָנגענומענעם טעות און רופֿט פרצן יידל־לייב, בעת זיין נאָמען איז געווען יצחק־לייבוש. כּידוע, האָט מען פרצעס פֿאָטער גערופֿן יהודה. — נ. מ.

פּליכטן פון אַ ראַכמיסטער פון קהלה־שטייער און אין דער בית־עלמין־אָפּטיילונג, 2) ער פּילט אויס זיינע פּליכטן אינגאַנצן געוויסנהאַפטיק, 3) קיין ערבות־געלט האָט ער נישט צוגעשטעלט, און לסוף — די גמינע האַלט פאַר איר חוב צו באַשטעטיקן, אַז דער דערמאָנטער פּרץ האָט זיך די גאַנצע צייט אויסגעצייכנט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט".

אין דער גמינע פּלעגן אָפט קומען יונגע שרייבער, אָנפאַנגער זיך זעען מיט פּרצן. יידישע שרייבער האָבן פיל צו דערציילן וועגן אָט די באַזוכן ביי פּרצן, ווען ער איז געזעסן ביי זיין אַרבעט ביי די גמינע־פּאַפּירן.

אין זיינע „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" דערציילט אברהם רייזען וועגן זיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער גמינע: „... אויף מאָרגן בין איך שוין געגאַנגען זען פּרצן... געגאַנגען בין איך נישט צו אים אַהיים, נאָר אין דער יידישער גמינע... — — די סיבה, פאַרוואָס איך בין געגאַנגען צו אים פריער אין דער גמינע, קאָן איך איצט ניט באַשטימען. איך גלויב, אַז מיין אומגעדולדיקייט צו זען וואָס גיכער פּרצן, האָט מיך נישט געלאָזט וואַרטן ביז דריי אַזייגער... איך בין אַריין אין גרויסן קאָרידאָר פון דער גמינע און בין אַרויף אויף די ברייטע, לאַנגע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אינעווייניק. איך בין אַרויף, זיך געלאָזט גיין העכער. אַ מאַן האָט מיך פאַרהאַלטן און געפרעגט, נישט באַזונדערס העפלעך, אין פויליש, וועמען דאַרף איך...

— פּרצן... — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

האָט ער מיך שוין אָנגעקוקט פריינטלעכער און מיר געענטפערט, אַז פּרץ איז נאָך נישטאָ, נאָר ער דאַרף באַלד אָנקומען.

האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט, צי אָוועקגעזעצט, ביים אַריינגאַנג און געוואַרט. — — —

און אָט האָט זיך די ברייטע טיר געעפנט. פון די טרעפּ האָט זיך שפּרינגענדיק און זינגענדיק דערנעענטערט זיין געשטאַלט. דאָס איז פּרץ! — ער איז געווען געקליידט לייכט זומערדיק, דער הוט, אַ ווייכער, אין האַנט...

איך האָב אים ווי אַ פּראָווינציאַל אומגעלומפּערט פאַרהאַלטן, אָפּ־געשטעלט.

— אַנטשולדיקט! (און אפשר האָב איך געזאָגט אין רוסיש „איזווי־ניטיע") איך...

ער איז שטיין געבליבן, אָנגעקוקט מיך מיט זיינע גרויסע שטראַלנ־דיקע אויגן און געשמייכלט.

איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען.

האָט ער זיך נאָך פֿריינטלעכער צעשמייכלט, מיר אויסגעצויגן די האַנט, געפֿרעגט, ווען איך בין געקומען, און אויסגעדריקט צופֿרידנקייט צו זען מיך, צו ריידן...

אָבער דאָ האָט ער בלויז אַ שטעלע, — דערקלערט ער מיר, — געסט נעמט ער אויף אין דער היים, אויף צעגליאַנאַ נומער איינס, און ער בעט מיך קומען היינט טאָקע דריי אַזייגער...

און ער אַנטשולדיקט זיך מיט אַ שמייכל — ער מוז גיין צו זיין פּליכט, זעגנט זיך אָפּ, און נאָכן זעגענען זיך שמייכלט ער ווידער גאַסט־פֿריינטלעך:

— ווען איר קומען?...

— אַ, זיכער, דריי אַזייגער...

און ער לאָזט זיך גיין אַ זינגענדיקער אין דער טיף פֿון דער גמינע און ווערט פֿאַרשוואונדן ערגעץ אין איינער פֿון אירע אָפּטיילונגען". (אברהם רייזען — עפּיזאָדן פֿון מיין לעבן, באַנד 1, ז"ז 200—202).

מאַרק שווייד גיט איבער אין זיין בוך „מיט פּרצן" אַ פּאָר בילדלעך וועגן פּרצן אין דער גמינע.

„נאָך האַלבן טאָג בין איך מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ אַריין צו אים אין דער גמינע. דאָרט איז גראָד געווען אַ שטילער טאָג, און ער איז געזעסן ביי זיין טיש, דעם קאָפּ אויףביידע הענט אָנגעשפּאַרט, פּאַרטיפֿט אין לעזן. דאָס בוך איז געווען פֿרידריך העבעלס טראַגעדיע „הורדוס און מרים" אין אָריגינאַל... אַרומשפּאַצירנדיק מיט געננג־שנעלע טריט הין און צוריק איבער דעם גרויסן וואַרט־זאַל אין דער גמינע, האָב איך אים באַדאַרפֿט דערציילן אַלע וויכטיקע ליטעראַרישע נייעסן, וואָס האָבן נאָך צו זיינע אויערן נישט דערגרייכט... איך קוק אים אָן, ווי ער גייט מיט זיינע לעבעדיקע טריט צו זיך אין קאַנצעלאַריע, דערנאָך זע איך ווי ער זעצט זיך צוריק ביי זיין טיש. דאָס מאָל נישט צו „הורדוס און מרים", נאָר צו אַ פּאַק מיט פּאַפּירן, וועלכע אַ באַאַמטער האָט אים דערלאַנגט מיט אַ קורצער דערקלערונג". (מאַרק שווייד — מיט פּרצן, ניו־יאָרק 1923, ז"ז 10—11).

בכלל איז געווען אַ גוטע באַציאונג צו פּרצן מצד די „דאָזאָרעס". אַזוי, למשל, שרייבט ד"ר גרשון לעווין, אַז „זיי האָבן פּרצן גוט באַהאַנדלט, נישט דערפֿאַר ווייל זיי, די רעפּרעזענטאַנטן פֿון דער וואַרשעווער יידישער קהלה, האָבן געוואָלט אַרויסווייזן, ווי זיי שעצן פּרצן דעם יידישן שריפֿט־

שטעלער, דעם יידישן דיכטער, פּרצן, דעם אמתן יידישן כלל־טוער, — חלילה, דאָס נישט!... מ׳האָט פּרצן אין דער גמינע גוט באַהאַנדלט גאָר פּשוט דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַן ערלעכער, פּינקטלעכער באַאַמטער, וואָס האָט אויף זיך קיין חטאים נישט געהאַט, און האָט זיך נישט געשעמט צו זאָגן יעדערן דעם אמת אין די אויגן. פאַרן אמת האָט מען דעם אָפּשיי. בשעת דעם באַקאַנטן סקאַנדאַל מיט איינעם פון די וויכטיקסטע ראשי־הקהל ל., וואָס מ׳האָט פון אים אָנגעהויבן צו דערציילן גאַנץ מיאוסע זאַכן, האָט דער ערשטער רעאַגירט דערויף דער ב אַ אַ מ ט ע ר פּרץ, ווי באַלד ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס מ׳האָט דערציילט, איז אמת. דער ראש־הקהל איז גראָד געווען זייער טעטיק אין דער גמינע און פּלעגט שוין כּעלות דאָרט זיצן ביי דער אַרבעט. ווען ער איז איינמאָל אינדערפרי צוגעגאַנגען צו פּרצן ווי געוויינלעך מיטן „גוט־מאָרגן״, און האָט אים דערלאַנגט די האַנט, איז זי געבליבן אין דער לופטן — פּרץ איז געבליבן שטיין קאַלטבלוטיק מיט די הענט אין די קעשענעס. ערשט נאָך דעם אינצידענט האָט דער פּרעזעס געבעטן דעם ראש־הקהל, אַז ער זאָל אויפהערן צו קומען אין דער „גמינע״, ביז מע וועט נישט חוקר ודורש זיין דעם גאַנצן ענין״.

„יעדעס מאָל, ווען פּרץ איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ שטאַרקן אַרטיקל, אָדער מיט אַ שטאַרקער רעדע קעגן דער אַזוי גערופענער „אַסימילאַציע״, האָבן זיך די אַסימילאַטאָרן אַפילו אָנגעבלאָזן און האָבן געמאַכט אַן „אַסיפה״ מיט דעם ציל אים צו „באַשטראָפן״. ס׳האָט זיך אָבער שטענדיק אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט״. (ד״ר ג. לעווין: פּרץ ז׳ 51—52).

באַזונדערס איז אינטערעסאַנט פאָלגנדיקער דאָקומענט, וואָס געפינט זיך אין דער גמינע. דאָס איז א „זאַפּיסקע״, געשריבן אין פּויליש אייגנהענטיק דורך פּרצן. די „זאַפּיסקע״ איז אַן ענטפער אויף דעם בריוו פון ה׳ אַדאָלף פּערעטץ, וועלכער האָט דעם 11טן נאָוועמבער 1912 געמאַכט אויפמערקזאַם די גמינע־פאַרוואַלטונג, פאַרוואָס אירע אָנגעשטעלטע פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישער אַגיטאַציע. דעם 18טן נאָוועמבער האָט ה׳ פּערעטץ נאָך אַמאָל זיך געווענדט אין דער גמינע מיט אַ טענה, פאַרוואָס מען נעמט נישט אין אַכט זיין ווענדונג, אין וועלכער ער פאַרלאַנגט, אַז: „...די גמינע זאָל אין דער אינסטרוקציע, וואָס פאַרפליכט די באַאַמטע פון גמינע־פאַרוואַלטונג, אַריינפירן אַ פאַראָרדענונג, וואָס פאַרווערט די נאָמינירטע באַאַמטע פירן אַ פּאַרטייאישע אַגיטאַציע״.

די גמינע־פאַרוואַלטונג האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג וועגן אַדאָלף פּערעטצעס בריוו. אויף דעם באַציט זיך י. ל. פּרצעס פּוילישע „זאַפּיסקע״.

אַט איז די גענויע איבערזעצונג פֿון דער ווענדונג:

„צו דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער גמינע „סטאַראָזאַקאַגניך"
פֿון דעם מיטאַרבעטער פֿון דער פֿאַרוואַלטונגס־ביוראָ
י. ל. פרץ

„זאַפּיסקאַ"

אין דער צייט פֿונעם וואַל־קאַמף האָט דער „קוריער פּאָראַנני" געשריבן, אַז אין די רייען פֿונעם קעמפֿנדן יידישן נאַציאָנאַליזם, געפֿינען זיך צוויי באַאַמטע פֿון דער גמינע־פֿאַרוואַלטונג און צי זיי זוכן פֿאַר זיך שוין אַן אַנדערע באַשעפֿטיקונג.

דאָס פֿאַרזייטע קערנדל פֿון בירגערלעכער פֿרייהייט האָט געטראָפֿן אויף אַ גוט צוגעפּאַסטן באָדן — אויף דער גוטער באַנק־ערד (czahnoziem bankierski) — פֿונעם ה׳ אַדאָלף פּערעטץ, און עס האָט אַרויסגעגעבן אַ פֿרוכט אין דער פֿאָרם פֿון זיין בריוו, געשריבן אין נאָמען פֿון נישט דערמאָנטע פּערזאָנען פֿון דער גמינע־פֿאַרוואַלטונג, אין וועלכן עס ווערט פֿאַרלאַנגט אַרויסצוגעבן אַ רעגולאַמין, וואָס פֿאַרווערט די באַאַמטע פֿון דעם ביוראָ אַנטייל צו נעמען אין פּאַרטייאישע פּאָליטישע אַרבעטן.

„ווייל — מאָטיווירט דער ה׳ פּערעטץ זיין געזעצגעבערישן פֿאָרשלאָג — זיי וועלן נישט קאָנען זיין אָביעקטיוו אין דער באַציאונג צו די אינטערעסאַנטן, וואָס ווענדן זיך צו זיי".

די גמינע־פֿאַרוואַלטונג, וועלכע האָט קיינמאָל נישט פֿאַרווערט אירע אָנגעשטעלטע אויסצופֿירן זייער פּאָליטישע אַרבעט ווי מיטגלידער פֿון קרייזן, מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן פֿון צייטונגען פֿון אַ געוויסער ריכטונג.

די גמינע־פֿאַרוואַלטונג, וויסנדיק אויסגעצייכנט, אַז ס׳איז נישט פֿאָרגעקומען קיין שום פֿאַל פֿון פּאַרטייאישער איינזייטיקייט, און זייענדיק איגגאַנצן איבערצייגט, אַז אַזאַ פֿאַל וועט קיינמאָל נישט פֿאָרקומען — האָט דאָך זיך באַראָטן איבער דעם אויבנדערמאָנטן פֿאָרשלאָג. דערביי האָט זי אויף דער זיצונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענער וואָך, פֿאַר דעם אָפּלייגן פֿון דער זאַך צוליב דעם פֿעלן פֿון דריי מיטגלידער פֿון אַ געוויסער פּאַרטיי, מודיע געווען די פֿאַרזאַמלטע, אַז דאָ גייט אין אונזער ה׳ פרץ.

אַזוי איז אַנטשידן געוואָרן דעם ה׳ א. פּערעטצעס כּוונה. ווייל איך געהער נישט צו קיין שום פּאַרטיי, אַזוי צילט מען שוין אין מיין פֿרייהייט אַלס מחבר און קעגן דעם מוז איך פּראָטעסטירן.

נעמענדיק אין אַכט, אַז

מיין פֿאַרהעלטעניש צו דער גמינע־פֿאַרוואַלטונג איז אויסשליסלעך נאָר אַ פֿאַרהעלטעניש פֿון אַן אָנגעשטעלטן צו זיין ברויט־געבער,

אַז אַזאַ פֿאַרהעלטעניש גיט נישט דעם ברויט־געבער קיין שום רעכט אויף צו באַגרענעצן די רעכט און איבערצייגונגען פֿונעם אַרבעטער אויסער דעם אָרט און די צייט פֿון דער אַרבעט,

אַז ביים שליסן דעם אָפּמאַך — מיט העכער 20 יאָר צוריק — איז פֿון אַזאַ מין באַגרענצונג קיין שום רייד נישט געווען,

אַז נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך קאָן נישט קיין מאָדיפֿיקאַציע אָדער דערגאַנצונג אָפּהענגיק זיין בלויז פֿונעם ווילן פֿון איין צד —

האָב איך דערמיט דעם כבוד דערקלערן דער גמינע־פֿאַרוואַלטונג, אַז איך האָב נישט בדעה זיך אונטערצוואַרפֿן דעם אויבן־אָנגעוואָרפֿענעם רעגולאַמין.

מיט געהעריקער אַכטונג,

2. XII. 1912 י. ל. פּרץ

* * *

דער לאַנגיאָריקער ראַכמיסטער פֿון דער וואַרשעווער יידישער גמינע י. ל. פּרץ, וועלכער האָט קנאַפּע 25 יאָר דערפֿילט די פֿליכטן, און לויט דער אַטעסטאַציע פֿון דער גמינע גופֿא „די גאַנצע צייט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער ערלעכקייט", איז געשטאָרבן דעם 21טן מערץ 1915. צו דער לוויה זיינען געקומען צענער טויזנטער מענטשן מיט הונדערטער דעלעגאַציעס. „צו דער לוויה — שרייבט בשעתו אַ קאָרעס־פּאָנדענט פֿון וואַרשע אין ווילנער „די וואָך" — האָבן נישט געפֿעלט קיין דעלעגאַטן פֿון קיין איין יידישער חברה און אינסטיטוציע, פֿון די חסידיש־סטע ביז די פֿרייסטע און אַפֿילו האַלב־אַסימילירטע. אויסער „דער יידישער גמינע און אירע באַאַמטע". די גמינע מיט אירע דאַזאָרעס האָבן נישט געפֿונען פֿאַר מעגלעך צו באַטייליקן זיך אין דער לוויה פֿון פּרצן.

די זעלבע עקשנות־גלייכגילטיקע באַציאונג צו פּרצעס טויט באַ־מערקט מען אויך אין די אַרכיוו־פּאַפּירן און אין די פּראָטאָקאָלן פֿון דער גמינע אין יענער צייט. דער נאַרישער ביוראָקראַטיזם איז דאָ דערפֿירט ביז לעכערלעכקייט. אין פּראָטאָקאָל־בוך פֿון די פֿאַרוואַלטונגס־זיצונגען (געווען געפֿירט אין רוסיש) געפֿינט זיך צווישן אַנדערע לויפֿנדיקע ענינים אַ קורצע קאַלטע נאָטירונג וועגן טויט „פֿון דעם שריפֿטפֿירער" („דיעלאָ־פּראָיזוואָדיטעל") פֿון דער שטייער־אָפּטיילונג פֿון דער גמינע י. ל. פּרץ.

און דערביי איז באַשטימט געוואָרן אויסצופּועלן פאַר דער אלמנה פון דעם פאַרשטאָרבענעם „שריפטפירער" אַן עמעריטור אין גרויס פון אַן אַכטל פענסיע. און דאָס גאָר! די זיצונג איז פאָרגעקומען דעם 30טן מערץ 1915 (דאָס הייסט אַ וואָך נאָך דער לוויה). אין דער זיצונג האָבן זיך באַטייליקט: מ. בערגסאָן (פאָרזיצער), ס. דיקשטיין, ל. דאַווידזאָן, יוליאַן קאָן, וואָלף קליין, בראָניסלאַוו גאָלדפעדער, זלמן געלבלום, סט. נאַטאַנסאָן, אינזש. א. ווייסבלאַט, ה. גראָמאַן, ס. מאָרגענשטערן. אַז דער פאַרשטאָרבענער ראַכמיסטער האָט געהאַט עפּעס אַ שייכות צו דעם גרויסן יידישן שרייבער — ווענן דעם האָבן די הערן, „די יידישע פאַרשטייער", נישט געוואָלט וויסן. די עמעריטור איז דורך דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר דעם 2טן יולי 1915 באַשטעטיקט געוואָרן, און ס׳איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער אלמנה אַ חודש-סטיפּענדיע.*

עס זיינען אַוועקגעגאַנגען 10 יאָר, און די וואַרשעווער יידישע גמינע האָט זיך כּלל נישט געקימערט, וואָס פּרצעס קבר איז די גאַנצע צייט געווען אָן אַ מצבה. נאָר ווען דער פּרץ-קאָמיטעט מיטן ליטעראַטן-פאַריין בראש האָט אין 1925, צום צענטן יאָרצייט, זיך געווענדט מיט אַ ביטע צו דער גמינע (דאָס איז דער איינציקער דאָקומענט אין יידיש אין דעם גאַנצן פעקל אַרכיוו-מאַטעריאַלן, וואָס האָט אַ שייכות צו פּרצן!) מיטצוהעלפן צו פאַרענדיקן דעם אוהל-פּרץ, האָט די יידישע וואַרשעווער גמינע „באַוויליקט" צו באַשטימען 2000 גילדן און אויך באַשלאָסן אַנטייל צו נעמען אין דער פייערונג פון צענטן יאָרצייט.

* זע ווייטער אינעם קאַפּיטל „פּרץ און דינעזאָן" וועגן דעם באַצאָלונג פון דער גמינע צו דער אלמנה נאָך פּרצעס טויט.

„די יידישע ביבליאָטעק"

פרץ האָט נאָך נישט באַוויזן ווי ס׳דאַרף צו זיין איינצובירגערן זיך אין וואַרשע, ער האָט ערשט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער וואַרשעווער גמינע און זיך צופּאַסן צו דער נייער סביבה, צו די נייע מענטשן, — און שוין גאַרטלט ער זיך אונטער אויף אַ גרויסער ליטעראַריש־געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. פּרץ טרעט־צו צו רעדאַקטירן און אַרויסצוגעבן „דיא יודישע ביבליאָטעק", „אַ זשורנאַל פיר ליטעראַטור, געזעללשאַפט אונ עקאָנאָמיע, ערשיינט צווייא מאָהל יאהרליך".

אַז פּרץ האָט שוין פון פריער נאָך געטרוימט צו ווערן אַן אַרויס־געבער, אַז נאָך אין זאַמאָשטש האָט ער שוין געהאַט זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשידענע אַרויסגעבערישע פּלענער, — וועגן דעם וויסן מיר פון זיינע בריוו צו שלום־עליכמען. פּרץ האָט נישט פאַרמאָגט קיין אייגענע געלט־מיטלען, און באין־ברירה האָט ער זיך געמוזט פאַרבינדן מיט אַ גרופּע פאַרמעגלעכע האַלב־אַסימילירטע וואַרשעווער יידן, וועלכע זיינען גרייט געווען צו שטיצן אַ יידישע אויסגאַבע, וואָס זאָל פאַרשפּרייטן ביל־דונג צווישן די יידישע פאָלקסמאַסן. אַוודאי האָט קיין איינהייטלעכע מיי־נונג ביי פּרצן און יענער האַלב־אַסימילירטער גרופּע בנוגע דעם כאַראַקטער פון זשורנאַל נישט געקאָנט זיין. ביז איצט האָבן מיר נישט קיין גאַר־קלאָרע און גענויע ידיעות, ווי ווייט עס איז געווען דער אָנטייל פון דער האַלב־אַסימילירטער אינטעליגענץ אין דער „יידישער ביבליאָטעק" און איר ווירקונג אויף דעם זשורנאַל. דאָ און דאָרט, אין די אַרטיקלען־זכרונות פון די פאַרשידענע פּרץ־פריינט, זיינען פונאַנדערגעוואָרפן איינצל־נע, אָפּגעריסענע ידיעות וועגן דעם, ווי־אַרום מ׳איז געקומען צו די זאַמל־ביכער און וועגן דעם איינפלוס פון דיקשטיין, גראָס, גראָסגליק און אַנדערע אויף דעם כאַראַקטער און די אַרטיקלען פון דער „יידישער ביבליאָטעק". אָבער די ידיעות זיינען אָפטמאָל זיך סותר אין אייניקע פּרטים.

אין דעם אַרטיקל איבער פּרצן, וואָס איז שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען ציטירט געוואָרן, דערציילט נחום סאָקאָלאָוו („הצפירה" 1915,

נומ׳ 142), ווי מ׳איז געקומען צו דעם געדאַנק מיטצוהעלפֿן פּרצן אַרויס־צוגעבן אַ זשורנאַל אין יידיש. „עס איז געווען דאָ עפּעס אַ טעות: זיי (די כלל־טוער, די רעדלפֿירער אין דער גמינע. — נ. מ.) האָבן געקוקט אויפֿן „זשאַרגאָן״, ווי אויף אַ מיטל, און זיי האָבן געטראַכט, אַז דאָס וועט ברענגען צו אַלגעמיינער בילדונג — און נישט מער. באַזונדערס האָבן זיי גערעכנט צו ווירקן דורך די איבערזעצונגען פֿון פּויליש. ווען אָט די לייט וואָלטן געווען שרייבער, וואָלטן זיי געוואוסט און פֿאַרשטאַנען, אַז מ׳קאָן נישט שטעלן קיין גרענעצן דער ליטעראַטור, און נאָך ווייניקער — פֿאַר אַזאַ מין קינסטלערישן טאַלאַנט ווי פּרצעס. און וואָס עס איז באַשטימט געוואָרן צו זיין בלויז אַ מיטל, האָט וואָס ווייטער אָנגעהויבן צו ווערן אַ צוועק פֿאַר זיך. דאָס איז נאָך דאַן נישט קלאָר געווען, די ריכטונגען זיינען נאָך דאַן נישט געווען פֿונאַנדערגעטיילט. אַזוי איז עס געשען, וואָס איצט זעט אויס מאָדנע, — די מענטשן פֿון יענעם לאַגער זיינען געווען די אונטערפֿירער פֿון דער „ביבליאָטעק״. אין טייל זאַכן זיינען די מיינונגען געווען אייניק. איינע פֿון די הויפּט־אויפֿגאַבן איז געווען „בילדונג״ — און ווער איז קעגן בילדונג? מען האָט אויך געוואָלט געבן איבערזעצונגען פֿון דער בעסערער פּוילישער בעלעטריסטיק, וואָס זעט יידן פֿון דער גוטער זייט — פֿאַרוואָס נישט?״.

„איך געדענקט — דערציילט ווייטער נחום סאָקאָלאָוו — איין זיצונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין הויז פֿון יוסף קירשראָט, עק וולאָדזשימירסקע גאַס — מוצאי־שבועות, דאָס געדענק איך, און דאָס יאָר געדענק איך נישט פּינקטלעך. עס איז געווען דאָרט די גאַנצע „סמעטענע״ פֿון דער אַסימי־לאַציע און אויך אייניקע, וואָס שטעקן אינעווייניק. דער אינהאַלט פֿון דער אסיפֿה איז געווען די פֿראַגע וועגן דאָס ווייטערע פֿאַרזעצן פֿון דער „ביבליאָטעק״. די חבריא האָט איינגעפֿונען, אַז דאָס איז אַ ליטעראַטור פֿאַר זיך, עס זיינען שוין דאָרט געהערט געוואָרן די אַלע באַקאַנטע טענות, און עס האָט זיך שוין געפֿילט די גאַנצע קעגנערשאַפֿט. איך געדענק: איך האָב דאַן שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דער גאַנצער ראַלע, וואָס מ׳האָט געגעבן דעם „זשאַרגאָן״ און אַז דאָס רוב פֿאַרזאַמלטע איז געווען קעגן מיר שטאַרק אויפֿגעבראַכט און דערצאָרנט. קירשראָט איז געווען ווי אַן אייזערנע מויער פֿאַר אונז. נאָך דער פֿאַרזאַמלונג איז צוגעגאַנגען צו מיר איינער פֿון די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן, סטאַניסלאַוו קראַמשטיק, און האָט מיר געזאָגט: „איך בין אַ גוי גמור, און דער גאַנצער ענין איז מיר פֿרעמד (ער איז געווען אַ באַרימטער פּוילישער שריפֿטשטעלער, אַ נאַטור־וויסנשאַפֿטלער), איך האָב נישט צו טאָן מיט קיין יידישע פֿראַגן, אָבער

וועז איך וואָלט יאָ זיך באַשעפּטיקט, וואָלט איך עס געטאָן לויט אייער גייסט. איך זע, אַז אייער ליטעראַטור איז אַ ליטעראַטור פֿאַר זיך". „עס איז פֿאַרשטענדלעך, — גיט צו סאָקאָלאָוו, — אַז אָט די גרופּע האָט זיך געמוזט פֿונאַנדערפֿאַלן, און פּרץ איז צוביסלעך געוואָרן אַליין אַן אַרויס־געבער און רעדאַקטאָר, פֿריי פֿון וואָסערע ס'איז קרייזן און גרופּעס..."

ווענן דער באַטייליקונג פֿון די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן אין דער „יידישע ביבליאָטעק" דערציילט אויך ד"ר גרשון לעווין: „ס'וועט אַוודאי קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, ס'איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז אויף די ערשטע פּרצעס אויסגאַבן האָבן געלט געגעבן עטלעכע וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן. די ערשטע זיצונגען מכּוח אַרויסגעבן די „יידישע ביבליאָטעק" זיינען פֿאָרגעקומען ביי דעם אַדוואָקאַט קירשראָט, וואָס איז געווען דאַן איינער פֿון די וואַרשעווער ראשי־הקהל... אויף דער זיצונג זיינען געווען אַסך וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן פֿון דער העכסטער מדרגה, אַפֿילו ד"ר העבריק נוסבוים האָט נישט געפֿעלט. נאַציאָנאַלע יידן זיינען געווען נאָר צוויי: סאָקאָלאָוו און פּאָדלישעווסקי. ס'האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטעט, און אַלס קאַסירער איז געוואָרן אויסגעוויילט דער באַקאַנטער אַסימילאַטאָר גראָס־גליק, דער סעקרעטאַר פֿון דער „גמינע". שפּעטער האָט צו דעם קאָמיטעט געהערט אויך דער באַנקיר וואַוועלבערג פֿון פּעטערבורג. פֿאַרוואָס אייגנט־לעך האָבן די אַסימילאַטאָרן דאָס געטאָן? די וואַרשעווער אַסימילאַטאָרן האָבן דערביי געשפּילט די זעלבע ראָלע, וואָס פֿאַרשידענע קריסטלעכע מיסיאָנער־געזעלשאַפֿטן... די אַסימילאַטאָרן האָבן געגעבן געלט אויף „זשאַרגאָנישע" אויסגאַבן, בכדי צו ווירקן אויף דער יידישער „מאַסע" אין דער ריכטונג פֿון אַסימילאַציע. דער ציל זייערער איז געווען אַרויס־צויאָגן דעם „זשאַרגאָן" מיט דעם „זשאַרגאָן" אַליין. אינעם לייט־אַרטיקל פֿונעם ערשטן באַנד „יידישע ביבליאָטעק" איז דאָך געשטאַנען בפּירוש, אַז „זשאַרגאָן איז נאָר אַ ניאַנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען גיין, זיצן, אָ נ ה ו י ב ן רעדן... דערנאָך מעגט איר די ניאַנקע אַרויסוואַרפֿן..." די לעזער אָבער האָבן געקוקט דערויף גאָר אַנדערש. די „מאַסע" האָט דעם „זשאַרגאָן" נישט באַטראַכט אַלס „ניאַנקע", נאָר אַלס מאַמע־לשון. פּרץ אַליין איז שפּעטער אויך אַרויף אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט... פּרצעס אויסגאַבן האָבן טאַקע אויפֿגעוועקט דאָס פֿאָלק און האָבן אים געעפֿנט די אויגן, זיי האָבן אין די לעזער אַנטוויקלט אַן עסטעטישן גע־שמאַק, זיי האָבן דאָס פֿאָלק איירָאָפּעאיזירט, אָבער נישט אַסימילירט..." (ג. לעווין — פּרץ, אַ ביסל זכרונות, ז"ז 61־62).

אין די ערשטע צוויי בענדער „די יידישע ביבליאָטעק", וואָס זיינען דערשינען אין 1891, האָט פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען, נאָוועלן, לידער, קריטישע נאָטיצן, פֿעליעטאָנען, און אויך פּאָפּולערע עצות־אָנווייזונגען פֿאַר בעלי־מלאכות. כמעט אַ העלפֿט מאַטעריאַל, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין די צוויי דיקע בענדער, געהערט פּרצעס פּעדער.

פֿון בעלעטריסטיק איז דאָ פּרצעס: אינעם פּאָסט־וואָגאָן, שלום־בית, ר' בערל, דער נייער ניגון, האָלט ס'מויל, מענדל ברײַנהס, אַ קלעזמערס טויט, ס'הערצל צאַפּלט, די אלמנה, די לעזערין, דאָס זיבעטע בענטש־ליכטל און אויך בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רייזע (23 קאַפּיטלען־בילדער). פֿון פּאָעזיע: ס'מזל שטעלט מיר אויף אַ רעטזל, דער נביא יחזקאל, דער בעל־עגלה, דער יידישער קוועסטאָר, אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ריימען געקאָוועט, מיין מוזע, צייט־געדיכטע, יוכבד, אמת ושקר, דער לבנהס שוועסטער, אַ טרער, אַן אדום, ער און זי, דער כּוס, מיש־מאַש. אין די ביידע בענדער קומען אויך לייט־אַרטיקלען פֿון פּרצן: אין ערשטן באַנד — בילדונג, אין צווייטן — וואָס הערט זיך. אינעם ערשטן באַנד הויבט זיך אָן צו דרוקן אַ גרויסע אָפּטיילונג פֿאַר בעלי־מלאכות, וואו פּרץ פֿאַר־עפֿנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג „איבער פּראָפֿעסיאָנען", אין וועלכע ער גיט אין אַן אָריגינעלער פֿאָרם אַ געשיכטלעכן איבערבליק און דערנאָך זייער פּאָפּולערע פּראַקטישע אָנווייזונגען פֿאַר יידישע בעלי־מלאכות. אין דער „יידישער ביבליאָטעק" הויבט פּרץ אָן אַ סעריע „פֿעליעטאָנען" אונטערן נאָמען „דער לץ פֿון דער רעדאַקציע", וואו ער באַהאַנדלט פֿאַרשידענע ליטעראַריש־געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן אין אַ גאַר־נייער לייכט־ערנסטער, שפּאַסיק־בייסיקער פֿאָרם, וואָס ער האָט שפּעטער אין זיינע „פֿעליעטאָנען און אויפֿזאַצן" דערפֿירט צו אַן אייגענער פּרצישער מאַניר. צום סוף קומט אַן אָפּטיילונג „קריטיק", וואו פּרץ (פּסיידאָנים בן־תּמר) גיט קורצע, טרעפֿ־לעכע כאַראַקטעריסטיקעס און אינטערעסאַנטע אָפּשאַצונגען וועגן פֿיל יידישע און העברעאישע ביכער, ביכלעך און אויסגאַבעס. אין דער אָפּ־טיילונג קומט אַן אַרטיקל־נעקראָלאָג איבער דעם באַוואוסטן יידישן דיכטער מיכל גאָרדאָן, וואָס איז אין 1890 געשטאָרבן.

שוין די געבראַכטע רשימה פֿון די אַרבעטן, וואָס פּרץ האָט פֿאַר־עפֿנטלעכט אין די ערשטע צוויי בענדער פֿון דער „יידישער ביבליאָטעק", די פֿאַרשיידנקייט פֿון די טעמעס, וואָס פּרץ באַרירט, און די אַלערליי ליטעראַרישע פֿאָרמען, אין וועלכע פּרץ טרעט דאָ אַרויס, באַווייזן די אויסערגעוויינלעכע פּראָדוקטיווקייט און פֿילזייטיקייט פֿון פּרצן און זיי באַצייכענען קלאָר דעם כאַראַקטער פֿון זיין קינסטלערישער פּערזענלעכ־

קייט. פּרץ קומט צום שטאָף נישט בהדרגה, נישט מיט פּאַמעלעכע טריט, נאָר ראַפּטאָם, מיט דורשט, מיט אויסגעהונגערטקייט, מיט אימפּעט. און סיי אין זיינע דערציילונגען, סיי אין זיינע אַרטיקלען ווענדט ער אָן דעם זעלבן מעטאָד: נישט זיך אָפּגעבן מיט פּרטים, נישט אַרומגיין אַ זאַך, נישט מאַכן אַרום דעם קיין הקפֿות, נאָר גלייך צום עיקר, צום צענטער, צום האַרץ, פֿון וואַנעט עס שלאָגט דאָס חיות. פֿאַר פּרצן איז דעריבער אָנגעמאָסטן די קורצע נאָוועלע, די סקיץ, וואו אַ שטריך, אַ באַצייכענונג, אַן עפּיזאָד, אַ סיטואַציע שעפּן גלייך אויס דעם מהות פֿון מענטש און שטעלן אים אַרויס אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט אָדער מיט זיין גאַנצן האָב און גאָב.

פּרץ שילדערט נישט, נאָר זינגט אַרויס אַ נאָוועלע, נישט ער פֿאָטאָגראַפֿירט אַ לעבנס־מעשה, נאָר ער כאַפּט־אויף דעם מאָטיוו, דעם געזאַנג; נישט דעם לבוש פֿון דעם מענטש גיט ער, נאָר זיין נשמה, זיין אינעווייניקסטע אויסשטראַלונג. פּרץ הויבט אָן זיין ערשטע נאָוועלע „אינעם פּאָסט־וואָגן“ אַזוי: „ער האָט מיר אַלץ פֿאַרציילט אויף אַמאָל, אין איין אָטעם“. און עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פּרצן די קורצע, אָפּגעהאַקטע פֿראַזע, די שאַרפֿע, די קאַנטיקע, די אימפּעטיקע. דאָס אַלץ שטעלט שוין דאַן אַוועק פּרצן אין זיינע אַלע זאַכן גאָר באַזונדער, רוקן אים גלייך אַרויס אין פֿאָדערגרונט, איבער אַלע שרייבער און שרייבעכצן פֿון יענער צייט. און דאָס זעען מיר אַזוי באַשיימפּערלעך און שפּירן אין די ביכער „די יידישע ביבליאָטעק“. אויב ביז איצט האָט זיך אין זיינע איינצלנע ווערק באַוויזן פֿאַר אונז אַ טייל פֿון פּרצן, אַ רמז אויף פּרצן, איז איצט מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן פֿאַר אונז דער גאַנצער, פֿילזייטיקער, פֿילקאָלירנדיקער פּרץ.

וועגן „רייזע־בילדער“, וואָס זיינען אין „יודישע ביבליאָטעק“ אָפּגעדרוקט, איז אונז אויסגעקומען צו רעדן באַריכותדיקער (אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל). אויך „אינעם פּאָסט־וואָגן“ איז אַ דורכאויס־נייע אָריגינעל־אויפֿגעפֿאַסטע דערציילונג. ס׳איז באַוויזן פֿאַר אונז אַ געשטאַלט פֿון אַ יידישער צאַרטער, בענקענדיקער פֿרוי ביי אַ מאַן אַ שלימזל. ס׳איז אויך געגעבן אַ פּאָליאַק אַן אַפּטייקער מיט זיין פֿרוי און ס׳איז אַריינגעפֿלאָכטן נאָך אַ רירנדיקע געשטאַלט פֿון אַ צווייטער פֿרוי. שטיקער יידישער לעבנסשטייגער. אָבער ס׳איז נישט געגעבן אין געוויינטלעכער פּראָטאָקאָלישער פֿאָרם. טענער און האַלב־טענער, שאָטנס און סילועטן, און אין אַ קאַליזיע פֿון קורצע, אָפּגעהאַקטע ווערטער שיינט־אויף, העלט־אויף פֿאַר אונז אַ לעבן און נאָך אַ לעבן. ס׳איז אַ מייסטעריש געשפּיל, ס׳טויכט אויף

אַן עפּיזאָד, אַ מענטשלעך געשטאַלט, וואָס ס׳וואַקסט אויס אין אַ טראַ־געדיע, און אַלץ איז קורץ, קלוג, שאַרפֿזיניק איבערגעגעבן. אין דער דער־ציילונג כאַפּן זיך אַריין דאָ און דאָרט „אַפּנויגן״ פֿון מחבר. נאָך דעם ווי דער ייד קריכט אַראָפּ פֿון וואָגן און ווערט פֿאַרשוואונדן, הייבן אָן פֿאַר־שידענע געדאַנקען צו מאַטערן דעם קינסטלער: „... צוויי פֿאַרשידענע וועלטן, אַ מאַנישע וועלט און אַ ווייבערישע וועלט... אַ וועלט מיט „ארבעה אבות נזיקין״ און אַ וועלט מיט מעשה־ביכלעך, וואָס מען קויפֿט אויפֿן פּוד... לייענט ע ר ווערט ז י אַנטשלאָפֿן; לייענט ז י ווערט ע ר אַנט־שלאָפֿן... וויניק האָבן מיר כּיתּות... וויניק צעפֿאַלן מיר אויף „פּראָב־צויזישע נעז״, „ענגלישע שטעקן״, „דייטשע יערגעס״, „ליטווישע חזירים״, „פּוילישע שנאָרערס״, „ארץ־ישראל־שלעפּערס״... וויניק, אַז יעדער אבער פֿון אונזער גוף ליגט אין אַן אַנדער שטאָל און האָט אַן אַנדערן קלינגענדיקן ביי־נאָמען; וויניק וואָס יעדער אבר צעפֿאַלט נאָך אויף פֿאַרשידענע חלקים; חסידים, מתנגדים, דייטשן... שפּאַלטן מיר זיך נאָך אויף זכרים און נקבות... אין יעדער איינציקער יידישער, ענגער, נאַסער, ברודיקער שטוב מוזן אויך זיין צוויי באַזונדערע וועלטן... לייענט ע ר — ווערט ז י אַנטשלאָפֿן, לייענט ז י — ווערט ע ר אַנטשלאָפֿן. מע וואָלט געדאַרפֿט, טראַכט איך, על־כּל־פּנים די צוויי וועלטן צו פֿאַראייניקן... דאָס איז דער חוב פֿון יעדן יידישן שרייבער״ (אין „די יידישע ביבליאָטעק״ שטייט נאָך „זשאַרגאָן־שרייבער״. — נ. מ.).

און אינעם „פּאָסט־וואָגן״ האָט פּרץ אויך אויפֿגעדעקט דאָס פּראָבלעם פֿון צוויי וועלטן, פֿון ז י י און מ י ר; דאָס פּראָבלעם, וואָס גייט דורך אין פֿיל פּרצעס ווערק. ער ברענגט אַפֿילו אַרויס אַ פּאָליאַק יאַנעק פּאָלי־נעווסקי, אַ יוגנט־חבר, וואָס ער האָט אים פֿיל יאָרן נישט געזען. און פּרץ ברענגט אַזעלכע מיני געדאַנקען: „... די מענטשן־נאַטור, נישט די פּאָליטיק, שפּינט די געשיכטע־פֿעדעם, די פּאָליטיק צעפּלעכט, פֿאַרדרייט, פֿאַרקניפּט און פֿאַרפּלאָנטערט זי!״ און ווייטער: „דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ קרענק, די פּאָליטיק שטעלט זיך ביים קראַנקן בעט, ווי אַ נאַרישער שלעכטער דאָקטאָר, וואָס וויל די קרענק פֿאַרלענגערן. די פּאָליטיק נוצט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם; עס פֿליט אַ שטיין אין דער לופֿט, לענקט אים ביסמאַרקס אונטער־בעלפֿער אין שול־פֿענצטער אַריין; אַז ניט — וואָלטן אַנדערע שויבן געפּלאַצט. עס הויבט זיך אויף אַ פּראָטעסטירנדע פֿויסט, רוקט מען איר אונטער אַ יידישע דאַרע, איינגעהאָרבעטע פּלייצע — אַז ניט וואָלטן אַנדערע ביינער געקנאַקט... אָבער דער שטיין, די פֿויסט, די

שנאה, דער האַס — עקזיסטירן פאַר זיך אַליין..." אַט מיט אַזעלכע מיני בליצן־געדאַנקען איז אַדורכגעפלאָכטן די רירנדיקע דערציילונג.

ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס די ביידע טיפּן, דער ייד און דער קריסט, רעדן אַרויס פון דער פּינצטערניש, זייערע פּנימער זעט נישט פּרץ. מיט זייערע מיילער רעדט, הייסט עס, אַרויס אַ כלל, אַ קאָלעקטיוו, אַ פאָלק. און פּרץ פירט לסוף אויס מייסטעריש, אַז נישט נאָר א י י ן יידיש ווייבל לעבט אַזוי, ווי ס'האָבן זי געשילדערט דער ייד און דער פּאַליאַק. פּרץ האָט דערהויבן די געשיכטע פון איין ליידנדיקער יידישער פרוי צו דער טראַגעדיע פון דער יידישער פרוי בכלל.

צווישן די איבעריקע בעלעטריסטישע זאַכן פון פּרצן, וואָס זיינען אין דער „יידישער ביבליאָטעק" פאַרעפנטלעכט, האָבן מיר ווי פאַרשיידענע מוסטערן פון שפעטערדיקער פּרצישער שאַפונג:

„שלום־בית", אַ קורצע נאָוועלע, וואו עס איז אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם געגעבן דער פאָלקסטימלעכער טיפּ, און זיין תמימות און גלויבן, די זיבן חנען פונעם יידישן פאָלקס־מענטש און זיין צניעותדיקע ליבע און געבונדנקייט צו זיין ווייב און קינד. דער געמיש פון ד ע ר און י ע נ ע ר וועלט, פון רעאַלן און איבעררעאַלן, פון וואָך און יום־טוב. חיים דער טרעגער איז אַ מין באַנטשע שוויג, וואָס פּרץ האָט שפעטער געמאָלן מיט קרעפטיקער שלימות.

„האַלט ס'מויל!" — „אַ פאַנטאַזיע" רופט עס אָן פּרץ, אָבער ס'איז אַן אַלעגאָריש בילד פון דער רעאַקציע־צייט, וואָס האָט געהערשט אין די אָנהויב 90קער יאָרן אין רוסלאַנד. „דער הימל איז באַדעקט מיט אַ בלייער־נעם גראָען וואָלקן, דער ווינט בלאָזט און שאָקלט מיט די בלויזע ביימער. איבער דער ערד איז שוין דורכגעגאַנגען די שאַרפע קאָסע און איבער־געלאָזט נאָך עטלעכע דערנער"... און „ערשט דעמאָלט האָט זיך מיישב געווען אַ ר ו י ז און האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן איינע אַליין אויף אַ קזשאַק, אויפן פרייען פעלד!... געציטערט האָט זי און געצאַפּלט פון קעלט, זי האָט אויסגעצויגן אירע לאַנגע שוואַכע בלעטלעך צו כאַפּן נאָך אַ וואַרעמען, נאָך אַ ליכטיקן שטראַל. אומזיסט! צו שפּעט! ערגעץ אַנדערש איז צינד זומער, ערגעץ אַנדערש דערוואַכט דאָס נייע לעבן; נייע האָפע־נונגען, נייע פרייד, נייע לופט!... אָבער ד אָ, דאָ מוז אַלץ שטאַרבן..."

די רויז טענהט און בעט אַ שטראַל פון דער זון, אַ וואַרעמע גוטע רגע.

„האַלט ס'מויל!" — האָט אַ פייף געגעבן דער בייזער ווינט און האָט פאַרשיט די וויינענדע בלום מיט שטויב און פוילע בלעטער... לעבע־דיקערהייט האָט ער זי באַגראָבן!"

פֿאַראַן דאָ אויך אַ נאָוועלע „דער קלעזמער־טויט״, — אַ מעשה מיט אַן אַלטן שטאַרבנדיקן קלעזמער. אַ מאָטיוו, וואָס האָט זיך שפּעטער איבער־געחזרט ביי פּרצן אין בילדער און סקיצן, דער מאָטיוו, וואָס איז אויך, אגב, דאָ אין ערשטן אַקט פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״. די דערציילונג איז שפּעטער דורך פּרצן אינסצעניזירט אין „וואָס אין אַ פֿידעלע שטעקט״ (טעאַטער־שטיק אין 3 אַקטן).

אין דעם ערשטן באַנד „די יידישע ביבליאָטעק״ איז אָפּגעדרוקט פּרצעס אַ גרויסער אַרטיקל „בילדונג״ (ער האַלט גאַנצע 20 זייטן, גע־חתמעט: י. ל. פּ.), וואָס קומט ווי אַן אַריינפֿיר צום זאַמלבוך. דער אַרטיקל איז אינטערעסאַנט מכמה וכמה טעמים. קודם כל איז עס פּרצעס ערשטער גרויסער אַרויספֿאַר אין דער יידישער פּובליציסטיק. און שוין דאָ באַ־ווייזט זיך פֿאַר אונז פּרץ אין זיין גאַנצער גרויס און אַריגינעלקייט. ווי אין זיינע נאָוועלן און פּאָעמען, אַזוי קומט אויך דאָ פּרץ מיט אַ נייעם אינהאַלט און נייעם סטיל. עס איז נישט די טויטע, צעצויגענע מאַמריסטיק, דער לאַנגווייליקער דרוש, — דער הויפּט־כאַראַקטער פֿון דער אַמאָליקער יידישער פּובליציסטיק, — עס זיינען טעמפּעראַמענטפֿולע געדאַנקען, מע־רער געדאַנקלעכע אויפֿבליצן, געגעבן אין אַ פּובליציסטיש־דיכטערישער פֿאָרם. מיר האָבן דאָ סכעמעס, אָנדייטונגען אויף פּרצעס שפּעטערדיקער וועלט־אַנשויאונג און וועלט־באַנעם. עס פֿלעכטן זיך דאָ — נישט אומעטום גאָר־גלאַטיק און האַרמאָניש — דאָס יידישע און אוניווערסאַלע, און ער־טערווייז וואַקסט אַרויס דער ווירדיקער, שטאָלצער קוק פֿון דעם מאָדערנעם ייד אויף דער אַרומיקער וועלט, וואָס איז דאַן, אין יענע יאָרן, נאָך געווען אַ נייעס אין דער יידישער וועלט. אַ טייל זאַצן זיינען ראשי־פּרקים פֿון אַ געזונטן נאַציאָנאַל־מענטשלעכן פּראָגראַם, אייניקע — זיינען נאָך אָפּ־הילכן, גיכער נאָכווייען, פֿון יענצייטיקער השכלה־תקופֿה. דער אַרטיקל איז נישט ריין פֿון סתירות, ווידעראַנאַנדן. טיילווייז ליגט עס אין פּרצעס אייגע־נעם כאַראַקטער, און טיילווייז געוויס אין דעם נישט גאָר־גליַיכן שידוך, — פּרץ פֿון איין זייט און די דיקשטיינס פֿון דער צווייטער זייט, — וואָס דער אַרטיקל איז זיין רעזולטאַט און אויסדרוק.

מיר ברענגען דאָ אייניקע שטעלן פֿון דעם זייער אינטערעסאַנטן אַרטיקל:

„דעם גלות האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען אַסך. אַסך מעלות, נאָר אַסך חסרונות אויך. אין דעם טויזנט־יאָריקן לעבנס־שטייגער, פֿאַרצייטן, ווען

אַלע פֿעלקער האָבן כּוח געזאַמלט און באַנוצט אויף מאָרד, ברענען און צווינגען, האָבן מיר כּוחות געזאַמלט און באַנוצט אויף סבלנות, אויף אויס־האַלטן, אויסדולדן, איבערליידן די שלעכטע צייט. יענע קראַפֿט וואַקסט אַזוי לאַנג ביז זי טרעפֿט אויף אַ גרעסערע און פּלאַצט ווי אַ זייפֿנבלאָז. אונזער קראַפֿט וועט שוין אויף קיין גרעסערע נישט טרעפֿן. דעריבער זיינען אַסך פֿעלקער אונטערגעגאַנגען, און מיר לעבן און ווילן לעבן אייביק... צייט מיר זיינען אין גלות, האָבן מיר אויף אונזער געוויסן, אויף אונזער יהדות קיין איינציקן טראָפּן פֿרעמד בלוט. דער פֿעלקער־פֿאַנאַטיזם האָט אונזער פֿאָלק מיט בלאָטע באַשפּריצט, מיר האָבן אים מיט אייגן בלוט געוואַשן"...

„... זאָל זיך אונזער ציוויליזאַציאָן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט רחמנות, מיט ליבע, מיט מענטשלעכקייט, מיט חכמה — ענדיקן מיט צדיקים, צו וועלכע דער רבונו־של־עולם איז בבחינת עבד, מיט געשלעג, מיט רדיפֿות, מיט מענטשנהאַס, מיט פֿאַנאַטיזם? זאָל זיך די גאָלדענע קייט ענדיקן מיט צין?"

„מיר ווילן קיין רעפֿאָרמען!... ווער עס רוקט אָפּ די סטאַווידלעס פֿון דעם אָרט, וואו די פֿאַליעס שלאָגן, אויף דעם אָרט, וואו דער טייך איז רואיק — טוט נישט דעם טייך, נאָר די סטאַווידלעס אַ טובה!... מיר ווילן נאָר בילדן דאָס פֿאָלק! מיר ווילן נאָר אויפֿווייזן, וואָס עס איז אונזער און וואָס עס איז פֿרעמד; וואָס עס איז קערן און וואָס עס איז פּלעווע און שטרוי..."

אויף אַזאַ אייגנאַרטיקן אופֿן באַרירט פּרץ אַ ריי פֿראַגן פֿון יידישן געזעלשאַפֿטלעכן און קולטורעלן לעבן.

אַ באַזונדער אָרט אין דעם אַרטיקל פֿאַרנעמט די אויפֿקלערונג פֿון דער שפּראַכן־פֿראַגע. אָט די שטעלן אין אַרטיקל האָבן אַרויסגערופֿן שטוינונג. עס זיינען פֿאַראַן דאָ געדאַנקען, וועלכע פּאַסן זיך נישט אײַן מיט פּרצעס באַציאונג צו יידיש, ווי עס איז אויסגעדריקט געוואָרן פֿריער דורך פּרצן ביי אַנדערע געלעגנהייטן.

מיר לייענען אין דעם אַרטיקל:

„מיר ווילן בילדן דאָס פֿאָלק און שרייבן זשאַרגאָן, ווייל מיר האָבן אַן ערך פֿון דריי מיליאָן נפֿשות, וואָס פֿאַרשטייען נאָר זשאַרגאָן. נאָר מיר האַלטן נישט דעם זשאַרגאָן פֿאַר הייליק. מיר סימפּאַטיזירן גאַנץ אָפּט מיט די, וואָס ווילן דעם זשאַרגאָן אויף אַ לעבעדיקער לאַנדסשפּראַך פֿאַר־טוישן. — — — נאָר נאָך שטאַרקער סימפּאַטיזירן מיר מיט די אָנהענגער פֿון „שפֿה ברורה", ווי ווייט זיי שטעלן זיך אַלס צוועק צו פֿאַרברייטערן

די העברעאישע ליטעראַטור, צו שטיצן די שריפטשטעלער וכד׳... מיר ווילן דאָס פאָלק אינגאַנצן זאָל קענען העברעאיש, כדי עס זאָל נישט דאָס תנ״כל פאַרגעסן... באַזונדער האָט לשון־הקודש פאַר אונז אַן אַנדער ווערט... דער קאָן נאָר אויף זיך זאָגן, אַז ער געהער צו אַ פאָלק, דער וואָס האָט פאַרבינדונג מיט אַלע אויגן פון דער נעץ, פון דער פאַרשפּרייטער אויף דער גאַנצער וועלט, און קען גוט די קייט, וואָס ציט זיך פון אברהם אבינו ביז דעם היינטיקן טאָג. די העברעאישע שפּראַך, וואָס אַלע יידן פאַרשטייען אין אַלע לענדער, איז דער רימען, וואָס האַלט צוזאַמען די רעדלעך, זיי זאָלן זיך נישט פונאַנדערפאַלן; דער איינציקער קליי, וואָס האַלט אונזערע צעשיטע ביינער צוזאַמען! די העברעאישע שפּראַך האַלט אויך צוזאַמען די רינגען אין דער צייט; זי פאַראייניקט אונז מיט משה רבנו, מיט די נביאים, מיט דער משנה, מיט דער גמרא, מיט אַלע אונזערע גרויסע שטערן, וואָס האָבן אַמאָל אויף אונזער הימל געלייכט!... פאַרגעסן די העברעאישע שפּראַך הייסט: פאַרגעסן די תורה, די נביאים, פאַרגעסן די געשיכטע, אָפּרייסן זיך ווי צווייג פון בוים, פוילן אַ קורצע צייט און — פאַרשוואונדן ווערן! נאָר מיט העברעאיש אַליין קאָנען מיר דערוייל נישט דורכקומען. עס זיינען דאָ צווישן אונז שאָוויניסטן־פאַנאַטיקער, וואָס מיינען, אַז איבער נאַכט קאָן מען אַ שפּראַך לעבעדיק מאַכן; אַז עס איז גענוג, אַז 40־50 בטלנים זאָלן מאַכן ביכלעך און פאַרשרייבן אַלע נייע ווערטער, וואָס זיי וועלן טרעפן אָדער אויסקלערן און דערנאָך מאַכן דערפון אַ פולקאָמען ווערטערבוך; עס זיינען דאָ בטלנים, וואָס ווערן דערפרייט, אַז זיי זעען אַ העברעאישן וואַנט־קאַלענדאַר. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן שוין די קינדער אויף העברעאיש דערציען; זיי ווייסן נישט, אַז די שפּראַך איז נאָר די פ אָ ר ם, דער תוך מוז זיין די א י ד ע ע״.

אָט אַזוי פּרוואווט פרץ צו פאָרמולירן זיין, ריכטיקער — דער גרופּעס, שטאַנדפּונקט אויף דער שפּראַכן־פראַגע. ווי מיר זעען, זיינען אין דער פאָרמולירונג פאַראַן גענוג אומקלאָרקייטן און סתירות. און נאָך לענגערע הין־און־הער געדאַנקען און אויפקלערונגען ווערט אינעם אַרטיקל נאָכאַמאָל אַזוי רעזומירט די אויפפאַסונג פונעם שפּראַכן־פּראָבלעם ביי יידן: „העברעאיש מוזן מיר קענען אַלס יידן, און אַלס געבילדעטע מענטשן, אַלס לעבעדיקע מענטשן, מוזן מיר קענען די לאַנד־שפּראַך. אין לשון־הקודש שטעקט אונזער רעליגיע, אונזער נאַציאָנאַליטעט, אין דער לאַנד־שפּראַך — אונזער בילדונג, אונזער געווינלעך לעבן... צוויי שפּראַכן מוזן מיר קענען, אויף דעם זיינען מיר אין גלות! אויף דעם זיינען מיר צעשפּרייט און צעזייט צווישן פעלקער! וואָס דאַרפן מיר דעם זשאַרגאָן? נאָר ווער פרעגט אונז

אַן עצה? עס עקזיסטירט אַ דריטע שפּראַך, דריי מיליאָן נפשות פירן זי, אויב מיר ווילן די דריי מיליאָן נפשות בילדן, קאָנען מיר נישט וואַרטן ביז זיי וועלן זיך אַנדערע שפּראַכן אויסלערנען... עס וואָלט בעסער געווען מיר זאָלן דאַרפן איין שפּראַך קענען, על־כל־פּנים נאָר צוויי, מיר מוזן אָבער קענען אַלע דריי".

אין דעם אַרטיקל „בילדונג" געפינען זיך די שורות, וועלכע זיינען אַזויפיל מאָל און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן שוין ציטירט געוואָרן: „זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו פאַרטרעטן דער מוטערס שטעלע אין אַ יידיש הויז; דער פּלאַץ פאַרנעמט און דאַרף פאַרנעמען לשון־הקודש; זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו דער לערער־שטעלע, דעם פּלאַץ מוז לע"ע פאַרנעמען אַ לאַנד־שפּראַך; זשאַרגאָן איז נאָר אַ ניאַנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען גיין, זיצן, אַנהויבן רעדן... דערנאָך מעגט איר די ניאַנקע אַרויסוואַרפן, אָדער אויס דאַנקבאַרקייט איר איבערלאָזן אַן אָרט ביים טיש! נאָר ווער עס וויל דאָס פאָלק קענען, און ווער עס וויל דאָס פאָלק לערנען — מוז קאָנען רעדן און שרייבן זשאַרגאָן".

ווי פּרץ האָט אויפגענומען יידיש, ווי עס האָט זיך געענדערט ביי אים אין לויף פון יאָרן די באַציאונג צו יידיש און צו זיין ראָל אין אונזער לעבן און אין אונזער נייער געשיכטע, וועגן דעם איז גוט באַוואוסט. דאָ, אין דעם אָרט, דאַרף מען צוגעבן, אַז אָט די נעגאַטיווע שורות בנוגע צו יידיש, זיינען געווען מער דיקטירט פון אויסן, פון דער האַלב־אַסימי־לאַטאָרישער גרופּע, וואָס האָט מיטגעהאָלפן אַרויסצוגעבן די „יידישע ביבליאָטעק" און געהאַט רשות אַרויפצוצווינגען יידיש־פיינטלעכע שורות אין פּרצעס אַרטיקל. עס איז, פאַרשטייט זיך, שווער צו דערגיין איצט, וועלכע שורות, אייגנטלעך, זיינען אינעם אַרטיקל פרעמד־געוויקסיקע, נישט פּרצעס. אָבער אַז עס זיינען געווען אַריינגעשטעלטע שורות, וועגן דעם איז קיין ספק נישטאָ. „איך האָב געהערט, — שרייבט ה. ד. נאָמבערג, — אַז די דאָזיקע אָפיציעלע שורות (וועגן יידיש — נ. מ.) זיינען דירעקט געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס און פאַרלאַנג פון פּראָפ. דיקשטיין" (ה. ד. נאָמבערג, „אַ ליטעראַרישער דור", געזאַמלטע ווערק, ב. 8, ז' 32). דאָס זעלבע גיט איבער נח פּרילוצקי אין זיין נאָטיץ „אַ נישט־אויפגעקלער־טער מאָמענט" (אין דער איינמאַל־אויסגאַבע „פּרץ", וואַרשע, 1924). אָפּ־שטעלנדיק זיך אויף דער באַציאונג פון פּרצן צו יידיש אין 1886 (אין זיין העברעאישן שיר „מנגינות הזמן" — „האסיף"), וואו פּרץ האָט געשריבן: „די שפּראַך וועט בלייבן אַן אייביקער עדות", זאָגט נ. פּרילוצקי, אַז עס איז „אַ שטיקל איבערראַשונג די ווערטער אין פּראָגראַם־אַרטיקל פון דער

„יידישער ביבליאָטעק". אַביסל ליכט אויף דער דאָזיקער סתירה — דער־ציילט ב. פרילוצקי — וואָרפט דאָס, וואָס יעקב דינעזאָן האָט מיר אַמאָל דערציילט: שטעלט אייך פאָר, אַז דער ערשטער באַנד פון דער „יידישער ביבליאָטעק" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף... דיקשטיינס חשבון... אויף אַ זיצונג האָט פרץ פאָרגעשטעלט דעם מאַטעריאַל פאַר דעם זאַמלבוך און אויך פאָרגעלייענט דאָס פראָגראַם־אַרטיקל, וועלכער, ווי דינעזאָן האָט מיך פאַרזיכערט, איז געווען אָנגעשריבן פ אַ ר י י ד י ש. און אָט האָט דיקשטיין דאָס דאָזיקע אַרטיקל נישט אַקצעפּטירט און האָט אויפגעגעבן אַן אַנדער סכעמע פאַרן פראָגראַם־אַרטיקל. לויט דער דאָזיקער סכעמע האָט פרץ טאַקע אָנגעשריבן דאָס אַרטיקל „בילדונג"... „עס בלייבט נאָך נישט פאַרענטפערט די קשיא, — ענדיקט ב. פרילוצקי זיין נאָטיץ, — צי האָט פרץ אַליין געהאַט דעמאָלט אַ געוויסע אינערלעכע וואַקלונג אין דער שטעלונג צו יידיש, און דעריבער איז אים נישט שווער געווען צוליב צו טאָן דיקשטיינען? אָדער ס'איז געווען אַ מינוט פון שוואַכקייט פון זיין זייט און ער האָט נאָכגעגעבן, אַבי נאָר צו ראַטעווען די אונטערנעמונג גופא, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר פיל וויכטיקער ווי די טעאָרעטישע שפּאַרענישן?"

דער אַרטיקל „בילדונג" איז אָן קיין ספק אַ וויכטיקע דאַטע אין דער יידישער פובליציסטיק בכלל און אין פרצעס ליטעראַרישער טעטיקייט בפרט. פרץ האָט געמאַכט דעם ערשטן פּרוּוו אַוועקצושטעלן אין אַ פּראָ־גרעסיוו־נאַציאָנאַלן און ערטערטרוויז ראַדיקאַלן אופן אַ ריי פראַגן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן לעבן. ה. ד. נאָמבערג זאָגט פאָלגנדיקס אין זיין דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג וועגן פרצעס פּראָגראַם־אַרטיקל „ביל־דונג": „די הקדמה צו דער „יידישער ביבליאָטעק", כאָטש אין ליטע־ראַרישן זין גלענצנד אויפגעשריבן, קאָן נאָר לויט דער פאָרם גילטן אַלס אַ ניי וואָרט; אין אונזער פּובליציסטיק קאָן זי דינען פאַר אַ קלאַסישן מוסטער, אָבער אין תוך אַריין, לויט דעם אינהאַלט נאָך, געהערט זי צו דער משכּילישער ריכטונג..." אָבער אין דעם אַרטיקל הערן מיר שוין גאָר אַנדערע, נישט ריין־משכּילישע טענער. פרץ גרענעצט זיך אין אייניקע ערטער שאַרף אָפּ פון די משכּילים. „מיר ווילן בילדונג, נאָר מיר מיינען נישט די בילדונג, פון וועלכער מען האָט אַ מ אָ ל גערעדט. נישט די בילדונג, וואָס אַנטוויקלט נישט האַרץ און מוח, וואָס מאַכט דעם מענטש נישט קלוגער, נישט בעסער, נישט פעאיקער, נאָר בלאַנשירט אים דאָס

פּנים, לערנט אים בויגן זיך און בוקן, פּיין פאַרשפּיצן דאָס בערדל און אָנרופן אַ הונט אויף עטלעכע לשונות... מיינט נישט, איר געבילדעטע מענטשן, אַז איר זייט יוצא דערמיט, וואָס איר אַרבעט פאַר אַ גרעסערן כלל, מכלומרשט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. עס איז נאָך עד־היום קיין מענטשהייט נישטאָ. אויף דער וועלט־בינע שפּילן נאָך איינצלנע טרופּעס, איינצלנע פעלקער, פאַרשיידענע ציוויליזאַציעס. מיר גלויבן נישט אין וואָלאַפּיק, נישט אין עספּעראַנטאָ, מיר האָפן אויך צו דער אַלגעמיינער מענטשהייט, נאָר נישט אויף דעם וועג וועלן מיר קומען צו איר. קיין איינציקע שפּראַך גייט נישט פאַרלוירן, קיין איינציק פאָלק דאַרף נישט פאַרניכטעט ווערן, קיין איינציקע ציוויליזאַציע איבערגעהאַקט"...

און דאָ רייסן זיך אַרויס ביי פּרצן ווערטער, וואָס האָבן געלויכטן און פאַרבליבן לויכטן ביי פּרצן ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן: „נישט אויף דעם האָבן מיר טויזנטער יאָרן געליטן, מיר זאָלן אונזער ציוויליזאַציע פאַרגעסן; מיר ווילן און דאַרפן זי ווייטער פירן... קומט צוריק צום פאָלק, זייט זיין עמוד־הענן בייטאָג און זיין עמוד־האש ביינאַכט! פירט אים, נאָר לויפט נישט פאַראויס און לאָזט אים נישט אין מדבר. איר לייגט אָן אַ פייער אונטערן אָפענעם הימל, בשעת ווען ביי אייך אין שטוב ווערט מען געפרוירן, אָדער דערשטיקט פאַר רויך". און שוין דאָן האָט פּרץ פאַרשטאַנען, אַז „היינע און בערנע זיינען יידן אין יעדן וואָרט, אין יעדן וויץ, אין יעדן ערנסט". פּרץ האָט דאַן אויך די זיכערקייט, אַז „דאָס פאָלק האָט אין זיך אַ מאַסע לעבנס־קראַפט, אַן אוצר ענערגיע". און ער גיט צו פאַרשטיין, — צוליב צענזור־טעמים פאַרשטעלט און בילדלעך — אַז „בייטאָג, ווען די זון שיינט, ווען דער מענטשן־גייסט אַנטוויקלט זיך, לעבט זי (די ציוויליזאַציע פון יידישן פאָלק — נ. מ.) אויף, אַנטוויקלט אירע בלעטער; קוים אָבער קומט די פינצטערע נאַכט, מאַכט זי זיך צו, קאַרטשעט זיך איין, פאַרשליסט זיך אין זיך אַליין... דעמאָלט דאַכט זיך, אַז עס איז אַ געוויינלעכער לידיקער דאָרן... און ווען עס שיינט צוריק אויף די זון, געדויערט לאַנג איידער די זון דערקענט די בלום, אויך איידער די בלום ווערט געוואויר, אַז די זון שיינט... איבער נאַכט ווערט זי פאַרשטויבט און באַשמוצט, אַז נישט געשווינד דרינגען דערנאָך די ליכטיקע שטראַלן דורך!..." עס קומען דערנאָך עטלעכע שורות פּינטעלעך, משמעות, די צאַרישע צענזור האָט דאָ איינגעזען געפערלעכע געדאַנקען. און דאָס אַרטיקל ענדיקט זיך גאַנץ „פּראָזאַאיש": „און דער עיקר דאַרף מען זען, ווי ווייט מעגלעך איז, דאָס פאָלק זאָל האָבן פּרנסה..." האָבן דען אַזוי געדענקט און גערעדט סתּם משכּילים פון יענער תּקופה?

ה. ד. נאָמבערג איז נישט גערעכט, פּרץ האָט אין דעם אַרטיקל אָנגעצייכנט נייע וועגן, נייע פּערספּעקטיוון פאַר דעם יידישן געדאַנק און פאַר זיך אַליין.

די „יידישע ביבליאָטעק" האָט ביי פּרצן צוגענומען אַן אַ שיעור צייט און ענערגיע. נישט נאָר, וואָס ער האָט אַליין פיל געשריבן אין די ביידע ביכער, רעדאַקטירט און געענטפערט אויף בריוו, האָט ער דערצו געהאַט צו טאָן אויך מיט דעם זעצן, דרוקן, און שפּעטער אויך מיטן פאַרשפּרייטן די ביכער. די רעדאַקציע איז געווען ביי אים אין שטוב און אויך די אַדמיניסטראַציע.

אין פּרצעס „בריוו און רעדעס" זיינען פאַרעפנטלעכט עטלעכע בריוו, וואָס פּרץ האָט אין יענער צייט (אין 1891) געשריבן צו אָנפאַנגער. ס'איז אינטערעסאַנט — איין בריוו איז געשריבן דורך פּרצן אין פּויליש, די איבעריקע — אין העברעאיש. ס'איז געווען ווי נאַטירלעך, אַז קאָרעס־פּאָנדירן וועגן יידישע לידער פאַר אַ יידישער אויסגאַבע זאָל מען דווקא נישט אין יידיש. די בריוו באַווייזן מיט וואָס פאַר אַן ערנסט פּרץ האָט זיך באַצויגן צו די צוגעשיקטע זאַכן פאַר דער „ביבליאָטעק". באַזונדערס איז אינטערעסאַנט דער אויספירלעכער ענטפער צו דוד פּאַלק — דאַן אַ יינגל פון אַ 12 יאָר. פּרץ שרייבט צו אים אַ גרעסערן בריוו, ער גלידערט פונאַנדער דאָס צוגעשיקטע ליד און גיט דעם אָנפאַנגער פאַרשידענע אָנ־ווייזונגען, ווי צו שרייבן (זע „פּרצעס בריוו און רעדעס", ז' 161).

אין דער „יידישער ביבליאָטעק" האָבן דעביוטירט מיט זייערע לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען אייניקע שפּעטער באַרימט־געוואָרענע שריפט־שטעלער, ווי יהואש (מיט צוויי לידער „חיבת ציון" און „אין די פעלדער פון בית־לחם" — איבערזעצונג פון ק. שאַפּיראָ). אברהם רייזען (אַ ליד „ווען דאָס לעבן איז פאַרביטערט"), יצחק גוידא (שפּעטער באַקאַנט אַלס ב. גאָרין — מיט אַ נאָוועלע „שכנא און שרגא") און אַנדערע. ס'זיינען אויך צוגעצויגן געוואָרן אייניקע וואַרשעווער דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן געשריבן ספּעציעל פאַר דער „ביבליאָטעק".

אין אַ בריוו, אינעם ענטפער צו דוד פּאַלק, בעט, אַגב פּרץ אָפּצוזוכן אין זאַמאָשטש „עפּעס אַ גוטן אַגענט" פאַר דער „ביבליאָטעק", און ער טיילט מיט דעם פּרייז: דער ערשטער באַנד 1.20 רובל, דער צווייטער — 1.20 רובל, ביידע צוזאַמען נאָר 2.00 רובל.

„די „יידישע ביבליאָטעק" — שרייבט פּרץ אין אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן, דעם 27טן יוני, 1892 — איז אַלעמען זייער שטאַרק געפעלן.

מען זאָגט, אַז דער צווייטער באַנד שטייט פיל העכער פונעם ערשטן — אויף 50 פראָצ." („בריוו און רעדעס", ז' 169). נישט געקוקט אָבער אויף די גוטע מיינונגען, זיינען די ביכער נישט איבעריקנס גוט פאַרקויפט געוואָרן. אין 1892 קלאָגט זיך פּרץ אין אַ בריוו: „די „ביבליאָטעק" גייט נישט!", עס גייען נאָר געציילטע ביכער. און כדי מיטצוהעלפן דער פאַרשפּרייטונג שרייבט פּרץ העברעאישע אַרטיקלען און דערציילונגען אין „הצפירה" פאַר אַנאָנסן וועגן דער „ביבליאָטעק". פּרץ שרייבט וועגן דעם צו יעקב דינעזאָן (דאָרט, ז' 174): „איך האָב פאַר אַנאָנסן אָנגעהויבן צו שרייבן אין „הצפירה" און ער איז גרייט אויך צו שרייבן יעדע וואָך אין „המליץ" פאַר אַנאָנסן, ער „האַלט די אַנאָנסן פאַר אַ וויכטיקע זאַך".

נישט געקוקט אויף די אַלע זאָרגן און פּלאָגן מיט די ערשטע צוויי ביכער פון דער „יידישער ביבליאָטעק", טיילט פּרץ מיט אין אַ בריוו (אין 1892): „איך הויב שוין אָן צוזאַמענשטעלן דעם דריטן טייל (פון דער „יידישער ביבליאָטעק")", הגם איצט, בעת י. דינעזאָן איז אַוועקגעפאָרן, איז ער „אומבאַהאָלפן און קען זיך קיין עצה נישט געבן מיט דער אַרבעט" („בריוו און רעדעס", ז' 177). פּרץ האָט אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן דעם דריטן באַנד אין 1892, אָבער עס איז געלונגען אים אַרויסצוגעבן ערשט אין 2 יאָר אַרום, זומער, 1894 (דאַטירט 1895). ערשט דאַן איז ער מודיע אין אַ בריוו צו י. דינעזאָן: „עס איז אַרויס דער דריטער טייל פון דער „ביבליאָטעק". דעם דריטן טייל האָט פּרץ אַרויסגעגעבן, משמעות, אויפן אייגענעם חשבון. ער שרייבט וועגן דעם אין אַ בריוו: „פאַרשולדיקט בין איך איבערן קאָפּ און איבערן שכל. כ'האָב זיך שוין אויסגעלערנט אונטערשרייבן וועקסלען, און דער סוף מיינער וועט זיין אין תפיסה. נאָר ביז יענער צייט וועל איך נאָך דרוקן און שפּעטער — ברענענדיקע קוילן... („בריוו און רעדעס„ ז' 189). צו יענער צייט האָט שוין פּרץ אונטערגענומען אויך אַנדערע אויסגאַבעס, און אויף זיין בלאַנק זיינען דאָ פאָלגנדיקע שורות: „רעדאַקציאָן: „יודישע ביבליאָטעק", „ליטעראַטור און לעבן", יו"ט־בלעטלעך און אַנדערע העברעאישע און זשאַרגאָנישע אויסגאַבן. י. ל. פּרץ, וואַרשע, צעגלאַנאַ נומ. 1. פּרץ שרייבט צו י. דינעזאָן, אַז פון אַלע תענוגים איז אים „געבליבן בלויז די ליטעראַטור אַליין... מיינע פריינט און מיטהעלפער זיינען: פינסקי, פינסקי און פינסקי... טיילמאָל פרענק, פרייד... און אויך — איך אַליין אַלס: י. ל. פּרץ, ד"ר שטיצער, לצפר, לץ פון רעדאַקציע, א. אַז. וו. כ'האָב שוין פאַרגעסן וויפל נעמען איך האָב, אַן ערך הונדערט מיט אַכציק... („בריוו און רעדעס", ז' 190). אין דעם

דריטן באַנד זיינען צווישן אַנדערע אָפּגעדרוקט פּרצעס „אַ כּעס פֿון אַ יידענע", „דער פֿעטער שכנא און די מומע יאַכנע", „בשעת מגפֿה" א. אַז. וו.

מיט דעם דריטן באַנד איז „די יידישע ביבליאָטעק" איבערגעריסן געוואָרן אויף אַ לאַנגע צייט. ערשט אין צען יאָר אַרום, אין 1904, איז די אויסגאַבע באַנייט געוואָרן א. נ. „די יודישע ביבליאָטעק", אַ ליטעראַריש־פּאָפּולער־וויסנשאַפֿליכער זשורנאַל, צוועלף העפֿטען יעהרליך צו זעקס דרוק־בויגן אַ העפֿט. רעדאַגירט דורך י. ל. פּרץ, פֿערלאַג־געזעלשאַפֿט „הילף", וואַרשע". צוליב דער אוממעגלעכקייט צו באַקומען אַ דערלויבע־ניש אין רוסלאַנד אויף אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע האָט זיך דער זשורנאַל געדרוקט אין קראָקע. צום ערשטן העפֿט איז צוגעגעבן אַ קורצע „במקום הקדמה":

— שוין ווייטער עפּעס נייעס ?

— נייך, ליבער לעזער, דיינע אַן אַלטע באַקאַנטע גייט, — די „יודישע ביבליאָטעק".

— און דער פּראָגראַם ?

— דער אַלטער !

— „בילדונג" ?

— געוויס ! עס איז זייער לייכט צו געבן עצות פֿון דער הייך. שווערער איז דאָס נידעריקע צו הייבן, עס זאָל אַליין קוקן אויף וועלט און לעבן פֿון אַ געוויסער הייך".

עס זיינען דערשינען בלויז 6 העפֿטן. די לעצטע צוויי, דאָס פֿינפֿטע און זעקסטע העפֿט, זיינען אַרויס אין איין טאָפּל־העפֿט. אין די 6 העפֿטן זיינען צווישן אַנדערן פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון י. ל. פּרץ: „יעקב דינעזאָן" (אַ כאַראַקטעריסטיק); „ספֿקות" (געדיכט); „דאָס יידישע לעבן לויט די יידישע פֿאָלקס־לידער" (אין צוויי קאַפּיטלען: א) ביים וויגל, ב) דאָס גרינע אסתּרל) אונטערן פּסיידאָנים בן־תּמר (צו דעם אַרטיקל איז צוגעגעבן אַ באַמערקונג „דער אָנהויב פֿון דער אַרבעט איז געדרוקט געוואָרן אין „יוד"); ר' נחמנקעס מעשיות (אין 7 קאַפּיטלען). ס'איז כמעט ווי געוויס, אַז מולטאַטוליס „דער אימפּרעסאַריאָ" ווי אויך הערמ. הייערמאַנס „געטהאָ" (אַ דראַמע אין דריי אַקטן) איז איבערגעזעצט דורך פּרצן גופֿא. ס'געהערט אויך, מסתּמא, צו פּרצעס פֿעדער די „וועלט־כראָניק" געחתמעט „לעקטאָר" (אין העפֿט דריי — מערץ). אגבֿ, פֿון העפֿט 2 ווערט „די יידישע ביבליאָטעק" אינעם אַנאָנס אָנגערופֿן „אילוסטרירטער מאָנאַטליכער זשור־נאַל פֿיר וויסענשאַפֿט, ליטעראַטור, קונסט און קריטיק". אין די העפֿטן

האָבן צווישן אַנדערע פֿאַרעפֿנטלעכט זייערע זאַכן: שלום אַש, ח. נ. ביאַליק, י. מ. ווייסענבערג, ד״ר יוסף קלויזנער, יצחק קאַצענעלסאָן, בעל־מחשבות, ל. שאַפּיראָ, מ. טייטש. ה. ד. נאָמבערג האָט איבערגעזעצט אַ גרויסן אַרטיקל פֿון בויפֿאַל וועגן וואַסער. אין די העפֿטן זיינען אויך דאָ איבער־זעצונגען פֿון פּוילישע שריפֿטשטעלער — וולאַדיסלאַוו אָרקאַן און סט. זשעראָמסקי.

ס׳איז אינטערעסאַנט: אין די צוויי ערשטע בענד „די יידישע ביבליאָ־טעק", וואָס פּרץ האָט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן אין יאָר 1891, האָט פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט אונטער זיין אייגענעם נאָמען און אונטער די פֿאַר־שיידענע פּסיידאָנימען, ביז 50 פֿאַרשיידענע זאַכן — לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען, פֿעליעטאָנען, קריטיק, נאָטיצן, צווישן זיי — אַ גאַנץ ווערק — זיינע „בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט אום 1890 יאָר". אַזוי פּראָדוקטיוו איז ער געווען יענעם יאָר. פּרץ האָט דאַן פֿאַר־עפֿנטלעכט אייניקע זאַכן אויך אין אַנדערע יידישע און העברעאישע אויסגאַבעס.

פֿאַרגלייכן מיר אָט די 6 העפֿטן פֿון דער באַנייטער „די יידישע ביב־ליאָטעק" מיט די פֿריערדיקע, וואָס זיינען דערשינען אין די יאָרן 1891־1894, דאַרף מען זאָגן, אַז פּרץ האָט זיך אין זיי, אין די באַנייטע העפֿטן, פֿיל וויניקער באַוויזן. זיין טעמפּעראַמענט און אינטערעס האָבן זיך דאַן געווים געפֿונען מחוץ דעם זשורנאַל. ערגעץ־וואו אין אַנדערע קינסטלערישע און שאַפֿערישע עולמות האָט ער דאַן געלעבט און זיך אויסגעלעבט.

מידקייט און פאַראייַנזאַמטקייט

נאָך די פּאָר יאָר 1889—1891, ווען פּרץ ווייזט אַרויס אַ באַזונדערע אינטענסיווקייט, מאַכט די עקספּעדיציע־רייזע איבער אַ ריי ייִדישע שטעט־לעך, אָרדנט זיך איין אין „וואַרשע, קניפּט אָן באַקאַנטשאַפֿטן און באַציאונגען מיט אַ נייער סביבה און פֿאַר ייִדענע נייע פּערזאָנען, רעדאַקטירט און גיט אַרויס די גרויסע בענדער „די ייִדישע ביבליאָטעק", וואו ער פֿאַרעפֿנטלעכט פֿיל אייגענע שאַפֿונגען אויף פֿאַרשיידענע געביטן, — קומען אָן ביי פּרצן צוויי דריי שווערע יאָר. פּרץ איז מיד, אויסגעמאַטערט. עס האָבן זיך צו־זאַמענגענומען פֿאַרשיידענע סיבות, וואָס האָבן שלעכט געווירקט אויף דעם אימפּולסיוון, אימפּעטפֿולן פּרץ און אים צייטווייליק שטאַרק צעבראָכן.

מיר וואָלטן אפֿשר נישט געוואוסט וועגן אָט דער געדריקטער און דערשלאָגענער שטימונג פֿון פּרצן אין די דאָזיקע יאָרן, ווען נישט דער צופֿאַל, וואָס דינעזאָן איז דאַן געווען אַוועקגעפֿאָרן פֿון וואַרשע און זיך באַזעצט אין קיעוו, און פּרץ, וואָס איז שוין דאַן געווען אינטים באַפֿריינדט מיט דינעזאָנען, האָט אים אין זיינע בריוו אויסדערציילט זיין שווער־ביטער האַרץ. פֿון דער צייט זיינען ביי י. דינעזאָן פֿאַרהיטן געוואָרן צען בריוו, געשריבן אין העברעאיש (פֿאַרעפֿנטלעכט אין „פּרצעס בריוו און רעדעס", זז' 169־190) און אַ דאַנק זיי קאָנען מיר אויפֿשטעלן אַ בילד פֿון פּרצעס שטימונגען און געפֿילן אין אָט די יאָרן.

אין די פֿריערדיקע פּאָר יאָר האָט זיך פּרץ געטומלט אַרום דער אויסגאַבע פֿון די זאַמלביכער, ער האָט דאַן אָנגעשריבן אַ סך אינטע־רעסאַנטע זאַכן, — אויסגעלאָדן בילדער, שטימונגען, געדאַנקען, אידעען, מיט וועלכער ער האָט זיך מסתמא אַרומגעטראָגן אַ ריי יאָרן פֿריער, — און איצט איז אָנגעקומען אַ שטילקייט. עס איז אַריבער דער געטומל, ווייטער פֿאַרצווזעצן די זאַמלביכער איז געווען אוממעגלעך, עס האָבן געפֿעלט מאַ־טעריעלע מיטלען, און עס איז אויך נישט געווען קיין פּאַסנדיקע געזעל־שאַפֿטלעך־ליטעראַרישע אַטמאָספֿער. סוף־כּל־סוף איז פּרץ אין זיינע ערשטע צוויי זאַמלביכער געווען דער עיקר אַ סאָליסט, כּמעט אָן אַן אָרקעסטער.

די זאַמלביכער האָט ער געשלעפּט כמעט אין גאַנצן מיט אייגענע כּוחות, און די מיטהעלפֿער זיינען געווען מער נאָכגייער, ווי מיטגייער. עס איז נאָך אויך דאַן נישט געווען קיין געזונטע, נאָרמאַלע לייענער־סביבה, פֿאַר וועלכער די זאַמלביכער זאָלן זיין אַ נויטווענדיקייט און וועלכע זאָל מאָנען די ווייטערדיקע ביכער. אויך די דעמאָלטיקע, בעיקר העברעאישע, פּרעסע האָט כּלל נישט אָפּגעשאַצט דעם ווערט פֿון דער נייער אויסגאַבע און פֿון פּרעצעס שאַפֿונגען. דערצו איז פּרצעס מאַטעריעלע לאַגע געווען זייער אַ שלעכטע, ער איז געקומען מיט חובות פֿון זאַמאָשטש, און דער קליינער געהאַלט פֿון דער גמינע (500 רובל אַ יאָר) האָט נישט געקלעקט פֿאַר זיין ברייטערן שטייגער לעבן. דערצו קומען נאָך צו פּערזענלעכע ווייען און ווייטיקן, — און אַלץ צוזאַמען האָט שטאַרק דערשלאָגן דעם פֿערציק־יאָריקן אימפּעטיקן פּרץ.

אַט שרייבט ער צו דינעזאָנען, ווען יענער בעט זיך ביי אים אַן עצה: „זאָלסט נישט פֿאָלגן מיין עצה, אויב איך וועל זי דיר געבן; דו ווייסט, אַז נישט איך בין דער מענטש, וואָס ווייסט ווי צו באַגיין זיך אין לעבן, און דעריבער הענג איך אין רוים...“

עס דריקט אים שווער זיין מאַטעריעלע לאַגע, פֿון וועלכער ער זעט נישט קיין אויסוועג. „אין צוויי חדשים אַרום — קלאָגט ער זיך — דאַרף איך באַצאָלן דירה־געלט און פֿון וואַנען צו קריגן געלט איז נישטאָ און וועט נישט זיין; נאָך דעם ווי ס'וועלן זיך ענדיקן די פֿעריען פֿאַר אוני־ווערסיטעט־סטודענטן דאַרף איך באַצאָלן 50 רובל שכר־לימוד [פֿאַר זיין זון לוציאַן. — נ. מ.], און די „ביבליאָטעק“ האָט ביז איצט נישט געפֿונען קיין אָפּנעמער, און די קליינע ביכלעך [די איינצלנע אויסגאַבעס פֿון פּרצעס ווערק. — נ. מ.] האָב איך פֿאַרקויפֿט פֿאַר זייער אַ נישטיקן פּרייז, אַז איך קאָן פֿאַר חרפּה פּשוט נישט אָנרופֿן דעם פּרייז... אָבער דאָס אַלץ רירט אַן (אָדער דרינגט אַריין) אין מיר און אין מיין ליִב, און א י ך דאַרף ד י ר געבן אַן עצה?“ אין אַן אַנדערן בריוו שרייבט ער ווידער: „שוין חדשים, ווי איך האָב נישט פֿאַרקויפֿט קיין איין עקזעמפּלאַר. שולדיק אין דעם זיינען: וואָס ס'זיינען קיין אַנאָנסן נישטאָ און די כאָלערע. כ'האָב שוין געקאָנט פֿאַרגעסן, אַז איך בין דער אַרויסגעבער פֿון דער „ביבליאָ־טעק“...“ מען דאַרף צוגעבן, אַז די אַלע ביכער זיינען געלעגן ביי פּרצן אין שטוב און נאָך מער געווירקט אויף זיין געדריקטער שטימונג. „מיין שטוב — שרייבט פּרץ — איז פֿול מיט ביכער, דאָס מויל פֿון מיינע שונאים — פֿול מיט קללות, מיין קליינע צאָל פֿריינט שאָקלען, באַדויערנדיק מיט די קעפּ“.

נישט געפֿונען קיין מעגלעכקייט צו אַרבעטן ביי ליטעראַטור און פֿאַרצוזעצן אַרויסצוגעבן זיינע זאַמלביכער, נעמט ער אויף זיך אַנדערע אַרבעטן אין די שעהן, ווען ער איז פֿריי פֿון זיין אַמט אין דער גמינע. עס ברעכט אויס אין פּוילן די כאָלערע, עס שאַפֿט זיך אַ קאָמיטעט צו קעמפֿן מיט דער מגפֿה, פּרץ ווערט אויסגעקליבן פֿאַר אַ סעקרעטאַר פֿונעם קאָמיטעט. אין עטלעכע בריוו שרייבט ער וועגן זיין אַרבעט אויף דעם אַמט. „דערפֿון — ווערטלט זיך פּרץ אין אַ בריוו פֿון 21סטן סעפּטעמבער 1892 —וועל איך האָבן אַ צושפּרונג צו דער פּרנסה, זאָלן צום וואַסער אויף קאַשע". פּרץ ווערט אַריינגעצויגן אין דער הילפֿס־אַרבעט קעגן דער כאָלערע און פֿאַרפֿאַסט אַפֿילו אַ ביכל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ווער עס וויל נישט — שטאַרבט נישט אויף כאָלערע" (הערויסגעגעבן פֿון וואַר־שויער יודישען הילפֿס־קאָמיטעט געגען חלי־רע, וואַרשא תרנ"ג — 1893). דאָס ביכל (52 זייטלעך) איז געטיילט אין פֿאָלגנדיקע קאַפּיטלען: „דעם שונא מוז מען קענען! — סימפּטאָמען. — ברעכן און לאַקסירן. — היס־טאָריע פֿון דער קרענק. — אירע דרכים און מעשים טובים. — ערשטע עפּידעמיע. — די דריטע מגפֿה. — פֿערטע כאָלערע. — פֿינפֿטע עפּידעמיע. —די וויכטיקע כּלים. — פֿאַרוואָס איז אַזוי? — דער עצם פֿון דער קרענק. — ראַיות ברורות. — די טבע פֿונעם מיקראָב. — ווי זעט ער אויס. וואָס דאַרף ער און וואָס שאַדט אים? — פּירוש אויף די פֿריערדיקע פּרקים. — די עצות קעגן כאָלערע. — די שרעק איז אַ געפֿערלעכע זאַך. — קאַראַנ־טין. — איזאָלאַציע. — דעזינפֿעקציע. — די מיטל צו דעזינפֿעקציע. — ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין בשעת מגפֿה. — די דירה. — דאָס לייב. — די כּלים. —עסן און טרינקען. — דער מאָגן. — ווער עס וויל נישט, שטאַרבט נישט אויף כאָלערע. — זאַבאַבאָנעס און סגולות".

דאָס ביכל איז, אַגב, געשריבן בילדעריש, — פֿאַרט אַן אַרבעט פֿון אַ קינסטלער. אַט ווי פּרץ שילדערט פֿאַר דעם מאַסן־לייענער דעם גאַנג פֿון דער כאָלערע: „שטעלט זיך פֿאָר, אַז עס האָט זיך צונ'איך עמעץ אַריינ־געגנבעט, און עס דויערט אַ צייט, איידער איר דערזעט דעם גאַסט. ענדלעך האָט איר אים דערזען, נאָר איר האָט אייך פֿאַר אים גאָרנישט דערשראָקן, פֿאַרקערט, איר זענט פֿון אים זייער צופֿרידן. ער האָט אַן אָנגענעם פֿריינט־לעך פּנים, און אייך פֿאָלט גאָרנישט איין, אַז איר דאַרפֿט אייך פֿאַר אים צו היטן. נאָך אַ ווײַלע ווערט דאָס פּנים ביי אייער גאַסט געענדערט, ער פֿאַרלירט די אָנגענעמע צורה און ווערט אומעטיק־בייזעריק; עס ווערט אייך נעבן אים נישט היימלעך, איר ווערט צערודערט, פֿילט אייך נישט זיכער. איידער איר האָט צייט איבערצוקלערן, וואָס מען טוט מיט דעם

אומגעבעטענעם גאַסט און וואָס ער וויל פֿון אייך, כאַפּט ער צו אייך אַ מעסער! אַזוי איז דער געוויינטלעכער גאַנג פֿון דער כאָלערע".

פּרצעס אַרבעט אינעם קאָמיטעט צו באַקעמפֿן די כאָלערע האָט געדויערט איבער אַ יאָר צייט. אין זיין בריוו פֿון 3טן נאָוועמבער 1893 שרייבט ער: „און וואָס זאָל איך דיר דערציילן וועגן זיך? אַ האַלבן טאָג פֿאַרברענג איך אין דער גמינע, דערנאָך בין איך אַנגעשטעלט אינעם קאָמיטעט, וואָס קעמפֿט מיט אַ ווינטמיל — כ'האָב געוואָלט זאָגן: מיט דער כאָלערע, — און דערנאָך בין איך אַ יידישער שרייבער... די איבעריקע צייט עס איך און טרינק און שלאָף, און ווען דאָס לעבן ווערט מיאוס, קער איך אום דעם סדר און איך טרינק, עס און שלאָף, שלאָף, טרינק און עס אאַז"וו, לויט דער צאָל ענדערונגען פֿון „מכשפֿה לא תחיה"..."

פּרץ פֿילט זיך שטאַרק אומבאַהאָלפֿן, עס פֿעלט אים ענערגיע און ווילן עפּעס וואָס צו טאָן. און ער מאַכט אַזאַ מין כאַראַקטעריסטיק וועגן זיך: „אין אַן ענין, וואָס איז נוגע מיר אַליין, מיין אייגן וועזן, קאָן איך גאָרנישט אויפֿטאָן און בין אַן אומבאַהאָלפֿענער מענטש אין פֿולן זין פֿון וואָרט" (ז' 183). אַפֿילו אַזאַ מין „גרויס געשעפֿט" ווי אַז דער „המליץ" זאָל דרוקן אַנאָנסן פֿאַר זיינע אַרטיקלען, קען ער אַליין דאָס אויך נישט אַדורכפֿירן און בעט זיך ביי דינעזאָנען, וואָס וואוינט פֿונדערווייטנס אין קיעוו, ער זאָל עס רעאַליזירן.

אָט פֿאַרעפֿנטלעכט ער עטלעכע אַרטיקלען אין הצפֿירה" אַן געלט, בלויז פֿאַר די פֿאַר אַנאָנסן וואָס די צייטונג גיט: עפּעס אַ קריטיק אויף ווייסברעמס אַ בוך, אַ פֿעליעטאָן „רחמי־אַכזרים" (אַן ענטפֿער די אַלע „רח"ש פֿון דער ליטעראַטור"), און אַ פֿעליעטאָן „עיר המתים", אויך אַן אַרטיקל „מחלוקת לשם פּאַטריאָטיזם", — און פּרץ גיט דערביי אַליין צו, אַז „די פּשוטע לעזער האָבן אים נישט פֿאַרשטאַנען, און די לעזער־שרייבער אוודאי נישט".

אָבער אויך אָט דאָס „גילדענע געשעפֿט" ווערט בטל. פּרץ איז פֿאַר דער „הצפֿירה" צו ראַדיקאַל. די חסידישע לייענער פֿון דער „הצפֿירה" זיינען אויפֿגעבראַכט קעגן פּרצן, און דער רעדאַקטאָר ח. ז. סלאָנימסקי הערט אויף צו דרוקן פּרצעס זאַכן ביי זיך. עס דערציילט וועגן דעם פּרץ: „כּל־זמן עס זיינען געווען אַנאָנסן אין „הצפֿירה" האָב איך איינציקווייז פֿאַרקויפֿט אַ ביסל עקזעמפּלאַרן כמעט יעדע וואָך; איצט האָבן זיי אויפֿגעהערט געבן אַנאָנסן, ווייל איך האָב אויפֿגעהערט צו שרייבן, אָדער ריכטיקער — די „הצפֿירה" האָט אויפֿגעהערט צו דרוקן. די לעצטע דערציילונג „שמעיה גבור" האָט נישט נושא־חן געווען ביי די חסידים, און

חז״ס [=חיים־זעליק סלאָנימסקי. — נ. מ.] האָט באַקומען עפּעס פּראָטעסט־בריוו, האָט ער אויך קעגן מיר אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט און האָט אַרויפּ־געוואָרפן די שולד אויף סאָקאָלאָוון [דער מיטרעדאַקטאָר פון „הצפירה״]... דו לייענסט נישט די „הצפירה״ — שרייבט ווייטער פּרץ — און דו ווייסט נישט ווי ווייט ס׳איז גרויס די אומפאַרשעמטקייט פון דעם דאָזיקן אַלטן, נאַרישן כּלב [געמיינט סלאָנימסקין. — נ. מ.]. איך פאַרזיכער דיר, אַז איך האָב נישט געהאַט דערפון קיין עגמת־נפש; פאַרקערט, ווען איך האָב געלייענט די קורצע באַמערקונג פון חז״ס, אַז „שמעיה גבור״ גייט אויף סאָקאָלאָווס חשבון, האָב איך זיך זייער, זייער געפרייט, אָבער מיר איז אומ־מעגלעך צו שרייבן, און אויב איך וועל שרייבן, וועלן זיי נישט דרוקן״...

פּרץ איז אויפגעבראַכט נישט נאָר אויף די רעדאַקטאָרן נאָר אויך אויף די לייענער. „איך האָב זיך איבערצייגט, — שרייבט ער צו דינעזאָנען, — אַז די העברעאיש־לייענער זיינען אַ סך ערגער פון די זשאַרגאָנישע, דער עיקר די היגע חסידים; זיי זיינען ווי אַן אַלטע בוגרת, וועלכע קען נישט פאַרטראָגן קיין וואָרט און האַלבן וואָרט, זי האָט פיינט ליבע־געזאַנגען און קאָמפּלימענטן און האָט מורא פאַר די שבחים, טאָמער ליגט אין דעם עפּעס אַ מיין. זי ווייסט, די אָפּגעפּאָרענע, אַז קיין ביסל יוגנט אפילו פאַר־מאָגט זי נישט, און אויב מען רימט זי איז אַ סימן, אַז אין דעם ליגט עפּעס אַ מיאוס שפּיצל. און אַזוי איז געווען מיט „שמעיה גבור״ און אַזוי וועט שטענדיק זיין״. אַז דער ענין „הצפירה״ האָט געקאָנט פּרצן פיל עגמת־נפש, זעען מיר אין אַן אַנדער בריוו, אין וועלכן ער קלאָגט זיך פאַר דינעזאָנען: „ווייזט אויס, אַז דער שידוך צווישן מיר און דער „הצפירה״ וועט נישט געלונגען. די דאָזיקע זונה קאָן אַפילו נישט געבן קיין אַנאָנסן. ווען איך דערמאָן זיך דעם דאָזיקן עסק, נעמט מיך עקלען צום ברעכן און דעריבער לאָז איך עס״ (דאָרט, ז׳ 183).

פון די בריוו צו יעקב דינעזאָן זעט מען, אַז ער האָט דאָן אין וואַרשע כּמעט קיינעם נישט געהאַט, אַפילו קיין איין נאָענטן מענטש נישט. דעריבער בענקט ער אַזוי שטאַרק נאָך דינעזאָנען און רופט אים אין יעדן בריוו צוריק קיין וואַרשע. „גלויב מיר, — שרייבט ער אים, — אַז איך וועל זיך פרייען מיט דיר, ווי ס׳פרייט זיך אַ חתן מיט אַ כּלה״. „די וואַרשעווער משכּילים — קאָנסטאַטירט פּרץ — האָבן מיך שרעקלעך פיינט, נאָר זייער שנאה איז אַ באַהאַלטענע, ווייל זיי האָבן מורא פאַר מיין שאַרפער צונג. איך פריי זיך זייער, וואָס די דאָזיקע רשעים האָבן מיך פיינט און וואָס זיי האָבן מורא פאַר מיין שאַרפער צונג״ (דאָרט, ז׳ 184).

ביי אַזעלכע מיני שטימונגען און באַציאונגען איז פֿאַרשטענדלעך, אַז עס קען קיין רייד נישט זיין וועגן אַ פּרוכטבאַרער שאַפֿנדיקער אַרבעט. און פּרץ זאָגט אין אַ בריוו, אַז „עס פֿאַלט אים די פֿעדער פֿון האַנט און ער קאָן גאָרנישט שרייבן".

אין פֿאַרשיידענע בריוו פֿון אָט די יאָרן באַרירט פּרץ זיין אינערלעכע עס דערגייען אַזוי וויט זיינע אינעווייניקסטע יסורים, אַז ער קאָן אַפֿילו און שרייבט ווייטער: „טיף, טיף אין מיין האַרצן איז פֿאַראַן אַן אַלטע וואונד, און טייל מאָל עפֿנט זי זיך אָן קיין סיבה, און דעמאָלט ווערט מיין האַרץ באַגאָסן מיט בלוט, און איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר קומט פֿאָר... נאָר די מינוטן זיינען אַריבער, און די טויערן פֿון מיינע חושים שטייען אָפֿן אויפֿצונעמען דאָס שלעכטס פֿון אַלע זייטן און ווינקלען". אָט בעט דינעזאָן ביי פּרצן אַ טרייסט, און פּרץ זאָגט אים: „ווי קאָן איך דיך טרייסטן, בעת מיין נשמה איז אַליין שטענדיק פֿאַרטרויערט, און אין דער צייט, ווען מיינע ליפּן לאַכן, פֿרעסט־אויף אַ וואָרעם מיין האַרץ". „דער סוף איז, —גיט פּרץ צו אין אַן אַנדער בריוו, — אַז קיין נייעס איז נישטאָ, קיין גוטס איז נישטאָ, קיין ישועות ונחמות זיינען נישטאָ. און ס'איז אויך נישטאָ נישט ענטפֿערן אויף אַ בריוו. „כ'האָב דיין בריוו דערהאַלטן אייערנעכטן — שרייבט פּרץ דינעזאָנען — און האָב דיר נישט געענטפֿערט ביז היינט ווייל — — — ווייל איך קאָן נישט שרייבן..." ער פּרוּווט זוכן די סיבה וועלט פֿון יענער צייט. „איך בין אַ קנעכט ביי מיינע נערוון, און אַלץ, וואָס איך לאָז אַרויס פֿון מיין האַנט, איז אַ פּראָדוקט פֿון די נערוון". און שטאַרק נישט צופֿרידן פֿון זיין לעבן, ווערט ביי אים געבוירן אַ געדאַנק צו פֿאַרלאָזן אַלץ מיטאַנאַנדער און אַוועקפֿאָרן צוזאַמען מיט דינעזאָנען קיין אַרגענטינע, וועגן דעם ווערט דערמאָנט אין די בריוו אַ פּאָר מאָל. (וועגן פּרצעס באַציאונג צו אַרגענטינע און וועגן דעם אָרט וואָס אַרגענטינע קיין האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט..."

און אַזוי ווי פּרץ געפֿינט זיך קיין אָרט נישט אין וואַרשע און איז האָט פֿאַרנומען ביי פּרצן און דינעזאָנען איז פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג פֿון שמואל ראָזשאַנסקי, אין די „אַרגענטינער שריפֿטן פֿון ייוואָ" I (1941), זז' 117־136).

פֿול מיט טרויער און רעזיגנאַציע זיינען די ווערטער פֿון פּרצן אין זיין בריוול פֿון 3טן נאָוועמבער 1893: „אין משך פֿון דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען, בין איך שטאַרק פֿאַרעלטערט געוואָרן, מיין שטערן איז געקנייטשט, מיינע אויגן קאַליע געוואָרן, מיינע האָר האָבן גענומען גרוי ווערן. איך האָב אַ לאַנגע צייט געקרענקט: אַ גאַנצן זומער און דעם

אַנהויב ווינטער. אַ צוויי־דריי טעג בין איך געלעגן מיט געהאַקטע וואונדן, ווי אַ שטיק קלאָץ, געהאַט ווייטיקן אין חוט־השדרה (אָן אַ שום „על־חטא״), און ווען איך בין אויפגעשטאַנען בין איך געגאַנגען אַנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. — איצט איז מיין קראַנקהייט פאַרביי, אָבער נאָך נישט אין גאַנצן. איך פיל, אַז זי וועט זיך אומקערן צו מיר, ווי אַ טויב אין איר טויבנ־שלאַק אַריין, און איך וועל זיך לייגן אין בעט, כדי שוין מער פון אים נישט אויפשטיין...״ (ז׳ 186).

אין אַ שפּעטערדיקן בריוו צו יעקב דינעזאָן אָנהויב 1894, שרייבט אָן פּרץ אָט די טיף־רירנדיקע שורות: „איך גיב אַ קוק אין שפּיגל — און אויף מיין פּנים איז גרין און געל געוואָרן, און די שניי־פּאַסן צווישן מיינע האָר ווערן אַלץ ברייטער...״ און פּרץ דערציילט ווייטער: „כ׳האָב שוין אויפגעהערט צו זיין אָן איינגייער צווישן פרויען [אין העב־רעאישן אָריגינאַל: „חדל לי זה כבר אורח בין הנשים״. — נ. מ.], און איינער פון די תענוגים פון דער וועלט איז פאַר מיר בטל געוואָרן, גע־בליבן איז בלויז די ליטעראַטור אַליין...״ „די ליטעראַטור — זאָגט פּרץ אין אַ צווייטן בריוו — איז פאַר מיר אַ מקלט, אַ רעטונג־הויז, דער כוס, וואָס פאַרשכורט מיך און מאַכט מיך פאַרגעסן...״

און טאַקע גאָר גיך ווערט פּרץ שטאַרק פאַרשכורט פון אַ נייעם שאַ־פונגס־ווילן, און ער וואַרפט זיך אַריין אין דער נייער אַרבעט מיט יוגנט־לעכן אימפּעט און מיט אַן אויפגעמונטערטער ענערגיע.

אין גיכן טרעט צו פּרץ אַרויסצוגעבן די „יום־טוב־בלעטלעך״.

פּרץ ווערט פונדאַסניי אויפגעפרישט און אויפגעלעבט. פּרץ קומט ווידער צו זיינע שאַפערישע כוחות. ער וואַרפט זיך אַריין אין דער נייער אַרבעט מיט גאָר דער פּרצישער ליידנשאַפט, און שאַפט ווערק, וואָס זיינען אַ נייע ווענדונג אין זיין שאַפונגס־גאַנג.

מיט אַ נייעם ברען

„די יום־טוב־בלעטלעך"

נאָך די פּאָר יאָר פֿון מידקייט און רעזיגנירטקייט קומט ביי פּרצן אַ נייע צייט, אַ צייט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן אויפֿשטורעם און שעפֿערישן אויפֿברויז. ס׳קומט פֿאָר ביי פּרצן אַ שאַרפֿער קער צו די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע קרייזן. צווישן דער ציוניסטיש־משכּילישער און האַלב־אַסימילירטער אינטעליגענץ, וואו פּרץ איז טעטיק, רופֿט עס אַרויס אומצופֿרידנקייט און אַנגעצויגנקייט. פּרץ דערנענטערט זיך צו די רעוואָלוציאָנערע שיכטן, און דער קאָנטאַקט מיט זיי ווערט אַלץ ענגער און פֿעסטער. לכתּחילה איז פּרץ געווען פֿון זיי באַווירקט, אָבער גיך און ראַש הויבט פּרץ אָן ווירקן און באַווירקן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־קרייזן. פּרץ הויבט אָן באַזוכן די אומלעגאַלע אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען און ער לעבט אויף צווישן דער אידעאַלישער סאָציאַליסטישער יוגנט.

איינער פֿון די טוער־פּיאָנערן צווישן די וואַרשעווער אַרבעטער, דער אַלטער באַקאַנטער, גיט איבער (אין „אַרבייטער שטימע", 1917, אין אַרטיקל „פּרץ און די אַרבעטער־באַוועגונג"): „איך וועל, שיינט מיר, קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן דאָס בילד פֿון דער ערשטער אַסיפֿה מיט פּרצן. זי איז פֿאָרגעקומען אין דער וואוינונג פֿון דוד פּינסקיס עלטערן אויף פּאַוויאַגאַס. אַ מאַן צוועלעכע און צוואַנציק זיינען געקומען, כּמעט אויסשליסלעך אַרבעטער, און דאָ האָט זיך פּרץ דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געטראָפֿן מיט דעם נייעם טיפּ יידישן אַרבעטער, און ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, אַז דער אַרבעטער־לייענער, נישט נאָר וואָס ער לייענט און פֿאַרשטייט אים, פּרצן, האָט ער נאָך זיין אייגענע מיינונג איבער זיינע ווערק, אַ קריטישן איבערבליק פֿון עפּעס אַ נייעם „אַרבעטער־שטאַנדפּונקט", און זיינע מיינונגען זאָגט ער אַרויס אין אַ ריינעם, פֿליסיקן יידיש, צוגעמישט מיט אויסדרוקן פֿון אַ נייער טערמינאָלאָגיע, וואָס איז ביז איצט געווען אומבאַקאַנט אויף דער יידישער גאַס".

דער טעמפּעראַמענטפֿולער און זוכנדיקער פּרץ ווערט געזעלשאַפֿטלעך און שעפֿעריש אויפֿגעלעבט. ער דערפֿילט אַ נייעם צופֿלוס פֿון שאַפֿונגס־

ענערגיע און די רעזולטאַטן זיינען קאָנטיקע. עס קומט די צייט פֿון די „יום־טוב־בלעטלעך", די יאָרן 1894, 1895, 1896 — דריי רייכע און זייער פּראָדוקטיווע יאָרן סיי פֿון פּרצן דעם קינסטלער און סיי פֿון פּרצן דעם פּובליציסט. און ווי אין די פֿריערדיקע דריי יאָר, 1889—1891, זיינען מיר געוועזן איבערראַשט פֿון דער מערקווירדיקער פֿאַרשיידנאַרטיקייט און פֿיל־קאָלירנדיקייט פֿון זיין שאַפֿן, אַזוי אויך ווערן מיר איצט איבערראַשט פֿון די פֿאַרשיידענע ווערק, וואָס ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ דער קורצער צייט. אין די דריי יאָר 1894—1896 גיט פּרץ אַרויס 17 „יום־טוב־בלעטלעך" — זאַמלונגען, געדיכט אָנגעפּיקעוועט מיט פֿאַרשיידענע זאַכן, ער גיט אַרויס אין 1894 אַ זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן", אין 1895 — דעם דריטן באַנד „די אידישע ביבליאָטעק". אין דער זעלבער צייט פֿאַרעפֿנטלעכט פּרץ אונטערן פּסעוודאָנים „פּלאי" אין אַמעריקאַנער „אַרבעטער־צייטונג" און אין „צוקונפֿט" פֿאַרשיידענע לידער און דערציילונגען. חוץ דעם גיט פּרץ אַרויס צוויי זאַמלונגען אין העברעאיש — אַ זאַמלונג „החץ" (די פֿייל) און אַ זאַמלונג ליבע־לידער „העוגב" (האַרפֿע).

דעם העברעאישן זאַמלבוך „החץ" (אַ פֿייל), וואָס איז דערשינען אין 1894, האָט פּרץ אָנגעהויבן מיט אַזאַ מין ווענדונג צום העברעאישן לייענער: „איך בין ניט געקומען צו דיר צו שמועסן געמיטלעך און פֿאַרווילן דיך, איך וויל נישט זיין קיין שלאָף־מיטל פֿאַר דיר, נישט קיין כוס־וויין צו פֿאַרטרינקען אין אים דיינע זאָרגן, אָדער דיינע לעצטע מינוטן, וואָס דו האָסט ניט פֿאַרברענט פֿאַרן אַפּגאָט פֿון לעבן. איך וויל, פֿאַרקערט, אָנשטעקן דיך מיט מיין גייסט און געוועלטיקן איבער דיר, איך וועל צעעפֿענען דיין האַרץ, צעשפּאַלטן דיין מוח, אויפֿרודערן אַלע דיינע נערוון און באַ־רויבן דיין שלאָף... איך וועל מיט געוואַלט אַראָפּרייסן דעם שלייער פֿון דיינע אויגן, צוגעבן ביטערניש צו דיין טרויער, מיט אַ גלאָקן־שטימע וועקן דיין געוויסן. דאָס איז מיין באַגער און פֿאַרלאַנג".

מ'קאָן זיך פֿאָרשטעלן, ווי אַט די דרייסטע, חוצפּהדיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופֿן אַ צעמישונג, אַן אויפֿרודערונג אין דער אָפּגעשטאַנענער העברעאישער וועלט. י. ל. פּרץ איז דאָ שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער חיבת־ציון־באַוועגונג און באַזונדערס האָט ער געשטורעמט אחד־העמען, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן באַהערשן די הערצער און געמיטער פֿון דער העברעאיסטישער אינטעליגענץ מיט זיינע „מרכז־רוחני"־אידעען. פּרץ זאָגט: „איז דען מעגלעך אַ געקינצלטער צענטער ווייט פֿונעם פֿאָלקס־לעבן? איז דען מעגלעך, אַז דער פֿאָקל זאָל זיין אין איין אָרט און די פֿלאַם, ד. ה. די פֿאָלקס־בילדונג, אין אַן אַנדערן אָרט?"

אויך אינעם יידישן זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן", וואָס איז דער־שינען אין דער זעלבער צייט, האָט פּרץ אַנטוויקלט די זעלבע געדאַנקען. אינעם לייט־אַרטיקל „וואָס ווילן מיר ?" זאָגט פּרץ: „דער פּאַלעסטיניזם און אַרגענטיניזם האָט אַזוי פאַרשיכורט אַלעמען, אַז עס איז אוממעגלעך געווען אַן ערנסט וואָרט צו רעדן. איצט איז שוין דער טומל אַריבער, און ווידער האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן בילדן דאָס פּאָלק". פּרץ קומט מיט גרויסע פאָדערונגען צו דער אינטעליגענץ: „עס איז שוין צייט, אַז אונזערווירקלעכע אינטעליגענץ זאָל פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ התחייבות זי האָט פאַרן פאָלק... מיר ווילן די אַלגעמיין־מענטשלעכע פאָן נישט אַרויסלאָזן פון דער האַנט. מיר ווילן נישט זייען קיין שאָוויניסטישע ווילד־קרויט, קיין פאַנאַטישע קערנער..." פּרץ איז דאַן שטאַרק אָנגעהויכט פון די הומאַניטאַרע און סאָציאַליסטישע אידעאַלן, און אויף זיין שטייגער פּרוּווט ער אָט די אידעאַלן און אידעען אַריינברענגען אינעם יידישן לעבן צווישן דער יידישער אינטעליגענץ און פאָלקס־מאַסן.

אויף זיין בריוו־בלאַנק פון יענער צייט האָבן מיר אַזאַ קאָפּ:

רעדאַקציאָן:
„יודישע ביבליאָטעק", „ליטעראַטור און לעבן", „יו"ט־בלעטלעך"
און אַנדערע העברעאישע און זשאַרגאָנישע אויסגאַבן
י. ל. פּרץ, וואַרשע, צעגלאַנאַ נ' 1

פּרץ ווערט געטריבן פון אַ מערקווירדיקן אימפּעט, ער וואַרפט זיך פון איין שאַפונגס־געביט צו אַן אַנדערן, ער שרייבט אונטער פאַרשיידענע נעמען. ער טיילט מיט אין אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן: „פאַרשולדיקט בין איך איבערן קאָפּ און איבערן שכל. איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט אונ־טערצושרייבן וועקסלען, און דער סוף מיינער וועט זיין אין תפיסה. נאָר ביז יענער צייט וועל איך דרוקן און דרוקן, און שפּעטער — ברענענדיקע קוילן..." ער דערמאָנט אַ צוויי־דריי פון זיינע מיטאַרבעטער און רעדט וועגן זיך ווי אַ מיטאַרבעטער פון זיינע אויסגאַבן: „איך אַליין אַלס י. ל. פּרץ, ד"ר שטיצער, לצפר, לץ פון דער רעדאַקציע, אאַז"וו, כ'האָב שוין פאַרגעסן, וויפיל נעמען איך האָב, אַן ערך הונדערט מיט אַכציק..." און פּרץ האָט טאַקע נישט אויסגערעכנט זיינע איבעריקע נעמען, וואָס אונטער זיי האָט ער געדרוקט פאַרשיידענע פראַכטפולע זאַכן: „בן־תּמר, הפּרצי, היתום מנעמיראָוו, לאַמפּנפוצער, נישט קיין בטלן, פלאי, ל. פינקל". עס זיינען דאָ נאָך אייניקע פּסעוודאָנימען, וואָס מען איז נישט אין גאַנצן זיכער, צי זיי זיינען פּרצעס.

און דאָס איז געווען אַ נייס אין דער יידישער ליטעראַטור פֿון יענער צייט. אַ ריכטונג און אַ שטרענג־אויסגעהאַלטענע ריכטונג אין אַ זאַמלבוך, אין אַ צייטשריפֿט — דאָס האָט פּרץ אַריינגעבראַכט. אַלע אַנדערע זאַמלונגען זיינען געווען „פֿרייע טריבונעס", ריכטיקער — אָפֿענע אכסניא'ס פֿאַר יעדן איינעם. פּרץ האָט אַרויפֿגעלעגט זיין שטעמפּל אויף זיינע אויסגאַבעס, זיין כאַראַקטער, זיין טעמפּעראַמענט. און די פּסיידאָנימען, וואָס פּרץ האָט זיך באַהאַלטן הינטער זיי, זיינען אויך כאַראַקטעריסטישע, קעמפֿערישע, בונטאַרישע.

אייניקע „יום־טוב־בלעטלעך" זיינען דערשינען מיט דער הילף פֿון אַ גרופּע אַרבעטער און ראַדיקאַלע יונגעלייט אין וואַרשע, צווישן זיי איז אויך געווען דוד פּינסקי, וואָס האָט געדרוקט אין פּרצעס זאַמלונגען זיינע ערשטע דערציילונגען פֿונעם אַרבעטער־לעבן. ביי דוד פּינסקיס עלטערן אין הויז, ווי געזאָגט, איז פֿאָרגעקומען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון יידישע אַרבעטער צוזאַמען מיט פּרצן, און דאָ איז געשלאָסן געוואָרן די באַקאַנטשאַפֿט, וואָס איז אַריבער דערנאָך איז אַ פֿריינטשאַפֿט און אין אַן ענגער דערנעענטערונג. די אַרבעטער האָבן צוגעזאָגט צו פֿאַרשפּרייטן די „יום־טוב־בלעטלעך", אַגיטירן פֿאַר זיי, אויב די ריכטונג וועט זיי געפֿעלן.

די יום־טוב־בלעטלעך" מיט זייער גייסט, מיט זייער אַלגעמיינעם טאָן, האָבן שטאַרק אימפּאָנירט די דעמאָלטיקע ראַדיקאַלע און אַרבעטער־קרייזן.

אָט דערציילט אַ. ליטווין („צוקונפֿט", 1915, ז' 451): „מיט זייער שאַרפֿן סאַטירישן טאָן, מיט דעם שפּרודלדיקן אינהאַלט פֿון די לעבעדיקע פֿראַגן, וואָס זיי האָבן תּמיד באַרירט, מיט דער לעבנסלוסטיקייט און דאָך ערנסטקייט פֿון זייערע טעמעס — איז זייער ווירקונג געווען אומגעהויער אויף דער באַלעבאַטישער יוגנט. נאָך מער — אויף דער יונגער מאַסע, וואָס איז שוין געווען אַריינגעכאַפּט אין שטראָם פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די דערשיינונג פֿון פּרצעס אַ „יום־טוב־בלעטל" האָט מען אין דער יידישער גאַס באַגעגנט מיט דער גרעסטער שמחה... דאָס בלעטל האָט געמאַכט צו דענקען, געוועקט דעבאַטן און טאַקע באַלערנט אויך".

די פֿאַרשיידענע קורצע פּרצישע מעשהלעך זיינען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט צווישן די באַגייסטערטע יונגע לעזער. אייניקע האָבן אַריינגעטייטשט אין די מעשהלעך פֿאַרשיידענע כוונות און אָנצוהערענישן. דערציילט טאַקע י. דינעזאָן: „ווען פּרץ האָט אָפּגעדרוקט „באָנציע שווייג", האָט ער באַקומען אַ בריוו פֿון איינעם פֿון זיינע לעזער, אַ הייסן דאַנק פֿאַר דעם פֿאַרגעניגן, און דערביי, אגב, דערקלערט, אַז ער, דער לעזער, האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז אין „באָנציע שווייג" האָט פּרץ

געמיינט די „כנסת ישראל", וואָס ווערט נעבעך אַזוי פֿאַריאָגט און גע־פּלאָגט... פּרץ האָט מיר דעמאָלט דערלאַנגט דעם בריוו מיט די ווערטער: נאָ דיר ליטוואַקעס! גוט, וואָס איך לעב נאָך און קאָן דעם ליטוואַק דײַנעם שווערן, אַז איך האָב אַפֿילו אין זינען ניט געהאַט די „כנסת ישראל", ווען איך האָב יאָ אינזינען געהאַט, ווייסטו דאָך". (צו פּרצעס ערשטן יאָרצײַט, ווילנע, 1916).

וועגן דער גרויסער ראָלע, וואָס די „יום־טוב־בלעטלעך" האָבן גע־שפּילט אין די אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערע קרײַזן איז שוין וואויל באַקאַנט. „זיי ווערן פֿאַרשפּרייט צווישן די מאַסן — דערציילט שכנא עפּשטיין — מען לייענט זיי אין די אַרבעטער־קרײַזלעך, מען שאַצט די „יום־טוב־בלעטלעך" נישט ווייניקער ווי די אומלעגאַלע ביכלעך מיט די שוואַרצע טאַוולען". און גאָר אין גיכן הויבט אָן פּרץ אויפֿצוטרעטן אויף געהיימע פֿאַרזאַמלונגען.

„די ערשטע אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונג — שרײַבט ש. עפּשטיין — וואָס ער האָט בייגעוואוינט איז געווען פּרצעס אַ רעפֿעראַט אין וואַרשע וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון רעליגיע" („פּרץ דער סאָציאַלער דיכטער", ז' 64).

מיר איז אויסגעקומען אין די 20ער יאָרן הערן פֿאַרוואָרפֿן פֿון ווייניק־באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אויפֿן אַדרעס פֿון פּרצן, וואָס ער האָט גאָר אַרויסגעגעבן „יום־טוב־בלעטלעך", — זאַמלונגען צו ימים־טובים, און מ'האָט, מיט אַ 30 יאָר שפּעטער נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס עפּעס האָט פּרץ געגעבן זײַנע זאַמלונגען אַזאַ „שאָוויניסטישן" נאָמען און מען האָט פֿאַרגעסן דעם מאָטיוו, די סיבה פֿון דעם נאָמען.

מען דאַרף נעמען אין אַכט די צענזור־באַדינגונגען פֿון יענער צײַט אין צאַרישן רוסלאַנד, און אין פּוילן באַזונדערס, וואו מ'האָט געשטיקט יעדעס פֿריי וואָרט, יעדן פֿרייען געדאַנק. צוליב דעם, וואָס מען האָט נישט געקאָנט באַקומען קיין דערלויבעניש אויף אַ פּעריאָדישער אויסגאַבע, איז מען געצוואונגען געווען צו געבן יעדער זאַמלונג אַן אַנדערן נאָמען. מען האָט עס צוגעפּאַסט צו די יידישע יום־טובים: „לכבוד פּסח", „דער פֿייל־און־בויגן", „גרינס אויף שבועות", „דער תּענית", „די טרייסט", „דער שופֿר", „הושענה", „דאָס חנוכּה־ליכט", „שבת־אויבס", „המן־טאַש", „כּל חמירא", און אַזוי ווײַטער.

אָבער עס איז ניט געווען קיין באַזינגען און באַשפּרעכן די יידישע יום־טובים, ווי ס'איז געווען דער מנהג אין דער יידישער פּרעסע. יעדע זאַמלונג איז געקומען מיט טענות, מיט פֿאָדערונגען, מיט רופֿן און מאָנונ־גען. עס איז געווען אַ שטאַרקער אַרויסרוף דער יידישער עפֿנטלעכקייט,

דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט. און אַלץ איז געגעבן געוואָרן אין אַ שאַרפֿן טאָן, אין דרייסטע ווערטער, מען איז געקומען מיט אַ שפּראַך, וואָס איז ביז יענער צייט אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך נישט באַקאַנט געווען. ווייזט אויס, אַז די קורצע צייט, וואָס פּרץ איז נאָענט געווען מיט דער יידישער בורזשואַזיע אין וואַרשע, זיין באַגעגענען זיך מיט די אַסי־מילאַטאָרן אין דער וואַרשעווער גמינע, וואו ער איז געווען אַנגעשטעלט, האָט אים שטאַרק אָפּגעשטויסן פֿון זיי. ער איז פֿול געווען מיט פּראָטעסט, מיט ווידערווילן צו זיי. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט צאָרן, מיט האַס צו זיי.

אין איינעם פֿון די „יו׳ט־בלעטלעך״ זאָגט פּרץ: „פֿאַר שלום האָב איך מורא! פֿאַר שטילקייט ציטער איך אימת־מות! שלום און שטיל איז אויפֿן בית־הקברות... שלום איז נאַכט און טויט... אַ וואַרעמע שטוב, אַ ווייכער פֿאָטעל, וויגאַדנע פּאַנטאָפֿל, און אַ זיידענע שלאָף־מיץ״.

פּרץ רעדט אין איינעם אַ „יו׳ט־בלעטל״ וועגן דער חיבת־ציון באַוועגונג און ער שרייבט בילדלעך וועגן זיין געענדערטע באַציאונג צו איר: „איך האָב אַמאָל אַ געליבטע געהאַט, אַ געוויסע צייט איז זי מיין מוזע געווען... מיט דער צייט האָט זיך מיין געליבטע פֿאַרדאָרבן; זי איז אַ צנועה געוואָרן, זי איז אַ גבאיטע געוואָרן, אָנגעהויבן רבנישן טאַבאַק צו שמעקן. זי איז אַ טוקערין געוואָרן... און אויפֿן אָרט פֿון מאַנדלען פּילט מען מיילן־ווייט פֿון איר שימל און מקוה־וואַסער, און זי חברט זיך היינט מיט רבנים, מלמדים און ישיבה־בחורים און גייט אַרום מיט אַ צדקה־פּושקע אין די הייזער... איך וויל איר נאָמען בסוד נישט האַלטן — „חיבת־ציון״ הייסט די דאַמע״.

און אָט ווי פּרץ רעדט וועגן דער אַרבעטער־פֿראַגע: „אין אייראָפּע איז פֿאַראַן אַן אַרבעטער־פֿראַגע, וואָס אַז אַ באַלעבאַטישער מענטש דער־מאָנט זיך אין איר ציטערן אים הענט און פֿיס... דער באַלעבאָס ווייסט, אַז דער אַרבעטער האָט קיין חשק ניט אויסצופֿאַסטן זיך דאָס ליכטיקע גן־עדן... אַז ער איז הונגעריק, וויל ער שוין ניט מודה זיין, אַז דאָס האָט אים גאָט היינט קיין ברויט ניט באַשערט, נאָר ער מיינט, אַז דער פֿאַבריקאַנט האָט אַ קישקע אַן אַ דנאָ... אַז דאָס ווייב ווערט אים קראַנק, אַז די קינדער הויבן אַן הוסטן, זאָגט ער שוין ניט ווי אַמאָל, אַז עס איז אַן אָפּקומעניש פֿאַר די זינד, שלאָגט זיך שוין ניט אין האַרצן אַריין און לויפֿט שוין ניט צום שטריימל, עס זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה... אים דאַכט זיך גאָר, אַז זיין דירה איז שולדיק, אַז ער וואוינט אין אַ נאַסן

קבר... ער זאָגט, אַז די פֿאַבריקאַנטן קאָנקורירן אויף זיין חשבון, אַז דריי פֿערטל סחורה איז זיין שוויס און בלוט..."

אַט אַזוי קומען אַרויס דאָ און דאָרטן גאַנץ־קלאָרע מיינונגען, גאַנץ־אויסגעשפּראָכענע געדאַנקען וועגן סאָציאַלן אומרעכט, וועגן דער ראָלע פֿון דעם קלעריקאַל, וואָס וויל פֿאַרבאַהאַלטן פֿון דעם פּראָסטן מענטש דעם אמת פֿון לעבן. אָדער ווי פּרץ דריקט זיך אויס: „אַט די לייט זאָגן, אַז די זויערמילך, דער המון־עם, דאַרף האָבן אַ פּרוכת איבער די אויגן און לאָזן זיך פֿירן פֿון זיי".

און ווי אַן אילוסטראַציע, ווי אַ צוגאָב צו די אַלע נייע, פֿרייע און ראַדיקאַלע געדאַנקען, וואָס פּרץ ברענגט אַרויס אין זיינע שאַרפֿע, בליציקע, אימפּעטדיקע אַרטיקלען און פֿעליעטאָנען, קומען זיינע לידער און דערציילונגען, וואָס מאָלן און שילדערן דאָס סאָציאַלע אומרעכט, די פֿינצטערניש, וואָס מ'האָט פֿאַרשפּרייט איבער דער יידישער גאַס. אין יענער צייט פֿאַרעפֿנטלעכט פּרץ זיינע דערציילונגען און לידער, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט מיט פּראָטעסט און מיט מאָנונג. עס זיינען גוט באַקאַנט דעם יידישן מאַסן־לייענער פּרצעס זאַכן: „באַנציע שוויַיג", „דאָס שטריימל", „ביים פֿרעמדן חופּה־קלייד", „די נייטאָרינס", „וועבער־ליבע", „חתונה געהאַט", א. אַ. וו. עס ווערט דאָ אויף דעם אייגנאַרטיקן שטייגער, ווי פּרץ קאָן, געשילדערט די נויט, די עקספּלואַטאַציע, דער אומרעכט, די דערשלאָגנקייט, און אויך דער פּראָטעסט, אָפּטמאָל דער שטומער, וואָס רייסט זיך אַרויס פֿון די אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן, וואָס זיינען אונטעריאָכט, שלעפּן אויף זיך די רעכטלאָזיקייט, די אומגערעכטיקייט. דאָ און דאָרטן רייסן זיך אַרויס שאַרפֿע רייד, און אָפּטער — אָנצוהערענישן און אָנדייטונגען פֿון נייע ווערטער, וואָס מ'האָט נאָך דאַן, ביי די שטרענגע צענזור־באַדינגונגען, נישט געקאָנט רעדן אָפֿן, פֿראַנק און פֿריי.

און ווי אַלעמאָל איז אויך אין די זאַכן ביי פּרצן נישטאָ קיין אויסערלעכע שטריכן, קיין שטייגער־איינצלהייטן, נאָר עס איז געגעבן דער עיקר, די עסענץ, דאָס סכעמאַטישע. עס איז אינטערעסאַנט, ווי פּרץ האָט דאַן, אין 1894, פֿאַראורטיילט דעם נאַטוראַליזם, דאָס אויסערלעכן מאָלן: „ריאַליזם דאַרף קיין הימל נישט, מען דאַרף ניט וויט קריכן, מען דאַרף גאָרניט ליב האָבן, נישט פֿיינט האָבן, מען דאַרף קיין צוועק, קיין תכלית! אַלעס איז גוט. אַרום און אַרום ליגן טעמאַטן ווי האָלץ! וואו דו ביסט, וואו דו זעסט, באַשרייב!" פּרץ רוקט שטענדיק אַרויס אין זיינע ווערק דעם מיין, כוונה, די טענדענץ, די אידייע. אַזוי אויך איז פּרץ אין די אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געשריבן אין אָט די יאָרן מיט אַ נייעם ברען. און ווען עס

איז געווען שווער צו רעדן אָפֿן, האָט ער אויסגעקליבן די אַלעגאָריע, דאָס מעשהלע, פֿון וועלכער עס לאָזט זיך אַרויסשיילן דער קערן, דער עיקר.

אין דעם יידישן געמייזעכץ האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געוואַלד, מען איז באַפֿאַלן פרצן, מען האָט, ווי עס פֿירט זיך ביז אונזערע איצטיקע טעג, געדראָט, אויסגעטראַכט פֿאַרשיידענע נישט־געשטויגענע זאַכן, כדי אָפּצו־שרעקן פרצן פֿון זיין וויכטיקער אַרבעט.

דער „המליץ״ און אויך דוד פֿרישמאַן (אין די צוויי זאַמלונגען־פּאַס־קווילן אונטערן נאָמען אברהם גאָלדבערג) זיינען באַפֿאַלן פרצן, אים באַ־שמוצט פֿאַר זיינע ראַדיקאַלע געדאַנקען, פֿאַר זיינע דרייסטע ווערטער.

אָט שרייבט דער „המליץ״: „ס׳איז איצט געקומען אַ נייע צרה אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור: אַ מאַסע קליינע ביכלעך, פֿול מיט גיפֿט, וואָס זייער גאַנצע קראַפֿט איז נאָר צו שעדיקן דאָס יידנטום, זיינע רבנים, זיינע געלערטע, זיינע שרייבער... אַריינוואַרפֿן שנאה צווישן פֿאַרשיי־דענע קלאַסן״.

אין אַן אַנדערן אָרט שרייבט איינער אין „המליץ״: „מיט יאָרן צוריק זיינען אונזערע שוסטערס, שניידערס און סטאָלערס געווען די הול־טאַיעס, וואָס האָבן געמאַכט מחלוקת אין די שולן... פֿון זינט אייניקע פֿון אונזערע גרויסע שרייבער האָבן אָנגעהויבן צו חנדלען זיך מיט אָט דער ארורה — די זשאַרגאָנישע שפּראַך, האָבן אַלע שניידער און שוס־טערס פֿאַרלאָזן זייערע אינסטרומענטן און זיינען געוואָרן שרייבער און פֿיילן־מאַכער...״ (דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויף פרצן). מען האָט אויך פֿאַרגעוואָרפֿן פרצן, אַז ער דראָט באַלעבאַטים, זיי זאָלן אים העלפֿן אַרויס־צוגעבן די „יום־טוב־בלעטלעך׳. דאָס איז געווען אין 1894, דער אָנפֿאַל איז געדרוקט געוואָרן אין צוויי לייט־אַרטיקלען (אויף דער ערשטער זייט) אין די נומערן 156 און 159. אויף דעם האָט פרץ צוגעשיקט פֿאָלגנדיקע אָפּלייקענונג („המליץ״, 27טן יולי 1894): פרץ שרייבט אין זיין בריוו: „אין דעם לייט־אַרטיקל פֿון „המליץ״ „נתבעין לעגל ונותנין״ (מען מאָנט פֿאַרן אָפּגאָט און מען גיט!) ווערט געזאָגט וועגן מיינע ביכער; וואָס איך גיב אַרויס, — „ליטעראַטור און לעבן״, „יום־טוב־בלעטלעך״ און „החץ״, — אַז זיי האָבן אַ פֿאַרדאַרבענעם צוועק, און אַז זיי האָבן כלל נישט קיין לייענער, און דעריבער, ווען נישט די הילף פֿון די שטיצער, וואָלטן זיי נישט דערשינען. דער אַרטיקל־שרייבער וואָרנט די מנדבים, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפֿהערן צו שטיצן מיינע ווערק, וועט מען זייערע נעמען עפֿנטלעך שטעמפּלען״. אָבער דאָס אַלץ — זאָגט פרץ — איז נישט ריכטיק. די קליינע זאַמלונגען „יום־טוב־בלעטלעך״ האָב איך אַרויסגעגעבן אויף

מיין אייגענעם חשבון, אָן קיין שטיצע פֿון דער זייט. „ליטעראַטור און לעבן", די ערשטע אויפֿלאַגע, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן בוכהענדלער יצחק פֿונק פֿון ווילנע, וואָס האָט אָפּגעקויפֿט אַלע 3,000 עקז.. דעם „החץ" (העברעאישע ראַדיקאַלע זאַמלונג) האָט אַרויסגעגעבן דער פֿאַרלעגער ש"ב שוואַרצבערג פֿון ליפּנאַ". און וואָס שייך ד'ער „אַנצוהערעניש", אַז די אויסגאַבן האָבן עפּעס „אַ פֿאַרדאַרבענעם צוועק", דערויף ענטפֿערט פּרץ, אַז „דער ציל פֿון מיינע ווערק איז בלויז און נאָר צו פֿאַרשפּרייטן אויפֿקלערונג צווישן פֿאָלק. מיינע ביכער ווערן פֿאַרשפּרייט אין די טויזנ־טער קאָפּיעס".

נאָך העסלעכער איז געווען דער אָנפֿאַל אויף פּרצן און אויף די „יום־טוב־בלעטלעך" פֿון דוד פֿרישמאַן. ס'איז געווען אייגנטלעך נישט קיין קריטיק, נאָר אַ מיאוסער פּאַסקוויל. ד. פֿרישמאַן האָט אין זיינע העפֿטלעך אויסגעדריקט אויף אַ שאַרפֿן אופֿן די אומצופֿרידנקייט מיט פּרצעס ראַדי־קאַלע און רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען און שטימונגען. (וועגן דעם רעדן מיר אויספֿירלעכער אינעם קאַפּיטל „פּרץ און פֿרישמאַן".)

מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט ברייטער זיך אָפּצושטעלן אויף די אַרטיקלען און נאָטיצן פֿון די „יום־טוב־בלעטלעך" און ברענגען אויסצוגן פֿון אַט די מערקווירדיקע זאַמלונגען. ס'איז דערשינען אַ בוך פֿון א. ראָזענצווייג „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פֿון פּרצעס שאַפֿן" (די „יום־טוב־בלעטלעך"), כאַרקאָוו־קיעוו, 1934 (188 ז"ז). שיקן מיר אָפּ דעם פֿאַר־אינטערעסירטן לייענער צו יענער וויכטיקער אַרבעט.

די „יום־טוב־בלעטלעך" זיינען אַ וויכטיקע דאַטע אין דעם אידעען־גאַנג פֿון פּרצן און אויך אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פֿונעם ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערן געדאַנק ביי דער יידישער אינטעליגענץ און פֿאָלקס־מאַסן אין די 90סטע יאָרן פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס, האָט די צאַרישע מאַכט אין וואַרשע גע־האַלטן אָן אויג אויף פּרצן. מסתמא זיינען געווען ידיעות אין דער פּאָ־ליציי וועגן פּרצעס נאָענטקייט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ש. לעוו האָט אינעם אַרכיוו פֿונעם געוועזענעם וואַרשעווער גענעראַל־גובער־נאַטאָר געפֿונען מאַטעריאַלן, וואָס גיבן איבער וועגן אַ רעוויזיע ביי פּרצן אין הויז, אין יאָר 1895. אין דער נאַכט אויפֿן 17טן מאַי (א. ס.) האָט די זשאַנדאַרמעריע דורכגעפֿירט רעוויזיעס אין פֿאַרשיידענע הייזער, וואָס זיינען געווען פֿאַרדעכטיקט. אין דער מיטטיילונג פֿונעם וואַרשעווער אָבער־פּאָליציימייסטער (פֿונעם 19טן מאַי 1895, נ' 3262) ווערט צווישן אַנדערע רעוויזיעס אויך געמאָלדן, אַז דורך „אָפּיצירן פֿון באַזונדערן זשאַנדאַרמען־

קאַרפּוס זיינען דורכגעפּירט געוואָרן הויז־זוכונגען" און עס ווערט איבער־געגעבן: „אויף טיעפּלאַ נומ. 5 ביי יידישן ליטעראַט ל י י ב א פּ ר ץ און זיין זון לייזער — אַ סטודענט פונעם היגן אוניווערסיטעט", און אַז, אויסער אינעם יידישן שפּיטאָל, איז בשעת די רעוויזיעס קיין באַשווערנדיקע זאַך נישט געפונען געוואָרן, און קיינער איז נישט פאַרהאַלטן געוואָרן". („ליט. בלעטער" 1937,ז' 417).

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1899, איז פּרץ אַרעסטירט געוואָרן. ש. עפּשטיין דערציילט וועגן דעם. ער איז אַרעסטירט געוואָרן „פאַר זיין צו־נאָענטער מחותנשאַפט מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג". ער זיצט דאַן אָפּ דריי מאָנאַטן אין וואַרשעווער ציטאַדעל פאַר זיין אַרויס־טרעטן מיט אַ פאָרלעזונג אויף אַ כלומרשטע „תנאים". און ש. עפּשטיין גיט איבער, אַז „פּרץ קומט אָבער אַרויס פון ציטאַדעל נאָך קאָמפּלוס־טיקער, נאָך מער גרייט צו אַרבעטן פאַר דער אָנגעפאַנגענער זאַך... זיין טאַלענט איז אין פולן בליען, זיין ווירקונג אויף די ראַדיקאַלע קרייזן איז אומגעהייער. פּרץ איז דאַן דער גאָט פון די יידישע באַוואוסטזיניקע אַרבעטער און דער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ. אויף זיינס אַ וואָרט וואַרט מען דאַן מיט אומגעדולד. זיין יעדע נייע דערציילונג ווערט איינפאַך גע־שלונגען. מען לעזט אין די שורות און צווישן די שורות, מען וויל זיך אין די פיל פּינטעלעך דערגראָבן ביזן עצם, אַרויסלעזן פון זיי וואָס דער קינסטלער האָט ניט געוואָלט אָדער ניט געקאָנט דערזאָגן צוליב פאַר־שיידענע אורזאַכן..." „ביי די פרומע — שרייבט ש. עפּשטיין — איז ער טרייף ווי חזיר; עס באַציען זיך צו אים מיט אַ פאַרדאַכט זאָגאַר די היינט־וועלטיקע נאַציאָנאַליסטן פון ציוניסטישן לאַגער. ער איז פאַר זיי צו־ראַדיקאַל, צו־רעוואָלוציאָנער". („צוקונפט", 1915, ז' 542).

און כדי צו דערגאַנצן דאָס בילד, כדי צו באַגרייפן אויף וויפל פּרץ איז געווען טיף געליבט און שטאַרק פאַרערט ביי די אַרבעטער, ווען מיר ברענגען אַן אויסצוג פון שלום אַשס אַרטיקל „מיין ערשטע באַקאַנט־שאַפט מיט פּרצן", וואו ער שילדערט אַ אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פון יאָר 1901, ווען מ'האָט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן געפייערט פּרצעס יובילייי. „אין טאָג פון יובילעאום — שרייבט ש. אַש — ווען אין זיין שטוב זיינען געווען מיטגלידער פון דער גמינע אים צו גראַטולירן אַלס מיטאַרבעטער פון דער גמינע (נישט פון דער יידישער ליטעראַטור) זיינען אַריינגעקומען צוויי יונגע לייט. נאָך זייער אויסזען האָט מען דערקענט אַרבעטער. זיי האָבן געבעטן פּרצן, אַז ער זאָל אַריינגיין מיט זיי אין אַ באַזונדער שטוב. פּרץ האָט איבערגעבעטן דעם קאָמיטעט מיט די פּני־העיר און איז אַריין

אין אַ באַזונדערן צימער מיט די צוויי אַרבעטער. באַלד איז ער אַרויס־געקומען מיט בלישטשענדיקע אויגן און אַ פֿלאַמענדיקן געזיכט. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ בוך. די אַרבעטער זיינען אַוועק, און פּרץ רופֿט אויס מיט באַגייסטערונג:

— ווייסט איר, ווער דאָ איז געווען? אַ דעלעגאַציע פֿון „בונד"! זיי האָבן מיר געשיקט אַן אָפֿיציעלע באַגריסונג מיט אַט דער מתּנה! — ווייזט ער שטאָלץ אויפֿן בוך.

די פּני־העיר און די דעלעגאַטן פֿון קאָמיטעט זיינען בלייך געוואָרן פֿאַר שרעק, געקוקט אויף דער טיר וואו אַרויסצוקומען. דאָס וואָרט „בונד" האָט געשמעקט מיט סיביר און תּליה.

די אָפֿיציעלע באַגריסונג — דערציילט ש. אַש —, וואָס האָט גע־טראָגן דעם שטעמפּל פֿון „בונד", האָט דינעזאָן פֿאַרברענט ביים ברענענ־דיקן ליכט, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן טיש, כּדי אַז די ‚אָכראַנקע' זאָל עס נישט געפֿינען ביי פּרצן. דאָס בוך האָט פּרץ באַהאַלטן טיף צווישן זיינע טייערסטע מאַנוסקריפּטן און עס איז אים געווען הייליק דאָס גאַנצע לעבן. דאָס בוך איז געווען אַן עקזעמפּלאַר פֿון זיין „יידישע ביבליאָטעק", וואָס האָט זיך געהאַט אויפֿגעהאַלטן אין דער וואַרשעווער פֿעסטונג „צענטער פּאַוויליאָן", וואו עס איז איבערגעגאַנגען פֿון איין פּאָליטישן אַרעסטירטן צום צווייטן אין געהיים, די בלעטער פֿון בוך זיינען געווען פֿאַרפֿעט, אויס־געשמירט און צעריסן פֿון אויסגעלעזנקייט. פֿיל אותיות פֿון בוך זיינען געווען אונטערגעשטראָכן מיט ביישטיפֿט. די אונטערגעשטריכענע אותיות האָבן צוזאַמענגעשטעלט מיטיילונגען, וואָס איין אַרעסטירטער האָט מיט־געטיילט דעם צווייטן". („צוקונפֿט", 1915, ז' 463).

אין די 17 „יום־טוב־בלעטלעך", ווי אויך אין די צוויי העפֿטן „די יידישע ביבליאָטעק", וואָס י. ל. פּרץ האָט אַרויסגעגעבן אין די צוויי יאָר 1894־1895, האָט פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט זאַכן, סיי אין בעלעטריסטישער און סיי אין פּובליציסטישער פֿאָרם פֿון דעם סאַמע פֿאַרשיידנאַרטיקן כאַראַק־טער. מיר האָבן דאָ רעאַליסטישע שילדערונגען, אַלעגאָרישע מעשהלעך, סימבאָלישע שאַפֿונגען, ווי אויך לידער און פּאָעמעס, אָריגינעלע און איבער־געדיכטעטע פֿון פֿאַרשיידענע שרייבער. זיי אַלע פֿאַראייניקט איין ווילן, איין דראַנג — צעוואַרפֿן די גרענעצן, צעשטערן די שטילקייט, אַרויספֿירן דעם יידישן מענטש פֿון זיין פֿאַרגליווערטקייט. זיי זיינען דאָס רוב אָנגע־פֿילט מיט סאָציאַלן פּראָטעסט און אַנטי־קלעריקאַלן אימפּעט. און, ווי אַלע־מאָל, איז פּרץ אויך אין דעם פּעריאָד פֿול מיט ווידעראַנאַנדן, ער ווערט מער געטריבן פֿון אינעווייניקסטן ברען, פֿון אייגענער סטיכיע, ווי פֿון באַשטימטע, אָפּגערונדעטע אידעען.

ביי די קוואַלן פֿונעם פֿאָלק־שאַפֿן

עס איז פֿון די מערקווירדיקע זאַכן: י. ל. פּרץ, וועלכער איז פֿאַרוויגט ביי אַלעמען ווי אַ דורכאויס־אינטעלעקטועלער שרייבער, ווי אַ קינסטלער פֿון געדאַנק און פּראָבלעם — גראַד פּרץ האָט אַרויסבאַוויזן אַ טיפֿן אינ־טערעס צום יידישן פֿאָלקס־שאַפֿן, גראַד פּרץ איז געווען פֿון די ערשטע, וואָס האָבן גענומען צו אַנטפּלעקן די יידישע פֿאָלקס־שאַפֿערישע אוצרות. פּרץ האָט גלייך פֿון אָנהויב אויפֿגענומען די טיפֿע פּראָבלעמען פֿון דער נישט־יידישער און יידישער וועלט, זיך געלאָזט באַווירקן פֿון אַנדערע ליטעראַטורן, געשטרעבט צונויפֿשמעלצן און אויסצושמידן נייע אוניווער־סאַלע פֿאָרמען, אָבער גלייכצייטיק האָט ער נישט אויפֿגעהערט זיך אַראָפּ־צולאָזן אין די טיפֿענישן פֿון דעם יידישן אַמאָל און אַרויסברענגען פֿון דאָרט אַלץ־נייע פּערל, אַלץ־נייע מערקווירדיקע שיינקייטן.

אין זיין זאַמאָשטש האָט פּרץ, נאָך אַ יונג קינד, איינגעזאַפּט אין זיך פֿאָלקס־מעשיות, פֿאָלקס־לעגענדעס, וואָס אַלטע יידן האָבן דערציילט איי־נער דעם אַנדערן. זאַמאָשטש בכלל איז געווען „איינגעוויקט" אין פֿאַר־שיידענע סיפּורי־מעשיות, וואָס האָבן געשוועבט דאָרט איבער די חורבות, אַרום די אַלטע טויערן, אויפֿן מאַרק־פּלאַץ, אויך אין די ספֿרימלעך פֿון די גרויסע ספֿרים־שראַנקען אין אַלטן זאַמאָשטש בית־המדרש. האָט פּרץ מיט זיין פֿלינקן קאָפּ, מיט זיין עמפֿינדלעכן האַרץ אַרויסגעלייענט פֿאָלקס־מעשיות, חסידישע מאָטיוון, נסים ונפֿלאות, וואונדער־געשיכטן פֿון פֿאָלקס־העלדן. דאָס אַלץ האָט זיך געזאַמלט און געוואָרעמט אין פּרצעס האַרץ און פֿאַנטאַזיע.

שוין אין די ערשטע זאַכן, וואָס פּרץ האָט געשריבן, געפֿינען מיר די שפּורן פֿון דעם פֿאָלקס־שאַפֿן, די עלעמענטן און שטריכן פֿון פֿאָלקלאָר.

עס איז אַ כלל: אַלע גרויסע נאַציאָנאַלע פֿאָלקס־דיכטער ווייזן אַרויס אַ באַזונדערע פֿאַראינטערעסירונג, אַ באַזונדערע פּיעטעט פֿאַר דעם פֿאָלקס־שאַפֿן. דאָס פֿאָלקס־ליד, די פֿאָלקס־מעשה איז אַלעמאָל אַ וויכטיקער יסוד אין דעם שאַפֿן פֿון די גרויסע קינסטלער. די ערנסטע פֿאַרשונג פֿון פּוש־

קין און זײַנע ווערק האָט באַוויזן ווי גרויס עס איז געווען דער אינטערעס פֿון אָט דעם גרויסן רוסישן דיכטער צו דער פֿאָלקס־פּאָעזיע און וויפֿל מעשׂיות און לידער פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער עס זײַנען אַרײַנגעפֿלאָכטן אין זײַנע וואונדערבאַרע ווערק. פּושקין האָט מיט זײַן אייגענער האַנט פֿאַרשריבן פֿיל פֿאָלקס־מעשׂיות און שפּריכווערטער. מ׳האָט געפֿונען בײַ אים, נאָך זײַן טויט, העפֿטן מיט פֿאָלקס־לידער און פֿאָלקס־מעשׂיות פֿון פֿאַרשיידענע אויך פֿון קליינע פֿעלקער.

דאָס זעלבע איז געשען מיט פּרצן. ער האָט געזאַמלט פֿאָלקס־לידער, זיי אַליין אויפֿגעשריבן אין אַ העפֿט און עס געהאַלטן בײַם אַרויסגעבן אין אַ באַזונדער ביכל.

עטלעכע יאָר פֿאַר דעם ווי עס איז אַרויס די באַרימטע זאַמלונג „ייִדישע פֿאָלקס־לידער" פֿון פּ. מאַרעק און ש. גינזבורג (זי איז אַרויס אין יאָר 1901 אין פּעטערבורג, דער אויפֿרוף זייערער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1898), האָט שוין י. ל. פּרץ געהאַט אויפֿגעזאַמלט בײַ אַ 50 פֿאָלקס־לידער, באַקומען די דערלויבעניש פֿון דער צענזור צום דרוקן. די זאַמלונג, וואָס האַלט 60 זײַטן, געשריבן אייגנהאַנטיק פֿון פּרצן. איך האָב דעם מאַנוסקריפּט פֿיל מאָל געבלעטערט, ער איז געשריבן מיטן פּרצישן פּערלדיקן און חריפֿישן כּתב־יד. ער איז דורך מיר פֿונעם דינעזאָן־אַרכיוו אין וואַרשע איבערגעגעבן געוואָרן צום ייִוואָ אין ווילנע. די זאַמלונג טראָגט דעם נאָמען: פֿאָלקס־לידער, געזאַמלט פֿון י. ל. פּרץ. פֿון אויבן איז דאָ אַ קעפּל „יום־טוב־בלעטלעך", ווײַזט אויס, פּרץ האָט געפּלאַנט אַרויסגעבן אָט די זאַמלונג אין דער סעריע „יום־טוב־בלעטלעך". די אויפֿשריפֿט פֿון דער צענזור איז פֿונעם 23טן יולי 1896.

פֿאַרוואָס די זאַמלונג איז נישט דערשינען איז שווער צו זאָגן, געוויס צוליב מאַנגל אין געלט. מיר שיקן אָפּ די, וואָס האָבן אַ אינטערעס פֿאַר אָט די לידער־זאַמלונג צום פּרץ־נומער „ייִוואָ־בלעטער" 1937, צו די אַרטיקלען פֿון י. ל. כּהן און ש. ז. פּיפּע (ז״ז 280־291).

אַ צווייטע זאַמלונג פֿאָלקס־לידער, אָדער אפֿשר די זעלבע, נאָר אַביסל געענדערט, האָט י. ל. פּרץ אין יענער צײַט איבערגעגעבן דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער לעאָ ווינער פֿון אַמעריקע. שפּעטער האָט פּרץ אים נאָכגעזוכט און נישט געקענט צוריק אַרויסקריגן די לידער. וועגן דעם זײַנען דאָ אייניקע אָנדייטונגען אין די פּרץ־בריוו. אַזוי אַרום איז פּרצן, דעם פּיאָנער פֿון צו זאַמלען פֿאָלקס־לידער, נישט באַשערט געווען זיי ברענגען צו דער ברייטער עפֿנטלעכקייט. זײַנען די אַלע פֿאָלקס־מאָטיוון געבראַכט געוואָרן

דערנאָך דורך פּרצן אין דעם נייעם לבוש, אין דער מייסטערישער פאָרם פון זיינע וואונדערלעכע פאָלקס־מעשיות.

די דערמאָנטע דאַטע פון דער צענזור איז פאַר דער פרץ־פאָרשונג זייער וויכטיק. זי ווייזט אונז, אַז גלייכצייטיק מיט דער דערנעענטערונג צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און צו די ראַדיקאַלע קרייזן האָט זיך באַזונדערס דערוועקט ביי פּרצן דער אינטערעס צום פאָלקס־שאַפן און עס זיינען דעריבער נישט ריכטיק די פאַנאַנדערטיילונגען וואָס מ׳מאַכט אין פּרצעס שאַפן אויף אָפּגעבאַזונדערטע עפּאָכעס און פעריאָדן.

און אויפגעזאַמלט און צוגעגרייט די 50 פאָלקס־לידער צום דרוק האָט זיך פרץ נישט באַנוגנט דערמיט. ער זוכט און נישטערט נאָך און נאָך לידער. אין אַ בריוו (פון 1897) צו אַ יונגן דיכטער, י. י. פּראָפּוס פון קאָוונע, וועלכער שיקט פּרצן זיינע שאַפונגען, שרייבט פרץ: „און איצט האָב איך צו׳ן אייך און אייערע קאָלעגן אַ בקשה: העלפט מיר, יונגעלייט, צו זאַמלען פאָלקס־לידער. איר קאָנט אויף מיין רעכענונג עטלעכע רובל קאָסטן מאַכן. גוט?״ די קאָלעגן, וואָס פרץ דערמאָנט, זיינען געווען אברהם רייזען, וואָס האָט דעמאָלט געדינט אין קאָוונע ווי אַ זעלנער, און א. וויטער, דער שפּעטער גוט־באַקאַנטער יידישער דראַמאַטורג און פּאָליטישער טוער.

אברהם רייזען אין זיינע זכרונות דערציילט וועגן די בריוו, וואָס ער האָט אין יענער צייט (אַרום 1897) באַקומען פון פּרצן וועגן יידישע פאָלקס־לידער. א. רייזען האָט פון קאָוונע, וואו ער איז געווען אין מיליטערישער דינסט, געשיקט זיינע אייגענע לידער צו פּרצן. און ער באַקומט אַ בריוו־ענטפער פון פּרצן. „אין זעלבן ענטפער האָט פרץ צו מיר אַ בקשה: אַ פאָלקלאָריסטישע חברה אין ווין זאַמלט פאָלקס־לידער. ער דערקלערט מיר וואָס אַ פאָלקס־ליד איז און בעט מיך, אויב איך געדענק אַזעלכע, זאָל איך אים שיקן. נאַטירלעך זעץ איך מיר גלייך אַוועק אין קאַזאַרמע און הויב אָן זיך דערמאָנען די לידלעך, וואָס די מאַמע האָט מיר גע־זונגען... און אַז עס שעפּן זיך אויס פון מיין זכרון די פאָלקס־לידער, רוף איך צו די יידישע סאָלדאַטן און בעט, זיי זאָלן מיר פאָרזאָגן לידער, וואָס זיי קענען. און אַזוינאָך זאַמל איך אָן אַ פּאָר בענדלעך יידישע לידער און שיק זיי אַוועק קיין וואַרשע, צעגליאַנאַ 1״. און ווען א. רייזען האָט איניגע „גראָבע״ אויסדרוקן געפּרוווט „אידעלער״ מאַכן, האָט פרץ גלייך זיך געכאַפּט, אַז מסתמא האָט ער זיי אַביסל פאַרריכט... און א. רייזען גיט צו: „אָבער ניט פּרצן האָט מען געקענט נאַרן״. („צוקונפט״, 1915, ז״ז 649־650).

י. ל. כהן, דער באַוואוסטער פֿאָלקלאָריסט, האָט געזאָלט אָנשרייבן פֿאַרן פּרץ־נומער פֿון די „ייוואָ־בלעטער" (1937) אַן אָפּהאַנדלונג וועגן י. ל. פּרץ ווי אַ זאַמלער פֿון יידישע פֿאָלקסלידער. ער איז אָבער געשטאָרבן און באַוויזן נאָר מאַכן אייניקע באַמערקונגען פֿאַר זיין אַרטיקל. „פּרץ — שרייבט ער — האָט אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדן פֿון זיין קינסטלערישן שאַפֿן אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ־באַזונדערן אינטערעס צום יידישן פֿאָלקלאָר, פֿאָלקסטימלעכע לעגענדעס און פֿאָלקס־ מסורות, וואָס אַ געוויסן טייל דער־פֿון האָט ער קינסטלעריש איבערגעשאַפֿן און אויפֿגענומען אין זיינע ווערק". און י. ל. כהן באַטאָנט, אַז „שוין פֿאַר אַ צייט פֿריער, נאָך איידער אפֿשר ס'איז געפּלאַנט געוואָרן די פֿאָלקס־זאַמלונג (דורך ש. גינזבורג און פּ. מארעק), האָט שוין פּרץ אָנגעהייבן גאַנץ אייפֿעריק פֿאַרשן נאָכן יידישן פֿאָלקסליד, וואָס איז געזונגען געוואָרן צווישן די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן. ער האָט קענטיק געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערע תשוקה צום יידישן פֿאָלקס־געזאַנג, וואָס גאָר ווייניק פֿון אונזערע דיכטער האָבן עס פֿאַרמאָגט".

י. ל. כהן, אַליין אַ וואַרשעווער אין יענע יאָרן, גיט איבער, ווי אין וואַרשע איז אין 1895־1896 אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דער שרייבער יצחק לייבוש פּרץ זאַמלט פֿאָלקס־לידער, ער זוכט אויס דינסטמיידלעך, ער קריגט יידישע יונגעליים, וואָס זינגען פֿאַר אים פֿאַר יידישע פֿאָלקס־לידער. און ער דערציילט, י. ל. כהן, ווי ער האָט אַמאָל צוגעהערט אַ שמועס אין אַ וואַרשעווער 'קאַוויאַרנע", וואָס צוויי יידישע בחורים האָבן געפֿירט וועגן דעם, אַז פּרץ פֿאַרנעמט זיך מיט זאַמלען פֿאָלקס־לידער. איינער האָט דעם צווייטן געפֿרעגט גאַנץ נאַאיוו: „ווי קומט עס, וואָס אַזאַ גרויסער שרייבער ווי פּרץ זאָל זיך אינטערעסירן מיט אַזעלכע נאַרישע לידלעך? צו וואָס דאַרף ער דאָס?" („ייוואָ־בלעטער", 1937, ז"ז 485־484).

אָט אַזוי האָט מען אַ לענגערע צייט זיך באַצויגן אויך אין די ליטע־ראַרישע קרייזן צו פּרצעס זוכענישן און עקספּערימענטן. אָבער פּרץ איז זיך געגאַנגען זיין וועג און נישט אויפֿגעהערט יעדעס מאָל צוצופֿאַלן צו די יידישע פֿאָלקס־קוואַלן, שטילן זיין ברענענדיקן דורשט און דערנאָך אויסגעמייסטערעוועט מערקווירדיקע פֿאָלקס־געשיכטן פֿון די געהערטע און געלייענטע פֿאָלקס־מעשיות.

ה. ד. נאָמבערג, אַ בן־בית דאָן ביי פּרצן אין הויז, דערציילט: „אויף פּרצן און אויף זיין קרייז האָבן די לידלעך געווירקט ווי אַ נבואה, ווי אַן אַנטפּלעקונג. מיר האָבן אַלע געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ פֿרישער קוואַל, אַ לעבעדיקער און שפּרודלדיקער, האָט זיך געעפֿנט. ניט נאָר וואָס די לידלעך האָבן אַנטציקט מיט זייער ניט־געקינצלטער פּאָעזיע, מיט זייער

אינעווייניקסטער וואָרהייט, מיט זייער האַרציקייט. זיי האָבן געוועקט און גערופֿן צו אַ וועלט, וואָס איז געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט דעם יידישן אינטעליגענט, סיי דעם אַלטן אין דער פֿאָרם פֿון אַ בן־תורה, סיי דעם נייעם אין דער פֿאָרם פֿון אַ משכיל און געבילדעטן. אָט לעבט אַ פֿאָלק און זינגט: זינגט פֿון ליבע, פֿון בענקשאַפֿט, פֿון פֿרייד און צער!"...

און נאָמבערג דערציילט, ווי מען פֿלעגט ביי פּרצן אין הויז אויפֿזאַמלען זיך יעדן שבת בייטאָג, מען פֿלעגט זינגען פֿאָלקס־לידער און דערציילן פֿאָלקס־מעשיות. עס האָט געהערשט אַ דערהויבענע שטימונג. „אַרגיעס פֿון פּאָעטישער אַנטציקונג, — זאָגט נאָמבערג — זיינען דאָס געווען, פֿון יענע איבערלעבענישן, אין וועלכע דער גייסט ווערט פֿאַרמירט ווי מעטאַל אין פֿלאַם. אויך פּרצן האָבן די איבערלעבענישן געבראַכט נעענטער צו זיין איך, צו זיין שורש, די פּרוכטן פֿון די איבערלעבונגען זיינען צייטיק געוואָרן ערשט שפּעטער — אין די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן", וואו דער איבערקלוגער, געשפּיצטער פּרץ, דער זוכער פֿון נייע וועגן, דער אָנהענגער פֿון אַ פֿאַרוויקלטן סטיל מיט אַנצוהערענישן, איז געקומען צום פּשוטן און האַרציקן און דאָך אַזוי אינדיווידועלן, אַזוי כאַראַקטעריסטישן פֿאַר פּרצן".

אויך שלום אַש, וואָס איז זינט 1899 און ווייטער געווען אַ שטוב־מענטש ביי פּרצן, דערציילט אין זיין אַרטיקל „מיין ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט פּרצן: „די שטוב „צעגליאַנאַ 1" איז געוואָרן אַ צענטער פֿאַר דעם יידישן ראַדיקאַלן געדאַנק. דאָרט איז געוואָרן געלעגט דער פֿונדאַמענט פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור נישט אַלס מיטל, נאָר אַלס צוועק פֿאַר זיך. פֿון דער שטוב איז אַרויס דער געדאַנק פֿון יידיש. די פּאָעטישע ווידערגעבורט פֿון חסידיזם, די ליבע צום פֿאָלקס־ליד און פֿאָלקס־מעשהלע". „אין די שבתדיקע פֿאַרנאַכטן — דערציילט שלום אַש — זיינען מיר געזעסן אין דער טונקלקייט און מיר האָבן געזונגען די פֿאָלקס־לידער. באַגייסטערט פֿון דעם טיפֿן געפֿיל, וואָס עס דריקט זיך אויס אין יידישן פֿאָלקס־ליד אין דער איינפֿאַכער פֿאָרם, האָט פּרץ אונז געלערנט צו זען די טיפֿעניש פֿון דער יידישער נשמה".

ש. אַש זאָגט ווייטער: „עס איז דאָן דערשינען אין פּעטערבורג אַ זאַמלונג פֿון פֿאָלקס־לידער, נאָר אָן נאָטן. אַ טייל פֿון אונז האָבן געדענקט די ניגונים פֿון דער היים, אָדער מיר האָבן זיי אויפֿגעזוכט און געבראַכט זיי צו פּרצן שבת. און עס איז געוואָרן „אַ גלגול פֿון אַ ניגון". דאָס ליד פֿון גאַס האָט אין פּרצעס שטוב אָפּגעקלונגען הייליק און אונז אַריינגעבראַכט אין אַ דערהויבענער שטימונג אין די שבתדיקע פֿאַרנאַכטן. דענסט־

מאָל האָט אויך פּרץ אָנגעשריבן זיין הערלעכע עסיי איבער דעם פֿאָלקס־ליד, „דאָס יידישע לעבן לויטן פֿאָלקס־ליד". [די עסיי איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין „דער ייד", יאַנואַר 1901, אַ פּאָר וואָכן נאָכן דערשיינען פֿונעם בוך אונטערן פּסיידאָנים בן־תּמר.].

אין דער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר אינטערעסאַנטע באַצייכענונגען און שטריכן פֿון י. ל. פּרץ צו דער כאַראַקטעריסטיק און תּוך פֿונעם יידישן וועלטלעכן פֿאָלקלאָר.

צו די אַלע געבראַכטע אויסצוגן פֿון בריוו און זכרונות קומט צו נאָך אַ אינטערעסאַנטער פֿאַקט אויף ווי ווייט פּרץ האָט אַרויסבאַוויזן אַ באַזונדערע פֿאַראינטערעסירטקייט מיטן יידישן פֿאָלקס־ליד און ער האָט אויף פֿאַרשיידענע וועגן באַמיט זיך צו פּאָפּולאַריזירן די אויסגעפֿונענע לידער פֿונעם יידישן פֿאָלקס־אוצר. כ. נאָדעל אין זיין אַרטיקל „פּרץ — דער פֿאָלקלאָר־זאַמלער" (סאָוועטישע ליטעראַטור, קיעוו, 10, 1940) גיט איבער, אַז אין 1898 האָט פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט יידישע פֿאָלקס־לידער אין אַ ווינער דייטשישן זשורנאַל „דער אורקוועל"* די לידער זיינען פּובליקירט געוואָרן מיט לאַטייניש אותיות. צו די העברעאישע און שווערע ווערטער זיינען צוגעגעבן אויסטייטשונגען און דערקלערונגען. די פֿאָלקס־לידער, ווייניק־באַקאַנטע און אפֿשר ביז האָהער נישט־פֿאַרעפֿנטלעכטע אין די יידישע זאַמלונגען, ווערן געבראַכט דורך כ. נאָדעל, זיי הייסן: 1) אונטערגעפֿאַלן, 2) אָפּשייד, 3) די אַנטוישטע, 4) דער זון און די מוטער, 5) דער זון, די מוטער און די כּלה, 6) שימשעלע. (ז"ז 145־151).

אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט פּרץ געהאַלטן אין איין שפּינען זיינע וואונדערבאַרע פֿאָלקס־מעשׂיות. ער האָט אַריינגעגעבן אין די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן פֿאָלקס־חכמה, פֿאָלקס־שטייגער, פֿאָלקס־סטיל און אויך אייגענע מייסטערשאַפֿט, אייגענעם ריטם, אייגענעם כאַראַקטער. ווי פּרץ זאָל זיך נישט געוווען האַלטן ביי די עכטע פֿאָלקס־עלעמענטן, ווי ער האָט נישט אויפֿגעהיט דאָס פּרימיטיווע, נאַאיווע און גלויביקע, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אַריינגעגעבן אין דער מעשׂה, אָבער פּרצעס גייסט, פּרצעס נשמה, פּרצעס בליק פֿילט זיך אומעטום.

מיט דעם טיילט זיך אויס פּרצעס פֿאָלקס־מעשׂה פֿון די אַלע אַנדערע, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן ביי אונז. מיר פֿילן אין זיי פּרצעס אָטעם, פּרצעס אימפּעט, פּרצעס מייסטערשאַפֿט. פּרץ האָט אָפֿט אָפּגעטיילט דאָס

---

* Der Urquell, eine Monatschrift für Volks-Kunde, herausgegeben von Friedrich S. Krauss, Wien, 1898, Band II.

פסולת, דעם קלעווער, און געגעבן דעם תוך די עסענץ, דעם יאָדער. אומעטום איז אונטערגעשטראָכן און אַרויסגעפּירט דער מיין, די כוונה, דער מוסר־השכל, דאָס פּראָבלעם. אויך אין דער פאָלקס־מעשה האָט פּרץ דער־גרייכט די קורצקייט, די אַפּאָריסטישקייט, און אויך דאָ איז שטענדיק דאָ דאָס פּרצישע פּינטעלע, דאָס שאַרפזיניקע.

פּרץ האָט נישט איין מאָל זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם מקור פון דעם יידישן פאָלקס־שאַפן, אַליין זיך געווענדט אַהין און גערופן די יינגערע שרייבער צו שעפּן פון דעם פאָלקס־אוצר. אין זיין באַרימטער רעדע אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (אין 1908) האָט פּרץ צווישן אַנדערן געזאָגט: „יידיש הויבט זיך ניט אָן מיט אייזיק מאיר דיק. דאָס חסידישע מעשהלע — דאָס איז דער „בראשית", „שבחי בעל־שם טוב" און אַנדערע וואונדער־געשיכטן זיינען פאָלקס־דיכטונג; דער ערשטער פאָלקס־דיכטער איז ר' נחמן פון בראַסלאַוו מיט זיינע „זיבן בעטלער".

דער באַרימטער יידישער פאָרשער און זאַמלער פון פאָלקלאָר, דער מחבר פון דעם „דיבוק" ש. אַנסקי גיט איבער וועגן פּרצעס באַזונדערער צוגעבונדנקייט צו די פאָלקס־מעשיות. דאָס איז שוין געווען די לעצטע יאָרן פון פּרצעס לעבן — אַן ערך 18 יאָר נאָך דעם, ווי פּרץ האָט אויפ־געזאַמלט די ערשטע פאָלקס־לידער. „יעדעס מאָל—דערציילט ש. אַנסקי — ווען איך בין געווען אין וואַרשע, פלעגט מיך פּרץ אַנידערזעצן צו דערציילן אים חסידישע מעשיות. אָפטמאָל פלעג איך שעהן־לאַנג זיצן און דערציילן אים איין מעשה נאָך דער אַנדערער. ער האָט צוגעהערט און ניט געקאָנט זיך אָנזעטיקן. דערביי האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צוצוזען, ווי עס קומט פאָר די שאַפערישע אַרבעט פון פּרצעס גייסט. דאָ גופא, בעת איך האָב נאָך די מעשה דערציילט, האָט פּרץ זי שוין אויפגענומען, אַסימילירט, אַרויסגעוואָרפן פון איר די ניט־קינסטלערישע שטריכן, צוגעגעבן נייע, צוזאַמענגעבונדן מיט פּרטים פון אַן אַנדער מעשה. און איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו ענדיקן, ווי פּרץ האָט שוין מיר דערציילט די אייגענע מעשה אין אַ „פאָלקסטימלעכע געשיכטע", וועלכע איז געווען אַזוי ווייט פון דעם ערשטן נוסח, ווי אַ געשליפענער בריליאַנט פון אַ נאַר־וואָס אויסגעגראָבענעם בריליאַנטן־שטיינדל. אויף מאָרגן איז איינע אַזאַ מעשה געווען אָנגעשריבן און אין אַ פּאָר טעג אַרום געדרוקט געווען מיט אַ ווידמונג — „אַנסקין—דעם זאַמלער"...

אויך יעקב דינעזאָן פלעגט אָפט דערציילן פּרצן מעשיות; פּרץ האָט פון זיי שטאַרק אָנגעקוואָלן און אויף איינער אַ מעשה, וואָס פּרץ האָט אָנגע־

שריבן, האָט ער געגעבן אַ ווידמונג „יעקב דינעזאָן — פֿון דיינע ציגל — דיר אַ בנין״.

דאָס פֿאָלקס־שאַפֿן איז געווען אַ שטענדיקער קוואַל פֿאַר פּרצן — סיי די חסידישע מעשה און סיי די פּשוטע פֿאָלקס־מעשה.

פּרץ האָט לאַנגע יאָרן נישט אויפֿגעהערט צו טרינקען פֿון דעם פֿאָלקס־קוואַל, אַליין געטרונקען און אָנגעטרונקען די פֿעלדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט דעם, וואָס ער האָט געשעפּט פֿולע עמערס פֿון די פֿאָלקס־קוואַלן.

ס׳איז באמת פֿאַרדראָסיק, וואָס ביז אויף היינט צו טאָג איז נישט נאָר נישט דערשינען קיין אויסשעפּנדיקע אַלזייטיקע אויספֿאָרשונג פֿון פּרצעס חסידישע מעשיות און פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, נאָר ס׳איז, צו אונזער בזיון, נישט דערשינען קיין לייטישע, גוט־צונויפֿגעשטעלטע אויסגאַבע פֿון אַלע פּרצעס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. מיר האָבן נאָך אַפֿילו נישט פֿעסט־געשטעלט געניו וועלכע זאַכן געהערן צו אָט דעם מין. לויט מלך ראַוויטש קומט אויס, אַז עס זיינען דאָ פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן ביי פּרצן 53, — אין דעם באַנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״, זיינען אַריין בלויז 18. דאָס מיינט בלויז אַ דריטל, די אַלע אַנדערע זיינען צע־וואָרפֿן איבער די פֿאַרשיידענע אַנדערע בענדער.

אינעם יסוד פֿון די פּרצישע פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידישע מעשיות זיינען געלעגט בעיקר די ג ע ד ר ו ק ט ע ספֿרים און ספֿרימלעך אין ייִדיש און העברעאיש. די רעליגיעזע און מוסר־השכלישע מעשה שבכתב, שוין אַ פֿאַרריגלטע און אַ פֿאַרחתמעטע, וואָס איז דורך פּרצן פֿונ־דאַסניי באַלעבט געוואָרן. און הגם עס איז פֿאַרבליבן דער פֿריערדיקער לבוש, אָבער די מעשה האָט באַקומען אַ נייע צורה, אַ נייעם מאָדערנעם אינהאַלט. פּרץ איז נישט קיין מיסטיקער, נישט קיין רעליגיעז־גלויביקער, ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פֿון זיין ראַדיקאַלער, פֿריידענקערישער וועלט און זיך פֿאַרקליבן אין דער רעליגיעזער פֿאָלקס־מעשה. ער איז צוגעקומען צו דער רעליגיעזער טעמאַטיק דורכן באַוואוסטזיין, צוגעגאַנגען ווי אַ מאָדערנער קינסטלער־מייסטער. ער האָט זי פֿאַרפֿיינערט, פֿאַרפּוצט אַזוי אַז אָפֿט איז פֿאַרבליבן בלויז די אָרנאַמענטיק פֿון דעם אָריגינאַל. עס פֿיגורירן אין זיינע געשיכטן און מעשיות די פֿאָלקס־העלדן, די לעגענ־דאַרע געשטאַלטן, אָבער זיי האָבן אין זיך דעם פּרצישן ברען, דעם פּרצישן בליק. און דערמיט טיילן זיך אויס אַלע פּרצעס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידישע מעשיות פֿון די אַלע אַנדערע, וואָס זיינען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן

די לעצטע פּערציק־פופציק יאָר דורך פאַרשיידענע שרייבער, וואָס מיר דערקענען גלייך דאָס אייגנאַרטיק פּרצישע אין זיי.

אָבער נישט אַלע מעשיות זיינען דורך פּרצן גלייך און לויט איין אופן און שטייגער באַארבעט געוואָרן. איינקע זיינען איבערדערציילט געוואָרן מיט גאָר זייער תמימות און נאַאיוקייט, — דאָ לאָזט פּרץ אַפּטמאָל רעדן אַן אַלטן חסיד, א יוחנן דער מלמד, אַנדערע ווידער זיינען לחלוטין איבער־געדיכטעט געוואָרן, פון דעם שטאָף, פונעם מאַטעריאַל איז פאַרבליבן גאַנץ ווייניק. די אַלע — איבערהויפּט די חסידישע שמועסרייען — זיינען גיכער וואַריאַציעס אויף דער טעמע חסידות.

און נאָך אַ זאַך: חסידישע און פאָלקסטימלעכע מאָטיוון זיינען דאָ ביי פּרצן אויך אין זיינע ערשטע שאַפונגען. דער אַנהויב פון דער חסידישער דערציילונג ציט זיך ביי פּרצן פון 1894, אויב נישט נאָך פריער, און עס האָט זיך געצויגן אַזוי מיט איבעררייסן ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

און וואָס שייך דעם פאָרם און דעם סטיל פון די געשיכטן און מעשיות— זיינען זיי גאַנץ פאַרשיידן ביי פּרצן. ווייל פון פאַרשיידענע וועלטן, פון פאַרשיידענע סביבות, פון פאַרשיידענע סיטואַציעס זיינען אַרויסגעבראַכט די מעשיות. האָבן מיר דאָרטן אַ פאַרשיידענעם קאָלאָריט, פאַרשיידענע סטילן און פאָרמען. צווישן איין מעשה און דער אַנדערער ליגן דאָך אָפט יאָר־הונדערטער, האָט זיך די צייט, פון וואַנעט זיי קומען, געמוזט אָפּרופן אויפן כאַראַקטער, אויף דער פאָרם פון דער שילדערונג.

אָבער דאָס אַלץ איז אַן ענין פאַר גרינטלעכע און ספּעציעלע שטודיעס פאַר פאָלקלאָריסטן. עס דאַרף קומען אַ גענויע אויספאָרשונג פון די קוואַלן, פון וואַנעט פּרץ האָט געשעפּט זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידישע מעשיות. דאָ און דאָרטן זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוואָון צו דערגרונטעווען זיך צו די קוואַלן און אורקוואַלן, אָבער ווייט נישט גענוג און ווייט נישט אויסשעפּנדיק.*

פּרץ גופא האָט אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידישע מעשיות געמאַכט אָפטע אָפּווייכונגען און דערמיט אַליין באַטאָנט זיין צוגאַנג צו אָט דעם שטאָף, וואָס ער האָט אים געקנאָטן און איבערגעקנאָטן אין זיין דיכטערישן שאַפן. אין איינער פון זיינע פּרעכטיקע, טיף־אייגנ־אַרטיקע געשיכטן, וואָס איז גראַד ווייניק פּאָפּולער ביים עולם, „דאָס גלעזל" (אין באַנד „אַלט און ניי"), איז דערציילט אויף אַ מייסטערישן אופן

---

* זע אברהם ביק — חסידות־מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור און אין לעבן, „איקוף", ניו־יאָרק, 1944, ז"ז 20, 34, 37־38, 44־47 א"א.

די אויסטערלישע געשיכטע מיטן יידישן גאָלדשמיד, און די מעשה ווערט אַזוי פֿאַרענדיקט: „די מעשה, וואָס איך האָב אייך דערציילט, איז, ווי אַלע מעשהלעך, אַ משל. און, ווי יעדער משל, נישט מיט אַלע פּרטים דומה לנמשל; מען מוז דאָך עפּעס צוגעבן לנוי... להידור המעשה [פֿון שיינקייט וועגן, כּדי צו באַפּוצן די מעשה — נ. מ.]... אָבער אַ מעשה איז עס! און שטאַמען שטאַמט זי פֿון אַ מקום גדול — איש מפּי איש פֿון רבין ר׳ יהונתן!" (ז׳ 110).

און אָפּטמאָל דערציילט פּרץ און רעדט דורך זיינעם אַ חסיד, אַ פּרצישן חסיד. אָט, למשל, „יוחנן מלמדס מעשהלעך" — איז דאָך דאָ מער פּרץ, ווי יוחנן דער מלמד. ריכטיק האָט ב. ריווקין באַמערקט, אַז יוחנן מלמד איז ביי פּרצן ווי מענדעלע מוכר ספֿרים ביי ש. י. אַבראַמאָוויטש. און נישט נאָר יוחנן מלמד. הויבט זיך אָן די געשיכטע „וואָס אַמאָל ווייניקער": „זאָגט יוחנן המלמד: אַז די משכּילים האָבן נישט געלאַכט און אנשי־שלומנו האָט נישט פֿאַרדראָסן פֿאַר מיין ערשטער מעשה, איז אַ סימן, אַז איך בין גערעכט, אַז עס איז אַזוי ווי איך זאָג: אַז די גאַנצע נפֿקא מינה צווישן אַ משכּיל און אַ חסיד איז היינטיקע צייטן נישט מער ווי אינעם נאָמען. אַי וואָס חברה שלאָגט זיך, מאַכט קולי קולות, איז עס אויך נישט מער ווי צוליב דעם נאָמען... און אויב אַזוי, וואָס שוויג איך? די בין, וואָס נאָגט זאַפּט פֿון גראָזן און בלומען, גיט האָניג, און איך, וואָס האָב מיך אין לעבן אַ סך אָנגעזען, בין מחויב צו דערציילן..." („חסידיש").

און אָט זאָגט פּרץ (אין זיינע „ר׳ נחמנקעס מעשיות"). „... און וויסן דאַרף מען, אַז תּכלית המעשיות איז געווען, ערשטנס, מגלה צו זיין סתרי־תּורה, וואָס מען קען נישט מסביר זיין נאָר בדרך משל"...

און ווייטער: „און דאָס קול, מיט וועלכן ער פֿלעגט די מעשהלעך דערציילן, איז נשתּנה געוואָרן לויט דעם ענין, לויט דעם תּוך פֿון מעשהלע..."

און נאָך: „און דער סוף פֿון דער מעשה?—בעטן מיר זיך, אַז ר׳ נחמנקע איז שטיל געבליבן. — עס איז נאָך קיין סוף נישט פֿאַראַן — האָט ר׳ נחמנקע געענטפֿערט".

עס איז אַ שליסל צו פּרצעס חסידישע מעשיות און פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן.

פרץ און דאָס יידישע טעאַטער

דער דראַמאַטורגישער עלעמענט פאַרנעמט אין פרצעס שאַפן אַ זייער וויכטיקן אָרט. פרץ האָט אויך געשענקט פיל אויפמערקזאַמקייט דעם יידישן טעאַטער; אין צייט האָט ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן טעאַטער, געשריבן רעצענזיעס וועגן סצענישע־אויפפירונגען. ער האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו טעאַטער. ער האָט אויך אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין טעאַטער־סטודיעס. פרצעס דראַמאַטישע שאַפונגען, די קלענערע און גרעסערע, זיינען אין פאַרשיידענע צייטן געשפילט געוואָרן דורך ליבהאָבער־גרופעס און אויך דורך פראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, לכתחילה — מיט אַ קליינעם דערפאָלג און דערנאָך האָבן די ווערק („די גאָלדענע קייט”, „אין פאַליש אויף דער קייט”, „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק”) שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. אין אַ געוויסן זינען איז מיט פרצעס דראַמאַטישע ווערק אויף דער יידישער בינע געשען דאָס, וואָס עס איז געשען מיט די דראַמאַטישע שאַפונגען פון שלום־עליכם. ביי זיין לעבן האָט מען זיי אינגאַנצן פאַרזען, איגנאָרירט, און ערשט יאָרן און יאָרן שפּעטער נאָך זיין טויט, האָט מען זיי „אַנטפּלעקט”.

כדי צו געבן אַ גענוי און פולשטענדיק בילד וועגן פרצעס דראַמאַטישן שאַפן און וועגן דער השפעה פון פרצן אויף דעם יידישן טעאַטער, מוז מען אַפריער גרינטלעך באַאַרבעטן גאָר די יידישע פרעסע און ארויסבאַקומען די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די פרץ־אויפפירונגען אין די פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט. ערשט דאַן וועט פאַר אונדז קלאָר ווערן די פילזייטיקע דראַמאַטורגיש־טעאַטראַלישע טעטיקייט פון פרצן און זיין ראָלע אין דעם שאַפנדיקן יידישן טעאַטער.

ב. גאָרין, דער היסטאָריקער פונעם יידישן טעאַטער, גיט אין זיין „געשיכטע פון יידישן טעאַטער” (צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, ניו־יאָרק 1923), אין דער „רשימה פון די פיעסעס אין יידישן רעפּערטואַר” (ז׳ 271), נישט־פולע, אומפינקטלעכע און פאַרדרייטע ידיעות וועגן פרצעס דראַמאַטורגיע.

דער דראַמאַטישער פּעריאָד ביי י. ל. פּרץ הויבט זיך אָן אַרום 1903, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט אין „השלח" (אין העברייאיש) זיין ערשט דראַמאַטיש ווערק „חורבן בית־צדיק" — דער ערשטער וואַריאַנט פון דער שפּעטערדיקער „גאָלדענער קייט".

פּרץ האָט שוין געהאַלטן נאָך זיינע חסידישע מעשיות. ער האָט אויך אויפגענומען און קינסטלעריש איבערגעדיכטעט און איבערגעשטאַלטיקט די פאָלקס־מאָטיוון, זיי מייסטעריש פאַרוועבדט אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן. ער האָט שוין אויספּרובירט די פאַרשיידענע ליטעראַרישע פאָר־מען, און דורך זיי געגעבן אָן אויסדרוק פאַר די געפילן, אידעען און געדאַנ־קען, וואָס האָבן כסדר געברויזט אין אים. ליד, פּאָעמע, באַלאַדע, נאָוועלע, סקיצע, דיאַלאָג, שמועס — דורך זיי האָט פּרץ אויף פאַרשיידענע אופנים אַנטפּלעקט זיין אומרואיקע, פיל־געשטאַלטיקע גייסטיקע וועלט. און עס איז נאַטירלעך געווען, אַז פּרץ זאָל זיך ווידער פאַרמעסטן אויף נייע, ווייניק־באַקאַנטע פאַר אים גופא דיכטערישע וועגן. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער דראַמאַטישער פאָרם, און גענומען אויסצוהאַמערן נייע מייסטער־שטיק. און ווי אין אַלע זיינע שאַפונגען, אַזוי איז ער אויך אין זיינע דראַ־מאַטורגישע ווערק געווען אַ זוכער, אַן אַנדייטער, אַן אַנטפּלעקער. אויך אין דער דראַמאַטורגיע באַנוצט ער זיך נישט מיט קיין פאַרטיקע שאַבלאָנען און גייט נישט אויף אויסגעטראָטענע וועגן. אַנשטאָט נאָך מאָס רייד — קומט ער מיט קורצע, שאַרפע שורהלעך. אַנשטאָט נאַטוראַליסטישע סצע־נעס — סימבאָלישע פיגורן. אַנשטאָט אויסערלעכער לעבנס־שטייגער — סינטעטישע אָנדייטונגען. פּרצעס דראַמאַטורגיש שאַפן איז אַ ווייטערדיק קלעטערן איבער הויכקייטן, אַ ווייטערדיק אַריינדרינגען אין פאַרטיפטע יידישע אַמאָליקע און היינטצייטיקע וועלטן און פּראָבלעמען.

פּרץ איז אַריין אין אַט דעם נייעם דראַמאַטורגיש־טעאַטראַלישן פּעריאָד מיט לייב און לעבן און מיט דעם ברען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרצן אין אַלע זיינע שאַפערישע יאָרן.

עס איז נישט אַזוי גרינג אָנצוצייכענען גענוי און פּינקטלעך דעם סדר ווי די דראַמאַטישע ווערק זיינען דורך פּרצן געשריבן געוואָרן. איניקע דראַמאַטישע ווערק (ווי „די גאָלדענע קייט", „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" א. א.) זיינען דורך פּרצן עטלעכע מאָל איבערגעשריבן און שטאַרק איבער־געאַרבעט געוואָרן. מיר ווילן ברענגען די רשימה פון פּרצעס דראַמאַטור־גישע שאַפונגען אין דעם צופעליקן, נישט־כראָנאָלאָגישן סדר, ווי זיי זיינען געדרוקט אין פּרצעס שריפטן:

1. ער און זי (פֿאַרשפּיל) — 3 ז״ז.
2. שוועסטער (דראַמע אין איין אַקט) — 24 ז״ז.
3. נאָך קבורה — 6 ז״ז.
4. אַ פֿרימאָרגן (איינאַקטער) — 18 ז״ז.
5. שאַמפּאַניער (איינאַקטער) — 17 ז״ז.
6. ס׳ברענט (איינאַקטער) — 18 ז״ז.
7. ווענן קינדער (אין צוויי דראַמאַטישע בילדער) — 14 ז״ז.
8. אַמאָל איז געווען אַ מלך (קאָמעדיע) — 20 ז״ז.
9. וואָס אין פֿידעלע שטעקט (טעאַטער־שטיק אין 3 אַקטן) — 40 ז״ז.
10. אַ קברות־נאַכט (נערוון־שפּיל) — 16 ז״ז.
11. די גאָלדענע קייט (אַ חסידישע פֿאַמיליען־דראַמע, אין ווייסן פֿערז, אין 3 אַקטן) — 104 ז״ז.
12. אין פּאַליש אויף דער קייט (אַ חלום פֿון אַ קלויזניק, דראַמאַטישע פּאָעמע, מיט ווייסן פֿערז, אין 3 אַקטן) — 46 ז״ז.
13. ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק (אַ טרוים פֿון אַ פֿיבער־נאַכט, פֿאַר־שפּיל, דריי אַקטן און עפּילאָג, אין פֿערזן) — 144 ז״ז.
14. ביי דעם פֿרעמדן חופּה־קלייד (אַ סצענע פֿון וואַרשעווער לעבן) — 20 ז״ז.
15. דער הויקער (פֿאַר אַלטע — צום לעזן; פֿאַר קינדער — צום שפּילן), אַ פּיעסע אין 3 אַקטן.

מען קאָן צו אָט דער רשימה צוגעבן פֿאַרשיידענע דיאַלאָגן („פֿאַר דער טיר״, „אין סקווער״, „די לבנה פֿאַרציילט״), מאָנאָלאָגן („דאָס קראַנקע ייִנגל״ א. א.) , סצענעס, שמועסן, וואָס זיינען און ווערן אויפֿגעפֿירט דורך ייִדישע פּראָפֿעסיאָנעלע שוישפּילער און דורך אַמאַטאָרן. ס׳קומען נאָך צו צו דעם צעטל די פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן פֿון דער „גאָלדענער קייט״, „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ א. א. אויך פּרצס ערשט ווערק אין ייִדיש „מאָניש״, וואָס ווערט כסדר רעציטירט.

ס׳איז אַ ספּעציעלע אויפֿגאַבע פֿעסטצושטעלן די גענויע דאַטעס, ווען אָט די אַלע אויסגערעכנטע ווערק זיינען דורך פּרצן געשריבן געוואָרן, אויך ווען און וואו זיי זיינען געשפּילט געוואָרן. דערביי איז וויכטיק אָנצואווייזן ווי דער עולם און די קריטיק האָבן די זאַכן אויפֿגענומען.

מ׳דאַרף דאָ דערמאָנען די אינטערעסאַנטע אַרבעט פֿון מאַקס עריק „קאָנסטרוקציע־שטודיען״ (1924), וואו ס׳זיינען אָפּגעדרוקט אַרטיקלען „צו דער קאָנסטרוקציע פֿון דער „גאָלדענער קייט״ און „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“.״ מ. עריק שטעלט זיך אָפּ אויף די פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן פֿון די צוויי דראַמעס און ער ברענגט די ענדערונגען, וואָס פּרץ האָט אין זיי אַריינגעבראַכט.

אין די יאָרן 1905—1907 האָט פּרץ אַרויסבאַוויזן אַ באַזונדערן אינטע־רעס צום יידישן טעאַטער, ער האָט געשריבן רעצענזיעס וועגן אַ ריי אויפֿ־פֿירונגען אינעם וואַרשעווער יידישן טעאַטער. מיר האָבן אין זיינע אויס־גאַבעס אויספֿירלעכע רעצענזיעס איבער דוד פּינסקיס „פֿאַמיליע צבי״ און „די מוטער״, וועגן שלום אַשס „משיחס צייטן״ און „גאָט פֿון נקמה״, וועגן יעקב גאָרדינס „כאַסיע די יתומה״ און „ברידער לוריא״, ה. עפּעלבערגס „דוד אין דער מדבר״; אַן ענטפֿער פֿון פּרצן אויף ה. עפּעלבערגס פּראָ־טעסט; אַ רעצענזיע איבער מ. אַרנשטיינס „דער ווילנער באַלעבעסל״; אַ טעאַטער־פֿעליעטאָן „אוי, דלות, דלות״; אַן אַרטיקל איבער דער יידישער אויפֿפֿירונג פֿון מאַקסים גאָרקיס דראַמע „אויפֿן לעצטן שטאַפּל״ א. א.

חוץ דעם האָט פּרץ זיך אָפּגעגעבן מיט פֿאַרשיידענע טעאַטער־סטו־דיעס, ער האָט אויפֿגעטראָטן מיט פֿאַרלעזונגען וועגן יידישן טעאַטער און געווען איינער פֿון די הויפּט־איניציאַטאָרן צו בויען אַ גרויסע יידישע טעאַטער־געזעלשאַפֿט.

* * *

צום ערשטן מאָל האָט מען, ווייזט אויס, אויפֿגעפֿירט פּרצעס אַ זאַך אינעם יידישן טעאַטער אַפּריל 1906. ס׳איז געווען פּרצעס „דער נסיון״ (אַ דראַמע אין 4 אַקטן), אין וואַרשעווער טעאַטער „זשאַרדען ד׳היווער״ (כמיעלנאַ 9). די פּרעמיערע איז פֿאָרגעקומען דעם 13־טן אַפּריל. „דער נסיון״ איז אַ וואַריאַנט פֿון דער „גאָלדענער קייט״.

בעל־מחשבות האָט (אין „דאָס יידישע פֿאָלק״, ווילנע 1906, ז׳ 1) גע־שריבן וועגן דער פֿאָרשטעלונג צווישן אַנדערן אָט וואָס: „דאָס טעאַטער איז געווען פֿול און פּאַק. אַלע, וואָס האָבן אַ שייכות צו ליטעראַטור און צום יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, זיינען געקומען זען פּרצעס שטיק... אפֿשר דאָס ערשטע מאָל האָט דאָס יידישע טעאַטער אין וואַרשע צונויפֿגעקליבן צווישן זיינע פֿיר ווענט אַזאַ „גוטס״ פּובליקום ווי אין דעם פּרעמיער־אָוונט פֿון פּרצעס שטיק״. בעל־מחשבות שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אינהאַלט פֿון דער דראַמע, אויף די איינצלנע טיפּן און ער גיט צו: „...איך בין

בטוח, אַז פּרצעס „נסיון״ איז נישט קיין דראַמע אין געוויינלעכן זין, און אויך נישט קיין שילדערונג פֿון חסידישן לעבן. עס איז בכלל נישט קיין טעאַטער־שטיק, נאָר עס איז גראָד אַ סימבאָלישע זאַך, וואָס וויל אויסדריקן אַן אַלגעמיין מענטשלעכן שמערץ אין מלבושים פֿון יידישן לעבן . . . די געשפּרעכן זיינען נישט אינטערעסאַנט, ערטערווייז לאַנגווייליק, גאָר נישט דער פּרץ פֿון די דערציילונגען. אפשר איז דער סופֿליאָר געווען דערין שולדיק, אפשר די אַקטיאָרן, וואָס האָבן צו־ווייניק איינגעלערנט דאָס שטיק?״ בעל־מחשבות שרייבט אויך וועגן דער אויפֿפֿירונג. ער האַלט, אַז הגם ס׳האָבן געשפּילט די „בעסטע קרעפֿטן״, אָבער „זיי זיינען נישט מסוגל צו שפּילן זאַכן, וואָס גייען אַריבער מעלאָדראַמע״. ער דערמאָנט די שוישפּילער פֿרוי (אסתר רחל) און הער קאַמינסקי, וואָס „האָבן אַ גוטע אויסשפּראַכע, זאָגן אַרויס יעדן וואָרט קלאָר . . . זייער אַרט צו רעדן איז אָבער נאָר גוט פֿאַר פּשוט־לשון, נאָר פֿאַר מעלאָדראַמאַטישע שטיק . . . פּרצעס שטיק האָבן זיי נישט גוט געשפּילט, האָבן זיי נישט געקאָנט שפּילן״ . . . און די „דעקאָראַטיווע זייט, ווי אויך די רעזשי איז געווען זייער שלעכט . . . דער דלות האָט געלויכטן פֿון אַלע ווינקעלעך, און גראָד פּרצעס „נסיון״ פֿאָדערט אַ ריינקייט און שיינקייט אין דער דעקאָראַציע, ווי אויך אינעם אויסערלעכן הילוך פֿון די פּאַרשוינען.״ און בעל־מחשבות פֿירט אויס: „אין דעם, וואָס פּרצעס שטיק האָט נישט געהאַט קיין דערפֿאָלג, האָבן אויך די אַרטיסטן אַ שטאַרקן אָנטייל.״.

דר. גרשון לעווין, אַ נאָענטער פֿריינד פֿון פּרצן, שרייבט אין זיין בוך „פּרץ״ וועגן דער אויפֿפֿירונג: „די דראַמע איז דורכגעפֿאַלן. ערשטנס דערפֿאַר, וואָס אין איר איז נישט געווען קיין שום דראַמאַטישע אַקציע . . . צווייטנס, האָבן די שוישפּילער זייער שלעכט געשפּילט און האָבן לחלוטין נישט פֿאַרשטאַנען די אידייע פֿון דער דראַמע. דריטנס האָט מען געשפּירט, אַז די דראַמע איז געווען זייער שנעל אויפֿגעשריבן...״ און ג. לעווין גיט צו אַזאַ מיט „דערקלערונג״: „מען האָט עס דערקלערט דערמיט, וואָס דעם גרויסן פּרץ האָבן דאָך נישט געלאָזט שלאָפֿן די לאָורן פֿון שלום אַש, אַלס דראַמאַטורג.״ (ז״ז 93־94).

צו דער זעלבער צייט געהערט נאָך אַ פּרוואו אויפֿצופֿירן פּרצעס שאַפֿונגען. דוד הערמאַן, דער באַוואוסטער רעזשיסער, גיט איבער וועגן דעם אין זיין אַרטיקל „די ערשטע יידישע סטודיע״ (פּרץ־ביילאַגע צו „פֿאָלקס־ציטונג״, וואַרשע 1925, ז׳ 87). אין 1906 איז דורך ד. הערמאַן געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע טעאַטער־סטודיע. מען האָט זיך געגרייט צו שפּילן אַן אייראָפּייאישן רעפּערטואַר. „אין איין שיינעם פֿרימאָרגן — דערציילט

דוד הערמאַן — איז פּרץ אַריינגעקומען צו אונדז אין סטודיע, האָט זיך באַקענט מיט אונדזער אַרבעט און איז אַוועק אַ באַגייסטערטער. ער האָט פאַרשפּראָכן צו שאַפן פאַר אונדז אַ קינסטלערישן רעפּערטואַר, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער טאַקע אָנגעשריבן פאַר אונדז „שאַמפּאַניער״ און „עס ברענט״, וועלכע זיינען גלייך אויפגענומען געוואָרן אין אונדזער רעפּערטואַר . . . פּרץ איז געווען מיט דער מיינונג, אַז מיר טאָרן נישט זיצן הינטער דער וואַנט, און מיר מוזן שוין אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט. ער האָט אַפילו געפּרוּווט אַריינציען אַ פאַר יידישע גבירים און פון זיי באַקומען אַ שטיצע פאַרן יידישן טעאַטער... צו יענער צייט האָט אונדז פּרץ געבראַכט נאָך אַן איינאַקטער „די שוועסטער״, וועלכער איז תיכף אַריינגענומען געוואָרן אין אונדזער רעפּערטואַר.״ די פאָרשטעלונג פון דער סטודיע איז פאָרגעקומען אין „זומער־טעאַטער״ אין וואַרשעווער זאַקסישן גאָרטן. עס זיינען געגרייט געוואָרן פּרצעס „שוועסטער״, שלום־עליכמס „מזל טוב״ און אַשס „מיטן שטראָם״ . . .״ „פּרץ — דערציילט ד. הערמאַן — האָט געעפנט די פאָרשטעלונג מיט אַ באַגייסטערטער רעדע, גערופן צו אונטערשטיצן דאָס יונגע טעאַטער.״ אגב, די ראָלע פון דודן אין „מיטן שטראָם״ האָט געשפּילט שלום אַש אַליין. דערנאָך איז די פאָרשטעלונג איבערגעחזרט געוואָרן מיט דערפאָלג אין לאָדז און שפּעטער אויך אין פּלאָצק.

וועגן דער אויפפירונג אין פּלאָצק האָבן מיר אַן אַרטיקל פון ה. ד. נאָמבערג („ראָמאַנצייטונג״, 1907, נ׳ 7, פון 24טן יוני). ער שרייבט צווישן אַנדערן: „פאַר צוויי וואָכן האָט אין פּלאָצק אַרויסגעטראָטן אַ יידישע אַמאַטאָרן־טרופּע. אויף די אַפישן איז געדרוקט געווען „אונטער דער לייטונג פון י. ל. פּרץ״ און „די שוועסטער״. אויף דעם זעלבן אָוונט, צווישן איין שטיק און דעם אַנדערן האָט אויך פּרץ פאָרגעלעזן זיין באַרימטע חסידישע נאָוועלע „צווישן צוויי בערג״ . . .די אַמאַטאָרן־טרופּע איז געשטאַנען אונטער דער רעזשי פון הערן הערמאַן...״ נאָמבערג זאָגט ווייטער: „פּרץ איז פון יענע מענטשן, וואָס דריקן אויף זייער שטעמפּל אויף אַלץ, וואָס זיי באַרירן. די טרופּע שטייט אינגאַנצן אונטער דעם איינפלוס פון זיין אינדיווידואַליטעט און ס׳איז אוממעגלעך צו רעדן וועגן דער טרופּע און נישט צו באַטראַכטן דעם נייעם פּרצן, פּרצן וואָס וויל רעדן צום פּובליקום פון דער בינע...״ „די טרופּע — זאָגט נאָמבערג פאַרדינט דעם גרויסן לויב, וואָס איז גילטיק פאַר קינסטלער — זי אַרבעט פאַר דער צוקונפט. עס ליגט אין איר באַהאַלטן אַ פרוכטבאַרער קערן צו אַנטוויקלען פון זיך אַ מאָדערן יידיש טעאַטער . . .״

מ׳דאַרף דאָ, אגב, צוגעבן, אַז צוליב אַ סכסוך צווישן „בונד״ און „פועלי־ציון״ אין פּלאָצק, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַדורכקומען צווישן זיך ביים איינאָרדענען די פאָרשטעלונג, איז געווען אַ מאַטעריעלער דורכפאַל. מ׳האָט אַפילו נישט געהאַט מיט וואָס צו דעקן דעם דעפיציט און אויך נישט אויף הוצאות צוריק קיין וואַרשע. האָט פּרץ געבאָרגט געלט ביי זיינע פּלאָצקער פריינט צוריקצוברענגען די טרופּע קיין וואַרשע.

א. טייטלבוים, דער באַוואוסטער יידישער שוישפּילער, גיט איבער: „אין 1906 האָבן מיר צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אונטער פּרצעס השגחה „ס׳ברענט״ צום ערשטן חנוכה־קאָנצערט אין „הזמיר״. דאָס איז געווען מיין ערשטער צוקום צו דער בינע. רעזשיסירט האָט מאַרק אַרנשטיין... אומ־שטענדן זיינען געווען טשיקאַווע... מיינע ערשטע שריט צו דער יידישער בינע זיינען פאָרגעקומען ביי פּרצן אין הויז אויף צעגלאַנער גאַס . . . אין ערשטן נוסח פון „ס׳ברענט״ איז נישט געווען דער ייד היינטערן פענצ־טער. ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין שטיק ערשט דעם לעצטן טאָג פאַר דער אויפפירונג, גאַנץ צופעליק, און מיט מיין האַנטשריפט, לויט ווי פּרץ האָט מיר דיקטירט, פאַרבינדנדיק זיך דעם קראָוואַט.״

וואָס־ווייטער דאָס יידישע טעאַטער הויבט אָן צו שפּילן אַ ראָלע אינעם יידישן לעבן אין וואַרשע, אַלץ מער ווערט פּרץ אַריינגעצויגן אין דער טעַ־אַטער־סביבה. עס קומט פאָר, יולי 1907, אַ יובילײ־פייערונג פונעם אַרטיסט און טעאַטער־דירעקטאָר אברהם יצחק קאַמינסקי (דער מאַן פון אסתר רחל קאַמינסקי) אינעם וואַרשעווער יידישן טעאַטער („זשאַרדען ד׳היווער״, כמעלנאַ 9). מ׳האָט אויפגעפירט „אוריאל אַקאָסטאַ״. נאָך דער פאָרשטע־לונג האָבן זיך אויף דער סצענע פאַרזאַמלט די אַרטיסטן און איניקע לי־טעראַטן. ס׳איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט לכבוד דעם יובילאַר. מ׳האָט גע־האַלטן רעדעס, און אויך פּרץ איז געווען און גערעדט. און די „ראַמאַנ־ציייטונג״ (1907, ז׳ 12) שרייבט: „י. ל. פּרץ מיינט, אַז גאַנץ צופרידן קאָן מען נאָך מיטן יידישן טעאַטער נישט זיין; אַ טעאַטער איז אַ בית המקדש, וואו קיין פעלערהאַפטע זאַך, אַ בעל־מום טאָר נישט אַריינקומען; אָבער זעענדיק דעם פאָרשריט, וואָס דאָס טעאַטער האָט געמאַכט אין לעצטן יאָר, קאָן מען זיך טרייסטן און האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זיך דאָס טעאַטער אַנטוויקלען ביז דער העכסטער מדרגה.״

איניקע פּרטים וועגן פאַרשיידענע פּלענער און פּרוואון, וואָס זיינען לויט דער איניציאַטיוו פון פּרצן געמאַכט געוואָרן, גיט איבער אַ בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן דעם 30־טן יאַנואַר (1906?): „ליבער ה׳ קאַמינסקי. שוין דריי טאָג, אַז איך האָב אייער בריוו דערהאַלטן און ענטפער ערשט

צינד, ווייל ערשט שפּעט ביינאַכט האָט זיך די ליבהאָבער־טרופּע דעצי־דירט אויף אַ פֿאַראייניקונג. מיט הערמאַנען קאָן מען בשום אופֿן נישט ענדערן. ערשטנס — פֿאַרוואָס? צווייטנס — הענגען אַן אים אַלע ליב־האָבער. און ליבהאָבער וועט זיין אַ מאַסע. בעסער רייסט מיר [מיך] און אַשן אָפּ (אויב ער וועט באַשטיין). צינד צו דער זאַך: 1) אויב עס וועט זיין צו באַקומען דאָס זומער־טעאַטער אין וואַרשע, וועט מען קאָנען אָנ־הויבן אין וואַרשע? 2) האָט איר צענזורעס? 3) ווען פֿאַרטיילט מען די ראָלן? 4) צי דאַרף מען זיך נישט צוזאַמענקומען? וואָס אַנבאַלאַנגט דעם פֿאַרשפּיל: ערשטנס, האָט איר אים נישט איינגאַנצן. איך שיק אייך ערשט צו די רעשט. צווייטנס, האָב איך געוואָלט פֿריער, אַז אַזויגע זאַכן מוז דער אויטאָר אַליין לעזן, זייער וויכטיקייט מוז אַרויס בולט. עס איז אַ פּלאַם וואָס פֿאַלט אויף די ערשטע אַקטן און באַלויכט זיי. נאָר דערפֿון מוז מען רעדן. שיקט מיר, איך בעט אייך זייער, ווי אַמגעשווינדסטן, נאָכן איבערשרייבן, צוריק „עס ברענט", — כ'האָב קיין עקזעמפּלאַר נישט. איך וועל אייך קאָנען העקטאָגראַפֿירן און צוריקשיקן עטלעכע. פֿאַרגעסט נישט. איך ענדיק אין קורצן דעם „קלעזמער" [ס'איז דער נאָמען פֿון דער פּיעסע „וואָס איז פֿידעלע שטעקט" — נ. מ.] אין דריי אַקטן. גרוס פֿון הערמאַנען און אַש. און פֿון אַלע דריי — גרוסן פֿיר פֿרוי קאַמינסקאַ." (זע „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ", ז' 248־249.)

* * *

שוין צו יענער צייט, אַרום 1906, האָט פּרץ געמאַכט פּרוואוון, אַז זיינס אַ דראַמאַטיש ווערק זאָל אויפֿגעפֿירט ווערן אין אַמעריקע. מיר דערוויסן זיך וועגן דעם פֿון די פּאָר בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו דוד פּינסקי „בריוו און רעדעס", ז"ז 232־240). בערטאַ קאַליש און איר מאַן שפּאַכנער האָבן גענומען ביי פּרצן אַ דראַמע (דעם „נסיון" — ערשטער וואַריאַנט פֿון דער „גאָלדענער קייט").

דערנאָך לויפֿט אַ פּאָסט־קאַרטל פֿון קוראָרט ריינערץ (אינמיטן אוי־גוסט 1906) צו דוד פּינסקי אין ניו־יאָרק, וואו פּרץ גיט אים צו וויסן: „בזו הרגע אין ריינערץ האָב געענדיקט די דראַמע. איך גלייב זי איז גוט, זייער גוט. האָב איך אָבער דאָ קיין איבערשרייבער. אין אַנדערהאַלב וואָכן אַרום וועל איך זיין אין דער היים. אַ פּאָר טעג שפּעטער שיק איך אַרויס..." פּרץ שרייבט צו: „איך רעכן אויף אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק."

אין אַ צווייטן בריוו צו ד. פּינסקי שרייבט פּרץ צווישן אַנדערן: „איך האָב שפּאַכנערן געשיקט אַ דראַמע „דער נסיון". איך וויל אייך בעטן זי

ביי אים דורכצולעזן און ליטעראַרישע אויפֿזיכט איבערן שפּילן צו האָבן. איך ווייס נישט, אויב די שפּילער וועלן זי פֿאַרשטיין. עס איז נישט קיין געוויינלעכע דראַמע. איך האָב אים דעריבער אַ בריוו געשריבן; איך שרייב אָבער, ווי געוויינלעך, צו קורץ. לעזט זי דורך און שרייבט מיר אייער מיינונג. נאָר ווי אַמשנעלסטן. איך וויל די דראַמע לאָזן דרוקן און איך האָב ליב אויסצוהערן קריטיק און, אויב זי האָט רעכט, נאָכצוגעבן. נאָכן דרוק — קאַפּוט. בלייבט פֿעלער — פֿעלער..."

מ'דאַרף נאָכזוכן די ניו־יאָרקער פּרעסע און געפֿינען ווען און וואו מ'האָט געשפּילט דאָן פּרצס זאַכן און נעענטער זיך באַקענען מיט די מיינונגען פֿון דער קריטיק.

פֿון גרויס וויכטיקייט איז פּרצס גרויסער בריוו צו דוד פּינסקי, וואו פּרץ שטעלט זיך אָפּ אויספֿירלעך אויף דער דראַמע „נסיון", ענטפֿערט אויספֿירלעך אויף פּינסקיס קריטיק צו אים. ער אַנאַליזירט יעדן אַקט באַזונדער, ער קלערט־אויף די פּראָבלעמען, וואָס ער האָט געוואָלט באַרירן און ווייזט אָן אויף די ענדערונגען, וואָס ער גייט אריינברענגען אין דעם ווערק, מיט וועלכן ער אַליין איז דערוויַיל נישט אינגאַנצן צופֿרידן. און דאָ גיט פּרץ צו, אַז די דראַמע הייסט נישט נסיון, נאָר די גאָלדענע קייט.

מיר שיקן אָפּ דעם לייענער צו דעם זייער וויכטיקן בריוו, ער איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ", ז"ז 237־239.

* * *

ווי האָט פּרץ אויפֿגענומען דאָס יידישע טעאַטער פֿון זיין צייט, וואָס פֿאַר אַ פֿאָדערונגען האָט ער געשטעלט דער דראַמאַטורגיע, וואָס פֿאַר אַ מיינונג האָט ער געהאַט וועגן די דראַמאַטישע שאַפֿונגען, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישן טעאַטער? וועגן דעם קאָנען דערציילן די אַרטיקלען־רעצענזיעס, וואָס פּרץ האָט אין די יאָרן 1905—1907 פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער יידישער פּרעסע. דאָס יידישע טעאַטער אין רוסלאַנד האָט זיך דאַן געפֿונען אין זייער אַ נישטיקן, קינסטלערישן און מאַטעריעלן צושטאַנד. דער פֿאַרבאָט פֿון דער צאַרישער מאַכט צו שפּילן טעאַטער אין דער יידישער שפּראַך, די שווערע רעאַקציע, וואָס האָט געדריקט דאָס פֿרייע וואָרט, די שנאה מצד דער אַסימילירטער און העבראַיסטישער אינטעליגענץ צו יידיש, — אַלץ צוזאַמען האָט געבראַכט דאָס יידישע טעאַטער אין אַ זייער טרויעריקן מצב. ס'איז נישט געווען קיין רעפּערטואַר, נישט געווען קיין לייטישע אויסשטאַטונג. די פֿייאיקערע שוישפּילער זיינען איינ־

ציקוויז געלאָפן פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע. דאָס יידישע טעאַטער איז אַ רינג אין דער אַלגעמיינער קייט. פּרץ נעמט טאַקע אַזוי אויף דאָס טעאַטער־פּראָבלעם פון יענער צייט. אינעם אַרטיקל „אוי, דלות, דלות" (טעאַטער־פעליעטאָן), געשריבן אין 1906, גיט פּרץ אַ גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיק פונעם טעאַטער און פאַרבינדט דאָס טעאַטער מיט די אַלע אַנדערע יידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. שטעלן פון אַט דעם פּראַכטפולן אַרטיקל, געשריבן מיט אַ פערציק יאָר צוריק, זיינען נאָך איצט גאַנץ־אַקטועל און אַנגעמאָסטן פאַר דעם יידישן טעאַטער־דלות אין דעם רייכן, צוויי־מיליאָניקן יידישן ישוב אין ניו־יאָרק.

י. ל. פּרץ שרייבט: „קענט איר די סוכה, אין וועלכער מיר נעמען אויף אונדזערע טייערסטע און הייליקסטע געסט — די אושפיזין? קענט איר דעם פּלאַץ אויפן הויף, אויף וועלכן די סוכה שטייט? דאָס מאַטעריאַל, פון וועלכן זי איז געשטעלט? אויפן מיסט, צווישן ברעטער, טירן פון איבערגעבויטע הייזער רופן מיר מלאכים און אָבות און צדיקים צו גאַסט, און דאָס איז דער זכר פון דער אַמאָליקער פּרייער סוכה אויף פּרייע וויינגערטנער און פעלדער". פּרץ גייט איבער צו די „הייזער, אין וועלכע מיר גיסן אויס אונדזער האַרץ פאַר גאָט". „קענט איר די שוואַרצע ווענט, דאָס שפּינוועבס אין די ווינקעלעך, די צעשניטענע, פאַרפלעקטע מיט חלב־באַגאָסענע טיש און בענק?" און דאָס יידישע בית־עלמין? די מצבות, „די איינגעגראָבענע, אויסגעבויגענע, מיט גראָז און אַלערליי קרייטעכצער באַוואַקסענע „תנצב"הס", די איינגעפאַלענע, האַלב־איינגעזונקענע „לזכר עולמס", דאָס האַלב־אויסגעפוילטע האַלב־אויסגעשטויבטע „אייביקע געדעכעניש"!" און דער יידישער חדר: „דאָס נאָס־פינצטערע געפּענגעניש, וואו מיר האַלטן אונדזערע קינדער!"

און אַט אין איין שורה מיט זיי אַלע קומט דאָס יידישע טעאַטער.

„אויסשפּייען פּלעגט דער אַלטער משכּיל פאַרן יידישן „מנין", פאַר דער סוכה, פאַרן חדר, פאַרן בית־עלמין . . . — חזיר־שטעלכל, אָדער גלאַט אַ שטעלכל, — זאָגט דער מאָדערנער קריטיקער אויפן יידישן טעאַטער . .

„און דאָך, שולדיק איז דער דלות.

„דאָס יידישע טעאַטער קאָן קיין אויסנאַם נישט זיין . . .

„צוזאַמענגעשטעלט איז עס פון אַלטע ברעטער, ווי אונדזער סוכה; אַזוי ריין, ווי אונדזערע „שטיבלעך"; עס שטייט אויך אַזוי זיכער און רעכט, ווי אונדזערע מצבות... זאָל נאָר אַ גאַראַדאָוואָי געבן אַ בלאָז, פאַלט עס איין!..."

פרצעס פֿאָדערונגען צום טעאַטער, זיין באַציאונג צו פֿאַרשיידענע יידי־שע דראַמאַטורגען קומט צום אויסדרוק אין זיינע טעאַטער־רעצענזיעס. פּרץ דערציילט דעם אינהאַלט און דערביי גיט ער זייער טרעפֿלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון די דראַמאַטורגן. אין זיינע אָפּרופֿן וועגן יעקב גאָר־דינס פּיעסעס שרייבט צווישן אַנדערן י. ל. פּרץ: „גאָרדין שטייט אויף דער גרענעץ צווישן „שונד" און „קונסט". „נישט אומזיסט — זאָגט פּרץ וועגן גאָרדינס „די ברידער לוריא" — שטייט ער צווישן שייקעוויטש [שמ"ר — נ. מ.] און שעקספּיר. וואו שעקספּיר וואָלט זיך קיין עצה נישט געגעבן, קומט שייקעוויטש און האָקוס־פּאָקוס — אויס טראַגעדיע!" (ב' 16, ז"ז 105־111).

אינטערעסאַנטע געדאַנקען איבער קונסט, איבער פֿאַרשיידענע ליטע־ראַטור־פֿאָרמען און אויך קורצע, שאַרפֿע באַצייכענונגען פֿון אַ ריי שרייבער און זייערע ווערק האָבן מיר אין פּרצעס אַרטיקל וועגן דוד פּינסקיס „פֿאַמיליע צבי". דאָ האָבן מיר אויך אייניקע וויכטיקע שטריכן צו פּרצעס קינסטלערישער פּערזענלעכקייט גופֿא.

„דער קינסטלער מוז האָבן די פּערספּעקטיוו פֿון דער צייט. דאָס וואָס איז פֿאַרגאַנגען אין לעבן, קאָן אויפֿשטיין אין ליד, דאָס וואָס איז נאָך נישט געשען, קאָן ווערן געחלומט. דאָס אַרומיקע קאָן העכסטנס זיין ליטעראַטור, געוויינלעך — נאָר סעזאָן־אַרבעט!"

און ס'זיינען מערקווירדיק די פּאָר שורות איבער דעם דעמאָלסטיקן פּרץ הירשביין, וואָס איז געקומען מיט זיינע אייגנאַרטיקע דראַמאַטישע שאַפֿונגען: „מיט אייביקע פֿראַגן — זאָגט י. ל. פּרץ — באַשעפֿטיקט זיך אין אונדזער ליטעראַטור פּרץ הירשביין, זעקס און צוואַנציק יאָריקער שריי־בער פֿון פֿערצן דראַמעס. דאָס זיינען די טרויעריק־זיסע ליליען־גלעקלעך, וואָס קלינגען אין זיינע „קברים־בלימלעך" און „ביי דעם ברייטן וועג"... דאָס זיינען די ליכט־שאָטן, פֿון וועלכע ער שפּינט „איינזאַמע וועלטן". אַנדערע געהערן צו דער צייט, וואַקסן אין איר און וועלן ווערן דורך איר צעשטערט..."

וועגן שלום־עליכמס קאָמעדיע „צעזייט און צעשפּרייט", שרייבט פּרץ, אַז „ס'איז אַ קונסט־פֿאָטאָגראַפֿיע אויף דער גרענעץ צווישן קאָמעדיע און פֿאַרס".

אין איינער אַ רעצענזיע וועגן ה. עפּעלבערגס מעלאָדראַמע „דוד אין דער מדבר" האָט פּרץ אָפּגעחוזקט פֿון דער פֿאַרשטעלונג. האָט עס אַרויס־גערופֿן גרימצאָרןביים פֿאַרפֿאַסער. פּרץ האָט געשריבן אין סוף פֿון דער רעצענזיע: „ס'איז געווען אַ וויכוח אין דער פּרעסע, מען האָט די פּרצעס

געשטעלט, ווער איז שולדיק, וואָס דאָס יידישע טעאַטער, אויף וועלכן מ׳האָט אַזוי לאַנג געהאָפט, ווי אויף משיחן געוואַרט, שפּילט „וועלוועלע עסט קאָמפּאָט״, „אשה רעה״ און דער גלייכן . . .״ „שולדיק — זאָגט פּרץ — איז דאָס „פּובליקום״, דאָס וויסטע, פאַרשאָלטענע פּובליקום, וואָס האָט אויערן נאָר פאַר שאַרמאַנקע־מוזיק, אויגן — נאָר פאַר אויפריייסנדיקע זאַכן און געשמאַק פון גראָבע, ווילדע מענטשן, פון אוממענטשן . . .״

דער פּראָפעסאָר עפּעלבערג איז אַרויס אין דער פּרעסע מיט אַ פּראָ־טעסט קעגן פּרצן, מיט אַ טענה, אַז „אַלע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין זיין פּיעסע, זיינען שטאָלץ אויף זייערע ראָלן״. פּרץ אָבער דערציילט אין זיין ענטפער אַ „סוד פון חדר״. „אין רעדאַקציע „דער וועג״ זיינען געקומען צוויי פון די בעסטע שפּילער און האָבן, אַלס דעלעגאַטן פון דער טרופּע, פאַר דער רעצענזיע געדאַנקט . . . ״ פּרץ גיט צו אין זיין תשובה, אַז ער ענטפערט אויפן פּראָטעסט פונעם פּראָפעסאָר נישט צוליב זיך און אויך נישט צוליב הער עפּעלבערג, נאָר „צוליב דעם פּובליקום, וואָס דאַרף און מוז באַקומען אַ בעסערן געשמאַק; צוליב דעם יידישן טעאַטער, וואָס עס איז שוין צייט, עס זאָל האָבן אָפּגעפּאַקט און אָפּגעמאָזלט מיט שונד־שטיק און אָנהויבן וואַקסן, און צוליב דעם יידישן שוישפּילער, מען זאָל פון אים קיין פורים־שפּילער נישט מאַכן . . .״

זייער אינטערעסאַנט זיינען פּרצעס באַמערקונגען אויפן חשבון פון שלום אַש אינעם אַרטיקל, וואָס פּרץ האָט געשריבן אין 1907, ווען דער יונ־גער שלום אַש איז מיטאַמאָל באַרימט געוואָרן אַ דאַנק דעם דערפאָלג אויף די איראָפּייאישע בינעס. — מיט אַ פאָטערלעכער איבערגעבנקייט און זאָרג, שרייבט ער: „אַש, נישט אַש נאָך אויסגעלאָשענעם פלאַם, נאָר שלום אַש, וואָס צעפלאַמט זיך אַלץ העלער און העלער: „שטעטל״, „משיחס צייטן״, „אל נקמות״ . . . פון אַשס ליכט־זייטן דאַרף מען שוין נישט רעדן, נאָך דער הסכמה פון וואַרשע, פּעטערבורג, בערלין, ווין, דאַרף מען נישט באַווייזן, אַז אַש האָט טאַלאַנט.״ וועגן „משיחס צייטן — דער חלום פון מיין פאָלק״, שרייבט פּרץ צווישן אַנדערן: „אַ מאָלעריש צייט־בילד, נאָר אַ געפליגלטס, וואָס רירט מיט די שפּיץ־פליגל די העכסטע סימבאָלן״. פּרץ ווייזט אָן אייניקע פעלערן אין דיביידע דראַמעס, און באַצייכנט ,אגב, וועגן „גאָט פון נקמה״ („אל נקמות״), אַז עס איז „אַ גרויסאַרטיק ווערק״.

גאַנץ קלאָר האָט י. ל. פּרץ אַמאָל זיך אַרויסגעזאָגט וועגן טעאַטער בכלל און וועגן יידישן טעאַטער בפרט. אַ מיטאַרבעטער פון ניו־יאָרקער „טאָגעבלאַט״ האָט געשטעלט פּרצן שריפטלעכע פראַגן און פּרץ האָט אים געגעבן שריפטלעכע תשובות:

אויף דער פראגע: וואס איז לויט זיין מיינונג, דער איצטיקער צו־שטאנד פונעם טעאטער און זיין ציל? — האט פרץ געענטפערט: „דאס טעאטער מוז האבן די זעלבע מיטל, פארמען און ציל (איינצאל, ניט מער־צאל — צילן און צוועקן האבן געצנדינער), וואס די ליטעראטור — עס מוז דינען דעם העכסטן. דער צושטאנד וואלט געווען דער זעלבער טרויעריקער, ווי ביי דער ליטעראטור. קומט אבער צו נאך א מאמענט: דער שוישפילער, דער צווייטער מאן נאכן אויטאר, און אויך אן בית־המדרש, שול און מיט דער גאנצער ארעמקייט און עסטעטישער איגנאראנץ . . . א דאפלטע עם־הארצות . . . אדער דער שוישפילער קומט פון א פרעמדער בינע, ווי אמאל דער אויטאר פון דער פרעמדער שול, און דעמאלט פאסט ער נישט פאר דער יידישער זאך . . . שטייט דער טעאטער פיל נידעריקער אלס די ליטעראטור. עס איז טראגיקאמיש . . .

„ווערט א סוראגאט א געפערלעכער . . .

„די אפערעטע, דער לייכט־קינסטלערישער שאמפאניער־שוים, וואס ווערט געגעבן ביי די אומות־העולם דעם רייכן, איבערגעגעסענעם באלע־באס, וואס וויל בעסער פארדייען דאס געגעסענע, ווערט ביי אונדז, אין א פארגרעבטער פארם, געגעבן דעם פאלק, וואס דארף גייסטיק ברויט, און עס ווערט רואינירט.

„און די בינע, אונדזער בינע, שטעלט זיך נאך אלס צוועק און ציל און וויל דער דיכטער זאל איר דינען, ער זאל זיין לוי ביי איר כהן, וואשן די הענטביים עם־הארץ, וואס קאן נישט די עברי פון דוכנען . . . איך קען קיין איינציקן אקטיאר, קל־וחומר א טעאטער־דירעקטאר, וואס זאל זיין באהאוונט אין דער יידישע ליטעראטור און זאל קאנען ווילן . . . ער ווארט, מען זאל צו אים קומען, פאר זיין סטאר שרייבן, פאר זיין קאמפלעקס . . .

„און די קונסט . . . זי וויינט!"

אויף דער פראגע: אויף וויפיל ווייטער אדער צוריק האט גארדין געבראכט אונדזער בינע פון גאלדפאדענען? — האט פרץ געזאגט: „גאלדפאדען איז נאאיוו, פאלקסטימלעך, פרימיטיוו און דעריבער הארציק, אפט מעלאדיש . . . נאציאנאל . . .

„גארדין — פרעמדע פראבלעמען (פון ליטעראטור, נישט פון לעבן גענומענע), פרעמדע טיפן, יידיש איבערגעקליידט. א שפראך — צום צייי־נער־ברעכן — א ניקאלאיעווער יידיש פון א בעל־תשובה אויף דער על־טער — א גרויסע פארציע באלעבאטישע ערלעכקייט . . . קיין איינציקער אריגינעל־יידישער מאמענט . . . פאר זיין שפיגל איז קיינמאל קיין יונגער ייד נישט פארבייגעגאנגען, דאס יידיש מיידל — נישט געשפיגלט — — —

„אַלץ פון פרעמדן אָקסל, און פורימדיק — אויף שטאַלצן, און האַרט ווי נישט־דערבראַטן געגנזס...״

אין אַ צווייטן אינטערוויו האָט פרץ געענטפערט אַט וואָס וועגן טעאַ־טער: „אין דער פראַגע זיינען דאָ דריי מאָמענטן: 1) דער דיכטער, דער באַשעפער פון רעפערטואַר. 2) דער אַרטיסט, וואָס דאַרף אים פאַרקער־פערן. 3) און דער קאַפּיטאַליסט, דער ביזנעסמאַן, וואָס דאַרף דאָס טעאַטער בויען, די טרופע זאַמלען און אויפהאַלטן אָדער געבן די ערשטע צוויי, דעם דיכטער און דעם אַרטיסט, די מעגלעכקייט צו שאַפן. די ערשטע צוויי, דער דיכטער און דער אַרטיסט, עקזיסטירן שוין. דער אונטערנעמער פעלט. אין קאָאָפּעראַטיווער פאָרם קאָן אים געבן אַמעריקע. ווען עס געשען און ווען? — דאָס ווייס איך נישט. דאָס איז אפשר דאָס שטאַרקסטע, וואָס ציט מיך קיין אַמעריקע, — די מעגלעכקייט מיטצוואווירקן די קאָאָפּעראַטיווע אויף באַשאַפן ווערן, איז איינס פון מיינע בעסטע טרוימען.״ („בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ, ז' 406, 410).

און אַז בכלל האָט פרץ זיך גענומען גאָר ערנסט צום האַרץ דעם צושטאַנד פונעם יידישן טעאַטער, געקענט דעם דעמאָלטדיקן יידישן אַקטיאָר, זיינע מעגלעכקייטן און פעאיקייטן, באַווייזט אַ שטעלע אין פרצעס אַ בריוו צו דוד פינסקי (אָנהויב 1907): „...מעגלעך איז אָבער אויך, אַז שולדיק איז מער דער יידישער טעאַטער, וואו די בעסטע פון די אַקטיאָרן דעקלאַ־מירן, אָבער שפּילן נישט. אַריינטראַכטן זיך אין אַ טיפּ, אויסצושטודירן זיינע באַוועגונגען, באַשאַפן דאָס רעאַלע פאַרן אידעאַלן, — אַט דאָס איז דעם יידישן אַקטיאָר נאָך פרעמד, זייער פרעמד. ער שטייט אימער מיטן אויער צום סופלער און דעריבער מוז דער צושויער אים אין מויל אַריינקוקן. פאַרהערט מען עפּעס, אַבוואַל מען זעט. פאַרלירט מען דעם צוזאַמענהאַנג. און גוט שפּילט דאָך נאָר דער, וואָס שפּילט מיטן מויל פאַרן אויער און מיטן גאַנצן קערפּער פאַרן אויג. ערגער איז נאָך מיט די דעקאָראַציעס. פון „מיליע״ באַקומט מען קיין באַגריף. אַ שטוב צי אַ וואַלד? אַ פּעדער־הויז צו סאַלאָן? אַמעריקע צי האַציפּלאַץ? איין גאָט ווייסט!!! (דאָרט, ז' 237).

* * *

אין 1907 פאַרעפנטלעכט י. ל. פרץ דעם ערשטן וואַריאַנט פון „בייַ־נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״. אין „ראַמאַנצייטונג״ (וואַרשע, 13טן סעפּטעמ־בער, 1907, נ' 19) לייענען מיר אַ נאָטיץ, אַז פונעם נומער 21 הויבט זיך אָן צו דרוקן פרצעס אַ נייע דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, — אַ

דראַמע, וואָס האָט שוין באַוויזן זייער באַרימט צו ווערן אין די „ליטע־ראַרישע ספּערן". אינעם נומ׳ 21 איז אָפּגעדרוקט אַ מעלדונג פֿון דער רע־דאַקציע, אַז אַזוי ווי די דראַמאַטישע פּאָעמע „האָט זיך נישט געלאָזט צוליב דער פּאָעטישער פֿאָרם אויסצוזעצן אַקטנווייז אין אונדזער צייטונג, און טיילן די אַקטן און פֿאַרדאַרבן די זאַך האָבן מיר נישט געוואָלט, — דערי־בער דרוקן מיר די אויבנדערמאָנטע דראַמע אין אַ באַזונדער בוך". אָבער פֿונעם נומ׳ 23 (18טן אָקטאָבער, 1907) האָט זיך „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" גענומען דרוקן אין פֿאַרזעצונגען אין „ראַמאַנצייטונג". דערנאָך אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן די ווייטערדיקע וואַריאַנטן פֿון דער דראַמע.

אין דער זעלבער צייט האָט פּרץ אויך פֿאַרפֿאַסט זיין דריטע גרעסערע דראַמאַטישע שאַפֿונג „אין פּאַליש אויף דער קייט" (צוערשט געדרוקט אין „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן", ווילנע 1908).

צו יענער צייט האָבן מיר נאָך אַ פּרוואוו פֿון י. ל. פּרץ צו שאַפֿן אַ דראַמאַטישע סטודיע, וואו מ׳פֿירט אויף איינציקע פֿון זיינע זאַכן.

שרה פּערלע (די פֿרוי פֿון יהושע פּערלע) דערציילט אין איר קורצן אַרטיקל „פּרץ גרינדעט דראַמאַטישע סטודיע" („ליטעראַרישע בלעטער, 1925, ז״ז 49־50), אַז אין 1909 האָט פּרץ געשאַפֿן אַ יידיש דראַמאַטישע סטודיע. זי, שרה פּערלע, איז געווען איינע פֿון אירע מיטגלידער. „שבת פֿלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען אויף רעפּעטיציעס ביי פּרצן אויף צעגלאַנער גאַס. צו דעם קרייז האָבן אויך געהערט די באַוואוסטע דערנאָך אַקטיאָרן שרה פֿיביך און מאַרק שווייד." שרה פּערלע גיט אַזאַ בילד פֿון די רעפּעטי־ציעס ביי פּרצן אין שטוב: „איין מאָל, שוין ביי דער רעכטער אַרבעט — מיר רעפּעטירן „ס׳ברענט". מאַרק שווייד שפּילט דעם אַלטן, איך — חנה רויזען, דודן — עפּעס אַ בלאַסער סטודענט מיט אַ בערדל. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פֿון אַ ישיבה. מאַדאַם פּרץ סופֿלירט. איך זאָג מיין שטיקל פּראָזע. מיר דאַרף ענטפֿערן דוד. ער הויבט טאַקע אָן גאַנץ שטילעטשקע און צעקראַכן צו פֿלאַנטערן מיט דער צונג. איך גיב אַ קוק אויף פּרצן. ער שמייכלט עפּעס מאָדנע פֿון אונטער די גראָבע וואָנ־צעס אַפֿיר און טוט אַ זאָג צום סטודענט: — יונגערמאַן, איר האָט נאָך קיינ־מאָל נישט ליב געהאָט. פֿייער! מער פֿייער!" אגב, דערציילט שרה פּערלע, אַז מ׳האָט דאַן אויך רעפּעטירט פּרצעס „אין קעלער־שטוב".

אין דער וואַרשעווער יידישער פּרעסע זענען געווען אַנאָנסן, אַז דעם 28טן יולי 1910 ווערט „אין פּאַליש אויף דער קייט" אויפֿגעפֿירט אין דעם יידישן טעאַטער אין וואַרשע אויף אַלעקסאַנדער־פּלאַץ (מאַקאַטאָווסקי 73).

אין די אַנאָנסן ווערט געזאָגט: „אַ גרויסער ליטעראַרישער אַוונט מיטן אָנטייל פֿון דער באַוואוסטער אין קינסטלערישע קרייזן יונגער אַרטיסטין, וועלכע האָט געענדיקט די דראַמאַטישע שולע אונטער דעם פּסעוודאָנים מ. מרים איזראַעלס, וועלכע וועט צום ערשטן מאָל אויפֿטרעטן אין די הויפּט־ראָלן." אין די נומערן פֿונעם 30־טן יולי איז צום פֿריערדיקן טעקסט צו־געגעבן „מיטן אָנטייל פֿון מ. שווייד". אויסער „אין פּאָליש אויף דער קייט" איז אַנאָנסירט געוואָרן אין דער פֿאָרשטעלונג פּרצעס „נאָך קבורה" און שפּעטער אויך פּרצעס „פֿרימאָרגן".

מ. מרים איזראַעלס איז די געוועזענע פֿרוי פֿונעם סקולפּטאָר ב. קראַט־קאָ. זי איז דערנאָך גוט באַקאַנט געווען אין די ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן פֿון וואַרשע. זי האָט זיך באַטייליקט אין פֿאַרשיידענע קינסטלערישע אונטערנעמונגען אונטערן נאָמען טעאַ אַרצישעווסקי און אויך געהאָלפֿן צו אָרגאַניזירן דעם קינסטלערישן רעווי־טעאַטער אין וואַרשע „אַזאַזעל". זי האָט אויך פֿאַרפֿאַסט אַ דראַמאַטיש ווערק פֿון דער צייט פֿונעם בירגער־קריג. זי האָט געשאַפֿן ביי זיך אין הויז אַ מין יידישן קינסטלערישן סאַלאָן, וואו שרייבער, קינסטלער, רעזשיסאָרן פֿלעגן זיך צונויפֿקומען.

ווי אַט די פֿאָרשטעלונג איז אויפֿגענומען געוואָרן דורך דער קריטיק און דורכן עולם — איז מיר שווער געווען צו דערגיין. ס'פֿעלן אויס פֿולע קאָמפּלעטן פֿון די יידישע צייטונגען אין יענער צייט.

* * *

גאָר פֿון אַ באַזונדערן באַטייט איז פּרצעס טעטיקייט אַרום דעם גרויסן פּראָיעקט צו גרינדן אַן אַקציען־געזעלשאַפֿט איבער גאַנץ רוסלאַנד מיטן צוועק צו בויען אַ יידישן טעאַטער. וועגן אַט דעם גראַנדיעזן פּלאַן, וואו פּרץ האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, איז שוין פֿיל געשריבן געוואָרן. ס'וואָלט וויַיט פֿאַרפֿירט, ווען מיר נעמען זיך צו דערציילן אַלע פּרטים. דר. ג. לעווין האָט אין זיין בוך „פּרץ" איבערגעגעבן פֿיל איינצלהייטן, מיר האָבן אויך וועגן דעם אין דר. א. מוקדוניס זכרונות, וואָס זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם „אַרכיוו פֿונעם יידישן טעאַטער". ס'האָבן געשריבן אין זיין צייט י. יאַשונסקי אין „אונדזער פֿאָלקס־צייטונג" (וואַרשע 1925, נ' 87), בן־ציון כץ — „נייער היינט" (וואַרשע 1925, נ' 86) א. א.

עס שרייבט וועגן דעם דר. ג. לעווין: „פֿון אָנהויב אָן האָט עס אויס־געזען ווי אַן אוטאָפּיע, אָבער נאָך עטלעכע פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע פּרץ האָט די זאַך פֿאַרגעשטעלט און מאָטיווירט, זיינען אַלע אַנוועזנדע גע־קומען צום באַשלוס, אַז די זאַך איז גאַנץ מעגלעך דורכצופֿירן . . ." מען

האָט אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע טעאַטער־קאָמיסיע, געבילדעט אַ טעאַטער־געזעלשאַפט א. אַז. וו.

ס׳איז אינטערעסאַנט די גרויסע פֿאַרזאַמלונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען ווינטער 1910 אין דעם גרויסן „פֿילהאַרמאָניע״־זאַל, געריפֿן פֿון דער „לי־טעראַרישער געזעלשאַפֿט״. „וואַרשע — ווערט דערציילט אין „פֿריינד (נ׳ 8, 1910) — האָט שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען אַזאַ גרויסע פֿאַרזאַמ־לונג. . .״ ס׳זיינען געווען אַ 2400 מענטשן. פּרץ האָט געעפֿנט די פֿאַרזאַמ־לונג. ס׳האָבן גערעדט דר. א. מוקדוני, א. ווייטער און ה. ד. נאָמבערג. דער לעצטער רעדנער איז געווען י. ל. פּרץ. ער האָט — ווי דער „פֿריינד״ דערציילט — „אַדורכגעפֿירט אַ פּאַראַלעל צווישן דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער ליטעראַטור און דעם יידישן טעאַטער. מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק איז געווען אַ קליין הייפֿעלע ליטעראַטן, וואָס האָט אין הונגער און נויט געאַרבעט און געשאַפֿן, ביז זיי האָבן דערצויגן אַ יידיש פּובלי־קום, אַ פּובליקום, וואָס לעזט זיי מיט באַגייסטערונג. דאָס יידישע טעאַטער שטייט זייער נידעריק, דאָרט ווערט דאָס הייליקסטע געטראָטן מיט די פֿיס. צו וועמען קאָן מען האָבן טענות? צו די ליטעראַטן אפשר? ניין! עס זיינען פֿאַראַן פֿיל פֿעלקער, וואָס האָבן קיין אָריגינעלע דראַמעס נישט, זיי שפּילן איבערזעצונגען. אפשר זאָל מען האָבן טענות צום אַרטיסט, צו אונ־דזער אומגליקליכן אַרטיסט, וואָס אַרבעט טאָג און נאַכט? אויך ניין.״ און דער באַריכט־אָפּגעבער דערציילט ווייטער: „דער רעדנער (פּרץ) וויל דער־קלערן ווייטער, פֿאַרוואָס זיינען די אַרטיסטן נישט שולדיק אין דעם, וואָס דאָס טעאַטער אונדזערס איז אַזוי געפֿאַלן, נאָר די צייט איז פֿאַראיבער, דער זאַל פֿון דער „פֿילהאַרמאָניע״ איז געווען געדונגען נאָר אויף צוויי שעה, און די פֿאַרזאַמלונג האָט דעריבער געמוזט איבערגעריסן ווערן. . .״

פֿון דער זעלבער צייט איז אויפֿגעהיט געוואָרן אַ אינטערעסאַנטער דאָ־קומענט, אַן אייגנהאַנטיקער בריוו פֿון י. ל. פּרץ צו מענדעלע מוכר ספֿרים (ס׳איז, אגב, דער איינציקער בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו מענדעלען!). פּרץ שרייבט צווישן אַנדערן אינעם בריוו:

„ליבער, ליבער מענדעלע! עס איז געבליבן, אַז עס מוז געבויט ווערן אַ ניי יידיש טעאַטער. צו דעם צוועק מוז מען זיך ווענדן צו דער געזעל־שאַפֿט נאָך הילף.

„אַ חברה שריפֿטשטעלער און כלל־טוער אין וואַרשע (צווישן אַנדערע, אויסער מיך, דינעזאָן, סאָקאָלאָוו, דר. דאַווידזאָן, דר. לעווין וכו׳) האָט גע־נומען אויף זיך אַרויסצוטרעטן מיט אַן אויפֿרוף וועגן דעם ענין. און אין נאָמען פֿון דער חברה קום איך אייך בעטן, זייער און זייער בעטן, איר זאָלט

צו אונדז צושטיין און לאָזן אונטערצייכענען אייער נאָמען אויך. אייער נאָמען איז, דאָס ווייסט איר אַליין, דער וויכטיקסטער, דער שטאַרקסטער... אייער נאָמען טאָר נישט פֿעלן. הייבט זיך אָפּשר אָן אַ נײַ בלעטל פֿון דער יידישער קולטור־אָדער קונסט־געשיכטע, טאָ זאָל זיך דאָס בלעטל אָן אייער נאָמען נישט אָנהויבן..."

די אַקציע אויפֿצובויען אַן ערנסט יידיש טעאַטער האָט זיך געפֿירט אויף אַ ברייטן פֿאַרנעם. אַלס שליח פֿון דער טעאַטער־געזעלשאַפֿט איז אַרומגעפֿאָרן (אויף זיין אייגענעם חשבון — ער האָט זיך מיט מאַטערנישן אויסגעהאַלטן פֿון רעפֿעראַטן) א. ווייטער. ער האָט באַזוכט כאַרקאָוו, פּאָלטאַווע, מינסק, באָברויסק, פּעטערבורג, ריגע, ווילנע, קיעוו, וואו געפּרואווט אָרגאַניזירן הילף פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. צוליב דעם זעלבן צוועק איז פּרץ געפֿאָרן קיין פּעטערבורג. מ'האָט אויף אָט דער רייזע געלייגט גרויסע האָפֿענונגען, געווען זיכער צו שאַפֿן גרעסערע געלט־סומעס פֿאַרן טעאַטער. אָבער אויף דעם באַנקעט איז פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿער סכסוך צווישן פּרצן און די פּעטערבורגער כלל־טוער. פּרצן האָט אויפֿגעבראַכט די אומטאָלעראַנטע באַציאונג צו יידיש. ס'איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל און דער צונויפֿקום איז אויפֿגעריסן געוואָרן. וועגן דעם אינצידענט איז אַ סך געשריבן געוואָרן. אַ שייכות מיט דעם סכסוך האָט ש. דובנאָוו, וואָס האָט דאָן גערעדט רוסיש, און דאָס האָט געגעבן אַ שטויס צו דעם אינצידענט (זע צווישן אַנדערן די מקורים, וואָס א. גורשטיין ברענגט אין מינסקער „צייטשריפֿט", 1, ז' 82).

און אָט נאָך אַן אָנדייטונג, וואָס האָט אַ שייכות צו פּרצעס אַן אויפֿפֿירונג אין אַן אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער. אין אַ בריוו פֿון י. ל. פּרץ צו י. דינעזאָן פֿון סט. מאָריץ (וואַרשיינלעך פֿון יאָר 1911) שרייבט פּרץ: „געטראָפֿן אַדלערן [יעקב פּ. אַדלער—נ. מ.] אין בערלין. אַן עם־הארץ דאוריתא און אַ קולאַק און אַ ליגנער און — וואָס אין דער קאָרט! מיין דאגה. איך האָב מיך פֿאַרפּליכט צו געבן אים אַ פּיעסע פֿון פֿיר אַקטן, ער — פֿאַר יעדער פֿאָרשטעלונג 25 רובל. האַנט־געלט — 800 רובל. האָט ער דערויף געגעבן 250, און נאָך 250 דאַרף ער צושיקן ווערנד צוויי וואָכן..."

* * *

ווי מיר זעען, האָט דאָס דראַמאַטורגישע שאַפֿן נישט פֿאַרשאַפֿט פּרצן קיין באַזונדערן נחת־רוח און קיין קינסטלערישע באַפֿרידיקונג אַוודאי נישט. אין זיין צייט זיינען אינעם יידישן טעאַטער נאָך נישט געווען די פּאָסיקע רעזשיסערן און שוישפּילער, וואָס זאָלן זיך באַפֿרייען פֿונעם מעלאָדראַ־

מאַטישן שטייגער און קאָנען אויפֿנעמען דאָס אייגנאַרטיקע, וואָס פּרצעס ווערק האָבן אין זיך פֿאַרמאָגט. ב. גאָרין פֿאַרטיקט זיך אָפּ מיט דער דער־קלערונג, אַז „דאָס איז געשען מער צוליב דעם שרייבער, ווי צוליב דעם ווערק, און ביי דעם גאַנצן כבוד, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אויף אים [אויף פּרצן—נ. מ.] געלייגט, האָבן זיי (די דראַמעס) קיין דערפֿאָלג נישט געהאַט" (ב. גאָרין, ב׳ 2, ז׳ 219).

אַזאַ מין אָפּשאַצונג וועגן פּרצן דעם דראַמאַטיקער גיט אויך דוד פּינס־קי אין זיין ביכל צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער דראַמע.

די הויפּט־טענה איז געווען די זעלבע, וואָס איז אַמאָל, ביים אָנהויב פֿון פּרצעס שרייבן, געווען בכלל צו פּרצעס שאַפֿן: צופֿיל רמזים, צופֿיל פֿינטעלעך, צופֿיל קורצע, אָפּגעהאַקטע שורהלעך, בליצן־געדאַנקען און נישט קיין קלאָרע געשטאַלטן מיט בלוט און פֿלייש.

עס דערציילט דער שוישפּילער מאַרק שווייד אין זיין ביכל „מיט פּרצן" וועגן איינעם אַ שפּאַציר זיינעם מיט פּרצן אין זאַקסישן גאָרטן אין וואַרשע. „עס איז נישט לאַנג נאָך דעם, ווי עס איז דערשינען אַ נייע באַאַרבייטונג פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק", און אין די ליטעראַרישע קרייזן האָט מען פֿיל געלעסטערט קעגן ווערק פֿאַר דער אומקלאָרקייט פֿון דער אידייע. פּרץ האָט דערום פֿאַרגעלעזן דאָס ווערק עפֿנטלעך, און אויב דער קינסטלער אין אים האָט אים דערלויבט זיך אַליין אויסטייטשן, האָט ער עס קאָמענ־טירט. די אומצופֿרידענע זיינען אָבער געווען האַרטנעקיק ווי פֿאַר דער פֿאַרלעזונג, אַזוי נאָך איר." „ווען מיר גייען אַריין — דערציילט ווייטער מ. שווייד — אין דער טונקעלער אַלייע, רופֿט פּרץ זיך פּלוצים אָן:

— כ׳מיין, די פֿאַרלעזונג שבת אין „פּאַסאַזש" האָט זיי צופֿרידנגע־שטעלט ? !

— „מען פֿאַרשטייט די זאַך אַלץ נישט.

— „יאָ, נאַראָנים, ליגן עס זיי אויס אויף טעלערלעך. די יידישע גע־שיכטע אין פּוילן — פֿאַרשטייען זיי עס נישט." (ז׳ 39).

שרה פּערלע, אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל, דערציילט ווי זי איז אַמאָל (אַרום 1909) געקומען צו פּרצן, האָט זי געטראָפֿן אויף די שטולן און אויפֿן טיש שטויסן נייע ביכער — די פֿרישע אויפֿלאַגע פֿון „אין פּאַליש אויף דער קייט". „דינעזאָן נעמט אַ ביכל און קוקט אַ ווײַלע אויפֿן שער־בלאַט. דערנאָך ווענדט ער זיך צו פּרצן מיט זיין שטילער שטים:

— „צו וואָס האָט עס דיר געטויגט צוצוגעבן די שורה: „אַ חלום פֿון אַ קלויזניק" ?

— „אַז נישט, וואָלטן זיי דאָך גאָרנישט געוואוסט פון זייערע הענט און פיס צו זאָגן! — ענטפערט פּרץ". (ליט' בל' ב' 49־50).

אין זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ" (ב' 15) גיט איבער שלום־עליכם, ווי ער האָט קריטיקירט פאַר פּרצן גופא זיינע „מיסטישע פּאָעמען". „איך האָב אים גאַנץ אויפריכטיק אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן דער „גאָלדענער קייט". איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אָוועקגעבן צען „גאָלדענע קייטן" פאַר איין מעשהלע פון זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשמאַקן הילכיקן געלעכטער: „כאַ־כאַ־כאַ, דינעזאָן זאָגט אויך דאָס אייגענע!"... גאָרנישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך האָב מיך אַזוי וואָכעדיק אויסגעדריקט וועגן זיין ליבלינג „די גאָלדענע קייט", האָט זיך פּרץ גאַנץ אָפנהאַרציק מודה געווען פאַר מיר, אַז ער האַלט, אַז דאָס איז די בעסטע פון אַלע זיינע שאַפונגען, און ער וועט דאָס, מיר און דינעזאָנען אויף צו־להכעיס, איבעראַרבעטן נאָך אַמאָל, ביז עס וועט ווערן אַ כּלי־שלימה".

יאָ, ביי זיין לעבן האָט מען פאַרשריגן פּרצעס דראַמאַטישע שאַפונגען. פּרץ האָט נישט זוכה געווען צו זען איין ליטישע, ערנסטע אויפפירונג פון זיינס אַ ווערק. מע האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נישט מער ווי אַ קאַפּריז פונעם גרויסן דיכטער.

ערשט עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט, הויבט זיך אָן אין יידישן טעאַטער אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג מיט פּרצעס דראַמאַטורגיש שאַפן און ס'ווערן געגעבן אין פאַרשיידענע טיילן פון דער יידישער וועלט פּרעכטיקע פּרץ־אויפפירונגען.

מיטן אויסברוך פונעם וועלט־קריג אין יאָר 1914, האָט זיך דאָס יידישע קולטורעלע לעבן אין געוועזענעם רוסלאַנד כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. עס איז מיטאַמאָל אויפגעוואַקסן די דרינגענדיקע נויט צו שאַפן קענדער־היימען פאַר די אַרויסגעיאָגטע היימלאָזע. און דער שטענדיק וואַכער און עמפינדלעכער פּרץ וואַרפט זיך אַריין מיט ליב און לעבן אין אָט דער הילפס־אַרבעט, און זיין אומרו־גייסט לאָזט זיך אין אַ נייער ריכטונג — צו שאַפן קינדער־לידעלעך פאַר דעם היימלאָזן יידישן קינד.

פּרץ ברענט און ברענט־אויס מיט זיין פלאַקערנדיק האַרץ אין סאַמע מיטן פון דער וועלט־מלחמה. זיין אומגעריכטער טויט רופט אַרויס אין גאָר דער יידישער וועלט אַ געוואַלדיקן טרויער און גליכצייטיק — אַ נייע פאַרערונג און דערנענטערונג צו אים. אָבער ערשט מיט אַ צוויי יאָר

שפּעטער, ווען עס גייט־אויף אין געוועזענעם רוסלאַנד די נייע זון פֿון דער רעוואָלוציע — ערשט דאַן לויכט־אויף פּרץ, ערשט דאַן קומט אַ נייע ביז־אַהער נישט־געדאַכטע באַהעפֿטונג מיט פּרצן און מיט זיין שאַפֿן. פֿול מיט שטורעם און דראַנג, פֿול מיט פֿרייד און באַגייסטערונג פֿאַר די נייע מעגלעכקייטן, פֿאַר די גרויסע פֿאַרמעסטן, אַנטפּלעקט מען פֿונדאַסניי די רייכע, די אומרואיקע, די יום־טובדיקע פּרץ־געשטאַלט.

פּרץ, וואָס האָט „מיט די פֿיס געשטאַלפּערט אויף דער ערד, און מיטן קאָפּ געשפּאַרט צום הימל", פּרץ, וואָס האָט אויפֿגענומען אינעם יידישן לעבן אַזוי פֿיל ברענענדיקע התלהבות, אַזוי פֿיל ערדישע שיינקייט, פּרץ, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פֿייער פֿון פּראָסטע יידישע נשמות, פּרץ, וואָס אַריינ־געבראַכט אַזוי פֿיל נייע זינגענדיקע און פֿיל־קאָלירנדיקע מאָטיוון און געזאַנגען אין דעם יידישן וואָרט — פּרץ איז אויסגעוואַקסן פֿאַר אַלעמען אין אַ גרויסן סטימולירנדיקן כוח, אין אַ פֿלאַם־פֿייערדיקן גייסט. אין אַ זאַמלונג, וואָס עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַנהויב רעוואָלוציע, פֿרילינג 1917, אין דעם צעזונגענעם און צעשטראַלטן יידישן קיעוו, צום צווייטן יאָרצייט פֿון י. ל. פּרץ, האָב איך געשריבן: „אין אונדזער נייעם און באַנייטן לעבן גייט מיט מיט אונדז פּרץ. פֿון וואַנעט מיר גייען נישט אָפּ, קומען מיר צו אים. דורך אים שליסן זיך אַלע וועגן, וואָס גייען אָפּ פֿון יידישער ווירקלעכקייט, פֿון יידישן לעבן, פֿון יידישער קאַנאָניזירטער שיינקייט. אין אונדזער נייעם לעבן גייט־מיט אונדז פּרץ".

און דאָס זיינען נישט סתּם פֿראַזן, געזאָגט צו אַ יאָרצייט. די אַלע וויכטיקסטע שפּעטערדיקע שאַפֿערישע אויפֿטוען זיינען טיף און ענג געווען פֿאַרבונדן מיט פּרצן. פּרץ איז געווען דאָס צויבער־וואָרט, פּרץ איז געווען דער רייץ און אַנרעג־שטאָף פֿאַר די אַלע קינסטלערישע פֿאַרמעסטונגען.

די דראַמאַטישע סטודיע, וואָס קומט דאַן אויף אין קיעוו אַרום דער „קולטור־ליגע", זוכט אַרויסצוברענגען דורך אירע זוכענישן דאָס ניי־יוירנ־דיקע, דאָס ניי־אויפֿקומענדיקע. זי רייסט איבער די פֿעדעם מיטן אַלטן פֿאַרעלטערטן יידישן טעאַטער, זי באַפֿרייט זיך פֿונעם מעלאָדראַמאַטישן און ביליקן שטאָף, און דורך פּרצעס „מקובלים", „דריי שוועסטער", „מוסר", „דריי נייטאָרינס", „בערל דער שניידער" באַמיט זי זיך צו אַנטפּלעקן אַ נייעם דרך אין דעם יידישן טעאַטראַלישן שטייגער און אָפּצוריכטן נייע סצענישע עבודה. דורך פּרצעס שטאַרק־אָנגעלאָדענע ווערטער זוכט מען אַן אויסדרוק פֿאַר דעם אינערלעכן פּאַטאָס און פֿרייד. און ווען אָט די זעלבע דראַמאַטישע סטודיע פּרוּווט קאָלעקטיוו, דורך כאָר־דעקלאַמאַציע, אַרויס־צושלאָגן לעבן און חיות, באַגייסטערונג און באַפֿליגלטקייט פֿונעם וואָרט,

איז זי ווידער געקומען צו פּרצן און אָנגעהויבן מיט זיינע „פֿיר יאָרצייטן״, מיט זיין רעוואָלוציאָנערן „וועכטער״ און דערגאַנגען ביז צו זיינע פּראַכטפֿולע קינדער־לידער.

אויך די יונגע מאָלער־קינסטלער פֿון דער יידישער אויפֿגעוואַכטער אוקראַינע האָבן דורך פּרצעס שאַפֿונגען געזוכט אַרויסצואַנטפּלעקן זייער קינסטלערישע פֿאַנטאַזיע. די שפּע פֿון פֿאַרב און בילד אין דער פּרצישער פֿאָלקס־מעשה, דער טיף־אייגנאַרטיקער יידישער פּרימיטיוו מיט דער ראַפֿינירטער מייסטערשאַפֿט האָט באַצויבערט דעם יידישן קינסטלער־מאָלער און דורך פּלאַסטישער פֿאָרם האָט ער געפּרוּווט צו דערגרייכן דאָס, וואָס פּרץ האָט דערגרייכט דורך וואָרט. מאַרק שאַגאַל האָט זיך פֿון די ערשטע פֿאָרמאָסטן איבערצוגעשטאַלטיקן פּרצעס פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן אין פּרעכטיקע געמעלן. דער איבערערדישער און יום־טובדיקער פּרץ האָט דערהויבן נישט איין קינסטלער־מאָלער.

און אַזוי אויך איז געשען מיטן יידישן מוזיקער: ווען דער טאַלאַנטפֿולער, זוכנדיקער משה מילנער שלאָגט דורך אַ וועג פֿונעם פּרימיטיוון פֿאָלקס־ליד צו העכערע עכט־יידישע מוזיקאַלישע פֿאָרמען, ווען ער זוכט אַ סינטעז פֿון דעם פֿאָלקסטימלעכן סקאַרבאָוון מאָטיוו מיטן נייעם און ראַפֿינירטן קלאַנג, אַנטפּלעקט ער עס אין דער גלענצנדיקער סיוויטע אויף די צען פּרצישע קינדער־לידער, וואָס איז געוואָרן אַזוי אייגן און באַליבט די יידישע מאַסן אין יענער צייט.

מער ווי אין די ווערק פֿון אַנדערע יידישע, עלטערע און ייִנגערע, קינסטלער, האָט מען געפֿונען אין פּרצן דעם מערקווירדיקן שטאָף, וואָס האָט זיך צוגעפּאַסט פֿאַר דעם אומרו און פֿאַר דעם דראַנג, וואָס האָט אַלעמען באַהערשט. און דאָס וואָס פּרצעס ווערק זיינען מער סכעמאַטיש, דאָס וואָס זיי זיינען דאָס רוב קאַנוועס, אויף וועלכע ס׳לאָזט זיך אויסנייען נייע און נייע געמעלן, דאָס וואָס זיי זיינען מערקווירדיקע כּלים, וואָס מ׳קאָן אָנפֿילן מיט אינהאַלט — דאָס אַלץ האָט פּרצן געמאַכט נענטער, אייגענער, היינטצייטיקער. פּרץ איז געוואָרן דער פֿייער־זייל, וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג צו דעם נייעם מאָדערנעם יידישן שאַפֿן, וועלכער האָט געזוכט אַלץ־נייע פֿאָרמען און אַלץ־נייען אויסדרוק־מעגלעכקייטן.

צו יענער צייט געפֿינען מיר אויך אין אַנדערע לענדער פּרוּוון אַרויפֿצוברענגען די דראַמאַטורגישע שאַפֿונגען פֿון פּרצן אויף דער יידישער בינע. און ווידעראַמאָל טוען עס אַפֿריער די ליבהאָבער טרופּעס, די דראַמאַטישע פֿאַראיינען, וואָס הויבן אָן פֿון בראשית, וואָס זוכן נייעם דראַמאַטורגישן שטאָף, נייע דראַמאַטישע פֿאָרמען פֿאַר זייערע סצענישע זוכענישן.

וועגן איינער אַן ערנסטער פּרץ־אויפפירונג אין אַמעריקע פון יאָר 1915 דערציילט אונדז ב. ר. (ריווקין, „צוקונפט“, 1915, ז׳ 573). דער באַוואוסטער שוישפּילער און רעזשיסער יעקב בן־עמי האָט מיט אַ ספּעציעלער טרופּע, צונויפגעשטעלט מערסטנס פון נישט־פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, אויפגעפירט פּרצעס „פרימאָרגן“, „נאָך קבורה“, „שוועסטער“. אין דער רעצענזיע ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט: „פּרץ האָט מיטגעמאַכט די גייסטע פּראָבן צו רעפאָרמירן דאָס טעאַטער־שטיק. ... נאָכגעבנדיק דעם גייסט פון דער צייט, האָט פּרץ אויך געשאַפן אַ ריי סימבאָלישע דראַמעס, אין וועלכע דער העלד איז דער קעמפנדיקער מענטשלעכער גייסט, וואָס זוכט דער־לייזט צו ווערן, און די געשעענישן זיינען שפּיגלען, וואו די וועלט און אירע טואונגען ווייזן זיך צוזאַמען מיט די באַהאַלטענע כוונות, וואָס שטעקן אין זיי“. און ב. ר. גיט צו: „אויפפירן פּרצעס איינאַקטער פאָרלאַנגט מער ווי די געוויינלעכע בינע־מיטלען, — דאָ האָט איר נישט די איינגעהזרטע בינע־טיפּן, די איינגעפאָרענע געגנ און רייד, דאָ פאָדערט זיך אַ מאָס אינטעליגענץ, וואָס שטייט אויף דער אידעען־הויך פון דעם אויטאָר: יעדע באַוועגונג, יעדע מינע דאַרף זיין דורכגעטראַכט, דורכגעדרונגען מיט דער כוונה פון דעם גאַנצן...“

ווי ריכטיק עס איז דאָ אויפגעכאַפּט פּרצעס אייגנאַרטיקייט און ווי פיין עס זיינען אָנגעצייכנט די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר דעם רעזשיסער און אַרטיסט ביים אויפפירן אַ פּרצישע שאַפונג!

אין דער זעלבער צייט האָט אויך די מאָסקווער „הבימה“ ביי אירע ערשטע סצענישע טריט אַריינגענומען פּרצן אין איר „בראשית“־פאָרשטעלונג, וואו מ׳האָט מיט גרויס יראת־הכבוד און ציטער אויפגעפירט פּרצעס „עס ברענט“.

אין 1920 עפנט מאָריס שוואַרץ דעם סעזאָן אין זיין קונסט־טעאַטער (אין אירווינג פּלייס טעאַטער) מיט פּרצעס „די גאָלדענע קייט“, — „דאָס שענסטע און גרעסטע יידישע קינסטלערישע ווערק“, ווי עס איז אַנאָנסירט אין די מודעות.

מאָריס שוואַרץ האָט זיך שטאַרק און ערנסט געגרייט צו אָט דער אויפפירונג. ווי עס ווייזט אויס, האָט מאָריס שוואַרץ נישט געהאַט פאַר זיך קיין פולן און גאַנצן אויסגעבעסערטן וואַריאַנט פון דער „גאָלדענער קייט“, נאָר ער האָט גענומען דעם ערשטן נוסח, דעם „נסיון“, און צוגעגעבן אַלס „פּראָלאָג“ דעם ערשטן אַקט פון דער „גאָלדענער קייט“. עס שרייבט יואל ענטין אין זיין אַרטיקל אין „צוקונפט“ (יאַנואַר 1921): „געעפנט זיין טעאַטער האָט מאָריס שוואַרץ מיט י. ל. פּרצעס אַ פּיעסע,

וואָס האָט אין דער רעקלאַמע און אויפֿן פֿאָדערגרונט פֿון פּראָגראַם גע־הייסן „די גאָלדענע קייט״, אָבער געווען איז עס אין אמתן „דער נסיון״ מיטן ערשטן אַקט פֿון דער „גאָלדענער קייט״ אַלס איר „פּראָלאָג״... „דער נסיון״ — דערציילט י. ענטין — איז פֿאַר 17 יאָר [נישט גאָר ריכטיק — עס דאַרף זיין פֿאַר אַ 13 יאָר — נ. מ.] אויפֿגעפֿירט געוואָרן פֿון דעם ה׳ ל. שפּאַכנער אין דעם דעמאָלסטיקן ווינדזאָר־טעאַטער און שיינט צו זיין נאָך אַ יינגערע אַרבעט פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם דיכטער פֿון חסידיזם און אַ ניט־געראָטענע אַרבעט אין יעדער הינזיכט; נישט־דראַמאַטיש זיינען כּמעט אַלע פּרצעס ווערק מיט דעם אויסנאַם פֿון אַ פּאָר איינאַקטערס. דאָך ווען פּרצעס אַנדערע ווערק האָבן ווייניק דראַמאַטישע סצענעס, ווערט כּאָטש דער אינטערוואַל צווישן איין סצענע און דער צווייטער אויסגעפֿילט מיט אַ שיינעם ליריזם אָדער מיט אַן אינטערעסאַנטן געדאַנק״. לויט י. ענטין קומט אויס, אַז „דער נסיון״ איז „אַ שוואַך, מעלאָדראַמאַטיש ווערק און עס איז פֿרעמד פֿאַר פּרצן דעם באַזינגער פֿון חסידיזם״. און ער באַרעכטיקט, וואָס „די קריטיק האָט די פּיעסע ניט געשוויגנטערהייט אַרונטערגעריסן״ און אפֿשר דערפֿאַר האָט זי געהאַט גאָר קורצע יאָר״. יואל ענטין גיט צו, אַז „דער ערשטער אַקט פֿון דער „גאָלדענער קייט״ איז איינע פֿון די העכסטע שאַפֿונגען פֿון אונדזער ליטעראַטור. עס איז די העכסטע פֿאָרמע פֿון פֿאַ־עטישן מיסטיציזם אין אונדזער ליטעראַטור״, און דערפֿאַר „בשעת די קרי־טיק האָט שוינונגסלאָז אַרונטערגעריסן די פּיעסע, האָט זי מיט דער וואַ־רעמסטער התלהבות געלויבט איר „פּראָלאָג״, ד. ה. דעם ערשטן אַקט פֿון דער „גאָלדענער קייט״...״ און דאָך פֿירט אויס יואל ענטין: „צו די אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען אויף אונדזער בינע, דערהויפּט היי־יאָריקן סעזאָן, געהערט יענע פּיעסע ניט נאָר מיט איר „פּראָלאָג״, נאָר אויך מיט איר שפּילן און אויפֿפֿירונג. די אויפֿפֿירונג פֿון ערשטן אַקט (וועלכן עס איז סצעניש אומגעהויער פֿאַרצושטעלן) איז דאָך, מיט אייניקע קוים־פֿאַר־מיידלעכע פֿעלערן, געווען שיין, איינדרוקפֿול, אימפּאָנירנד און באַגייס־טערנד. דער ה׳ שוואַרץ, הגם ניט קיין אידעאַלער ר׳ ישראל, איז דאָך געווען שיין אין פּאַטריאַרכאַלער גרויסקייט און פֿייערלעך אויפֿגעהויבן אין חסידיש־הייליקער התלהבות. און די גרופּעס און סצענעס אַרום דער הויפּט־פֿיגור זיינען געווען אַרויסגעשטעלט מיט דער גאַנצנדיקער ליבע און האַר־מאָנירנדיקן געשמאַק״. און אויך „דער נסיון״, אויף וויפֿיל ער האָט זיך געלאָזט שפּילן, איז גוט געשפּילט געוואָרן. אַמבעסטן האָבן זיך אין אים אויסגעצייכנט דער ה׳ שוואַרץ אַלס דער לעצטער גוטער ייד ר׳ נתן, דער ה׳ סאַמוילאָוו אַלס דער גבאי ר׳ ישראל און די מאַדאַם גערסטין אַלס

לאה. בעת דער ה׳ מוני וויזנפריינד [דער איצט גוט־באוואוסטער פאול מוני — נ. מ.] האט געגעבן א ביישפיל פון א שיינעם, כמעט גאר נישט שארזשירטן, הומאר אין דער געשטאלט פון תמימותדיקן חסיד״.

אויך פרצעס „אין פאליש אויף דער קייט״ איז אויפגעפירט געווארן דורך פארשיידענע טרופעס:

איןווארשע האט דער רעזשיסער יעקב ראטבוים (איצט אין ניו־יארק) אויפגעפירט מיט דער דראמאטישער סעקציע פונעם ווארשעווער טעקסטיל־פאראיין פרצעס „אין פאליש אויף דער קייט״. עס איז געווען אינטערעסאנט, ווי די טעקסטיל־ארבעטער האבן אונטער דער פירונג פון דעם רעזשיסער ארויסגעבראכט די אלע פרץ־געשטאלטן און אונטערגעשטראכן די סאציאלע מאטיוון און טענדענצן פון אט דער אינטערעסאנטער פרץ־דראמע. מיט עטלעכע יאר שפעטער (אין 1937) איז מיר אויסגעקומען צו זען די זעלבע פיעסע אין דער אינטערעסאנטער אויפפירונג פון דעם פאריזער יידישן אר־בעטער־טעאטער (פיאט), רעזשי — דוד ליכט. דער פאריזער „פיאט״ האט מיט גרויס פיעטעט און ליבע געארבעט אויף דער פארשטעלונג און עס איז ארויסגעקומען א ביז־גאר וויכטיקע אויפפירונג, אנגעלאדן מיט פרא־טעסט און בונטארישע געפילן. עס איז געווען טשיקאווע צו צוזען ווי יונגע, נישט־פראפעסיאנעלע אקטיארן האבן ארויסגעבראכט פארגאנצטע שארף־געצייכנטע פרץ־געשטאלטן.

אין א נייער רעוואלוציאנערער באלויכטונג און מיט א ספעציעלער אקצענטירונג פון די סאציאלע מאמענטן אין דער פיעסע האט אויפגעפירט „אין פאליש אויף דער קייט״ דער ווייסרוסלענדישער יידישער מלוכה־טעאטער אין מינסק אונטער דער רעזשי פון משה ראפאלסקי. וועגן אט דער אויפפירונג זיינען געווען זייער גוטע אפרופן. די סאציאלע קעגנזאצן זיינען געגעבן געווארן זייער שארף און די פיעסע איז געווען אנגעפילט מיט א שטארקן סאציאלן פאטאס.

מען דארף נאך צוגעבן, אז דער ארץ־ישראל ארבעטער־טעאטער „אוהל״ האט אונטער דער רעזשי פון זיין אנפירער מ. הלוי אויפגעבויט אן אינטערעסאנטן פרץ־אוונט (נשף פרץ), אין וועלכן עס זיינען אריין „מקובלים״, „אין א קעלער־שטוב״, „דער כעס פון א יידענע״, „נאך קבורה״, „שמע ישראל״, און „וואס די לבנה דערציילט״, — מוזיק פון יואל ענגעל. מיר איז אויסגעקומען צו זען די פארשטעלונג אין ווארשע. אויף א פארטיפטן אופן זיינען געגעבן געווארן די אלע פרצישע זאכן און די שוישפילער האבן אנגעשלאגן גאר שיינע טענער און געשאפן אן עכט־פרצישע אט־מאספער: פרצישע וויזיע מיט שטארק־אקצענטירטע מאנונגען פון יושר און גערעכטיקייט.

* * *

גאָר אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט ביי פּרצן זיין דראַמאַטיש ווערק „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", וואָס פּרץ איז געווען מיט דעם פאַרנומען עטלעכע יאָר און געהאַלטן עס אין איין איבעראַנדערשן, אַריינברענגען נייע מאָמענטן, און געווען גרייט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל עס איבער־אַרבעטן. עס זיינען באַקאַנט עטלעכע נוסחאות פון אָט דעם ווערק, וואָס פּרץ האָט עס געהאַלטן פאַר איינס פון זיינע וויכטיקסטע, עיקרדיקסטע די לעצטע יאָרן פון זיין שאַפן. פּרץ אַליין האָט צו איינעם פון די וואַריאַנטן צוגעגעבן אַ לענגערן פאָרשפּיל, וואו עס זיינען אַרויסגעבראַכט אַ די־רעקטאָר, רעזשיסער, לעקטאָר, דיכטער און וואַנדערער. פּרץ האָט אַפילו אָנגעגעבן אַן אויספירלעכע סכעמע און באַשרייבונג פון דעם שפּיל מיט די אַלע איינצלהייטן צום שפּילן. „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז פּרצעס „שוואַנען־ליד", ווי אייניקע האָבן עס אָנגערופן אויפן סמך פון זייערע פערזענלעכע שמועסן מיט פּרצן גופא. פּרץ אַליין איז דאָ אין די אַלע רייד פון די פאַרשיידענע געשטאַלטן און שאָטנס פון דעם „טרוים פון אַ פיבער־נאַכט". ער בליצט אַרויס מיט זיינע סענטענצן און באַהויפּטונגען. ערטער־ווייז איז עס דאָך אַ מין „הבל הבלים", וואָס פּרץ זאָגט־נאָך נאָך דעם לעבן. ער זאָגט דורך דעם „וואַנדערער" אין פאָרשפּיל:

„דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן,
די זעלבע ערד...
און דאָס אויער הערט
דאָס אויג — פון זען נישט זאַט,
נישט ליניען־ און פאַרבן־מיד...
דאָס נאָענטע טרייבט, דאָס ווייטע ציט
אַלץ־מער, אַלץ־מער.
פיס ווערן מאַט.
דער רוק־זאַק — שווער...
און עס דריקן די געווענדער
מיטן שטויב פון וועגן און לענדער

— — — — — — — — — — — —

אין די נעט, אין געוועב...
איך קום, פרעג נישט פון וואַנען,
און איידער דיין שאָטן צערינט,
גיי איך פון דאַנען.
וואוהין? נישט פרעג.
אפשר ווייסט ווער אין דער הויך...
איך פון מיין לאַנגן וועג
בין עלטער געוואָרן, נישט קליגער..."

און ווי אין די פֿיבערדיקע רייד פֿונעם וואַנדערער, אַזוי האָבן מיר פּרצישע אויפֿבליצן אויך אין די רייד פֿון די אַלע אַנדערע „פּערזאָנען" אין דער פּיעסע, וואָס איז „אַ נעץ פֿון שאָטן און שטראַלן", — און טאָקע מער שאָטנס ווי שטראַלן.

מיט דעם אויפֿגעוואַכטן אינטערעס און פֿאַרערונג צו פּרצעס פּערזענלעכקייט און צו זיין שאַפֿן, איז אויך געוואַקסן די פֿאַראינטערעסירונג צו אָט דעם ווערק, און דער ווילן אַרויסצוברענגען אויף דער סצענע אָט דעם מערקווירדיקן „טרוים".

עס איז דערביי אינטערעסאַנט צו דערציילן, אַז די „ווילנער טרופּע" נאָך אין איר גרויסן דערפֿאָלג מיט אַנסקיס „דיבוק", האָט אין וואַרשע, אין 1921, געגרייט זיך צו שטעלן „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". דר. יצחק שיפּער, דער מחבר פֿון דער „געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער און דראַמע", האָט אויסגעאַרבעט גאַר אַ גראַנדיעזן פּלאַן פֿאַר אַן אויפֿפֿירונג. די באַקאַנטע קינסטלער ה. בערלעווי און וו. וויינטרויב האָבן געהאַט שוין צוגעגרייט דעם מאַקעט און די צייכענונגען פֿאַר די דעמאָקראַציעס און קאָסטיומען. עס זיינען שוין דאַן געמאַכט געוואָרן די הכנות פֿאַר דער אינטערעסאַנטער אויפֿפֿירונג, וואָס זיינען אָבער צוליב פֿאַרשיידענע סיבות אינמיטן איבערגעריסן געוואָרן.

דוד הערמאַן, איינער פֿון די טיפֿסטע און אייגנאַרטיקסטע יידישע רעזשיסערן, וואָס איז פֿיל יאָר נאָענט געווען צו פּרצן, האָט ביי יעדער געלעגנהייט פּרובירט צו געבן אַ סצענישן תּיקון פּרצעס דראַמאַטישע ווערק. מיט חסידישן ברען און דבקות פֿלעגט ער עפּנטלעך אַליין אויסזינגען פֿאַרלייענענדיק שטיקער פֿון פּרצעס „די גאָלדענע קייט". לאַנגע צייטן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם טרוים אויפֿצופֿירן „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". אין די פּראָגראַמען פֿון דעם ציכטיקן, פֿיין־ראַפֿינירטן וואַרשעווער קליין־קונסט־טעאַטער „אַזאַזעל" האָט דוד הערמאַן אַריינגעבראַכט פּרצעס „וואָס די לבנה פֿאַרציילט", „לייגן פֿירן" און אייניקע פֿראַגמענטן פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". שפּעטער, אין אָקטאָבער 1928, האָט דוד הערמאַן אויפֿגעפֿירט „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" מיט דער „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע.

די גרויסע הערמאַן־אויפֿפֿירונג פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" ביי די „ווילנער" (וואַרשע, 1928) האָט אַרויסגערופֿן אין דער יידישער וואַרשע גרויס פֿאַראינטערעסירונג. איך וויל דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן פֿון מיינעם אַ גרעסערן אַרטיקל („ליט. בלעטער", 1928, ז' 42) וועגן דער אינטערעסאַנטער פֿאַרשטעלונג. די שורות, געשריבן אויף דער

„הייסער מינוט״, גיבן איבער די איינדרוקן, וואָס מ׳האָט אַרויסגעטראָגן פון יענער אויפפירונג:

„עס איז אַ גרויסער יום־טוב פאַר דעם יידישן טעאַטער און אַ נייער פאַרמעסט און ערנסטע דערגרייכונג פון דוד הערמאַן און פון די „ווילנער״. דער יום־טוב, די דערהויבונג האָבן זיך גלייך געלאָזט פילן אין זאַל. די ביידע פייערלעכע אַריינפיר־רעדעס — פון מ. מזאה פון דוד הערמאַן — זיי האָבן אין אַ געוויסער מאָס אַראָפּגערעדט וואָס ס׳איז געווען ביי די צושויער אויפן האַרצן. עס איז דאָך אונדזער אַלעמענס אַמביציע און גליק מיטצומאַכן פונסניי פרצעס וואונדערבאַרן שאַפונגס־וועג. פאַראַן דערביי גרויסע שוועריקייטן, און עס פאַרלאַנגען זיך גרויסע שעפערישע אַנשטרענגונגען מצד דעם רעזשיסער, דעקאָראַטאָר, מוזיקער, אַרטיסטן און אויך צושויער, כּדי גובר צו זיין אַט די שוועריקייטן. פאַרשיידענע קעגנזאַצן זיינען ביי פּרצן אויפגעזאַמלט אין דער פּיעסע, וואָס זיינען נאָך ווייט־ווייט ניט געקומען צו אַ פולער האַרמאָניע און גלייכגעוויכט. דאָס כאַאָטישע איז דאָ נאָך מער פון דעם סינטעטישן. און די אויפגאַבע פונעם רעזשיסער איז — פאַרגאַנצן די האַנדלונג, צוגעבן איר אַ חוט־השדרה, אָרגאַניזירן זי״. ווייל אין אַט דער פּיעסע האָבן מיר: „רויען שטאָף און איבערצייטיקטע סענטענצן; אָנוואורף פון כאַראַקטערן, אידייען, פּראָבלעמען און תמציתן, אונטערשטע שורות פון דורות, תקופות, קלאַסן; שטיקער לעבנס פון רעאַלער ווירקלעכקייט און נשמות אָן גופים און אָן לבושים; בילדער און אָפּבילדער; שטימען און אָפּקלאַנגען; געראַנגל פון ראַציאָנאַליזם און ראָמאַנטיק, גלויבן און לעסטערונג, הכנעה און רעוואָלט, ליבע און האַס; מענטשן זיינען אַבסטראַהירט ביז דער העכסטער מדרגה און זאַכן (געץ, שטיינבילדער, מאַגיסטראַט, קלויסטער, שול, מאַרק, בלע־כערנער האָן) זיינען פּערזאָניפיצירט. די לעבעדיקע זיינען מתים און די טויטע זיינען אויפגעוואַכט צום לעבן. טרוים אויסגעמישט מיט ווירק־לעכקייט. וואו איז דאָ חלום און וואו איז זיין באַשייד? צי אפשר איז גאָר דער טרוים דער באַשייד פון דער וואָר? און איז דער מאַרק ווירק־לעכקייט, און דער בית־עלמין — נאָר אַ געוועב פון וואַנזיניקן לץ, אָדער פאַרקערט: בית־עלמין איז רעאַליטעט, און ווירקלעכקייט איז אַ שפּיצל פון אַן עמעץ?״

און ווי האָט דוד הערמאַן אויסגעפירט זיין אַרבעט אַלס אינסצעני־זאַטאָר און רעזשיסער?

מיר קאָנען זיך נישט אָפּשטעלן אויספירלעך אויף דער אויפפירונג און אויף דער שפּיל פון די אַקטיאָרן. „נאָר ערטערווייז — האָב איך

דאַן געשריבן — האָט הערמאַן באַזיגט דעם צעבערעקלטן שטאָף. אין ערשטן אַקט און טיילווייז אויך אין צווייטן און דריטן אַקט זיינען דאָ טאַקע ביי הערמאַנען פּיל אַפּגעריסענע, אָפּגעהאַקטע עפּיזאָדן. אַט די שפּע פון איינצלנע קורצע דיאַלאָגן באַשווערט די פאַרשטעלונג".

„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז געגאַנגען אַ לענגערע צייט ביי די „ווילנער", און נאָך אייניקע אויסבעסערונגען, וואָס זיינען דערנאָך אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער פאַרשטעלונג, האָט די פּיעסע באַגייסטערט דעם בעסערן יידישן צושויער אין פוילן און אין אַנדערע לענדער, וואו די „ווילנער" האָבן אויפגעפירט מיט גרויס דערפאָלג אַט די פּרץ־פאַרשטעלונג.

„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז, ווי באַקאַנט, אויך אויפגעפירט געוואָרן דורך א. גראַנאָווסקי אין דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. די ערשטע פאַרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע דעם 6טן פעברואַר, 1926.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז עטלעכע טעג נאָך דער וואַרשעווער פּרעמיערע פון דוד הערמאַנס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", האָט דער מאָסקווער יידישער מלוכה־טעאַטער, וואָס האָט דאַן גאַסטראָלירט אין בערלין, געגעבן דאָרט „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". איך האָב דאַן אַט די גראַנאָווסקי־אויפפירונג געזען־געהערט עטלעכע מאָל און געגוי איבערגעגעבן די איינדרוקן אין די „ליט. בלעטער" (1928, ז' 45).

איך האָב דאַן געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט בנימין זוסקין, איינער פון די טאַלאַנטפולסטע שוישפּילער פון דעם מאָסקווער טעאַטער, וועגן דעם, ווי מ'האָט זיך געגרייט צו אַט דער אויפפירונג. „די פאַרשטעלונג — האָט מיר געזאָגט ב. זוסקין — איז ביי אונדז פאַרבונדן מיט גרויס אָנשטרענגונג און מי, און זי רעכנט זיך ביי אונדז פאַרן „קודש־הקדשים"... „א. גראַנאָווסקי — האָט געזאָגט ב. זוסקין — האָט אַ ספּעציעלע באַציאונג צו פּרצן, און ס'איז געווען זיין אַמביציע און לאַנגיאָריקער ווילן אויפצופירן פּרצעס אַ ווערק. אגב, אין „פאַרטפעל" פון אונדזער טעאַטער געפינט זיך זינט עטלעכע יאָר פּרצעס „וואָס אין פידעלע שטעקט", צו וועלכער עס איז שוין אַפילו אָנגעשריבן מוזיק פון יוסף אַכראָן. אָבער א. גראַנאָווסקי האָט זיך דערנאָך אָפּגעשטעלט אויף „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". די אויפגאַבע פון שטעלן די פּיעסע איז זייער אַ שווערע. די טעקסטן זיינען לאַקאָניש, קיין איין אויסגעשפּראָכענע האַנדלונג אָדער סצענישער קאָנפליקט, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַ דראַמאַטורגישן שטאָף. און ס'איז זייער אַ דאַנקבאַרע, נוצלעכע, אָבער זייער־שווערע אַרבעט—אַריינ־

צובלאָזן לעבן אין פּרצעס זייער־קאָמפּליצירטן טעקסט, אָנפּילן מיט סצע־ נישן אינהאַלט פּרצעס פּינטעלעך און די צווישן־שורות פון דער פּיעסע."

און ב. זוסקין האָט ווייטער דערציילט: „שוין אין דעם ערשטן יאָר פון מיין קומען אין טעאַטער (איך בין שוין אין טעאַטער 7 יאָר!) האָב איך ניט איין מאָל געהערט פון גראַנאָווסקין, ווי ער רעדט מיט באַגייסטע־ רונג וועגן דער אויפפירונג פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". גאַנצע צוויי יאָר האָט ער געאַרבעט איף די טעקסטן, וועלכע ער האָט צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון די פאַרשיידענע פּרץ־וואַריאַנטן, און אויך גענומען פון אַנדערע פּרץ־ווערק (למשל, פון דער „גאָלדענער קייט"). די רעפּעטיציעס האָבן געדויערט צען חדשים, ס׳זיינען געוועזן איבער 250 פּראָבן. פאַר זיינע מיטאַרבעטער־מיטשאַפער האָט ער איינגעלאַדן דעם מאָלער ר. פאַלק, — איינער פון די בעסטע מאָסקווער קינסטלער, — און דעם קאָמפּאָזיטאָר אַלעקסאַנדער קריין. די אַלע דריי (גראַנאָווסקי, פאַלק, קריין) האָבן גע־ שאַפן אַט די וואונדערבאַרע פאַרשטעלונג". אין דער גראַנאָווסקי־אויפ־ פירונג איז דער פּרץ־בדחן געגעבן אין צוויי פּערזאָן. איין געשטאַלט אין צוויי פּערזאָן. איינע — אַן ערדישע, וואָס רעאַגירט, רעזאָנירט, לאַכט־ אויס און שפּאָט אויפן אָרט. די צווייטע — דעם בדחנס אומרו, זיין שאָטן, וואָס שוועבט אין דער לופטן. דער אָפּהילך זיינער . . ."

א. גראַנאָווסקי, דער וואונדערבאַרער אויסטייטשער און רעזשיסער פון דער פּיעסע, האָט טרעפלעך געשריבן וועגן זיין צוגאַנג צום „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק": „די אַטמאָספער פון דער בינע, איר דעקאָראַטיווער אויפבוי — אַלץ דאַרף איבערגעבן יענעם שוידער, יענעם גרויל פון סוף, יענעם שרעק, מיט וועלכן ס׳איז אָנגעזאָפּט די פּיעסע. קיין איין שפּאַן פון דער בינע טאָר נישט רעדן פון לעבן, אַלץ איז פאַרמשפּט, אַלץ איז פויל. איבערגעלעבטע דורות דאַרפן זיך לאָזן פילן אין אַלץ און אין אַלעם. שפּירן, אַז דער מאַרק־פּלאַץ און דער בית־עלמין — ס׳איז איינס. און אַלץ און אַלע זיינע שאָטנס. און די לעבעדיקע זיינען געגליכן צו טויטע, און די טויטע זיינען געגליכן צו לעבעדיקע."

„און דעריבער — האָט געזאָגט ב. זוסקין — איז פאַרן שוישפּילער געווען אַ קאָלאָסאַל־שווערע אויפגאַבע. ס׳איז בכלל פיל שווערער צו שפּילן אַ קלענערע ראָל ווי אַ גרויסע, און איבערהויפּט אין דער פאַרשטעלונג, וואו פיל אַקטיאָרן קומט אויס צו שפּילן עטלעכע ראָלן, פון וועלכע יעדע באַ־ שטייט פון אַ צוויי־דריי פראַזעס, וואו איינער איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פונעם צווייטן, און וואו זייער־אָפט קומט אויס עטלעכע שוישפּילער צו זאָגן איינע און די זעלבע פראַזע." און „בכלל איז אַ גרויסער עיקר אין אונדזער אַרבעט

דער אייזערנער ריטם. און נאָך מער איז אָט די פֿאָרשטעלונג געבויט אויף אַן אויסגעשפּראָכענעם אייזן־בעטאָנישן, ווי מיכאָעלס דריקט זיך אויס, ריטם. יעדעס בילד, יעדער פֿראַגמענט, יעדע דעטאַל איז דורך אונדז צענד־ליקער מאָל איבערגעאַרבעט געוואָרן. פֿריער האָבן מיר זייער לאַנג געאַר־בעט אויף דער טאַנאַלער זייט פֿון דער פֿאָרשטעלונג. „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" איז אין גאַנצן געבויט אויף מוזיק, אויף רעליגיעזער מוזיק. דאָ שפּילט די מוזיק נישט קיין אַקאָמפּאַנירנדיקע ראָלע, נאָר אַ זעלבסטשטענ־דיקע. יעדעס וואָרט, יעדער זילב איז זייער געניי און זייער פּינקטלעך קאָנטראָלירט און אויסגערעכנט. אין די לעצטע חדשים האָבן די פּראָבן געדויערט צו 6—8 שעה אַ טאָג . . . דער כאַראַקטער פֿון דער אויפֿפֿירונג האָט פֿאַרלאַנגט, אַז די שוישפּילערישע שאַפֿערישע אַרבעט זאָל געטאָן ווערן קאָלעקטיוו, מען האָט אַלע געאַרבעט אכזריותדיק, אָבער מיט דער גרעסטער אָנטציקונג, און עס איז טאַקע אַרויסגעקומען אַ קאָלעקטיווע מאַסן־פֿאָרשטעלונג."

און נישט נאָר דער רעזשיסער מיט די שוישפּילער האָבן מיט אַזאַ פּיעטעט און אינטערעס געאַרבעט. אויך דער מאָלער, מוזיקער און ליכט־איינשטעלער האָבן זייער פֿיל געאַרבעט, כּדי די אויפֿפֿירונג זאָל זיין אַ גאַנצע, אַן איינהייטלעכע אין איין סטיל און כאַראַקטער.

„ר. פֿאַלק, דער מאָלער, האָט גאַנצע צוויי יאָר געאַרבעט אויף די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. זיין מאַקעט האָט זייער געדיכטע שיכטן פֿון פֿאַרבן, ער האָט אַלץ געוואָלט אַרויסברענגען די פּאַסנדיקע פֿאַרב פֿאַר די דעקאָראַציעס". און וועגן דער מוזיק? — „זי איז אַריינגעפֿלאָכטן אין דער פֿאָרשטעלונג, אין יעדן וואָרט און באַוועגונג. זי קומט אויף און שטאַרבט צוזאַמען מיט דער „האַנדלונג" אויף דער בינע . . . און אויך די ליכט איז אַ גרויסער עיקר אין דער פֿאָרשטעלונג. גראַנאָווסקי האָט עס אָנגערופֿן „קלאַוויאַטור־ליכט", די ליכט באַלויכטעט אין יעדן מאָמענט דעם פּרט, די זאַך, וואָס דאַרף באַלויכטן ווערן. ס'איז ספּעציעל איינגע־לאַדן געוואָרן פּראָפֿ. מייזעל פֿון לענינגראַד צו שטעלן און רעגולירן די ליכט."

איך האָב אומיסטנע געבראַכט אָט די אַלע איינצלהייטן וועגן די לאַנג־יאָריקע הכנות צו דער פּרץ־אויפֿפֿירונג, כּדי צו באַווייזן די ערנסטקייט, דעם יראת־הכבוד, מיט וועלכן מען איז צוגעגאַנגען צו פּרצן אין דעם ערנסטן, קינסטלערישן טעאַטער. ווי געזאָגט, איז די ערשטע פֿאָרשטע־לונג פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" געגעבן געוואָרן אין 1926 — פּונקט צוואַנציק יאָר נאָך דעם, ווי מ'האָט אין וואַרשע צום ערשטן מאָל אויפֿגע־

פירט פּרצעס „דער נסיון" — און סאַר אַ קולטור־קינסטלערישער מהלך צווישן אַט די צוויי אויפפירונגען, צווישן אַמאָליקן דלות, כאַפּ־לאַפּ מעטאָד און דער איצטיקער עשירות, פּאַרטיפּטקייט! עס באַווייזט בכלל אויף וויפיל מיר זיינען ווייט אַוועק אין אונדזער באַציאונג, און אין אונדזער אויפ־פאַסונג פון פּרצן.

איך וויל דאָ ווייטער ברענגען איינקע אויסצוגן פון מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער גראַנאָווסקי־אויפפירונג פון פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", וואָס איך האָב אין 1928 געזען אין גרויסן בערלינער „טע־אַטער דעס וועסטנס", וואו דער מאָסקווער מלוכה־טעאַטער האָט דאַן גאַסטראָלירט: „נישט מיט ווערטער קאָן מען אויסדריקן דאָס, וואָס מען לעבט־איבער ביי דער גראַנאָווסקי־אויפפירונג פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", ווייל נישט אויף ווערטער איז בעיקר געבויט די פאָרשטעלונג. דאָ איז מער געגעבן די נשמה פון דער וואונדערבאַרער פּיעסע, ווי זי איז געקומען צו שוועבן צו פּרצן נאָך איידער זי איז אָנגעקליידט געוואָרן אין בילדער און געשטאַלטן, אָדער נאָכדעם, ווי זי האָט זיך צוריק אָפּגעטיילט פון דעם רעאַלן און ווידער געשוועבט אין דער צעהיצטער פאַנטאַזיע פונעם גרויסן דיכטער. פאַראַן אין דער פּיעסע געשטאַלטן, אָנדייטונגען אויף רעאַלע שטייגער־טיפּן, וועלכע האָבן אָקאָרשט געהאַנדלט־געוואַנדלט אויפן מאַרק, אין גאַס, אין שול, אין שטוב. אויך די מתים, וואָס שטייען אויף פון זייערע קברים, טראָגן אין זייערע געהירן בלויז שוואַכע דערינע־רונגען פון אַ קאָנקרעט לעבן, פון „מעשים שהיו". פאַראַן אין דעם אַלעם עפּעס־אַזוינס, וואָס איז „אויב נישט נאָך העכער", עפּעס־אַזוינס, וואָס מ'קאָן אויפפאַסן אין אַ מאָמענט פון גאונישער דערהויבנקייט, דעם גאַנצן טראַ־גיזם און פאַרמשפּטקייט פון די, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו דערלעבן זייער לעבן. פּרץ האָט געגעבן דאָס אַלץ אין רעפלעקסן, אין בליצן, אין טענער, אין האַלב־טענער. און אויך א. גראַנאָווסקי האָט אַזוי אויפגעפּאַסט דעם „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". ער זאָגט וועגן דער אויפפירונג: „דריי הונדערט שורות טעקסט אָן אַ סיוזשעט, אַ שטענדיק־אומאויפהעריקער בייט פון בילדער, בילדער נישט־געבונדענע. „ביינאַכט" איז גיכער אָן איינגאַרטיקער קאַרנאַוואַל פון מענטשן־שאָטנס. נאָר אַזוי — אין דעם פּלאַן האָט מען עס געקאָנט סצעניש פאַרווירקלעכן, — ווי אַ טראַגישן קאַרנאַוואַל."

און איך האָב וועגן דער פאָרשטעלונג געשריבן ווייטער:

„נישט פאַרקערפּערן די שאָטנס אין בוילעט־מענטשלעכע געשטאַלטן, נאָר פאַרשאַרפן דאָס הויל־שאָטנדיקע, פאַרהיטן דעם כאַראַקטער פון אַ

טרוים פֿון אַ פֿיבער־נאַכט... ס׳איז לאחר־יאוש. כּלו כּל הקצים. די גאַנצע סביבה — מיטן קלויסטער, שול, מאַרק, און מיט די אַלע לעבעדיקע און טויטע — איז פֿאַרצויגן מיט אַ געדיכטן שימל. איין פֿאַרב און איין סוף האָבן אַלע... איבער אַלץ און אַלעמען הענגט אַ האַנט — בלויז ביינער, אָן פֿלייש און אָן הויט, — ס׳איז דער גורל, וואָס האָט געטראָפֿן אַלעמען. ס׳איז שוין נאָך דעם וואָרענען, ווייל אויך די וואָרענענדיקע האַנט האָט ניט אויס־געמיטן דעם ביטערן מזל. איז דאָס גאַנצע שפּיל אַ מין בייזער אויפֿטו, אַ מין שפּיצל פֿון אַ לץ, מכשף, בדחן, נאָך האַלבער נאַכט אין חורבות, וואָס האָבן שוין אויפֿגעהערט צו זיין חורבות...״

„און ווי דאָס „וואָרט״ און די דעקאָראַציעס־קאָסטיומען, אַזוי אויך איז די מוזיק פֿון א. קריין — אַן אַנדער־וועלטיקע... און נאָך איידער עס הויבט זיך אויף דער פֿאָרהאַנג, פֿולן אָן די הערלעכע מוזיק־קלאַנגען דעם גאַנצן טעאַטער. דער אָרקעסטער (אונטער דער אָנפֿירונג פֿון באַוואוסטן מוזיקער ל. פּולווער) צוזאַמען מיטן גרויסן, ספּעציעל־געבראַכטן פֿון דעם בערלינער טעמפּל, כאָר געפֿינען זיך נישט פֿון אונטן, ביי דער ראַמפּע, נאָר פֿון אויבן אויפֿן פּערטן שטאָק, אויף דער גאַלעריע, קעגנאיבער דער בינע. מען איז אַזוי־אַרום אַדורכגענומען מיט דער גראַנדיעזער מיסטעריע, וואָס פֿולט אָן דעם גאַנצן חלל, מען איז ווי אין איר... די צעפּיצלטקייט און צעבראָקלטקייט פֿון דעם טעקסט ווערט פֿאַרגאַנצט דורך דער איינ־הייטלעכקייט פֿון דעם שפּיל... לכתחילה זיינען ווי אַלע געטריבן פֿונעם עולם־התוהו. דערנאָך הויבט אָן דיריגירן־רעגירן דער בדחן (מיכאָעלס) און דער צווייטער בדחן, זיין שאָטן (זוסקין)... דער בדחן און זיין שאָטן שלאָגן אַרויס „לעבן״ און קלאַנגען אין דעם אַרום. זיי עלעקטריזירן די געשטאַלטן, זיי באַוועגן זיי מיט זייער אימפּעט, די בדחנים זענען צונויפֿ־געפֿלאָכטן מיט דער מוזיק, די מוזיק איז ווי פֿאַרקערפּערט אין זיי, אין זייערע איברים.

„דער ערשטער טייל האָט צו טאָן מיט „לעבעדיקע״ געשטאַלטן, דער צווייטער — מיט „טויטע״. אָבער דער פֿאָן, דער אינהאַלט, די געשטאַלטן זיינען ווייניק געענדערט. איין גרויזאַמע „נאָכאַלעמדיקייט״ איז אויסגע־גאָסן אויף זיי אַלעמען. מער נישט — אין דעם צווייטן טייל איז דער טעמפּאָ אַן אַנדערער, אַ טויטער. נישט די טויטע זיינען וואָך געוואָרן, נאָר די טויטע האָבן באַקומען די מעגלעכקייט אַ ביסל זיך „אויסלעבן״ דורך דעם שפּיל פֿונעם קונצנמאַכער, דעם בדחן. און אַזוי אַרום וואַקסט אָן און וואַקסט אויס די מיסטעריע אין אַ מעכטיקער אַלמענטשלעכער טראַ־געדיע — די טראַגעדיע פֿון אומקום, פֿון טויט. לסוף דערגרייכט דער

קאַרנאַוואַל אויפֿן אַלטן מאַרק זיין העכסטע מדרגה: עס קומט די לעצטע אָנשטרענגונג — אַ ווילדע וואַקכאַנאַליע, אַט־אַט און עפּעס וועט געשען, אָבער עס באַווייזן זיך די זון־שטראַלן, עס דערהערן זיך הילכיקע און אַלץ־באַטויבנדיקע טענער פֿון שאַלנדיקער מוזיק, און דער טויטן־קאַרנאַוואַל, דער טרוים פֿון אַ פֿיבער־נאַכט, איז פֿאַרענדיקט...״

איך האָב דאַן, אין 1928, געענדיקט מיינע באַגייסטערטע איינדרוקן פֿון דער גלענצנדיקער גראַנאָווסקי־פֿאַרשטעלונג מיט די ווערטער:

„אַ גרויסע טעאַטער־פֿאַרשטעלונג. אויב נישט נאָך העכער.״

און עס איז קיין ספק נישט — דאָס איז די גרעסטע קינסטלערישע דערגרייכונג פֿון פּרצן אויף דער בינע.

פּרץ דער דראַמאַטורג האָט דאָ געפֿונען זיין אמתן סצעניש תיקון.

אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ

די טשערנאָוויצער יידישע שפּראַך־קאָנפֿערענץ פֿון 1908 איז אַ וויכ־טיקע דאַטע אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער שפּראַך און איר קאַמף פֿאַר איר קיום און אָנזען. די טשערנאָוויצער יידישע שפּראַך־קאָנפֿערענץ איז אויך אַ וויכטיק געשעעניש אינעם לעבן און שאַפֿן פֿון י. ל. פּרץ. די שפּראַך־קאָנפֿערענץ האָט נאָך מער אַרויסגערוקט פּרצן אין דעם אויבנאָן פֿון די באַגייסטערטע קעמפֿער פֿאַר דער יידישער קולטור, אויף אָט דער קאָנפֿערענץ און יאָרן שפּעטער האָט פּרץ באַמיט זיך אַלץ־קלאָרער אַרויס־ברענגען זיין באַציאונג און שטעלונג צו דעם יידישן פֿאָלק, צו זיין קולטור און צו זיין שפּראַך. די וואַקלענישן ביי פּרצן ביים באַשטימען יידיש פֿאַר דער נאַציאָנאַלער אָדער פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פֿונעם יידישן פֿאָלק זיינען געקומען פֿון פּרצעס צוגאַנג צו דער קולטור פֿונעם פֿאָלק, צו זיינע נאַציאָנאַלע ווערטן, און סתם אָננעמען אַ רעזאָלוציע, וואָס הינטער איר זאָל נישט זיין גאָר די פֿאַראַנטוואָרטונג און זיכערקייט, האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן.

מיר קאָנען דאָ נישט ברענגען אויספֿירלעך די אַלע פֿאַרהאַנדלונגען וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אויף די זיצונגען פֿון דער שפּראַך־קאָנפֿערענץ, מיר קאָנען דאָ נישט איבערדרוקן אַלע פּרצעס רעדעס, דערקלערונגען און זיינע ווערטער אין די הייסע דיסקוסיעס. מיר שיקן אָפּ דעם לייענער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט די אַלע פּרטים, צום בוך „די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפֿערענץ" (באַריכטן, דאָקומענטן און אָפּקלאַנגען פֿון דער טשער־נאָוויצער קאָנפֿערענץ, 1908), אַרויסגעגעבן דורכן ווילנער ייוואָ, 1931, 288 ז"ז, ווי אויך צום בוך „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ" (ז"ז 369־376). אין דער אָפּהאַנדלונג וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף די וויכטיקסטע מאָ־מענטן, וואָס ברענגען אַרויס די ראָלע, וואָס פּרץ האָט געשפּילט אויף דער קאָנפֿערענץ, און מיר וועלן אויך אַרויסברענגען די שטעלונג פֿון פּרצן צו דער שפּראַכן־פֿראַגע.

פֿונעם בריוו, וואָס פּרץ האָט געשיקט צו די איניציאַטאָרן פֿון דער שפּראַך־קאָנפֿערענץ, וועלכע האָבן אים פֿאַרגעלייגט צו געבן זיין אונטער־

שריפט אויפן אויפרוף („בריוו און רעדעס", ז"ז 263־264), ווייזן מיר, אַז פריער איז פּרץ נישט געווען איבעריק באַגייסטערט פונעם רוף און פון דעם כאַראַקטער, וואָס מ'האָט געוואָלט דער קאָנפערענץ צוגעבן. יידישע שרייבער, עלטערע און ייִנגערע, האָבן צוליב פאַרשיידענע סיבות אָדער אויסריידן בעסער באַשלאָסן שטיין אָן דער זייט און נישט געקוקט אויף זייערע צוזאָגן, צו דער קאָנפערענץ נישט געקומען. פּרץ אָבער איז יאָ געפאָרן, און געקומען קיין טשערנאָוויץ, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער אַרבעט, איז אַליין אָנגעצונדן געוואָרן און באַגייסטערט אַלעמען. ער האָט דערפילט די אחריות, וואָס ס'איז אַרויפגעלעגט געוואָרן אויף די באַטייליקטע און אויך פאַרשטאַנען די קעגנערשאַפט, וואָס וועט גלייך קומען צו באַקעמפן דעם איינפלוס פון דער קאָנפערענץ און אירע באַשלוסן.

פּרץ איז נישט נאָר אָנגעצייכנט געוואָרן ווי אַ רעפערענט פון צוויי וויכטיקע טעאָרעטישע פאַרטראַגן, נאָר ער איז אויך געווען דער פאָרטרעגער פונעם אָרגאַניזאַציע־פּלאַן. פּרצעס אויפטריטן סיי אויף די קאָנפערענץ־זיצונגען, סיי אויף די אַלע פייערלעכע אָוונטן האָבן געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג. נאָך ד"ר נ. בירנבוימס דערעפענונג־רעדע, וואָס האָט קיין שטאַרקן איינדרוק נישט געמאַכט, האָט געהאַלטן פּרץ זיין גוט־באַקאַנטע רעדע. און אַט זיינען די פאַרשיידענע אָפרופן וועגן איר: „זיין רעדע רופט אַרויס באַגייסטערונג ביים עולם" („היינט"); „פּרצעס דערשיינען אויף דער בינע האָט אַרויסגערופן מוראדיקן אַפּלאָז און אַן אומבאַשרייבלעכע שמחה. די רעדע איז איבערגעריסן געוואָרן עטלעכע מאָל דורך באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן" („ד"ר נ. בירנבוימס וואָכנבלאַט"); „פּרץ איז אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. זיין רעדע האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק און דאָס אַפּלאָדירן האָט זיך גאָרנישט געוואָלט איינשטילן" (גרשם באַדער, „יידישער טאָגעבלאַט", ניו־יאָרק); „די דערעפענונגס־רעדע פון פּרצן האָבן מיר דעמאָלט מיט שפּאַנונג און גייסטיקן הונגער דערוואַרט. ער האָט אונז נישט אַנטוישט. שטאַרקע, קרעפטיקע ווערטער האָבן מיר אויס זיין מויל פאַרנומען... איך דערמאָן מיך, וואָס פאַר אַן עלעקטרישער שטראָם איז דורכגעלאָפן דורך מיינע איברים, און וואָס פאַר אַ בליק איך האָב פלוצלונג געטאָן אין דער נשמה פון פּרץ דעם מענטש, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט: „דער שטאַט איז דער גרעסטער פאַרברעכער"... איך האָב אין די פאָר ווערטער געהאַט פאַר מיר דעם שפּיגל פון פּרצעס וועלט־אַנשויאונג" (זכרונות פון מ. מיעזעס, „ליט. בלעטער", 1925, ז"ז 49,50).

די רעדע פֿון פּרצן, ווי זי איז אויפֿגעהיט געוואָרן, איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ" (ז"ז 371־373). פּרץ האָט באַטאָנט, אַז „מיר לעבן דאָ איבער אַ נייעם היסטאָרישן מאָמענט", אַז „מיר עפֿענען אַ נייעם קוואַל פֿון פֿריש לעבעדיק וואַסער אין גאָטס ווייַנגאָרטן", אַז „פֿון היינט אָן וועט דאָס אָרט פּייכט ווערן און בליען". און פּרץ שטעלט זיך אָפּ אויף דריי באַפֿרייאונגס־מאָמענטן:

„עס הויבט זיך אָן צו באַפֿרייען דער „המון"... ער פֿאַרלירט זיין צוטרוי אי צום גרויסן למדן, אי צום גרויסן גביר. דעם גרויסן גבירס „צדקה" מאַכט אים נישט זאַט, דעם גרויסן למדנס תורה גיט אים ניט קיין גליק". אין אַ פּאָר געציילטע ווערטער האָט דאָ פּרץ פֿאָרמולירט די סאָציאַלע און גייסטיקע דערוואַכונג פֿון די יידישע מאַסן. און פּרץ שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אייגנטלעכן טרעגער פֿון דער יידישער וועלטלעכער קולטור, און ווייזט אויף דער דיפֿערענצירונג פֿון די יידישע שפּראַכן און זייערע קולטורן: „און צוויי שפּראַכן האָט נאָך דאָס יידישע פֿאָלק, — אַ שפּראַך פֿאַר למדנים" און „די צווייטע שפּראַך פֿאַרן המון". און פּרץ רעדט וועגן דעם יידישן אַרבעטער, וואָס „שאַפֿט זיך זיין אינסטרומענט פֿאַרן קאַמף פֿאַר זיין לעבן, זיין אַרבעטער־קולטור אויף יידיש", ער „וויל און מוז זיך אויסלעבן אויף יידיש".

און פּרץ ווייזט אָן די אויפֿגאַבע, וואָס צוליב איר איז מען זיך צונויפֿגעקומען „פֿון אַלערליי לענדער און שטאָטן" — „צו פּראָקלאַמירן אונזער יידיש אַלס גלייכבאַרעכטיקטע שפּראַך צווישן אַלע שפּראַכן". און פּרץ פּראָקלאַמירט וויכטיקע עיקרים: „דאָס פֿ אָ ל ק, נישט דער ש ט אָ ט, איז דאָס מאָדערנע וואָרט, די נ אַ צ י ע, נישט דאָס פֿ אָ ט ע ר ל אַ נ ד", און „אייגנאַרטיקע קולטור, נישט גרענעצן מיט יעגער באַוואַכן דאָס אייגנאַרטיקע פֿעלקער־לעבן".

און אָט קומט דער גרויסער רוף פֿון דעם גרויסן יידישן דיכטער און מענטש: „מיר רופֿן צו דער וועלט: מיר זיינען אַ יידיש פֿאָלק און יידיש איז אונזער שפּראַך, און אויף אונזער שפּראַך ווילן מיר זיך דורכלעבן און אונזערע קולטור־גיטער באַשאַפֿן און שוין קיינמאָל נישט אָפּפֿערן זיי צוליב די פֿאַלשע אינטערעסן פֿון „שטאָט", וואָס איז נאָר דער באַשיצער פֿון רעגירנדיקע פֿעלקער און דער בלוטזויגער פֿון אונטערדריקטע שוואַכע".

און פּרץ האָט אויסגעשריען מיט ווייטיק און שטאָלץ: „מיר ווילן קיינעם נישט דינען. פֿעלקער־לאַקייען קאָנען קיין קולטור־גיטער נישט באַשאַפֿן, מיט טוען עס!... מיר ווילן זיך שוין נישט צעברעקלען און

אָפּפֿערן יעעדן מולך־שטאָט זיין בראָקן. איין פֿאָלק יידן; זיין שפּראַך — איז יידיש!"

נאָכן רעפֿעראַט פֿון שלום אַש „וועגן איבערטראָגן די יידישע קולטור־גיטער אין דער יידישער שפּראַך", האָט פּרץ גענומען דאָס ערשטע וואָרט אין דער דיסקוסיע און ער האָט דערגאַנצט שלום אַשן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז „יעדע קולטור מוז האָבן אירע טראַדיציעס, אירע היסטאָרישע קבלות", און „ווילן מיר, אַז זי זאָל זיך אַנטוויקלען אין דער צוקונפֿט, מוזן מיר זי פֿאַרבינדן מיט דער פֿאַרגאַנגנהייט". און „ווען אונזערע קולטור־גיטער זיינען פֿאַרשטיינערט, מוזן מיר זיי וואָס צום גיכסטן אויפֿלעבן". „אַלע טירן מוזן אויפֿגעמאַכט ווערן"...

און ווידער אַמאָל ווערט דערציילט אין די באַריכטן, אַז „פּרצעס רעדע ווערט אויפֿגענומען מיט לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן".

אויף דער דריטער זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ האָט פּרץ געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן דער אָרגאַניזיר־פֿראַגע. פּרץ האָט באַגרינדעט די נויט־ווענדיקייט פֿון אַן אָרגאַניזאַציע, אויב „מיר ווילן עפּעס אויפֿטאָן פֿאַר דער יידישער שפּראַך און פֿאַר דער יידישער קולטור", און ער האָט פֿאָרגע־לעגט אַ פּראָיעקט מיט פֿאַרשיידענע פּונקטן, וואָס דאָס רוב זיינען נאָך היינט, 37 יאָר נאָך דעם ווי זיי זיינען אָנגעמערקט געוואָרן, גאַנץ אַקטועל פֿאַר אונזער יידישן קולטור־לעבן (זע „די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנ־פֿערענץ", ז"ז 85־86). דער רעפֿעראַט האָט אַרויסגערופֿן אַ לעבעדיקע דיסקוסיע, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט די דעלעגאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ. ס'האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין די דעבאַטן דריי ריכ־טונגען, — ווי פּרץ האָט דערנאָך פֿאָרמולירט אין זיין שלוס־וואָרט. „איינע איז בכלל קעגן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, די צווייטע — פֿאַר אַן אָרגאַניזאַציע מיט באַגרענעצטע קאָמפּעטענצן, די דריטע — פֿאַר אַן אָרגאַניזאַציע אין הסכם מיטן פּלאַן". פּרץ האָט באַוויזן, אַז סיי די ציוניסטן, סיי די בונ־דיסטן — די וואָס זיינען קעגן אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע — האָבן זייערע פּאָליטישע כוונות. „מיר ווילן — זאָגט פּרץ — עס זאָלן אויפֿהערן צו זיין לאָקאַלע קולטורן — מיר ווילן באַשאַפֿן אַן אַלגעמיינע ליטעראַטור, אַן אַלגעמיינע קולטור. קעגן אונז קאָנען אַרויסטרעטן נאָר די, וואָס פֿילן נישט יידיש און קענען נישט יידיש".

מיט אַ מערהייט פֿון 27, קעגן 7 ביי 2 אָנגעהאַלטענע, איז פּרצעס אָרגאַניזיר־פּלאַן אָנגענומען געוואָרן.

אויף דער פֿערטער זיצונג, וואו ס'זיינען געהאַלטן געוואָרן רעפֿעראַטן וועגן שפּראַך, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער טומל נאָכן פֿאָרטראָג פֿון

מתתיהו מיעזעס, וואָס איז געווען אַנטי־העברעאיש. „פּרץ — ווערט דער־ציילט אינעם באַריכט — נעמט אַ וואָרט און וואַרפט אויף די העברעאיסטן זייער אויפפירונג און ער לעגט פאַר די קאָנפערענץ זאָל באַשליסן אַפּצו־דרוקן מיעזעס רעפעראַט אין אַ באַזונדער בראָשור אַלס די ערשטע וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעט וועגן דער יידישער שפּראַך. דער פאָרשלאַג רופט אַרויס אַפּלאַדיסמענטן פון איין זייט און טומלדיקע פּראָטעסטן פון דער צווייטער". איניקע „האָבן געוויינט פון כעס און וויטאָג". און „פּרץ מעלדט, אַז אויב ער האָט וועמען באַליידיקט, נעמט ער זיינע ווערטער צוריק".

צו הייסע דעבאַטן און שטאַרקע חילוקי־דעות איז מען געקומען אויף די לעצטע עטלעכע זיצונגען, וואו ס'איז באַהאַנדלט און געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן פּראָקלאַמירן יידיש ווי ד י אָדער ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פונעם יידישן פאָלק. נישט דאָ איז דאָס אָרט ברענגען אויסצוגן פון די אַלע רעדעס און דיסקוסיעס איבער אָט דער פראַגע. מיר וועלן בקיצור נאָר ברענגען פּרצעס שטעלונג וועגן דעם. אין זיין וואָרט האָט פּרץ דערקלערט „וואָס עס הייסן ביי אים נאַציע" און „פאָלק", „נאַציאָנאַלע שפּראַך" און „פאָלקס־שפּראַך", אָבער ער איז קעגן דעם, אַז „די קאָנפערענץ זאָל אָנ־נעמען וואָסער ס'איז באַשלוס וועגן אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך". פּרץ האָט צוליב פּראַקטישע און טאַקטישע טעמים נישט געוואָלט מ'זאָל דאָ אַריינברענגען אַ פּרוד־הלבבות. די רעזאָלוציע פון פּרצן איז געווען, אַז „די קאָנפערענץ אָנערקענט יידיש אַלס שפּראַך פונעם יידישן פאָלק און פאַרלאַנגט די פאַראייניקונג פון די יידן אין דער יידישער קולטור און אין דער יידישער שפּראַך". פּרץ האָט באַטאָנט נאָך אַמאָל, אַז יידיש איז נ אָ ך נ י ש ט די נאַציאָנאַלע שפּראַך, ווייל ס'פעלן נאָך אין איר די נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות. דעריבער האָט ער נישט מסכים געווען מיט דער אָנגענומענער רעזאָלוציע, און פּרץ האָט געזאָגט: „איך בלייב ביי מיין מיינונג:

א) העברעאיש איז קיין פאָלקס־שפּראַך. העברעאיש לעבט נישט מער.

ב) מעכאַניש אויפלעבן אַ שפּראַך הייסט באַשאַפן אַ נייעם זשאַרגאָן.

ג) אַזוי לאַנג ווי אונזערע קולטור־גיטער וועלן בלייבן אין העברעאיש, איז יידיש נאָר אַ פאָלקס־שפּראַך.

ד) די קאָנפערענץ האָט דעריבער נאָר דאָס רעכט אויפצונעמען אַן אַרבעט צו פאַרהעלפן דער פאָלקס־שפּראַך אויפצוהויבן זיך צו דער מדרגה פון אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך".

נאָך דעם ווי די קאָנפערענץ איז געשלאָסן געוואָרן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דיכטער־טור איבער פאַרשיידענע שטעט לטובת דעם ניי־אויס־

געקליבענעם ביורא. מ׳האָט באַזוכט די שטעט קאָלאָמיי, בוטשאַטש, דראָ־ביטש, באָריסלאַוו, טאַרנאָפּאָל, סכאָדניצע, סטאַניסלאַוו א. אַ. וו. פּרץ איז אומעטום געווען דער הויפּט־מחותן (וועגן דעם זע „ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ״, ז״ז 125־128, „בריוו און רעדעס״, ז״ז 374־376).

אין טשערנאָוויץ איז פּרץ געווען געוואַלדיק פאַרנומען. אין אַ בריוו צו דינעזאָנען שרייבט ער: „בשעת דער קאָנפערענץ האָב איך קיין רגע נישט געהאַט, געאַרבעט פאַר צען, און נאָך דער קאָנפערענץ פאַרט מען אַרום אין דער מדינה מיט די יונגען לעזן. ווייסטו דאָך, אַז זיי לעזן, איך אָבער מוז אויך רעדן... צי עס וועט זיך אַמאָל אָפּרופן אויף מיין געזונט, ווייס איך נישט, דערווייל אָבער אַרבעט איך אויף אַלע כלים״. פּרץ איז גרייט צו האַלטן אַ רעפעראַט אין וואַרשע וועגן דער קאָנפערענץ, און לייגט פאַר צוצוגרייטן אַ דערלויבעניש.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין 1913, שרייבט ער אַ בריוו צו ד״ר טויבש, וואָס זיין פאָטער לייבל טויבש איז געווען וויצע־פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ, ער בעט גריסן דעם פאָטער און ער פרעגט אים, צי ער „געדענקט נאָך דעם היילי קן קאָנגרעס?״ נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פּרץ איז נישט געווען מסכים מיט דער הויפּט־רעזאָלוציע, איז ער אָבער גרייט געווען צו רעאַליזירן די באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ און זיך גע־האַלטן מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי.

דעם 22טן סעפּטעמבער 1908, אַ דריי וואָכן נאָך דער שפּראַך־קאָנ־פערענץ, האָט י. ל. פּרץ אָפּגעגעבן אַ שריפטלעכע דעקלאַראַציע וועגן זיין שטעלונג צו דער יידישער שפּראַך אין דעם „סאָציאַלדעמאָקראַט״ (קראָקע, נ׳ 40), ווייל אין די פאַרעפנטלעכטע באַריכטן האָט מען נישט פּינקטלעך איבערגעגעבן פּרצעס ווערטער. מיר גיבן די פּרץ־דערקלערונג, צוליב איר וויכטיקייט, וואָרט אין וואָרט:

„יידיש איז נישט קיין דייטש; יידן קענען נישט קיין דייטש און דייטשן קענען נישט קיין יידיש. דאָס וואָס יידיש איז אַמאָל אַ דייטש געווען, מאַכט מיר נישט אויס; אַבי עס איז קיין דייטש נישט געבליבן. ווען פון „טייטש״ איז געוואָרן דייטש, האָט „וואָס טייטש״ באַקומען די באַדייטונג: ווי אַזוי איז עס דייטלעכער וואָס פאַר אַ זין האָט עס? נישט ווי אַזוי איז עס אויף דייטש. עס איז געוואָרן „יידיש״. ווייל עס איז די אומגאַנג־שפּראַך פון 90 פּראָצענט פון יידישן פאָלק. דאָס פאָלק ווייסט פון „זשאַרגאָן״ נישט.

קיין נאַציאָנאַל־שפּראַך איז עס דאָך ביזן היינטיקן טאָג. נאַציאָנאַל איז די שפּראַך וואָס ווערט געבוירן און אַנטוויקלט זיך צוזאַמען מיטן פאָלק און האָט אין זיך דעם אוצר פון זיין גאַנצער קולטור אין אַלע ערטער און

אין אַלע צייטן. אברהם, יצחק ויעקב, די נביאים, די שפּעטערדיקע קלאַסי־קער קענען קיין יידיש נישט. די היינטיקע אינטעליגענץ מוז אָנקומען צו אַלערליי לאַנד־שפּראַכן, די יידישע צו העברעאיש.

פּאַקטיש לעבן מיר זיך אויס אין דרייערליי שפּראַכן: דאָס פֿאָלק — אין יידיש, די האַלב־אַסימילירטע אינטעליגענץ — אין די לאַנדס־שפּראַכן, און די יידישע אינטעליגענץ אין דער געוועזענער נאַציאָנאַל־שפּראַך פֿון אונזער פֿאַרגאַנגנהייט.

אַ נאַציע מוז אָבער האָבן אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך, און איינע, נישט צוויי און דריי.

וועלכע שפּראַך דאַרף זיין אונזער נאַציאָנאַל־שפּראַך אין דער צוקונפֿט? די לאַנד־שפּראַכן קענען אונזערע נאַציאָנאַל־שפּראַכן נישט זיין. זיי זיינען פֿאַר אונז אַנטי־נאַציאָנאַל. נעמען מיר אָן די לאַנד־שפּראַכן, שרייבן מיר זיך אונטער אָן אורטייל צום טויט דורך רעדערן.

זאָל אונזער צוקונפֿט־שפּראַך זיין העברעאיש?

מעכאַניש אויפֿלעבן אַ שפּראַך קאָן מען נישט; אין טויטע שפּראַכן פֿאַר לעבעדיקע פֿעלקער גלויב איך נישט; אין וויג אַריין צוריק קומען קען מען נישט. בלייבט מיר יידיש. אָן דער לאַנדס־שפּראַך בלייבט אונז ווייניק קולטור, אָן העברעאיש האָט דאָס פֿאָלק קיין פֿאַרגאַנגנהייט, אָן יידיש האָבן מיר קיין פֿאָלק נישט...

פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך מוז דעריבער אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך ווערן. עס דאַרפֿן אין איר באַשאַפֿן ווערן אַזוי פֿיל קולטור־גיטער, דער יידישער קולטור־מענטש זאָל זיך קענען אויסלעבן אויף יידיש; און עס מוזן אין איר איבערגעטראָגן ווערן אַלע קולטור־גיטער פֿון אונזער פֿאַרגאַנגנהייט, זי זאָל ווערן די שפּראַך פֿון דער גאַנצער ליטעראַטור פֿון דער יידישער נאַציע איבעראַל און — אין אַלע צייטן. דער וועג צו דער פֿרייער, איינהייטלעכער, צווישן־לענדערישער יידישע נאַציע איז — פֿון פֿאָלקס־ צו נאַציאָנאַל־שפּראַך; אַלע אַנדערע לעבעדיקע שפּראַכן וועלן זיין פֿאַר אונז שכנישע און פֿרעמדע שפּראַכן, די העברעאישע — אונזער פּיעטעטספֿולע פֿאַר־גאַנגנהייטס־שפּראַך, אונזער „לשון־הקודש". אַ לאַנגער, שווערער וועג, אָבער דער איינציק מעגלעכער".

אין אַ רעפֿעראַט, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן אין 1910 וועגן דער יידישער ליטעראַטור, האָט פּרץ באַרירט ווידעראַמאָל טשערנאָוויץ און געזאָגט: „איר ווייסט, אַז אין טשערנאָוויץ איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פֿון יידישע שרייבער. מ'האָט דאָרט געשטעלט די פֿראַגע: וואָס איז יידיש — אַ נאַציאָ־נאַל אָדער אַ פֿאָלקס־שפּראַך? מען האָט געענטפֿערט: אַ נאַציאָנאַל־שפּראַך.

נאָכגעבנדיק דער מערהייט האָב איך אויך אָנגעשריבן די רעזאָלוציע..."
פּרץ איז אַלץ געבליבן ביי זיינס — מ'מוז באַרייכערן די יידישע ליטע־ראַטור, מ'מוז אַריינהויכן אין איר יידישן אינהאַלט, מען דאַרף די אַלע קולטור־אוצרות פֿונעם יידישן פֿאָלק אַריבערפֿירן אין יידיש, — דאַן וועט יידיש קאָנען ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פֿונעם יידישן פֿאָלק. און אַט די גרויסע אויפֿגאַבן האָט פּרץ כסדר באַמיט צו פֿאַרווירקלעכן מיט זיינע ווערק.

יאָ, נישט נאָר האָט י. ל. פּרץ באַווירקט די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפֿערענץ אין טשערנאָוויץ, אַרויסגערופֿן באַגייסטערונג מיט זיינע אויפֿ־טריטן צווישן דעם עולם דעלעגאַטן און צוהערער, נאָר פּרץ איז שטאַרק באַאיינפֿלוסט געוואָרן פֿון דעם טשערנאָוויצער צונויפֿקום. ער האָט זיך געטראָגן מיט פֿאַרשיידענע גרויסע פּלענער ווי צו פֿאַראייניקן אַלע קולטור־שאַפֿנדיקע כוחות אין דער יידישער וועלט און צוליב דעם ציל געפּלאַנירט אַ רייזע קיין אַמעריקע, כדי צו שאַפֿן אַ צענטראַלן יידישן אָרגאַן, אַ חודש־שריפֿט, וואו ס'זאָלן זיך באַטייליקן אַלע בעסטע קינסטלער פֿון גאַר דער יידישער וועלט.

די באַגעגעניש מיט פּרצן אין קיעוו

לאָמיר דערציילן בקיצור וועגן מיין איינציקער באַגעגעניש מיט פּרצן. דאָס איז געווען אין דער שטאָט קיעוו, וואוהין פּרץ איז אין 1910 געקומען אויף אַ פּאָר טעג צו האַלטן אַ פֿאָרטראַג.

אמת, פּרצן האָב איך געזען נאָך מיט איבער אַ יאָר צוריק און טאַקע אין וואַרשע, און נישט אַליין, נאָר אינאיינעם מיט דוד בערגעלסאָן. מיר האָבן זיך געפֿונען אין וואַרשע אין פֿאַרבינדונג מיטן אַרויסגעבן דעם „אַרום וואָקזאַל". מיר איז שוין אויסגעקומען צו דערציילן לענגער וועגן יענעם באַזוך (אין די זכרונות וועגן ד. בערגעלסאָן). אין אַ וואַרשעווער יידישן טעאַטער, בעת אַן אַנטראַקט, האָבן מיר געזען פּרצן מיט אַ גרופּע שרייבער, אָבער מיר, בערגעלסאָן און איך, האָבן נישט געהאַט די דרייסט־קייט צוגיין צו פּרצן און זיך פֿאָרשטעלן פֿאַר אים. מיר זיינען אויף מאָרגן צוגעקומען צו זיין דירה אויף צעגליאַנאַ, געשטאַנען אַרום דער טיר, און זיך צוריקגעקערט, — נישט איינגעשטעלט זיך „דרייען אַ קאָפּ" דעם גרויסן פּרץ, וואָס איז שוין דאַן געווען פֿאַר אונז אַ שטיק לעגענדע.

מיר אַליין זיינען שוין געווען אַריינגעצויגן אין דער יידישיסטישער קולטור־באַוועגונג. מיר האָבן אין דער קיעווער געזעלשאַפֿטלעכקייט אָנגע־הויבן אַרויסשטעלן אונזערע פֿאַרלאַנגען פֿאַר אַ יידישן קולטור־רענעסאַנס. מיר האָבן שוין אָרגאַניזירט אַ קינדער־שול אויף דעמיעווקע — די ערשטע קינדער־שול אויף יידיש, און עטלעכע יאָר, ווייט פֿון ליטעראַטור־צענטערן, אויסגעוואַרעמט און אויסגעכאָוועט אַן אייגענעם בליק אויפֿן יידישן שאַפֿן. מיר האָבן אין דער רוסיפֿיצירטער שטאָט קיעוו זיך אַרויסגעשיילט פֿון דער רוסיפֿיצירטער אינטעליגענץ און זיך אַרויסגעטיילט פֿון דער ציוניס־טיש־העברעאיסטישער און זיך געלאָזט אויף אייגענע דרכים. אין דער האַלב־אַסימילירטער און האַלב־העברעאיזירטער „מפיצי־השכלה" האָבן מיר פֿאַרנומען אַן אייגענעם ווינקל. מיר האָבן זיך איבערגערופֿן מיט דוד זאַס־לאַווסקי, משה ליטוואַקאָוו, שמעון דאָבין, מיכל לעוויטאַן, בן־אדיר, י.

באָוואַקאָווסקי און אַנדערע, וואָס האָבן פאַרנומען יעדער איינער אַן אָנגע־זעענעם אָרט אין זייער פּאַרטיי און באַוועגונג.

פּרץ איז געווען פאַר אונדז דער לייכט־טורעם, צו וועלכן מיר האָבן זיך אַלץ־מער און מער געצויגן. נישט מענדעלע און נישט שלום־עליכם האָבן דאָן, אין די גרויע רעאַקציע־יאָרן, געצונדן אונזערע הערצער, נאָר פּרץ. מען איז דאָך אַליין געשטאַנען אינעם גרעאַנגל פון וועלטישקייט און ייִדיש־קייט, פון העברעאישער קולטור און ייִדישער, פון אינטעלעקטועלער פאַר־טיפונג און באַהעפטונג צו אוצרות פון פאָלקסטימלעכן שאַפן, פון כסדר־דיקע השפעות און שטאַרקע איינפלוסן פון דער רוסישער און וועלט־ליטעראַטור. מ׳האָט שוין געהאַט זיך באַפרייט פון אחד־העמס טרוקענער און דאָגמאַטישער ייִדישקייט, מען האָט געפרעגט און אָפּגעפרעגט צוזאַמען מיט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, אָבער מ׳איז געגאַנגען ווייטער — צום ראַדיקאַלן, פאָלקישן, הומאַנישן ייִדישיזם. אין ווייטן קיעוו האָבן מיר מיט־געלעבט מיט דער שפּראַך־קאָנפערענץ פון טשערנאָוויץ און אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין דעם געוועב פון דעם וואַקסנדיקן ייִדישן שאַפן. און נישט צופרידן אָפּט מיט די צייטשריפטן און זאַמלונגען, וואָס זיינען דערגאַנגען פון וואַרשע, ווילנע, אָדעס, — האָבן מיר גענומען פאַרלייגן אייגענע וואַר־שטאַטן און אויך צוגעטראָטן צו אַרויסגעבערישער טעטיקייט.

נאָכן דערשיינען פון „אָרום וואָקזאַל“ (סוף זומער 1909), האָבן מיר אַרויסגעגעבן אין קיעוו אין 1910 אַ גרעסערן זאַמלבוך „ייִדישער אַלמאַ־נאַך“, וואו דוד בערגעלסאָן האָט פאַרעפנטלעכט זיין דערציילונג „דער טויבער“ און איך האָב דעביוטירט מיט מיין ערשטן אַרטיקל איבער ליטע־ראַטור אונטערן נאָמען „נאָטיצן פון אַ לעזער“ (וועגן ד. בערגעלסאָנס „אָרום וואָקזאַל“).

און ווען די „ליטעראַטורנאַיאַ אָבשטשעסטוואָ“ (ליטעראַרישע געזעל־שאַפט) אין קיעוו, וואו מיר זיינען געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, האָט באַשלאָסן אַראָפּצוברענגען פּרצן קיין קיעוו, זיינען מיר, פאַרשטייט זיך, געווען גאָר־נאָענטע און הייסע מחותנים. מיר האָבן פּרצעס ווערק נישט נאָר געקענט, נאָר ער גופא איז געווען טיף־איינגעבאַקן אין אונזער האַרצן, מיר האָבן אים זינט יאָרן געוואָרעמט אין זיך און זיך פאַררעכנט פאַר זיינע תלמידים־נאָכפאָלגער. פאַר פּרצן אָבער זיינען מיר געווען אומבאַקאַנטע יונגע־לייט פון אַ רוסיפיצירטער שטאָט, וואָס שטייט ווייט פונעם קאָכעדיקן ייִדישן שאַפן.

זיין רעפעראַט (אויף וולאַדימירער גאַס, אין זאַל פון „אָבשטשעסט־וועננאַיע סאָבראַניע“) האָט צוגעצויגן אַ געוואַלדיקן עולם, פיל מענטשן

זיינען פֿאַרבליבן אינדרויסן. די פּאָליציי האָט דערשמעקט, אַז ס'איז עפּעס צופֿיל לעבעדיק, האָט זי אַנגעשפּיצט די אויערן און פֿאַרשטאַרקט די וואַך.

אַ פּאָר טעג פֿריער, פֿאַרן רעפֿעראַט, האָבן מיר, — בערגעלסאָן און איך, געגומען גרייטן פֿאַר פּרצן אַ שריפֿטלעכע באַגריסונג. און טאַקע אין דעם צימער, וואו דוד בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן זיין ערשטלינג „אַרום וואָקזאַל", זיין דערציילונג „דער טויבער" און דערנאָך שטיקער פֿון זיין „נאָך אַלעמען", אין אָט־דעם צימער האָבן מיר ביידע זיך אָוועקגעזעצט און פֿאַמעלעך און מיט גרויס יראת־הכבוד אויסגעמייסטרעוועט פֿאַר פּרצן אַ באַגריסונג, וואָס האָט געהייסן אַזוי: „אונזער ליבן, עלטסטן און תמיד־יונגן יצחק לייבוש פּרץ — פֿון קיעווער און דעמיעווקער יוגנט".

דאָס איז געווען אַפּריל 1910.

אין 1925, ווען מיר האָבן געגרייט אין וואַרשע אַ גרויסן נומער „ליטעראַרישע בלעטער", געווידמעט פּרצן צו זיין 10טן יאָרצייט, האָב איך די באַגריסונג געפֿונען ביי דער פֿרוי העלענע פּרץ. עס איז געווען געשריבן אויף פּאַרמעט. מיר האָבן געפּאַקט אַ יידן אַ סופֿר, און ער האָט אָנגעשריבן אונזערע באַגייסטערטע ווערטער פֿאַר פּרצן מיט די הייליקע אותיות פֿון אַ ספֿר־תורה און טאַקע אויף אַ שטיק פּאַרמעט.

און איצט, 35 יאָר ווי די באַגריסונג איז געשריבן, איז עס באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווייל עס כאַראַקטעריזירט די באַציאונג פֿון דער אַמאָליקער יידישער יוגנט צו פּרצן. מיר האָבן גענומען פּרצעס סקיצע „פֿיר דורות, פֿיר צוואות", ווי אַ יסוד פֿאַר אונזער באַגריסונג.

און אָט איז דער גענויער טעקסט:

אונזער ליבן עלטסטן און תמיד יונגן יצחק לייבוש פּרץ.

„פֿיר דורות, פֿיר רינגען, פֿיר זיילן, פֿיר שטאַמען האָסטו אין אונזער לעבן אונז געוויזן. געבוירן, געלעבט און געשטאָרבן אין גלות, און נאָך זיך נישט מער ווי פֿיר צוואות געלאָזן. לעבט דאָך נאָך אַלץ ר' אליעזר חייקלס מיט זיין לעצטן רצון, אַז די קינדער זאָלן בלייבן ביים וואַלד בשותפֿות, און די ספֿרים זאָל נעמען בנימין החתן שיחיה. הויבט זיך נאָך איצט העכער פֿון אים אויף בנימין זיין יורש, וואָס ווייסט, אַז דאָס פּקדון איז איבער דער צייט ביי אים פֿאַרפֿלעקט געוואָרן, חלומט זיך אים שוין, אַז דער ספֿר איז פֿון זיין האַנט אַרויסגעפֿאַלן און בעטן בעט ער שוין ביי זיינע זין און איידעמס: זייט מער יידן ווי סוחרים, ווייל וואָס גרעסער דער סוחר איז קלענער דער ייד. וואַלגערט זיך נאָך ערגעץ אַ צעטל אויף פּויליש אָדער אויף רוסיש פֿון מאוריצן, אַז מען זאָל דעם זון זיינעם מיט אַ טעלעגראַם פֿון פּאַריז אַרויסרופֿן, דינגען אַ דיין אָדער אַזוי אַ למדן

אויף קדיש זאָגן. קאָן שוין לענגער נישט לעבן און גייט אַוועק פֿון דער וועלט דער פֿערטער דור. נישט פֿאַר נחת, נישט פֿאַר עגמת נפֿש, נאָר פֿון לעבעדיקייט. לענדער אַ סך האָט ער געזען און קיין איינציק לאַנד איז נישט זיינס געווען. אַ סך שפּראַכן האָט ער געלויפֿיק גערעדט, נאָר קיין איינציקע געפֿילט. מיט די ווערטער, ווי מיט באַלן, האָט ער געשפּילט, און שטאַרבן שטאַרבט ער אַוועק מיט דעם גוף און נשמה.

שטאַרבן אויס די פֿיר דורות, און דאָס יידישע לעבן גייט זיך זיין וועג. טיף איז דער מקור, שטאַרק איז און שטראָמט אַלץ דער קוואַל. פֿון די פֿיר שטאַרבנדיקע דורות שטימען מיר מיט דעם פֿינפֿטן לעבעדיקן דור אַרויס. דאָס איז דער דור, וואָס דו האָסט דערצויגן, נישט ביי אַ צוואה האָלט ער אין שרייבן, נאָר מיט אַ באַגייסטערטער און שעפֿערישער קראַפֿט טרעט ער צוזאַמען מיט דיר אין לעבן און צוזאַמען מיט דיר נעמט ער דעם איבערגעריסענעם פֿאָדעם ווייטער שפּינען, אַלץ־ווייטער און ווייטער שפּינען אייביק, אין די דורות אַריינשפּינען און וועבן און איבעראַל מיט אַ ליכטיקער נעץ די וועלט פֿאַרנעמען. צוזאַמען מיט דיר ווילן מיר שאַפֿן דאָס אַלט־נייע לעבן. שלאָג־זשע דעם שטיין, וועט ער געבן וואַסער, דריק פֿעסטער די איילבירט, וועט זי געבן בוימל!"

אין די, פֿאַר איצט אַביסל־פֿאַרמליצהוועטע, ווערטער איז געקומען צום אויסדרוק אונזער פֿאַרגאַפֿונג פֿאַר פּרץ און אונזער אינעווייניקסטע זיכערקייט — ווייטער צו שפּינען דעם פֿאָדעם און צוזאַמען מיט פּרץ ווייטער צו שאַפֿן דאָס אַלט־נייע לעבן.

פּרץ האָט דאַן געהאַלטן אַ פֿייערדיקע רעדע, ער האָט געוואָרפֿן בליצן־געדאַנקען, וואָס זיינען דורכן בעסערן עולם מיט באַגייסטערונג אויפֿגעכאַפּט געוואָרן. ער האָט גערעדט וועגן דעם העראָאישן יידישן פֿאָלק, וועגן זיין מאַרטיראָלאָגיע און אָנגעגריפֿן די משכילים, וואָס אָנשטאָט פֿאַנאַנדערצופּראַלן טיר און פֿענסטער, האָבן זיי זיך באַגנוגנט מיט דורכבּרעכן א דין שפּעלטעלע צו דער וועלט.

בעת דער פּויזע האָט פּרץ אַרומגעשפּאַצירט אין פֿאָיע פֿון זאַל. מיר, בערגעלסאָן און איך, האָבן זיך צו אים דערנענטערט און געשטאַנען פֿאַר אים בדחילו ורחימא. מיר האָבן לכתחילה געהאַט אַ מאָמענטאַלע אַנטוישונג. מיט זיין גרויסן קאָפּ, גרויסע אויגן און געדיכטע וואָנצעס האָט ער פֿון די בילדער אַלע מאָל אויסגעזען ווי אַ הויכער, וואוקסיקער, גרויסער. משכמו ולמעלה גבוה מכל עם. מיר האָבן זיך פֿאַר פּרץ פֿאַרגעשטעלט, געכאַפּט אַן אייליקן שמועס און אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפֿן אויף מאָרגן ביי מ. נ. סירקין אין הויז, וואו פּרץ איז איינגעשטאַנען.

מיט קלאַפּנדיקע הערצער זיינען מיר דעם צווייטן טאָג געקומען צו פּרצן. מיר האָבן מיט זיך מיטגענומען דעם זאַמלבוך „יידישער אַלמאַנאַך” און אָט די „ביכורים” אונזערע דערלאַנגט פּרצן, ווי חסידים דערלאַנגען דעם רבין אַ קוויטל. פּרץ האָט גענומען בלעטערן דעם „אַלמאַנאַך”, זיך אָפּגעשטעלט אויפן ערשטן ליד פון ע. ליפּאָוועצקי, וואָס מיט אים האָבן מיר אָנגעהויבן דעם זאַמלבוך. (וועגן דעם זע „ליט. בלעטער”, 1932, נ׳ 18). ס׳זיינען דערווייל געקומען יידן־זשורנאַליסטן, פאַרשטייער פון דער טעג־לעכער רוסישער פּרעסע, וואָס האָבן גענומען פּרצן שטעלן פראַגן. איינער האָט געבעטן פּרצן, ער זאָל פאַר זיין טעגלעכער צייטונג פאָרמולירן דעם סך־הכל פון זיין שאַפן. איז פּרץ געוואָרן אַן אָנגעצונדענער און אויף זיין יידיש־פּוילישן דיאַלעקט, האָט ער אויסגערופן: „סך־הכל? איך ענדיק נאָך נישט, איך הויב ערשט אָן! מ׳האָט שוין וויפל מאָל געמאַכט אַ סך־הכל פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט, אָבער יעדעס מאָל קומען נייע ווערק און מאַכן צונישט. צוריק מיט 10 יאָר, מיט 5 יאָר האָט מען שוין אונטער־געפירט די אונטערשטע שורה. זיינען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געקומען די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן” און באַוויזן, אַז ס׳איז פרי צו מאַכן אַ סך־הכל. יאָ, איך האַלט איצט ביי איינציקע נייע ווערק, וואָס וועלן ווידער זיין אַן איבעררא׳שונג, נישט ווייניקער ווי די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן”. נאַין! — האָט פּרץ גערעדט מיט פייער — איך הויב ערשט אָן, און דאָ קומט מען און מען פירט אונטער די אונטערשטע שורה...”

אָט די פּרצישע ווערטער האָבן מיר פאַרגעדענקט אויף יאָרן און יאָרן.

מען דאַרף נאָך איבערגעבן וועגן דעם אינצידענט, וואָס איז פאָרגע־קומען מיט אונזער באַגריסונג אויף פאַרמעט. נישט באַוויזן איבערצו־לייענען זי אויפן פּרץ־אָוונט, זיינען מיר געקומען צו דער חברה „חובבי שפת עבר”, וואו פּרץ איז פאַרבעטן געוואָרן אויף אַן אָוונט. ס׳איז געווען אַ קליינער זאַל, אין „קאָנקאָרדיאַ”, ביים בייזיין פון אַ קנאַפּע הונדערט העברעאיסטן. מיר האָבן צוגעשיקט צום פאָרזיצער (יושב־ראש) אַ צעטל און געבעטן אַ וואָרט פאַר אַ באַגריסונג. ווען ס׳איז געקומען די צייט, איז דוד בערגעלסאָן צוגעקומען צום פּרעזידיום, אַרויסגענומען די „פאַרמעט־מגילה”, און ווי ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען די באַגריסונג אין יידיש, האָבן די „חובבניקעס” גענומען טומלען, נישט געלאָזט „פאַרשוועכן” זייער אָוונט מיט יידיש. ס׳האָט געדויערט אַ פיינע פּאָר מינוט, דער פאָרזיצער און אויך פּרץ האָבן איינגעשטילט די היציקע העברעאיסטן, אַ גרופּע איז אַרויס דעמאָנסטראַטיוו פונעם זאַל, און ד. בערגעלסאָן האָט ציטערנדיק איבערגעלייענט ביזן סוף. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון — אונזער יידישע

באַגריסונג איז דאָך געהאַלטן געוואָרן. פּרצן איז דער „אַדרעס" געפֿעלן געוואָרן, ער האָט אים מיטגענומען אַהיים און עס איז געלעגן צווישן זיינע אַנדערע באַגריסונגען־אַדרעסן, וואָס זיינען אויפֿגעהיט געוואָרן ביי דער אלמנה.

פֿון קיעוו איז פּרץ דאַן אַראָפּגעפֿאָרן אויף אַ טאָג אָנצוקוקן באַר־דיטשעוו. עס איז מיט אים מיטגעפֿאָרן דוד בערגעלסאָן, און מיר, די „קיעווער גרופּע", זיינען געווען איבערגליקלעך און שטאָלץ, וואָס אונזער איינער איז מיטגעפֿאָרן מיט פּרצן. אַזוי האָבן מיר געשלאָסן פֿריינדשאַפֿט מיט פּרצן און וואָס־ווייטער איז אונזער פֿאַרבינדונג צו פּרצן אַלץ־געוואַקסן. ביים גרינדן דעם קלעצקין־פֿאַרלאַג אין ווילנע און ביים איינשטעלן די „יידישע וועלט" זיינען מיר שוין געווען נאָענטע מחותנים מיט פּרצן.

און מיר האָבן זיך נישט אַרומגעקוקט, ווי ס'איז אויסגעבראָכן זומער 1914 די וועלט־מלחמה, וואָס האָט איבערגעריסן, איבערגעהאַקט דאָס נאָר־מאַלע לעבן און שאַפֿן פֿון די יידן אין רוסלאַנד.

פּרץ און יעקב דינעזאָן

פּרצעס נאָמען, זיין לעבן און שאַפן איז ענג פֿאַרבונדן מיט דינעזאָנס נאָמען. אָנגעהויבן פֿון יאָר 1888 — דאָס יאָר, ווען פּרץ איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט זיך צווישן פּרץ און דינעזאָן פֿאַרבונדן אַ באַקאַנטשאַפֿט, וואָס איז גלייך אַריבער אין אַ פֿריינטשאַפֿט און גיך — אין אַ זעלטענער ברודערשאַפֿט. איבער פֿינף און צוואַנציק יאָר האָט אָנגעהאַלטן צווישן זיי אָט די מערקווירדיקע פֿאַרבונדנקייט. דינעזאָן איז ווי דער שאָטן פֿון פּרצן, ער באַגלייט אים כּסדר אויף אַלע זיינע וועגן, ער נעמט אָנטייל אין אַלע זיינע פֿריידן און זאָרגן, העלפֿט אים אַרויס אין די פֿאַרשיידענע ענינים און איז זיין שטענדיקער ראָטגעבער אַפֿילו אין די אינטימסטע זאַכן.

צוליב זיינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן אין דער יוגנט, צוליב אַ ליבע, וואָס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן אין סאַמע אָנהויב פֿון איר פֿונאַנדערבליען, האָט יעקב דינעזאָן זיך צוריקגעצויגן פֿון אייגענעם אַקטיוון פּערזענלעכן לעבן און דערשטיקט אין זיך פֿאַרלאַנגען און באַגערן. קאָן מען נישט אַריבער, גייט מען אַרונטער, — דאָס איז געוואָרן אַ מין לעבנספֿילאָזאָפֿיע ביי דינעזאָנען, וואָס האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין גאַנץ לעבן. עס האָט אויך געוויס געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם עמפּפֿינדלעכן דינעזאָן, וואָס זיינע ווערק זיינען נישט אויפֿגענומען געוואָרן ווי געהעריק דורך די בעסערע יידישע שרייבער, זיינע נאָענטע פֿריינט. זיין אייגן־ליבע איז מסתּמא געווען אַזוי געקרענקט, אַז ער האָט זיך צוריקגעצויגן פֿון ליטעראַטור אין לויף פֿון פֿיל יאָרן. אָבער אָנשטאָט פֿאַרביטערונג און ביטול איז געקומען ביי אים אַן אינעווייניקסטע געבראָכנקייט און צוריקגעהאַלטנקייט. ער איז פֿול מיט גוטסקייט און גרייטקייט צו טאָן פֿאַר יענעם און צו לעבן פֿאַר יענעם. אין אָט דער ראָל האָט ער אַריינגעלייגט פֿיל פֿעאיקייטן און שיינע אייגנשאַפֿטן. ער האָט אַרויסבאַוויזן אינטערעס און טריישאַפֿט צו פֿיל יידישע שרייבער, אָבער זיין גאַנץ לעבן האָט ער אַוועקגעגעבן פּרצן. ער האָט געפֿירט שטילע „ליבעס" מיט אַ ריי יידישע

שרייבער, אָבער זיין אמתע און שטענדיקע ליבע, מיט וועלכער ער האָט צענדליקער יאָרן געלעבט, איז געווען פּרץ.

אין דער האַרציקער דינעזאָן־כאַראַקטעריסטיק, וואָס פּרץ האָט פאַר־עפנטלעכט אין יאָר 1904 („די יידישע ביבליאָטעק", איבערגעדרוקט אין פּרצעס „אויפזאַצן און פעליעטאָנען"), שרייבט ער וועגן זיין נאָענטן פריינט: „אַן ערלכע, געטרייע שוואַלב איז ער. אַן ערלעך־געטרייע שוואַלב, וואָס איז גרייט יעדע סעקונדע זיך אַרויסצורייסן ביז דער לעצטער פעדער אויף דער ברוסט, אונטערצובעטן דעם יונגען געשלעכט, עס זאָל אים וואַרעם זיין אין נעסט... וואָס איז געפּאַסט יעדע רגע אויפצורייסן זיך די ברוסט און אָנקאָרמען דאָס יונגוואַרג מיטן אייגענעם וואַרעמען בלוט..." און וויפיל מאָל האָט אָט די „ערלעכע שוואַלב", דינעזאָן, געריסן ביי זיך „ביז דער לעצטער פעדער אויף דער ברוסט" און טאַקע אויסגעבעט פּרצן גופא, „עס זאָל אים וואַרעם זיין אין נעסט". פיל מאָל איז פּרץ געווען דאָס קאַפּריזע קינד און זיך נישט גערעכנט דערמיט, אַז די מאַמע, דינעזאָן, האָט אויך אַ ווילן, אַ באַגער, אַ כאַראַקטער. אָבער דינעזאָנען איז געווען ליב אויך אָט דאָס פּיניקן, — אַזאַ אומבאַגרענעצטע ליבע האָט ער פאַרמאָגט צו זיין אָנגעלעגסטן קינד פּרץ, אַזוי איינגעבאַקן איז ער אים געווען אין האַרצן מיט אַלע זיינע קאַפּריזן.

אַמשטאַרקסטן און אַמבולטסטן קלערן אונז אויף די פאַרהעלטעניש צווישן פּרצן און דינעזאָנען פּרצעס בריוו צו אים, וואָס זיינען דורך די־נעזאָנען אויפגעהיט געוואָרן, ווי אַ רעליקוויע. פּרץ איז נישט געווען קיין שטאַרקער בריוו־שרייבער. „איך בין בטבע אַ פיינט פון בריוו־שרייבן", — האָט ער אַמאָל געשריבן צו שלום־עליכמען. און דאָך האָט ער שטענ־דיק און זייער גערן געשריבן צו דינעזאָנען, ווען נאָר זיי האָבן זיך צע־שיידט. פון פּרצעס בריוו און בריוולעך, וואָס איך האָב באַוויזן אויפצו־קלייבן („פּרצעס בריוו און רעדעס"), זיינען אַ 90 געשריבן צו דינעזאָנען. מען דאַרף דערצו נעמען אין אַכט, אַז פּרץ און דינעזאָן האָבן דאָס רוב יאָרן פון זייער נאָענטער פריינטשאַפט געלעבט אין איינעם, אין איין שטאָט, אין וואַרשע.

על־פּי־רוב טראָגן די בריוו פון פּרצן צו דינעזאָנען אַ זאַכלעכן כאַראַקטער, אָדער עס זיינען קורצע ידידי בריוולעך אויף אָנזיכט־קאַרטעס. אָבער אויך פון די פּשוטע, אין גאַנצן־נישט־געקינצלטע בריוו קאָנען מיר שעפּן אַן אַ שיער פּרטים צו דער כאַראַקטעריסטיק פון זייערע באַציאונגען. עס זיינען אָבער אויך דאָ איניקע לענגערע מערקווירדיקע פּרצישע בריוו.

קודם־כל ווייזט זיך אַרויס פֿאַר אונז דער פּשוטער, דורכאויס מענטשלעכער פּרץ מיט זיינע היימישע, שטוביקע זאָרגן און אינטערעסן. עס ווייזט זיך אַרויס פֿאַר אונז פּרץ דער באַרואיקטער, דער אינטימער, פּרץ אין זיינע באַגעגענישן מיט דער ווירקלעכקייט, מיט מענטשן, מיט נאַטור. פּרץ איז שטאַרק אומבאַהאָלפֿן און ער נייטיקט זיך כּסדר אין דינעזאָנען, ער זאָל אים אַרויסהעלפֿן. נאָך אין 1892 ענטפֿערט ער דינעזאָנען אויף אַ בריוו, וואו דינעזאָן פֿרעגט זיך ביי אים עצות: „ראשית חכמה — זאָלסטו נישט פֿאָלגן מיין עצה, אויב איך וועל זי דיר געבן; דו ווייסט, אַז נישט איך בין דער מענטש, וואָס ווייסט, ווי צו באַגיין זיך אין לעבן, און דעריבער הענג איך אין רוים...״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 173). אָן דינעזאָנען קאָן ער נישט פֿאַרקויפֿן די אַרויסגעגעבענע ביכער. ער בעט זיך רחמים ביי אים, ער זאָל וואָס גיכער צוריקקומען פֿון קיעוו. „ווייל זינט דו ביזט אָפּגעפֿאָרן פֿון דאַנען, האָב איך קיין איינעם נישט פֿאַרקויפֿט צו קיין מוכר־ספֿרים, ווייל איך קען זיי נישט און זיי קענען אויך מיך נישט״ (דאָרט, ז׳ 178). פּרץ בעט ביי דינעזאָנען ער זאָל פֿאָרלייגן אין „המליץ״ זיינע, פּרצעס, נאָוועלן און אַרטיקלען פֿאַר אַנאָנסן וועגן די אויסגאַבן. די אומבאַהאָלפֿנקייט ביי פּרצן דערגייט אַזוי ווייט, אַז בריוו, וואָס ער שרייבט אָן, בלייבן נישט אַוועקגעשיקט אָדער גיין פֿאַרלוירן. „ס׳איז אַ רעטעניש — קלאָגט ער זיך פֿאַר דינעזאָנען — ווי אַזוי עס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן מיין ערשטער בריוו, כ׳האָב אַדורכגעקוקט דעם טיש, געזוכט דריי טעג און נישט געפֿונען, האָב איך געמוזט דעריבער אָנשרייבן אַ צווייטן״. אַן אַנדערש מאָל שרייבט פּרץ: „... כ׳האָב באַלד דיר געענטפֿערט. אַריינגעלייגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר, פֿאַרשריבן פֿון אַלע זייטן, אין אַ קאָנווערט און אויך אויפֿגעקלעפּט אַ מאַרקע... אָבער איצט קאָן איך זיך נישט דערמאָנען, צי דער בריוו איז אַרויסגעשיקט, אָדער ער איז גאָר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און איז נישטאָ...״

שוין פֿון די ערשטע טעג פֿון דער באַקאַנטשאַפֿט ווערט דינעזאָן פּרצעס פֿאַרטרעטער אין די פֿאַרהאַנדלונגען מיט אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן. ער שיקט פּרצעס זאַכן צו שלום־עליכמען נאָך אין 1889 און פֿירט אונטערהאַנדלונגען פֿאַר פּרצן. אין אַ בריוו פֿון פּרצן צו שלום־עליכמען לייענען מיר: „אין אייער קורצן בריוו שרייבט איר, אַז איר האָט געפֿונען גוטע שטעלן און שלעכטע שטעלן אין מיין שיר, און ער וועט קאָנען געדרוקט זיין נאָר „מיטן תּנאַי, אויב איך וועל מסכּים זיין אויף די באַדינגונגען און אָפּמאַך, וואָס איר האָט געשריבן צו אונזער פֿריינט דינעזאָן״. שלום־עליכם אין זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט פּרצן״ (אַלע ווערק,

ב. 15) שרייבט: „ער, דינעזאָן, נישט פּרץ — האָט מיר צוגעשיקט נאָך דעם אַ גאַנצן „טעטראַד" מיט קליינע דערציילונגען פֿון י. ל. פּרץ... פֿון דעמאָלט אָן און ווייטער איז אַלץ, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעוואָרפֿן, איז דאָס געגאַנגען דורך דינעזאָנס הענט" (ז' 71). און ש"ע גיט צו: „אַז דינעזאָן איז געווען זיין ביזנעס־סעקרעטאַר, — ווי עס הייסט ביי אייך (דער אַרטיקל איז געשריבן אין אַמעריקע. — נ. מ.), אָדער פֿינאַנץ־מיניסטער, ווי מיר האָבן אים, בדרך לצנות, גערופֿן — פֿון דעם איז אָפּגערעדט, וואָרעם אין געלט־זאַכן איז פּרץ געווען, לויט דינעזאָנס אָפּשאַצונג, „ערגער פֿון אַ קינד, אַ קינד, וואָס דאַרף האָבן אַ מאַמע. און אין דינעזאָנען האָט פּרץ געפֿונען אַ מאַמע, אַ געטרייע, אַ איבערגעגעבענע מאַמע, וואָס איז גרייט געווען זיך מוסר־נפֿש זיין פֿאַר אים אַלע מינוט".

אויך מיט יאָרן שפּעטער פֿאַרלאָזט זיך פּרץ אין אַלץ אויף דינעזאָנען. אין אַ בריוול צו י. דינעזאָן פֿון 1901 בעט ער אים: „גיי אַריין צום ה' בן־אַביגדור און מאַך מיט אים אַ חשבון פֿאַר מיין אַרבעט. מיר דאַכט זיך, אַז ער דרייט זיך פֿון מיר אַרויס. און איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, און איך, ווי דו ווייסט, האָב ליב קלאָרע זאַכן". און אָט ווי פּרץ כאַראַקטעריזירט אין אַ בריוו זיך און דינעזאָנען: „... דו אָן מיר ביזט אַ נול, און איך אָן דיר — נאָך ווייניקער, איך בין אַ מינוס. ווען וועסטו שוין קומען, כדי פֿון דעם מינוס און פֿונעם נול זאָל ווערן עפּעס אַ צאָל". פּרץ וויל אַליין קיין אונטערהאַנדלונגען נישט פֿירן. ער שרייבט אין יאָר 1907 צו י. דינעזאָן: „מיט מילערן (אַ פֿאַרשטייער פֿון אַן אַמעריקאַנער יידישן פֿאַרלאַג. — נ. מ.) האָב איך ווייניק גערעדט; איך האָב געזען ביי אים דיינס אַ בריוו אַ גרויסן, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף נישט רעדן". שוין גאָר די לעצטע יאָרן, ווען עמעץ פֿרעגט אָן ביי פּרצן זיין אַני־מאַמין און ביאָגראַפֿיע, ענטפֿערט אים פּרץ עטלעכע שורות און ער גיט צו: „ביאָגראַפֿישע נאָטיצן שרייבט צו אויף מיין ביטע מיין קאָלעגע י. דינעזאָן". אַמאָל אָבער רופֿט עס אַרויס אַ כעס ביי פּרצן, וואָס דינעזאָן טוט אָן זיין וויסן און הינטער זיינע פּלייצעס. אין דעם זין זיינען זייער אינטערעסאַנט די פּאָר אויפֿגערעגטע שורות פֿון פּרצן צו ש. ניגער, פֿאַרוואָס ער טיילט זיינע זכרונות אין דער „יידישער וועלט": „... שרייבט איר וועגן צאָרן און שטראָף, ביידע זיינען מיר צו ווייט, צו נישט פֿאַרשטענדלעך. און געוואוסט האָב איך: יד דינעזאָן באמצע, ער האָט מיט די אייגעלעך געפּינטלט. פֿאַרשטיי איך: ער שרייבט הינטער מיינע פּלייצעס"... („בריוו און רעדעס", ז' 341).

רירנד זיינען די ערשטע איינדרוקן פון דינעזאָנען נאָך דער באַ־קאַנטשאַפט מיט פרצן. אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען שרייבט דינעזאָן: „איך ווייס ניט, וואָס דער מענטש האָט דערוויילט אין מיר געפונען, כאָטש מיר איז קלאָר גענוג, וואָס איך געפין אין אים יעדן טאָג. ער שיקט מיר צו אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון זיין געבענטשטער געדיגענער פעדער, און איך קלויב נחת, האָב אמתע פאַרגעניגן צו לייענען זיינע עסקיזן, וואָס זיינען מיט גאָלד ניט אָפּצושאַצן". באמת מערקווירדיק זיינען אָט די ווערטער פון דינעזאָנען, געשריבן ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אין יאָר 1889, וועגן דער קענגזייטיקער ליבע, וואָס וועט קיין מאָל נישט איבערגעריסן ווערן.

מען האָט פאַרגעוואָרפן פרצן, אַז ער האָט נישט ווי געהעריק אָפּגע־שאַצט דינעזאָנען און אַז ער האָט אַפילו זיך באַצויגן צו אים מיט גרינג־שעצונג. עס איז נישט ריכטיק. אפשר אַמאָל, אין אַן אויפגערעגטן מאָמענט, האָט זיך ביי פרצן אַרויסגעריסן אַ האַרב וואָרט קעגן דינעזאָנען, אפשר האָט ער זיך אַמאָל דערלויבט אויך אַ ביטול־שמייכל, אָבער טיף אין האַרצן האָט ער שטאַרק פאַרערט דינעזאָנען און געוואוסט, ווי צו שעצן זיין צוגעבונדנקייט. אין פרצעס בריוו צו דינעזאָנען טרעפן מיר זיך פיל מאָל אָן אויף דער טיפער אַכטונג און ליבע פון פרצן צו זיין טרייען פריינט. אַרום 1892 שרייבט פרץ: „דיינע בריוו האָב איך דערהאַלטן. דער ערשטער בריוו האָט מיך זייער איבערגעשראָקן, נאָר איך האָב גע־האָפט אויף אַ צווייטן, איז ער געקומען און מיך באַרואיקט. איך דאַנק דיר פון טיפן האַרצן פאַר דיין הבטחה צו קומען צו מיר. איך בין זיך מודה ומתוודה פאַר דיר, אַז איך האָב שטענדיק אין האַרצן געטראָגן אויף דיר אַ פאַרדראָס (דאָס איז ערשט געווען אויפן דריטן יאָר פון זייער באַ־קאַנטשאַפט. — נ. מ.), וואָס דו האָסט נישט געגלויבט אין אָט דער אָפענער טיר, און וואָס דו האָסט פון מיר אַ סך אויסבאַהאַלטן. אָבער די דאָזיקע טעג, די טעג פון סודות, זיינען שוין פאַרביי. צוויי קבצנים זיינען מיר, און מיר וועלן העלפן איינער דעם צווייטן ווי נאָר מיר וועלן קענען". „גלויב מיר, — שרייבט פרץ צו דינעזאָנען אין זעלבן בריוו, — אַז איך וועל זיך פרייען מיט דיר, ווי ס'פרייט זיך אַ חתן מיט זיין כלה און דווקא, ווען זיי פאַרבינדן זיך צוליב אמתער ליבע און נישט צוליב געלט אָדער יחוס". אַרום דינעזאָנען איז פרץ סענטימענטאַל און ווייכהאַרציק. ער באַ־קומט פון דינעזאָנען אַ טרויעריקן בריוו און ער ענטפערט אים: „דיין בריוו, וואָס איז פול מיט טרויער און פאַרביטערונג, האָב איך דערהאַלטן. דו האָסט נאָר געשפּאַסט פון מיר, ווען דו בעטסט ביי מיר אַ טרייסט

פֿאַר דיר. ווי קאָן איך דיר טרייסטן, בעת מיין נשמה איז אַליין פֿאַר־טרויערט...״ און אַט שרייבט ער אין אַן אַנדערן בריוו: „מיין האַרץ האָט זיך נישט אָפּגעקערט פֿון דיר; פֿאַרקערט, איך האָב דיך שטענדיק ליב״.

און אַט בעט זיך פּרץ ביי דינעזאָנען, וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן קיין קיעוו אויף אַ לענגערער צייט: „קום קיין וואַרשע און זיץ צוזאַמען מיט מיר, ווי לאַנג דער באַלעבאָס וועט אונז לאָזן וואוינען, מיין ברויט וועט זיין דיין ברויט און מיין געטראַנק — דיינער. פֿאַרגעס אויך נישט, אַז שולדיק בין איך דיר אַ סך, און אַפֿילו אויב דו זאָלסט ביי מיר עסן זייער לאַנג, וועל איך נאָך אַלץ נישט דעקן דיר מיין חוב...״ (דאָרט, ז׳ 173).

פּרץ האָט דרך־ארץ פֿאַר דינעזאָנען, ווי פֿאַר אַ פֿאָטער, ער פֿאַר־שטייט אָפּט זיינעם אַ וואונק און ווייסט אַפֿילו זיינע שוואַכקייטן און פֿאָלגט אים. דינעזאָן האָט אין אַ בריוו פֿון קיעוו פֿאַרגעלייגט פּרצן, ער זאָל איינלאַדן א. שולמאַנען. פּרצן האָט זיך נישט געוואָלט און ער שרייבט צו דינעזאָנען: „צי קען איך בעטן ביי אים אַ מאמר?... איך זע דיין פּנים, עס איז אומעטיק; מיינע ווערטער וועלן דיר נישט זיין צום האַרצן; נו, זאָל שוין זיין ווי דו ווילסט, כ׳וועל אים שרייבן א י צ ט״ (ז׳ 170). אָט פּיעשטשעט ער זיך פֿאַר דינעזאָנען. ער דערציילט אים וועגן דער סביבה, אין וועלכער ער איז אַריינגעפֿאַלן אין דעם קוראָרט, און ער שרייבט ווייטער: „און צו וואָס שרייב איך עס דיר? נאָר כּדי דו זאָלסט וויסן, אַז איך דריי מיך דאָ אַרום ווי אַ יתום״. דאָס איז געווען אין 1911, ווען פּרץ איז שוין אַלט געווען זעכציק יאָר. „עס איז טרויעריק״, — ענדיקט ער זיינס אַ גרויסן בריוו צו דינעזאָנען. אין אַנדערש מאָל גיט פּרץ אַ דעפּעשע און קאָרגט נישט קיין ווערטער. ער כאַפּט דערפֿאַר אַ פּסק פֿון דינעזאָנען און ער פֿאַרענטפֿערט זיך: „די זעקס איבעריקע ווערטער אין דער דעפּעשע — זיי מיר מוחל״. אינטערעסאַנט איז אַ קורצער ענטפֿער אויף דינעזאָנס אַ פֿאַרוואורף: „וואָס אַמבאַלאַנגט דיין בריוו, האָב איך דיר גאָרנישט וואָס צו ענטפֿערן. דו רופֿסט מיך פֿאַרהלומטער, איך דיך — פּעסעמיסט. איך בלייב ביי מיינעם: אין רעכטע הענט וואָלט אַלץ געווען רעכט״.

באַזונדערס טרעפֿלעך און רירנד איז דער בריוו, וואָס פּרץ האָט געשריבן צו דינעזאָנען אַלס תשובה אויף זיינעם אַ טרויעריקן בריוו וועגן אַן עקספּראָפּריאַציע, וואָס מ׳האָט געמאַכט ביי דינעזאָנען אין שטוב און צוגענומען ביי אים אייניקע זאַכן. „אַ שטיקל הנאה פֿון דער גנבה — שרייבט פּרץ — האָב איך דאָך... דו האָסט מיר, אַ דאַנק דער גנבה, אַ דענערוווירט בריוול געשריבן... „דאָס ווענטל קוקט אויף דיר מעלאַנ־

כאַליש און לאָזט דיך די גנבה נישט פֿאַרגעסן״. דאָס איז גוט. דו אַנט־לויפֿסט פֿון לעבן, פֿון אַלעס, וואָס דענערווירט און רופֿט אַרויס טיפֿערע טענער, האָט זיך דאָס לעבן צו דיר אַריינגעריסן אין געשטאַלט פֿון אַן עקספּראָפּריאַציע. נאָ דיר און וויין נישט. און אַ ביסל סכּנה איז אויך געווען דערביי, און ניצול פֿון אַ מעסער ביזטו געוואָרן... זאָג דעם אמת, עס חלומט זיך דיר אַ מעסער? אויב יאָ, באַשרייב עס. זאָל זיין אין אַ בריוו״. און אַט דער בריוו ענדיקט זיך מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער: „זיי געזונט און שטאַרק. מאַך דיר נייע שיינע קליידער. גיי צום לעבן און וואַרט נישט, עס זאָל דיר מוזן איינברעכן די טיר, אָפּהאַקן שלעסער...״ (דאָרט, ז״ז 256־258).

פּרץ רופֿט כּסדר דינעזאָנען צוריק צו דער ליטעראַטור. „איך פֿאַר־שטיי נישט דיינע דרכים און דיינע מעשׂים — שרייבט צו אים פּרץ נאָך אין יאָר 1893 — וואָס איז מיט דיר געוואָרן? צי קאָן אַ פֿרוי פֿאַרגעסן איר קינד? און דו האָסט די ליטעראַטור אָוועקגעוואָרפֿן הינטער זיך? שרייב מיר, וואָס דאָס באַדייט״. אין אַן אַנדערן בריוו (פֿון יאָר 1894) בעט זיך פּרץ ביי דינעזאָנען: „אויב דו וועסט מיר נישט שיקן די דערציילונגען אין משך פֿון צוויי וואָכן, הרגעסטו אויך די איבעריקע אויסגאַבעס, און געוואַלד, וואָס אין דיינע פֿאַלעס געפֿינט זיך דאָס בלוט פֿון די „יום־טוב־בלעטלעך״, ווילסטו נאָך פֿאַרגיסן דאָס בלוט פֿון דעם „ליטעראַטור און לעבן״? אפֿשר קאָנסטו דאָך אָנשרייבן אַ זאַך?״ פּרץ דרוקט אַפֿילו אָפּ אין אַ באַזונדער אויסגאַבע י. דינעזאָנס „הערשעלע״, וואָס איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין פּרצעס „די יידישע ביבליאָטעק״. „איך האָב עס אין גאַנצן אָפּגעדרוקט, — שרייבט פּרץ, — אפֿשר וועט עס זיין פֿאַר דיר עפּעס אַן אויסזיכט״.

יעקב דינעזאָן איז געווען זייער דאַנקבאַר פּרצן, וואָס ער האָט אים געמונטערט און באַווירקט ער זאָל זיך אומקערן צו דער ליטעראַטור. אין איינעם אַ גרויסן בריוו (פֿון יאָר 1911) צו ש. ניגער, וואָס טראָגט אַ כאַראַקטער פֿון אַ ווידוי און אויטאָביאָגראַפֿיע, שרייבט דינעזאָן: „...נישט שרייבן האָב איך נישט געקענט, אָבער נישט דרוקן דאָס אויפֿגעשריבענע האָט מיר קיין באַזונדערע מי און גייסטעס־אָנשטרענגונג נישט געקאָסט. ווידער צו דרוקן דאָס לאַנג שוין אויפֿגעשריבענע האָב איך אָנגעהויבן, און דווקא אויף מיין אייגענעם רעכ׳, ערשט נאָך מיין באַפֿריינדן זיך מיט פּרצן, וועלכער האָט מיך דערצו שטאַרק צוגערעדט״ („צוקונפֿט״, 1929, ז׳ 624). אָט די ווערטער פֿון דינעזאָנען צעשטערן דעם אָנגענומענעם בילבול, אַז פּרץ האָט דערדריקט דינעזאָנען ווי אַ שרייבער. אָט שרייבט

דינעזאָן צו ש. ניגערן: „...אויף מיר איז ריכטיק געזאָגט געוואָרן דער פּסוק: שמוני נוטרה את הכּרמים, כּרמי שלי לא נטרתי — געמאַכט פֿאַר אַ נוטר את הכּרמים, האָט מיר אַפֿילו, אויסער איך אַליין זיך זעלבסט, קיינער נישט. אָבער דאָס, וואָס איז מיר קיין מאָל נישט שווער געווען צו טאָן פֿאַר פּרצן, למשל, אָדער פֿאַר אַנדערע מיינע קאָלעגן, אין דעם ענין פֿון אַרויסגעבן פֿולשטענדיקע זאַמלונגען פֿון זייערע שריפֿטן, איז מיר פֿאַר זיך אַליין כּמעט אַן אוממעגלעכקייט. פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי, קאָן איך מיר אַליין נישט ערקלערן" (דאָרט ז' 624).

אין אַן אַנדער אָרט, אין אַ בריוו צו אַ נאָענטער פֿריינדין („פּנקס", אַמעריקאַנער ייוואָ־סעקציע, 1928, העפֿט 4), פּרוּאווט יעקב דינעזאָן כאַראַקטעריזירן זיך אַליין: „...וואָס זאָל איך טאָן, אַז דאָס איז פֿאָרט אַן אמת [אַז ער איז „אַ בעל־הרגש". נ. מ.] און איך קאָן אַנדערש נישט זיין — (כאָטש איך וויל עס אָפֿט זייער) — ווי גאָט האָט מיך באַשאַפֿן? גאָט האָט מיר מער הערץ אַלס מוח געגעבן, און אומעטום און אַלע מאָל איז דאָס הערץ ביי מיר פֿריער ווי מיין שכל, זעלבסט אין קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ... — — — וואָס זאָל איך אייך פֿיל דאָ זאָגן? גענוג, אַז מיין אידעאַליזם האָט מיך ביז אַ געוויסער שטופֿע פֿון אַסקעטיזם צוגעפֿירט, און דורך דעם בין איך אַזוי עלנט און אַליין אין מיין לעבן געבליבן ביז היינטיקן טאָג. איר ווייסט אפֿשר נישט, הערט־זשע דעם טראַסטלאָזן פֿאַקט: איך בין אומפֿאַרהייראַט געבליבן, האָב נישט און ווייס נישט פֿון דער זעליקער צערטלעכקייט און ווייכלעכקייט אין מיינעם איינזאַמען האַלב־אַסקעטישן לעבן, וואָס נאָר אַן איבערגעגעבענע פֿרוי וואָלט מיר געקאָנט געבן, און מיין לעבן וואָלט אַזוי קאַלט און טראַסטלאָז נישט געווען, ווי עס איז אַצינד".

מען האָט געפּרוּווט באַווייזן, אַז דינעזאָן איז געווען נאָכגיביק צו פּרצן — עס איז נישט אין גאַנצן ריכטיק. דינעזאָן איז אָפֿט געווען שטרענג צו פּרצן אַפֿילו אין ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו פּרצן גופֿא. אָט איז געשען אַ סיכסוך צווישן פּרצן און דער רעדאַקציע „יידישע וועלט" וועגן זיינע „זכרונות", וואָס האָבן זיך דאָרט געדרוקט. פּרץ איז שטאַרק אויפֿגעבראַכט און ער שרייבט אַן קיין ווילנע אַ ברוגז־בריוול און וויל איבעררייסן מיט זיי, אָבער דינעזאָן טוט זיך זיינס און איז נישט נתפּעל פֿון פּרצעס כּעס. ער שרייבט קיין ווילנע צו דער רעדאַקציע „יידישע וועלט": „איבערלייענענדיק אייער וו' בריוו וואונדערט מיך, וואָס איר האָט אַזוי ערנסט אָנגענומען פּרצעס מאָמענטאַנעם כּעס. שרעקט אייך נישט, אויף אים קאָן מען זאָגן: רגע באַפּו, זיין כּעס דויערט נישט מער ווי אַ רגע,

באַלד אָבער זעט ער איין, אַז דער אַנדערער זייט איז אויך גערעכט. איך בין גראָד צוגעגן נישט געווען, ווען ער האָט אין יענער אויפֿגערעגטער רגע זיין פֿאַסטקאַרטע אָדער בריוו אייך געשריבן, און האָב כמעט פֿון דער גאַנצער געשיכטע נישט געוואוסט. ערשט שפּעטער האָט ער מיר וועגן דעם דערציילט. און ער האָט געכאַפּט פֿון מיר אַ פֿאַרציע נאָך מער אפשר ווי ער האָט יאָ ווען אַזאַ כשר פֿאַרדינט" („צוקונפֿט" ז' 629). „בכלל — זאָגט אַן דינעזאָן אין דעם בריוו — ביי אַזעלכע סיכסוכים, קאַפּריזן אָדער זאַנסט מיספֿאַרשטענדעניש, וואָס קאָנען אַמאָל פֿאַרקומען צווישן פּרצן און אייער געערטער רעדאַקציאָן, זאָלט איר תּמיד באַלד מיר געבן צו וויסן, און איך וועל שוין דאָס מייניקע טאָן צו פֿאַלשטענדיקער פֿאַר־שטענדניס און איינשטימונג צו ברענגען" (דאָרט ז'629). און „בנוגע דער איצטיקער פֿראַגע, צי זאָל מען זיינע זכרונות ווייטער דרוקן? אַוודאי דרוקן! און דרוקט ווי עס איז מעגלעך און ווי עס לאָזט זיך. די אַחריות נעם איך איבער אויף זיך, און אויס רייד!"

און אַדרבה, נישט נאָר, וואָס פּרץ האָט זיך געגרויסט לגבי זיין פֿריינט. נאָר דינעזאָן האָט פּרצן פֿאַרגעוואָרפֿן, פֿאַרוואָס ער האַלט זיך אַזוי פּשוט. אָט שרייבט ער פּרצן אַ בריוו קיין אויסלאַנד, וואו ער הייסט אים, „ער זאָל אויף זיך אַליין קוקן פֿון אונטן אַרויף".

אַ גוטער עדות פֿון דער טיפֿער פּרץ־דינעזאָן־פֿריינטשאַפֿט איז דער גוטהאַרציקער ש. אַנ—סקי. ער איז געווען אין וואַרשע און נאָענט געווען צו פּרצן און דינעזאָנען. און אָט וואָס ער שרייבט (ש. אַנ—סקי, געז. שריפֿטן, ב. X, ז' 164 א. וו.): „...וואָס נענטער איך בין מיט זיי באַ־קאַנט געוואָרן, האָב איך אַלץ טיפֿער געפֿילט זייער אינטימע פֿריינטשאַפֿט צווישן זיך, ביז זיי זיינען געוואָרן אין מיין זינען — און אויך ביי מיר אין האַרצן — אומגעשיידט, איינעם אַן דעם צווייטן האָב איך זיך נישט געקאָנט פֿאַרשטעלן.

„עס איז דאָ אַ פֿאָלקס־אויסדרוק וועגן דער העכסטער פֿאָרם פֿון פֿריינטשאַפֿט און ליבע צווישן צוויי מענטשן: „איין נשמה אין צוויי גופֿים". וועגן פּרצן און דינעזאָנען האָט מען געקאָנט דאָס זעלבע ווערטל זאָגן פֿאַר־קערט: „צוויי נשמות אין איין גוף". שווער פֿאַרצושטעלן זיך צוויי כאַ־ראַקטערן, צוויי אינדיווידואַליטעטן, וואָס זאָלן זיין אַזוי וויט איינער פֿון אַנדערן, ווי די דאָזיקע פֿריינט, וועלכע זיינען געווען אינטים באַהעפֿט און אומגעשיידט יאָרן־לאַנג.

„פּרץ מיט זיינע פֿינקלדיקע קלוגע אויגן, מיט זיינע לעבהאַפֿטע באַ־וועגונגען, מיט זיינע בליצנדיקע און בלאַנקנדיקע ווערטער האָט ביי מיר

שטענדיק אַרויסגערופן די פאַרשטעלונג פון אַ גרויסן טייערן פּילפּאַכיק־געשליפענעם בריליאַנט; ווי אַ בריליאַנט איז דער מענטש געווען ריין און ליכטיק, ווי אַ בריליאַנט האָט ער געפינקלט מיט יעדן געשליפענעם קאַנט, ווי אַ בריליאַנט איז ער געווען שטאַרק אין זיינע מיינונגען. און אויך ווי אַ בריליאַנט האָט ער אַן אַנדערש מאָל שאַרף געשניטן די יעניקע, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דעם וועג צו זיין הויכן ציל. דינעזאָן — מיט זיין שטילער געלאַסנקייט, מיט זיין ליבלעכן בליק, וועלכער שטראַלט מיט אַן אומענדלעכער צאַרטקייט, רחמנות און איבערגעגעבנקייט, מיט זיין שטענדיקער גרייטקייט אָפּגעבן זיך אין גאַנצן דעם צווייטן; דינעזאָן, וועלכער איז אָרגאַניש אומפּעאיק זאָגן עמעצן אַ שאַרף וואָרט, פאַרשאַפן וועמען דעם קלענסטן צער, איז געווען אין פיל פרטים דער היפוך פון דעם שטורמיש־פלאַמענדיקן, שטאַרקן פרצן, און די ביידע פריינט זיינען געווען ווי באַהאַפטן אין איין גוף. עס איז נישט געווען קיין זאַך, קיין ליטעראַרישער פּלאַן, קיין אויפטו, קיין רעיון פון איינעם, וואָס דער אַנדערער זאָל עס נישט וויסן. ביידע געלעבט מיט דעם זעלביקן לעבן, מיט די זעלביקע אינטערעסן, מיט די זעלביקע פרייד און דאגות. ביי פרצן אין הויז איז דינעזאָן געווען דער זעלביקער באַלעבאָס ווי פרץ, ער האָט געוואוסט, וואו יעדעס פּאַפּירל ליגט, פלעגט אָפט נישט פרעגנדיק פרצן ענטפערן אויף זיינע בריוו.

„— פרץ, פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געענטפערט אויף מיין בריוו?

— האָב איך אים איין מאָל געפרעגט.

„— איך האָב גערעכנט, אַז דינעזאָן האָט אייך אויף אים געענטפערט. — — —

„זייער נאָענטשאַפט — שרייבט ש. אַנ—סקי — האָט שוין אַפילו אַריבערגעשטיגן די מדרגה פון פריינטשאַפט. אַזאַ אינטימער צוזאַמענבונד טרעפט נאָר ביי אַן אַלט פּאָר־פּאָלק, וואָס אָפּלעבנדיק אַ האַלבן יאָרהונדערט צוזאַמען אין ליבע און טרייהייט פאַרלירן זיי איינער בנוגע צום אַנדערן די גרענעצן פון דעם אייגענעם איך".

אינטערעסאַנט זיינען די ווערטער פון י. דינעזאָן אין אַ בריוו צו אַ נאָענטער פריינדין, וואו ער דערציילט וועגן די באַציאונגען פון פרצן צו זיין זון לוציאַן: „פרץ — שרייבט י. דינעזאָן — איז אַ הייסער צערטלעכער פאָטער און האָט זיין איינציקן זון זייער ליב... ברויך פרץ עפּעס געוואָר ווערן ביי זיין אייגן קינד, בעט ער איך זאָל ביי אים פרעגן. און איך האָב מזל צו אים, מיר דערציילט ער אַלץ און מיט מיר קען ער גאַנצע טעג פאַרברענגען" („פנקס", אויסגאַבע פון ייוואָ, ניו־יאָרק, 1929, נומ' 1).

אייניקע וויכטיקע שטריכן וועגן די פּרץ־דינעזאָן־באַציאונגען געפינען מיר אין די זכרונות פון ראָזאַ לאַקס־פּרץ, וואָס האָט זיך אין משך פון אַ לענגערער צייט צוגעקוקט צו פּרצן און דינעזאָנען („ליטער. בלעטער״, 1925, נומ׳ 42־43): „כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די פריינשאַפט איז געווען דער צענטער, דאָס וויכטיקסטע אין דינעזאָנס לעבן. דינעזאָן פלעגט מיר אַלע מאָל מיט פרייד דערציילן, ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען זיין באַקאַנען זיך מיט פּרצן... זיין נאָענטקייט מיט פּרצן האָט ער באַטראַכט ווי אַ פאַטום, אַ באַשערטקייט פון גאָט... דינעזאָן פלעגט זייער אָפט קומען צו פּרצן. שבת — תמיד. אומבאַדינגט. שבת פלעגט ער פאַרברענגען ביי פּרצן אַ גאַנצן טאָג. פּרץ פלעגט אים שטענדיק באַגעגענען מיט אַ פריילעכן שמייכל אויפן פּנים. ס׳איז געווען קאַנטיק, אַז דינעזאָנס וויזיטן פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן. דינעזאָן, דאַכט זיך, האָט געהאַט זיין אייגענעם שליסל צו פּרצעס טיר, ער פלעגט שטיל אַריינקומען און באַלד עפּעס רעדן מיט פּרצן וועגן געלט־ליטעראַרישע ענינים... נאָכדעם פלעגט ער זיך נעמען צו זיינע שבתדיקע באַשעפטיקונגען ביי פּרצן אין הויז: אַרומשניידן די בלומען און באַגיסן זיי מיט וואַסער. ווען די אַרבעט איז געווען געענדיקט, פלעגט ער אויסשפּרייטן אויפן טיש אַ צייטונג, אַנידערשטעלן אַ פּושקע גילזן, אויסשיטן אויפן פּאַפּיר טיטון און מאַכן פאַר פּרצן פּאַפּיראָסן...״ און ראָזע לאַקס־פּרץ מאַכט אַזאַ מין סך־הכל פון די פּרץ־דינעזאָן־באַציאונגען: „אַט זע איך זיי ביידן רעדן — דינעזאָן האָט אַן ערנסטן אויסדרוק אויפן פּנים, אין פּרצעס באַנעמונג איז תמיד מער לייכטקייט, זאָרגלאָזיקייט; און כאָטש זיי זיינען געווען, דאַכט זיך, איין וואוקס, דאָך האָב איך דעם איינדרוק, אַז בשעתן רעדן צווישן זיך האָט דינעזאָן אַ ביסל אַרויפגעקוקט צו פּרצן. ווען דינעזאָן האָט גערעדט מיט פּרצן, האָט זיך תמיד געלויכטן אין זיינע אויגן ליבשאַפט, אַכטונג און שטאָלץ און אַחוץ דעם עפּעס אַ באַזונדערע פייערלעכקייט. פּרץ האָט זייער ליב געהאַט דינעזאָנען און כסדר זיך געגוטיקט אין אים, נאָר דינעזאָן איז פאַר אים נישט געווען אַלץ, ווי פּרץ פאַר דינעזאָנען...״

אַברהם קין (איינער פון די אַרויסגעבער פון טאָגבלאַט „פאָלקסשטימע״ אין באַרדיטשעוו), האָט מיר איבערגעגעבן אַזאַ מין כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. ער איז געקומען קיין וואַרשע אין 1912 איינצולאָדן פּרצן מיטצואַרבעטן אין דער צייטונג. ער איז געווען ביי פּרצן, געווען ביי דינעזאָנען. פּרץ האָט שוין דאַן געוואוינט אויף יעראָזאָלימסקי־אַלייע. דינעזאָן האָט געהאַט אַ שליסל צו דעם ליפט און אויך צו דער טיר פון פּרצעס

שטוב. אַז מ׳האָט אַרומגעשמועסט מכּוח דער נייער צייטונג, האָט פּרץ אַ זאָג געטאָן צו דינעזאָנען:

— יאַנקל, פאַרקויף מיך!

דינעזאָן האָט באַשטימט אַ פּרייז, 50 רובל אַ חודש פאַר צוויי אַר־טיקלען אָדער נאָוועלן. בעת מעשה האָט פּרץ זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט, נישט געוואָלט בייזיין ביי די געלט־פאַרהאַנדלונגען. קיין האָט אַרויסגענומען 50 רובל און אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— נעמט אַוועק דאָס געלט! — האָט פּרץ זיך אָנגערופן. ער האָט נישט געוואָלט קיין באַצאָלט. אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט די „פאָלקס־שטימע" באַקומען פון פּרצן די פּראַכטפולע מעשה „דאָס פאַרטעך" מיט אַ צושריפט: „אַלס מתנה אַן געלט דעם באַרדיטשעווער שניידער".

ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי ס׳איז געשטיגן פּרצעס ליבשאַפט און נאָענט־קייט צו דינעזאָנען. לכתחילה רופט ער אים אין זיינע בריוו „ידידי", דער־נאָך „ידיד־נפש", שפּעטער „ליבער דינעזאָן", ליבער יעקב", „ליבער יאַנקל" און אויך „ברודער".

זיי זיינען געוועזן און פאַרבליבן איינער פאַרן אַנדערן ברידער. גע־טרייע איבערגעגעבענע, טיף־פאַרליבטע ברידער.

אויף זיי קאָן מען זאָגן: הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו.

כּדי צו דערגאַנצן דאָס בילד „פּרץ און דינעזאָן" וועלן מיר ברענגען איניקע אויסצוגן פון אַ בריוו פון יעקב דינעזאָן, וואָס ער האָט געשריבן יולי 1919 (איבער 4 יאָר נאָך פּרצעס טויט) צו הערמאַן בערנשטיין, ניו־יאָרק. מיר זעען ווי יעקב דינעזאָן האָט אויפגעהיט זיין פאַרערונג צו פּרצן און אַריבערגעטראָגן די זאָרג צו זיין פרוי. „עס האַנדלט זיך — שרייבט יעקב דינעזאָן — וועגן דער באַדויערנסווירדיקער גענדריקטער, אין מאַ־טעריעלער הינזיכט, לאַגע פון דער פאַמיליע — הויפּטזאַכלעך, פון דער אַלמנה — פון אונזער אומפאַרגעסלעכן און אומדערזעצלעכן גרויסן קאָלעגע יצחק לייבוש פּרץ, ז״ל. — אַלס דער נאָענטסטער פריינט זיין גאַנצעס לעבנס־צייט, איז מיין פליכט, די זעלבע פריינטשאַפט פאַרצוזעצן אין באַצוג צו זיין נאָך אים אין טרויער און עלנט פאַרבליבענע פאַמיליע. און עס טוט מיר פיינלעך וויי, אייך דערציילן צו מוזן, ווי ווייניק און ווי נישטיק, כּמעט, עס איז ביז אַהער געטאָן געוואָרן צו פאַרערן און פאַר־

איבּיקן דאָס געדעכעניש פֿון דעם גרויסן פּרצן בכלל, און צו פֿאַרזאָרגן מיט אַ דערטרעגלעכער עקזיסטענץ זיין אלמנה בפֿרט. — אַלס עמעריטור פֿאַר פֿינף־און־צוואַנציק יאָריקע אומדערמידלעכע שאַפֿנדע אַרבעט אין וואַרשעווער יידישער געמיינדע פֿאַרוואַלטונג, באַקומט די אלמנה פֿון פּרצן קוים 144 מאַרק מאָנאַטלעכע פּענסיאָן. דערפֿון האָט מען איר פֿיר יאָר כסדר אָפּגעשלאָגן צו עלף מאַרק מאָנאַטלעך ביז עס האָט זיך ערשט פֿאָריקן מאָנאַט געסילוקט די סומע 200 רובל, וואָס פּרץ האָט אַמאָל געבאָרגט ביי דער פֿאַרוואַלטונגס־קאַסע".

י. דינעזאָן חידושט זיך ווי מ'האָט געקאָנט לעבן פֿון אַזאַ בישטיקער סומע. און ער זאָגט ווייטער: „איך וואונדערט אפֿשר, וואָס מיר פֿאַלט איין איך צו דערציילן דעם גרויסן יושר פֿון וואַרשעווער יידישער געמיינדע־פֿאַרוואַלטונג, און איך פֿאַרשווייג איך פֿון דעם פּשוט פֿאַרברעכערישער אומדאַנקבאַרקייט פֿון גאַנצן יידישן פּובליקום אין אונזער אַלטער יוראָפּ, ווי מען רופֿט זי דאָרט ביי איך. וועל איך איך אין קורצן ענטפֿערן, וואָס האָט שוין מיט פֿיר יאָר צוריק, באַלד נאָך פּרצעס טויט, מיר געענטפֿערט איינער פֿון די וויכטיקסטע און אָנגעזעענסטע פּעטערבורגער יידישע כלל־טוער, ווען איך האָב מיט אים דאָ אין וואַרשע אַן אונטעררעדונג געהאַט וועגן שאַפֿן אַ מין פּרץ־פֿאָנד, וואָס זאָל פֿאַראייביקן זיין פֿאַרדינסט־און רומפֿולן נאָמען בכלל, און וואָס זאָל פֿאַרזאָרגן דאָס עקזיסטענץ פֿון זיין אין טרויער און עלנט פֿאַרבליבענע וויטווע (אלמנה) בפֿרט. „פּרץ, — האָט יענער מיר אַ זאָג געטאָן, — האָט זייער נ י ט ק ל ו ג געטאָן, וואָס ער האָט קיין בעסערע צייט ניט געפֿונען ווען צו שטאַרבן, ווי דווקא בעת די גאַנצע וועלט איז אין אַ מלחמה פֿאַרפּלאָנטערט, און די גאַנצע געזעל־שאַפֿטלעכע ענערגיע און כוחות מוזן פֿאַרווענדט ווערן צו ראַטעווען די אומצאָליקע הונגעריקע, צעפּלינדערטע און פֿאַרוואָגלטע!"

„יאָ, געערטער קאָלעגע, פּרץ האָט עס טאַקע ניט קלוג געטאָן צו שטאַרבן אַזוי פּלוצלונג און אַזוי אומגעריכט. ער האָט גאָר קיין צייט ניט גענומען צו באַטראַכטן, אין וואָס פֿאַר אַ צייט ער שטאַרבט און זיך גאָר ניט אַרומגעזען אין וואָס פֿאַר אַ שטאָט און לאַנד ער שטאַרבט. און דערפֿאַר טאַקע קומט מיר, זיין אים איבעראַל באַגלייטנדיקן פֿריינט, וואָס האָט אים ניט וועלנדיק אַריבערגעלעבט, צו פֿאַרריכטן יענע נ י ט ־ ק ל ו ג ה י י ט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן מיט זיין שטאַרבן ניט אין דער פּאַסיקער צייט און ניט אין דער פּאַסיקער שטאָט. און אָט ווענד איך מיר צו איך, אַז איר, מיט די איבעריקע קאָלעגן, זאָלט אייער פֿליכט טאָן און אויסאיבן אייער הילפֿס־ברענגענדן איינפֿלוס אויף אונזערע אַמעריקאַנער ברידער, וואָס

דער נאָמען י. ל. פרץ איז זיי יעדנפֿאַלס ניט אומבאַקאַנט, עס זאָל עפּעס געטאָן ווערן, ווי עס פּאַסט פֿאַר אייערע אַמעריקאַנער...״ (דער בריוו איז איבערגעדרוקט אין „יידישע קולטור״, נ׳ 8־9, 1944, ז״ז 90־91).

יעקב דינעזאָן, ווי באַקאַנט, האָט פֿאַרגעזעצט נאָך פּרצעס טויט די הייליקע אַרבעט אַרום די יידישע שולן, אַרום די יידישע קינדער־היימען, וואָס פּרץ האָט די לעצטע חדשים פֿון זיין לעבן געהאָלפֿן זיי שאַפֿן אין וואַרשע, געשריבן פֿאַר זיי ספּעציעלע קינדער־לידער און אַפֿילו אַוועק־געשענקט לטובת די נויט־באַדערפֿטיקע היימלאָזע זיינע טייערסטע חפֿצים. יעקב דינעזאָן האָט זיך געפֿילט פֿאַרפֿליכטעט ווייטער פֿאָרצוזעצן די אַרבעט, וואָס פּרץ האָט אָנגעהויבן.

פּרצעס טויט האָט אויף יעקב דינעזאָן געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק, ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. ער האָט געבענקט שטאַרק נאָך פּרצן, ביז ער איז אין גיכן געשטאָרבן און געפֿונען זיין איי־ביקע רו אַרום פּרצן. — ווי באַוואוסט, ליגט ער צוזאַמען מיט ש. אַנסקי אונטערן „אוהל־פּרץ״.

פּרץ און מענדעלע מוכר־ספֿרים

ס׳איז אָן ספֿק איינע פֿון די אומפֿאַרשטענדלעכע און מערקווירדיקע דערשיינונגען אין דער עלטערער יידישער קולטור־ליטעראַרישער וועלט: צוויי גרויסע שרייבער, מענדעלע און פּרץ, וואָס האָבן געלעבט אין איין צייט און אויך געשאַפֿן די זעלביקע צענדליקער יאָרן אין דער העברעאישער און יידישער ליטעראַטורן — און דאָך — סאַר אַ ווייטקייט, סאַר אַ דיסטאַנץ צווישן איינעם און צווייטן. ס׳איז נאָך לכתחילה געווען אַ קליין, אָרעם ליטעראַריש וועלטל, אָבער דאָך האָט מען זיך גאָר ווייניק אָנגעקערט, מ׳איז געגאַנגען יעדער איינער אויף זיין אייגענעם וועג און שטעג.

ב. גאָרין, פּרצעס אַ פֿריינט און פֿאַרערער, האָט זיין אַרטיקל נאָך פּרצעס טויט („צוקונפֿט“, יוני 1915) אָנגערופֿן „וואַרשע און אָדעס“, און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן אָט די צוויי ליטעראַרישע צענטערן. ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן פֿאַרנעמען אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, איז נאָך וואַרשע „ניט געווען קיין צענטער פֿון יידישע שרייבער. דער צענטער איז דעמאָלט געווען אין אָדעס. דאָרטן זיינען געווען דער זיידע (מענדעלע מוכר ספֿרים), דער אייניקל (שלום־עליכם) און דער פֿעטער (בר־קצין — י. ח. ראַווניצקי) און פֿיל שרייבער פֿון אַ קלענערן ראַנג. שוין די נעמען „זיידע“, „אייניקל“ און „פֿעטער“ ווייזן אויף דער עקזיסטענץ פֿון אַ גאַנצער פֿאַמיליע שרייבער“. און ב. גאָרין זאָגט: „שוין דעמאָלט (אין 1891), ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט פּרצן, האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די קנאת־סופֿרים צווישן אָדעס און וואַרשע“, און „ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז שלום־עליכם האָט ריכטיק אויסגעדריקט דעם גייסט פֿון דעם אָדעסער צענטער, איז די שטעלונג דאָרטן געווען אַ פֿיינטלעכע צו פּרצן“ (ז״ז 548־549). און מסתמא האָט אויך דוד פֿרישמאַן אין אַ געוויסן זינען אַרויסגעבראַכט אין זיינע שאַרפֿע אַרויסטריטן קעגן פּרצן אָט די נעגאַטיווע שטעלונג צו פּרצן, וואָס האָט געהערשט ביי די אָדעסער יידיש־העברעאישע שרייבער.

אויף וויפֿל מענדעלע מוכר ספֿרים איז געווען אַריינגעצויגן אין אָט די שטרייטן קעגן פּרצן — איז שווער צו זאָגן. אפֿשר זיינען ערגעץ־וואו

דאָ מאַטעריאַלן ווי מענדעלע האָט זיך באַצויגן די אַלע יאָרן, זינט 1888, צו פּרצן. מיר זיינען זיי נישט באַקאַנט.

דערפאַר קאָנען מיר דאָ און דאָרטן געפינען ביי פּרצן באַמערקונגען אָדער בריוו, וואָס ווייזן ווי ס׳איז געווען די באַציאונג און מיט דער צייט איז געוואַקסן די פאַרערונג פאַר מענדעלען.

פּרץ, ווי מיר האָבן עס געזען אין די פריערדיקע קאַפּיטלען („אין דער צווישן צייט״, „ערב מאָניש״) איז אין זאַמאָשטש געווען אָפּגעריסן און דערווייטערט פון דער יידישער ליטעראַטור. אין 1888 (4 יאָר נאָך דעם ווי מ׳האָט אין דער יידישער וועלט געפייערט מענדעלע מוכר ספרימס 25 יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ) האָט פּרץ פאַרביטן ראַבינאָוויטשן אויף אַבראַמאָוויטשן (שלום־עליכמען אויף מענדעלען) און ער האָט געשריבן צו שלום־עליכמען, אַז ער קאָן זיינע ווערק נישט פון אָריגינאַל, „נאָר פון זייער איבערזעצונג אין פּויליש״, און ער זאָגט: „מיר איז אַ בזיון איך צו זאָגן, אַז ביי אונז אין שטאָט איז נישטאָ קיין איין זשאַרגאָניש ביכל״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 141). שפּעטער האָט זיך פּרץ, דער 36 יאָריקער שרייבער, געכאַפּט און ער גיט צו: „איצט מוז איך מיט מער חרפּה זיך מודה זיין, אַז ס׳איז אַ טעות, ווייל איך האָב איך פאַרביטן אויף אַבראַמאָוויטשן, וואָס זיין „קליאַטשע״ און „מסעות בנימין השלישי״ זיינען איבערזעצט אין פּוילישן״ (דאָרט, ז׳ 149).

ווען פּרץ איז אַריין מיט לייב און לעבן אין דער יידישער שאַפונגס־וועלט, האָט ער שוין באַגריפן דעם באַטייט פון מענדעלען. און דאָס זעען מיר פון עטלעכע שורות.

אין 1894, ווען ס׳איז אַרויס אין אָדעס דער העברעאישער זאַמלבוך „הפּרדס״, האָט פּרץ וועגן אים אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, אין זיין העברעאישער זאַמלונג „החץ״ (1894) און ער זאָגט דאָרט וועגן מענדעלעס צוויי דערציילונגען אָט וואָס: „ווער עס זוכט אַ וואונדערלעך־רייכע שפּראַך, זאָל לייענען „בימי הרעש״ (אין שטורעם־טעג) און אויך „בימים ההם״ (אין יענע טעג) פון מענדעלע מוכר ספרים. אָבער דער, וואָס ער וויל האָבן עפּעס אַ געדאַנק, וועט ער עס דאָרטן נישט געפינען. ס׳איז אַ האַרצ־ווייטאָג צו זען, ווי אָט דער גרויסער אָדלער לאָזט זיך אַראָפּ צו פּיקן אין מיסט פון בטלנות און סתם אַזוי ריידערייען, וואָס העלפן און נוצן צו גאָרנישט. איך ווייס נישט, וואָס וואָלט געווען מיט מענדעלען ווען מ׳וואָלט ביי אים פּלוצלונג צוגענבעט דאָס פערד און וועגעלע״.

פּרץ איז דאַן געווען קעגן דעם טרוקענעם, שאַרפן רעאַליזם. ער האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן אייניקע אַרטיקלען קעגן דעם נאַטור־

ראַליזם, וואָס איז דאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער העברעאישער ליטע־ראַטור ווי עפּעס אַ נייע קינסטלערישע אַנטפּלעקונג. אָבער קריטיקירנדיק מענדעלען, באַטיטלט ער אים ׳דער גרויסער אַדלער״.

מיט דער צייט הויב אָן פּרץ אַלץ מער און מער באַגרייפן מענדעלעס אָרט און באַטייט אין דער יידישער ליטעראַטור.

אויף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (אין 1908) האָט י. ל. פּרץ זיין פייערלעכע דערעפענונגס־רעדע פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „... און מיר מוזן אויך היינט געדענקען אַן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער מאָדערנער, אייגנט־לעכער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונז געשענקט די ערשטע קלאַ־סישע ווערק אין דער יידישער שפּראַך, און וואָס איז, ליידער, דאָ נישטאָ: אַן מענדעלע מוכר ספרים! איך דערלויב מיר צו שטעלן דעם אַנטראַג, אַז מען זאָל אים אינעם נאָמען פון דער גאַנצער קאָנפערענץ אָפּשיקן אַ באַ־גריסונגס־טעלעגראַמע״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 373, אויך „די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ אין 1908״, ווילנע, ז׳ 77).

אַן אַנדערש מאָל דריקט אויס פּרץ זיין אומצופרידנקייט מיט דער יונגער יידישער ליטעראַטור פונעם אַלטן יידישן פאָלק: „אַן אַלט פאָלק, אַ גלאַנץ־שטראַלנדיקע פאַרגאַנגנהייט, אַ בלוטיקער, לאַנגער מאַרטירער־וועג צו אַ פּראָפּעטיש־געחלומטער צוקונפט... אַ צעזייט און צעשפּרייט פאָלק, אַ וואַנדער־פאָלק, אַ וועלט־פאָלק און אַן אייביק פאָלק, און אַ מאָמענט־אויפנאָמס־ליטעראַטור, וואָס קאָן פון ווילנער, ליטווישער און פּוילישער קליינשטעטל בשום אופן ניט אַרויס...״ און פּרץ זאָגט ווייטער: „פון צאינה וראינה און תחינות וואַקסן אַרויס אמ״ד מעשהלעך אין ווילנע... קומט מענדעלע אין אָדעס און גיט די יידישע נאָך ניט דיפערענ־צירטע מאַסן, יידן און יידענעס מיט מאַרק, מרחץ, הקדש און שול...״ („ליטעראַטור און לעבן״, 1908).

פּרץ זעט מענדעלע אין ווייטער פּערספּעקטיוו, אין דורות־אָפּריער. אין אַ רעדע, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן יולי 1910 אין דובעלן, האָט ער גערעדט וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס „איז אַזוי יונג און אַזוי אָרעם״, „אַ ליטעראַטור, וואָס אירע שעפער האָבן נאָר איין מצבה אויפן בית־עלמין (א. מ. דיק) און דער עלטסטער נאָך אים (מענדעלע) האָט ערשט נישט לאַנג גענומען אַן אַנטייל אין אַ ליטעראַרישן אָוונט אין אָדעס צוזאַמען מיט זיינע יינגסטע אוראייניקלעך״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 377).

אַזוי האָט פּרץ ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן באַטאָנט די „בראשית"־ראָלע, דעם אָנהויב פֿון מענדעלען אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווען עס ווערט געפּייערט מענדעלעס 75 יאָריקער יובילײ, האָט פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל, וועלכן ער הויבט אָן: „די צייטן פֿון „איינציקן אין ווערקשטעל" זיינען פֿאַרביי. די ליטעראַטור האָט זיך דיפֿערענצירט. אַרטיקלען, קריטיקן, דערינערונגען א. ד. ג. וועלן שרייבן אַנדערע; איך וויל מענדעלען ערן"... און ער זאָגט: „ער איז נישט נאָר דער ע ל ט ס ט ע ר צווישן די לעבעדיקסטע שרייבער, שרייבער, ער איז אויך, און דער עיקר — דער ע ר ש ט ע ר, דער ד ע ר פֿ י נ ד ע ר, דער ב אַ ש ע פֿ ע ר..." (אַלע ווערק פֿון מענדעלע מו"ס, ב. I, ז"ז 3־4).

אין אַ צווייטן אַרטיקל (אין העבּרעאיש) וועגן מענדעלען האָט פּרץ געשריבן: „... מענדעלען האָב איך געזען נאָר איין מאָל, ווען איך בין אין אָדעס געווען, און איך געדענק נאָר הייכע, גערוימע צימערן, צווישן די אָדעסער משכּילים, וואָס האָבן מיך באַגלייט, איז געזעסן ער, דער אַלטער, וואָס מיט זיין אַקסל איז ער געווען העכער פֿון אונז אַלעמען, זיינע אויגן האָבן געפֿינקלט און געלויכטן מיט אַ באַזונדער רואיקייט און זעלבסטווירדע: „איך בין דער, וואָס האָב מיינס אָפּגעטאָן, טוט זשע איר אייערס... איך זע אַלץ, לייען אַלץ, אדרבא!"... געווען אַ מאַן, וואָס האָט אַנטדעקט דאָס ראָד, און זיין נאָמען איז פֿאַרגעסן געוואָרן, אָבער אין אַלע שפּעטערדיקע אַנטדעקונגען דרייט זיך אַלץ דאָס ראָד ביז אויף הייני־טיקן טאָג. מענדעלע האָט אַנטדעקט דאָס ראָד אין אונזער ליטעראַטור, און יעדער איינער פֿון אונז, ביז דעם יינגסטן פֿון די יונגע, דרייט אָט דאָס ראָד..." („ליט. בלעטער", 1927, ז' 50).

און אָט נאָך אַ באַווייז ווי פּרץ האָט געפֿילט אַ פּיעטעט און טיפֿע פֿאַרערונג פֿאַר מענדעלען. ס'איז געווען סוף 1910, ווען פּרץ, צוזאַמען מיט נאָך אייניקע שרייבער און טוער, האָבן זיך פֿאַרמאָסטן צו שאַפֿן אַן ערנסטן יידישן טעאַטער און צו דעם צוועק געגרינדעט אַ טעאַטער־געזעלשאַפֿט, וואָס האָט באַדאַרפֿט אַרויס מיט אַן אויפֿרוף צו דער יידישער געזעלשאַפֿט נאָך הילף. האָט י. ל. פּרץ געשריבן אייגנהאַנטיק אַ בריוו צו מענדעלע. ער האָט דעם בריוו אָנגעהויבן: „ליבער, ליבער מענדעלע". און איבער־געגעבן וועגן טרויעריקן מצב פֿונעם יידישן טעאַטער, דערציילט ער, אַז אַ „חברה שריפֿטשטעלער און כּלל־טוער" טרעט אַרויס מיט אַן אויפֿרוף, און „אין נאָמען פֿון דער חברה קום איך אייך בעטן, זייער און זייער בעטן, איר זאָלט צו אונז צושטיין און לאָזן אונטערצייכענען אייער נאָמען אויך". „אייער נאָמען איז — שרייבט פּרץ — דאָס ווייסט איר אַליין, דער וויכ־

טיקסטער, דער שטאַרקסטער... אייער נאָמען טאָר נישט פֿעלן. הויבט זיך אפֿשר אָן אַ ניי בלעטל פֿון דער יידישער קולטור אָדער קונסט־געשיכטע, טאָ זאָל זיך דאָס בלעטל אָן אייער נאָמען נישט אָנהויבן... און זייט מיר געזונט און שטאַרק נאָך אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן". („בריוו און רעדעס", ז' 291).

אָט אַזוי האָט פּרץ אין טיפֿער פֿאַרערונג פֿאַר מענדעלען יעדעס מאָל געוואָלט באַטאָנען אָט דעם יחוס־קייט, וואָס ציט זיך פֿון זיין גרויסן פֿאַר־גייער, דעם גרונט־לייגער פֿון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט שטענדיק באַמיט זיך צו זעצן אים אויבן־אָן, אויף דעם כסא־הכבוד פֿונעם יידישן שאַפֿן.

נאָך פּרצעס טויט איז אין אָדעסער „בראָדער שול" איינגעאָרדנט גע־וואָרן אַ הזכרה נאָך פּרצן. און אויף מאָרגן איז אין אָדעסער „אונזער לעבן" אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ טיף־רירנדיקער עכט־מענדעלישער הספד אונטערן נאָמען „מיין שטימונג" (בעת דער הזכרה פֿון י. ל. פּרץ אין בראָדער שול). מענדעלע שרייבט: „ה׳, מה אדם ותדעהו"" — הויבט אָן דער חזן זאָגן אַ וויינענדיקס מיט דעם פּסוק — „רבונו של עולם, וואָס איז אַזוינס דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים קענען, — בן־אנוש ותחשבהו — אַ מענטשלעך קינד, דו זאָלסט זיך גאָר מיט אים רעכענען?" און איך זיץ אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ מיט צונויפֿגעלייגטע הענט אויפֿן האַרץ, שטאַרק־פֿאַראומערט, פֿאַרטראַכט, נישט זעענדיק פֿאַר מיר די וועלט!" און אַזוי ווייטער און ווייטער פֿלעכט אַריין מענדעלע פּסוק נאָך פּסוק אין זיין טרויער. „דער חזן קלאָגט, זאָגט ווייטער: „אדם להבל דמה, דער מענטש איז אָן אויס־געבלאָזן איי, ימיו כצל עובר, זיינע טעג פֿונעם לעבן פֿאַרגייען ווי אַ שאָטן". עס טראָגט מיך אַזש אונטער. איך שטעל מיך אויף, הויב אויף דעם קאָפּ, טו אַ בליק — אָן עין־הרע אַ גרויסער עולם, אַ פֿולגעפּאַקטע שול מיט מענטשן, אַזוינע און אַזוינע. ניין, ניין! — טראַכט איך — נישט קיין אויסגעבלאָזן איי ביזטו, מענטש, פּרץ, דו לעבסט אין דיינע ווערק! זיי זיינען דאָ געבליבן אין דיין פֿאָלק. דיינע טעג זיינען נישט פֿאַרגאַנגען ווי אַ שאָטן. ביי דיין לעבן, אמת, ביזטו געווען אָן אָנגעשטעלטער אין דער גמינע, געוואוסט דאָרט פֿון מתים, געשטאָרבענע, היינט, אַז דו ביזט גע־שטאָרבן — אוי, דערפֿילן עס די לעבעדיקע!"

„אָך, פּרץ, פּרץ, — זאָגט ווייטער מענדעלע — דו זאָלסט געוועזן זען די אַלע לעבעדיקע, אָט די, די לעבעדיקע, וואָס זיינען געקומען האָרכן ווי דער חזן זינגט מיטן כאָר, מיטן אָרגל צו דיין הזכרה!

„מיט אַ הייסער טרער אין די אויגן — ענדיקט מענדעלע — און עפּעס ווי מיט אַ משונה־שמייכל אויף די פאַרביסענע ליפּן לאָז איך מיך אַרויס פון דער שול, דורכשטופּנדיק זיך צווישן דעם עולם — און עפּעס זויער־זיס־ביטער איז אויפן האַרצן״. (מענדעלע מו״ס — מיין שטימונג, „ליט. בלעטער״, 1925, נ׳ 34).

די אַלע, וואָס זיינען געווען נאָענט מיט מענדעלע מו״ס וואָלטן אפשר געקאָנט דערציילן ווי מענדעלע האָט זיך באַצויגן צו פּרצן, ווי פּרצעס זאַכן זיינען אים געפעלן געוואָרן.

איך האָב זיך געווענדט מיט אַן אָנפראַגע צום באַוואוסטן שרייבער ב. עפּעלבוים (איצט אין פילאַדעלפיע), וואָס איז געווען די לעצטע יאָרן נאָענט צו מענדעלען, האָט מיר ב. עפּעלבוים אָט־וואָס מיטגעטיילט:

„כ׳האָב דעם אַלטן מענדעלען מער ווי איינמאָל נישט געהערט רעדן פון פּרצן. איך האָב געוואוסט, אַז מענדעלע האָט זייער שטאַרק געשפּירט אין פּרצן אַ גלייכן. ווי כ׳האָב געהערט פון ביאַליקן און ראַווניצקין — האָט מענדעלע פון פּרצן שטאַרק געהאַלטן. ער האָט זיך אָבער נישט געפילט היימיש צו אים... פּרץ איז געשטאָרבן, ווען איך בין געוואָרן נאָענט צום אַלטן. און דער אַלטער, וואָס האָט מורא געהאַט צו דערמאָנען דעם „טויטנס נאָמען״, ספּעציעל פון אַן אייגענעם מענטשן, האָט נישט געקאָנט רעדן פון קיין טויטן... ס׳איז אַ פאַקט, אַז זינט שלום־עליכם איז געשטאָרבן, האָט ער אויך אים נישט דערמאָנט. מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ווען מ׳האָט מענדעלען איבערגעגעבן די ידיעה, אַז פּרץ איז טויט, האָט ער אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן, געקוקט צום פענסטער — און דאַן גענומען רעדן פון עפּעס אַנדערש.

איין מאָל האָט ער צו מיר יאָ גערעדט וועגן פּרצעס חסידים, אַז ס׳רעדן נישט די חסידים ביי אים, נאָר ער רעדט פאַר זיי... ס׳איז אויסגעקומען ביי אים אַ חסרון. אָבער גלייך האָט ער אויפגעהערט און האָט זיך מער נישט געלאָזט פון מיר אַריינפירן אין שמועס, מחמת פּרץ האָט דאָך שוין נישט געלעבט און פון אַזאַ זאַך ווי נישט לעבן האָט ער נישט געוואָלט געדענקען...״

פּרץ און שלום־עליכם

די פּערזענלעכע באַציאונגען פֿון פּרץ און שלום־עליכם זיינען נאָך נישט אינגאַנצן אויפֿגעקלערט. עס זיינען באַקאַנט אַ ריי מאָמענטן אין דעם אָדער יענעם פּעריאָד פֿון זייער ברוגז אָדער גוטפֿריינדשאַפֿט, קיין פֿולשטענדיק בילד אָבער פֿון זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען האָבן מיר נישט. איך האָב מיך באַמיט אויסצופֿאָרשן די באַציאונגען פֿון די צוויי גרעסטע יידישע שרייבער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער שריפֿטשטעלערישע קאַריערע אין די זעלבע יאָרן און אויך פֿאַרענדיקט זייער שאַפֿן כמעט אין איין און דער זעלבער צייט. איך האָב נאָכגעזוכט די סיבות און מאָטיוון פֿון זייער פֿונאַנדערגיין זיך, און שפּעטער — פֿון זייער דערנענטערונג. אויפֿן סמך פֿון פֿאַרשידענע פֿאַרעפֿנטלעכטע און נישט־פֿאַרעפֿנטלעכטע מאַטעריאַלן האָב איך געפּרוּווט אויסצומאָלן אַ בילד, ווי פּרץ און שלום־עליכם האָבן זיך איינער צום צווייטן באַצויגן אין לויף פֿון 26 יאָר, אָנגעהויבן פֿון 1888, זינט פּרץ האָט אָפּגעדרוקט אין שלום־עליכמס „די יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק" זיין ערשט יידיש ווערק „מאָניש", ביז זייער לעצטער פֿריינדלעכער און האַרציקער באַגעגעניש אין 1914 אין וואַרשע.

מסתּמא זיינען נאָך אין דעם אַלגעמיינעם בילד דאָ געוויסע בלויזן. אָבער שוין פֿון דעם, וואָס ס'איז געלונגען צונויפֿצוקלייבן, באַקומען מיר אַ ביז־גאָר אינטערעסאַנטע שילדערונג, ווי די צוויי גרויסע יידישע קינסטלער האָבן געפֿירט צווישן זיך אַ ברוגז, וואָס צייטנווייז איז ער דערפֿירט געוואָרן ביז צו גאָר שאַרפֿע קאָנפֿליקטן, — אַ ברוגז, וואָס האָט געדויערט שיינע עטלעכע יאָר. עס זיינען נישט געווען קיין ערנסטע חילוקי־דעות, נאָר עפּעס אַ שנאה, וואָס איז וואָס־ווייטער אַלץ־מער צעבלאָזן געוואָרן, — אַ ברוגז און שנאה, וואָס איצט — נאָך עטלעכע צענדליק יאָר — קומט עס אויס אומפֿאַרשטענדלעך, און אַפֿילו קינדיש. אין דעם ברוגז אָבער און אין דעם איבערבעטן זיך ווייזן אַרויס די צוויי פֿאַרשידענע כאַראַקטערן און פּערזענלעכקייטן פֿון פּרץ און שלום־עליכם. און דאָס מערקווירדיקסטע איז: די מיספֿאַרשטענדענישן זיינען דורך זיי אַליין נישט אויפֿגעקלערט

געוואָרן, ווי קאַפּריזנע קינדער האָבן זיי בײדע אָנגעהאַלטן דעם ברוגז, ביז זיי זײַנען לסוף אַרײַנגעפֿאַלן אײנער אין די אָרעמס פֿונעם צווייטן, און עס האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן זיי אַ האַרציקע, רירנדיקע ליבע.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויספֿירלעכער אויף אָט די קעגנזײַטיקע באַציאונגען פֿון פּרץ און שלום־עליכם, ווײַל דורך דעם קומט אויף פֿאַר אונדז די קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע סביבה, אין וועלכער ס׳האָבן געלעבט און געשאַפֿן די צוויי גרונטלייגער פֿון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, מיט אירע ליכט און שאָטן, מיט גאָר איר נאַאיווקייט און אומבאַהאָלפֿנקייט.

שלום־עליכם איז געווען ייִנגער פֿון פּרצן אויף אַ 7 יאָר (פּרץ איז געבוירן אין 1852, שלום־עליכם — אין 1859). אָבער אין דער יידישער ליטעראַטור איז שלום־עליכמס נאָמען געווען באַקאַנט פֿריער ווי פּרצעס. ווען שלום־עליכם איז אין יאָר 1888 צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן די זאַמל־ביכער „די יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק" און זיך צוליב דעם פֿאַרבונדן מיט די אָנגעזעענסטע יידישע און העברעאישע שרײַבשטעלער פֿון יענער צייט, איז נאָך פּרצעס נאָמען ביים יידישן לייענער־עולם געווען נישט באַקאַנט און ש״ע לאָדט אים אָפּילו נישט איין.

פּרץ האָט דאָן צוגעשיקט צו שלום־עליכמען די באַלאַדע „מאָניש", וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין ערשטן באַנד „יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק" 1888. ווייזט אויס, קיין גרויס התפּעלות האָט ש״ע נישט געהאַט פֿון „מאָניש". די בריוו, וואָס פּרץ האָט אין יאָרן 1888־1889 (ביזן ברוגז ווערן) געשיקט צו שלום־עליכמען, זײַנען אַלע אין העברעאיש. פּרץ איז גע־שטאַנען ווייטלעך פֿון דער יידישער ליטעראַרישער וועלט. אויף אַזוי פֿיל, אַז לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט מענדעלע־מו״ס. ער האָט פֿאַרביטן „ראַבינאָוויטש" אויף „אַבראַמאָוויטש" — און געשריבן, אַז ער קען שלום־עליכמען נישט פֿון יידיש, נאָר פֿון אַ פּוילישער איבערזעצונג פֿון זײַנעם אַ ווערק (געמיינט י ו נ אָ ש אָ ס איבערזעצונג פֿון מענדעלען). ערשט שפּעטער האָט פּרץ זיך געכאַפּט, אַז ער מאַכט אַ טעות.

„מאָניש" איז געווען פּרצעס ערשטע געדרוקטע זאַך אין יידיש. ער שרײַבט צו ש״ע: „זשאַרגאָן האָב איך נאָך נישט געדרוקט און ביז אַהער האָב איך פֿאַרברענט דאָס וואָס כ׳האָב געשריבן". בכלל האָט פּרץ דאָן געהאַט אַ באַזונדערן קוק אויף די אויפֿגאַבן פֿון דער יידישער ליטעראַטור. ער פּאָלעמיזירט מיט שלום־עליכמען און באַווײַזט, אַז מען נויטיקט זיך אין דער „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור נישט בלויז אין בעלעטריסטיק, נאָר

מען דאַרף פּאָפּולערע וויסנשאַפט און הויפּטזאַכלעך יידישע געשיכטע. ער לייגט פאַר שלום־עליכמען פאַר דער „פאָלקס־ביבליאָטעק" איבער־זעצונגען פון דייטש אויף פילאָסאָפישע און פּסיכאָלאָגישע טעמעס און בעט שלום־עליכם זאָל אים צושיקן די נויטיקע ביכער.

שלום־עליכם האָט, ווי באַוווּסט, שטאַרק רעדאַגירט פּרצעס פּאָעמע, איינציקע שטעלן פאַרריכט, געענדערט, איינציקע שטעלן (און גאַנץ אינטע־רעסאַנטע, געלונגענע) איגנאַצן אַרויסגעוואָרפן. דאָס האָט אויפגעבראַכט פּרצן. אין אַ בריוו צו ש. ל. ציטראָן האָט ער זיך באַקלאָגט אויף שלום־עליכמען, וואָס ער האָט זיך אַזוי באַגאַנגען מיט זיין „מאָניש". אַזוי ווייט איז געווען די אומצופרידנקייט, אַז פּרץ האָט זיך אַ לענגערע צייט אַרומ־געטראָגן מיטן געדאַנק איבערצודרוקן „מאָניש" אין דער פאָרם, ווי עס איז געווען געשריבן דורך אים. נאָכן דערשיינען פונעם ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט פּרץ דעם 3טן פעברואַר 1889 אָנגע־שריבן אַ קורץ בריוול צו שלום־עליכמען און צוגעגעבן: „אויב ס'איז נאָר מעגלעך בעט איך אייך אומצוקערן מיר דעם כתב־יד „מאָניש". דאָס קורצע לאַקאָנישע בריוול באַווייזט, אַז פּרץ איז געווען אויפגעבראַכט קעגן שלום־עליכמען. משמעות, אַז שוין דאַן האָט פּרץ געהאַט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן „מאָניש" אין דער פאָרם, ווי ער האָט עס אָנגעשריבן. עס איז נישט גאָר ריכטיק, וואָס ב. גאָרין[1] דערציילט, אַז פּרץ האָט באַלד געלאָזט איבער־דרוקן „מאָניש" אין אַ באַזונדערער בראָשור. אין אַ העברעאישן בריוו צו דינעזאָן (פון 27טן יוני 1892 — דינעזאָן איז דאַן געווען אין קיעוו) שרייבט פּרץ: „... מאָניש איז נאָך נישט אַרויס פון דרוק, און אַז ער וועט אַרויס, וועט ער זיין זייער מיאוס". ערשט אין 1892 איז דערשינען די באַזונדערע אויסגאַבע „מאָניש" מיט פאָלגנדיקער צושריפט: „געדרוקט אין „פאָלקס־ביבליאָטעק", האָט די באַלאַדע געליטן פון רעדאַקטאָרס שער און פעדער. די געקרענקטע אייגנליבע האָט מיר באַוואויגן זי איבערצו־שרייבן, און גוטע פריינט איבערצודרוקן" (י. ל. פּרץ, פּאָעזיע, צווייטעס העפט, מאָניש (באַלאַדע), וואַרשע תרנ"ב, 40 זייטלעך).

און דאָ דאַרפן פאַרריכט ווערן איניקע אומפּינקטלעכקייטן אַרום פּרצעס „מאָניש", מיט וועלכע ס'איז געשטרויכלט געוואָרן אַפילו שלום־עליכם אַליין.

מ'האָט געשריבן, אַז אַדאַנק דינעזאָנען איז „מאָניש" געווען געדרוקט ביי שלום־עליכמען אין „פאָלקס־ביבליאָטעק": שלום־עליכם שרייבט אין

[1] ב. גאָרין, וואַרשע און אָדעס, „צוקונפט" 1915, ז' 549.

זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ" (1915) (שלום־עליכם — יידישע שרייבער, באַנד XV, ז' 71): „אַז איך האָב געהאַלטן ביים אַרויסגעבן די „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק", און פּרץ האָט מיר צוגעשיקט קיין קיעוו זיין באַלאַדע „מאָניש", איז תיכף נאָך פּרצעס בריוו אָנגעלאָפן אַ בריוול פון וואַרשע פון דינעזאָן, וואו ער פּרעגט זיך נאָך אויף דעם „אויפגייענדן שטערן", און אַז איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין פון דער באַלאַדע אַנטציקט, און אַז דער אַוטאָר שיינט צו זיין אַ גרויסער טאַלאַנט איז קיין גליקלעכערער פון דעם דינעזאָן אויף דער וועלט נישט געווען". עס איז נישט ריכטיק, ווייל פּרץ איז באַקאַנט געוואָרן מיט דינעזאָן ערשט נאָכן דערשיינען פון שלום־עליכמס ערשטן בוך „פ"ב". פּרץ שרייבט אַ העבּרעאיש קאַרטל צו דינעזאָן (זאַמאָשטש, 24טן פעברואַר 1889): „פון דיין לויב, מיין האַר, הגם איך קען דיך נישט, האָב איך זייער הנאה געהאַט, מיר וועט זיין אָנגענעם צו באַגעגענען זיך מיט דיר. צי דאָס ביסטו עס, מיין האַר, דער מחבר פון „הנאהבים והנעימים" און „קרעפּלעך זאָלסטו עסן" ?" („קרעפּלעך זאָלסטו עסן" פון י. דינעזאָן איז אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט פּרצעס „מאָניש" אין „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק"). חוץ דעם האָב איך איבערגעקוקט פיל בריוו פון שלום־עליכם צו י. דינעזאָן פון דעם פּעריאָד פון דעם ערשטן בוך „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק", וועלכע זיינען נאָך נישט פאַרעפנטלעכט, און פּרצעס נאָמען איז דאָרט נישט דערמאָנט.

דאָס באַשטעטיקט אויך י. ד. בערקאָוויטש אין אַ בריוו צו מיר: „דער בעסטער באַווייז, אַז נישט דינעזאָן האָט דער ערשטער צוזאַמענגעפירט פּרצן מיט שלום־עליכמען איז דער, וואָס אין זיין ערשטן בריוו צו שלום־עליכמען שרייבט פּרץ, אַז ער האָט זיך דערוואוסט וועגן שלום־עליכמען און וועגן דער פּראָיעקטירטער אויסגאַבע פון דער „ייד. פאָלקס־ביבליאָטעק" דורך זיינעם (פּרצעס) אַ פריינד מיטן נאָמען עפּשטיין" (זע פּרצעס „בריוו און רעדעס", ז' 138).

אין דעם פריער־דערמאָנטן אַרטיקל דערציילט ווייטער שלום־עליכם, אַז „ער, דינעזאָן, האָט מיר שוין צוגעשיקט נאָכדעם אַ גאַנצע „טעטראַד" מיט קליינע דערציילונגען — פון י. ל. פּרץ, פון וועלכע ס'איז גרינג געווען אויסצוקלייבן און אָפּצודרוקן אַזעלכע זאַכן, ווי דער „כעלמער מלמד", „וועגנוס און שולמית" און דעסגלייכן". אין אַ בריוו צו י. דינעזאָן (פון 4טן אויגוסט 1889) האָט שלום־עליכם וועגן דעם זעלבן ענין געשריבן: „... איך בעט אייך, החילות לנפול נפול תפול — איר האָט אָנגעהויבן מיט פּרצן, דאַרפט איר אויסלאָזן מיט פּרצן. פונעם פּעקל, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט, האָט ער, לויט אייער רשימה, אַרויסגעצויגן דריי פערטל

סיפורים און פֿון איין פֿערטל, וואָס איך האָב אויסגעקליבן, וועט קומען אין דער ביבליאָטעק 4 אָדער 5; קיין געלט פֿאַראויס, מטעם הידוע לכם, צאָל איך שוין נישט קיינעם ואַפֿילו לצנועין. שרייבט דאָס אים. דעם גרויסן שיר זיינעם, אויב ער וועט אים פֿאַרקירצן, לויט מיין בריוו צו אייך וועגן זה הענין זה כּשני ירחים, וועל איך אים אויפֿנעמען ברצון״...

פֿון דאַן אָן איז שוין דינעזאָן געשטאַנען שטאַל און אייזן פֿאַר פּרצן. אין דעם בריוו, וואו י. דינעזאָן דערמאָנט צום ערשטן מאָל פּרצעס נאָמען, (י. ד. בערקאָוויטש צייכנט אָן די דאַטע פֿון דעם בריוו סוף אָקטאָבער 1888; ס׳איז אומפֿאַרשטענדלעך, ווייל ווי מיר האָבן פֿריער געזען האָט פּרץ דעם 24טן פֿעברואַר 1889 נאָך נישט געקענט דינעזאָנען) שרייבט י. דינעזאָן:

„... אונגעאַכטעט, וואָס דאָס גאַנצע לומפּענגעזינדל איז מיר אַזוי פֿאַראַכטעט, אונווירדיג געוואָרען, האָב איך אין דער לעצטער צייט אַ נייען פֿריינד און מחבר געפֿונען, און דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דאָ איז אמתע פֿריינטשאַפֿט, אמתע ליבע און אַכטונג זעלבסט צו דעם פּערזאָן אַזוי גוט ווי צו דעם טאַלאַנט, וואָס די פּערזאָן בעזיצט. איך מיין דעם ליבען פּאָעט הערן פּרץ, וואָס מיר זיינען איינגעליעבט געוואָרן איינער אין אַנדערן באהבה טהורה ואמתית שאיננה תלויה בדבר ולא תבטל לעולם. איך וויים ניט וואָס דער מענטש האָט דער־וויל אין מיר געפֿונען, האָטש מיר איז קלאָר געגוג, וואָס איך געפֿין אין איהם יעדען טאָג, ער שיקט מיר צו אַלץ, וואָס געהט אַרויס פֿון זיין געבענשטער געדיגענער פֿעדער, און איך קלויב נחת, האָב אמתע פֿערגעניגען צו לעזן זיינע עסקיזן, וואָס זענען מיט גאָלד ניט אָבצו־שאַצען. דיא טעג האָט ער מיט אַ עקסטרען מענשען צוגעשיקט זיין גראַנדיעזע פּאָעמאַ, וועלכע ער שרייבט פֿאַר אייער צווייטער ביבליאָ־טהעקאַ, לה דומיה תהלה, דאָס איז נישט „אופֿיר״ און ניט די גנבת דעת פֿון אופֿיר, און נישט דער מחבר פֿון אופֿיר. [דער מחבר פֿון „אופֿיר״ איז דוד פֿרישמאַן! — נ. מ.] אַ קינד וועט פֿערשטעהן און אַנקוועלען פֿון נחת פֿון דער פּאָעמע, און מבינים וויא וויניק זיי זענען ביי אונז יודען וועלען רזין דרזין אין דער פּאָעמע געפֿינען. איך אַז איך לעזע זיא, און געלעזען האָב איך זיא שוין הונדערט מאָל, דער־מאָהן איך מיך אָן בייראָן, אַזוי ווילד אַזוי רייך און אַנגעצאָהמט איז די מוזע זיינע, זיא האָט קיינע גרענצען און קאָן קיין צוואַנג און דרוק נישט דולדען. איהר ברויכט זיא לעזען... און בייראָן וועט אייך אַ לעבעדיגער פֿון קבר אויפֿשטעהן און איהר וועט נישט וויסען אויב

אין פוילען וואָלט בייראָן אַנדערס געשריבען און געקאָנט שרייבען...״

אַז שלום־עליכם זאָל זיין שטאַרק אַנטציקט פֿון פּרצעס זאַכן, זעט מען אויך נישט אין די אַלע אויספֿירלעכע בריוו, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן צו י. דינעזאָן. פֿיל אָרט און פֿיל לויב־געזאַנגען ווערט דאָרט אָפּגעגעבן דוד פֿרישמאַנען און זיין פּאָעמע „אופֿיר״ (געדרוקט אין ערשטן בוך „ייד. פֿאָלקס־ביבליאָטעק״).

קיין גרויס התפּעלות האָט אויך פּרצעס באַלאַדע „מאָניש״ נישט אַרויסגערופֿן ביי דער קריטיק. ש. ל. ציטראָן שרייבט אַפֿילו: „כמעט אַלע, וואָס האָבן דעם זאַמלבוך רעצענזירט, האָבן איינגעשטימט, אַז „מאָניש״ איז אַ קינסטלער־ווערק, וואָס אין יידיש איז נאָך זיין גלייכן קיינמאָל נישט געווען״ (ש. ל. ציטראָן — דריי ליטעראַרישע דורות I). אַדרבא, דער דאַן באַקאַנטער און אויטאָריטעטער ק ר י ט י ק ו ס (ש. דובנאָוו) האָט אין זיין אַרטיקל איבער דעם זאַמלבוך געשריבן אין רוסיש: „פֿיל נידעריקער פֿון דער פּאָעמע (ד. פֿרישמאַנס „אופֿיר״) איז די „באַלאַדע״ פֿון ה׳ פּרץ״.

ש. דובנאָוו איז דאַן געווען אין גאָר נאָענטע פֿריינטלעכע באַציאונגען מיט שלום־עליכמען. זיי האָבן זיך אָפֿט באַגעגענט און אויך געפֿירט צווישן זיך אַ בריוו־אויסטויש, און שלום־עליכם האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו דער מיינונג פֿון ש. דובנאָוו. קריטיקוס (דובנאָוו), כּידוע, האָט דער ערשטער געמאַכט אויפֿמערקזאַם „אויף דעם יונגן שלום־עליכם און אויף זיין „קליינעם דימענט״, „דאָס מעסערל״ (1887).

ווי קומט עס, וואָס פּרץ האָט דאָך געשיקט שלום־עליכמען פֿאַר זיין צווייטן בוך „ייד. פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ נאָך זאַכן, ווען ער איז געווען אַזוי אומצופֿרידן מיט די ענדערונגען אין „מאָניש״? ראשית, איז דאַן כמעט נישט געווען קיין אַנדערע יידישע אויסגאַבע, און צווייטנס, ווייל פּרץ האָט זיך דאַן געפֿונען אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. אין אַ בריוו (פֿון מיטן 1889) שרייבט פּרץ צו שלום־עליכמען וועגן זיינע שריפֿטן פֿאַר דעם צווייטן באַנד „פֿאָלקס־ביבליאָטעק״: „איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט און ס׳איז מיר אויפֿן געדאַנק נישט אַרויף, אַז ס׳זאָל קומען אַמאָל אַ טאָג און איך זאָל געצוואונגען זיין צו פֿאַרדינען פֿון מיין פּעדער. צו מיין אומגליק איז געקומען אַזאַ טאָג, און איך בין געצוואונגען צו געבן אייך דערלויבעניש צו פֿאַרריכטן, ווייל איך נויטיק זיך זייער אין געלט. איך האָב קיינמאָל גאָרנישט געטראַכט און ס׳איז מיר אויפֿן געדאַנק נישט אַרויף, איך זאָל וועלכן ס׳איז אַנדערן אַרויסגעבער אָפּגעבן די בכורה לגבי אייך. פֿאַרקערט, מיטן גאַנצן האַרצן וועל איך אייך אַוועק־געבן אַלע מיינע דערציילונגען... נאָך אַמאָל פֿאַרזיכער איך אייך, אַז

איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געטראַכט צו דערווייטערן זיך פֿון איך מיט מיין אַרבעט. און אויב ס'וועלן זיין ביי מיר טענות און מענות, וועל איך זיי זאָגן מיטן פֿולן מויל, ווייל די פֿ״ב שטייגט איבער מיט איר באַדייטונג אַלץ, וואָס איז געווען געדרוקט אין אונזערעביידע ליטעראַטורן״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 154).

אויך י. ד. בערקאָוויטש באַשטעטיקט — אין זיין בריוו צו מיר — אויפֿן סמך פֿון שלום-עליכמס אַלע בריוו, וואָס זיינען דאָ אין זיין רשות, אַז שטאַרק האַלטן האָט ש״ע פֿון פרצן נישט געהאַלטן און ער „רעדט כמעט אין ערגעץ נישט פֿון פרצעס שרייבן, ד״ה שטעלט זיך אויף דעם נישט אָפּ באריכות, ווי ער פֿלעגט טאָן בנוגע צו אַנדערע שרייבער פֿון יענער צייט״.

און געוויס זיינען מער ריכטיק ב. גאָרינס זכרונות, אַז „שלום-עליכם האָט נישט נאָר נישט געכאַפּט קיין התפעלות (פֿון פרצעס „מאָניש״ און איבעריקע זאַכן — נ. מ.), נאָר ער האָט זיי באַטראַכט פֿאַר גאַנץ געוויינלעכע זאַכן״. דעריבער איז „פרץ דערפֿון געווען זייער געקרענקט״. און משמעות צוליב דעם האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ מין אומצוטרוי, אומצופֿרידנקייט און פירוד-הלבבות צווישן ש״ע און פרץ, וואָס איז גאָר אינגיכן אויסגעבראָכן אין אַ שנאה.

פרצעס ליטעראַריש-קינסטלערישער פרעסטיזש האָט גענומען וואַקסן צווישן דעם וואַרשעווער קרייז פֿון זיינע פֿריינד און פֿאַרערער. אין 1890 דערשיינט פרצעס ערשט ביכל אין יידיש „בעקענטע בילדער״ — פֿאָן לעאָן פרץ. הערויסגעגעבען דורך י. דינעזאָן״. צום ביכל זיינען צוגעגעבן „אייניגע ווערטער פֿונ'ם הערויסגעבער״. פרץ אין שוין אַרויף אויף דעם דרך-המלך פֿון דער יידישער ליטעראַטור. ער פֿאָרט אַריבער קיין וואַרשע, מאַכט זיין רייזע איבער די שטעטלעך פֿון טאָמאַשעווער פּאָוויאַט מיט דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע פֿון יאַן בלאָך. ער קומט פֿול אָנגעלאָדן מיט נייע איינדרוקן, און אַ מענטש פֿון באַלד 40 יאָר, פֿאַרמעסט ער זיך אויף נייע שעפֿערישע דערגרייכונגען. ער ווערט אַ יוצא-ונכנס אין אָנגעזעענע אַריסטאָקראַטישע הייזער אין וואַרשע און ער אָרגאַניזירט „די יודישע ביבליאָטעק, — אַ זשורנאַל פֿיר ליטעראַטור, געזעלשאַפֿט אונ עקאָנאָמיע״, וואָס איז „רעדאַגירט און הערויסגעגעבען דורך י. ל. פרץ״. שוין אין ערשטן באַנד (דערשינען אין 1891) שרייבט פרץ אַ גרויסן געזעלשאַפֿטלעך-פּראָגראַמאַטישן אַרטיקל „בילדונג״ און אַזעלכע נאָוועלן ווי „אינעם פּאָסט-וואָגאָן״, „שלום-בית״, „ר׳ בערל״, „דער נייער ניגון״, און אַ ריי לידער, און אַן אָפּטיילונג פֿאַר בעלי-מלאכות, און

עטלעכע אָפּהאַנדלונגען־רעצענזיעס. גלייך נאָך דעם ערשטן באַנד דערשיינט דער צווייטער באַנד (אויך 1891), וואָס איז ווידער אָנגעפֿילט דאָס רוב מיט פּרצעס גלענצנדע זאַכן. פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט דאָ זיינע באַרימטע „בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רייזע". די אַלע זאַכן זיינען געווען איבערגענוג, אַז זיי זאָלן אַוועקשטעלן זייער מחבר גלייך אין סאַמע אויבנאָן פֿון דער דעמאָלטדיקער יידישער ליטעראַטור.

אָבער דאָס אַלץ שטערט נישט, אַז אין „קול מבשר" (צו דער III „יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק") אַרויסגעגעבן פֿון ש"ע (אָדעס 1892) זאָל זיך באַווייזן אַ בייסנדיקע קריטיק אויף פּרצעס אַ ביכעלע „פּאָעזיע", געחתמעט „קריטיקוס דער צווייטער". ער ברענגט ציטאַטן פֿון פּרצעס פּאָעמע „כסא שלמה" און מאַכט חוזק פֿון זיי: „פֿון אויבנאויף קומט דאָס אויס אַפֿילו אַביסעלע טונקל, ווייטלעך פֿון פֿאַרשטאַנד, עפּעס ווי אַ מין שפּרוך פֿון אַ מכשף, אָדער אַ סגולה צו צאָן־ווייטיק, רחמנא ליצלן". און ווייטער נאָך עטלעכע שורות פֿון ביכל און אַ צוגאָב פֿון קריטיקער: „שאַט, וואָס הייסט „פּאָקשיווע"? ס'טייטש, פּאָקשיווע ווייסט איר נישט? פּאָקשיווע איז... איז... פּאָקשיווע!" און דערנאָך: „אַ משל, שטראָם גראָם מאַך מיר אַ לעטניק!" און: „פּרץ איז פּרץ, און „פּאָעזיע" איז נישט קיין פּיפּערנאָטער. „פּאָעזיע" באַדאַרף האָבן קודם אַ געדאַנק, און דער געדאַנק באַדאַרף זיין אַרויסגערעדט אַזוי, אַז מען זאָל פֿאַרשטיין, עס זאָל זיין ביי וואָס אָנצונעמען, ובפֿרט, אַז מען שרייבט פֿאַרן פֿאָלק אין זשאַרגאָן, באַדאַרף מען ערשט זען, עס זאָל עפּעס זיין געזאָגט, נישט גלאַט אַ מישמאַש פֿון משונה־ווילדע הויכע ווערטער, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, פּיזעס, קנאָבל, קובעבע מיט לאָקריץ, ווי למשל דאָס צווייטע ליד, „דעם לייבס לוויה", וואָס איז אויך פֿאַרשטעלט, פֿול סודות". און ער ענדיקט די קריטיק: „געוואַלד, געוואַלד: שמע ישראל!!"

„קריטיקוס דער צווייטער" איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם אַליין. ס'איז גרינג זיך פֿאָרצושטעלן, ווי די דאָזיקע האַרבע און בייסנדיקע ווערטער האָבן געווירקט בשעתם אויף פּרצן.

דאָס איז געווען דער ערשטער (און אפֿשר דער איינציקער) עפֿנטלעכער אָנגריף פֿון שלום־עליכמען אויף פּרצן, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַ בייז לעבן צווישן די ביידע גרויסע שרייבער. דער כּעס ביי ש"ע איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן.

אָט האָבן מיר אַ גרוס ווי פּרץ האָט אויפֿן אָרט אויפֿגענומען די אַטאַקע. אין אַ בריוו צו ב. גאָרין (1892, געשריבן רוסיש) שרייבט פּרץ: „שלום־עליכם טרעט צו אַרויסצוגעבן דעם דריטן באַנד; דערווייל האָט

ער אַרויסגעגעבן דעם „קול מבשר", צוזאַמענגעשטעלט אויסשליסלעך קעגן מיין אומגליקלעכער פּערזאָן. שלום־עליכם איז פּאַרט אַ טאַלאַנטירטער שרייבער. פאַרוואָס קריכט ער אין בלאָטע? אַ שאָד!... אין „קול מבשר" זיינען גוט דאָס געדיכט „וויגן־ליד" און אויסגעצייכנט איז אָנגעשריבן דער פאַרס „לאָנדאָן", דאָס איבעריקע — נול. און אַלץ, דאַכט זיך, אָנגעשריבן פון איין פען". („בריוו און רעדעס", ז' 167־168).

אַגב, „לאָנדאָן" זיינען די ערשטע בריוו פון מנחם־מענדל און שיינע־שיינדל. אינטערעסאַנט, ווי פּרץ האָט גלייך תּופס געווען דעם באַטייט פון דעם ערשטן מנחם־מענדל אַרויספאַר!

וואָס איז די סיבה פון שלום־עליכמס כעס? ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט עס געשטאַמט פון דעם, וואָס פּרץ האָט אָנגערופן זיינע זאַמלביכער מיט כמעט דעם זעלבן נאָמען ווי ש"ע. ס'איז שווער פעסטצושטעלן, צי פּרץ האָט עס בכיוון געטאָן, אָדער ס'איז געווען נישט ווילנדיק. ש"ע אָבער האָט זיך געפילט דערפון שטאַרק געטראָפן. נאָכן צווייטן בוך פון זיין „ביבליאָטעק" האָט ש"ע, ווי באַוואוסט, אָנגעוואוירן פלוצים זיין פאַרמעגן, ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקן מאַטעריעלן קלעם, אָבער דאָך האָט ער אַלץ נישט אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו באַנייען די זאַמלביכער, מיט וועלכע ער איז מיט לייב און לעבן געווען געבונדן. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר קאָן עס ש"ע פּרצן אָט די עוולה אַלץ נישט פאַרגעסן, און יעדעס מאָל רייסט זיך אַרויס אין זיינע פּריוואַטע בריוו דער כעס אויף פּרצן.

אין אַ בריוו פון 5טן יאַנואַר 1894 שרייבט ש"ע צו מרדכי ספּעקטאָר:[1]

„ובני קורח לא מתו... אַפּנים, אונזער אָרעמען זשאַרגאָן איז שוין באַשערט צו האָבן איינעם אַ משוגענעם. פריער האָט זיך נאָסאַדיט אויף איר איינער עפּעס אַ מטורף, אַ לעווי, ימח שמו וזכרו, און איצט האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ שטריק אַ פּרץ — — —, וואָס ווען נישט איך, נאַרישער שלום־עליכם, וואָלט ער נאָך עד־היום געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט מיט זיין „פּאָעזיע", „געפּראַנגען מיט די צוואַנגען און געבראַניעט מיטן ווידל"... [פּאַראַפּראַזירט פון פּרצעס „פּאָעזיע".—נ. מ.] אַזאַ נאָכאַל! וואָס טוט ער דאַרט ביי אייך? עס וויזט אויס, אַז ער איז ביי אייך אַ שטיקל בן־בית: ער איז געוואָר געוואָרן, אַז איך האָב אייך געשיקט אַ פעליעטאָן, איז ער נישט פויל אויף דער פען און שרייבט מיר אַריין אַ בריוועלע (אויף רוסיש)

[1] די ציטאַטן פון שלום־עליכמס בריוו צו מ. ספּעקטאָר און י. ח. ראַווניצקין גענומען פון "שלום־עליכם־אַרכיוו" (ניו־יאָרקער „טאָג", 1923).

בזה הלשון: „— — — איר האָט אַפילו קעגן מיר נישט אַזוי לייטיש יוצא געווען, דאָך האָב איך אייך שוין לאַנג מוחל געווען. איך האָב אייך גערעכנט פאַר אַ דער־רוח־ווייסט־וואָס, נאָר איך בין דערפאַרן פון אַ ריכטיקער קוועלע (דינעזאָן), אַז איר זענט גראָדע אַ גוטער מענטש, נאָר אַ משוגענער. איך גיב אייך אַ חודש צייט מיר צו שיקן אַ פעליעטאָן אין מיין „ביבלי־אָטעק". האָנאָראַר, ווי געווינלעך. ווען נישט, איז אַ סימן, אַז איר האָט זיך נאָך נישט אויסגעהיילט. — ל. פרץ".

„אַזאַ נאַכאַל! נעמען און אַרויסהענגען אַ בלעטל פונקט מיט יענעמס פירמע: נאַכטאַנצן יענעם; אומפאַרשעמט זיך באַנוצן מיטן נאָמען אדג"ל — און ער איז נאָך מוחל!! בישקשה, ער מעג שוין וואַרטן מער פון 'אַ גאַנצן חודש צייט" — ער וועט פון מיר קיין ענטפער נישט באַקומען ווייל ער וועט לעבן! איך האָב אים תמיד גערעכנט פאַר אַ שטיק משוגענעם; נאָר אַז ער זאָל זיין אַזאַ נאַכאַל — דאָס האָב איך גאָרנישט געוואוסט כ'לעבן..." און צום סוף פון בריוו דערציילט ש"ע ספעקטאָרן וועגן די רעדאַקטאָרן פון פילאַדעלפיע און ער ענדיקט: „וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט אייערנעכטן און פאַראייאָרן זאָל אויסגיין צו זייערע קעפ מיט לעווין און מיט פרצן, מיט מזחן. טפו! — — —".

ש"ע האַלט זיך אין איין אַרומטראָגן מיטן געדאַנק ווידער אַרויס־צוגעבן זיינע זאַמלביכער. אין 1894, דעם 7טן יוני, שרייבט ער צו י. ח. ראַווניצקין: „מזל־טוב! איך בין פאַרגאַנגען אויף טראָגן מיטן דריטן בוך „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", איך בין שוין רעכט אויף דער צייט, און מבינים זאָגן, אַז גיך־גיך וועל איך מוזן אַריינקלייבן זיך אין קימפעט אַריין אין אַ גוטער שעה, אַ מזלדיקער שעה".

אין דעם זעלבן יוני, דעם 24טן, שרייבט ער ווידער צו י. ח. ראַוו־ניצקין: „פרצעס „ליטעראַטור און לעבן" האָב איך אויך נישט געזען און וויל נישט זען. איך גלויב נישט, אַז דער מטורף פרץ (דער צווייטער לעווי) זאָל קאָנען עפעס וויכטיקעס מתקן זיין. אונזער „קריטיקוס" (ש. דובנאָוו — ב. מ.) האָט גאַנץ גלייך געזאָגט אין לעצטן ביכל „וואָסכאָד", אַז פרץ מיט בעטי פלעקל (מיין איך פלעקסער)[1] האָבן זיך נאָר געפּרוּוט נאָכמאַכן, אָבער עס איז זיי נישט געראָטן".

און אינגיכן, אין אַ בריוו פון 20טן יולי 1894, שרייבט ש"ע צווישן אַנדערן צו מ. ספעקטאָרן: „אַך, ברודער! איר האָט אונז אַביסל קאַליע

---

[1] בערטאַ פלעקסער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך „דאָס הייליקע לאַנד".

געמאַכט דערמיט, וואָס איר האָט זיך פֿאַרבונדן מיטן צווייטן לעווי, אַ מטורף, און האָט נאָך אונזער אָפּריידן, פּלוצים אַרויסגעלאָזט צוזאַמען מיט אייך עפּעס בלעטלעך.[1] איך האָב גערעכנט, אַז ער איז דאָס די סיבה, וואָס איר ווילט מיר נישט ענטפֿערן און נישט שיקן קיין נישט ביכער, נישט קיין אַרטיקל".

אין אַ יאָר אַרום האָט מרדכי ספּעקטאָר זיך געקלאָגט פֿאַר שלום־עליכמען, אַז אים פֿעלט מאַטעריאַל פֿאַר זיין „הויז־פֿריינד", און ש"ע ענטפֿערט אים מיט אַ בריוו (פֿון דעם 28טן אָקטאָבער 1895): „ליבער ספּעקטאָר! אייער קלאָג־בריוו האָב איך מקבל געווען. איך זעץ זיך צוליב אייך היינט אַוועק און אַרבעט מיט דער גאַל — איך וויל אייך בלייבן אַן „אמתער פֿריינד". פֿאַרלויפֿיק נאָט אייך נאָך אַ קלייניקייט, אַ פֿאַדראַ־זשאַניע" [אַ נאָכמאַכונג. — נ. מ.] צו אונזער גרויסן משוגענעם דיכטער י. ל. פּרץ, מסתמא איז דאָך פֿאַראַן ביי אייך אין „הויז־פֿריינד אַ רובריק פֿון קלייניקייטן, רוקט דאָס אַהין אַריין. געחתמעט נאָר מיט איין אות: ש".

צו דער לבנה

(אויף דעם שניט און מיט דער שפּראַך פֿון פּרץ)

1

וואָס רוישט מיר אין מוח,
וואָס זעצט ווי אַ פּאַס?
עמצנס לידער —
איך לויף אויף דער גאַס.

2

עס רוישן די שפּערבער,
עס וואָרקען די קאָטערס,
עס שפּרינגען די מייזלעך
און טאַנצן ווי טאָטערס.

3

איך קריך אויף די ווענט,
איך פֿאַל אויף די קברים, —
עס גלוסט זיך מיר שרייבן,
אַרויסגעבן ספֿרים.

[1] שלום־עליכם מיינט די „יום־טוב־בלעטלעך", וואָס י. ל. פּרץ האָט אַרויסגעגעבן זינט 1894. דער ערשטער נומער איז דערשינען ביי דער מיטאַרבעטערשאַפֿט פֿון מ. ספּעקטאָר.

4

פייגל גינגאָלדנע
בלישטשען און פּראַגנען,
מע האָט דאָרט אַ גאַנער
אַ סריס געהאַנגען!

5

און אָקסן און אייזלען,
זיי ברומען און בלעקען,
זיי קאָנען נישט האָרכן
משוררים מעקען...

6

זי קוקט, די לבנה,
פאַרדרייט מיט דער נאָז,
עס ווילט זיך איר זאָגן —
ווייסט זי נישט וואָס.

7

ראַפּטום... טס! פאַרשטומט דער וואַלד,
הערט ווי עמעץ זינגט,
ווי פּיזעס גאָבל, און זיס ווי קנאָבל,
און אַ שברים קלינגט.

8

ס'לאָזן קען זיך גיין אַסך;
זאָגט זיי אָפּ גאַנץ איידל
דער קלוגער קאָטער אויפן דאַך, —
בראָניעס מיטן ווידל.

9

שיכור טאַנצן טאַנצן די שמשים,
אַלע מתים קאַנקאַנירן;
די לבנה ווינקט מיט דאויגן,
אַלע שטערן קאָקעטירן...

ש.

די פּאַראָדיע, צוזאַמענגעשטעלט טיילווייז פון פּרצעס לידער, איז בשעתו נישט געווען פאַרעפנטלעכט. צי האָט פּרץ געוואוסט וועגן איר — איז שווער צו זאָגן.

עס גייען אַוועק נאָך עטלעכע יאָר, און דער כעס און דער ברוגז איז אַלץ נישט איינגעשטילט. עס דערשיינט דער „יוד", און ש"ע שרייבט

דאָן דרך־אגב צו י. ח. ראַווניצקין, דעם דעמאָלטדיקן רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל (דער בריוו איז געשריבן דעם 17טן אַפּריל 1899 וועגן דעם נ׳ 6 פֿונעם „ייד״): „צו וואָס האָט איך געטויגט פּרצעס עטלעכע פּוסטע שורהלעך? בכדי שלא להוציא הנייר חלק? דאַכט זיך, אַסך גלייכער וואָלט געווען וואַרשאַווסקיס [1] צו דרוקן״.

משמעות, אַז דער ברוגז צווישן ש״ע און פּרץ האָט אַריינגעצויגן אויך י. דינעזאָן אין מיטן. י. דינעזאָן האָט געוויס געזוכט שלום און מסתמא געפּרואווט פֿאַרגלעטן דעם סיכסוך. צוליב פּרצן זיינען די באַציאונגען צווישן דינעזאָנען און ש״ע אויך געוואָרן קעלטער.

אין גרויסן נישט־פֿאַרעפֿנטלעכטן בריוו פֿון ש״ע צו י. דינעזאָן (פֿון 15טן פֿעברואַר 1900) שרייבט ש״ע:

„ליבסטער, ערלעכסטער פֿריינד! צווישן אונז, ווי עס ווייזט אויס, איז דורכגעלאָפֿן נישט קיין קאַץ, נאָר אַ קאָטער. איך הייב נישט אָן צו פֿאַרשטיין קיין איינציק וואָרט, וואָס איר זאָגט, אַזוי ווי איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס איר האָט זיך פֿון מיר דערווייטערט די גאַנצע צייט — — — צום סוף ווייזט זיך אויס, אַז איך בין גאָר מי יודע וואָס פֿאַר אַ בר־עוולה, אַ פֿאַרברעכער. גאָט איז מיט אייך! איך בין קיין פֿאַרברעכער קיין מאָל נישט געווען און קיין טיפּש אוודאי נישט. טיפּשים האָבן אייך געזאָגט, אַז איך האָב מיטן געלט אָנגעוואוירן דעם שכל, ווייל טיפּשים האָבן דאָס געוואָלט — — — אַצינד וועלן מיר גיין כסדר... דאָרטן [אין „קול מבשר״] איז געווען דער אָנהייב פֿון מיינע אַ פּאָעמע „פּראָגרעס — ציוויליזאַציע״ (כ׳לעבן נישט ערגער פֿון די בעסטע לידער פֿון פּרצן), און דאָרטן איז געווען אויך אַ קליינע רעצענזיע איבער זייער אַ קליין ביכעלע פֿון פּרץ, וואָס ווען איך דערמאָן זיך אין דעם, לאַך איך, אָבער נישט מער; און איר זאָגט גאָר עפּעס תרגום־לשון: „אבל אתה יצאת לשים לאל את כשרונו הנעלה... וללעוג על כל היוצא מעטו...״ [2] פֿע, דאָס פּאַסט גאָרנישט פֿאַר אַזאַ ערלעכן מענטשן ווי דינעזאָן, ער זאָל אַזעלכעס זאָגן! נאָר אויב איר ווילט וויסן, האָט פּרץ מיר מער געטאָן ווי איך אים. פּרץ האָט באַדאַרפֿט טאָן, וואָס אַ ייד באַדאַרף טאָן: אַ ייד, אַז גאָט העלפֿט אים, ער קען יענעמס קלייטל אָדער יענעמס שענקל צומאַכן, איז אים גוט; נאָר אַז גאָט העלפֿט אים, יענעמס קלייטל אָדער

[1] געמיינט מאַרק וואַרשאַווסקי, דעם פֿאַרפֿאַסער פֿון די באַרימטע פֿאָלקס־לידער.

[2] אָבער דו ביסט אַרויס און געמאַכט צונישט זיין וואונדערבאַרן טאַלענט... און אָפּצושפּעטען פֿון אַלץ, וואָס ס׳איז אַרויס פֿון זיין פֿעדער.

יענעמס שענקל האָט זיך אַליין צוגעמאַכט — דעמאָלט איז ער גאָר גליק־לעך, אַז פּרץ האָט דערהערט, אַז שלום־עליכם איז געוואָרן עליו־השלום, האָט ער זיך מיישב געווען און האָט צוגענומען שלום־עליכמס בלעטל פֿון דער טיר און האָט דאָס אַרויפֿגעזעצט אויף זיין אייגענער טיר און פֿון דער „יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק" איז געוואָרן תּומ"י אַ „יידישע ביב־ליאָטעק". דאָס איז ערגער, מיין ליבער דיגעזאָן, פֿון צען טויזנט רעצענ־זיעס; דאָס שמעקט אַזוי מיט פּאַסקודסטווע, אַז איך דערמאָן זיך, קערט זיך מיר איבער די גרינע גאַל!! — און ווייטער זאָגט איר: „דע לך, כּי מעולם לא היית בעיני לסמל היושר והאמת".[1] — — — ע, ברודער, ווען איך בין מיט ווינציקער יושר און מיט ווינציקער אמת, וואָלט איך עד־היום געווען אַ גביר! יושר און אמת און אָרענטלעכקייט איז אין מיין ליטעראַטור־אַרבעט אפשר אַזוי פֿיל, ווי ביי אַלע יידישע מחברים א י נ א י י נ ע ם. איך האָב אויף דער יידישער ליטעראַטור מקריב געווען באמת ה אַ ל ב פֿון מיין לעבן און אַ ג אַ נ צ ן קאַפּיטאַל — — —. אויב איך האָב יאָ אַמאָל געזינדיקט קעגן מיינעם אַ חבר אַ ליטעראַט, איז דאָס נאָר דער איינציקער ספּעקטאָר. נאָר דאָס ווייסט קיינער נישט, נאָר איך אַליין; אַפֿילו ספּעקטאָר ווייסט אויך נישט מיט וואָס און ווען איך האָב פֿאַרזינדיקט קעגן אים. אָבער פּרץ — פֿע, פֿון אים זאָלט איר מיט מיר נישט ריידן! אים האָב איך געזען מיט נאָך אַסך אַזעלכע ווי ער אויף מיין קבר טאַנצן. — פֿע, ער עקלט מיך!..."

אַזוי האָט זיך ש"ע באַצויגן צו פּרצן אין לויף פֿון כּמעט צ ע ן יאָר און האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט אויסצוגיסן זיין כּעס און אָפּצושטעמפּלען פּרצן מיט פֿאַרשידענע נעמען און צונעמענישן.

דאָס האָט ממילא אַרויסגערופֿן אויך ביי פּרצן אַ נישט־פֿריינטלעכע באַציאונג צו שלום־עליכמען.

אין אַ רעצענזיע, וואָס פּרץ האָט געשריבן איבער די נישט־געראָ־טענע אַ. קאַטיקס עט אַ. ברעסלערס איבערזעצונגס־אויסגאַבן אין 1895, גיט פּרץ, דרך־אגב, אַ זאָג איראָניש: „שלום־עליכם האָט דער ערשטער געדעשעט צו טאָפּטשען מיט די פֿיס, אויסטשאַראָפּען די פּאַטשווע, צו שרייבן: גראַביאַזש! און צו מאַכן אַ פֿאָלנע באַפּאַדעניע אויף שמרס קרע־פּאַסטן און אוקרעפּלעניעס און האָט אים גאַנץ אומאָנגענעם געהרגעט"... (י. ל. פּרץ — „ליטעראַטור און לעבן", פֿאַרלאַג ב. קלעצקין, באַנד XVI, ז" 228).

---

[1] און, אַז קיינמאָל ביסטו נישט געווען אין מיינע אויגן דער סימבאָל פֿון יושר און אמת.

אין 1896 אין אַן אַרטיקל „די קראַנקע נערוון" דערמאָנט זיך פּרץ אין דער קריטיק פון ש"ע און מיט פאַרביטערונג געברויכט ער אַזעלכע הארבע ווערטער: „שלום-עליכם, איינער פון די בעסטע זשאַרגאָניסטן, האָט אַמאָל נישט געוואוסט, וואָס מען מיינט „פּאַקשיווע". אַן אַנדער אויף זיין אָרט רופט אַריין דעם ערשטן בעסטן פּוילישן ייד און פרעגט, וואָס דאָס וואָרט באַטייט. ער איז אָבער נערוועז, שטעלט ער זיך אַנידער, ווי אַן אָקס מיט גרויסע הערנער, אין זיין אַמעריקאַנישן רעקלאַמאַציאָנס „קול מבשר" און בלעקט אַרויס: מאַי פּאַקשיווע? כדי ער זאָל „פּאָסט-פאַקטום" געוואָר ווערן, אַז פּאַקשיווע איז דאָס אייגענע, וואָס „קראַפּיווע", דאָס הייסט אַ מין געוויקס, וואָס פּאַסט אַזוי אין אַ גאָרטן אַריין, ווי זיין „קול מבשר" אין אַן אָרנטלעכער ליטעראַטור" (י. ל. פּרץ, באַנד VIII, 138).

אַן איבערברוך אין די שלעכטע באַציאונגען צווישן ש"ע און פּרץ איז געשען אַרום 1900-1901. פאַר די פאַר יאָר איז פּרצעס רום געוואַקסן אָן אַ שיעור, פּרצעס נאָמען ווערט אומעטום געאַכט. אין דעם 25-יאָריקן יובילײ פון זיין שאַפן (ל"ג-בעומר 1891) ווערט פּרץ אָנערקענט אַלס דער פאָטער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. דאַן האָט ש"ע צוגעשיקט פאָלגנדיקע באַגריסונג צו פּרצן:

„היום שלושה ושלושים יום, שהם ארבעה שבועות וחמשה ימים לעומר בשנת תרס"א, שהיא שנת היובל לפּרץ; ובכן יהי רצון שבזכות ספירת העומר שספרתי היום יתוקן מה שפגמתי בספירה — הוד שבהוד אמן סלה...

„פון אַ גוישער שטאָט טרינק איך אַ יידישן טאָסט,
פון יידישן וויין גאַנץ יידישלעך פּראָסט.
צוויי שמידן קלאַפּן מיט צווייערליי האַמערס אין אייזן,
צוויי אַרבעטער האָרעווען מיט צווייערליי געציַיג איבער איין אַרבעט.
צוויי רייזנדע שפּאַנען פון צווייערליי פּונקטן צו איין ציל.
צוויי ליטעראַטן שרייבן מיט צווייערליי פּענעס צוליב איין פאָלק.
פון אַ גוישער שטאָט טרינק איך אַ יידישן טאָסט,
פון יידישן וויין גאַנץ יידישלעך פּראָסט.
לעבן זאָל אונזער פאָלק!
לעבן זאָל זיין ליטעראַטור!
לעבן זאָלן אירע געטרייע אַרבעטער!
לעבן זאָל דער פאָלקס-יובילאַר פּרץ!
הידד!

שלום-עליכם".

אָבער פּרץ און שלום־עליכם פֿאַרבלייבן דאָך אַלץ אין אַ באַשטימטער ווייטקייט איינער פֿונעם אַנדערן. י. ד. בערקאָוויטש, וואָס איז געשטאַנען די לעצטע צען יאָר פֿון שלום־עליכמס לעבן זייער נאָענט צו שלום־עליכמען, פּרוּאוּט אין זיין אַרטיקל „מיט דער משפּחה פֿון שריפֿטשטעלער" (ש"ע־בוך, ז' 157 א"וו) צו באַלויכטן די באַציִאונגען צווישן שלום־עליכם און פּרץ. י. ד. בערקאָוויטש וויל זען דעם עיקר־שולדיקן בלויז אין פּרצן. מיר ברענגען דאָ גרעסערע אויסצוגן פֿון בערקאָוויטשעס אַרטיקל: „ס'איז אַ באַקאַנטע זאַך, אַז די צוויי גרויסע יידישע שריפֿטשטעלער האָבן זיך אַ לאַנגע צייט פֿאַרהאַלטן איינער צום אַנדערן נישט נאָר פֿרעמד, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אומפֿריינטלעך. אויבערפֿלעכלעך ווערט דערציילט, אַז גענומען האָט זיך עס פֿון אַ נאַרישקייט: פּרץ איז געווען אין כּעס, למאַי ש"ע האָט אויסגעבעסערט זיין „מאָניש" אין דער „יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק" און למאַי ער האָט אויסגעלאַכט אינעם „קול מבשר" זיין פּאָעזיע, און ש"ע איז געווען אין כּעס, למאַי פּרץ האָט אויסגעכאַפּט ביי אים זיין יאָרבוך און האָט עס אָנגערופֿן כמעט מיטן זעלביקן נאָמען: „די יידישע ביבליאָטעק". דערביי ווערט צוגעגעבן, אַז אויף די עלטערע יאָרן, ווען דער כּעס איז זיי אָפּגעגאַנגען, האָבן זיך די צוויי שריפֿטשטעלער איבערגעבעטן און זיינען געוואָרן גוט פֿריינט". י. ד. בערקאָוויטש זאָגט: „דאָס איז אָבער נאָר אויבערפֿלעכלעך. אין דער אמתן איז דער אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי געווען אַ פֿיל טיפֿערער, אַ מער וועזנטלעכער: פּרץ האָט אין שלום־עליכמס גרויסער פּאָפּולאַריטעט ביים פֿאָלק געפֿילט כמעט אַ באַליידיקונג פֿאַר זיין אייגענער גרויסקייט, און ש"ע איז צו פּרצעס שאַפֿן כמעט דאָס גאַנצע לעבן פֿאַרבליבן קאַלט, ווייל ער האָט פֿון דעם קיין הנאה נישט געהאַט".

אַז דאָס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק און אַז אין תוך האָט יעדער איינער מיט דער צייט אויפֿגענומען און באַגריפֿן דעם באַטייט פֿונעם אַנדערן, וועלן מיר זען ווייטער. לאָמיר דערווייל לאָזן רעדן בערקאָוויטשן.

י. ד. בערקאָוויטש באַמיט זיך אויפֿצושטעלן אין זכּרון דעם אינהאַלט פֿון שלום־עליכמס ווערטער וועגן פּרצן. דער אינהאַלט איז געווען אומגעפֿער אַזוי: „פּרץ פּראַוועט טישן, ווייל ער איז אין גרונט מער חסידישער רבי, ווי שרייבער. און נישט פֿון אונזערע פּשוטע וואָלינער גוטע־יידן, ווי אַ שפּאָלער זיידע, אָדער אַ ר' לוי־יצחק באַרדיטשעווער, וואָס זיינען אַליין געווען פֿאָלקסמענטשן און דאָס פֿאָלק האָט זיי פֿאַרשטאַנען, נאָר פֿון דעם פּוילישן טיפּ — אַ מין גערער. ער איז אַ בעל־גאווה קעגן פֿאָלק,

האַלט זיך מיטן פֿאָלק מעשה־פּריץ, רעכנט דעם המון־עם נידעריקער פֿון זיך, רעדט מיט אים נישט אויף זיין שפּראַך, נאָר זאָגט פֿאַר אים „תורה״ — פֿול מיט כּוונות, מיט רמזים, מיט פֿינטעלעך... רינגלט זיך אַרום מיט יונגעלייט — חסידים, צווישן זיי אַסך גאַרנישטן, פֿליאַסקעדריגעס, וואָס באַמקען־צו צו יעדן האַלבן וואָרט זיינעם, קומען אַריין אין קעלבערנע התפּעלות פֿון יעדן וואונק זיינעם, פֿון יעדן קנייטש מיטן ברען: „אַי־אַי, פּלאַי־פּלאַים!״... פֿאַר דער יונגער יידישער בעלעטריסטיק איז עס אַ געפֿאַר, וואָס פּרץ ווערט איר וועגווייזער, ווייל ס׳איז נאָך אַ ספֿק, צי פּרץ אַליין איז אַ בעלעטריסט. אַ וועגווייזער מעג זיין אַזאַ ווי טאָלסטאָי, אַזאַ ווי טשעכאָוו, וואָס מאַכן נישט קיין אָנשטעלן, שרעקן נישט דעם עולם מיט זייער טיפֿער חכמה, וואָס מע דאַרף האָבן אַ זכיה זי צו פֿאַרשטיין — זיי זיינען אַזוי עכט און אַזוי אויפֿריכטיק, אַז אַלע פֿאַרשטייען זיי. אָט ביי ווּעמען מיר דאַרפֿן זיך לערנען, ווי אַזוי צו שרייבן! פֿון פּרצעס „טישן״ און פֿון פּרצעס „תורה״ וועלן ביי אונז נאָר אויסוואַקסן ליטעראַרישע פֿליאַסקע־דריגעס״... „אין יענעם געשפּרעך האָט ש״ע — ווי עס דערציילט י. ד. בערקאָוויטש — אויך באַרירט פּרצעס יידיש, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, מער אַ לאָקאַלער דיאַלעקט פֿון פּוילישע גובערניעס, איידער אַ יידישע שפּראַך. „יידיש שרייבן — האָט ש״ע געזאָגט — וואָלט מען, דאַכט זיך, שוין געמעגט גיין לערנען זיך ביי אַבראַמאָוויטשן... איז אָבער ניין! אַפֿילו יידיש שרייבן האָבן זיך אונזערע פֿליאַסקעדריגעס גענומען לערנען ביי פּרצן״. אַרויסגייענדיק פֿון שטוב האָט בעל־מחשבות געזאָגט צו י. ד. בערקאָוויטשן: „אַ האָרץ פּילט אַ האָרץ. פּונקט אַזוי קריכט פּרץ פֿון דער הויט צו פֿאַרלייקענען שלום־עליכמען, און איר ווייסט — ס׳איז נאַטירלעך אַזוי. שרייבער דאַרפֿן נישט זיין זיס איינער צום אַנדערן. דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו האָבן זיך נאָך מער געריסן״ (ש״ע־בוך ז׳ 158־159).

י. ד. בערקאָוויטש קאָנסטאַטירט אויך, אַז „אין די לעצטע יאָרן זיינען די באַציאונגען צווישן ש״ע און פּרצן פֿיל ווייכער געוואָרן. פֿון שלום־עליכמס זייט האָט זיך עס געלאָזט פֿילן פֿון נאָכדעם ווי עס זיינען דער־שינען פּרצעס „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״, דורך וועלכע ש״ע האָט דערזען פּרצן אין אַ גאַנץ נייעם ליכט. וואַרשעווער שריפֿטשטעלער דערציילן, אַז אין יענער צייט פֿלעגט פּרץ באַוויזן פֿאַר זיינע מקורבים אַ באַגייסטערטן בריוו פֿון ש״ע, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿונען אַזאַ זאַץ: „אַז איך האָב דורכגעלייענט די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן״, בין איך צוגעגאַנגען צום שפּיגל און זיך אַליין געגעבן צוויי פּעטש דערביי, וואָס איך האָב ביז אַהער נישט געוואוסט, ווי אַזוי אָפּצושאַצן אייער ווערט!״ צי ש״ע האָט אויס־

געדריקט זיין התפעלות פאר פרצן דווקא מיט די ווערטער, צי אן אנ־דערן נוסח — דאס וועט מען געוואויר ווערן, ווען יענער בריוו, אויב מע האט אים אפגעהיט, וועט פארעפנטלעכט ווערן... שלום־עליכם פלעגט אפט רעדן פון די „פאלקסטימלעכע געשיכטן״, ווי פון פרצעס בעסטע שאפונג. איך געדענק, ווי איינמאל אין נערווי, שפאצירנדיק אויפן ברעג ים מיט איינעם א באקאנטן פארשטייער פון דער דעמאלטיקער רוסישער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, וואס איז געווען א פולשטעדיק־אסימי־לירטער ייד, און וועלנדיק דערוויזן אים צו וואס פאר א הויכער מדרגה די יידישע ליטעראטור האט דערגרייכט, האט ער אים רעקאמענדירט פרצן (וועמענס נאמען יענער האט צום ערשטן מאל געהערט). דערביי האט ש״ע מייסטערהאפט איבערגעזעצט אויף רוסיש די „דריי מתנות״ פון די „פאלקסטימלעכע געשיכטן״ און איז געווען גליקלעך, אז זיין צוהער־רער האט די דאזיקע זאך באוואונדערט ווי א ליטעראַרישע פערל״.

בערקאוויטש גיט אויך איבער אן עפיזאד פון פרצעס באציאונג צו ש״ע: „דורכפארנדיק איינמאל ווארשע, האב איך ביי דינעזאנען אין צימער געטראפן פרצן. מען האט זיך צערעדט, געשמועסט פון פארשידענע זאכן, און ס׳איז מיר געווען א חידוש, וואס פרץ פרעגט זיך גארנישט נאך אויף שלום־עליכמען. און פלוצים רופט זיך אן צו מיר פרץ גאנץ אומ־געריכט: — איר שרייבט היינט א בריוו צו ש״ע? שרייבט אים אין מיין נאמען, אז ער איז א גרויסער קינסטלער! איך האב אים אנגעקוקט פאר־וואונדערט: וואס עפעס אינמיטן דרינען? — איך האב ערשט די טעג איבערגעלייענט „סטעמפעניו״. — איר האט דען ביז אהער נישט געלייענט „סטעמפעניו״? — שטעלט אייך פאר, ניין!״ איך האב געהאלטן פאר אומ־באקוועם איבערצוגעבן ש״ע אין א בריוו אזא מאדנעם גרוס פון פרצן. ווייסנדיק, ווי אזוי ש״ע האט ליב אויסצוהערן א זאך מיט אלע פרטים, האב איך מורא געהאט, אז דאס וועט אים נאר צושטערן זיין גלייכגעוויכט. אין א צייט ארום, ביי אונזער באגעגעניש, אז איך האב די זאך דערציילט ש״ע אויף א שפאצירגאנג, האט ער זיך הילכיק צעלאכט:

— וואס האט ער זיך אזוי שפעט דערמאנט?

און שפאצירנדיק עטלעכע מינוט מיט א פארטראכטן שמייכל, האט ער א זאג געטאן:

— דער ממזר האט געלייענט „סטעמפעניו״ נאך בימי ה„פאלקס־ביבליאטעק״, סך־הכל מיט א יאר עטלעכע און צוואנציק צוריק. איך האב גוטע עדות דערויף!...

איך האָב געפּילט — ענדיקט י. ד. בערקאָוויטש, — אַז דער דאָזיקער ענין האָט שלום־עליכמען דערוואָרעמט, און ווער ווייסט, צי אין דעם זעלבן אָוונט איז נישט אָוועקגעגאַנגען אַ האַרציקער בריוו פֿון אים צו פּרצן קיין וואַרשע?״... (שלום־עליכם־בוך״, ז׳ 159־160). — — —

אין די טעאַטער־רעצענזיעס פֿון פּרצן געפֿינען מיר אייניקע שורות וועגן שלום־עליכם דעם קינסטלער.

ווען מ׳פֿירט אויף אין וואַרשע (אין 1906) שלום־עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט״, שרייבט פּרץ אַן אַ רעצענזיע וועגן דער אויפֿפֿירונג. נאָכדעם ווי פּרץ גיט איבער אויספֿירלעך דעם אינהאַלט פֿונעם שטיק, שרייבט ער: „די טראַגיקאָמעדיע האָט באַאַרבעט שלום־עליכם אין זיין דרייאַקטיקן שטיק „צעזייט און צעשפּרייט״... דאָס שטיק האָט אַלע גרויסע מעלות און אַלע קליינע חסרונות פֿון שלום־עליכם, וואָס וועט זיך קיינמאָל פֿון קיין וויץ נישט אָפּזאָגן, וואו מ׳דאַרף יאָ און וואו מ׳דאַרף נישט. און דאָס שטיק גרענעצט דעריבער מיט פֿאַרס״ (י. ל. פּרץ — „ליטעראַטור און לעבן„ ז״ז 114־118).

אין זיין גרויסן אַרטיקל „וועגן דוד פּינסקיס „פֿאַמיליע צבי״ (אין 1907) מאַכט פּרץ אַ פּאָר מאָל זייער געלונגענע פֿאַרגלייכן צווישן פּינסקיס פּרעטענציעזער דראַמע און שלום־עליכמס נאַטירלעך־לייכטן „צעזייט און צעשפּרייט״, און אָט וואָס פּרץ שרייבט: „מיט דער צעשלאָגענער יידישער פֿאַמיליע טרעפֿן מיר זיך ביי טשיריקאָוו, שלום־עליכם און אַש אויך... — אויף דער גרענעץ צווישן קאָמעדיע און פֿאַרס פֿליען שלום־עליכמס פֿיגורן ווי ראַקעטן פֿאַרביי און צייכענען און שניידן זיך אָפּ איינער פֿון צווייטן אין פֿלוג... — שלום־עליכם האָט גאַרנישט צוגעזאָגט. ער האָט איינפֿאַך און אָן שום פּרעטענזיע געמאָלט אַ חורבה פֿון אַ יידיש הויז און ער ענדיקט מיט דער חורבה...

„— מלכה, (רייבט זיך דעם שטערן) וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן... איך האָב דיר עפּעס געוואָלט זאָגן... און וואָלאַדיע זיצט!... און די איבעריקע קינדער?

— צעזייט און צעשפּרייט. — ענטפֿערט מלכה.

— האַ, וואָס זאָגסטו, מלכה? וואו זיינען אונזערע קינדער? ער פֿאַלט צו צום טיש און וויינט״... איינפֿאַך, און אַ וועלט איז איינגעפֿאַלן... מאַירס וועלט, דאָך אַ וועלט, און עס איז דערפֿון אַ חורבה געוואָרן...״ (דאָרט, ז״ז 86־91).

אַזוי האָט פּרץ אויפֿגענומען די איינפֿאַכקייט און נאַטירלעכקייט און שטילן טראַגיזם פֿון שלום־עליכמס אַרט שרייבן.

אַזוי צוביסלעך וועפּט זיך אויס דער ברוגז און די שנאה צווישן פּרץ און ש״ע. די דערוווייטערטע און צעשיידעטע הייבן זיך אָן אַלץ מער צו דערנעענטערן איינער צום אַנדערן.

אין אַ בריוו פֿון ש״ע צו י. דינעזאָן (פֿון דובעלן דעם 20טן יוני 1908) האָבן מיר אַזאַ צושריפט פֿון ש״ע:

„און גריסט פּרצן, זאָגט אים, אַז איך האָב אים ליב, ווייל ער איז אַ ממזר. — איך האָב ליב ממזרים... כשרע יידן האָב איך פֿיינט... פֿינטעלעך, פֿינטעלעך...״

אין צוויי יאָר אַרום, אין 1910, שרייבט ש״ע אין זיינעם אַ בריוו צו י. דינעזאָן (פֿון נערווי, דעם 17טן נאָוועמבער): „זאָגט אונזער טייערן פֿריינד פּרץ, אַז איך האָב אים וועגן זיינע דראַמאַטן אַזוי פֿיל צו זאָגן, אַז כ׳האָב עס אָפּגעלייגט אויפֿן זומער...״

צו דער זעלבער צייט, אָדער מיט עטלעכע חדשים פֿריער, אין זיין פּראָכטפֿולן טיפֿן אַרטיקל „וואָס פֿעלט אונזער ליטעראַטור״, וואו ס׳איז דאָ פּרצעס אַני־מאַמין, רעדט פּרץ וועגן די גרויסע דערגרייכונגען פֿונעם נייעם יידישן שאַפֿן און ער שרייבט אַגב: „דער קיעווער שלום־עליכם [האָט געגעבן] — דעם קאָמי־וואָיאַזשאָר, דעם נאָאיוו־נאַריש־איבערקלוגן פּרנסה־זוכנדיקן איבער־זידלער פֿון דער קליינער אין דער גרעסערער שטאָט אַריין, און אַנטפּלעקט טביה דעם מילכיקערס טראַגיקאָמעדיע״...

די פֿריינטשאַפֿט אָבער איז נאָך נישט געווען קיין גאָר פֿעסטע. פּרץ האָט נאָך אָפּטמאָל אַרויסבאַוויזן קאַפּריזן לגבי שלום־עליכמען. אין דער צייט, וואָס ש״ע האָט שוין, משמעות, אויסגעוואָרצלט אין זיך די אַמאָליקע טענות צו פּרצן.

אין יאָר 1910 איז דורך שלום־עליכמען געמאַכט געוואָרן אַ פֿאָר־שלאָג אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג „בוך פֿון פֿייער״ לטובת די יידישע נשרפֿים אין פֿיל יידישע שטעטלעך. אין וואַרשע איז גערופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמ־לונג אין „הזמיר״ פֿון ליטעראַטן און כלל־טוער. האָט זיך י. ל. פּרץ אָפּגע־זאָגט אָנטייל צו נעמען אין דער פֿאַרזאַמלונג. אמת, ער האָט אָנגעוויזן אין זיינעם אַ בריוו צום פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג און אויך אין זיינס אַן אַרטיקל אין „פֿריינד״ (י. ל. פּרץ — „ליטעראַטור און לעבן״, ז׳ 284) געוויסע פּרינציפּיעלע און זאַכלעכע טענות קעגן דעם פֿאָרשלאָג, אָבער מ׳פֿילט נאָך צווישן די שורות נאָכווייעניש פֿון אַמאָליקן לאַנג־יאָריקן קריג. און די העפֿלעכקייט פֿון בריוו („דער ליבער שלום־עליכם האָט נישט געדאַרפֿט״) און אינעם אַרטיקל („אַזוי ווי אויס סאָלידאַריטעט

צום חבר שלום־עליכם דאַרף דאָס „בוך פֿון פֿייער" אַרויסגעגעבן ווערן")
איז אויך אַ גאַנץ קאַלטע, אַנגעצויגענע.

ד"ר גרשון לעווין גיט איבער אין זיינע זכרונות וועגן פּרצן מכּוח „אַ גרויסן קאָנפֿליקט, כמעט אַ סקאַנדאַל", וואָס איז אויסגעבראָכן אין „הזמיר", וואו ער, ג. לעווין, איז געווען דאַן דער פֿאַרזיצער און י. ל. פּרץ — דער וויצע־פֿאָרזיצער: „אין דעם ליטעראַרישן פּראָגראַם פֿון דעם ערשטן חנוכּה־אָוונט האָט מען אַריינגעשטעלט שלום־עליכמס „חנוכּה־געלט". פּרץ איז געווען קעגן — די זאַך געפֿעלט אים נישט, אָבער נאָך לאַנגע ויכוחים האָט ער פֿאַרט אָפּגעטראָטן און שלום־עליכמס „חנוכּה־געלט" האָט פֿיגורירט אינעם פּראָגראַם. אויפֿן אָוונט גופֿא קומט צו גיין פּרץ און דערקלערט מיר קאַטעגאָריש, אַז אויב מען וועט פֿאָרלעזן שלום־עליכמס „חנוכּה־געלט", וועט ער נישט נעמען קיין שום אָנטייל אין דעם אָוונט און זאָגט זיך אָפּ געגנצלעך פֿון „הזמיר". מיינע אַלע בקשות, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן, זיינען געבליבן אָן שום רעזולטאַט. איך האָב געמאַכט אַ קליינע באַראַטונג מיטן קאָמיטעט בעמידה, און ס'איז געבליבן דאָס מאָל אָפּצוטרעטן, בכדי אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל. שלום־עליכמס „חנוכּה־געלט" האָט מען נישט געלעזן מיט אַן אויסרייד, אַז דער לעקטאָר איז הייזעריק. אַלע אָבער, וואָס האָבן געוואוסט פֿון דער אמתער סיבה, זיינען געווען עמפּערט קעגן פּרצן". און ג. לעווין דערציילט, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען דער „הזמיר" האָט איינגעאָרדנט שלום־עליכמס יובילייִ, האָט פּרץ „געהאַלטן לכּבוד שלום־עליכמען אַ גייסטרייכע רעדע. ווען איינער פֿון די אַנוועזנדע האָט אים באַמערקט, אַז ער האָט דאָך אַמאָל נישט דערלויבט צו לעזן אין „הזמיר" שלום־עליכמס „חנוכּה־געלט", האָט פּרץ געענטפֿערט: „דאָס חנוכּה־געלט" טויג טאָקע נישט, אָבער שלום־עליכם בלייבט שלום־עליכם" (גרשון לעווין — פּרץ, ז' 102־103. זע אויך גרשון לעווינס אַרטיקל „מיינע זכרונות וועגן ש"ע — ש"ע־בוך ז' 259 און ווייטער).

פֿון איצט אָן שטייגט די קעגנזייטיקע ליבע, אַכטונג און פֿאַרערונג פֿון מאָל צו מאָל. צווישן די בריוו פֿון שלום־עליכם צו דינעזאָן האָב איך געפֿונען אַזעלכע רירנדיקע, האַרציקע ווערטער, וואָס באַציִען זיך צו פּרצן (געשריבן פֿון מאָנטרע־קלאַראַן, שווייץ, ערב־יום־כּפּור תּרע"ג — 1912):

„— — — אויסערן אָפֿיציעלן גליקוואונטש... בעט איך זייער און זייער די רגע זיך זען מיט פּרצן און איבערגעבן אים מיין טיפֿסטן דאַנק

און אַלע מײַנע סימפּאַטיעס און — אויב מעגלעך, אויב אירט נישט לאַכן בײדע פֿון מיר — אַ קוש, אַ הײסן קוש פֿאַר זײַן קלוגן, וואַרעמען, בליצידיקן, פֿול מיט פּאָעזיע און גאָלדענע פֿונקען־שפּראַך, פֿעליעטאָן, וואו ער האַלט אַ וויכּוח מיט אונזערע כּלומרשטע פֿרײַע טמא מענטשלעך... אַך, אַ פֿעליעטאָן! פֿאַר מײַן גאַנצע פֿאַמיליע געלײענט און פֿאַרטײַטשט אים און זײ האָבן געלאַכט און געקוועלט און געלעקט די פֿינגער".

און אָט אַ צווײטער בריוו פֿון 5טן פֿעברואַר 1913 פֿון בערן (דער בריוו איז געשריבן מיט אַ צעבראָכענער און צעוואָרפֿענער האַנטשריפֿט. קאָנטיק — אויפֿן שווערן קראַנקן־בעט): „מײַן טײַערער דינעזאָן, מיר איז הײַנט אַ ביטערער טאָג געווען. איך האָב אים קוים איבערגעלעבט. האָב איך געהאַט אַ חיי־שעה: ס'איז מיר אָנגעקומען פֿון „צענטראַל" פּרצעס XI באַנד, האָב איך גענומען לײענען די מעשה, פֿון למכל מיטן דינעם קולכל און זײַן פּ אָ ס ט אַ מ ע נ ט ג נ ע נ ד י ל. און האָב זיך געכאַפּט בײַ די זײַטן לאַכנדיק. אוי, פּרץ! אַז ער קאָן שלום־עליכמען קראַנקערהײט אַזוי צעלאַכן, איז ער דאָך גאָר דער הומאָריסט! גיט אים איבער אַ גרוס פֿון מיר מיט אַ קוש פֿון זײַן און אײערן קראַנקן חבר שלום־עליכם".

דרײַ טעג שפּעטער שרײַבט ש"ע אַ צווײטן בריוו (דעם 8טן פֿעברואַר 1913, בערן, האָטעל לינדענהאָף):

„טײַערסטער דינעזאָן. וועגן מײַן לאַגע? אויף אַלע שונאים: אַ טאָג בעסער, אַ טאָג ערגער... פֿאַריקע נאַכט האָט מיך בײַם לעבן דערהאַלטן אונזער פּרץ מיט זײַן „אַלט און נײַ" — גאָלדענע זאַכן, וואָס כ'האָב זײ שוין געלײענט אײן מאָל און הײַנט, — דאָך האָב איך געקוועלט פֿון זײ ווי אַ קינד. ברודער! אַז מען שלאָפֿט נישט פֿון 10 ביז 6, אַ קײמאַ־לן פֿון 8 שעה, און בײַ דער זײַט ליגט פּרץ מיט זײַנע פֿאָלקסטימלעכע מעשהלעך — איז מען געזיכערט פֿון אויפֿהענגען זיך. פֿאַרגעסט נישט דערצו מײַנע וויטאָגן, וואָס כּף־הקלע איז גאָר אַ שפּילעכל".

אין אַ בריוו פֿון יעקב דינעזאָן צו ש. ניגער (פֿון 1913, I. 29—II. 11) געפֿינען מיר פֿאָלגנדיקע עטלעכע שורות: „און וואָס מאַכט אונזער ליבער ש"ע? שרײַבט מיר, איר ווײסט גאָרנישט ווי זײַן קראַנקהײט באַאַנגסטיקט מיך. איך האָב אים שוין צווײ בריוו געשריבן קײן בערן—לינדענהאָף 82. צום צווײטן בריוו האָט אויך פּרץ צוגעשריבן, ווי גערירט עס האָט אים שלום־עליכמס צושריפֿט, אין זײַן בריוו צו מיר, קראַנקערהײט. אַ ליבן גרוס צו אים. זאָגט אים, שלום־עליכמען, אַז כאָטש פּרץ שרײַבט אים אַזוי זעלטן, אָבער מיט ליבע און אַכטונג דערמאָנט ער אים שטענדיק,

און מיטן גאַנצן האַרצן ווינטשט ער אים געזונט צו זיין, אַזוי ווי איר און איך" („צוקונפט" 1929, ז' 628).

דעם 1טן מערץ 1913 שרייבט ש"ע אין אַ פּאָסטקאַרטל פון ווין: „אַ גרוס פרצן פון מיר און פון דער גאַנצער יידישער קאָלאָניע, וואָס קאָנען אים נישט פאַרגעסן, רעדן פון אים שטענדיק"...

אויך פרץ האָט זיך שטאַרק דערוואָרעמט, און גערירט פון שלום־עליכמס גרוסן צו אים שרייבט ער אָן אַ בריוול צו ש"ע (דעצעמבער 1913): „ליבער, ליבער שלום־עליכם. איך בין בטבע אַ פּינט פון בריוו־שרייבן, אָבער דיין צושריפט צו דינעזאָנס בריוו האָט מיך שרעקלעך גערירט. וואָס זאָל איך דיר שרייבן? איך לעז אַלץ, וואָס דו שרייבסט, אַפילו וועגן אונזער באַקאַנטן פּ... איך לעז און באַוואונדער... און וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט געזונט ווערן. זיי געזונט! דיין י. ל. פרץ". (שלום־עליכם אין זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט י. ל. פרץ". זע אויך ד"ר גרשון לעווינס „מיינע זכרונות וועגן ש"ע" — ש"ע־בוך, 280 א. וו.).

פרץ פילט אַזאַ נאָענטקייט צו שלום־עליכמען, אַז ער איז אַריבער אין די בריוו אויף „דו".

גאָר אינגיכן טרעפט אַ מעשה, וואָס האָט שיער־שיער ווידער נישט געבראַכט צו אַ שאַרפן סיכסוך צווישן ש"ע און פרץ. די מעשה האָט מיר דערציילט נחמיה פינקלשטיין: פרילינג 1914 האָט אַ גרופּע יידישע ליטעראַטן און קולטור־טוער, וואָס זיינען געווען אין „הזמיר" (י. ל. פרץ, י. דינעזאָן, ד"ר גרשון לעווין, נחמיה פינקלשטיין, סאַמועל קרינסקי א. אַ.), אָרגאַניזירט אַ גרויסן אָוונט פאַר ש"ע אין וואַרשע. עס האָט געקאָסט דאָן פיל מי אַרויסצובאַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ גרויסן יידישן אָוונט אין אַ גרויסן טעאַטער (אין טעאַטער „גיגאַנט" אויף ביעלאַנסקע־גאַס, וואו ס'איז געווען דער „נאָוואשטשי"־טעאַטער). ש"ע איז געקומען קיין וואַרשע. עס האָבן אים אָפּגעוואַרט ביים באַן די אויבנדערמאַנטע פּערזאָנען מיט פרצן בראש. דער ש"ע־אָוונט איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. און ש"ע האָט באַדאַרפט אַלס גאַסט פון „הזמיר" אַרויסטרעטן אויך אין „הזמיר". ד"ר גרשון לעווין האָט שטרענג פאַרזאָגט שלום־עליכמען זיך גוט אויסרוען (ש"ע האָט געליטן אויף די לונגען). דערווייל ווערט מען געוואָר, אַז ש"ע טרעט גאָר אַרויס אויף אַן אָוונט אין „חובבי־שפת־עבר". דער „הזמיר"־קאָמיטעט האָט זיך געפונען שטאַרק געטראָפן. ס'איז צונויפגערופן געוואָרן אַן עקסטרע זיצונג. מ'האָט באַפולמעכטיקט י. דינעזאָן צו פירן די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. ש"ע איז דאָן געווען מיט זיין פרוי אָלגאַ ביי א. פּאָדלישעווסקי, דעם פאָרזיצער פון „חובבי־שפת־

עבר". דורך דעם טעלעפֿאָן האָט י. דינעזאָן געשטעלט אַן אולטימאַטום, אַז אויב ש"ע טרעט אַרויס פֿריער אין „חובבי־שפֿת־עבר", וועט „הזמיר" זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פֿון זיין אָוונט. שלום־עליכמס פּרוי האָט געפֿירט די אונטערהאַנדלונגען מצד ש"ע. אָבער פֿאַרפֿאַלן: אָפּזאָגן זיך פֿון „חובבי־שפֿת־עבר" האָט ש"ע שוין נישט געקאָנט, און דער אָוונט איז דאָרט פֿאַרגעקומען. דער „הזמיר"־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן קיין עסקים מיט ש"ע אין דעם ענין מער נישט צו האָבן. ש"ע האָט געוואָלט זיך איבערבעטן און איז ספּעציעל געקומען צו פּרצן אַהיים. אַלס פּראָטעסט איז פּרץ באַצייטנס אַוועק פֿון שטוב. ש"ע האָט געוואַרט אַ פּאָר שעה, זיך געלייגט ביי פּרצן אויף דער סאָפֿע. פּרץ איז דערווייל געווען ביי י. דינעזאָן אין צימער און פֿון דאָרט צוגעשיקט אַזאַ מין בריוועלע: „ליבער הער שלום־עליכם, צו מיין פֿאַרדרוס קען איך היינט אינדערהיים נישט זיין. — י. ל. פּ.". ש"ע איז אַוועקגעפֿאָרן צו י. דינעזאָן, דאָרט „געפּאַקט" פּרצן און לסוף זיך איבערגעבעטן. „הזמיר" האָט צוריקגעצויגן זיין באַשלוס און ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פֿייערונג לכבוד ש"ע, אויף וועלכער פּרץ האָט געהאַלטן די פֿייערלעכע רעדע (פֿאַרעפֿנטלעכט אין פּרצעס „ליטעראַטור און לעבן", ז' 71־72). אין דער רעדע פֿילט זיך אַ פֿאָטערלעכע ליבע צו ש"ע, וואָס איז דאַן געקומען קיין וואַרשע נאָך זיין שווערער קרענק, געקומען כדי צו פֿאַרבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע דורך פֿאָרלעזונגען, וואָס זיינען געווען געפֿערלעך פֿאַר זיינע לונגען. און פּרץ זאָגט: „איך וואָלט געקאָנט מיין אויסטייטש באַגרינדן, איז אָבער ווייניק, וואָס שלום־עליכם האָט צו אונז געקאָנט קומען נאָך זעקס יאָר קראַנקהייט, — מיר ווילן, אַז ער זאָל אונז לאַנג, לאַנג געזונט זיין, לאַנג לעבן און אונזער שימל קראַצן... דערצו איז די לופֿט אין אונזערע הייזער, אויף אונזערע פֿאַרזאַמלונגען נישט גינסטיק... איך האַק אָפּ און רוף, איך בעט אייך מיטרופֿן:

געזונט זאָל זיין שלום־עליכם!"

אין דער זעלביקער רעדע האָט פּרץ טרעפֿלעך געזאָגט צווישן אַנדערן: „פֿאַרטייטש איך גוט שלום־עליכמען? אַז זיינע ווערק — בין איך זיכער; וואָס אים אַליין אָנבאַלאַנגט — נישט שטענדיק ווייסט דער אַרבעטער פֿון טייל דעם פּלאַן פֿון גאַנצן"...

און ש"ע אַליין דערציילט אין זיין אַרטיקל איבער י. ל. פּרץ: „פּרץ האָט נישט געלאָזט מיך זיצן מער ווי עטלעכע מינוט, כאָטש ער אַליין איז געווען דער רעדנער פֿון מיין כבוד וועגן, — און וועלכער רעדנער וויל עס נישט, מען זאָל אים הערן?... ס'איז אָבער געווען ענג און הייס, און

דער איז ביי אונז אַ ציטעריקער, אַן אָפּגעשריגענער״. — אַזוי האָט געטענהט פּרץ, אַנווייזנדיק אויף מיר מיט אמתער ליבשאַפֿט פֿון אַן עלטערן ברודער״.

ש״ע איז דאַן אַוועקגעפֿאָרן פֿון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק און דערנאָך קיין ווילנע. פֿון ביאַליסטאָק שרייבט ער (דעם 28טן אַפּריל 1914) צו י. דינעזאָן: „... גריסט אין מיין נאָמען פּרצן. איך האָב אים ליב מיט אַלע זיינע קאַפּריזן. זיין צעטעלע, אַז ער קען מיך נישט אויפֿנעמען ביי זיך, האָב איך באַהאַלטן לזכרון. און אַז כ׳דערמאָן מיך, לאָך איך, ווי איך האָב אים געפּאַקט ביי דינעזאָנס טיש!״ פֿון ווילנע (פֿון 1טן מאַי 1914) לויפֿט נאָך אַ צווייט בריוול פֿון ש״ע צו י. דינעזאָן און דאָרט שרייבט ער: „... וואָס זאָגט פּרץ אויף דער מתנה?[1] איך האָב נישט לאַנג געפֿונען ביי זיך זיין צעטעלע געשריבן ביי אייך אין קאַבינעט, אַז ער קען מיך נישט אויפֿנעמען ביי זיך אין הויז (פּרצעס צעטעלע ליגט ביי מיר ווי אַ רעליקוויע באַהאַלטן לזכרון) — האָב איך מיך דערמאָנט, ווי איך האָב אים געפּאַקט ביי אייך, ביי טיי־טרינקען, איז מיר געקומען אויפֿן זינען אַ פּסוק: דער הונט איז ווערט דעם שטעקן... נאָר אַ גוי זאָגט אַ וואָרט — להבדיל אַ תורה: קטאַ סטאַראָיע וואָספּאָמינאַיעט, טאָמו גלאַז וואָן״ [ווער עס געדענקט דאָס אַלטע, דעם זאָלן די אויגן אַרויסקריכן! — נ. מ.].

ס׳האָט אויסגעבראָכן דער וועלט־קריג און שלום־עליכם איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק.

באַלד נאָך פּרצעס טויט (אין 1915) האָט ש״ע פֿאַרעפֿנטלעכט זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט י. ל. פּרץ״. אינעם אַרטיקל איז קיין רמז נישטאָ אויף דעם לאַנגיאָריקן קריג, וואָס איז געווען צווישן זיי. אַלדאָס בייזע און קריגערישע איז צערונען, און געבליבן איז דאָס גוטע, ליבע, באַהאַרצטע פֿון דער לעצטער באַגעגעניש מיט פּרצן. און ש״ע, וועמען ס׳איז באַשערט געווען איבערצולעבן זיין פֿיינט־פֿריינט אויף אַ 14 חדשים, איז איבערפֿולט מיט צאַרטער פּיעטעט און טיפֿער אַכטונג צו פּרצן.

שלום־עליכם איז געווען שטאַרק צעבראָכן, ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפֿונען. ער האָט דערקלערט, אַז יצחק לייבוש פּרץ קאָן נישט שטאַרבן, ער לעבט און וועט בלייבן לעבן.

„אַ ברייט וואַרעם האַרץ, אַ קאָלאָסאַלער קאָפּ, אַ מענטש אַ ריז — אָט דאָס איז געווען דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט; און דער

[1] פֿון ביאַליסטאָק האָט שלום־עליכם געשיקט פּרצן אַ מתנה — אַ שטעקן.

עיקר — אַ פּיקח, מיט אויגן פֿון אַ תּלמיד־חכם. טיפֿע, בליצנדיקע, גרויסע אויגן, אַ ברייטער בליצנדיקער קוק און אַ מויל, וואָס פּערלט, געדאַנקען, וואָס ברויזן, זעצן פֿון אַ קוואַל, און ווערטער אַזעלכע שיינע און אַזעלכע געפֿליגלטע, אַז ס'איז נאָר געווען אַ וואונדער, פֿונוואַנען נעמען זיך צו אונזער אַזוי־גערופֿענער „אַרעמער שפּראַך" אַזוי פֿיל פֿיינע קיילעכדיקע פּערלדיקע ווערטער?... איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען אַזוי פֿריש און בליענד און גלענצנד, ווי פֿאַראַיאָרן פּסח, אין דער וואָך, וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט אינאיינעם — גלייך ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז אונזער לעצטע וואָך, האָט ער זיך צו מיר באַזונדערס צוגע־לאָזט, גענומען אַ באַזונדערן אינטערעס אין מיר און אַנטפּלעקט פֿאַר מיר זיין האַרץ, די קדשי־קדשים פֿון זיין נשמה, גערעדט פֿון נייע שאַ־פֿונגען..." מען האָט גערעדט פֿיל וועגן פּרצעס נייע מיסטישע — ווי שלום־עליכם רופֿט זיי אָן — ווערק. „און תּוך־כדי־דיבור — דערציילט ווייטער שלום־עליכם — איז ער איבערגעשפּרונגען אויף מיר און אויף מיינע אַרבעט מיט אַזוי פֿיל וואַרעמקייט און אינטערעס, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט פֿון זיינע אייגענע אַרבעט, און מיט פֿרייד גערעדט וועגן מיין דערפֿאָלג, גלייך ווי וועגן זיין אייגענעם דערפֿאָלג... דיין דערפֿאָלג איז אונזער אַלעמענס שטאָלץ — האָט ער צו מיר געזאָגט אין אַ מינוט פֿון השתּפכות־הנפֿש... פּרץ איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון מיר און צוזאַמען האָבן מיר אויסגעמאָסטן וואַרשע אין דער לענג און אין דער ברייט. געחלומט פֿון יידיש טעאַטער, פֿון ליטעראַטור, געבויט פּלענער און לופֿט־שלעסער, ווי נאָר אין די יונגע יאָרן".

און שלום־עליכם ענדיקט זיינע זכרונות:

„ווער האָט דעמאָלט געקאָנט זאָגן, אַז דאָס וועט זיין ביי מיר די לעצטע וואָך מיט פּרצן?..."

פּרץ און דוד פֿרישמאַן

אייגנטלעך זיינען צווישן פּרצן און פֿרישמאַנען נישט געווען קיין פּערזענלעכע באַציאונגען, נאָר אַ שווערער, לאַנג־דויערנדיקער קריג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע צוואַנציק יאָר. אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין קריג צ ו ו י ש ן פּרץ און פֿרישמאַן, נאָר ריכטיקער — אַ פֿאַרביטערטער קאַמף פֿון פֿרישמאַנען ק ע ג ן פּרצן.

ווען מען באַקענט זיך נענטער מיט אָט דעם גאַנצן אַנטי־פּרץ־מאַטעריאַל, וואָס געפֿינט זיך אין אַזאַ שפֿע אין דוד פֿרישמאַנס יידישע און העברעאישע שריפֿטן, קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז פּרץ איז געווען ביי פֿרישמאַנען אַ קראַנקער פּונקט. עס איז נישט קיין פּלוגתא צווישן פֿאַרשידנאַרטיקע שרייבער, וואָס איז געבויט אויף ערנסטע חילוקי־דעות, נאָר עפּעס אַן אומבאַגרינדעטער האַס, וואָס האָט אָנגעפֿילט פֿרישמאַנס האַרץ אין לויף פֿון יאָרן און יאָרן. אין פּרצן האָט פֿרישמאַן געזען דעם שולדיקן אין אַלץ און פֿון אַלעמען. שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם אומנאָרמאַלן צושטאַנד פֿון דער יידישער ליטעראַטור, איז דער חייב ביי אים פּרץ; רעדט ער וועגן דער געפֿאַלנקייט פֿונעם יידישן טעאַטער, איז ווידער פּרץ; באַרירט ער די אָפּגעשטאַנענע יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, איז אָבער־אַמאָל פּרץ. פּרץ איז ביי פֿרישמאַנען אין די אויגן געווען דער שולדיקער פֿון אַלדאָס שלעכטס אינעם יידישן קולטור־לעבן.

און גראָד זיינען זיי דאָך ביידע, פּרץ און פֿרישמאַן, אין פֿיל פּרטים ענלעך געווען איינער צום צווייטן. ביידע זיינען זיי געווען איבערגעוואַקסן איבער זייער אַמאָליקער ליטעראַרישער סביבה, ביידע האָבן זיי געהאַט העכערע ראַפֿינירטע באַגריפֿן וועגן ליטעראַטור און שאַפֿן, ווי דער דורכשניטלעכער העברעאישער און יידישער שרייבער פֿון זייער צייט, און ביידע האָבן זיי זיך געריסן פֿון די יידישלעך־בטלנישע ד׳ אמות אין דער ברייטער וועלט אַריין און נישט געקאָנט מיטגיין און מיטשלעפּן זיך מיט אַלעמען. אָט די אומצופֿרידנקייט מיט די אָנגענומענע נוסחאות און מיט דער „אידיליע״, וואָס האָט געהערשט דאָן אין דער יידישער ליטע־

ראַטור, האָט באַדאַרפֿט פּרצן און פֿרישמאַנען פֿאַרבינדן, פֿאַראייניקן צו בשותּפֿותדיקער צוזאַמענאַרבעט.

וואָס זיינען פֿאַרט די סיבות פֿון דעם כּסדרדיקן פֿאַרביטערטן קאַמף?

די באַזונדערע אייגנשאַפֿטן, כאַראַקטערן און טעמפּעראַמענטן פֿון דעם אַרט שאַפֿן פֿון פּרצן און פֿרישמאַנען האָבן זיך דערנאָך געגומען אויסשיילן און אויסטיילן, יעדער איינער פֿון זיי איז אַלץ מער געוואַקסן אין אַנדערע ריכטונגען. און די פֿאַרשידנאַרטיקייט צווישן זיי האָט זיך אַלץ געשטאַרקט, געמערט. פּרץ איז געוואָרן דער באַגייסטערטער, פֿריש־מאַן — דער לייקענער; פּרץ האָט פֿונאַנדערגעוויקלט פֿאָנען, פֿרישמאַן האָט זיי אַראָפּגעריסן; פּרץ האָט צעמענטירט, אָרגאַניזירט, פֿרישמאַן — צעוואָרפֿן, פֿונאַנדערגעטריבן; פּרץ האָט כּסדר געגעבן סמיכות, אַנגעטאָן קרוינען, פֿרישמאַן האָט מבטל געווען, אַראָפּגעזעצט פֿון טראָן. און דעריבער איז געוואַקסן דער מהלך, דער תּהום צווישן זייביידן.

פּרץ און פֿרישמאַן האָבן ביידע אָנגעהויבן מיט העברעאיש, און זיינען שפּעטער אַריבער צו יידיש. פּרץ אָבער איז אַריבער מיט לייב און לעבן, באַקומען גלויבן, קנאות און געוואָרן אינגאַנצן אַ יידישער שרייבער; פֿרישמאַן איז ביזן סוף פֿון זיין לעבן געבליבן אין יידיש אַ זייטיקער, אַן אורח, — זיין נשמה, זיין ליבע איז פֿאַרבליבן אין העברעאיש.

ווי באַוואוסט, איז דער ערשטער אמתער אַרויסטריט פֿון פּרץ און פֿרישמאַן אין יידיש פֿאַרגעקומען אין איין צייט, אין איין און דעם זעלבן זאַמלבוך — ביי שלום־עליכמען אין דער „יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק" (קיעוו, 1888). פּרץ האָט דאָרט געדרוקט זיין „מאָניש", פֿרישמאַן — זיין „אופֿיר". שלום־עליכם, כּידוע, איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פֿון פֿריש־מאַנס פּאָעמע „אופֿיר" און פֿיל קעלטער אויפֿגענומען פּרצעס „מאָניש". אָט די געפֿילן האָט שלום־עליכם גאַנץ אָפֿן אַרויסגעזאָגט אין זיינע בריוו צו דוד פֿרישמאַן, יעקב דינעזאָן און י. ל. פּרץ. ביי דער זעלבער שלום־עליכמס מיינונג האָט זיך אויך געהאַלטן ש. דובנאָוו, דער דעמאָלטיקער אָנגעזעענער קריטיקער פֿון „וואָסכאָד", וואָס האָט געשריבן, אַז פֿיל נידע־ריקער פֿון פֿרישמאַנס „אופֿיר" איז פּרצעס „מאָניש". גאַנץ מעגלעך, אַז פֿון דאַנען הייבן זיך אָן צו ציען די קנאה־שנאה־פֿעדעם פֿון פּרץ־פֿרישמאַן.

מיר זעען גאַנץ באַשיימפּערלעך, ווי ס'איז געווען דאָן ביים שרייבער־עולם אַ מין וואָגשאָל: אויף איין טעלער פּרץ, אויף דער אַנדערער — פֿרישמאַן. אָט, למשל, שרייבט י. דינעזאָן אין אַ בריוו צו שלום־עליכם (1889): „די טעג האָט ער [פּרץ] מיר מיט אַ עקסטרען מענטשן צוגע־שיקט זיין גראַנדיעזע פּאָעמע, וועלכע ער שרייבט פֿאַר אייער צווייטער

ביבליאָטהעקא, לה דומיה תהלה, דאָס איז ניט „אופיר" און ניט די גנבת־דעת פון אופיר, און ניט דער מחבר פון „אופיר". אָט דאָס מעסטן און פאַרגלייכן פּרצן מיט פרישמאַנען האָט מסתמא דערוויטערט זיי איינעם פונעם אַנדערן און געשאַפן אַנגעצויגענע באַציאונגען.

פּרץ גיט אַרויס בקרוב, אין 1891, „די יידישע ביבליאָטעק" — דעם ערשטן און צווייטן באַנד. פּרץ ווערט דערוויטערט פון שלום־עליכמען, און אָט די דערוויטערונג האָט געוויס געבראַכט אויך אַ צוריסנקייט צווישן פּרץ און פרישמאַן, ווייל די פריינטשאַפט און דער בונד שלום־עליכם־פרישמאַן איז אַלץ מער געוואַקסן. דערווייל פירט זיך די אַטאַקע פון שלום־עליכמען קעגן פּרצן אין זיין „קול מבשר" (צו דער 3טער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק") און אין בריוו צו זיינע פריינט. פּרץ מאַכט גלייכצייטיק זיין אייגענעם ליטעראַרישן וועג. ער שרייבט לידער, דער־ציילונגען, פאַרפאַסט פאַרשיידענע אַרטיקלען און רעדאַקטירט אַ ריי אויס־גאַבעס, גרעסערע און קלענערע. ער מאַכט דורך שנעל און האַסטיק, ווי ער האָט געקאָנט, דעם וועג פון משכילישן ראַציאָנאַליזם (אין זיין „יידישע ביבליאָטעק") ביז צו די שטאַרקע סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג. די „יום־טוב־בלעטלעך" זיינען געשריבן אין אַ קאַמפּ־לוסטיקן טאָן, מיט שטאַרק־ראַדיקאַלע טענדענצן און מיט שאַרפע פיילן קעגן די לשון־קודש־שרייבער און חיבת־ציון־שטימונגען. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנזאָג פון דער קעמפערישער יידישער פובליציסטיק און דיכטונג. אַזוי ווי ס'איז געווען אוממעגלעך בי די דעמאָלטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען אַרויסצוגעבן אַ פעריאָדישע אויסגאַבע, האָט פּרץ דאַן אַרויס־געלאָזט אומפעריאָדישע העפטן, זיי פאַרבונדן מיט די יידישע ימים־טובים און געגעבן זיי יום־טוב־נעמען („לכבוד פסח", „פייל און בויגן", „גרינס", „תענית", „טרייסט", „שופר" און אַזוי ווייטער).

די „בלעטלעך" האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג צווישן דער ראַדי־קאַלער יוגנט, באַזונדערס אין די יידישע אַרבעטער־קרייזן, און גלייכצייטיק האָבן זיי אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט צווישן דער נאַציאָנאַ־ליסטיש־העברעיאיסטישער אינטעליגענץ. פון פאַרשידענע זייטן ווערן געמאַכט אָנגריפן אויף פּרצן און אויף די „בלעטלעך". באַזונדערס איז שווער און פאַרביסן געווען דער אָנפאַל פון דוד פרישמאַן, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ פסיידאָנים „אברהם גאָלדבערג". אין 1894 זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דוד פרישמאַן, מיט דער אונטערשיצונג פון דעם באַוואוסטן העברעאישן פאַרלאַג „אחיאָסף", צוויי ביכלעך, וואָס האָבן אַזעלכע שער־בלעטער: 1) „אברהם גאָלדבערג — ל אָ ק ש ע ן,

אַ בלעטעל צור אונטערהאַלטונג, הערויסגעגעבען דורך א. י., וואַרשא, תרנ"ד", 26 שפּאַלטן, און 2) „אַ פּלוי פֿון תשעה באב, פֿערפֿאַסט פֿון אברהם גאָלדבערג, הערויסגעגעבען דורך אַ. יאַלאָוו. אַ שוואַרץ, שפּרינגענדיג, לעבעדיג, בייסענדיג בלעטעל, וואַרשא, תרנ"ד", 30 שפּאַלטן. אויף דעם ערשטן ביכל איז די צענזור־דערלויבעניש געגעבן דעם 21טן יוני, אויף דעם צווייטן ביכל — דעם 25טן יולי 1894. אָט דיביידע ביכלעך זיינען פֿון אָנהויב ביזן סוף אַ פּאַשקוויל אויף פּרצן און אויף זיינע „יום־טוב־בלעטלעך". שוין דער אינהאַלט פֿון די ביכלעך דערציילט, אַז ס'איז אינגאַנצן אַ קאַריקאַטור אויף פּרצן און זיינע ווערק. צי זיי זיינען פֿון אָנהייב ביזן סוף געשריבן געווען נאָר דורך דוד פֿרישמאַן, אָדער איניקע קלענערע זאַכן זיינען אויך געגעבן פֿון אַנדערע — איז שווער צו זאָגן.

דער אינהאַלט פֿון דער ערשטער זאַמלונג: „דאָס נייעסטע ליעד — פֿאָר געזאָגט פֿון אַ יונגען לומפּענפּאַטשער; רעד צו דער וואַנד (לייט־אַרטיקל) — אברהם גאָלדבערג; דער דאָרן (אַ זומער־ערציילונג) פֿריי בעאַרבייטעט נאָך י. ל. פּרץ — נטע דרעה; דער חורבן צום ערשטן סדר, אַ בילד, געשווינד נאָכדערצעהלט אַלאַ גוידא — שמערל איינגעמאַכטס; קריטיק (קורץ און שאַרף אַלאַ ד. פּינסקי) — זלמן נחום באַסס, המכונה זנ"ב; ער שפּילט פֿאַר'ן טייוועל, אַ פֿאַנטאַזיע (חאַפּענדיג נאָכדערצעהלט י. ל. פּרץ) — מענדיל חניאָק; טראַם, טראַם, טראַם, אַ הונגעריגע מעשה (בקיצורליך ערצעהלט נאָך ד. פּינסקי) — איציק לײנזוימען; געמויזעכטס — שכנא; פֿעליעטאָן: אַ קאַפּיטעל אויס מיין קאָך־בוך (צו מאַכען דעם מאַכל, וואָס מען רופֿט אים „פּאָרפֿאָלק") — פֿייגעלע מגיד; אויך אויף אַ זומער־וואָהנונג, אַ בילד פֿון א. גאָלדבערג".

ווי מיר זעען זיינען די אַלע נעמען פּאַראַפֿראַזירט פֿון פּרצעס און אויך פֿון אַנדערע זאַכן, וועלכע זיינען געדרוקט אין די „בלעטלעך".

אַזוי ווי די פּאַמפֿלעטן זיינען אַ יקר־המציאות, וועל איך ברענגען פֿון זיי איניקע גרעסערע אויסצוגן.

דאָס ערשטע אַריינפֿיר־ליד — „דאָס נייעסטע ליעד" אין די „לאָקשן":

„וואָס דראַפּעט און צאַפּעט און קלאַפּט מיר אין קאָפּ?
עס רייט אַ געדאַנקען האָפּ־האָפּ אין גאַלאָפּ...
און שטילל קריעכט ער, פּונקט ווי אַ שרץ;
(דער לעזער וועט פֿרעגען, וואָס מיינט דער פּאָעט?
וואָס רייטען? וואָס קריעכען? וואָס ווערדט דאָ גערעדט?
דאָך שטילל, דענן איך שרייב אַלאַ פּרץ!)

עס וואָרקען די טויבען, עס מיוקעט די קאַץ,
עס קריעכען די וואַנצעלעך אויף דער מאַטראַץ —
„אונ לעשען אונ לעשען אונ לעשען״ ;

עס ברענט שוין דער הימעל, די ערד איז פּערזענקט,
די מעשענע הענגעל־לאָמפּ הענגט זיך און הענגט,
אויס מעשען, אויס מעשען, אויס מעשען.

איך זאָל אַזוי וויססען פון בעז און פון שלעכטס
אויב א י י ן וואָרט איז חאָטש דאָ פּערהאַנדען אַ רעכטס —
איך שרייב אָבער היינט אַלאַ פּרץ.

איך מוז אַ פּאָעט זיין גאָר טיעף און גאָר הויך
אונ פלאַממעדיג שרייען, אַז געהן זאָל אַ רויך,
אונ דרך־ארץ, שקצים, דרך־ארץ !

נו מילא, וואו האַלט איך ? — אַ פּאַפּיראָס ברענט,
איך שטעלל אויפן קאָפּ זיך, איך קריעך אויף די ווענט —
דאָ חזיר, דאָ גאָלדענער נזם ?

„די פלעדערמויז זינגט זיך״ (ווי איך בין אַ ייד !
אויך פלעדערמייז זינגען ביי פּרצן אַ ליעד —
ווען׳ס געהט, ביי דעם שיעסט אויך אַ בעזעם !)

דער כסא של שלמה, ער זעטצט ווי אַ מיהל ;
אונ מיר טהוט דער בויך וועה, איך זינג מיט געפיהל —
דער שד האָט אַריין זיך געטראָנטשעט :

אונ פלוצלינג... זאָגט, שלאָגט נישט דער זייגער שוין אַכט ?
ס׳איז צייט, עס זאָלל ווערען אַ סוף שוין געמאַכט,
און פונקטום דאָס ליעד איז געקאָנטשעט״.

אין דעם „לייט־אַרטיקל״ „רעד צו דער וואַנט״ הייבט אָן אברהם גאָלדבערג (דוד פרישמאַן) מיט אַן אַנעקדאָט מכוח אַ סוחר, וואָס פלעגט יעדעס מאָלביים באַגעגענען אַ שיינע פרוי אויסשפּייען. מ׳האָט אים געפרעגט וואָס הייסט עס, האָט דער סוחר געענטפערט: ווען ער דערזעט אַ שיינע פרוי, דערמאָנט ער זיך אָן זיין ווייב, אָן זיין מיאוסקייט, און דערפאַר שפּייט ער אויס. אַזוי אויך בעת ער לייענט עפּעס פון די אַנדערע ליטעראַטורן, דערמאָנט ער זיך אָן זיין מיאוסקייט, דעם זשאַרגאָן. „אָבער — שרייבט ער — מיט שפּייען אַליין וועט מען גאָרנישט העלפן. אַ מבול אַ גאַנצן און נישט אַ שפּיי וואָלט מען דאַרפן, בכדי צו קענען אָפּמעקן און אַוועקוואַרפן אַלע ספרים און ספרימלעך און בראָשורן און בלעטלעך און יאַרביכער, וואָס האָבן זיך געיאַוועט ביי אונז אין דער לעצטער צייט״. און דאָ גייט אַוועק אַ „שפּאַציר״ איבער איניקע פּרצעס זאַכן — „די רויז״,

"כסא של שלמה", "אַ מערב־אייראָפּעאישע לאַגע", און ער גיט צו: "ווען מען זאָל קלאָר שרייבן, וועט מען דאָך זען, וואָס פאַר אַ מין שלאַק רחמנא ליצלן דער שרייבער איז; ווען מען שרייבט אָבער, אַז קיינער זאָל נישט פאַרשטיין, קאָן דאָך איינער פּאָרט מיינען, אַז דאָרט איז מי־יודע וואָס פאַר אַ טיפע חכמה פאַרשטעקט... און דאָס וויל זיין אַ טאַלאַנט? דאָס וויל זיך אָנרופן אַ פּאָעט, וויל הייסן אַ שריפטשטעלער? זיך חכמה־נען און המצאהנען און שפּיען מיט גלייכווערטלעך זאָל הייסן גייסטרייך זיין?" און נאָך דעם ווי ער ברענגט אַ פאַר ציטאַטן פון פרצן רופט ער אויס: "ווי נידעריק די זשאַרגאָן־ליטעראַטור זאָל נישט זיין געשטאַנען, עס איז פאָרט געווען אַמאָל צייטן, וואָס אַזעלכע שרייבער זיינען גאַרנישט מעגלעך געווען! עס איז פאָרט געווען אַ מענדעלע מוכר־ספרים, אַ שלום־עליכם, אַ פרוג, אַ ספּעקטאָר, אַ גאָלדפאַדען, אַ לינעצקי, אַ גאָטלאָבער, אַ צווייפל, וואָס אַז זיי פלעגן רעדן האָט דאָס פובליקום פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים"...

און נאָך פאַרשידענע אַריינזאָגעכצן און שטעכווערטלעך שרייבט אַ. גאָלדבערג וועגן דעם מין שרייבער ווי פרץ: "זיי מאַכן שירים אָלאַ היינע, זיי שרייבן ראָמאַנצעראָס, זיי שרייבן דערציילונגען, סקיצן, גייסט־רייכע פאָליטיק, איבערזיכטן, קריטיקן וכו' און וויסן גאַרנישט, ווי וויט עס גייט זיך דעם געזונטן לעזער אַ חלשות אָן פאַר זייער גאַנצן באַלבען און פאַר זייער, מיט רעספּעקט צו מעלדן, נפיחהנען מיט דעם מויל... און אַז"וו.

אין ביכל קומען אַריין אויך פלאַכע, נישטיקע שטעכווערטלעך אויף פרצעס אַדרעס. אָט אַ פּאָר ווערטלעך אונטערן קעפּל "קריטיק": "לכבוד פסח, אַ יו"טדיק בלעטל פון פרץ־ספּעקטאָר![1] — אויסגעצייכנט! (אַז איך וויל אָבער קאָן איך נאָך דאָס דאָזיקע וואָרט אויסשטרייכן און שרייבן: עס טויג אויף כפרות!)".

עס קומט אין ביכל אַ שטיקל פּאַראָדיע אויף פרצעס "ער שפּילט פאַרן טייוול" (האַלט קנאַפּע 20 שורות), מיט אַ צוגאָב: "דעם רעשט פון דעם טיפּור און אויספירלעך קאָן מען דאָס אַלץ לייענען אין שלום־עליכמס "סטעמפּעניו", דען פון דאָרט האָב איך דאָס אַלץ גענומען".

צום סוף ביים "געמויזעכץ" — אַזאַ גראַב, עקלדיק ווערטל: "יידישע ביבליאָטעק. איזהו עשיר? כל שיש לו בית־הכסא סמוך לשלחנו.

---

[1] לכתחילה האָט אויך מ. ספּעקטאָר אָנטייל גענומען אינעם אַרויסגעבן די "יום־טוב־בלעטלעך".

יעצט מאַכט מען שוין דאָס אַנדערש; יעצט שאַפּט מען זיך אָן די נייע יידישע ביבליאָטעקן און מען האָט דאָס ליגן אויפֿן טיש, איז מען דערמיט שוין יוצא". דאָס איז געשריבן וועגן די צוויי זאַמלביכער, וועלכע פֿאַר־מאָגן אמתע ליטעראַרישע פּערלען פֿון יונגע און עלטערע שרייבער, און אין דער ערשטער ריי — פֿון פּרצן גופֿא!

פֿון דעם זעלביקן שניט און כאַראַקטער איז דאָס צווייטע ביכל־פּאַמפֿלעט „אַ פּלוי פֿון תשעה באָב".

דער אינהאַלט: „צום לעזער (אַ פֿאָררעדע, געאַרבעט געגנוי לויט אַ מוסטער) — די פּלוי; דער שוהל־בעזעם (פֿאַראַדיע) פֿון מיר דעם גרויסן פּאָעט מענדל גבור; צוויי מאָל צוויי איז... וויפּיל? (לייט־אַרטיקל) — אברהם גאָלדבערג; די קאַטאַסטראָפֿע אין גושן — איציק שפּינוועבס; נייעס (פֿון דער גאַנצער וועלט) — באַנציע שוויג; מילכיגס אויף די ניין טעג, ראָמאַן אין 10 חלקים פֿון אַ. גאָלדבערג; קרעפּלעך — שבתי מאיר לעקעך־באַקער. געמויזעכטס; אין דער מאַמען אַריין! אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ משוגענעם שריפֿטשטעלער, זעהר פּריי נאָך דוד פּינסקי — חיימל בעלפּער".

אין דער פֿאָררעדע ווערט געזאָגט צווישן אַנדערן: „איך שרייב, ווייל איך וויל האָבן עטלעכע גראָשן; איך רעד, אַז קיינער פֿאַרשטייט קיין וואָרט נישט, גאָר פּראָסט, ווייל איך קאָן נישט אַנדערש; איך גיב אַרויס אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג בלעטלעך און בראָשורקעס, וואָס זיינען אַזוי גרויס ווי אַ טל־ומטר, גאָר פּראָסט, ווייל איך בין נישט אימשטאַנד צו שרייבן אַ גרעסערע, איבערלעגטע, צוזאַמענהענגענדע זאַך; איך שרייב פֿאַרדרייט, אַז איינס קומט נישט צום צענטן, גאָר פּראָסט, ווייל איך בין נישט אימשטאַנד צוויי אָדער דריי צוזאַמענהענגענדע געדאַנקען צונויפֿ־צופּאַרן... איך הייס איין מאָל „דער פּייל" און איין מאָל „דער פּיילנבויגן", איין מאָל אַזוי און איין מאָל אַזוי, איך בין אַ קראַנקער, אומגליקלעכער מענטש, וואָס ביי אים איז עפּעס אַ רעדל געפּלאַצט אין מוח".

נאָך דער „פֿאָררעדע" קומט אַ מין „קריטיק" — אַ „לייט־אַרטיקל", וואָס הייסט „צוויי מאָל צוויי איז... וויפּל". דאָ ווערן „אַנאַליזירט" אַ ריי פּרצעס זאַכן: „די רויז", „די מערב־איראָפּעאישע לאַגע", „דער כסא של שלמה", „די שול־קאַלינע", „צום עולם התוהו", „געשלאָגן דעם טאַטן", „הולדת משה", „המחשבה והכנור", „בריוו איבער ליטעראַטור". דערנאָך שרייבט אַ. גאָלדבערג: „איר לייענט אַ באַלאַדע „מאַניש", דאָס גאַנצע איז משוגע און פֿאַרדרייט, אַז איין בילד קומט נישט צום צענטן, ווייל יעדעס איז גענומען פֿון אַן אַנדער קוועלע, און דעריבער איז עס זייער

„סקוטשנע״... נו, אָבער לייגט די האַנט אויפֿן האַרץ און זאָגט מיר: האָט איר שוין קיינמאָל נישט געלייענט אַ מעשה מיט דער „פֿרוי ווענוס״ אויפֿן ווענוס־באַרג, וואָס פֿאַרלאָקט אַהין צוריק דעם פֿרומען פּרוש „טאַנהייזער...״ און דער פּאַמפֿלעטיסט פֿאַרענדיקט: „ניין, מיינע הערן! עס זיינען שוין נישטאָ די יאָרן, וואָס לאַנגע קודלעס און משוגענע העוויות און אַבזיכטלעך־דולע, נאַטירלעך־פּוסטע, נישטווילנדיק־נאַרישע פֿראַזן זאָלן זיין אַ סימן פֿון אַ פּאָעט. מיר פֿאַרלאַנגען אַלס ערשטן תּנאַי אַ געזונטן קאָפּ, קלאָרקייט, דורכזיכטיקן קריסטאַל״...

איז דאָס אַלץ נאָך קאַרג, קומט נאָך דערנאָך אַן אָפּטיילונג „נייעס״, וואו מען רעכנט זיך ווידעראַמאָל אָפּ מיט פּרצן. אַזאַ מין „חכמה״: „מען שרייבט אונז: עפּעס אין אַ שטאָט גייט איצט אַרויס פֿון דרוק פּרצעס זאַמטלעכע ווערקע. אַלעס אין אַלעס 1 3/4 בויגן שטאַרק, אין 12 חלקים. די ווערקע זיינען געדרוקט אַזוי ווי להבדיל די „מקראות גדולות״ מיט ל״ב פּירושים אַרום, בכדי צו דערפֿאַרשן און צו דערגיין און צו דערווייזן די כּוונה, וואָס דער מחבר האָט געהאַט מיט דעם, וואָס ער שרייבט. דאָס וואונדער איז, אַז איין פּירוש שטימט נישט מיט דעם אַנדערן״.

און ווייטער נאַרישע חכמהלעך — פֿון די „נייעס״:

„אין לאָנדאָן האָבן צוויי אַדל־לייט, לאָרד העוועגסטאָן און לאָרד סטיקענזיי, אַ וועט געמאַכט וועגן אַ שווערער שטעל אין פּרצעס אַ ספֿר. איינער האָט געזאָגט, דער מחבר מיינט דאָס, און איינער האָט געזאָגט, דער מחבר מיינט יענס. דאָ האָבן זיי אַ דעפּוטאַציע מיט אַן עקסטראַ־פּאַיעזד אַוועקגעשיקט צום מחבר, אום דערגיין זיין אמתע כּוונה. מיר האָפֿן דאָס דאָזיקע, וואָס דער מחבר זאָל־לעבן וועט זאָגן, אונזערע לעזער תּיכף מודיע צו זיין״.

„אויס פּאַריז שרייבט מען אונז, — אויף דעם בית־עולם פּער־לאַשעז, וואו היינריך היינע ליגט באַגראָבן, האָבן אַנגעהויבן אין דער לעצטער צייט פֿיל ווערעם פֿון דעם קבר אַרומצוקריכן, וואָס האָבן געהאַט אַ יניקה פֿון דעם טויטן גוף, און האָבן אָנגעהויבן צו זינגען לידער, אַ חילול־השם פֿאַר דעם טויטן דיכטער!״

„אין וואַרשע האָבן נעבעך צוויי בחורים זיך אָפּגעמידט און האָבן געוואָלט דערגיין דווקא דעם פּשט אין פּרצעס אַ זאַך און זיינען דאַדורך אַראָפּ פֿון זינען. זיי זיצן דערווייל אין דעם דול־הויז. גאָט זאָל זיך עפּעס מרחם זיין. — באַנציע שווייג״.

אָט מיט אַזאַ מין „כּלי־זיין״ האָט דוד פֿרישמאַן דאַן געקעמפֿט קעגן פּרצן, קעגן זיינע ווערק און קעגן זיין וואַקסנדיקער השפּעה.

מען דאַרף רעכענען, אַז אַט די אַנפֿאַלן האָבן געוויס פֿאַרשאַפֿט פּרצן יסורים און אויפֿרעגונג. פּרץ אָבער האָט דאָס אַלץ דערשטיקט אין זיך און עס אָראָפּגעשלונגען. ער האָט אויף דער אַטאַקע קיין שטאַרקע קאָנטער־אַטאַקע משמעות נישט פֿאַרגענומען.

אין דעם בלעטל „די טרייסט" (אַ שבת־נחמו־בלעטל) אויף דעם לעצטן זייטל אונטערן קעפּל „בריף־קאַסטען" געפֿינען מיר פֿאָלגנדיקע שורות: „הערר א. בורליץ, ווילנא. — די „לאָקשען" זעננען געוויסס פּרישמאַנס; זיין סטיעל און זיינע חכמהלעך".

גאָר אינגיכן טרעט ווידער אַרויס פֿישמאַן קעגן פּרצן — און איצט שוין אונטער זיין אייגענעם נאָמען. עס איז געווען אין 1895, נאָך דעם ווי ס'איז דערשינען פּרצעס העברעאיש לידער־ביכל „העוגב",[1] וואָס איז זייער וואַרעם אויפֿגענומען געוואָרן דורך דעם אינטעליגענטערן יידישן לעזער. פֿרישמאַנס העברעאישער אַרטיקל וועגן פּרצעס „העוגב" האָלט גאַנצע 38 זייטן, ער איז פֿול מיט זילזולים קעגן פּרצן און ס'זיינען גע־ברויכט אַזעלכע ווערטער, ווי גנבֿ, פּלאַגיאַט, פֿעלשער און אַז"וו (כּ כּתבי דוד פֿרישמאַן, ב. ו, מכתבים על דבר הספרות, ז' 90־127).

נאָך אַ לאַנגער הקדמה אויף עטלעכע זייטן וועגן מהות פֿון עכטער דיכטונג גייט פֿרישמאַן אַריבער צו די מענטשן, וואָס זייער פֿאַנטאַזיע און געדאַנק, התפּעלות און אויפֿרעגונג זיינען גאָר געגנבֿעט און געפֿעלשט און וואָס קיין שום נייער געדאַנק, קיין שום נייע געשטאַלט איז ביי זיי נישטאָ, אַלס דיכטער פֿאַרמאָגן זיי קיין איין פֿערז נישט, וואָס זאָל זיין געפּאַסט אין אַ נייער פֿאָרם. אַזעלכע מיני מענטשן, זאָגט פֿרישמאַן, האָבן קיין שום רעכט נישט פֿאַר עקזיסטענץ, און דער, וואָס נעמט זיי אָן ביי די אויערן און שלעפּט זיי אַרויס אין גאַס, טוט ער גאָר אַ חסד־געגנאָד מיט אַלעמען. נאָך אָט דער אַלגעמיינער „דעפֿיניציע" גייט פֿרישמאַן אַריבער צו זיין „קרבן", צו פּרצן, און זאָגט: „אָט דער משורר איז באמת אַ לויתן צווישן די קליינע פֿישלעך אין דעם גלאָז וואַסער, וואָס הייסט ביי אונז ליטעראַטור... ער וועט זיין זייער אַ געוואונטשענער מוסטער צו ווייזן דורך אים אויף דעם פּלאַגיאַט, נאָכקרימעניש און געפֿעלשטער דיכטונג"... „דריי זאַכן — זאָגט ד. פֿרישמאַן — פֿאַרחידושן אונז גלייך נאָך איידער מיר טרעטן־צו צו לייענען. ערשטנס, מיר ווייסן פֿון פֿריער, אַז דער מחבר איז אַ פּלאַגיאַטאָר אויך אין אַנדערע ווערק, נאָך פֿאַר דעם ספֿר. צווייטנס, די גרויסע רעקלאַמע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פֿאַר דעם

[1] העוגב, שיר־אהבה מאת י. ל. פּרץ, עם תּמונת המחבר, וואַרשא, תרנ"ד (1894), 32 ז"ז.

דערשײַנען פֿון דעם ביכל, און דאָס בילד, וואָס קומט אין אָנהייב פֿון דער בראָשור... בנוגע דעם ערשטן פּונקט איז אמת, דער מחבר האָט ביז איצט געשריבן העברעאיש גאָר ווייניק, אָבער אין יידיש איז ער איינער פֿון די חשובֿסטע באַלעבאַטים, וואָס האָט פֿאַרשפּרייט זײַנע גרענעצן אין אַלע זײַטן, דער לעזער אָבער מיט אַן אָפֿן אויג און מיט אַ פֿאַר־שטענדיק האַרץ האָט ביי אים קיינמאָל נישט געפֿונען קיין נײַע געדאַנקען אָדער נײַע בילדער־געשטאַלטן, און אויך די פֿאָרם, אין וועלכער ער קליידט אָן זײַנע ווערק, איז די פֿאָרם, וואָס טויזנטער פֿינגער האָבן זי שוין געהאַט אויסגעטאַפּט. איך זאָג נישט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער איבערגעזעצט פֿון אַן אַנדער שפּראַך און דערביי נישט אָנגעוויזן דעם מקור, פֿון וואַנען ער האָט עס גענומען, ווייל וואָלט ער אַזוי געטאָן, וואָלטן מיר דאָך געקאָנט גלייך אָנווייזן מיטן פֿינגער אויף דער גנבֿה, און דער ענין וואָלט געווען דערליידיקט אין צוויי־דריי ווערטער. ער האָט אָבער געטאָן נאָך ערגער: אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער גענומען נישט פֿון איין מקור, נאָר פֿון עטלעכע מקורים, אַ שורה פֿון דאַנען, א שורה פֿון דאָרט, אַ וואָרט פֿון איינעם און אַ וואָרט פֿון אַ צווייטן. איין סטראָפֿע פֿון דעם בוך, אַ צווייטע — פֿון אַן אַנדערן, אַזוי אַז דער קריטיקער קאָן נישט קומען און אָנווייזן מיטן פֿינגער... אָפּטמאָל גע־פֿינען מיר ביי אים אַ גאַנצע גנבֿה, און יעדער מענטש וועט זיך גלייך כאַפּן און זאָגן: אָט איז עס!" און פֿרישמאַן ווייזט אָן אַ רייע זאַכן פֿון פּרצן, וועלכע זײַנען גענומען אָדער דערמאָנען אָן טשעכאָוון, שענקע־וויטשן, שאַמיסאָ, הײַנע. און אַזוי מאַכט ער אַ תּיל־תּל פֿון דעם ביכל „העוגב" און דערביי דערווייזט ער, אַז פּרץ קאָן קיין העברעאיש אויך נישט שרײַבן.[1]

גאָר אַן אַנדער מיינונג האָט וועגן פּרצעס „העוגב"־לידער יוסף קלויזנער. אין אַן אַרטיקל „שירי אהבה" (העברעאיש זאַמלבוך „האשכול", תּרנ"ח) נעמט קלויזנער זיך שטאַרק אָן פּרצעס קריוודע קעגן די אָנפֿאַלער. „נאָר אין ביכל — זאָגט ער — איז דאָ אין העברעאיש, וואָס, צום באַ־דויערן, האָבן אויך אונזערע בעסטע קריטיקער געוואָלט עס אינגאַנצן מבֿטל זײַן דורך דעם, וואָס זיי פֿאַרדרייען זײַנע ווערטער. באמת דאַרף

[1] אגב: אין אַ 2־3 יאָר אַרום האָט מ. ל. ליליענבלום אין זײַן אַרטיקל אין „לוח אחיאסף" (תּרנ"ח) אונטערן נאָמען „דברי זמר" אויספֿירלעך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער „עפּידעמיע", וואָס הערשט לעצטנס מיט די „שירי־אהבה". ער געפֿינט, אַז ס'איז אַ סימן פֿון ירידה אין ליטעראַטור, וואָס אַלע האָבן זיך גענומען צו סתּם ליבע־לידער, און ליבע־דערציילונגען. עס איז אַן אומנאַטירלעכע זאַך, עס שטאַמט פֿון דער פֿרעמד.

מען אין דעם ביכל זען דעם ערשטן פּרואוו צו געבן אין אונזער נאַציאָ־נאַלער שפּראַך אייראָפּעאישע און גלייכצייטיק אויך יידישע ליבע־בילדער, אויף וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג־לאַנג געוואַרט, פֿון די צייטן פֿון מיכ״ל [מיכה־יוסף לעבענזאָן] ביז איצט״. ספּעציעל פֿאַרנעמט זיך דער אַרטיקל פֿון יוסף קלויזנער מיט פּרצעס העברעאיש, און אַט די ערטער זיינען אַ מין פֿאַרטיידיקונג קעגן פֿרישמאַנס אָנפֿאַלן. „מיט אַ פֿולן מויל — שרייבט י. קלויזנער — קאָנען מיר זאָגן, אַז ער [פּרץ] איז איינער פֿון די ערשטע, וואָס האָבן אונדז איבערצייגט, אַז מ׳קאָן אויסדריקן די סאַמע איידלסטע און צאַרטסטע איינדרוקן, און אַפֿילו אַלע פֿאַרשידנאַרטיקע געפֿילן, אין אַלע זייערע ניואַנסן און גרעשטאַלטן אין העברעאיש נישט ערגער ווי אין אַן אַנדער שפּראַך. — דער מחבר פֿון „העוגב״ איז נאָך מיכ״ל דער ערשטער צווישן די העברעאישע דיכטער, וואָס האָט זיך באַמיט צוצוגעבן זיינע לידער, וואָס איבערראַשן מיט דער גייסטיקער קאָנצענטרירטקייט פֿון דעם דיכטער — די אמתע יידישע אייגנשאַפֿט. — אַלדי טייערסטע מעלות, וואָס עס פֿאַרמאָגן די בעסטע ליבע־לידער, וועלכע עס האָבן געשריבן די באַרימטע אייראָפּעאישע דיכטער... נאָר די פּרץ־לידער קאָנען קאָנקור־רירן מיט מיכ״לס שירים. אַט די לעצטע צייכענען זיך אויס מיט זייער צאַרטקייט און ווייכקייט, אָבער זיי פֿאַרמאָגן נישט דעם בליץ, די געדאַנ־קען־חריפֿות, וואָס איבערראַשן אונדז אַזוי אין די „העוגב״־לידער... לידער זיינען אונזערע לעזער און אַפֿילו אונזערע קריטיקער נישט דערוואַקסן צו דער דערקענטעניש, אַז אַ קורץ ליד, וואָס איז פֿול מיט שיינע בילדער און מיט עטלעכע נאַטירלעכע איבערלעבונגען, איז פֿאַר אונדז פֿיל טייערער פֿון די לאַנגע, צעצויגענע לידער וועגן דעם פֿאָלק ישראל, זיין תּורה און זיין גלות״.

פֿרישמאַנס אָנגריפֿן האָבן אַלץ ווייטער געדויערט. אין זיין אַרטיקל „צווישן צייטונגען און זשורנאַלן״ (געשריבן אַרום 1903, דוד פֿרישמאַן — שריפֿטן ב׳ ווו, ז׳ 96) שרייבט פֿרישמאַן וועגן ביאַליקס אַ שיר אין „השלוח״, געווידמעט די פּאָגראָמען: „איך האָב אַזאַ האַרץ־צערייסנדן קרעכץ שוין לאַנג נישט געהערט, יעדעס וואָרט איז אַ קויל. און די שפּראַך איז אַזוי שיין, אַזוי געוואַלטיק, ווי נאָר ביאַליק פֿאַרשטייט זי צו שרייבן״. פֿרישמאַן ברענגט אין פֿרייער איבערזעצונג עטלעכע שורות פֿונעם ליד און גיט צו: „מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז עס איז פֿאַראַנען נאָך אַ צווייטער יידישער פּאָעט, איינער וואָס זיין שפּראַך איז שוין נישט אַזוי שיין און אַזוי געוואַל־טיק, אָבער ער איז פֿאַרט אַ פּאָעט און אַפֿילו אַ זייער באַרימטער, און דעם דאָזיקן פּאָעט טרעפֿט זיך אַלעמאָל אַן אומגליק, אַז וואָס ער שרייבט,

האָבן אַנדערע שוין געשריבן פֿאַר אים, אָדער אַנדערע שרייבן דאָס צו־גלייך, אין איין צייט, מיט אים. — ווי אַזוי דאָס מאַכט זיך אַזוי, דאָס נאַטירלעך איז פּראָסט מעשה־נסים. אין נומער 105 פֿון צייטונג „הצפה" לייענען מיר אַ שיר פֿון י. ל. פּרץ און מיר שטעלן זיך אָפּ ביי די דאָזיקע שורות... די שפּראַך איז ווי געזאָגט שוין נישט אַזוי שיין און געוואַלטיק ווי ביי ביאַליק, אָבער דער געדאַנק איז פּאַרט אינגאַנצן דער אייגענער און אויך דער גאַנצער אינהאַלט פֿונעם געדיכט. אַז צוויי פּאָעטן זאָלן ביידע זינגען גלאַט אַזוי, צופֿעליק, אויף איין שטייגער — דאָס נאַטירלעך איז פּראָסט אַ נס"...

אין אַן אַרטיקל וועגן יידישן טעאַטער שרייבט דוד פֿרישמאַן וועגן „די פּאַרשוינען, וועלכע רעדן איצט אַזוי וועגן טעאַטער און רייבן זיך טאָג און נאַכט אַרום דראַמאַטישע חברות". און ווען ער טראַכט וועגן זיי, קומען אים אַן „ספֿקות, אויב ס'איז גאָר פֿאַראַן ביי אונז פֿאַרשריט און אַנטוויקלונג" אאַז"וו. און נאָך אַ לאַנגער ביטול־כאַראַקטעריסטיק פֿון אָט די פּאַרשוינען קומט דוד פֿרישמאַן צום „עיקר": „צו וואָס שפּילן זיך אין „בלינדע־קו"? איך וועל אַנרופֿן נעמען און זאָגן: אין רעד פֿון הערן פּרץ. פּרץ, דאָס איז קיין סוד נישט, האָט ליב פֿון תּמיד אָן צו מאַכן חברות. ווען ער וואָלט עס נאָר געקאָנט אויספֿירן, וואָלט ער אַזוי מאַכן חברות אַ 300 שטיקלעך אַ יאָר. אין אַן עיבור־יאָר, נאַטירלעך, מער. פֿון תּמיד אָן האָט ער עס ליב, זינט יאָרן טוט ער עס. אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג גרינדעט ער עפּעס אַ „גרינדעניש", און ווערט דאָרט אַלעמאָל אויפֿסניי דער פֿאָרזיצער און האַלט דאָרט אַלעמאָל אויפֿסניי אַ רעדע און כאַפּט דאָרט אַלעמאָל אויפֿסניי די הונדערט ייִנגלעך. עס איז אַ מענטשלעכע זאַך: ער האָט הנאה דערפֿון, און דערביי איז דאָס קיין ייִנגל נישט מער, דערביי איז דאָס אַ ייִד שוין אַ זעכציקער, לויט מענטשלעכער באַרעכענונג" (דוד פֿרישמאַן, שריפֿטן, ב. III, ז' 48־49). „דאָס אומגליק איז אָבער, — טענהט ווייטער דוד פֿרישמאַן, — וואָס פּרץ שטעלט אין דער דינסט פֿון אַזאַ זאַך אויך זיין טאַלענט. ער הייבט אָן צו שרייבן דראַמעס און טעאַטער־שטיק און סצענקעס. ער פֿאַרלאָזט זיינע חסידישע מעשהלעך און שרייבט „שוועס־טער" און „שאַמפּאַניערס" און „אַלטע קייטן אויפֿן מאַרק" [!]. „נאַטיר־לעך — פּסקנט פֿרישמאַן לייכט אָפּ — טויגן זיי נישט: אַ מענטש, וועלכער פֿילט און זעט און פֿאַרעמט לירִיש, ווערט נישט איבערנאַכט איינער, וועלכער קען געבן פּלאַסטישע פֿיגורן; אַ מענטש, וועלכער חלומט אומ־קלאָר און פֿאַרנעפּלט, האָט נישט אין זיך יענעס באַשטימטע, וועלכעס עס האָט דער דראַמאַטיקער. פּרץ אָבער שרעקט זיך נישט איבער; ער

בעסערט אויס זיינע שטיק. נאַטירלעך טויגן זיי אויך דאַן נישט, ער בעסערט זיי אָבער אויס צום צווייטן מאָל. און אַזוי בעסערט ער יאָר־אויס, יאָר־איין, מעקט און שרייבט, מעקט און שרייבט, און זיך אַליין וויל ער אַלץ נישט מודה זיין, אַז אים פעלט דאָס דראַמאַטישע. און קומט ער דאַן מיט אַזאַ דראַמע צום טעאַטער, און דאָס טעאַטער נעמט עס נישט אָן, ווערט ער מלא כּעס און לויפט און מאַכט זיך אַ חברה־קדישא אַליין״...

אַן אַנדערש מאָל וואַרפט פרישמאַן פאַר פּרצן אַן אַנדער באַשולדי־קונג: „דער קלענסטער שבח, וועלכן מען האָט נאָכגעזאָגט אַ יידישן אַרטיסט, איז געווען, אַז זיין שפּילן איז „מייסטערהאַפט״... אַ קלענער וואָרט, ווי „מייסטערהאַפט״ האָט מען שוין נישט געהאַט. מיר דאַכט זיך, אַז נישט קיין גרינגערער ווי י. ל. פּרץ איז עס געווען, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן וואָרט וועגן דעם שפּיל פון אַ יידישן אַרטיסט און אַרטיסטקע״.

קיין ערנסטע אָפּשאַצונג פון פּרץ און זיינע ווערק האָט פרישמאַן קיינמאָל נישט געפּרוּווט צו מאַכן, ער האָט אויך קיינמאָל נישט אָנגעטאָן זיך קיין כּוח אָנצושרייבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן פּרצן. נאָר שטענדיק יוצא געווען מיט אָט די אגבֿ־אורחא־אַריינזאָגעכצן. אין פרישמאַנס פעליע־טאָנען טרעפן מיר זיך אָן אויף פיל אַזעלכע אגבֿ־באַמערקונגען.

אַזוי, למשל, גיט זיך פרישמאַן אַ זאָג: „פּרצעס פאָלקסטימלעכע גע־שיכטן, ווען מען זאָל צוויי דריטל פון זיי אָוועקוואַרפן, און זיינע חסידישע מעשהלעך און אַ גרויסער טייל פון זיינע סיפּורימלעך אין אַלגעמיין — זיינען גאַנץ גאַנץ נ ע ט ע זאַכן; זיי זיינען נישט מי־יודע וואָס, נאָר נעט און נוצלעך זיינען זיי; אָבער פון אייביקייטן און אומשטערבלעכקייטן זאָלט איר מיר אויפהערן צו רעדן״ (ד. פרישמאַנס שריפטן III, ז״ז 58־59).

איז דאָס ווייניק, ברענגט דוד פרישמאַן צו הילף געאָרג בראַנדעסן. אין אַן אַרטיקל שטעלט ער זיך פאָר, ווי אַ פרעמדער רייזנדער, למשל, געאָרג בראַנדעס, פאָרט אַריין פּלוצים אין אונזער „ליטעראַטור־שטעטל״. „ער שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ בענדל מיט עטלעכע צענדליק סקיצן: די „שריפטן״ פון י. ל. פּרץ. אַלזאָ, דאָס איז דאָס גרויסע און געוואַלטיקע?... געאָרג בראַנדעס הייבט אָן צו לייענען. יעדנפאַלס אַ טאַלאַנט, דאָס וועט קיינער נישט לייקענען. און אויך אַ גאַנץ־אינטעליגעטער קאָפּ איז דאָס, די פאָרם נאָר ווילט זיך אים זייער אָפּט נישט איינגעבן. און אויך אומ־קלאָר איז ער אָפּט. דאָס קומט אפשר, ווייל ער האָט דעם ערגייץ צו זיין דווקא דאָס, וואָס ער איז אייגנטלעך נישט, און דעריבער פאָרסירט ער זיין שטאָף״. און פרישמאַן גייט איבער צו אַנאַליזירן פאַר בראַנדעסן פּרצעס

זאַכן: „באַנטשע שוויג״, למשל, איז אַ שטיקל דרוש פֿאַר אַרבעטער־לייט און האָט אין זיך גאַרנישט קינסטלעריש. אַזוי אויך איז דאָס „שטריימל״, אייגנטלעך, גאָר אַ שלעכטער וויץ אין דער צייט פֿון דער משכּילים־אַפּיקורסות. אַנדערע זאַכן ווידער קומען פֿאַר אַזוי באַקאַנט: ענטוועדער אינעם שטאָף אָדער אינעם מאָטיוו. עס איז קלאָר: איירָאָפּע האָט דעם דאָזיקן שריפֿטשטעלער מער געגעבן, ווי עס קען פֿון אים נעמען. דאַקעגן אָבער ווען ער קומט צו זיין אייגן וועלטל און צו זיינע אייגענע שטאָפֿן, איז ער הערלעך״. און פֿרישמאַן, קאָן מען מיינען, פֿאַרגעסט, אַז ער איז געקומען שעלטן און בענטשט גאָר.

און ער שרייבט ווייטער: „אָט, למשל, איז אַ סקיצע „ארבע מיתות — ארבעה דורות״; עס איז אַן אמתדיק קאַבינעט־שטיקל. און דאַן די חסידישע מעשהלעך: מען קאָן זיי לייענען צוויי און דריי מאָל: אַזאַ „צווישן בערג״, אַ „גלגול פֿון אַ ניגון״ אָדער „שהשמחה במעונו״. אויך אַ גרויסער טייל פֿון די „פֿאָלקסטימלעכע ערציילונגען״ [פֿרישמאַן פֿאַרגעסט עקשנותדיק דעם פּינקטלעכן נאָמען פֿון פּרצעס זאַכן. — נ. מ.] טרעפֿן זייער אָפֿט דעם פֿאָלקס־טאָן און מען לייענט זיי מיט פֿאַרגעניגן, אָבוואָל זיי באַזיצן נישט מער דאָס נאַאיווע, וואָס די דאָזיקע דערציילונגען האָבן אין זייער ערשטער קוועלע. דער לעזער באַמערקט צו אָפֿט דאָס געמאַכטע, און די אילוזיע פֿאַרשווינדט און עס בלייבט איבעריק אַ נאַרישע מעשה־נסים, אין וועלכער מען גלויבט נישט. יעדנפֿאַלס אָבער איז וועניקסטנס אַ גרויסער טייל פֿון זיי גאַנץ אַנגענעמע דערציילונגען. דאָס איז אַלעס, ווען מען וויל עס מאַכן בקיצור. דער סך־הכּל איז: אַ ליריש געמיט, צונויפֿגעפּאַרעט מיט אַ אינ־טעליגענטן קאָפּ, וועלכער איז געגאַנגען אין חדר אַריין ביי איירָאָפּע״.

און פֿרישמאַן האָט מורא, טאָמער האָט ער שוין צו פֿיל גוטס געזאָגט אויף פּרצן, כאַפּט ער זיך צוריק: „לירישע געמיטער אָבער צונויפֿגע־פּאַרט מיט אינטעליגענטע קעפּ, וועלכע זיינען געגאַנגען ביי איירָאָפּע אין חדר אַריין, געפֿינט מען אין הונדערט ליטעראַטור־ווינקעלעך אין איירָאָפּע. זיי זיינען נישט די ט א ט ע ס פֿון די ליטעראַטורן, זיי זיינען גאָר די ב אַ ג ל ײ ט ־ ד ע ר ש י י נ ו נ ג ע ן״ (דוד פֿרישמאַן, שריפֿטן, ב. III, ז׳ 88).

מיט עטלעכע זייטלעך שפּעטער, אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל וועגן דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער, מאַכט פֿרישמאַן אַ פֿאַרגלייך צווישן פּרצן און אַשן און פּסקנט: „העכער, גאַרנישט צו פֿאַרגלייכן העכער, שטייט זיין [שלום אַשס] טאַלענט פֿונעם טאַלענט פֿון י. ל. פּרץ. פּרץ איז אפֿשר דער אינטעליגענטערער פֿוןביידע, האָט מער גייסט, האָט אין זיך אַן עפּעס, וואָס איז פֿיינער, האָט מער קולטור, האָט מער ליטעראַרישן אַריס־

טאָקראַטיזם... פּרץ איז נעפּלדיק, זיינע פיגורן האָבן קיינמאָל נישט קיין באַשטימטע אומריסן, אַלעמאָל שווימען זיי, אַלעמאָל ציען זיי זיך ווי וואָלקנס, זיינע מעשיות זיינען אויסגעקליגלטע, אַלעמאָל זיינען זיי אַבּ־סטראַקט, אַלעמאָל האָבן זיי דאָס געמאַכטע״... און שמועסנדיק אויספיר־לעך וועגן אַשן און וועגן זיינע דראַמעס, זאָגט לסוף ד. פרישמאַן: „אויך י. ל. פרץ האָט אַוועקגעוואָרפן זיינע שיינע חסידישע מעשהלעך און האָט זיך פּלוצלינג, שוין גאָר אין די שפּעטערע יאָרן, גענומען צו דראַמעס. ער שרייבט ווי אויף להכעיס און אין איין פייער. ער שרייבט און מעקט און אַ דראַמע מוז זיין״... „ווי מעכטיק — ענדיקט פרישמאַן זיין אַרטיקל — מוז זיין דאָס דאָזיקע פאַרפירעניש, אַז עס מאַכט בלינד זע־ענדיקע און מאַכט נאַריש אַפילו קלוגע״ (דוד פרישמאַן, שריפטן ב. III, ז״ז 95־99).

*

אָט די אָנגעצויגענע, פאַרשאַרפטע באַציאונגען צווישן פרץ און פריש־מאַן האָבן דאָך נישט געשטערט אַז פרץ זאָל מיטאַרבעטן אין דוד פריש־מאַנס „הדור״ (וואַרשע 1901). איך האָב געפרעגט ביי אייניקע שריפט־שטעלער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צום „הדור״, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז בעיקר פלעגט די אַרטיקלען ביי פרצן באַקומען דער אַרויס־געבער פון „הדור״, אַ. קאַפּלאַן. וועגן דעם, אַז עס זיינען געווען סיכסוכים צווישן פרץ און פרישמאַן אַרום פרצעס מיטאַרבעטן אין „הדור״, דערציילט אַביסל פרצעס העברעאישער בריוו צום אַרויסגעבער פון „הזמן״ (זע „פרצעס בריוו און רעדעס״, ז״ז 230־232). צווישן אַנדערן שרייבט דאָרט פרץ: „אין תוך פון דער זאַך שטייען נישט צווישן מיר און אייך קיין געלט־באַדינגונגען, נאָר אַ מאָראַלישער באַדינג. אמת, מיר ווילט זיך שטאַרק פּטור ווערן פון מיין אַמט, וואָס רויבט צו ביי מיר אַ האַלבן מעת־לעת (די צייט פון אַרבעט און אָפּרו) און איך האָב געהאָפט אויפן „הזמן״ [אין טעקסט קאָן מען טייטשן — אויפן „ה ז מ ן״ און אויך אויף דער צ י י ט. — נ. מ.], אַז ער וועט מיך אויסלייזן פון אָט דער געפענ־קעניש. אָבער איך האָב קיין רעכט נישט צו פאָדערן פון אייך אַ קרבן, און אויב איר קאָנט נישט און איר מוזט אָנקומען צו אַזאַ עקאָנאָמיע, וועל איך אפשר געפינען אַן אַנדערן אויסוועג...

דער עיקר, וואָס איך וויל אויסנעמען מיט אייך: אַז מיין אונטער־שריפט איז ערב פאַר דעם, וואָס איך שרייב, און איך בעט מיך באַפרייען פון דער רעדאַקציע, פון דעם שערל ווי אויך פון דעם בלייער... עס איז אַ מאָראַלישער באַדינג. די רעדאַקציע געפינט זיך אין פרישמאַנס הענט,

און פּרישמאַן און איך גייען מיר זיך שטענדיק פונאַנדער („חולקים תמיד”), און מיר ווילט זיך קומען פאַרן לעזער אין מיין פולער געשטאַלט, און נישט אין דער געשטאַלט פון אַן אַנדערן. איך וויל זאָגן דאָס וואָס מ י ר ווילט זיך און אין מ י י ן ש פּ ר אַ ך...

פּרישמאַן איז אַ פּרייער מענטש, אָבער אויך דער מענטש, וואָס איז פריי פאַר זיך — האָט קייטן פאַר יענעם...

פּרישמאַן מעקט, למשל, אויס דאָס וואָרט „עתון” און שרייבט אַנשטאָט דעם — „מכתב עתי”, און איך ווער אויפגערעגט, אָבער ער פאַרשטייט נישט מיין כעס, און בשום־אופן וויל ער נישט פאַרשטיין, אַז אַט דער אונטערשייד איז אַן עיקר און איז געבונדן אין דער פראַגע פון דער שפּראַך־אויפלעבונג. איך גיב נאָר אַ משל פון אַ מעשה שהיה, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט אַרבעטן אין „הדור”. (העברעאיש וואָכנבלאַט, רעדאַקטירט דורך דוד פּרישמאַן, דערשינען אין די יאָרן 1901 און 1904).

אויב איך וועל נישט זיין ז י כ ע ר , אַז אַט דער תנאַי וועט דערפילט ווערן, קאָן איך אין קיין פאַל און אין קיין אופן אייך נישט העלפן.

אַט דעם תנאַי האָב איך וויפיל מאָל אויסגענומען מיט פּרישמאַנען, ווען ער האָט רעדאַקטירט דעם „הדור”, אָבער פּרישמאַן טוט מעשה שטן; אַז אַנדערע ווערן נתפעל, לאַכט ער, און מיט אַ טייוול־געלעכטער האָט ער באַגלייט אַלע מיינע תנאים, וואָס איך האָב מיט אים אויסגענומען — — —

און איך נעם אויס פאַראויס אַ תנאַי: אויב עס וועט געענדערט ווערן אַפילו אַ קלייניקייט אין מיינעם אַן אַרטיקל אָדער דערציילונג, וועל איך אויפהערן שרייבן”...

אויף וויפיל איך געדענק, האָט פּרץ אין חודש־שריפט „הזמן” נישט גענומען קיין אַנטייל.

אין 1914 איז געווען דוד פּרישמאַנס 50טער געבוירן־טאָג. און אין וואַרשעווער „הזמיר” איז פאַרגעקומען אַ גרויסע יובילײ־פייערונג. פּרץ, דער פאַרזיצער פון „הזמיר”, האָט געעפנט דעם אָוונט און געהאַלטן פאָלגנדיקע רעדע (ציטירט לויט דער וואַרשעווער טאָגבלאַט „דאָס לעבן”, נ׳ 93; אין די איבעריקע צייטונגען קומט די רעדע אַביסל געענדערט):

„איך, ווי נישט איינעם פון אייך איז געוויס באַקאַנט, בין פּרישמאַנס אַ געגנער, אָדער ער איז מיין געגנער; מיר זיינען זיך אין דער ליטעראַטור אַנטיפּאָדיש, אַזוי אין טעמפּעראַמענט, ווי אין איבערצייגונגען וואָס אַמבאַלאַנגט דעם אינהאַלט און דער פאָרם; וואָס אַמבאַלאַנגט געשמאַק און סטיל...

איך וועל דעריבער איבער פֿרישמאַנען נישט רעדען. אין טאָג פֿון יובילעאום, אין יאָר פֿון יובילעאום, איז הס קטיגור וקח סניגור מקומו...

וועלן איך אַ נ ד ע ר ע רעדן...

אויב איך שטיי אָבער פֿאַר אייך אויף דער טריבונע און נעם דאָס וואָרט, איז עס, ווייל איך האָב אַ געוויסע פּאָזיטיווע באַציאונג צו פֿריש־מאַנס יובילעאום...

און נישט די קאַלעגיאַלע באַציאונג: איך האַלט נישט פֿון צונפֿט, פֿון קאַלעגן־מאָראַל...

און די פּאָזיטיווע באַציאונג צו פֿרישמאַנס יובילעאום איז פֿילייכט נישט אַזוי מאָראַליש...

איך פֿריי מיך מיט פֿרישמאַנס יובילעאום, און איך פֿריי מיך דע־ריבער, ווייל איך האָב אין אים, אין מיין ליטעראַרישן געגנער, אַ נקמה!

פֿרישמאַן האָט שטענדיק געקוקט אויף יידן, יידישקייט און יידישע ליטעראַטור דורך אַ געדיכטן שוואַרצן פֿאַרהאַנג, און האָט זיי, דערום נישט געזען...

נישטאָ קיין פֿאָלק, נישטאָ קיין ליטעראַטור...

האָט פֿרישמאַן אַ יובילעאום, און ער האָט געמוזט דאָס אַלץ דערזען...

אַ יובילעאום — פּעטערבורג, מאָסקווע, וואַרשע, בערלין, כל תּפֿוצות ישׂראל...

ווער מאַכט דאָס יובילעאום?

דאָס יידישע פֿאָלק.

וועמען?

אַ יידישן שריפֿטשטעלער.

פֿאַרוואָס?

פֿאַר זיינע 17 בענדער.

אַלזאָ — פֿאַראַן!

פֿאַראַן אַ פֿאָלק; פֿאַראַן אַ ליטעראַטור.

איך ענדיק.

אין נאָמען פֿון כּנסת־ישׂראל, וואָס לעבט אין מיין פֿאָרשטעלונג, זאָג איך פֿרישמאַנען:

אַ קאַפּריזנע קינד, דאָך אַ קינד".

אין „היינט" (נומ. 94) ווערן געבראַכט נאָך איייניקע זאַצן פֿון דער רעדע, וועלכע זיינען נישטאָ אָדער ווייניקער אַקצענטירט אינעם באַריכט פֿון „דאָס לעבן":

„איך האָב פיל צו זאָגן וועגן פרישמאַנען, ער איז זאָגאַר מיינער אַ געגנער, נאָר איך, אַלס פּראָקוראָר, וועל היינט שווייגן. פרישמאַן האָט אָנגעשריבן 17 בענדער, און איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפאָדערט אַ יובילעאום־אָוונט פאַר פרישמאַנען. אים קומט עס, ווייל ער האָט עס כשר פאַרדינט".

נאָך פרצן האָבן גערעדט ד"ר גרשון לעווין, בעל־מחשבות, פ. לאַכאָווער, ש. י. סטופּניצקי. „דאָס לעצטע וואָרט — דערציילט דער „היינט" — נעמט ווידער י. ל. פרץ, וועלכער דאַנקט די פאַרזאַמלטע". די „הצפירה" (נומ. 91) גיט נאָך צו, אַז פרץ האָט אין זיין שלוס־וואָרט ווידער באַטאָנט, אַז „די פאַרזאַמלונג האָט איבערצייגט, אַז דאָס פאָלק קאָן זיינע שרייבער און ווייסט זיי צו שעצן".

אין אַ קנאַפּן יאָר אַרום, אין 1915, איז פרץ געשטאָרבן. די יידישע וועלט האָט אויפגעציטערט פון דעם פריצייטיקן טויט. דער טרויער איז געווען גרויס, און די פאַרהערלעכונג פון פרצן איז נאָך מער געוואַקסן. פרישמאַן אָבער האָט זיך נישט געלאָזט אינגאַנצן מיטרייסן מיט אַט די אַלגעמיינע שטימונגען. אויך דאַן באַמיט ער זיך צו פאַרלייקענען פרצעס טאַלענט, הגם ער אָנערקענט שוין זיין פערזענלעכקייט. צי פרישמאַן האָט גלייך נאָך פרצעס טויט פאַרעפנטלעכט עפּעס וועגן פרצן אין דער טאָג־פּרעסע — ווייס איך נישט. פרישמאַן איז דאַן געווען ווייט און אָפּגעריסן פון וואַרשע. אין דעם העברעאישן זאַמלבוך „כנסת" (רעדאַקטירט דורך ח. נ. ביאַליק, דערשינענען אין אָדעס 1917) געפינען מיר אַן אַרטיקל פון דוד פרישמאַן וועגן פרצן (אין דער סעריע־אַרטיקלען „נפשות" איבער די פינף פאַרשטאָרבענע יידיש־העברעאישע שריפטשטעלער — י. ל. פרץ, י. ל. קאַנטאָר, שלום־עליכם, ש. פרוג, ד"ר י. ל. קאַצענעלסאָן). דער אַרטיקל איז שפּעטער, אין 1919, איבערגעדרוקט אין יידיש מיט קליינע ענדערונגען אין די „העפטן פאַר ליטעראַטור און קונסט" (לאָדז, 1919, 1, ליטעראַרישע לייטונג: יצחק קאַצענעלסאָן, ה. ל. זשיטניצקי; רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער — י. מ. פאַזנאַנסקי). אַזוי ווי דער אַרטיקל איז אין די פרישמאַן־שריפטן נישט אַריין, און די „העפטן" זיינען איצט נישט בנמצא, ברענגען מיר דעם אַרטיקל אינגאַנצן. (ווי ס'האָט מיר איבערגעגעבן ה. ל. זשיטניצקי, איז דער אַרטיקל איבערגעזעצט אין יידישן דורך פרישמאַנען גופא.) אגב, הייבט זיך אָן דער אַרטיקל אין העברעאיש אַזוי: „הוא מת — ואני בתוך פנה שוקטת יושב ומדפדף בספורים ומגיע לספור הקטן „העושה נפלאות". האם תזכרו אותו?" („ער איז געשטאָרבן — און איך זיץ מיר אין אַ רואיק ווינקל און בלעטער אין די דערציילונגען און

קום צו דער קליינער דערציילונג „דער קונצנמאַכער”. געדענקט איר זי ?”).

אין יידישן לייענט זיך דער אַרטיקל פֿון דוד פֿרישמאַן אַזוי :

„געדענקט איר אפֿשר נאָך אַ קליינע דערציילונג פֿון אים „דער קונצנ־מאַכער”? — עס איז די מעשה פֿון אַ מין מכשף. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז ער אויפֿגעשוואומען פּלוצלינג אין עפּעס אַ שטעטל אין וואָלין. מען פֿרעגט: פֿונוואַנען? — פֿון פּאַריז. וואוהין? — קיין לאָנדאָן. מען וואונ־דערט זיך: איבער אַ קליין שטעטל אין וואָלין קיין לאָנדאָן? — ער האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער! — און ווען מענטשן הויבן אָן אים נאָכלויפֿן און וואָלטן וועלן עפּעס מער פֿון אים דערגיין, ווערט ער פֿאַרשוואונדן תּוך־כדי־דיבור, ווי די ערד וואָלט אים האָבן פֿאַרשלונגען. און אין דער זעלביקער מינוט גופֿא זעען אים אַנדערע מענטשן אויפֿן אַנדערן עק פֿונעם מאַרק. נאָך עטלעכע טעג דינגט ער זיך אַ גרויסן זאַל אום זיינע קונצשטיק עפֿנטלעך צו ווייזן. און קונצשטיק — טאָקע עין לא ראתה, חוץ־לדרך־הטבע. שלינגט ברענענדיקע קוילן, ווי קאַרטאָפֿל, און ציט פֿונעם מויל סטענגעס פֿון אַלע מינים און קאָלירן. שאָקלט אַרויס פֿונעם שטיוול צו פֿאַרנוויז אינדיקעס און די אינדיקעס לעבן און לויפֿן אַרום אויף דער ערד און מאַכן: הולדיר, הולדיר! פּלוצלינג הויבט ער אויף דעם פֿוס און קראַצט אַראָפּ פֿון דער זויל גאָלדענע אימפּעריאַלן. גאָלד ממש, אַ פֿולע שיסל גאָלדענע אימפּעריאַלן. דאַן דערלאַנגט ער אַ פֿייף — און עס הויבן אָן צו פֿליען דורך די לופֿט חלה־קוכנס, ווי פֿליענדיקע פֿויגלען, און זיי שפּרינגען און זיי טאַנצן אַרום און אַרום. אַ צווייטער פֿייף — אַלעס ווערט פּלוצלינג אין אויגנבליק ווידער פֿאַרשוואונדן. נישטאָ קיין קוכנס, נישטאָ קיין חלות, נישטאָ קיין אינדיקעס, נישטאָ קיין סטענגעס, נישטאָ קיין אימ־פּעריאַלן, — גאָרנישט איז דאָ. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ איז געווען אליהו הנביא...

אליהו הנביא? — אָ, ניין! מיר דאַכט זיך גאָר, דאָס איז פּרץ, פּרץ אַליין שטייט פֿאַר מיר ווי ער לייבט און לעבט. איז ער נישט אַליין געווען אַזאַ כּישוף־מאַכער? אמת — אַ שטיק אליהו הנביא, אָבער עפּעס אַ געפֿיל פֿון אַן אומזיכערקייט באַגלייט אַמאָל די דאָזיקע דערקענטניש. דער דאָזי־קער ליטעראַטור־אליהו הנביא האָט אין זיך אַ מין עפּעס, וועלכעס לאָזט דיך נישט גלויבן אין דער ממשותדיקייט פֿון די געגנשטאַנדן אַרום און אַרום. דו ביסט קיינמאָל נישט זיכער, אַז זיי האָבן אַ פֿעסטן באָדן אונטער זיך. אַלעס שוועבט, אַלעס פֿלאַטערט, אַלעס שווימט. מינוטנווייז כאַפּט דיך אָן אַ מורא, אַז אָט־אָט וועט ער אין אַ רגע דערלאַנגען אַ פֿייף — און אַלע יענע וואונדערלעכע וועלטן, וועלכע ער האָט נאָר־וואָס אַרויס־

געשאָקלט פונעם אָרבל, וועלן פאַרשוואונדן און פאַרזונקען און פאַרכאַפּט ווערן און וועלן פלוצלינג נישט מער זיין. דו האָסט דאָ צו טאָן עפּעס נישט מיט אַ קינסטלער, נאָר מיט אַ קונצנמאַכער״...

און דוד פרישמאַן שרייבט ווייטער:

„אַ וואונדער־קינד איז ער געווען זיינע ערשטע יאָרן, אַ מין שאַרפער ווילדער עילוי. אין אַ שיינעם פרימאָרגן, דאַכט זיך אַ פאַריזער אָדער אַ לאָנדאָנער, איז ער אויפגעשוואומען אינעם קליינעם שטעטל פון אונזער ליטעראַטור. ער האָט זיך אַהין פאַרבלאָנדזשעט. איילנדיק האָט ער עפּעס אָנגעשריבן כאַפּ־לאַפּ, שרייב־רייב, און דאָס געשריבענע איז געווען נישט גוט און נישט שלעכט, נאָר משונהדיק איז עס געווען. אַנדערש ווי אַלעס וואָס איז ביז דאַן געווען. און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אים נאָכלויפן — איז ער פלוצים נעלם געוואָרן. אַ יאָר צוואַנציק האָט אים קיינער נישט געזען און נאָר געהערט האָט זיך, אַז ער וואוינט עפּעס אין אַ גאָט־פאַרגעסן שטעטל אין פוילן און איז דאָרט אַ ווינקל־אַדוואָקאַט. פלוצים איז ער ווידער אַרויפגעשוואומען, ער איז געקומען מיט שטורעם און מיט אַ גליענדיקן אָטעם, איינס־צוויי־דריי און נישט צוגעגאַנגען איז ער צום ברעטל, נאָר צוגעשפּרונגען איז ער און האָט אָנגעהויבן באַווייזן וואונדער און וואונדער— ווי זאָגט ער עפּעס דאָרט? טאָקע עין לא ראתה, חוץ־לדרך־הטבע. האָט געשלונגען ברענענדיקע קוילן, האָט געצויגן סטענגעס און האָט באַשאָפן הינער מיט הענער. ער האָט דערלאַנגט אַ פייף — און וואונדערלעך: ש״י היכלות, געמאַכט פון דימאַנטן און בריליאַנטן און שמאַראַגדן, האָבן פלוצלינג אויפגעבליט פאַר אונזערע אויגן! אַ צווייטן פייף — און מילי־מיליאָסן גאָלדענע רענדלעך האָבן זיך געקייקלט פון אונטער די זוילן פון זיינע פאַנטאָפל; אַ דריטן — און אַ שרעק פאַלט אונז אָן פלוצלינג, אַז אָט־אָט וועט דער גאַנצער כישוף אַוועק און אַלע די דאָזיקע הערלעכע דערשיינונגען וועלן פאַרשוואונדן און פאַרזונקען און פאַרכאַפּט ווערן פלוצ־לינג. אַלע די דאָזיקע זאַכן זיינען מיר עפּעס צו פלאַטערדיק, זיי האָבן אַ גרויס — נאָר אַ געוויכט האָבן זיי נישט. זיי פליען אין דער לופטן. אין מיין ביכער־שאַנק שטייען אַלע יענע שיינע בענדער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן, און די שאַנק איז פאַרשלאָסן אויף אַ שליסל, און אחרי כל אלה מאַכט זיך אַמאָל אין דער פרי, אַז איך מוז צוגיין צו די דאָזיקע ביכער און מוז זיי אָנטאַפּן מיט דער האַנט, אום זיך צו איבערצייגן, אַז זיי שטייען נאָך דאָרט אויף דער אמתן. איך האָב מורא, זיי זאָלן נישט זיין דערווייל אַוועקגעפלויגן...

פונוואַנען קומט אַזאַ געפיל?

ווען איך האָב פּרצן צום ערשטן מאָל געזען, פאַר מער ווי צוויי און אַ האַלב יאָרצענטל, און האָב דערבליקט דעם דאָזיקן מעכטיקן שדל מיט די ברענענדיקע אויגן און האָב געהערט זיין חיתוך־הדיבור מיט די קורצע סענטענצן און מיט די געזעץ־געבערישע אויסשפּרוכן — פון וועלכע על־פּי־רוב ער האָט זיך אין דער נעכסטער מינוט אַליין אָפּגעזאָגט — און האָב מיר באַטראַכט זיינע שטורמישע ליידנשאַפטלעכקייטן, צוזאַמען מיט זיין אומגעדולד זיך זיי קלאָר צו מאַכן און זיינע וואונטשן אַדורכצופירן — איז מיר אין זאַך פּלוצלינג קלאָר געוואָרן: ווי גרויס דער דאָזיקער מענטש זאָל נישט זיין אַלס שריפטשטעלער, אַלס אַ פּערזענלעכקייט איז ער נישט דער ערך גרעסער. זיין ליטעראַטור איז ביי אים אייגנטלעך נאָר אַ מין באַגלייט־דערשיינונג, אַ קליינע נעבן־זאַך, אַ בעזפּלאַטנע ביילאַגע. די הויפּט־זאַך אין אים איז פאַרט זיין מענטש, אַלס שריפטשטעלער האָט ער אונז געגעבן אפשר מער ווי ס׳איז געווען אין זיין יכלות און אַלס פּערזענ־לעכקייט — ווייניקער. ווער עס קאָן נאָר זיין ליטעראַטור און אים פּערזענלעך האָט ער נישט געקאָנט, דער קאָן נאָר אַ קליינעם ברוכטייל פון אים. ער איז הונדערט מאָל שטאַרקער און אומענדלעך מעכטיקער געווען ווי די גאַנצע עדה, וועלכע ער האָט אַרוימגערינגלט, דעריבער האָט ער געוועלטיקט איבער איר מיט מאַכט און טיראַניש — און דעריבער איז ער איר געוואָרן אויך אַ גרויסער שריפטשטעלער. אָבער אום צו ווערן אַ גרויסער שריפטשטעלער באמתדיק, האָט אים געפעלט, איינפאַך, די געדולד. ער האָט נישט געהאַט גענוג אויסדויער, אום צו ווערן קינסט־לער. איין אומבענדיקע ליידנשאַפט האָט געברענט אין אים, צו זיין — אָן אַ נפקא־מינה וואָס, און נאָר זיין זאָל ער. זאָל ער זיין דער ליבלינג פון דער גרויסער גאַס, זאָל ער זיין אַ מין חסידישער רבי, זאָל ער זיין דער פאַרשטייער פון דער יידישיסטישער באַוועגונג — אַבי ער זאָל זיין. ער איז געווען פון די, וועלכע קאָנען אַ מינוט נישט לעבן אָן אַפּלאָדיס־מענטן. — — — דרך־אגב איז ער געוואָרן אויך אַ גרויסער שריפט־שטעלער...״

אַט אַזוי פלאָנטערט זיך דוד פרישמאַן, וויל מאַכן פּרצן צו־נישט, און קאָן אַלץ נישט, און ער זאָגט ווייטער:

„און אַזוי אָפט ווי איך האָב געטראַכט וועגן אים, האָט מיך אַרומ־געכאַפּט אַ מין פאַרביטערונג — אַ פאַרביטערונג קעגן יענעם פּובליקום פון דער גאַס און אַ פאַרביטערונג אויך קעגן אים אַליין. וואָס אַלץ האָט דער דאָזיקער פּרץ נישט געקאָנט באמתדיק ווערן, ווען נישט יענע אָנבעטונג פון דער גאַס וואָלט אים אַראָפּגעפירט פונעם וועג און ווען זי וואָלט

אים לאָזן אַרבעטן און ווערן דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט זיין לויט נאַטור און פאַראַנלאַגונג? וועלכע טייערע אוצרות וואָלטן מיר נישט אַלץ קאָנען קריגן פון אים, ווען ער וואָלט האָבן דעם כּוח זיך אָפּצוזאָגן פון דער חניפה פונעם מאַרק און זיך מתיחד צו זיין מיט זיין נשמה און מיט זיך זעלבסט פאַרן טיש פון גאָט — וואָס דאָס איז דער עו׳שטער סימן פונעם וואַרהאַפטיקן קינסטלער? — סוף־סוף איז דאָך דאָס דער מענטש, וועלכער האָט אונז געגעבן דעם „גילגול פון אַ ניגון” און „אויב נישט העכער” און „צווישן צווי בערג”. אַ גאַנצע ליטעראַטור־קולטור וואָלט ער געקאָנט אין זיך פערזאָנאַפיצירן!

איין זאַך איז קלאָר: טאַלענט איז אַריסטאָקראַטיזם און נישט גאַסן־אַרטיקל — טאַלענט איז דער דירעקטער קעגנזאַץ פון גאַס און גאַסן־אויפלויף. האָט דיך גאָט באַשענקט מיט טאַלענט, וואָס דאָס איז אַ זאַך, וועלכע ווערט געגעבן נאָר איינעם אונטער צען־טויזנט, — ביסט דו אַ גאָטס־אויסדערווילטער, אַן אויסנאַם־דערשיינונג, אַזוי עפּעס, וואָס אַנדערע זיינען נישט, אַלזאָ: אַן אַריסטאָקראַט. און ווען דער טאַלענט־מענטש מאַכט דעם אַנשטעל ווי ער וואָלט זיך פאַרמישן מיט דער מאַסע, נאַרט ער זיך אָפּ און נאַרט אָפּ די מאַסע, און נאָר זיין נשמה און זיין טאַלענט איבערפירט ער דאַדורך.

די גאַס האָט אים אָנגעבעטעט [„העריץ” אין העברעאיש.—נ. מ.] — אָבער זיינע ביכער האָט זי נישט געלעזן. די אינטעליגענץ האָט אים נישט אָנגעבעטעט און אויך נישט געלעזן, און די איינצלנע האָבן געלעזן אָבער אָנגעבעטעט האָבן זיי נישט. די איינצלנע האָבן געוואוסט, אַז דאָ איז פאַראַן אַ „קראַפט”, וועלכע האָט נישט געהאַט אַלע דערפאָדערלעכע באַדינגונגען אום צו ווערן אַ גרויסער”.

אַזוי ענדיקט זיך דער קאַפּיטל פון דוד פרישמאַנס עקשנותדיקן ניט־אָנערקענען פּרצן און זיין באַמיען זיך אים אַראָפּצורייסן, וואָס האָט זיך געצויגן איבער 25 יאָר.

און איצט, צענדליקער יאָרן ווי אָט די נישט־פאַרגינערישע, בייז־וויליקע, גיפטיקע שורות זיינען געשריבן, ווערן פאַר אונז אַלץ קלערער די צווי באַזונדערע שריפטשטעלער פּרץ און פרישמאַן און זייער אָרט און באַטייט אין דער יידישער ליטעראַטור!

פּרץ און די יידישע אַמעריקע

דער ערשטער, וואָס האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דעם פּראָבלעם „פּרץ־אַמעריקע", איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי. באַלד נאָך פּרצעס טויט האָט ער אין „צוקונפֿט" 1915 (יוני־נומער) פֿאַרעפֿנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג אונטערן נאָמען „פּרץ אין אַמעריקע". מ. ווינטשעווסקי האָט אין אָט דער אַרבעט אַרומגערעדט אויף וויפֿיל פּרץ איז געווען דאָ באַקאַנט און באַליבט, און אויף ווי ווייט ער האָט געווירקט אין אַמעריקע. מיר וועלן בעיקר באַהאַנדלען די פֿראַגע: ווי אַזוי פּרץ האָט אויפֿגענומען די יידישע אַמעריקע, ווי האָט ער זיך באַצויגן צום היגן יידישן לעבן און שאַפֿן, און וואָס האָט ער דערוואַרט פֿון אַמעריקע. מיר באַטאַנען דעריבער דעם נאָמען פֿון אונזער אָפּהאַנדלונג: פּרץ און אַמעריקע.

אָפּריער וועלן מיר בקיצור זיך אָפּשטעלן אויף מ. ווינטשעווסקיס אָפּהאַנדלונג. ער הויבט זי אָן מיט די ווערטער: „געוויס, אויסער אין גייסט, ווי מען רופֿט דאָס, איז ער ביי אונז קיינמאָל ניט געווען". ער דערציילט, אַז עס האָט שוין אָפּילו געהאַלטן דערביי, אַז פּרץ זאָל קומען קיין אַמע־ריקע. — וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער. מיר וועלן דערווייל גיין כסדר און זען ווי פּרץ איז געוואָרן באַקאַנט און דערנאָך באַליבט אין אַמעריקע.

פּרץ האָט זיך באַוויזן אין אַמעריקע, אין די דעמאָלדיקע ערנסטע אויסגאַבעס, אַ צוויי־דריי יאָר נאָך דעם ווי ער האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד. מ. ווינטשעווסקי רעדט אַרום דעם קלאָגעוודיקן צושטאַנד פֿון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמע־ריקע אין די 80ער און אָנהויב 90ער יאָרן. און ער דערציילט ווי ס'האָבן געווירקט דערפֿרישנדיק די מעשיות, וואָס פּרץ האָט זינט 1891 פֿאַר־עפֿנטלעכט פֿריער אין „אַרבעטער צייטונג" און דערנאָך אין „צוקונפֿט" אונטערן נאָמען פּלא"י: „איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס זיין ערשטע מעשהלע האָט אויף מיר געמאַכט". מ. ווינטשעווסקי איז נאָך דאַן געווען אין לאָנדאָן. אים האָט דאַן ווייניק אינטערעסירט די

יידישע בעלעטריסטיק, און „פֿון אַלץ, וואָס איז געקומען פֿון אַמעריקע, האָט מיך אייגנטלעך אינטערעסירט די אַרבעטער־באַוועגונג". „און מיט־אַמאָל קריג איך די „אַרבעטער צייטונג" און געפֿין דאָרט אַ מעשהלע, וואָס פֿאַרכאַפּט מיר דעם אָטעם". מ. ווינטשעווסקי רעכנט, אַז דאָס איז געווען פּרצעס „ער שפּילט פֿאַרן טייוול". „קודם — די אייגנאַרטיקייט. אַזאַ אָריגינעלע, לאַקאָנישע אַרט פֿון דערציילן אַ מעשה האָב איך ביז דאַן נאָר געהאַט געזען ביים אַמעריקאַנער שרייבער ברעט האַרט און אין די פּאָר איינציקע, ווינציקע סקיצן, וואָס מיר האָבן בירושה פֿון לודוויג בערנע. דאַן זיין (פּרצעס) יידיש! מיר האָט עס אַפֿילו געגרילצט אין די אויערן, ווי דאָס דאַרף זיין דער פֿאַל, ווען מען איז אַ ליטוואַק פֿון דער יאַרמעלקע ביז די קנעכלעך און צו איך רעדט מען וואַרשעווער יידיש געמישט מיט אַ האַרעלע טייטש. אָבער ווען איך האָב די דאָזיקע סקיצע איבערגעלייענט אַ צווייטן מאָל, האָב איך אָנגעהויבן הנאה צו האָבן אַפֿילו פֿון דעם לשון צוליב דער שיינקייט, דער קורצקייט, דער בויגזאַמקייט פֿון פּרצעס סטיל". (ז' 536).

שפּעטער, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט „די צוקונפֿט" (אין 1892), און פּרץ איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿונעם זשורנאַל, „איז זיין נאָמען ביי אונז געוואַקסן פֿון יאָר צו יאָר".

אַן ענגע שייכות מיטן פּראָבלעם „פּרץ אין אַמעריקע" האָט די פֿראַגע וועגן דער קעגנזייטיקער ווירקונג און פֿאַרבינדונג צווישן די יידישע ליטע־ראַטורן אין רוסלאַנד און אַמעריקע. וועגן דעם זיינען דאָ חילוקי־דעות ביי די יידישע ליטעראַטור־פֿאַרשער. קיין גרינטלעכע אויספֿאָרשונג, אויף ווי וויט מיר ווייסן, איז נאָך נישט געמאַכט געוואָרן וועגן דעם ענין. קלמן מרמר (אין זיין בוך „דער אָנהויב פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע") זאָגט אין די ערשטע פּאָר שורות: „די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ניט אַריבערגעפּלאַנצט געוואָרן פֿון אייראָפּע. זי איז אויסגעוואַקסן פֿון די באַדינגונגען פֿון אַמעריקאַנעם יידישן לעבן". דאָס באַציט זיך צום סאַמע אָנהויב, צו די 70ער יאָרן פֿונעם 19טן יאָרהונדערט. און ווען קלמן מרמר מאָלט דאָס בילד פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין די 80ער יאָרן, באַטאָנט ער: „דער אָנהויב פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איז אויסערלעך ניט געווען קיין דירעקטער המשך פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין מזרח־אייראָפּע, נאָר פֿון יענער, וואָס איז אויפֿ־געקומען אין דעם קליינעם ישוב פֿון איינגעוואַנדערטע יידן אין ענגלאַנד. די דאָרטיקע יידישע שרייבער האָבן געצויגן זייער השפּעה פֿון אינטער־נאַציאָנאַלע קוואַלן". און ק. מרמר גיט צו: „דאָס איז געווען דערפֿאַר, ווייל

אַט די ייִדישע פּיאָנערישע שרײַבער [אין אַמעריקע און ענגלאַנד] זײַנען ניט געװען באַקאַנט מיט דער אַלטער ייִדישער קולטור־ירושה, אָדער זײ האָבן זיך פֿון איר אָפּגעזאָגט. אויף זײער װעג װאָלטן דעמאָלט געמוזט אויך גײן די ייִדישע קלאַסיקער פֿון מזרח־אייראָפּע, װען זײ װאָלטן אין די 80ער יאָרן געקומען קײן ענגלאַנד אָדער אַמעריקע". (ז' 21). ק. מרמר זעט דעם המשך, די פֿאַרבינדונג פֿון די בײדע ייִדישע ליטעראַטורן (אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע) בלויז אין דעם „פֿאַרלאַנג צו אַרבעטן פֿאַרן װאוילזײַן פֿון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן" און „אַט „אין דעם זין איז דער אָנהויב פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, װי פֿריער אין ענגלאַנד, אַ המשך פֿון אירע פּראָגרעסיװע שאַפֿונגען אין דער אַלטער היים".

אָן אָנדײַט אויף אַ נעענטערער פֿאַרבינדונג גיט ש. ניגער אין זײַן אַרטיקל „ייִדישע ליטעראַטור אין דער צװײטער העלפֿט 19טן יאָרהונדערט" („אַלגעמײנע ענציקלאָפּעדיע", ייִדן, ב' ד, שפּאַלט 138): „... און װען דער דאָזיקער גײַסט [פֿון „דער נײַער סאָציאַליסטישער השכלה"] האָט אַ דאַנק דעם אויפֿקום און דעם װאוקס פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַװעגונג, אַ דאַנק פּרצעס „בלעטלעך" און די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן", אויפֿגעװאַכט אויך אין רוסלאַנד, האָט זיך צװישן די בײדע ייִדיש־ליטעראַרישע צענטערס אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פֿון קעגנזײַטיקער װירקונג. אין אַמעריקע זײַנען צונויף געקומען די סאַטירישע אַלעגאָריעס, מעשהלעך און לידער פֿון י. ל. פּרץ (און צום טײל אויך מענדעלעס סאַטירעס)".

נאָך שאַרפֿער רעדט װעגן דעם לעאָן קאָברין, ער באַטאָנט אַז „צו דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, איז זי (די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פֿון יענער צײַט) װײניק־װאָס ענלעך געװען. אינגאַנצן אַן אַנדערע איז זי געװען. שקאָצעװאַטע־יונג איז זי געװען און קעמפֿעריש און חוצפּהדיק־דרײסט, און אַנדערש, גאָר אַנדערש, מיט אירע מחשבות און מיט אירע מעשים און מיט איר לשון..." און װײַטער: „בלויז צװײ ייִדישע שריפֿטשטעלער פֿון רוסלאַנד האָבן זיך באַטײליקט אין יענער צײַט דאָ בײַ אונדז אין אַט די פּעריאָדישע אויסגאַבן אונדזערע, און די דאָזיקע צװײ ייִדישע שריפֿטשטעלער זײַנען, נאָך מײַן מײנונג, געװען די מער־מאָדערנע און די פּראָגרעסיװסטע און, ממילא, די מער־אייראָפּעאישע צװישן אַלע זײערע ייִדישע קאָלעגן אין רוסלאַנד. איך מײן י. ל. פּרץ, װאָס ער האָט אָנגעהויבן זיך צו דרוקן דאָ בײַ אונדז נאָך אין 1892 (באַלד, הײסט עס, װען אונדזערע היגע ייִדישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן אויפֿצוקומען), אונטערן נאָמען פּלא"י, און דוד

פינסקי, וואָס ער האָט זיך דאָ גענומען דרוקן אַביסעלע שפּעטער אונטערן נאָמען ד. פּולס". („יידישע קולטור", נ' 5, 1943, ז' 13).

אויף דעם ענגערן קאָנטאַקט און אויף קעגנזייטיקע איינפלוסן פון דער רעוואָלוציאָנערער און ראַדיקאַלער ליטעראַטור אין רוסלאַנד און אין אַמע־ריקע שטעלט זיך אָפּ אין אייניקע ערטער א. ראָזענצווייג אין זיין בוך „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּרצעס שאַפן" (קיעוו, 1934), און בעיקר — אויף די קעגנזייטיקע ווירקונגען פון מ. ווינטשעווסקי און י. ל. פּרץ (זע די ז"ז 48־49, 74, 76). א. ראָזענצווייג שרייבט, אַז די „באַנייטע סאַטירע אָנגעפּילט מיט נייעם סאָציאַלן אינהאַלט, מיט דער ווירקנדיקער אומצו־פרידנקייט און מיט די פּראָטעסט־שטימונגען פון די אונטערגעדריקטע אַרבעטער־מאַסן", אַז „די דאָזיקע באַנייאונג [פון פּרצעס „יום־טוב־בלעט־לעך"] איז אָן אַ ספק פאָרגעקומען אויך אונטער דער דירעקטער אויפווירקונג פון דער יידישער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס איז אין די 80־90ער יאָרן אויפגעקומען אין ענגלאַנד און אַמעריקע און איז געווען שטאַרק פּאָפּולער ביי די אויפוואַכנדיקע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין רוסלאַנד. די אַרטיקלען פונעם „משוגענעם פילאָזאָף" אין לאָנ־דאָן און אַמעריקע, פון מאָריס ווינטשעווסקי, האָבן געוויס געהאַט אַ ווירקונג אויפן סטיל פון פּרצעס פעליעטאָנען. פּרצעס „דריי נייטאָרינס" און „ביים פרעמדן חופּה־קלייד" זיינען אָן אַ ספק באַווירקט פון ווינטשעוו־סקיס איבערדיכטונג פון טאָמאַס הודס „ליד פונעם העמד" (1884)". און א. ראָזענצווייג גיט צו אין אַ באַמערקונג (ז' 76), אַז „ווינטשעווסקיס וויר־קונג אויף פּרצן האָט זיך אָנגעהויבן אָן שום ספק אין די יאָרן 1893־1894, ווען פּרץ האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליס־טישע פּרעסע („אַרבעטער צייטונג" און „צוקונפט") אונטער פּסעוודאָנים פּלא"י".

ס'איז אינטערעסאַנט: א. ראָזענצווייג פאַרזעט און פאַרשווייגט לחלוטין די ווירקונג פון פּרצן אויף ווינטשעווסקין, הגם ער האָט אויף דעם אַזאַ באַגלויבטן עדות ווי ווינטשעווסקי גופא אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל („צוקונפט", 1915). דאָס וואָלט אים, ראָזענצווייגן, משמעות צעשטערט זיין היפּער־רררעוואָלוציאָנערע און מכלומרשט ריין־מאַרקסיסטישע „קאָנ־צעפּציע", וואָס באַטיטלט פּרצן דאָ און דאָרט מיט אומגעלומפּערטע און העסלעכע אויסדרוקן, וואָס ס'ווילט זיך אַפילו נישט איבערחזרן.*

---

* אַז מ'רעדט וועגן דעם בוך פון א. ראָזענצווייגן, דאַרף מען טאַקע וואָרענען דעם לייענער. דאָס בוך האָט אָנגעזאַמלט פיל וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן דעם רעוואָ־

מ. ווינטשעווסקי האָט זיך סוף 1894 איבערגערופֿן מיט פּרצן. אין „אַרבעטער צייטונג" איז דאַן געדרוקט געווען אַ ליד פֿון פּרצן „אויסגעשטאָרבן", וואו פּרץ דערציילט, אַז ס'פֿעלט אים אַ העלד פֿאַר זיינע אידייען, אימפּולסן, עמאָציעס, וואָס ער וויל אַרויסברענגען. האָט מ. ווינטשעווסקי אויף דעם געענטפֿערט מיט אַ ליד, „זיי לעבן נאָך", וואו ער ווייזט אָן, אַז פּרץ זוכט נישט זיין העלד וואו מ'דאַרף. ער ראָט אים צו גיין צום אַרבעטער־קלאַס, דאָרטן וועט ער זען דאָס וואָס ער קאָן נישט געפֿינען אין זיין סביבה:

און דיין שיינע קלוגע מוזע
וואָלט געפֿונען אויפֿן פֿעלד
אין אַ פּראָלעטאַריער־בלוזע,
אין דעם פֿאָלק אַ וואָרן העלד.

ער רופֿט פּרצן אין דער נייער גרויסער וועלט, קיין אַמעריקע:

דאָ וועסטו געפֿינען מאַסן
העלדן צווישן אַרבעטס־לייט,
וועלכע אָפּפֿערן געלאַסן
לייב און לעבן אין דעם שטרייט.

בלויז אין די יאָרן 1893־1895 האָט פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער „אַרבעטער־צייטונג" און אין „צוקונפֿט" 34 פֿאַרשיידענע לידער, אַלע־

לוציאָנערן פּעריאָד פֿון פּרצעס שאַפֿן, אָבער אין דער זעלבער צייט ווערן די אַלע מאַטעריאַלן באַגלייט אויפֿן אַדרעס פֿון פּרץ (אויך שלום־עליכם און מענדעלע!) מיט אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע באַגלייט־עפּיטעטן. וועגן אָט דעם מין פּרץ־„קריטיקער־פֿאָרשער" האָט שכנא עפּשטיין אין זיין אָפּהאַנדלונג „יצחק לייבוש פּרץ" („סאָוויעטישע ליטעראַטור", 1940, קיעוו, נ' 10) זייער ריכטיק געשריבן: „איניקע אָר־און־ווי קריטיקער זיינען, מיטן ציל צו פֿאַרמאַסקירן זייער אייגענעם נאַציאָנאַל־אָפּאָרטוניזם און פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר כּפּל־שמונהדיקע מאַרקסיסטן, געקראָכן פֿון דער הויט אויף צו דערווייזן, אַז פּרץ איז אַ רעאַקציאָנער. די דאָזיקע לייט האָבן אָנגעווענדט זייער שעדיקערייַ דווקא בנוגע פּרצן". ש. עפּשטיין ברענגט איניקע ווילדע פֿאַלשע באַהויפּטונגען, וואָס „די פּסעוודאָ־מאַרקסיסטן אין אונדזער סאָוויעטישער יידישער ליטעראַטור" האָבן געמאַכט. „אַזאַ אָפּשאַצן" פּרצן קאָן ניט באַצייכנט ווערן אַנדערש, ווי פֿאַלסיפֿיצירונג, ווי אַ בלבול אויף איינעם פֿון אונדזערע פּראָגרעסיווע, אויב ניט דעם סאַמע־פּראָגרעסיוון, קלאַסיקער" (ז' 113). „לײדער, — שרייבט ש. עפּשטיין, — האָט נאָך ביי אונדז יענע אַזוי־גערופֿענע קריטיק נאָכווייעניש". און מיר וועלן צוגעבן, אַז אויך מחוץ פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זיינען געווען גענוג אָפּקלאַנגען פֿון אָט דעם מין „קריטיק" אויף פּרצן און אַנדערע אָנגעזעענע שרייבער. לאָמיר דערמאָנען דאָס ביכל פֿון פֿ. דינער „די וואָרצלען פֿון פּרצעס שאַפֿן" (אַ פּרואוו פֿון אַ מאַרקסיסטישער באַלייכטונג), וואַרשע, 1934, 100 ז"ז, וואו דער „מאַרקסיסטישער" באַלייכטער האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיט פּרצן און זיינע ווערק.

גאַריעס, הומאָרעסקעס און דערציילונגען, און איניקע פֿון זיי זיינען גע־דרוקט געוועזן אין פֿאַרזעצונגען אין עטלעכע נומערן. אַזוי גרויס איז געווען די באַטייליקונג פֿון פּרצן אין דער אויפֿקומענדיקער אַרבעטער־פּרעסע אין אַמעריקע מיט טיף־אייגנאַרטיקע, ראַדיקאַלע און בונטאַרישע זאַכן.

אויף וויפֿיל פּרץ (אָדער פּלא״י) איז געווען פּאָפּולער און געערט שוין אין די אָנהויב 90ער יאָרן, זעען מיר טאַקע פֿון דער „צוקונפֿט" גופֿא. אין אַ לענגערן אַרטיקל פֿון אב. קאַהאַן: „פּאָעזיע און ווי שרייבט מען איר" [זי!], גיט אב. קאַהאַן צו אין אַ באַמערקונג: „פֿילע אַנדערע מוס־טערן פֿון וואָרע פּאָעזיע קאָן דער לעזער געפֿינען אין אַנדערע שטעלן פֿון אַבראַמאָוויצס, ווי אויך פֿון פּלא״י" (אין דער „אַרב. צייט."), פּרצעס און שלום־עליכעמס ווערק". („צוקונפֿט", 1894, העפֿט 10, ז' 42). אַב. קאַהאַן רעכנט אויס באַזונדער פּלא״י און פּרץ. האָט ער נישט געוואוסט, אַז פּלא״י איז פּרץ?

אַ גרעסערער אַרטיקל איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „צוקונפֿט" (1897, ז״ז 7־13) פֿון ב. גאָרין. ער האָט שוין דאַן אויפֿגעפּאַסט די גרויסע באַדייטונג פֿון י. ל. פּרץ ווי אַ דיכטער, שרייבער און רעדאַקטאָר פֿון „יידישע ביבליאָטעק". ב. גאָרין שטעלט זיך אָפּ אויף דעם קלאָגעדיקן צושטאַנד פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין יענער צייט, און ער באַ־האַנדלט באַזונדער און אויספֿירלעך מרדכי ספּעקטאָר און זיין „הויז־פֿריינד", ש״ע און זיין „יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק". ב. גאָרין לויבט באַזונדערס פּרצן: „אין דער צייט, ווען ספּעקטאָר, שלום־עליכם זיינען צוגעטראָטן צו זייערע סבאָרניקעס [זאַמלביכער—נ. מ.] מיט דעם צוועק צו באַשאַפֿן אַ נייע ליטעראַטור מיט דער הילף פֿון אונזערע באַוואוסטע טאַלאַנטן, האָט פּרץ אַ סך מער אויפֿגעטאָן פֿאַר דער ליטעראַטור מיט דעם וואָס ער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט יונגע און אומבאַוואוסטע שרייבער. ער האָט דערצויגן אַ דור מיט נייע שרייבער און געגעבן דער נייער ליטעראַטור פֿיל טאַלאַנטן. אין זיין „ביבליאָטעק" איז כמעט ניט געפֿינען קיין באַוואוסטן שרייבער, — אַלץ יונגוואַרג, אַלץ אָנפֿאַנגער". (ז' 12). און ווייטער זאָגט ב. גאָרין, אַז „פּרץ איז אַן אמתער אייראָפּעאישער שרייבער און פֿאָדערט פֿון זיינע מיטאַרבעטער, זיי זאָלן שרייבן ווי מען שרייבט ביי לייטן, און אויף אַזאַ אַרט שרייבן זיינען ניט אַלע מבינים". און נאָך אַ וויכטיקער מאָמענט ווערט דורך ב. גאָרין אַרויסגערוקט אין זיין אַרטיקל — ער באַטאָנט באַזונדערס „דעם רעש, דעם ליאַרעם, אַ געפּילדער עד לב השמים", וואָס ס'איז געוואָרן „ביי די העברעאיסטן". „ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט אַ בריקע געטאָן, אַריינגעלאָזן די ציין,

מ׳האָט געגומען דרוקן פּאַמפלעטן, אין „המליץ״ האָט מען זאָגאַר אַ דאַנאָס (מסירה) געשריבן, אַז פּרץ איז אַ סאָציאַליסט און באַקומט פון אומריינע קוועלן געלט אויף דרוקן ביכער, וואָס בורען דאָס פאָלק״. (ז׳ 12).

לויט ווי דוד פּינסקי גיט מיר איבער, האָט פּרץ אָנהויב די 90ער יאָרן געשיקט קיין אַמעריקע זאַכן, וואָס ער האָט צוליב די שווערע צענזור־באַדינגונגען נישט געקאָנט אַזוי לייכט דרוקן אין וואַרשע, און אין יענער רעאַקציאָנערער צייט האָט אַ יידישער שרייבער אין רוסלאַנד נישט געקאָנט זיך באַטייליקן מיט זיינע שאַפונגען אין סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס אויף אין אַן אַנדער לאַנד, און דערפאַר האָט פּרץ פאַרעפנטלעכט זיינע זאַכן אונטערן נאָמען פלא״י (ראשי־תיבות — יצחק אריה לייבוש פּרץ). אויך דוד פּינסקי האָט די ערשטע זאַכן, וואָס ער פלעגט שיקן קיין אַמעריקע, געדרוקט אונטערן נאָמען ד. פּולס. אַזוי אַרום האָט פּרץ אַ ריי לידער און סקיצן פריער פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקע. און דאָס זעען מיר אויך פון ב. גאָרינס דערמאָנטן אַרטיקל. ער רעדט וועגן דעם זשורנאַל „ליטע־ראַטור און לעבן״, וואָס פּרץ האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן, און ער גיט צו: „וועגן „ליטעראַטור און לעבן״ פאַרשפּאַר איך צו רעדן, ווייל דאָס רוב מאַטעריאַל, וואָס דאָרט איז אַריין, איז צוערשט געווען געדרוקט אין דער היגער „אַרבעטער־צייטונג״.״

מ. ווינטשעווסקי באַרירט אַן אינטערעסאַנטע פראַגע, פאַרוואָס „פּרץ האָט ביי אונז אין אַמעריקע נישט געהאַט קיין נאָכמאַכער: ער האָט ניט געמאַכט (אין אַמעריקע) וואָס מען רופט אַ „שולע״, ווי דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער פאַל, נעמענדיק אין באַטראַכט זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט״. ער האָט נישט געהאַט קיין נאָכפאָלגער, „ניט אַלס סקיצן־שרייבער, ניט אַלס פּאָעט און ניט אַלס פּובליציסט״. מ. ווינטשעווסקי מיינט, אַז „פּרץ האָט אפשר פאַר זיך געהאַט, בעת ער איז אַרויסגעטראָטן אויף דער אַרענע פון דער יידישער ליטעראַטור״ [אין רוסלאַנד], אַן אַנדער לייענער, אַ מער־באַהאַוונטן אין די קליינע יידישע אותיותלעך, „ אַ האַלב־משכיל, אַ האַלב־אָרעם־בחור״. גאָר אַנדערש איז מיטן אַמעריקאַנער בעלעטריסט, וועלכער „האָט געהאַט פאַר זיך אַ גרויסן אַרבעטער־עולם. צו אים האָט מען געוואָלט־ דיק־ניט־ווילנדיק געמוזט רעדן קלאָרע דיבורים״. מ. ווינטשעווסקי דער־מאָנט די דערציילער פון יענער צייט: ב. גאָרין, יעקב גאָרדין (דעם סקיצן־שרייבער), לעאָן קאָברין און ז. ליבין. „ביי קיינעם פון זיי האָט זיך נישט געמערקט פּרצעס איינפלוס״. עס האָט זיך מער געמערקט ביי זיי „אַ מין בושה פאַר אַ גרויסער פּערזענלעכקייט אין דער ליטעראַרישער

ספּערע". „פּרצעס דערשיינען אויף אונזער אַרענע האָט געהאַט די ווירקונג פֿון אַ רייכן מאַנס באַזוך אין אַן אָרעמער פֿאַמיליע".

מ. ווינטשעווסקי איז זיכער, אַז „פּרץ איז מער באַוואונדערט ווי געלעזן געוואָרן אין אונזער אַמעריטשקע, אָבער דאָס נאָר פֿון דעם גרויסן עולם. צווישן די שרייבער איז ער אפשר מער געלעזן געוואָרן ביי אונז ווי עמעץ אַן אַנדערער". „יידישע שרייבער דאָ — זאָגט מ. ווינטשעווסקי — לייענען ניט איינער דעם אַנדערן, און מ'האָט געדאַרפֿט האָבן אַ פּרץ, כדי צו צווינגען כאָטש איין קאָלעגע אין האַנט אַריינצונעמען".

און נאָך אין אַ פּרט איז געווען, לויט ווינטשעווסקין, זייער וויכטיק פּרצעס ווירקונג אין אַמעריקע. און דאָס דאַרף מען טאַקע באַטאָנען: „די ירושה פֿון השכלה, וואָס איז געווען דאָ, ווי אומעטום, אַסימילאַציע אין אַ כּפֿל־שמונהדיקן פֿאָרמאַט, האָט מיט זיך געבראַכט אַ פֿאַראַכטונג צו זיך, אַ פֿאַראַכטונג, הייסט עס, צו זיך ווי ווען מ'האָט אויסגעזען איידער מען איז „ציוויליזירט" געוואָרן, אַ פֿאַראַכטונג צום געוועזענעם איך. און פּרץ האָט באַוויזן, אַז אין דער אַמאָליקער יידישקייט איז אויך געווען שיינקייט, הערלעכקייט".

צי דאָס אַלץ, וואָס מאָריס ווינטשעווסקי זאָגן וועגן פּרצעס ראָלע אין דער היגער יידישער ליטעראַטור און וועגן זיין ווירקונג אויף די עלטערע יידישע שרייבער, וואָס זיינען געווען אַזוי פֿאַרגאַפֿט פֿון אים, — צי דאָס אַלץ איז טאַקע אינגאַנצן ריכטיק, — אויף דעם איז מיר שווער צו ענטפֿערן. איך בין ווייניק באַהאַוונט אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פֿון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. וועגן דעם אַלעמען קאָנען די „תושבים" אין דער היגער יידישער ליטעראַטור מער אורטיילן.

מ. ווינטשעווסקי שרייבט אין סוף פֿון זיין אַרטיקל: „דאָס איז פּרצעס פֿאַרגאַנגנהייט אין אַמעריקע. וואָס קאָן מען דערוואַרטן פֿון דער צוקונפֿט?" און ער ענדיקט מיט אַן אומזיכערקייט: „ווער ווייס?"

דאָס איז געווען מיט פֿולע 30 יאָר צוריק, אין 1915. ס'איז קיין ספֿק נישט, אַז אין 1945 — מיט דרייסיק יאָר שפּעטער — ווייסט מען מער און טיפֿער אין אַמעריקע וועגן פּרצן, און ס'איז אונזער אַלעמענס פֿאַרלאַנג און אויך חוב, מ'זאָל טאַקע מער און ברייטער וויסן וואָס אַזוינס פּרץ איז געווען און וואָס ער קאָן נאָך איצט זיין פֿאַר אונזער קולטור־שאַפֿערישן און גייסטיקן לעבן.

* * *

אונז, ווי געזאָגט, אינטערעסירט אַ צווייטע פֿראַגע:

וואָס איז די יידישע אַמעריקע געווען פֿאַר פּרצן? וואָס פֿאַר אַ באַציאונג האָט זיך געשאַפֿן ביי אים פֿונדערווייטנס צו דעם לאַנד, וואָס איז

אַזוי ראַש געוואַקסן און וואָס האָט געהאַלטן אין איינזאַפּן אין זיך אַלץ־ברייטערע שטראָמען פֿון יידישע מאַסן פֿון גאָר דער וועלט?

קיין אויספֿירלעכן, גאַנצן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע קאָן מען נישט געבן, ווייל פּרץ האָט נישט געפּרואווט געבן אַזאַ תשובה. איין צייט, אָנהויב די 90ער יאָר, האָט פּרץ געהאַט מער סימפּאַטיע צו דער עמיגראַציע קיין אַרגענטינע ווי קיין אַמעריקע, און ער (מיט יעקב דינעזאָנען) האָט אַפֿילו געהאַט בדעה פֿאָרן אַהין. מיר געפֿינען אין פּרצעס בריוו, געשריבן אין לויף פֿון אַ 20 יאָר צו פֿאַרשיידענע פּערזאָנען און ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן, אַן אגבֿ־אורחאַדיקע באַמערקונג, אַ וואָרט, אַ זאָג, וואָס איז אַ רעזולטאַט פֿון עפּעס אַ פּאַסירונג אָדער פֿון אַ באַגעגעניש מיט אַן אַמעריקאַנער. ווען מיר אויפֿנעמען אַט די צעוואָרפֿענע ווערטער און זיי געבן כסדר און טאַקע מיט פּרצעס ווערטער.

אין אַ העברעאישן בריוו צו יהואשן קיין ניו־יאָרק פֿון אַרום 1894־1895 שרייבט פּרץ: „דיין טרויעריקן בריוו האָב איך באַקומען. און דאָס איז טאַקע דאָס בילד וואָס דו האָסט מיר שוין לאַנג פֿאַרגעשטעלט פֿון דעם פֿרייהייטס־לאַנד. ווען איך בין דאָרט — וואָלט איך נישט געגאַנגען העלפֿן דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָרן דער וויל זיך בשום אופֿן נישט מיט מיר זיך מתחתן זיין. איך זוך אין יעדער באַוועגונג אַ מאָראַלישן יסוד. די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג האָט אַזאַ יסוד, אָבער זי וויל אים נישט קענען". און פּרץ מאָנט ביי יהואשן אַ חובֿ צום אָרט, פֿון וואַנעט ער איז אַוועק, „און צו שרייבן וועגן די יידן אין אַמעריקע, זייער לעבן און אָנשטרענגונגען — וועט דיר לייכט זיין". און ער פֿרעגט ביי יהואשן: „האָסטו נישט קיין רייזע־בילדער? ים־לידער? אָנקום־לידער [קיין אַמעריקע]? קאָנסטו נישט עפּעס דערציילן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע?" (בריוו און רעדעס, ז' 212).

פּרץ, ווי מיר וועלן זען, האָט געהאַט נישט קיין גוטע דערפֿאַרונגען מיט פֿאַרשיידענע אַרויסגעבער אין אַמעריקע. אין אַ רוסישן בריוו צו ב. גאָרין (פֿון 1898) ענטפֿערט פּרץ אים אַט וואָס: „וואָס שייך אייער פֿאָרשלאָג, וועט קוים פֿון דעם עפּעס אַרויסקומען. איר זיינט דאָך נאָר דער רעדאַקטאָר. איבער אייך האָט דאָך די דעה דער אַרויסגעבער. מיר איז שוין נמאס געוואָרן די אומערלעכע אַמעריקע. די פֿאַרשלאָגן — נישט קיין ריכטיקע, שטענדיקע ענדערונגען פֿון פּרייז — אַן עקל".

אינעם זעלבן בריוו בעט זיך פּרץ, מ'זאָל אים שיקן אויסשניטן פֿון זיינע „קליינע זאַכן און לידער". „דאָס געלט איז פֿאַרפֿאַלן, זאָל זיי גאָט העלפֿן", אָבער ער האָט קיין קאָפּיעס נישט פֿון זיי.

אין אַן אינטערוויו, וואָס אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון ניו־יאָרקער „טאָגע־בלאַט" האָט געהאַט מיט פּרצן אין 1903, אין בערלין, וועגן יידישער ליטע־ראַטור, טעאַטער, האָט פּרץ געענטפֿערט שריפֿטלעך און זייער שאַרף זיך אַרויסגעזאָגט קעגן יעקב גאָרדין דעם דראַמאַטורג. „גאָרדין — האָט פּרץ געזאָגט — פֿרעמדע פּראָבלעמען, פֿרעמדע טיפּן, יידיש איבערגעקליידט. אַ שפּראַך — צום ציינער־ברעכן — אַ ניקאָלאַיעווער יידיש פֿון אַ בעל־תשובה אויף דער עלטער — אַ גרויסע פּאַרציע באַלעבאַטישע ערלעכ־קייט... אַלץ פֿון פֿרעמדן אַקסל, און פּורימדיק — אויף שטאָלצן, און האַרט ווי נישט־דערבראָטן געענזנס..." און פּרץ גיט צו: „נאָר ווער ווייס, וואָס וועלן זאָגן די ניו־יאָרקער געענז, וועלן זיי רעטן גאָרדינס רום?" (דאָרט, ז' 406).

אַדאַנק די בריוו צו דוד פּינסקין דערוויסן מיר זיך נאָך אַ זאַך, וואָס האָט פֿאַרשאַפֿט פּרצן עגמת־נפֿש. ה' שפּאַכנער, בערטאַ קאַלישעס מאַן, האָט באַצאָלט פּרצן 200 רובל פֿאַר שפּילן דעם „נסיון" (ערשטער וואַריאַנט פֿון די „גאָלדענע קייט"). פּרץ גיט צו איראָניש: „אַ מטמון גאָלד!" און פּרץ האָט זיך נישט געדונגען, ווייל ער האָט גערעכנט צו באַקומען זיין „ליטעראַרישן האָנאָראַר" פֿאַר דרוקן די דראַמע. איז אָנגעלאָפֿן, ווי פּרץ שרייבט, פֿון שפּאַכנערן „זייער אַ קאָמישער בריוו", אַז ער פֿאַרלאַנגט די דראַמע זאָל נישט געדרוקט ווערן. האָט אים פּרץ געענטפֿערט, אַז אויב ער קאָן די דראַמע נישט דרוקן, זאָל שפּאַכנער אים באַצאָלן 400 רובל. און פּרץ האָט זיך גראָד געגויטיקט אין געלט. ער שרייבט צו פּינסקין: „איר ווייסט דאָך ווי מיין קאַסע זעט שטענדיק אויס". און פּרץ גיט צו: „מיר דאַכט, אַז סיי־ווי־סיי איז 200 רובל אַ לעכערלעכער פּרייז", און ער בעט ביי ד. פּינסקין: „מאַכט מיר קלאָר מיטן אַמעריקאַנישן „מאַרק". לסוף פֿונעם לענגערן בריוו קומט אַ צושריפֿט: „ווער איז שפּאַכנער? אַן עקספּלואַטאַטאָר?"" (ז' 234).

פּרץ באַקומט דערוויל יהואשעס „געזאַמלטע לידער" (ניו־יאָרק 1907). ער האָט דאָס בוך באַקומען ביי מילערן (אַלעקסאַנדראָוו), וואָס האָט דאָן פֿאַרבראַכט אין קראָקע. פּרץ שרייבט: „איך האָב עס איינגעשלונ־גען". ער בעט יהואשן צושיקן אים אַן עקזעמפּלאַר פֿון בוך, „ווייל דער עקזעמפּלאַר, וואָס איך האָב געבראַכט פֿון קראָקע, קורסירט אַרום. מען לעקט פֿון איך די פֿינגער". און פּרץ גיט צו: „אָנפֿאַנגס איז מיר דאָך שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען צו אייער אַמעריקאַנישן סטיל. די וואַרשעווער זאַכן (מזמור שיר ליום השבת... בית־שני...) זיינען (פֿאַר אונז) וויכער, מעלאָדישער. צום צווייטן און דריטן מאָל בין איך דאָך צום

געשמאַק געקומען...״ און אינטערעסאַנט איז פּרצעס ראַט: „אויב איר ווילט אַן עצה פֿון אַן עלטערן: באַפֿרייט אייך פֿון ענגליש־אַמעריקאַנישן סטיל, ווערט צוריק אונזער, צוריק פֿליסנדיק! צוריק קלאַנגען״. (ז׳ 241).

אַז ס׳איז געווען אַן אינעווייניקסטע פֿאַרבינדונג צווישן ווינטשעווסקי און פּרץ זעען מיר פֿון עטלעכע פּרצישע שורות אין זיינע צווי בריוו, וואָס פּרץ האָט אין 1912 געשיקט צו מאָריס ווינטשעווסקי. ביידע די בריוו האָבן אַ שייכות צו פּרץ הירשביינען, וואָס איז דאַן געפֿאָרן קיין אַמעריקע און פּרץ האָט געבעטן ביי מ. ווינטשעווסקי אים אַרויסווייזן „מאָראַלישע הילף״. פּרץ שרייבט אין די בריוו: „ליבער ה׳ ווינטשעווסקי, איך שרייב אייך צום ערשטן מאָל. קען איך אייך אָבער זייער לאַנג. וואָס איך טראַכט וועגן אייך, וועט אייך דער איבערגעבער, דער יונגער קאָלעגע הירשביין, איבערגעבן״. אין דעם צווייטן בריוו שרייבט פּרץ צו ווינטשעווסקין: „איך האָב הירשביינען נאָר געזאָגט מיין מיינונג וועגן אייך. פֿון וואַנען איך האָב זי געהאַט? גיי ווייס. געלעזן, געהערט, דערפֿילט. דערפֿילט, אַז איר זייט איר און אַנדערע — אַנדערע״. („בריוו און רעדעס״, ז׳ 344).

און ס׳איז אויך כאַראַקטעריסטיש פֿאַר פּרצן זיין באַציאונג צו מאָריס ראָזענפֿעלדן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין 1907 אין אייראָפּע און זיך געווענדט נאָך הילף אין זיין נויט. פּרץ איז אויפֿגעטראָטן אין קראָקע אויף אַן אָוונט לטובת ראָזענפֿעלדן. אין אַ בריוו צו י. דינעזאָן, שרייבט פּרץ: „איך בין געווען אין קראָקע, געווען און אַ פֿאָרלעזונג געהאַט: „מוסר״, „ליבע״ און „אַ גלגול פֿון אַ ניגון״. די איינקונפֿט — פֿאַר ראָזענפֿעלד. דער זאַל איז געווען געפּראָפּט״. (ז׳ 254). ס׳איז אויך פֿאָרגעקומען אַן אָוונט אין לעמבערג לטובת ראָזענפֿעלדן. אין לעמבערג האָט אַ מיטאַרבעטער פֿון אַ יידיש־פּוילישער צייטונג געהאַט אַ שמועס מיט פּרצן וועגן פֿאַרשיידענע פֿראַגן און אויך וועגן מ. ראָזענפֿעלדן און זיין לאַגע. פּרץ האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט געגרן אויפֿגעטראָטן אויפֿן אָוונט, ווייל ער קען „צופֿעליק ראָזענפֿעלדס מאַטעריעלן צושטאַנד און ער איז גאָרנישט אַזוי געפֿערלעך, ווי מ׳קאָן דרינגען פֿון זיין בריוו. נאָר ווען אַפֿילו ראָזענפֿעלד וואָלט געלעבט אין דחקות, הייסט עס נאָך ניט, אַז מ׳דאַרף אַזוי קלאָגן און בעטן צדקה... און פּרץ האָט צוגעגעבן: „איך פֿאַרזיכער אייך, אַז אומעטום און אַפֿילו אין וואַרשע גופֿא האָבן מיר אַ סך שרייבער, וואָס זיינען פּייאיקער פֿון ראָזענפֿעלדן און וואָס זייער נויט לאָזט זיך ניט צו באַשרייבן, פֿונדעסטוועגן ברענגען זיי אַרויס פֿאַר דער וועלט נאָר זייערע ווערק, מיט זייער פּערזאָן פֿאַרנעמען זיי נישט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿונעם כלל״. און נאָך האָט פּרץ געזאָגט: „אויב מ׳רעדט שוין אָפֿן, האָט ראָזענ־

פּעלד ווי אַ דיכטער אַ קנאַפּן ווערט. זיינע לידער — דאָס זיינען קלאַג־מוטער־רעפּלעקסיעס פון אַ ייד אַן אַרבעטער, רעפּלעקסיעס פון אַ ניט־געראַטענעם שרייבער. קיין שום געדאַנקען, קיין שום אידייען זיינען דאָרט ניט פאַראַן. זיי קאָנען דעריבער נישט מיטרייסן דאָס פאָלק, פאַר וועלכן זיי זיינען געשריבן און זיי קאָנען פאַר אים קיין זאַך ניט שאַפן". (דאָרט, ז' 414).

צי פּרץ איז געווען גערעכט מיט זיין אָפּשאַצונג, צי זיינען ריכטיק די פאַר־וואורפן זיינע מ. ראָזענפעלדן — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. אונז אינטערע־סירט איצט פּרצעס באַציאונג צום יידיש־אַמעריקאַנער מ. ראָזענפעלדן, און דאָס קעגנשטעלן — אייגענע, וואַרשעווער יידישע דיכטער, וואָס זיינען אים אייגענער, היימישער, נאָענטער!

אין 1907 האָט פּרץ געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן אינטערנאַציאָנאַלן יידישן פאַרלאַג אין ניו־יאָרק, וואָס זאָל אַרויסגעבן פּרצעס ווערק, אַ 120 דרוק־בויגן, און דער פאַרלאַג האָט זיך מתחייב געווען צו באַצאָלן דערפאַר 3,500 רובל. און די ביכער זיינען געווען אויסגערעכנט זיי זאָלן פאַר־שפּרייט ווערן איבער גאָר דער וועלט. שפּעטער, ווי באַקאַנט, האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז דער אַנפירער פונעם פאַרלאַג, עוואַלענקאָ, האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות מיט דער רוסישער אָכראַנקע, און פונעם אָפּמאַך איז גאָרנישט געוואָרן, — נאָך אַן אומאַנגענעמע פּאַסירונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַמעריקע.

און אָט אַ דאָקומענט, וואָס ווייזט ווי פּרץ איז נישט צופרידן מיטן אַמעריקאַנער נוסח. דער איניציאַטאָר, אָדער איניציאַטאָרן פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, ד"ר נתן בירנבוים א. אַ., האָבן צוגעשיקט צו פּרצן (און במילא צו דינעזאָנען) אַ טעקסט פון אַ רוף צו דער קאָנפע־רענץ. דער נוסח איז פּרצן נישט געפעלן און ער ענטפערט צווישן אַנ־דערן: „... מיר זיינען, נאַטירלעך, זייער פאַראינטערעסירט אין אַ קאָנ־פערענץ, אָבער אונטערשרייבן אייער אויפרוף האָבן מיר אויף קיין פאַל נישט געקאָנט. מיר האָבן אויך נישט געוואָלט, מיר וואָלטן אויך געקומען אויף דער קאָנפערענץ, אָבער אַלץ נישט אונטערשרייבן. צום אַלעם ערשטן געפעלט אונז ניט די, זייט אונז מוחל, „אַמעריקאַנישע" הקדמה..." און מיט אַ פּאָר שורות ווייטער: „און די אַמעריקאַנישע „מליצות" — פּאָעטן שרייבן לידער, נאַטירלעך מאַכן זיי קיין שטיוול... יידישע צייטונגען פאַר־שפּרייטן פּאָליטיק, „דערגרייכן אַ מדרגה", „פּיעסן", „צוציען כל המיני קרענק און מומים". דאָס איז פאַר אונז קיין יידיש ניט, דאָס איז, אין דער ערשטער ליניע, גראָב. און וויניקסטן די אויפרופער דאַרפן האָבן

אַ סטיל... „נישט לאָזן אַרומלויפן פראַנק און פריי, אָפּהיטן ווי אַ טייער קינד א. ד. ל.״ איז פאַר אַן אויפרוף צו־קינדיש...״ און פּרץ (מיט דינעזאָנען) זאָגט: „מיר קאָנען און ווען אונטערשרייבן אַ נאַטירלעכן, איירשפּעאישן אויפרוף, אַן איינפאַכן״. (בריוו און רעדעס, ז׳ 263).

און איצט קומען מיר צו דער געשיכטע מיט פּרצעס קלייבן זיך אויף אַ רייזע קיין אַמעריקע, אַ פּלאַן, וואָס האָט פּרצן שטאַרק פאַרכאַפּט און וואָס צוליב פאַרשיידענע, נישט־אינגאַנצן אויפגעקלערטע סיבות, איז דער פּלאַן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

מאָריס ווינטשעווסקי, אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל „פּרץ אין אַמעריקע״, שרייבט וועגן דעם: „מיט אַ פאַר יאָר צוריק האָט עס געהאַלטן דערביי [אַז פּרץ זאָל זיין אין אַמעריקע], אָבער דערפון איז גאָרנישט געוואָרן״. מ. ווינטשעווסקי דערקלערט: „די וואַרשעווער גמינע, פאַר וועלכער פּרץ האָט געאַרבעט, פון איר ציענדיק זיין הויפּט־חיונה, האָט אים ניט געקאָנט געבן קיין לענגערן אורלויב ווי אויף זעקס וואָכן, און אַזוי ווי דער הין־און־צוריקפאָרן אַליין וואָלט אַוועקגענומען אַ העלפט פון דער צייט, איז נאָך אַ קורצער קאָרעספּאָנדענץ באַשלאָסן געוואָרן, אַז די רייזע זאָל אָפּגע־לעגט ווערן. געהאָפט האָט מען, אַז ער זאָל מיט דער צייט זיך קאָנען אינגאַנצן באַפרייען פון זיינע „ציפערן״ און זאָל קאָנען צו אונז אַריבער־קומען אויף עטלעכע חדשים, כדי צו קאָנען באַזוכן יעדע שטאָט און יעדעס שטעטל אין אַמעריקע, וואו זיין נאָמען איז דאָן, ווי אימער, אַרויסגע־רעדט געוואָרן מיט ערפורכט און מיט ליבע — בדחילו ורחימא — און דאָס, פאַרשטייט זיך, הייסט אומעטום איבערן גאַנצן לאַנד״.

„ביי אייניקע פון אונז — דערציילט מ. ווינטשעווסקי — איז דיזע האָפענונג געגאַנגען נאָך ווייטער: מיר האָבן געזען אין חלום פּרצן אַלס אַ תושב אין דער נייער וועלט, וואו ער לעבט־אויס זיינע יאָרן, דער־גרייכנדיק אַ שיינעם, הויכן עלטער — אַ שטייגער ווי מענדעלע מוכר ספרים אין רוסלאַנד — אין דעם גרויסן, ברייטן קרייז פון דער נייער יידישער קאָלאָניזאַציע, פריש, געזונט און מונטער, סיי אין גוף, סיי אין גייסט, ווי ער איז שטענדיק געווען, האָט מען געהאַט אַ רעכט צו דער־וואַרטן, אַז פּרץ וועט זיין אונזערער אַ צייט פון עטלעכע יאָר. נו, דערפון איז גאָרנישט געוואָרן. איידער עס האָט געקאָנט זיין אַ רייד פון זיין באַ־פרייען זיך פון דאגות־פּרנסה, האָט זיך אונטערגערוקט די איצטיקע וועלט־מלחמה און זיין קומען אַהער איז געוואָרן צוערשט אַ שווערע זאַך און שפּעטער — אַן אוממעגלעכקייט, ווייל אין זיין פאַר־דער־צייטיקן טויט האָט

דער גרויסער בלוטיקער מאַסנמאָרד דעם שווערסטן, גרעסטן חלק".
(„צוקונפט", 1915, ז' 534).

וועגן אַט דער געפּלאַנטער רייזע און אַנדייטונגען פאַרוואָס זי איז נישט צושטאַנד געקומען האָבן מיר צוויי אייגנהאַנטיקע בריוו פון פּרצן, געשריבן אויף אַ זומער־וואוינונג מיליאַנאָוועק אַרום וואַרשע, דעם 21טן יוני, 1909, צו יעקב דינעזאָן. אייגנטלעך איז עס איין בריוו, אָבער אין צוויי נוסחאות, וואָס דערגאַנצן איינער דעם צווייטן. געוויס האָט פּרץ בלויז איין בריוו געשיקט דינעזאָנען, און איינעם נישט אָפּגעשיקט. ווען מיר ברענגען די ביידע בריוו, צוליב זייער וויכטיקייט, ווי זיי זיינען געשריבן דורך פּרצן (בריוו און רעדעס, ז"ז 276־277):

„ליבער דינעזאָן:

„דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן, די בייגעלייגטע בריוו פון פרעמדע און אויסשניטן פון צייטונגען — געלעזן און, נאַטירלעך, דערפון קיין גרויס נחת נישט געהאַט.

„איך האָב געוואָלט זיין אין אַמעריקע, אויסצופירן מיין אַלטן פּראָיעקט, צו שטאַנד צו ברענגען אַן אַלגעמיין־יידישע אויסגאַבע, נאַטירלעך — אַ קינסטלעריש־ליטעראַרישע פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט, פעסטצו־שטעלן דריי הויפּט־פּונקטן פאַר רעדאַקציע און דרוק: וואַרשע, לאָנדאָן און ניו־יאָרק מיט צייטווייליקע קאָמיסיאָנערן פאַר רומעניע און גאַליציע.

„עס איז מיר נישט איינגעפאַלן איבערצוגעבן זיך אָדער די זאַך די אָדער יענע פּאַרטיי, דעם אָדער יענעם ליטעראַרישן קלייזל: איך שעם זיך נישט מיט כלל־ישׂראל־אַרבעט ביי מיין גאַנצער סימפּאַטיע פאַר ראַדי־קאַלע קרייזן.

„נישט זייענדיק אימשטאַנד צו פאָרן אויף מיינע הוצאות, האָב איך גערעכנט אויף איינקינפטע פון פאָרלעזונגען.

„אַש האָט געוואָלט מיטפאָרן, מהיכא תיתא. ער האָט זיך אונטערגע־נומען בריוו צו שרייבן, האָב איך דאָגעגן גאָר נישט געהאַט. וועמען ער האָט געשריבן און וועמען נישט, ווייס איך נישט.

„די ליטעראַריש־אַמעריקאַנישע אָנגעלעגנהייטן זיינען מיר נישט באַ־קאַנט. מאַכן זיך אינטריגעס, ווי דו זאָגסט, וועל איך בעסער נישט פאָרן, אויסער אַז [עס] וועט אויפגעקלערט און אויסגעלייטערט ווערן דער ציל פון פאָרן, און עס וועט נישט אַרויסקומען דערפון קיין אומאַנגענעמלעכקייטן.

„מער צו זאָגן האָב איך דיר נישט, און איך בעט דיך, די זאַך אויס־צופאָרשן און מיר מודיע זיין, ווי אַמשנעלסטן. —

„דיין י"ל פּרץ."

און אַט איז פּרצעס צווייטער בריוו, אָדער ריכטיקער — דער צווייטער וואַריאַנט פֿונעם זעלבן בריוו, געשריבן אינעם זעלבן טאָג, דעם 21טן יוני, 1909:

„ליבער דינעזאָן:

„דיין בריוו האָב איך דערהאַלטן, די ביילאַגן פֿון אַמעריקאַנער בריוו און אויסשניטן פֿון ניו־יאָרקער צייטונגען האָב איך געלעזן, און, פֿאַרשטייט זיך, דערפֿון קיין גרויס נחת נישט געהאַט.

„איך האָב גערעכנט אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין אַמעריקע, אויסצופֿירן מיין אַלטן פּראָיעקט, פֿון וועלכן איך האָב אין טשערנאָוויץ אַזוי פֿיל גערעדט, נעמלעך צו גרינדן אַן אַלגעמיין־יידישע אויסגאַבע פֿאַר אַלע יידישע גערנוויליקע און נישט־גערנוויליקע געטאָס, די יידישע שרייבער זאָלן אויפֿהערן צו זיין יידיש־פּוילישע, יידיש־רוסישע, יידיש־גאַליצישע און אַנדערלענדישע שרייבער. און אומפּאַרטייאיש זאָל די אויסגאַבע זיין, נאָר ליטעראַטור און קונסט געווידמעט.

„ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו פֿאָרן אויף אייגענע הוצאות, האָב איך גערעכנט אויסצושלאָגן זיך די הוצאות דורך פֿאָרלעזונגען. אַש האָט בייגעשטימט מיטצופֿאָרן, אונטערגענומען זיך בריוו שרייבן, איך האָב באַשטאַנען. די אַמעריקאַנער אַנגעלעגנהייטן זיינען מיר נישט באַקאַנט... איבערגעבן די זאַך אַ פּאַרטיי אָדער זיך אַליין אַ ליטעראַריש קרייזל, איז מיר נישט איינגעפֿאַלן. אַשן געוויס אויך נישט. מיט מיין גאַנצער סימפּאַטיע צו די ראַדיקאַלע קרייזן, שעם איך מיך נישט מיט כלל־ישראל און אַרבעטן וויל איך פֿאַר כ ל ל י ש ר א ל... און כל זמן דאָס וועט נישט דערקלערט ווערן און אויסגעלייטערט ווערן פֿאַר אַלע, עס זאָל דרינען קיין שום ספק נישט זיין, איז גלייכער נישט צו פֿאָרן...

„זיצנדיק דאָ אין דאָרף, איז מיר אוממעגלעך אַלץ צו דערפֿאָרשן: טו עס דו, און שרייב מיר, ווי די זאַך שטייט.

„אַמבעסטן וואָלט געווען, אויב עס וועט האַלטן ביי פֿאָרן, דו זאָלסט מיטפֿאָרן. פֿריינט אין אַמעריקע וועלן דיר נישט פֿעלן.

„דיין י״ל פ ר ץ.״

ווי מיר זעען פֿון פּרצעס אויפֿקלערונג, איז די מניעה געווען נישט אין דער וואַרשעווער גמינע, ווי מ. ווינטשעווסקי שרייבט, נאָר אין אַמעריקע איז געשאַפֿן אַזאַ נישט־געזונטע אַטמאָספֿער מיט דער גוט־באַקאַנטער קרייזל־קליינלדיקער „פּאָליטיק״, וואָס האָט גלייך פֿון אָנהויב אָפּגעשלאָגן דעם אַפּעטיט ביי פּרצן פֿאַרצונעמען אַזאַ רייזע.

מיט אַ דריי יאָר צוריק איז געקומען צו רייד מיט ד״ר חיים זשיט־לאָווסקי אין זיין היים, אין קראָטאָן, וועגן פּרצן און פּרצעס בריוו. האָט מיר ד״ר זשיטלאָווסקי דערציילט, אַז ער האָט זייער אַ לאַנגן בריוו פון פּרצן וועגן דעם ענין באַזוכן אַמעריקע, אָבער ער האָט דעם בריוו נישט געהאַט אונטערן האַנט מיר אים צו ווייזן און חוץ דעם האָט זשיטלאָווסקי זיך אָפּגעזאָגט אים צו פאַרעפנטלעכן, ווייל דאָרטן זיינען דאָ האַרבע רייד קעגן אַ לעבעדיקן יידישן שרייבער...

און אָט איז דער טרויעריקער אַקאָרד פון דער גאַנצער געשיכטע — דער פּלאַן צו מאַכן אַ רייזע קיין אַמעריקע. אין אַ בריוול צו יעקב דינעזאָן (פונעם 11טן אויגוסט, 1909) פון מאַריענבאַד, שרייבט פּרץ: „הכלל, מען האָט גערופן קיין ניו יאָרק, געצויגן האָט קיין פּאַלעסטינע, געזאָלט האָב איך פאָרן איבערן ים און זיך — אין מאַריענבאַד...״ (ז׳ 280).

אַז פּרץ האָט טאַקע געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו באַזוכן אַמעריקע דערוויסן מיר זיך פון די זכרונות, וואָס ש. שנייפּאַל האָט פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטישע ליטעראַטור״ (אָקטאָבער 1940, קיעוו). ער דערציילט: „אין יענע יאָרן (1909־1914), ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט פּרצן, האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן גרויסן יידישן קיבוץ אין אַמעריקע. שעהן־לאַנג פלעגן מיר אַרומשפּאַצירן און ער האָט ביי מיר אַלץ אויסגע־פרעגט ביז יעדן ברעקעלע וועגן דעם, ווי אַזוי עס לעבן די יידישע מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן (איך בין דאַן ניט לאַנג צוריקגעקומען צו פאָרן פון ניו־יאָרק). פּרץ האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן אָנצו־שרייבן אַ גרויסן ראָמאַן, וואָס די האַנדלונג פון זיין צווייטן טייל האָט געזאָלט פאָרקומען אין דער „נייער וועלט״. ער האָט שטאַרק געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע. פון דעם דאָזיקן פּלאַן, ווי פון פיל אַנדערע, האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט, ווייל די באַלעבאַטים פון דער גמינע האָבן ניט דערלויבט פּרצן צו פאַרלאָזן אויף אַ לענגערער צייט דאָס „מתים־שטיבל״...״ (ז׳ 141).

און מערקווירדיק: פּרצן האָט זיך אויך זייער געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל אויף אַ באַזוך, און ס׳איז אויך געווען ביי אים פאַרבונדן מיט אַ פאַרלאַנג אָנצושרייבן אַ היסטאָרישן ראָמאַן פון די ביבלישע צייטן מיט שלמה המלך אין צענטער. פּרץ שרייבט אין אַ בריוו צו ח. נ. ביאַליק (יאַנואַר 1906): „איך בין גרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל יעדן טאָג, אָבער איך האָב קיין געלט נישט, און איך נויטיק זיך אין אַ סך געלט, בפרט בעת אַ רייזע״ („בריוו און רעדעס״, ז׳ 223). און מיט 5 יאָר שפּעטער, אין 1911, האָט אים זיין יוגנט־חבר דר. י. גרינבערג פאַרגעלייגט צו

מאַכן אינאיינעם אַ רייזע קיין ארץ־ישראל, האָט פּרץ אים געענטפערט (יולי 1911): „ליבער געליבטער, האָסט געמאַכט זייער אַן אינטערעסאַנטן פאָרשלאָג, איז אָבער, ליידער, איצט נישט די צייט דאַצו, אין פּאַלעסטינע איז איצט די צייט פון גרויסע היצן און געפערלעכע פליגל. פאָרן קאָן מען נאָר אויף פסח. אָבער אויך דאַן איז מיר כמעט אוממעגלעך צו פאָרן. ערשטנס, איז עס נישט קיין אורלויב־צייט, צווייטנס, איז פאַר מיר פיר־פינף וואָכן פאַר פּאַלעסטינע צו־ווייניק". און ער באַשולדיקט די גמינע, וואָס פאַרשטייט נישט, אַז זיין „רייזע איז עפּעס ווערט נישט נאָר פאַר מיר אַליין"... (דאָרט, ז' 293).

פּרצעס פּאָפּולאַריטעט און פאַרערונג איז געוואַקסן אין דער אַמערי־קאַנער יידישער ליטעראַרישער וועלט. יעקב מילך, אין זיינע זכרונות („מאָרגן־פרייהייט", 30טן נאָוועמבער, 1944), דערציילט צווישן אַנדערן: „אין 1907 האָט די „צוקונפט" געגעבן אַ פּרעמיע פּרצעס אַ באַנד שריפטן. האָב איך אָנגעהויבן אַ סעריע אַרטיקלען וועגן פּרצן... יענעם יאָר איז פיליפּ קראַנץ געפאָרן קיין וואַרשע צו רעדאַקטירן די „פּראָלעטאַרישע וועלט", וואָס די פּ.פּ.ס. האָט אַרויסגעגעבן". קראַנץ און מילך האָבן אָפּגע־מאַכט, אַז אַלץ וואָס ער וועט שרייבן פאַר דער „צוקונפט" זאָל ער צושיקן קיין וואַרשע פאַר דער „פּראָלעטאַרישער וועלט". י. מילך האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן אַרטיקל איבער פּרצן. און ס'איז אינטערעסאַנט די כאַראַק־טעריסטיק, וואָס י. מילך האָט דאַן געגעבן וועגן פּרצן:

„מען האָלט געוויינלעך מענדעלע מוכר ספרים פאַר דעם טיפּיש־יידישן קלאַסיקער, פאַר דעם גרעסטן אין אונזער ליטעראַטור. מיט דער גאַנצער ערע און אַכטונג צו דעם זיידן פון אונזער ליטעראַטור, וויל איך דאָס פאַרניינען. דיזע קרוין געהערט אויף דעם קאָפּ פון י. ל. פּרץ. מענדעלע מוכר ספרים באַלאַנגט צו דער ליטעראַטור פון פאַר 1881. זיין אַרבעט באַלאַנגט צו דער שול פון אַפּלאַכן און מוסר זאָגן... שלום־עליכם באַלאַנגט צו דעם נייעם פּעריאָד, און ער פאַרנעמט אין איר אַ גרויסן פּלאַץ, אָבער אַלס נאָכגייער פון דעם זיידן מענדעלע, טוט ער די זעלבע זאַך וואָס דער זיידע האָט געטאָן...

„י. ל. פּרץ קאָן לאַכן אַזוי גוט ווי די אַלטע, קאָן זאָגן משלים און רמזים בעסער פון די אַלטע, ער האָט זיך ביי דעם ניט אָפּגעשטעלט...

„י. ל. פּרץ לאַכט ניט, ער זאָגט ניט קיין מוסר. דאָס לאַכן און דאָס מוסר־זאָגן קומט אַרויס פון זיך זעלבסט, כלאחר יד... אַנשטאָט צו משפטן שמ"רן, ווי שלום־עליכם האָט עס געטאָן, וועלכעס איז אגב אורחא זיין גרויס פאַרדינסט, דעקט פּרץ פאַר אונז אויף די נשמה פון שמ"רס אַ

לעזערין. אין 26 געדרוקטע שורות האָט ער עס געמאַכט. און דער שלום? גאַנצע בענדער וואָלט אַן אַנדערער דערויף פֿאַרברויכט".

ווי י. מילך דערציילט, האָט פּרץ דעם אַרטיקל געלייענט אין דער „פּראָלעטאַרישער וועלט" און ס'האָט ביי אים שטאַרק אויסגענומען, און ווי פּ. קראַנץ האָט געשריבן מילכן, האָט פּרץ אויסגעקוקט די פֿאַרזעצונג און ווען ער האָט אויסגעפֿונען, אַז מילך איז אַוועק פֿון דער „צוקונפֿט" און ער האָט איבערגעריסן די סעריע אַרטיקלען, „איז ער געווען אנטוישט".

און אַט נאָך צוויי פּרצישע בריוו, געשיקט פֿון וואַרשע, אין די יאָרן 1912־1913, וואו מיר טרעפֿן שוין אַן אַנדערע, וואַרעמערע און אַפֿילו הייסערע באַציאונג צו דער יידישער אַמעריקע.

דער ערשטער בריוו איז געשריבן צום יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד (אַן ערך אין יאָר 1912). ס'איז, ווי מיר זעען, אַן ענטפֿער אויף אַ פֿריידיקן בריוו צו פּרצן וועגן עפּעס אַ פֿייערונג, וואָס האָט אַ שייכות מיט אַ יידישער שול און יידישע שול־קינדער (בריוו און רעדעס, ז' 345):

„ליבע, ליבע חברים פֿון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד:

„דעם שענסטן טאָג פֿון מיין לעבן האָב איך אייך צו פֿאַרדאַנקען, דעם שענסטן און גליקלעכסטן. קיין שענערע און גליקלעכערע בשורה איז מיר נאָך קיינמאָל נישט אָנגעזאָגט געוואָרן, ווי איר אין אייער האַרציקן בריוו בריוו האָט עס געטאָן. דער בריוו איז אויך דער שענסטער, וואָס אַ מענטש קאָן פֿון דער יידישער וועלט באַקומען. איך וועל ביי אייך קיין פֿינף דאָלער נישט נעמען. קויפֿט פֿאַר זיי קינדער־ביכלעך און צעשענקט אָרימערע קינדער.

„זאָלט איר און די קינדער „אייערע" ווערן געטרייסט, ווי איר האָט מיר געטרייסט צום נייעם יאָר... און וועט איר מיר פֿון צייט צו צייט שרייבן וועגן דעם גאַנג פֿון אייער הייליקסטער אַרבעט, וועל איך אייך דאַנקבאַר זיין אָן אַ שיעור.

„גריסט אַלע קינדער!

„אייער איבערגעגעבנסטער

י. ל. פּרץ."

„אויב מעגלעך, לעזט זיי פֿאַר מיין בריוו".

ווי דוד פּינסקי האָט מיר אויפֿגעקלערט, איז עס געווען אַ פֿייערלעכע שול־אויסגאַבע, וואָס דער פֿאַרבאַנד האָט דאַן אַרויסגעגעבן, וואו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט אויך פּרצעס אַ זאַך. דער פֿאַרבאַנד האָט פּרצן פֿאַר־געלייגט האָנאָראַר פֿאַר דער אָפּגעדרוקטער דערציילונג.

דער צווייטער בריוו־באַגריסונג איז געשריבן דורך פּרצן מערץ 1913 צו דער „דזשואיש פּאַבליקיישאַן סאָסייעטי״ אין פילאַדעלפיע צו איר פייערן דעם 25־יאָריקן יובילײ. די געזעלשאַפט האָט פאַרבעטן צו דער פייערונג די אַלע מחברים, וואָס דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן זייערע ווערק. אין דעם פאַרלאַג איז אַרויס פּרצעס אַ בוך דערציילונגען און בילדער אונטערן נאָמען „סאָטריס ענד פּיקטשורס״. דער הויפּט־רעדנער אויף דער פייערונג, ראַבאַי שמואל שולמאַן פון ניו־יאָרק, האָט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון די ווערק, וואָס דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן און וועגן זייערע מחברים. דער פאַרלאַג — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז געקומען צו פּרצן, — האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין דעם פאַקט, אַז „יידיש איז אַ לעבעדיקע שפּראַך פאַר אַ סך פון אונזער פאָלק״. ס'איז געווען נויטיק צו ווייזן דער וועלט, אַז יידיש איז אַ שפּראַך און אַז יידיש האָט אויך אַ ליטעראַטור און דערפאַר האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן פּרצעס אַ זאַמלונג „דערציילונגען און בילדער״. און ס'איז אינטערעסאַנט, ווי ד״ר שולמאַן כאַראַקטעריזירט פּרצן: „וואָס זאַנגוויל איז צווישן די ענגלישע שרייבער פון געטאָ, דאָס איז פּרץ צווישן די יידישע. ער שטייט אַליין. ער איז, בלי ספק אַ מייסטער, וואָס וואָלט אין יעדער שפּראַך אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ גרויסן קינסטלער. ער גיט אונז אַ וואונדערלעך בילד פון דעם יידישן לעבן, מיט אַלע זיינע צרות און פריידן, אַלע קאַמפן און שטרעבונגען, מיט זיין גרויסן אומעט און מיט זיינע צופעליקע פונקען ליכט״.

און דאָס איז דער טעקסט פון פּרצעס בריוו (איבערגעזעצט פון ענגליש, פּרץ האָט געשריבן יידיש אָדער העברעאיש):

„צום פּרעזידענט פון דער יידישער פאַרלאַגס־געזעלשאַפט:

„חשובער הער,

„מיט אַ גרויסער און טיפער באַפרידיקונג באַצייכן איך דעם פאַקט, וואָס אייער אָרגאַניזאַציע, די יידישע פאַרלאַגס־געזעלשאַפט („דזשואיש פּאַבליקיישאַן סאָסייעטי״) פייערט איר 25־יאָריקן יובילײ.

„דאָ אין רוסלאַנד זיינען מיר געוואוינט צו הערן וועגן יידישע קולטור־אונטערנעמונגען, וואָס ווערן געבוירן איין טאָג און שטאַרבן אָפּ באַלד אויף דעם צווייטן.

„בייזע ווינטן שטורעמען דאָ, און אונזער ווידערשטאַנדס־כוח איז אַ שוואַכער.

„ווי מיר זיינען אייך מקנא, אונזערע פרייע ברידער אין אַ פרייער לאַנד!

„אַ פערטל יאָרהונדערט איז גענוג צו באַפעסטיקן די האָפענונגען אויף אַ לאַנג, לאַנג לעבן, פאַר אַ לאַנגער עקזיסטענץ, פאַר אַ פרוכפּערדיקער

קולטורעלער אַרבעט אין דער ריכטונג פֿון פֿאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט און דאָס יידישע שאַפֿן צווישן די ענגלישע לייענער.

„מיר זיינען אייך מקנא און מיר ווינטשן אייך דערפֿאָלג!

„זאָל אייער אַרבעט דויערן לאַנג, לאַנג, און זיין פֿרוכטבאַר, אַ צושטייער צו אייער כבוד און צו דעם כבוד פֿון אונזער פֿאָלק.

מיט דרך־ארץ,

י. ל. פּרץ.״

אַ באַזונדער רייך קאַפּיטל איז פּרץ אינעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, וועגן דעם האָב איך דערציילט פֿריער אין דער אָפּהאַנדלונג „פּרץ און טעאַטער״.

לויט ווי דוד פּינסקי האָט מיר איבערגעגעבן, איז אַ לענגערע צייט געווען דער פֿאַרלאַנג פֿון פּרצעס היגע פֿריינט און פֿאַרערער אַראָפּצוברענגען אים קיין אַמעריקע. און באַזונדערס איז אָט דער פֿאַרלאַנג פֿאַרשטאַרקט געוואָרן ערב און אַנהויב דעם וועלט־קריג 1914. אָבער פּרצעס פּלוצלונגדיקער טויט האָט, לײדער, צונישט געמאַכט אַ לאַנגן טרוים צו האָבן דאָ פּרצן אויף אַ קירצערער אָדער לענגערער צייט.

אַ געוואַלדיקן רושם האָט געמאַכט דער אומגעריכטער און פֿריצייטיקער טויט פֿון פּרצן אויף דער יידישער אַמעריקע. ס׳איז אוממעגלעך דאָ ברענגען אַפֿילו קלענערע אויסצוגן פֿון די טרויער־אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען און זכרונות, וואָס זיינען דאַן פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער היגער יידישער פּרעסע. אין די פֿאַרשיידענע יידישע צייטונגען און צייטשריפֿטן זיינען געדרוקט געווען פֿאַרשיידנאַרטיקע אַרטיקלען פֿון דעם רוב יידישע שרייבער, עלטערע און יונגע. מיר וועלן ברענגען דאָ עטלעכע שורות פֿון דעם רעדאַקציע־נעקראָלאָג — „צוקונפֿט״ (מאַי 1915), געדרוקט אויף דער ערשטער זייט אין אַ שוואַרצער ראַם, מיט אַ בילד פֿון פּרצן. דאָס זיינען געוויס די ווערטער פֿון א. ליעסין (דער דעמאָלסטיקער רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל):

„... דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק איז פֿאַראָרעמט געוואָרן, ווייל געשטאָרבן איז דער רייכסטער פֿון זיינע זין, דער מאַן מיטן אוצר, מיט דער נשמה, וואָס פֿלעגט אַנטיילן מיט רייכטום יעדן איינעם, וועלכער איז געקומען מיט אים אין באַרירונג. פּרץ איז געווען דער רייכסטער, ווייל ער האָט געקאָנט שענקען דעם גרעסטן צוטרוי, און זיין צוטרוי האָט גערופֿן, געוועקט די פֿאַרבאָרגענע כוחות. זיין וואָרט איז אַ ברכה געווען פֿאַר דער יונגער פֿרוכט פֿון דער יידישער ליטעראַטור. פֿון די אַלע געבענטשטע

ייִדישע קינדער איז פּרץ אונדז געווען דער ליבסטער, ווײַל ער איז געשטאַנען נאָענט צום קוואַל פֿון וואַנען ייִדיש טאַלאַנט זויגט זײַן חיות פֿון אײביק אָן — דאָס איז די אײדעלע, הײליקע מענטשלעכקײט, דער מאָראַלישער ענטוזיאַזם. אין פּרצן האָט דער אַלטער ייִדישער ענטוזיאַזם געהאַט זײַן פּאָעטיש ווידערגעבורט. און ער אַלײן, ווען נאָר ער פֿלעגט צופֿאַלן צו דעם דאָזיקן קוואַל, פֿלעגט יעדעס מאָל זיך אומקערן אַ ווידערגעבאָרענער אין אַ שפּאָגל־נײַער געשטאַלט, און מיר האָבן געזען פֿאַר זיך אַ בלישטשענדיקן, פֿיל־געשטאַלטיקן פּרץ".

און ווײַטער ווערט געזאָגט, אַז „די „צוקונפֿט", וואָס איז פֿון סאַמע איר געבורט געווען דורך פּרצן צוגעקניפּט צום האַרצן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פֿילט פֿײַנלעך דעם גרויסן פֿאַרלוסט". און מ׳דאַרף באַזונדערס באַטאָנען די לעצטע פֿאַר ווערטער: „און זאָל דאָס ווערק, וואָס פּרץ וועט טאָן נאָך זײַן טויט, זײַן אַזוי גרויס און נאָך גרעסער, ווי דאָס ווערק, וואָס ער האָט געטאָן בײַ זײַן לעבן".

און נישט נאָר די ייִדישע פּרעסע אויף ייִדיש. אויך די ענגליש־ייִדישע פּרעסע האָט געווידמעט פּרצן וואַרעמע אַרטיקלען, וואו ס׳זײַנען אַרויסגעזאָגט טרעפֿלעכע און וויכטיקע מײנונגען. אין די „ייִוואָ־בלעטער" (1937, ז"ז 368־373) ברענגט א. שולמאַן אויסצוגן פֿון די נעקראָלאָגן און הספּד־אַרטיקלען, וואָס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין איבער 20 ייִדיש־ענגלישע זשורנאַלן.

אויף אַ טרויער־פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדישע שרײַבער, וואָס ס׳איז גערופֿן געוואָרן אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי ס׳איז אָנגעקומען די ידיעה פֿון פּרצעס פּלוצימדיקן טויט, איז געווען אַפֿילו אַ פֿאָרשלאַג צו שטעלן אַ פּרץ־מאָנומענט אין אַ ייִדישער געגנט פֿון ניו־יאָרק, ווי אויך שאַפֿן אַ פּרץ־הויז פֿאַר שרײַבער.

איצט, צום דרײַסיקסטן יאָרצײַט פֿון פּרצן, איז דערוועקט געוואָרן אַ נײַער אינטערעס און אַ נײַע טיפֿע פֿאַרערונג פֿאַר דעם גרויסן דיכטער און מענטש.

קאַמף קעגן פּאָליאַקן־רעאַקציאָנערן און מה־יפית־יידן

אַלע קענען און ווייסן פּרצן דעם גרויסן קינסטלער, דעם מייסטער פון דעם יידישן וואָרט, דעם דיכטער פון דער פאָלקסטימלעכער מעשה, דעם טיפן גייסטרייכן דענקער, — אָבער ווייניקער ווייסן, אַז פּרץ איז געווען אויך אַ קעמפער, אַ פּאָליטישער קעמפער, און אַז אין זיין קאַמף קעגן דער פּוילישער רעאַקציע און אירע יידישע נאָכשלעפּער איז ער געווען שאַרף, שניידיק און אומדערשראָקן.

צווישן פּרצעס אַרטיקלען און פעליעטאָנען, אויך צווישן זיינע דראַ־מאַטישע ווערק און סקיצן האָבן מיר אינטערעסאַנטע פּאָליטיש־געזעל־שאַפטלעכע געדאַנקען און מיינונגען, וואָס ווייזן, אַז פּרץ האָט געהאַט אַ שאַרפן חוש פאַר ברענעדיקע פּאָליטישע פראַגן און אַז ער האָט אָפט לײַדנשאַפטלעך רעאַגירט אויף סאָציאַלע עוולות און פּאָליטישן אומרעכט. באַזונדערס איז פּרץ אָפט זייער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די פּוילישע קאָנסערוואַטאָרן און שאָוויניסטן, ער האָט געפירט מיט זיי אַ שאַרפע פּאָלעמיק און נישט פאַרשוויגן קיין שום אַנטיסעמיטישן אַרויסטריט פון די פּוילישע שרייבער און פּאָליטיקער.

אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען מער שרייבערישע, פּובליציסטישע אַרויסטריטן אין דער פּרעסע, אָדער דורך באַזונדערע ספּעציעלע בראָשורן, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעגעבן יעדעס מאָל, ווען עס איז אָנגע־גאַנגען אַ קאַמף אין דער יידיש־פּוילישער וועלט.

עס איז אָבער אויך געווען אַ צייט, ווען פּרץ גופא איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין אַ הייסן פּאָליטישן קאַמף, און דאַן האָט ער מיט לייב און לעבן זיך איבערגעגעבן דער פּאָליטישער טעטיגקייט. און פּרץ, דער קאַבינעט־מענטש, פּרץ דער קינסטלער, איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַגיטאַטאָר, אין אַ טריבון.

און לאָמיר טאַקע איבערגעבן בקיצור וועגן אָט דעם מערקווירדיקן פּעריאָד אין פּרצעס לעבן.

דאָס איז געווען אין די הייסע און אומרואיקע טעג בעת די וואַלן צו דער פערטער „גאָסודאַרסטווענע דומע", האַרבסט 1912. דאָס איז געווען

אַ מוראדיקע צייט פֿאַר די יידן אין פּוילן, און בעיקר — אין וואַרשע. אַ צייט, וואָס האָט געוואַלדיק אויפֿגערודערט די געמיטער, און דאָס גאַנצע לעבן אין פּוילן איז געוואָרן ווי אַ זודיקער קעסל. די קעגנזייטיקע יידיש־פּוילישע באַציאונגען זיינען דאַן נאָך־מער פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן און דער אַנטיסעמיטיזם איז זיך פֿאַנאַנדערגעוואָקסן און עס זיינען אַוועק אין גאַנג די „אויסגעפּרוּווטע” מיטלען ווי באָיקאָט, אָנפֿאַלן, שאַרפֿע אַרויסטרעטונגען כדי צו באַקעמפֿן די יידן, אָנשרעקן זיי, טרייבן זיי אין די לעכער, אין געטאָ אַריין.

די בירגערלעכע אַנטיסעמיטישע פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעשטעלט אין דער רוסלענדישער „גאָסודאַרסטווענע דומע” (פּאַרלאַמענט) די קאַנדידאַטור פֿונעם באַוואוסטן אַנטיסעמיט קוכאַרזשעווסקי, און זייער חוצפּה איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז די יידן זאָלן אָפּגעבן זייערע שטימען פֿאַר אים און דערמיט פֿאַרזיכערן זיין אויסוואַל. די פּוילישע אַרבעטער און אויך די פּראָגרעסיווערע יידישע מאַסן האָבן אַרויסגערוקט אַן אַנדער קאַנדידאַט, אַ פּראָגרעסיוון אַרבעטער, יאַגעלאָ. די שאָוויניסטישע פּוילישע פּרעסע האָט געפֿאָדערט פֿון די יידן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אין וואַרשע אַ גרויסן פּראָצענט, אָט די „לאָיאַלקייט” צו זייער געוואונטשענעם קאַנדידאַט, מעג ער זיין אַ יידן־פֿיינט. צווישן יידן, ווי עס טרעפֿט אָפֿט צו אונזער בזיון און שאַנד, האָבן זיך געפֿונען יידעלעך, פֿון „משה־רבנוס גלויבן”, וואָס האָבן געראָטן די יידן נאָכצוגעבן אָט דעם פֿאַרלאַנג פֿון די קאָנסערוואַטיווע פּאָליאַקן, צוליב שלום וועגן מיטן „באַלעבאָס”, מיטן פּריץ. איייניקע פּשרה־מאַכער האָבן גע׳עצהט, אַז יידן זאָלן זיך אָפּהאַלטן פֿון שטימען, כדי נישט צערייצן די „אַדונים”, וואָס ווילן דווקא האָבן פֿאַר זייער פֿאָרשטייער אין פּעטערבורגער דומע דעם שונא־ישראל קוכאַרזשעווסקי.

עס האָט זיך דאַן צעפֿלאַקערט אַ ליידנשאַפֿטלעכער קאַמף, וואָס האָט אויפֿגעשטעלט גאַנץ וואַרשע אויף די פֿיס. דער אימפּעטפֿולער י. ל. פּרץ איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם העפֿטיקן פּאָליטישן קאַמף. ער האָט אַפֿילו פֿיגורירט אַלס וואַלמאַן („וויבאָרשטשיק”) אין אַ באַצירק, און ער איז געווען פֿון די ענערגישסטע און פֿייערדיקסטע רעדנער אויף די פֿאָרוואַל־פֿאַרזאַמלונגען אין דער גרויסער יידישער וואַרשע. ער האָט אַרויסבאַוויזן דערביי פֿיל אימפּעט און ליידנשאַפֿט. ער האָט געשריבן שאַרפֿע אַרטיקלען און אויפֿגעטראָטן וואו נאָר מען האָט פֿאַרלאַנגט אַ רעדנער־אַגיטאַטאָר.

איין גרעסערע רעדע, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן אויף אַ גרויסער פּאַר־וואַל־פאַרזאַמלונג, איז אויפגעהיט געוואָרן (זי איז אָפּגעדרוקט געוועז אין קיצורים אין „היינט" פון 1טן אָקטאָבער 1912, זי איז איבערגעדרוקט אין מיין בוך „פּרצעס בריוו און רעדעס"). אין אָט דער אינטערעסאַנטער רעדע האָט פּרץ צווישן אַנדערן געזאָגט:

„... ביז אַהער האָבן די יידישע וואַל־קאַמפּאַניע אין וואַרשע געפירט אָדער די, וואָס גלויבן נישט אין יידישן לעבן אין דער פרעמד, וואָס קוקן אויפן יידישן לעבן אין גלות דורך שוואַרצעברילן, און פון דער צווייטער זייט — די אַסימילאַציע, וואָס גלויבט נישט אין איר אייגן רעכט אויף לעבן..." פּרץ זאָגט ווייטער, אַז זיי ווילן פאַרטרעטן דאָס יידישע פאָלק און דער „פאַר" איז איבעריק, נאָר דער עיקר איז ביי זיי דאָס „טרעטן". פּרץ באַטאָנט ווייטער: „די אַסימילאַציע ווייסט נאָר איר שפּראַך: „ניע דראַזניטש! נישט רייצן! שווייגט, נוצט אייערע רעכט נישט אויס. ליגט אייך ווי לעמעלעך, אַ געשמאַקע זאַך!" „איך — האָט פּרץ געזאָגט — וויל ריידן אין נאָמען פון פּשוטן יידן, פון אַ ייד, וואָס וויל איבעראַל וואו ער איז זיין שטעטל באַשטיין: וואָס ווייסט גאַנץ באַשטימט און קלאָר, אַז לעבן איז קאַמף, און ער קעמפט פאַר זיין לעבן..." פּרץ לאַכט אויס די דראָאונגען, וואָס וואָרענען: „רייצט נישט! דאָס פוילישע פאָלק איז אדרבא ואַדרבא. לעבט און לאָזט לעבן! גיט אייך אונטער, האָט איר אַלע פרייהייטן, די פולע גלייכבאַרעכטיקונג. לאָז נאָר דער אַנטי־סעמיטיזם שלאָפן, וועקט אים ניט!" (ז' 389).

פּרצעס אַרויסטרעטונגען, סיי אויף פאַרזאַמלונגען און סיי אין דער פּרעסע, האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע, ווי אויך די יידישע אַסימילאַטאָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן פּרצן און מען איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט אָנגעהויבן פאַרלאַנגען פון דער גמינע, וואו פּרץ האָט געדינט שוין אַ מעשה פון 22 יאָר, אַז זי זאָל אויפפאָדערן פּרצן, ער זאָל זיך צוריקציען פון זיין פּאָליטישער אַרבעט, און אַנדערע זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער — מען האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל פּרצן משלח זיין פון זיין אַמט.

צווישן די גמינע־אַרכיוון אויף גזשיבאָווסקע, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייגנאַרטיקן דאָקומענט, — אַ ווענדונג צו דער גמינע־פאַרוואַלטונג פון דעם יידישן באַנקיר אַדאָלף פּערעטץ (פונעם 11טן נאָוועמבער 1912) מיט אַן אָנקלאָג אויף דעם אָנגעשטעלטן פּרץ, פאַרוואָס ער פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטישער אַגיטאַציע. און עס האָט נישט געדויערט קיין וואָך, ווי אָט דער זעלביקער אַסימילאַטאָר האָט אין זיין צווייטן בריוו, פונעם

18טן נאָוועמבער, געהאַט אַ טענה, פאַרוואָס מען נעמט נישט אין אַכט זיין ערשטע ווענדונג וועגן דעם, אַז די גמינע־פאַרוואַלטונג זאָל אַרויס־טראָגן אַ פאַראָרדענונג, וואָס זאָל „פאַרווערן אירע באַאַמטע צו פירן אַ פאַרטייאישע אַגיטאַציע". די גמינע־פאַרוואַלטונג האָט דעם ענין באַ־האַנדלט אויף אַ זיצונג. וואָס דער אויספיר איז געווען — איז נישט באַקאַנט, אָבער אין די אַרכיוון איז פאַרבליבן זייער אַן אינטערעסאַנטער דאָקומענט, געשריבן אייגנהאַנטיק פון י. ל. פרץ אין פויליש. די „זאַפּיסקאַ" איז געשריבן געוואָרן אין אַ ווירדיקן טאָן, און דאָ איז אים צונויץ געקומען זיין יורידישע פאַכמענערישקייט. עס קומט זייער אַ אינ־טערעסאַנטע יורידישע אויפקלערונג וועגן דעם גאַנצן ענין, פרץ וואַרפט אָפּ די אַלע באַשולדיקונגען און טרעט אַרויס קעגן דעם פּרוּוו אים צו פאַרווערן זאָגן וואָס ער וויל. ער ווייזט, אַז זיין „פאַרהעלטעניש צו דער גמינע־פאַרוואַלטונג איז אויסשליסלעך נאָר אַ פאַרהעלטעניש פון אַן אָנגע־שטעלטן צו זיין ברויט־געבער", און „אַז אַזאַ פאַרהעלטעניש גיט נישט די ברויט־געבער קיין שום רעכט צו באַגרענעצן די רעכט און איבער־צייגונגען פונעם אַרבעטער אויסער דעם אָרט און די צייט פון דער אַרבעט", און „אַז ביים שליסן דעם אָפּמאַך (מיט דער גמינע—נ. מ.) מיט העכער 20 יאָר צוריק איז פון אַזאַ מין באַגרעניצונג קיין רייד נישט געווען", און דעריבער „נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך קאָן נישט קיין מאָדיפיקאַציע אָדער דערגאַנצונג אָפּהענגיק זיין בלויז פון דעם ווילן פון איין צד". און פרץ ענדיקט פייערלעך זיין דערקלערונג, אַז „ער האָט נישט בדעה זיך אונטערצוואַרפן קיין שום אויבן אָנגעוואָרפענעם רעגולאַמין". (זע דעם קאַפּיטל „אין דער וואַרשעווער גמינע").

וועגן יענער שווערער, טראַגישער און דאָך קאָמפּלוסטיקער צייט גיט איבער מנחם (אין זיין אַרטיקל „מיט פרצן", פרץ־זאַמלבוך, 1915, נ"י, ז' 34): „פרץ האָט געטומלט, געשריבן אַרטיקלען, ער האָט געוואָלט איבערנעמען אין צייטונג די גאַנצע פּאָליטישע דיפּלאָמאַטיע און קריגס־פירונג מיט דער פּוילישער פרעסע"... „עס האָט זיך אָנגעהויבן דער־נאָך דער באָיקאָט... עס האָט געברויזט אַ קעסל, אין וועלכן עס האָט זיך אויסגעקאָכט די נאַציאָנאַלע ווידעראויפלעבונג פון פּוילישן יידנטום, און די קלעפּ, וואָס מ'האָט פון די פּאָליאַקן באַקומען, זיינען עס געווען יענע קלעפּ איבערן שמיד־אייזן, אויף וועלכן ס'האָט זיך פעסטער גע־שמידט די נאַציאָנאַלע איינייקייט פון פּוילישן יידנטום... פרץ האָט דעמאָלט געשריבן זיינע גלענצנדע שאַרפע אַרטיקלען וועגן פּויליש־יידישע אָנגעלעגנהייטן, האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט..."

פּרץ האָט מיט זיינע טרעפֿלעכע, אימפּעטיקע, פֿלאַם־פֿייערדיקע אַר־טיקלען גלייכצייטיק געצילט סיי אין דעם רעאַקציאָנערן פּוילישן לאַגער און סיי אין די קרייזן פֿון די הכנעהדיקע „מה־יפֿית״־יידן, וואָס האָבן זיך אָנגערופֿן פֿון „משה רבנוס גלויבן״, און די שאַרפֿע פּרצישע פֿיילן האָבן געטראָפֿן אין ציל. אָט די אַסימילירטע יידן האָבן זיך געפֿילט שטאַרק געקרענקט, ווייל פּרץ האָט זיי אַרויסגעבראַכט מיט גאָר זייער געפֿאַלנקייט און הכנעהדיקייט. פּרץ האָט צו זיי גערעדט פֿון אויבן אַראָפּ, געשפּאָט פֿון זייערע קנעכטישע געפֿילן, פֿון זייער וועלן אַרויסווייזן זיך פֿאַר די הערר־שער, פֿאַר די באַלעבאַטים ווי טרייע דינער. אייניקע אַרטיקלען און שטעלן פֿון אַרטיקלען זיינען נאָך היינט פֿריש און לעבעדיק, און מ׳קאָן זיי אָנ־ווענדן אויך דאָ הי, אין דער פֿרייער אַמעריקע: „ניע דראַזשניט!״ (נישט רייצן), נאָר פֿאַררוקן זיך אין ווינקלען, נישט וואַרפֿן זיך פֿיל אין די אויגן, כדי נישט דערצאָרענען... און פֿיל פֿון אָט די „פּני״ זיינען דאָך געווען די דעה־זאָגער אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע, וואו פּרץ איז געווען אַן אָנגעשטעלטער, און פּרץ איז געווען אַזוי ווידערשפּעניק, „חוצפּהדיק״.

אָט די „מה־יפֿית״־יידן האָבן געפּרואווט זיך אָפּרעכענען מיט פּרצן און אים אַרויסשיקן פֿון דער גמינע. מיר דערוויסן זיך וועגן דעם פֿון די בריוו, וואָס דער גוטער און טרייער און איבערגעגעבענער פּרצעס פֿריינט, יעקב דינעזאָן, האָט געשיקט אין פֿאַרשיידענע יידישע שטעט און געקלאַפּט טרעוואָגע, וואָס מ׳גייט דאָ זיך צערעכענען מיט פּרצן פֿאַר זיין „חוצפּה״ און פֿאַר זיין אומאָפּהענגיקייט.

אין אַ בריוו פֿון יעקב דינעזאָן, געשריבן סוף 1912 (צו ש. ניגער), לייענען מיר די פֿאָלגנדיקע שורות: „וועגן דעם פּרץ־אינצידענט אין דער וואַרשעווער יידישער געמיינדע־פֿאַרוואַלטונג האָט איר דאָך שוין געוויס געלעזן. עס איז אַ שענדלעכע, טיף־באַליידיקנדיקע באַגעבנהייט. די אַסי־מילירטע יידישע פֿאַרשטייער פֿון דער וואַרשעווער געמיינדע ווילן נישט מער נישט ווייניקער ווי מקריב זיין אונזער ליבן, בעסטן און גרעסטן יידישן דיכטער פֿאַר אַ קרבן די פּאָליאַקן, וועלכע זיינען ברוגז אויף זיי, אויף די אַסימילאַטאָרן, וואָס זיי האָבן דערלאָזן, אַז יידן זאָלן אויסקלייבן אין גאָסודאַרסטווענע דומע יאַגעלאָן, אָנשטאָט דעם אויסגעשפּראָכענעם אַנטיסעמיט ־קוכאַרזשעווסקי... זיי פֿאַרלאַנגען, אַז פּרץ זאָל אונטער־שרייבן אַ פֿאַרפֿליכטונג נישט אָנטייל צו נעמען אין קיין פּאַרטיי און פּאָליטישער באַוועגונג, נישט אַן אַנדער מיינונג צו זיין ווי זיי, די מה־יפֿית זינגער, נישט אין לשון קודש ווי זייערע זיידעס, די פּריצישע פּאַקטוירים, אָבער אין עכט פּויליש, גאַנץ־מאָדערן... פּרץ, פֿאַרשטייט זיך, וועט אַזאַ

פֿאַרפֿליכטונג פֿאַר קיין פֿאַל אין דער וועלט נישט אונטערשרייבן, און אַט גייט אַ קאַמף אין דער געמיינדע פֿאַרוואַלטונג קעגן פרצן. די הערן דיק־שטיין־נאַטאַנזאָן ווילן אים פֿון זיין שטעלע אין גמינע־פֿאַרוואַלטונג אַנט־זאָגן, און דערמיט מכפּר פּנים זיין די קוכאַרזשעווסקיס, שוויענטאָכאָווסקיס א. א. וו.״ און דינעזאָן האָט גערופֿן די יידישע טוער פֿון פֿאַרשיידענע שטעט, מען זאָל שיקן „פּראָטעסטן קעגן אָט דעם שאַנדטאַט״...

אָבער י. ל. פרץ איז פֿאַרבליבן אומדערשראָקן, און דער קאַמף קעגן אים האָט נאָך מער אים פֿאַרהאַרטעוועט, און ער האָט זיך נישט געלאָזט טעראָריזירן פֿון די אַנטיסעמיטן און זייערע יידישע נאָכשלעפּער.

און סאַר אַ וואונדערלעכע, ווירדיקע און מאַנענדיקע ווערטער פּרץ האָט אַמאָל געשריבן אין איינעם פֿון די פּובליציסטישע טאָג־אַרטיקלען (אין באַנד „אויפֿזאַצן און פֿעליעטאָנען״ אונטערן נאָמען „דער טאָג״): „מיין פֿאָלק האָט מען אויסדערוויילט צו שאַנד און שפּאָט, צו וואונד און וויי, צו שלעג און פּיין! אָבער עבן דערמיט טרייבט מען אים צו דער ווייטסטער מעטע פֿון דער מענטשלעכער גערעכטיקייט, צום ווייטסטן פֿאָסטן אויפֿן וועג פֿון דער מענטשלעכער פֿרייהייט, צום לעצטן זיג איבער דער פֿיזישער מאַכט, איבערן פֿיזישן צוואַנג, — און די „מערהייט״, אין וועלכן נאָמען איר רעדט און וועלכע איר ווילט באַגליקן, איז אויך נאָר איינס פֿון אירע געשטאַלטן.

מיט קינס שטעמפּל האָט מען מיין פֿאָלקס שטערן געצייכנט און דער־מיט צום אייביקן וואַנדערן פֿאַרשאָלטן און — געבענטשט. אים האָט מען מיט געוואַלט אַריינגעשטעקט די רויטסטע פֿאָן אין די הענט און גערופֿן: — גיי! אַלץ ווייטער און ווייטער גיי, מיט אַלע באַפֿרייער, מיט אַלע צוקונפֿטס־קעמפֿער, מיט אַלע סדום־איבערקערער״...

און ווייטער: „אַזוי לאַנג, ווי עס וועט בלוט פֿאַרגאָסן ווערן, אַ ווילן — אונטערדריקט, אַ פֿליגל — אונטערגעשניטן, — וועלן עס זיין דיינע פֿליגל, דיין ווילן, דיין בלוט״... (ז״ז 166־167).

גילדערנע ווערטער, וואָס זיינען אויסגעקריצט אויף די לוחות פֿון אונזערע לייבער און ביז אויף היינטיקע טעג.

דער פֿאָטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור

I

מיר האָבן זיך שוין אַזוי צוגעוואוינט אַרויסצורעדן אין איין אָטעם „מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם", און עס קומט אויס ווי זיי אַלע דריי וואָלטן געוואַקסן און זיך צעוואַקסן פֿון איין קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער און קינסטלערישער סביבה און ווי זייער שאַפֿן וואָלט זיין פֿון איין שניט און כאַראַקטער.

אין דער אמתן אָבער איז אָט דער „חוט־המשולש" (דער דריי־פֿעדעמדיקער שנור) ווייט־ווייט נישט פֿון איין שטאָף געשאַפֿן. עס זיינען דאָ וועזנטלעכע אונטערשיידן צווישן מענדעלען און שלום־עליכמען, און אוודאי זיינען פֿאַראַן נאָך טיפֿערע ווידעראַנאַנדן צווישן זיי ביידע און פּרצן.

לויט די דאַטעס פֿון זייער געבוירן איז פּרץ דער מיטלסטער. מענדעלע איז געבוירן אין 1836, פּרץ — אין 1852, שלום־עליכם — אין 1859. לויט דער צייט פֿון זייער אַריינטרעטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז פּרץ דער ייִנגסטער צווישן די דריי: מענדעלע איז אַריינגעטראָטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין 1864, שלום־עליכם — אין 1883 און פּרץ — ערשט אין 1888. עס איז פֿאַראַן אַלגעמיינעס ביי אַלע די דריי גרויסע קינסטלער, וואָס אין משך פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר — זינט 1888 ביז אָנהויב דעם ערשטן וועלט־קריג אין 1914 — זיינען זיי געוואָרן די דריי הויפּט־זיילן פֿון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אייראָפּע.

ווען מיר דרינגען אָבער אַריין טיפֿער — אין דעם לעבנס־גאַנג פֿון יעדן איינעם פֿון די דריי גרויסע מייסטער, ווען מיר נעמען אויף דאָס שאַפֿן פֿון יעדן איינעם פֿון זיי, זיין אָרט אין דער ייִדישער שאַפֿונגס־וועלט, און ווי יעדער פֿון זיי איז באַווירקט געוואָרן פֿון ייִדישע און ניט־ייִדישע דערשיינונגען און ווערק און נאָך מער — ווי ווייט עס זיינען געווען און געגאַנגען זייערע ווירקונגען און איינפֿלוסן אויף די ייִנגערע שרייבער — ווען מיר נעמען דאָס אַלץ אין באַטראַכט, דאַן וואַקסן אויס די דריי ייִדישע

קלאַסיקער אין גאַנץ־באַזונדערע וועלטן, און בעיקר — טיילט זיך שטאַרק און באַזונדערס אויס מיט זיין אַנדערשקייט י. ל. פּרץ.

עס איז גוט באַקאַנט דער לעבנס־גאַנג פון מענדעלע מו״ס, זיין וואוקס און אַנטוויקלונג, וואָס איז געגאַנגען אַליין בהדרגה פון ווערק צו ווערק, ביז ער איז אויסגעוואַקסן אין אַ צענטראַלער געשטאַלט אין דער יידישער ליטעראַטור. ווען שלום־עליכם האָט אָנגעהויבן צו שרייבן יידיש איז שוין מענדעלע געווען אַ תושב אין דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע האָט שוין דאַן געהאַט געפּייערט זיינע 25 יאָר שאַפן. די ערשטע ווענדונג פונעם יונגן שלום־עליכם צו מענדעלען איז טאַקע געווען די באַגריסונג (אין דער רוסישער שפּראַך) צום פאַרדינסטפולן יובילאַר. אין אַט דעם בריוו ווענדט זיך שלום־עליכם צו מענדעלען — ווי ער אַליין שרייבט — „ווי אַ יונגער, גאָר פייערדיקער פאַרערער פון זיין, מענדעלעס טאַלענט״. ער, שלום־עליכם, האַלט נאָך גאָר פון פאַרנט: „איך האָב מיט מיינע אומבאַדייטנדיקע אַר־בעטן נאָך גאָרנישט געגעבן, — דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט עס שטייט פאַר מיר, ווי פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד פאַר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט צו ווידמען זיין צייט דער עבודה אויפן מזבח פון אונזער פאָלקס־מוזע״.

און ווען שלום־עליכם דערפילט אין זיך די רייפקייט צו שרייבן, ווען ער פאַרמעסט זיך אויף אַן אמת צו שרייבן, רופט ער אָן, אין 1888, מענדעלע מוכר ספרימען „זיידע״. און מענדעלע נעמט עס אָן ווי אַ פאַרדינטע און ריכטיקע באַצייכענונג און רופט אָן שלום־עליכמען „אייניקל״, מיין ליבהאַרציק אייניקל.

פּרץ אָבער, ווי מיר זעען עס פון זיינע בריוו צו שלום־עליכמען פון די יאָרן 1888־1889, ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטע־ראַטור, אַ צייטיקער, אַ רייפער, אַ פול־אָנגעלאָדענער מיט אידעען און מיט שאַפונגען, האָט זיך גאַנץ־ווייניק אָנגעקערט מיט מענדעלען און זיין שאַפן. אין דער צייט, וואָס שלום־עליכם ווערט אַלץ־מער צוגעבונדן צו מענדעלען, ווערט שטאַרק באַווירקט פון אים און ער קלאַמערט זיך אַלץ מער צום „זיידן״, איז פּרץ כמעט ווי נישט באַקענט מיט מענדעלעס ווערק און ער פאַרבייט אַפילו אַבראַמאָוויטשן (מענדעלען) אויף ראַבינאָוויטשן (שלום־עליכם), און שרייבט־צו מענדעלעס ווערק צו שלום־עליכמען. און ווי ער איז זיך אַליין מודה, אין זיינע בריוו צו שלום־עליכמען, האָט ער געלייענט מענדעלעס ווערק נישט אין אָריגינאַל אין יידיש, נאָר די פּוילישע איבערזעצונג. (בריוו און רעדעס, ז״ז 141, 148, 149).

ערשט מיט דער צייט הויב אָן פּרץ פֿילן אַ פֿאַרערונג צו מענדעלען, אָבער דאָס איז מער אַ פּיעטעט ווי צו אַ פֿאַרדינסטפֿולן גרונטלייגער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, אַ פּיעטעט פֿאַר זיין פּיאָנערטום, אָבער נישט ווי צו אַ שרייבער פֿון זיינס אַ גלייכן.

עס איז אינטערעסאַנט די שטעלע פֿון פּרצעס רעדע אויף דער טשער־נאָוויצער שפּראַך־קאָנפֿערענץ (אויגוסט 1908), ווען ער האָט דערמאָנט מענדעלען: „... מיר מוזן אויך היינט געדענקען אָן יענעם גרויסן מאַן, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין דער מאָדערנער, אייגנט־לעכער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונז געשענקט די ערשטע קלאַ־סישע ווערק אין דער יידישער שפּראַך, און וואָס איז, ליידער, דאָ נישטאָ: אָן מענדעלע מוכר ספֿרים! („בריוו און רעדעס", ז' 373).

אין אַן אַנדער רעדע, געהאַלטן אין 1910, האָט פּרץ אָנגעוויזן אויף דער באַזונדערער אויסטערלישקייט פֿון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז נאָך אַזוי יונג: „אַ ליטעראַטור, וואָס אירע שעפֿער האָבן נאָר איין מצבה אויפֿן בית עלמין (אייזיק מאיר דיק), און דער עלטסטער נאָך אים (מענ־דעלע) האָט ערשט ניט לאַנג געגומען אַן אַנטייל אין אַ ליטעראַרישן אָוונט אין אַדעס צוזאַמען מיט זיינע יינגסטע אוראייניקלעך..." (דאָרט, ז' 374).

עס איז קיין ספֿק נישט, אַז פּרץ האָט זיך געהאַלטן נעענטער, לויט זיין אינעווייניקסטן דראַנג, „צו די אוראייניקלעך" ווי צום „עלטסטן" יידישן שרייבער.

עס איז אויך געווען אַ טיפֿער אונטערשייד צווישן שלום־עליכם און פּרץ. אין יאָר 1888, ווען פּרץ, וואָס האָט דאַן נאָך נישט פֿאַרעפֿנטלעכט אין יידיש קיין איין זאַך, שרייבט בריוו צו שלום־עליכם, גיט ער אָן, אין די בריוו, דעם אונטערשייד, וואָס עס איז דאָ צווישן אים און שלום־עליכמען (און אויך מענדעלען). ער שרייבט אין בריוו: „איך ווייס די אַרבעט פֿון מיין האַר: זיין ווילן און שטרעבן איז (אויף וויפֿיל איך האָב געקאָנט פֿאַר־שטיין) צו שרייבן צוליבן עולם, וואָס רעדט זשאַרגאָן פֿון זשאַרגאָנען־לאַנד, און איך שרייב צוליב זיך, צוליב מיין הנאה וועגן, און אויב איך דערמאָן מיך אַמאָל אָן דעם לעזער, איז ער פֿון אַ העכערער מדרגה פֿון דער געזעלשאַפֿט, ער איז דער מענטש, וואָס האָט געלייענט און געלערנט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך". אין אַ צווייטן בריוו פֿון יענער צייט שטעלט אַרויס פּרץ אַזעלכע פֿאָדערונגען צו דער יידישער ליטעראַ־טור: „אַז מיר ווילן אַריינברענגען נייע געדאַנקען, מוזן מיר געבן אויך נייע פֿאָרמען, נייע אויסדרוקן, ווייל דער אַלטער לבוש פּאַסט זיך נישט צום נייעם, די אויסדרוקן זעען אויס לכתחילה פֿרעמד, אָבער סוף כל סוף

וועלן זיי אַריינדרינגען צום לעזער און וועלן באַרייכערן זיין פֿאַרשטאַנד. דעריבער האָב איך זיך נישט באַמיט צו באַשרענקען מיינע געדאַנקען און באַגרענצן זיי מיט די אויסדרוקן פֿון המון. איך האָב זיך געווענדט נישט צו זיין שפּראַך, נאָר צו דער שפּראַך, וואָס דריקט אַמשטאַרקסטן אויס דאָס פֿילבאַרע, און דער לעזער, וואָס איז נישט געבילדעט, זאָל זיך אויס־בילדן". (דאָרט, ז' 153).

פרץ האָט געשיקט צו שלום־עליכמען אַ גרעסער ליד אָדער פּאָעמע. און ער שרייבט אין זיין בריוו צו אים: „... און דאָס איז דאָך דער צוועק פֿונעם שיר — נישט אויסצודריקן דורך מליצות דאָס באַקאַנטע, נאָר אויפֿ־צודעקן נייע הימלען, צו שאַפֿן פֿאַרן פֿאָלק נייע באַגריפֿן, אַריינצודרינגען צו אים מיט נייע געדאַנקען, און נישט איבערדערציילן דאָס אַלטע און פֿאַרעלטערטע". (דאָרט).

און נישט נאָר אין די ליטעראַרישע בריוו צו שלום־עליכמען (פֿון די יאָרן 1888־1889) זעען מיר ווי־ווייט פרץ איז אונטער דעם שטאַרקן איינפֿלוס פֿון וועלט־דענקער און שרייבער, אויך די אינטימע בריוו צו זיין כלה (פֿון 1877) דערציילן אונדז, אַז פרץ, דער פראָווינץ־אַדוואָקאַט, לייענט מיט ליידנשאַפֿט סאָציאָלאָגישע, פסיכאָלאָגישע און קינסטלערישע ווערק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור און איז טיף אָנגערעגט פֿון זיי.

און טאַקע וועגן די איינפֿלוסן אויף פרצן, וואָס זיינען געגאַנגען אין פֿאַרשיידענע צייטן פֿון פֿאַרשיידענע זייטן און וואָס האָבן אָנגעטראָפֿן אַ גוטן באָדן אין פרצן — דאַרף מען פֿיל רעדן. און דאָס טיילט באַזונדערס אויס פרצן פֿון מענדעלען און שלום־עליכמען און צייכנט אים זיין באַזונ־דערן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר וועלן בלויז באַרירן אָט די טעמע, מיר וועלן זיך בלויז אָפּשטעלן אויף אייניקע מאָמענטן פֿון אָט די איינפֿלוסן אויף פרצן.

וועגן דעם גיט פרץ אַליין איבער אויך אין זיינע „זכרונות", וואָס ער האָט געשריבן אין 1913. די השפּעות פֿון דער וועלט־ליטעראַטור זיינען ביי אים געווען זייער שטאַרק נאָך איידער ער האָט גענומען שרייבן און דרוקן ווערק.

אַ באַזונדער און אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז די השפּעה פֿון היינריך היינע אויף פרצן. איין צייט האָט מען געהאַט פֿאַרגעוואָרפֿן פרצן, אַז ער איז אַ „נאָכמאַכער" פֿון היינעס לידער (זע דעם קאַפּיטל „פרץ און פֿריש־מאַן"). פרץ אַליין האָט אייניקע מאָל גערעדט וועגן היינעס ווירקונג אויף זיך און מיט דער צייט באַקעמפֿט אין זיך דאָס „היינישע". אין אַ בריוו צו דוד פינסקי (פֿון 1907) שרייבט ער: „עס פֿרייט מיך אויף אייער

„היינריך היינע", אויבוואָל דער אַלטער היינע האָט ביי מיר לאַנג שוין דעם חן פֿאַרלוירן. מיר, וויניקסטנס, האָט ער פֿיל שאָדן אָנגעמאַכט. „כאַפּט'ן דער מצה־רעדלער", ער האָט מיך אָנגעשטעקט מיטן לייכט־אָנרירן און פֿאַרקרומען זיך, וויניקסטנס אין די ערשטע אַרבייטן מיינע, נאָר אויך אין די ערנסטע לאָזט מיך דער לאַך־מענטש ניט אָפּ. דער חשק איבערצודרייען דעם שפּיגל אויף דער פֿינסטער־ער זייט, איז גע־פֿערלעך". (דאָרט, ז' 237).

נאָך שאַרפֿער זאָגט זיך פּרץ אַרויס אין אַ בריוו צו יהואשן: „די ראָמאַנצן, אָנגעשמעקט מיט היינע, פֿילן זיך שלעכט נאָך — היינע... איך פֿאַרשעלט די טעג, ווען איך האָב'ם געלעזן, און די זאַכן, וואו איך האָב אים נאָכגעמאַכט. דאָס „געניאַלע" ליצנות איז דאָך נישט מער ווי אימפּאָטענץ... אין בעסטן פֿאַל: זעלבסט־פֿאַראַכטונג. מיר טאָרן נישט ליצנות טרייבן... עס מוז געבויט און געפֿלאַנצט ווערן; מוז מען זיך אַמאָל פֿאַרקרומען, איז צווישן פֿיר ווענט פֿאַרן שפּיגל, נישט פֿאַרן פּוב־ליקום. לאָמיר נביאים און פֿירער ווערן, נישט מאַרשאַליקס"... (דאָרט, ז' 241).

אין אַ צווייטן בריוו צו יהואשן: „דאַרף איך אייך באַווייזן, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען אַלע יידישע דיכטער און שרייבער האָבן נאָכגעמאַכט היינע? בין איך דען דערביי נישט געווען און אַרום דעם זעלבן עגל גלייך מיט אַלע, אויב נישט פֿריער פֿאַר אַלע, געטאַנצט?" (ז' 243).

אָט אַזוי אָפֿנהאַרציק קוקט פּרץ מיט יאָרן שפּעטער אויף אייגענע פֿאַרגאַנגענע איינפֿלוסן, וואָס ער האָט מיט דער צייט אויסגעראָטן אין זיך.

אין אַ בריוו צו ד"ר י. צינבערג, וואָס האָט ביי אים געבעטן ביאָ־גראַפֿישע פּרטים, האָט פּרץ געשריבן: „ערנסט האָבן אויף מיר געווירקט די פּראָפֿעטן, אַ צייט לאַנג בין איך דאָך געווען אונטער דער ווירקונג פֿון היינע און בערנע — מיינע ערשטע יידישע געדיכטן". (דאָרט, ז' 322).

וואָס שייך די ווירקונג פֿון די נביאים אויף פּרצן, איז עס אַ באַוואוסטע זאַך. פּרץ האָט אַלע זיינע יאָרן אַרויסבאַוויזן אַ טיפֿן אינטערעס צו דעם תנ"ך, צו זיינע עטישע, דיכטערישע און פֿילאָסאָפֿישע אידעען, ער האָט נישט אויפֿגעהערט איבערצודיכטן פֿון די סאַמע ערשטע יאָרן ביז די לעצטע טעג פֿון זיין לעבן קאַפּיטלען, ספֿרים פֿון תנ"ך און פֿאַרלאַנגט כסדר דאָס נביאישע, פּראָפֿעטישע פֿון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס גייט אַדורך ווי אַ רויטע שנור איבער גאַנץ פּרצעס שאַפֿן.

עס איז גוט באַקאַנט די שטאַרקע השפּעה פֿון דעם פּוילישן וויס־פּיאַנסקי אויף פּרצן, און די באַקאַנטשאַפֿט צווישן וויספּיאַנסקיס דראַמאַטיש

שאָפּן „וועסעלע" מיט פּרצעס דראַמאַטישע ווערק. עס קאָן אויך זיין, אַז מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, איבערהויפּט זיינע חסידישע מעשיות, האָבן באַווירקט פּרצן, אים שטאַרקער דערנענטערט צום מקור פון חסידות, אַנטפּלעקט פאַר אים די נשמה פון חסידות. ווייל פּרץ גופא, ווי באַוואוסט, האָט אויף זיין לעבן קיין רבין אין זיינע אויגן נישט אָנגעקוקט.

און וועגן די חסידישע מאָטיוון, וואָס זיינען געוואָרן אַן עיקר־עלעמענט אין פּרצעס שאַפן זינט 1890, באַדאַרף מען עס אויך גרינטלעך אויספאָרשן. מעגלעך, אַז מ. י. בערדיטשעווסקי איז אפשר מער געווען באַווירקט פון פּרצן, ווי פּרץ איז געווען באַאיינפלוסט פון אים. ס'איז אַ פאַקט, פּרץ איז צוגעפאַלן צו די חסידישע קוואַלן פיל פריער ווי מ'איז געוויינט צו רעכענען.

וואָס שייך וויספּיאַנסקיס איינפלוס אויף פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז אינטערעסאַנט אַ שטעלע אין די זכרונות פון פּרצעס פריינדין פּוילינע אַלטבערג, וואָס האָט אַלע מאָל נאָכגעפאָלגט נאָך פּרצעס שאַפן. זי דערציילט, אגב: „יעדעס מאָל פלעגט פּרץ ברענגען נייע שאַפונגען און פלעגט מיר זיי לייענען. צווישן אַנדערע האָט ער אַמאָל געלייענט אַ פראַגמענט פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". דאָס איז געווען אַ סך פריער ווי ס'איז אַרויס וויספּיאַנסקיס „חתונה". בעת ער האָט מיר שפּעטער גע־לייענט דאָס גאַנצע (אין וואַרשע), האָט ער מיך גענומען פאַר אַן עדות, אַז די אידעע פון דעם דאָזיקן ווערק איז געקומען פריער ווי וויספּיאַנסקיס „חתונה"..." („ייוואָ־בלעטער", 1937, ז' 307).

און אַוודאי און אַוודאי האָט זיך פּרץ געפונען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון די פּוילישע פילאָסאָפיש־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען פון זיין צייט. ד"ר יעקב שאַצקי באַמערקט ריכטיק, אַז „די ערשטע אויפגאַבע פון אַ (פּרץ) פאָרשער אין דעם פּרט וואָלט באַדאַרפט זיין ג ר י נ ט ל ע ך אַריינצואַרבעטן די פּוילישע ליטעראַטור פון יענער צייט, דעם אַזוי־גערו־פענעם פּאָזיטיוויזם און דעם הומאַנעם סאָציאַליזם אין פּוילן, וואָס אַן זיי קאָן מען די געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע און ליטעראַרישע טענדענצן פון דעם דעמאָלטיקן פּרצן (פון אַרום 1895) נישט פאַרשטיין". (ד"ר שאַצקי — אינעם אַרטיקל איבער א. ראַזענצוויג — „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּרצעס שאַפן", „ייוואָ־בלעטער" 1937, ז' 351, זע אויך פריער דעם קאַפּיטל „פּוילישע לידער").

ראובן ברײנין אין אַ לענגערן אַרטיקל („דער טאָג", אַפּריל 1924) שטעלט זיך אָפּ אויף דער פּרץ־פּערזענלעכקייט און ער ברענגט אַרויס אַ פאַרגלייך צווישן פּרצן און מענדעלען און שלום־עליכם: „... מענ־דעלע מוכר ספרים און שלום־עליכם האָבן זיך שטענדיק געגעבן דער

וועלט און דער ליטעראַטור ווי זיי זיינען געווען, יעדער אין זיין אַרט, אָריגינעל, אייגנאַרטיק. זיי האָבן זיך נישט געלאָזן באַאיינפֿלוסן פֿון קיין שרייבער, פֿון קיין ליטעראַטור־מאָדע, פֿון קיין פּאַרטיי, פֿון קיין מאָמענטשטימונג. זיי האָבן געשעפּט פֿון אינעווייניק, זיי זיינען געוואַקסן פֿון אינעווייניק. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע ליניע, זייער לעבנס־ריטם". ר. בריינין שטעלט אַנטקעגן פרצן, ווי אַ נעגאַטיווע נאַטור. „פרץ — שרייבט ר. בריינין — האָט זיך שטענדיק באַמיט צו שיינען, צו איבעראַשן אַלס דער ייִנגסטער, פֿרישסטער, מער ערנסטער". לויט בריינינען קומט אויס, אַז ס'איז נישט געווען קיין נאַטירלעכער דראַנג אַזאַ ביי פרצן, נאָר אַ געמאַכטער. מיר'ן נישט אַריין אין אַ ויכוח מיט בריינינען וועגן דעם, פֿאַר אונז איז וויכטיק זיין איינדרוק גופֿא, זיין שילדערונג פֿון פרצן. דעם אויספֿיר קאָנען מיר מאַכן אַליין און אַן אנדערן. „יעדע ליטעראַרישע שטרעמונג — שרייבט בריינין, — יעדע ליטעראַרישע מאָדע, יעדעס בוך, וואָס ער האָט געלייענט אָדער געבלעטערט (צו גרינטליכקייט האָט אים געפֿעלט קאָנצענטרירונג) האָט אים באַאיינפֿלוסט".

אַזוי פֿאַסט אויף פרצן ר. בריינין, וואָס האָט געקאָנט פרצן פֿון וויטנס, אָדער זיך געטראָפֿן מיט אים אויף אַ ווילע.

מיר הערן פֿון מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט פרצן נעענטער, אינטימער און לענגער, גאָר אַנדערע שילדערונגען פֿון פרצעס באַאיינפֿלוסט ווערן פֿון אַ ווערק, פֿון אַ אידעע, פֿון אַ געשעעניש.

עס דערציילט ה. ד. נאָמבערג, ווי פרץ „איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן טיפֿסטן פּעסימיזם, מיט אַן עקל צום לעבן". דאָס איז געווען אין די לעצטע יאָרן פֿונעם 19טן יאָרהונדערט, ווען נאָמבערג איז אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע, איידער פֿאַר פרצן האָט זיך אַנטפלעקט דאָס יידישע פֿאָלקסמעשהלע, וואָס פֿון דעם האָט ער דערנאָך געשאַפֿן די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן. „פרץ — דערציילט נאָמבערג — איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון אָט דעם „מאָדערניזם" ווי יעדער דעמאָלט. אָבער דערין — זאָגט נאָמבערג — צייכנט זיך אויס פֿאַר אונז דער מהות פֿון פרצן, זיין אינערלעך וועזן, וואָס ער טרייסלט זיך אָפּ פֿון איר ביי דער ערשטער מעגלעכקייט". נאָמבערג גיט איבער, ווי פרץ „האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאָדערניסטישער ווירקונג, ווי איינער, וואָס ראַנגלט זיך מיט פֿינצטערע כוחות. אין דער טיפֿעניש פֿון זיין נשמה האָט ער נישט געקאָנט סובל זיין דעם הויך פֿון טויט און צעלייגונג, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון יענער ריכטונג. ער איז אינערלעך געווען פֿרעמד און וויט דערפֿון"...

און דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט זיך דאָן ערשט באַוויזן אין דער, אין אַלגעמיין, דערדריקטער רוסישער ליטע־ראַטור מיט זיינע קרעפּטיקע, פּולבלוטיקע און בונטאַרישע דערציילונגען און מיט פאַרהערלעכונג און יראת־הכבוד פאַר דעם מענטש, — מאַקסים גאָרקי האָט אַרויסגעהאָלפן פרצן אַרויסצובאַפרייען זיך פון דער שווערער פאַרצווייפלונג, פון דער אינעווייניקסטער מידקייט. נאָמבערג שרייבט: „איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַ גרעסערע אַנטציקונג, אַ גרעסערן גייסטיקן נחת ווי דעם וואָס פרץ האָט געהאַט פון דעם ביכל (גאָרקיס דערציילונגען). די אויגן האָבן אים געשיינט, בשעת ער האָט גע־רעדט דערפון... מאַקסים גאָרקיס נאָוועלן זיינען דעמאָלט פון דער גאַנצער אינטעליגענץ אויפגעכאַפּט געוואָרן אַלס אַ צוריקגאַנג צו אַ געזונטן, קרעפטיקן אָפּטימיזם, אַלס אַ רוף צום לעבן... דאָס קליינע ביכל איז געקומען אַזוי צו דער צייט, האָט באַפרייט אים פון אַ שווערן קאָשמאַר".

ס'איז זייער אינטערעסאַנט פון דעם זינען דער אַרטיקל, וואָס פרץ האָט אָנגעשריבן אין 1906 וועגן דער אויפפירונג פון מ. גאָרקיס פּיעסע „אויפן לעצטן שטאַפל" („נאַ דניע") אינעם וואַרשעווער יידישער טעאַטער. (באַנד „ליטעראַטור און לעבן"). ס'איז וויכטיק זיין צוגאַנג צו גאָרקיס וועלט, צו זיינע פאַרשוינען און צו זייער אַרט אינעם לעבן. מיר זעען ווי פרץ באַציט זיך מיט אַ טיפער פאַרערונג צו גאָרקין.

און אויך אַנטאָן טשעכאָוו, דער גרויסער רוסישער נאָוועליסט, איז געווען פרצן באַזונדערס נאָענט. שכנא עפּשטיין האָט דאָ נישט לאַנג, צו א. טשעכאָווס 40טן יאָרצייט, איבערגעגעבן ווי פרץ האָט טייער געהאַלטן טשעכאָוון.

„טשעכאָוו — איז געווען איינער פון פרצעס באַליבטסטע שרייבער. שוין אין יענער צייט האָט מען אין די פּראָגרעסיווע רוסישע שרייבער־קרייזן אָנגערופן אונזער פּראָגרעסיווסטן קלאַסיקער פאַר זיינע רעאַליס־טישע סאָציאַל־אָנגעזעטיקטע דערציילונגען „דער יידישער טשעכאָוו". פרץ האָט עס געהאַלטן פאַרן גרעסטן קאָמפּלימענט, די יונגע יידישע פּראָ־זאַאיקער פלעגט ער שטענדיק הייסן לערנען זיך ביי טשעכאָוון ווי און וואָס צו שרייבן".

טשעכאָווס טויט האָט געמאַכט אויף פרצן אַ דערשיטערנדיקן איינ־דרוק. ש. עפּשטיין גיט איבער, אַז פרץ איז עטלעכע טעג נישט אַרויס פון הויז.

„אין די פּאָר טעג האָט פרץ געהאַלטן אין איבערלייענען טשעכאָווס וויכטיקסטע ווערק; ער האָט באַשלאָסן אַליין איבערצוזעצן אין יידיש די

דאָזיקע ווערק, אָנגעהויבן פֿון דער באַרימטער דערציילונג „אין טאָל"..."

פּרץ האָט זיין נאָענטסטן ליטעראַרישן „פּריטיק" געווידמעט טשעכאָוון.

„ס'אַראַ ריז — האָט פּרץ גערעדט מיט האַרץ. — ווי טיף ער איז אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פֿון פֿאָלק, פֿון אַלע זיינע שיכטן און קלאַסן. דאַכט זיך, דער עכטער רוסישער שרייבער, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַליסט אין פּולסטן און בעסטן זין פֿון וואָרט. אָפּשטעלנדיק זיך אויף אייניקע ווערק טשעכאָווס, אויף טשעכאָווס שילדערונג־מאַניר, אויף זיין סטיל, אויף זיין קרישטאָלענע שפּראַך, האָט פּרץ געמאַכט אַזאַ פֿאַראַלגעמיינערטן אויספֿיר: עס קאָן ניט זיין קיין עכטער נאַציאָנאַלער קינסטלער, וואָס זאָל ניט זיין אינטערנאַציאָנאַל. אמתע קונסט ווייסט ניט פֿון קיין ווידערשפּרוך צווישן „נאַציאָנאַל" און „אינטערנאַציאָנאַל". פֿאַרשטייט זיך, די ליטעראַטור פֿון יעדן פֿאָלק האָט איר נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דאָס דריקט זיך אָבער, דער עיקר, אויס אין דער פֿאָרם; וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אינהאַלט, איז ער אַל־מענטשלעך". („אייניקייט", מאָסקווע, 1944, נ' 28, איבערגעדרוקט אין „מ. פֿרייהייט", 7טן נאָוועמבער 1944).

און ש. עפּשטיין זאָגט ווייטער:

„געבנדיק אַזאַ אָפּשאַצונג פֿון טשעכאָוון אויף זיין ריין־פּרצישן אופֿן, דורך שאַרפֿזיניקע בליץ־געדאַנקען, דורך אייגנאַרטיקע אַפֿאָריזמען, האָט אונזער גרויסער קלאַסיקער אויפֿגעוועקט ביי די יונגע יידישע שרייבער אַ יראת־הכבוד צו דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור מיט איר טיפֿער מענטשלעכער און אָנגעזעטיקטער פּראָגרעסיווער אידעאישקייט.

אויף אַן אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג פֿאַר יידישע סטודענטן און פֿאַר־געשריטענע יידישע אַרבעטער האָט פּרץ אין עטלעכע טעג אַרום געהאַלטן אַן אויספֿירלעכן פֿאָרטראַג וועגן טשעכאָווס שאַפֿונג. וואָס ער האָט ניט דערזאָגט אויף זיין ליטעראַרישן „פּריטיק" פֿאַר די יונגע יידישע שריי־בער ביי זיך אין הויז אויף צעגליאַנע גאַס נומ. 1, האָט ער דערגאַנצט דאָ אין וואַלד, ביי סווידער, אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל".

פּרץ האָט איבערגעזעצט אייניקע דערציילונגען פֿון טשעכאָוון, און ער פֿלעגט זיי לייענען אויף פֿאַרזאַמלונגען.

און פּרץ האָט דאַן דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור די ווערק פֿון קנוט האַמסון, מולטאַטולי, ווי אויך אייניקע פּוילישע שרייבער. און ס'איז מערקווירדיק ווי פּרץ האָט פֿאַריידישט ח. נ. ביאַליקס לידער, וואָס האָבן אויף אים שטאַרק געווירקט. דאָס איז געווען אַן עיקר־שטריך אין זיין כאַראַקטער, ער האָט גערן אויפֿגענומען השפּעות און געווען שעפֿעריש באַפֿרוכפּערט פֿון זיי.

II

דאָס וואָס פּרץ האָט אַזוי ליידנשאַפֿטלעך אויפֿגענומען אויף זיך איינ־פֿלוסן פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור, — רוסישער, פּוילישער, העברע־אישער אָדער דייטשער — דאָס האָט אים דערנעענטערט צו די יונגע און ייִנגערע ייִדישע קינסטלער. אָפֿטמאָל איז ער געווען גאָר ייִנגער און מאָדערנער פֿון פֿיל פֿון זיי, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געוואָרצלט אין דער פֿאַרצייטיקער ייִדישער וועלט. פּרץ איז דאָ געווען דער פּיאָנער, דער פֿיר־גייער פֿון דורות שרייבער, וואָס זיינען לויט די יאָרן געווען פֿיל ייִנגער פֿון אים.

אין דער צייט, וואָס מענדעלע האָט שוין אַ לענגערע צייט ווי פֿאַר־חתמעט זיין שאַפֿערישע וועלט און יאָרנלאַנג האָט ער זיך געוואָרעמט ביי זיינע אייגענע פֿייערן, וואָס ער האָט אָנגעצונדן מיט יאָרן צוריק, אין דער צייט, וואָס שלום־עליכם איז געווען פֿאַרטאָן אין דער וועלט פֿון זיינע פֿאַרשווינגען־געשטאַלטן, וועלכע ער האָט מיט זיך מיטגענומען פֿון קאַסרי־לעווקע און יעהופּעץ, האָט פּרץ כסדר געהאַלטן אין קלעטערן און אין זוכן און אין נישטערן. פֿיל ייִדישע שרייבער האָבן געוויס צו פֿאַרדאַנקען פּרצן, וואָס ער האָט זיי אָנגערעגט פֿאַר נייע אַספּיראַציעס, וואָס ער האָט זיי אַרויפֿגעפֿירט אויף נייע שאַפֿערישע וועגן.

דער לעבעדיקער, רייצנדיקער און אָנרעגנדיקער קאָנטאַקט פֿון פּרצן מיט די ייִנגערע שרייבער קומט טאַקע פֿון דעם, וואָס פּרץ אַליין האָט נישט אויפֿגעהערט אויפֿצונעמען אויף זיך השפּעות פֿון פֿאַרשיידענע זייטן. אַ דורשטיקער האָט ער אַליין געטרונקען פֿון די קוואַלן, וואָס האָבן גלייכ־צייטיק אויך באַפֿרוכפּערט די ייִנגערע שרייבער.

וועגן דעם איז פֿאַראַן אַ ים מאַטעריאַלן אין הונדערטער אַרטיקלען, זכרונות, אָפּהאַנדלונגען פֿון פֿאַרשיידענע שרייבער וועגן פּרצן.

מיר וועלן פֿריער זען ווי אַזוי שלום־עליכם און פּרץ האָבן זיך באַציִען צו די ייִנגערע שרייבער, ווי זיי האָבן רעאַגירט אויף די נייע שטרעמונגען און מאָטיוון פֿון דער יונגער ייִדישער ליטעראַטור.

אָט איז אַ כאַראַקטעריסטיק, וואָס שלום־עליכם גיט (אין 1906) אין אַ הקדמה צו י. ד. בערקאָוויטשעס אַ דערציילונג („דאָס שלום־עליכם בוך", ז' 76־78). שלום־עליכם שרייבט דאָרט: „דור הולך ודור בא... איין גענע־ראַציאָן גייט־אונטער, די אַנדערע קומט אָן... דער דאָזיקער געדאַנק איז מיר געקומען, בשעת איך האָב אַדורכגעקוקט די ערשטע דערציילונג אין ייִדישן פֿון י. ד. בערקאָוויטש..." שלום־עליכם שטעלט זיך אָפּ אויף בערקאָוויטשן און ער גיט צו: „דאָס וואָס איך וואָלט יאָ וועלן זאָגן איז

וועגן בערקאָוויטשן בכלל אַלס אַ ליכטיקע דערשיינונג אין אונזער יונגער ליטעראַטור. איך האָב געבראַכט דאָס וואָרט „ליכטיקע" מיט אַ כיוון, ווייל אין אונזער יונגער אָרעמער פֿאָלקס־ליטעראַטור האָבן די לעצטע צייט איינגעוואַנדערט, גאָט ווייסט פֿון וואַנען, אַזעלכע שרייבער, צומייסטן יונגע (אין העברעאישן רופֿן זיי זיך „צעירים"), מיט אַ גאַנץ נייעם שניט פֿון דעקאַדענץ, אָדער פֿון „שטימונג", ווי זיי רופֿן דאָס אָן. ווילט איר וויסן וואָס איז דאָס אַזעלכעס שטימונג... שטימונג הייסט: ווערטער, סתם ווערטער, הויכע, געבלאָזענע, קיילעכדיקע, שפּיצעכדיקע, מוראדיקע ווערטער מיט פּינטעלעך אַ סך און מיט פּאַסעקלעך. דערצו אַ צוויי־דריי בילדלעך, אַ ביימעלע וואָס גוססט, אַ צוויגעלע וואָס ווינקט, אַ פֿייגעלע וואָס בענקט, אַ ווינטעלע וואָס לאַכט, אַ קאַץ וואָס לאָזט אַ טרער — און פֿאַרטיק! קיין שום סיפּור־המעשה, קיין ברעקל פּסיכאָלאָגיע, קיין שפּור פֿון שילדערונג, טיפּן, כאַראַקטערן, — אַבי עס קלינגען שיין (נישט אַלע מאָל שיין) די ווערטער, אַבי ס'איז שווערער צו פֿאַרשטיין. וואָס ווינציקער אינהאַלט, דעסטאָ מער שטימונג. אַמאָל האָט דאָס געהייסן „מליצה", היינט הייסט דאָס „שטימונג".

„דור הולך ודור בא... אַ גענעראַציאָן גייט אַוועק, אַ גענעראַציאָן קומט אָן. עס דאַרף זיך פֿרייען, איך, יעדער שרייבער, וואָס געהערט צו דעם אָפּגייענדיקן דור, אַז ער זעט פֿאַר זיך צווישן די יונגע באַגינענדיקע שרייבער, וואָס הייבן ערשט אָן זייער קאַריערע, אַזאַ גליקלעכע דערשיינונג ווי י. ד. בערקאָוויטש".

שלום־עליכם באַציט זיך מיט ביטול און חוזק צו אָט די אַלע נייקייטן, ער זעט אין דעם אַ קרענק, אַ חולאת, וואָס מ'דאַרף עס באַקעמפֿן. זיך גופֿא זעט שלום־עליכם ווי אַן עלטערן שרייבער, וואָס „געהערט צום אָפּגייענדיקן דור".

גאָר אַנדערע טענות האָט פּרץ צו דער יונגער יידישער ליטעראַטור, טענות מער וועזנטלעכע, אידעאישע. אין זיין באַוואוסטן אַרטיקל „וואָס פֿעלט אונזער ליטעראַטור" (1910) פֿרעגט פּרץ אָט די פֿראַגע און ענטפֿערט אויף דעם: „טראַדיציע!... גייט מיט אַ ליכט און זוכט אין אונזער ליטעראַטור טראַדיציע; איר וועט גאָרנישט געפֿינען... אַן אַלט, דאָס עלטסטע פֿאָלק און אַ יונגע, די יינגסטע ליטעראַטור! ווער ביסטו, יונג־יידישער שרייבער?" — פֿרעגט פּרץ און ער ענטפֿערט: „אַ קינד אָן אַ טאַטן, אַ קינד אָן אַ מאַמען; אַ מאָרגן — אָן עברי..." און פּרץ זאָגט ווייטער: „די יונגע לייט האָבן טאַלענט, עס פֿעלט זיי אָבער די מאָס פֿון אייגענער און פֿרעמדער קראַפֿט... און לייכטזיניק זיינען קינדער

און שפילן זיך מיט פֿייער... אוי ן ב י י ם פ ֿר ע מ ד ן פֿ י י ע ר ווערן נשמות פֿאַרברענט״.

אין דעם זעלבן אַרטיקל „וואָס פֿעלט אונזער ליטעראַטור״ מאַכט פּרץ אַ קורצן סכעמאַטישן אַנוואורף פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין פֿאָלגנ־דיקע עטלעכע שורות: „... קומט מענדעלע אין אַדעס און גיט די יידן און יידענעס מיט מאַרק, מרחץ, הקדש און שול... באַוויזט זיך דינעזאָן פֿון זאַגער און ברענגט שטילע יונג־דראַמען און קינדער־טראַגעדיעס פֿון יידישן הויז... דער קיעווער שלום־עליכם — דעם קאַמיוואָיאַזשאַר, דעם גאַאיוו־נאַריש־איבערקלוגן פּרנסה־זוכנדיקן איבער־זידלער פֿון דער קליי־נער אין דער גרעסערער שטאָט אַריין, און אַנטפּלעקט טביה דעם מיל־כיקערס טראַגי־קאָמעדיע... באַלד קומט די רעוואָלוציע פֿון וואָיל־לער־נער אין בית־המדרש... ווי דורך אַ געעפֿנטער טיר רייסן זיך אַריין די יינגערע מיט נייע טעמאַטן; אַש גיט די ווייסל, דאָס קולער־געסל, דעם עמיגראַנט, דאָס הייזל; נאָמבערג — דעם צעבראָכענעם אינטעליגענט; וויסענבערג נישטערט אין שטעטל און זעט אַ טאַטע מיט בנים אין פֿאַר־שטאָט און זעט זאַמדיקע פּלעצער, אַ וועלדל, וואַסער און וואָלקן... נאָך יינגערע קומען מיט פֿאַרבן, ברענגען אַריין דעם ים, זונען אויף־ און אונטערגאַנג, פֿויערן, ציגיינער, גנבים... עס שיילן זיך אויס „צוויי וועלטן״ — דער ראָמאַן ווערט געבוירן; די דראַמע איז שוין לאַנג דאָ...״ אָבער פּרצן איז עס ווייניק, און ער מאָנט: „אָבער וואו זיינען די ספֿרדישע יידן? וואו זיינען די אַמסטערדאַמער בריליאַנט־שלייפֿער? אַרגענטינער און פּאַ־לעסטינער קאָלאָניסטן? וואָס מאַכט ראָטשילד אין פּאַריז, לוצאַטי אין רוים...״

און פּרץ אַליין, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט פֿון דער ניי־שאַפֿנ־דיקער ליטעראַטור, פּרץ, וואָס האָט געגעבן סמיכה די שרייבער פֿון צ ו ו י י ט ן דור, הייבט אָן פֿילן אַ תהום צווישן זיך און זיי.

אין זיינע זכרונות, געשריבן אַרום 1913, זאָגט פּרץ אין איין אָרט: „... און איך בין שוין אַן אַלטער שרייבער, עטאַפּן דורכגעמאַכט... אַ חדר געהאַט און — אַליין געבליבן. גע ונד דאָס פֿאָלק, בפֿרט זיין באַהעם — יונגע שרייבער, אַוועק און מיט נעמען! און נעמען, דאָס מוז איך באַמערקן, נעמען האָבן באַקומען, לייט זיינען געוואָרן — די „קונדסים״ פֿון חדר. די, וואָס האָבן נישט געלאָזט זיך פֿירן! די אַנדערע, וואָס האָבן אַזוי גערן זיך אונטערגעגעבן דער צענזור, געשטופּט דעם מאַנוסקריפּט צו מיין בליישטיפֿט — זאָל גאָט זיך אויף זיי דערבאַרעמען!״

אין די וויטערדיקע יאָרן איז פּרץ געווען אויפֿפֿאָדערנדיקער און שטרענגער צו תּלמידים, צו אָנפֿאַנגער. פּרץ אַליין שרייבט וועגן דעם ביל־דעריש: „איך האָב זאַמען געשטרייט (געשפּרייט), איבער זיי שבעה נקיים געזעסן, און קוים זיך עפּעס דערוואָרט, באַוויזט זיך אַ קעפּל, עס שפּאַלט קוים די ערד, איך גיב שוין אָן אָנהאַלטעניש, אָן אָנשפּאַרעניש, זאָל עס נישט קריכן אַרום איבער דער ערד. אַרויף, צו דער הויך! דרענגלעך אונטער־געשפּאַרט! די דרענגלעך זיינען געבליבן. בין איך אַליין. מען קומט נאָר צו מיר נאָך „סמיכה״... איז שוין אָבער לאַנג נאָכן „עת לטעת״ (צייט צו פֿלאַנצן), קליין דאָס געֿרטל, אָבער שוין ווילד אָנגעוואָקסן, עת לעקור נטוע, (צייט צו יערטן, אויסרייסן די ווילדע גראָזן.—נ. מ.)... זאָגט מען: איך טרייב די יונגע טאַלענטן... (מיינע זכרונות״, ז׳ 93).

אָט אַזוי פֿאַרשטייט פּרץ זיין אייגענע ראָלע און אַזוי פּאַסט ער אויף די יונגע און יינגערע שרייבער!

עס איז איינע פֿון די עיקרדיקסטע פּראָבלעמען פֿון דער יידישער ליטעראַטור אויסצופֿאָרשן די השפּעות פֿון פּרצן אויף די פֿאַרשיידנסטע יידישע קינסטלער, סיי פֿון די, וואָס באַטאָנען עס, שפּירן עס, און סיי פֿון די, וואָס גיבן זיך אפֿשר אַליין נישט אָפּ קיין רעכענונג וועגן דעם. עס איז זיכער: פּרץ האָט געהאַט אַ דירעקטע השפּעה אויף פֿאַרשיידענע טאַלענטפֿולע יידישע שרייבער, אַן אָנרעגנדיקע ווירקונג. און אָט די באַ־ווירקונג הערט נישט אויף, נאָר אדרבא זי ווערט וואָס־וויטער אַלץ שטאַרקער. און אָפֿט קאָנען מיר שפּירן די השפּעה אויף קינסטלער, ווען אַפֿילו די קינסטלער אַליין ווילן עס, אין אַ באַשטימטער צייט אָדער שטי־מונג, פֿאַרקלענערן אָדער פֿאַרלייקענען.

אין דעם זין זיינען אינטערעסאַנט די קעגנזייטיקע באַציאונגען פֿון פּרץ און שלום אַש.

אַמאָל, אין אַ שמועס מיט שלום אַשן, ווען ער איז געווען אומרואיק און אויפֿגערעגט, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: „.... איך וואַרף אָפּ די אָנגענומענע לעגענדע, וואָס מען האָט מיר אָנגעבונדן, אַז איך בין אַרויס פֿון פּרצעס שטוב, אַחוץ דעם אָנהייב, וואָס פּרץ האָט מיר באמת געהאָלפֿן צו מאַכן. — נישט נאָר, וואָס די פּרץ־שטוב האָט מיר נישט געגעבן, נאָר, אדרבא, שפּעטער האָט זי מיר געשטערט. איך האָב מיט איר מלחמה געהאַלטן״. ווען איך האָב אָנגעהייבן דערוויזן אַשן, וואָס די יידישע קינסטלערישע וואַרשע איז געווען אויסער פּרצן און גענומען רעדן

וועגן פּרצעס פּאַטאָס פאַר שאַפן, וואָס ער האָט אָנגערעגט זיינע נאָענטע, האָט שלום אַש צוגעגעבן: „נו, אוודאי, דאָס קאָן מען נישט לייקענען. פּרץ האָט געהאַט אויף מיר אַ געוואַלדיקע השפּעה. ער האָט מיר געגעבן דעם שטויס, דעם דראַנג, די איבערצייגונג, געעפנט מיר די אויגן. ער האָט מיך געלערנט מיט זיינע אייגענע זאַכן, אַז מען קאָן שרייבן מעשיות אין יידיש. ווען אָבער איך וואָלט מיך צוגעהערט איינגאַנצן צו פּרצן, וואָלט איך נישט געשאַפן נישט נאָר „גאָט פון נקמה", נאָר אַפילו „דאָס שטעטל", און וואָלט געבליבן ביי מיינע נאָאיווע קינדער־שטימונגען, מיט וועלכע איך בין געקומען פון קוטנע קיין וואַרשע. מיר איז אויסגעקומען שפּעטער צו קעמפן פאַר מיין זעלבסטשטענדיקייט, און דאָס האָט אַריינגע־בראַכט צווישן אונז אַ דיסהאַרמאָניע".

אָבער דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין אַ ספּעציעלן מאָמענט פון אויפ־גערעגטקייט. אין זיין טיף־רירנדיקן אַרטיקל נאָך פּרצעס טויט („מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט פּרצן", „צוקונפט", 1915) גיט ער איבער אינטערע־סאַנטע פּרטים ווי גרויס ס'איז געווען פּרצעס שאַפערישע השפּעה אויף די יונגע יידישע שרייבער און וויפיל פּרץ האָט מיטגעהאָלפן זייער וואוקס. ש. אַש דערציילט, אַז מען האָט פריער נישט געגעבן קיין זאַך צום דרוקן, איידער „מען האָט עס נישט געהאַט פאַרגעלעזן פּרצן. טיילמאָל האָט ער געפּרוווט עצות צו געבן ווי צו ענדערן און אָנגעגעבן דעם טעם פאַר וואָס. אָבער ער האָט פיל געהאַלטן פון די, וואָס האָרכן אים נישט און האָבן אַן אייגענע מיינונג, און נישט ליב געהאַט יענע, וואָס זיינען אים בלינדערהייט נאָכגעגאַנגען".

ס'איז אינטערעסאַנט, ווי ש. אַש באַשטעטיקט פּרצעס אייגענע רייד וועגן די געהאָרכזאַמע און ווידערשפּעניקע שרייבער!

„איין גרויסע מעלה — זאָגט שלום אַש — איז געווען אין פּרצן, וואָס האָט אים געהאָלפן אַרויסצוגעפינען די נייע טאַלענטן: ער האָט געהערט די נשמה פון יעדער זאַך, וואָס מ'האָט אים פאַרגעלייענט, און דאָס אייגנטלעך האָט ער געזוכט". און ש. אַש גיט איבער ווי פּרץ האָט זיך משתדל געווען מ'זאָל דרוקן די שאַפונגען פון די יונגע.

אין יענער צייט, אין 1901־1902, איז דערשינען דער „יוד", וואו ס'האָבן מיטגעאַרבעט באַוווּסטע יידישע שרייבער. „עס איז ווייניק אָרט געבליבן פאַר די יונגע. דער איינציקער באַשיצער אונזערער איז געווען פּרץ. ער האָט זיך געמיט, מען זאָל אונזערע זאַכן אָפּדרוקן, און אָפטמאָל נישט געוואָלט געבן זיינע דערציילונגען, כדי עס זאָל מער פּלאַץ זיין פאַר די יונגע".

אין אַן אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ דערציילט פּרץ הירשביין וועגן זיינעם אַ לענגערן שמועס מיט פּרצן. פּרץ האָט אויסגעפֿרעגט הירשביינען וועגן זיין היים, וואָס האָט זיך געפֿונען וויַיט פֿון שטעטל, וועגן דער מיל, וואָס האָט געקלאַפּט בײַנאַכט. הירשביין ענטפֿערט אויף פּרצעס פֿראַגן. — „האָט איר מורא געהאַט!" — פֿרעגט פּרץ. „אַזוי זיך — ענטפֿערט הירשביין — געוועז אומהיימלעך!" און פּרץ זאָגט צו הירשביינען:

— האָט איר געלעזן מעטערלינקן? יאָ, ווייסט איר, אַז די ווענט האָבן אויערן און אַז די שטילקייט קאָן רעדן, און אַז אונזער שיקזאַל פּלאָנטערט זיך אַרום הינטערן פֿענצטער און וועבט שרעק פֿאַר אונזער לעבן — אונזערע וויסן עס ניט. גייען אום מיט שווערע טריט אין דער ליטעראַטור".

און הירשביין גיט צו: „יאָ, אים האָט עס געגרילצט. ווארום ער (פּרץ) אַליין איז געוועזן אַ קינד פֿון אונזער צייט, אַזוי גוט ווי מעטערלינק. ס'איז געקומען צו רייטן אַ שד אויף אַ בעזעם און האָט אַראָפּגעדרייט די לאָמפּן פֿונעם 19טן יאָרהונדערט, געלאָזן אונז אין דעם ליכט צווישן טאָג און נאַכט און דעריבער גרילצט אונז אונזער אייגענע שטימע. דעריבער קריכן סודות דורך די שפּאַלטן צו אונז אין שטוב אַריין און דער הענגלייכטער פֿון סטעליע רעדט צום לייטער, וואָס שטייט אונטערן פֿענצטער אָנגעשפּאַרט אָן דאַך"... (זשורנאַל „אונזער באַוועגונג", ז' 9).

פּרץ הירשביין דערציילט וועגן איינער אַ באַגעגעניש אָוונט־צייט אין אַ קאַפֿע. אַ נאַכט פֿריער האָט פּרץ קיין אויג נישט צוגעמאַכט, געזעסן ביים שרייבטיש און געאַרבעט אויף אַ נייעם וואַריאַנט פֿון זיין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק". הירשביין דערציילט: „די אויגן זיינע בליצן, די באַוועגונג אַזוי גרינג, און דער קופּער־קאָליר פֿון פּנים שיינט". און הירשביין פֿרעגט:

— „ווער פֿון וועמען איז מיט דרייסיק יאָר עלטער? לויפֿט דורך אַ געדאַנק: פֿאַרליבט איז די יוגנט, און מיט אומעט איז די עלטער!"

אַזאַ איז געוועזן דער איינדרוק פֿון פּרצן אויף די יונגע שרייבער. „ביי מענדעלע און שלום־עליכמען האָט מען געקאָנט לערנען, מיט פּרצן האָט מען דאַן געאָטעמט!" — גיט צו פּרץ הירשביין.

אין אַ לאַנגן בריוו צו יעקב דינעזאָן פֿון זאַקאָפּאַנע (פֿון 1907) שרייבט פּרץ צום סוף: „הירשביין האָט מיר געשריבן אַ קאַרטע פֿון ווילנע, גע־ענדיקט: „שפּעטער פֿון דאַרף מער". מער אָבער האָב איך פֿון אים קיין צייכן נישט דערהאַלטן. ער אָבער אינטערעסירט מיך מער פֿאַר אַלע יונגע. שרייב מיר מער פֿון אים, פֿון זיינע פּלענער, פֿרעג אין מיין נאָמען, וועט ער פֿיליכט מער רעדן..." („בריוו און רעדעס", ז. 255).

פֿון איינעם אַ בריוו צו א. ווייטער דערוויסן מיר זיך, אַז פּרץ האָט געהאַט בדעה איבערצונעמען די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפֿטן״ (1908), וואָס זיינען דערשינען בלויז 4 העפֿטן. ער איז געגרן זיי איבערצונעמען: „איך פֿון מיין זייט גיב 1,000 רובל, גיט שטיצע נאָך צוויי, מיט דריי טויזנט גיב אַרויס. אָבער נאָך אַ באַדינג: די יוגנט זאָל העלפֿן...״ (דאָרט, ז׳ 272).

די דירעקטעווירקונג פֿון שלום־עליכם אויף די יינגערע שרייבער איז געווען פֿיל ווייניקער ווי פּרצעס. עס זיינען געווען בלויז איינצלנע פֿאַלן, ווען שלום־עליכם האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן גורל פֿון אַ יינגערן שרייבער. י. ד. בערקאָוויטש, וואָס טרעט אַזוי שאַרף אַרויס קעגן פּרצעס „פּראָווען טישן״, שרייבט אין זיין אָפּהאַנדלונג „מיט דער משפּחה פֿון שריפֿטשטעלער״: „צו די שריפֿטשטעלער פֿון דעם יינגערן דור, צו די, וואָס זיינען אויפֿגעוואַקסן אין אָנהויב פֿונעם היינטיקן יאָרהונדערט, האָט שלום־עליכם זיך באַצויגן מיט פֿאָטערלעכער אויפֿמערקזאַמקייט. כאָטש ער האָט ניט געפֿירט קיין „טישן״ אַזוי ווי פּרץ (דאָס וואָלט זיך גאָרנישט געפּאַסט צו זיין גאַנצן וועזן), פֿלעגט ער אָבער פּריוואַט, דורך בריוו, אויף אַ פּשוטן גוטברודערלעכן שטייגער, גאַנץ אָפֿט אויפֿמונטערן אַן אָנפֿאַנגער, אין ווען ער האָט דערפֿילט דעם אמתן פֿונק... דערביי פֿלעגט ער אַרויס־באַווייזן אַ פֿיין־פֿילנדיקן חוש און אַ קלאָרן אַנאַליטישן פֿאַרשטאַנד אין שייכות צו יענעמס ווערק (דערהויפּט רעאַליסטישע), סיי אין ענינים פֿון סטיל, סיי אין פּרטים פֿון פּסיכאָלאָגישער אויפֿפֿאַסונג״.

אָבער מען מוז קאָנסטאַטירן, אַז בלויז אין די יאָרן פֿון זיין אַרויס־געבן די זאַמלביכער „די יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ און זיין פֿאַרעפֿנט־לעכן דעם „שמ״ר־משפּט״ (1888־1889) האָט שלום־עליכם אַרויסבאַוויזן אַ שטאַרקן ווילן אויפֿצוזאַמלען אַרום זיך די אַלע עלטערע און יינגערע שרייבער. שפּעטער אָבער איז שלום־עליכם געווען איינגאַנצן, ראשו ורובו, פֿאַרטאָן אין זיך און זיך ווייניק פֿאַרנומען מיט יינגערע שרייבער.

אַט זאָגט פּרץ הירשביין אין זיין אַרטיקל „פֿרייד און טרויער״ („יידישע קולטור״ 1939, נ׳ 6): „שלום־עליכם מיט זיין באַוואוסטזיין האָט אין זיין צייט ניט שטאַרק באַווירקט. זייער אָפֿט האָט מען אין יענע יאָרן געקענט הערן אַ מיינונג, וואָס קלינגט היינט אַזוי אומנאַטירלעך: מיינט איר, אַז שלום־עליכם איז אַ גרויסער שרייבער? מיינט איר, אַז פֿון אים קאָן מען לערנען?״ (ז׳ 19).

שלום־עליכם איז זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענעם שליאַך, מיטן דרך המלך, און די זייטיקע שטעגן זיינען געווען אים פֿרעמד. זאָגט טאַקע

י. ד. בערקאָוויטש, אַז „דערהויפּט איז אים געווען פריקרע די „מצווה״ פֿון מאָדערניזם אין אונזער אייגענעם ליטעראַרישן ווינקל. די באַמיאונגען פֿון אייניקע יונגע שריפֿטשטעלער צו באַווייזן זיך „קאַפּויר״, האָבן ביי אים אַרויסגערופֿן אַ ווידערגעפֿיל״. „ער האָט געהאַלטן, אַז די יידישע ליטעראַטור איז קודם כל אַ פֿאָלקס־ליטעראַטור, וואָס קאָן וואַקסן נאָר מיטן וואוקס פֿונעם פֿאָלקס־לעזער. און אויב די שרייבער וועלן נעמען שרייבן דעם פֿאָלק „אויף צו להכעיס״, וועלן זיי סוף כל סוף בלייבן אַליין, אָן לעזער — די לעזער וועלן, באין ברירה, זיך אומקערן צוריק צו שמ״רן״... (ש״ע־בוך, ז׳ 188).

אָבער שלום־עליכם האָט פֿאַרזען, אַז צו דער יידישער ליטעראַטור זיינען פֿאַר די יאָרן צוגעקומען אויך נייע אינטעליגענטע לייענער, לייענער, וואָס האָבן אַליין אַדורכגעמאַכט די שטימונגען און איבערלעבענישן פֿונעם מאָדערנעם מענטשן, און אַט די אַלע צווייפֿלען און געראַנגלענישן, זוכע־נישן און פֿאַרפּלאָנטערנישן זיינען כלל נישט געווען געבאָרגט אין דער פֿרעמד, נאָר עס איז געווען טיף־אייגנס.

III

עס האָבן זיך מיט דער צייט איינגעשטעלט צוויי באַזונדערע שטראָמען אין דער יידישער ליטעראַטור, צוויי שיטות, וואָס זיינען אפֿשר אין אָנהייב, ביי זייער אויפֿקום, נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר און אויסגעשפּראָכן געווען, אָבער מיט דער צייט, אין דעם ווייטערדיקן וואוקס פֿון דער יידישער ליטעראַטור, האָבן זיי זיך אַלץ־מער אויסגעקריסטאַליזירט. איין שטראָם, וואָס גייט פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים און שלום־עליכם, און דער צווייטער — וואָס שטאַמט מער און בעיקר פֿון פּרצן.

אין פֿאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען וועגן מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ זיינען אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים באַרירט געוואָרן די השפּעות פֿון די דריי קלאַסיקער אויף די ווייטערדיקע יידישע שרייבער. נישט איינער איז צוגעגאַנגען צו אַט דער פֿראַגע לייכט און לייכטזיניק און בעיקר גע־פּרואווט מאַכן צו „קליין געלט״ פּרצעס השפּעה אויף זיינע מיטצייטלער און דערפֿירט עס, ווי מיר האָבן שוין געזען, בלויז צו „רבישע טישן״, צו פּרצעס קאַפּריזן, בלויז צו פּרצעס שוואַכקייטן.

עס איז אָבער קיין ספֿק נישט, אַז פּרץ, מער ווי מענדעלע און מער ווי שלום־עליכם, האָט אינספּירירט, אַרויסגערופֿן רייץ און געהאַט אַ דירעקטע שאַפֿערישע השפּעה אויף דעם וואַקסנדיקן דור שרייבער. מענדעלע איז יאָרנלאַנג געווען פֿאַררוקט אין זיין אַדעסער תלמוד־תורה און דערצו איז

ער געווען באַפֿריינדט מיט דער אָדעסער גרופּע העברעאישע און רוסיש־יידישע שרייבער, וואָס האָבן בכלל געקוקט מיט אומצוטרוי און מיט פֿרעמדקייט אויף דער וואַקסנדיקער יידישער ליטעראַטור. שלום־עליכם האָט געלעבט אין דעם רוסיפֿיצירטן קיעוו און נאָך זיין פּרואוו אַרויסצוגעבן, אין 1888־1889, זיין „יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק", האָט ער זיך צוריקגעצויגן פֿון אַ דירעקטן, שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער ייִנגערער שרייבערישער סביבה. פּרץ אָבער האָט זינט 1888 געלעבט אין דער יידישער מעטראָפּאָליע, וואַרשע. זינט דאַן איז ער געווען און וואָס־ווייטער אַלץ מער געוואָרן דער מיטלפּונקט, דער פֿאָטער פֿון די וואַקסנדיקע יידישע שרייבער.

נאָך אין 1901, ווען מ'האָט אין וואַרשע אויף אַ גרויסאַרטיקן אופֿן געפֿייערט פּרצעס יובילײ, האָבן די דעמאָלדיקע יונגע, ספּאָנטאַן, נישט אָרגאַניזירטערהייט, געזונגען פּרצן דאָס חסידיש־באַגייסטערט ליד „אונזער רביניו, רביניו".

דאָס איז געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. לויט זיין כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט איז פּרץ געווען מער אַריינגעצויגן אין קאָלעקטיווער, קולטור־געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. און פּונקט ווי ער האָט זיך כסדר געפֿונען אונטער שטענדיקע השפּעות, אַזוי אויך האָט ער געהאַט די נויטווענדיקייט צו ווירקן און באַווירקן. פּרצן האָט געצויגן צו אַן עולם, ער האָט אויפֿגעלעבט אַרום אַ פּובליקום און ליב געהאַט צו באַלעבן זיינע צוהערער. מענדעלע, ווי אויך שלום־עליכם זיינען געווען מער „יושבי אוהל" — שטוב־זיצער און פֿאַמיליע־מענטשן; פּרץ, דער אומרו, איז מיטגעריסן געוואָרן פֿון אַלץ־נייע באַקאַנטשאַפֿטן, פֿון נייע אידייען, פֿון נייע ווערק. ער איז געווען אַזוי גוט אַ תלמיד, אַ פֿלייסיקער צוהערער ווי אַ רבי, ווי אַ לערער. דאָס מוז מען געדענקען און מ'דאַרף עס באַטאָנען.

פּרץ אַליין האָט זיך געגויטיקט אין אַלץ נייע השפּעות, אין אַלץ נייע באַגעגענישן, יעדער נייער שרייבער איז גלייכצייטיק געווען פֿאַר פּרצן אַן אָנרעגער, אַ אָנזאָגער פֿון עפּעס נייעס.

ה. ד. נאָמבערג, אַ מקורב צו פּרצן זיינע לעצטע 18 יאָר, זאָגט אין זיין אַרטיקל איבער פּרצן: „... פּרץ איז דער פֿירער פֿון דער תקופֿה, ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן: דער מיטלפּונקט פֿון דער תקופֿה, אַ צענטער פֿון השפּעות. אַלץ שפּיגלט זיך ביי אים אָפּ און שטראַלט צוריק, אַזוי ווי אַ ברען־גלאָז. ער איז ניט קיין גרינדער פֿון אַ ליטעראַרישער שולע, ווייל ער איז ביז צום לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן געווען אַ זוכער און אַ שטרעבער, ער האָט שטענדיק איבערגעשפּרונגען פֿון סטיל צו סטיל. דער ליטעראַ־

רישער דור אָבער, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום אים, זיינע תּלמידים, זיינען ניט געגאַנגען אין זיינע דרכים. כּמעט יעדער פֿון זיי האָט זיין אויסגעטראָטענעם וועג, זיין געביט און זיין סטיל. פּרץ איז געווען — אַ פֿאָטער פֿון אַ ליטעראַרישער משפּחה". („פּעליעטאָגען", וואַרשע, 1924, ז' 170).

אָט דערציילט י. אָפּאָטאָשו: „... וויפֿיל ליבע און דרך ארץ בית־המדרש־בחורים האָבן צו יידישע שרייבער? פּונקט ווי חסידים שמועסן מיט יראה וועגן זייערע רביים, אַזוי שמועסן די בית־המדרש־בחורים מיט ליבע און גלויבן וועגן די יידישע שרייבער. יעדער שרייבער ווערט אין אַ פּויליש שטעטל נאָך ביי זיין לעבן פֿאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדע. די טאַטעס זיצן אויף די קלעצער, וואָס זיינען צעוואָרפֿן אין הויף פֿון „שטיבל" און שמועסן מיט גרויס כּוונה, פֿיל מאָל מיט אַ ברען פֿון אַ קאָצקער, פֿון גערער, און די זין שפּאַצירן אַרום שטאָט־גאָרטן אין ברייטע שורות און מיטן זעלבן ברען און ליבע שמועסן זיי וועגן פּרצן, אַשן און נאָמבערגן"...

י. אָפּאָטאָשו שרייבט: „פּרץ איז געווען דער ערשטער יידישער קינסט־לער ביי וועמען מען האָט געקענט עפּעס לערנען און מען לערנט ביי אים נאָך היינט. אָן פּרצן וואָלטן מיר געהאַט אַן אַנדער ליטעראַטור. אין פּרצעס דרכים גייען נאָך ביזן היינטיקן טאָג, יעדער אויף זיין שטייגער, די באַ־דייטנדיקע יידישע שרייבער".

די פֿאַרערונג פֿאַר פּרצן, די פּיעטעט פֿאַר זיין גייסט, דער יראת־הכּבוד פֿאַר זיין שאַפֿן און פֿאַר זיין פּערזענלעכקייט האָט ניט איין מאָל אַרויסגערופֿן שטאַרקע קעגנעריי און פֿאַרביטערונג. און די התנגדות, ווי די פֿאַרהערלעכונג, איז געווען אַ פֿאַרשיידנאַרטיקע, געקומען פֿון פֿאַר־שיידענע זייטן און צוליב פֿאַרשיידענע מאָטיוון.

מען האָט פֿאַרזען די נאַטירלעכע און אָרגאַנישע צוגעבונדנקייט צו פּרצן און פֿאַלש אויסגעטייטשט די פּיעטעט פֿאַר פּרצן וואָס איז געווען ביי דער יידישער יוגנט אין יענער צייט. י. ד. בערקאָוויטש גיט איבער איינעם אַ געשפּרעך צווישן שלום־עליכם און בעל־מחשבות, ביי וועלכן ער איז בייגעווען (אין ווילנע, 1905): „בעל־מחשבות האָט אַ פֿרעג געטאָן שלום־עליכמען אין אַ שפּאַס: צי וויל ער גאָרנישט שאַפֿן אַרום זיך אַ „שולע" פֿון יונגע בעלעטריסטן, וואָס זאָלן גיין אין זיינע וועגן?" דערויף האָט שלום־עליכם געענטפֿערט: „ניין! איך בין ניט קיין גוטער ייד און האַלט ניט פֿון פּראַווען טישן און וויל ניט, אַז חסידים זאָלן פֿון מיר כאַפּן שיריים. איך לאָז איבער די אַרבעט פֿאַר פּרצן!"... י. ד. בערקאָוויטש גיט איבער, וואָס שלום־עליכם האָט דאָן געזאָגט: „פּרץ פּראַוועט טישן, ווייל ער איז

אין גרונט מער חסידישער רבי ווי שרייבער. און ניט פֿון אונזערע פּשוטע ואָלינער גוטע יידן, ווי אַ שפּאָלער זיידע, אָדער אַ רבי לוי יצחק באַר־דיטשעווער, וואָס זיינען אַליין געווען פֿאָלקס־מענטשן און דאָס פֿאָלק האָט זיי פֿאַרשטאַנען, נאָר פֿון דעם פּוילישן טיפּ — אַ מין גערער. ער איז אַ בעל־גאווה קעגן פֿאָלק, האַלט זיך מיטן פֿאָלק מעשה פּריץ, רעדט מיט אים ניט אויף זיין שפּראַך, נאָר זאָגט פֿאַר אים „תורה" — פֿון מיט כוונות, מיט רמזים, מיט פֿינטעלעך... רינגלט זיך אַרום מיט יונגעלייט־חסידים, צווישן זיך אַ סך גאַרנישטן, פֿליאַסקעדריגעס, וואָס באַמקען־צו צו יעדן האַלבן וואָרט זיינעם, קומען אַריין אין קעלבערנע התפּעלות פֿון יעדן וואונק זיינעם, פֿון יעדן קנייטש מיטן ברען: „אי־אי, פּלאי פּלאים!"... פֿאַר דער יונגער יידישער בעלעטריסטיק איז עס אַ געפֿאַר, וואָס פּרץ ווערט איר וועגווייזער, ווייל ס'איז נאָך אַ ספק, צי פּרץ אַליין איז אַ בעלעטריסט". (שלום־עליכם־בוך, ז' 158).

אָט די טענות און פֿאַרוואורפֿן אויף פּרצעס אַדרעס האָבן נישט אויפֿגעהערט אין פֿאַרשיידענע צייטן. מען האָט גענומען פֿאָדערן אַ רעוויזיע, אַן איבערשאַצונג פֿון פּרצן און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור.

„אַ רעוויזיע פֿון פּרצעס פֿאַרנעם אין דער יידישער ליטעראַטור איז די היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿון דער מאָדערנער קריטיק, — שרייבט מ. גראָס, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן אַראָפּצורייסן די קרוין פֿון פּרצן. — „דער גאַנצער לעבעדיקער אָרגאַניזם פֿון דער יידישער ליטעראַטור — זאָגט ער — האָט נישט געקאָנט פֿאַרדייען די אינטעליגענטישע מוח־אויסטריקעניש פֿון זיינע (פּרצעס) ליטעראַרישע הלוואות, די קונציק־געמאַכטע פּאָעטישע סוראָגאַטן, מיט וועלכע ער האָט פֿאַרמוטשעט איר געזונטע נאַטירלעכקייט און אין וועלכע דאָס פֿאָלק האָט נישט געוואָלט אַריינלייגן אַפֿילו אַ ברעקל גייסטיקע ענערגיע"... („ליט. בלעטער", 1927).

דאָ איז אין אַ נייער אויפֿלאַגע איבערגעחזרט דאָס, וואָס דוד פֿרישמאַן האָט נישט אויפֿגעהערט צו שרייבן וועגן פּרצן. אַליין נישט געקאָנט שאַפֿן אַ לעבעדיקן, שאַפֿערישן קאָנטאַקט מיט די לעבעדיקע שאַפֿנדיקע מאַסן, אַליין פֿאַררוקט אין התבודדות און אָנגעוויזן אויף אייגענע מאַטערנישן, האָבן זיי נישט געקאָנט צוזען די התלהבות, די באַגייסטערונג, וואָס איז געווען אַרום פּרצן סיי פֿאַר זיין לעבן און אויך נאָך זיין אַוועקגיין. איז אַנשטאָט מודה זיין זיך אין אייגענער אומבאַהאָלפֿנקייט, האָט מען געהאַלטן אין אָנפֿאַלן אויף פּרצן און אויף זיינע גייסטיקע תלמידים.

און טאַקע וועגן דער „רבישאַפֿט" פֿון פּרצן, וועלכער האָט געהאַלטן — ווי מ'וויל אונז איינשמועסן — אין איין זוכן פֿאַר זיך גלויביקע „חסידים".

גראַד פּרץ איז גאַרנישט מעשה־רבי געווען אַזוי זיכער און פֿאַרגלויבט אין זיך. ווען ער שרייבט אָן עפּעס אַ זאַך, וויל ער גאָר הערן אַ מיינונג פֿון אַנדערע און איז גערן צו פֿאַרנעמען קריטיק. אַט שרייבט ער אַ בריוו צו ח. נ. ביאַליק (יאַנואַר 1906) און פֿרעגט ביי אים: „האָט איר געלייענט מיין פּאָעמע? — אויב נישט, לייענט איבער און טיילט מיר מיט אייער מיינונג". אין אַ צווייטן בריוו דערציילט פּרץ, אַז ער האָט אָנגעשריבן „חורבן בית צדיק" און ער גיט צו: „איך האָב קיינעם נישט, וועמען פֿאָרצולייענען, און איך האָב נישט ליב עפּעס צו דרוקן, איידער איך באַראָט זיך און זע נישט אָפּריער וואָס פֿאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף אַ יודע ספר". און אַט בעט ער זיך ביי ביאַליקן: „איך וויל וויסן אייער מיינונג וועגן „ליבע" [פּרצעס אַ פּאָעמע אין פֿערזן—נ. מ.]". און אין אַן אַנדערן בריוו שרייבט ער צו ביאַליקן: „איר וואונדערט זיך, וואָס איך פֿרעג אייך אייער מיינונג וועגן מיינע שאַפֿונגען. איר וועט זיך נאָך מער וואונדערן, ווען איך וועל אייך פֿרעגן: זאָגט מיר, וואָס בין איך און ווער בין איך? איך בין אין שטענדיקן צווייפֿל". („בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ", ז"ז 226-223). און אַט בעט ער זיך אין אַ בריוו ביי דוד פּינסקי, ער זאָל איבערלייענען זיין פּאָעמע „דער נסיון", וואָס ער האָט געשיקט קיין אַמע־ריקע צום אויפֿפֿירן און ער בעט זיך: „לעזט זי דורך און שרייבט מיר אייער מיינונג. נאָר ווי אַמשנעלסטן. איך וויל די דראַמע לאָזן דרוקן און איך האָב ליב אויסצוהערן קריטיק. און, אויב זי האָט רעכט, נאָכצוגעבן. נאָכן דרוק — קאַפּוט. בלייבט פֿעלער — פֿעלער". (דאָרט, ז' 235). און מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער שרייבט פּרץ אין אַ בריוו: „אייער קריטיק איז ריכטיק: דער דריטער אַקט איז עפּיזאָדאַריש" (ז' 237). און פּרץ האָט אַפֿילו אָפּגעמאַכט מיטן טעאַטער־דירעקטאָר, אַז „טאָמער געפֿעלט די דראַמע פּינסקין אַלץ נישט", וועט ער אָנשרייבן „אַן אַנדער זאַך פֿון לעבן". אַ „רבי", וואָס זיין יעדעס וואָרט איז פֿאַר אים גופֿא קודש־קדשים, איז נישט אַזוי אומזיכער אין זיך, אין זיינע מעשים.

און אַט סאַר אַ מענטשלעכן, פּשוט־מענטשלעכן צוגאַנג פּרץ פֿאַר־לאַנגט מ'זאָל האָבן צו שרייבער: „... עפֿנטלעך קריטיקירט דאַרפֿן ווערן אַלע און פֿריער פֿאַר אַלע — דער שרייבער. ווער עס רעדט צום פּובליקום, געהערט צום פּובליקום. דאָס פּובליקום האָט רעכט צו פֿאַרלאַנגען, מען זאָל פֿון צייט צו צייט אַראָפּציען דעם טלית פֿון די וואָס שטייען ביים עמוד, ביים שולחן און ווייזן אים, ווער עס בעט פֿאַר אים, ווער עס בלאָזט אים שופֿר!" (י. ל. פּרץ — אויפֿזאַצן און פֿעליעטאָנען, ז' 178).

אַזוי רעדט פּרץ און דאָס זיינען זיינע פֿאָדערונגען צום שרייבער, וואָס פֿריער פֿון אַלץ דאַרף ער זיין מענטש, אַפֿענער מענטש, מיט אַחריות פֿאַר מענטשן.

און צו וואָס זיך אַריינלאָזן אין ווייטערע דיסקוסיעס מיט נישט־פֿאַר־גינער און סתם־פּלאַפּלער. לאָמיר בעסער זיך צוהערן צו די רייד פֿון פּרצעס מיטצייטלער, פֿון זיינע נאָענטע קאָלעגן אָדער תּלמידים, וואָס זיינען געווען אויפֿגעמונטערט דורך אים צו שרייבן.

עס שרייבט שלום־עליכם וועגן פּרצן (אין זיין אַרטיקל „אַ וואָך מיט פּרצן", 1915): „פּרץ איז געווען צייטנווייז קאַלט ווי אייז, שטרענג ווי אַ רבי און שניידנד ווי אַ מעסער. „שטיוול פּוצן!" — האָט ער געקאָנט געבן אַ שנייד־אָפּ אַ יונג אַ גראַמענמאַכער, וואָס איז געקומען צו אים מיט אַ „בינטל פּאָעזיע", אַזוי אַז יענער האָט נישט געוואוסט וואו אַ טיר עפֿנט זיך. און צוריק, האָט ער אָנגעשמעקט, אַז ס'איז דאָ אַ טאַלענט — האָט ער אים אויפֿגעהויבן ביז צום הימל און האָט אָנגעזאָגט דורך דינעזאָנען אַ בשורה אין שטאָט, אַז ס'איז געבוירן געוואָרן ביי יידן אַ שעקספּיר, אַ ישעיה הנביא, אַ משיח! (באַנד „יידישע שרייבער", ז' 75).

און לאָמיר הערן וואָס יהואש שרייבט וועגן פּרצן: „... דער גרעסטער טייל פֿון די יידישע שריפֿטשטעלער פֿון זיין דור, דער דור וואָס איז גע־קומען הינטער אים, האָט אים צו פֿאַרדאַנקען די ערשטע טריט, אָדער דאָס אונטערפּירנס. קיינער פֿון אונזערע שריפֿטשטעלער איז נישט געווען אַזאַ מעורר און באַגייסטערער פֿון יונגע אויפֿשפּראָצנדיקע טאַלאַנטן, ווי ער. געענוי רעדנדיק, איז פּרץ און נישט קיין אַנדערער דער טאַטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור. אַלע יידישע שריפֿטשטעלער זיינען אין אַ (געוויסן) זין פּרצעס תּלמידים. פּרץ האָט געבראַכט אמונה אין דער יידישער ליטע־ראַטור. ער האָט דעם בנין געזען, איידער דער פֿונדאַמענט איז געלייגט געוואָרן"... (יהואש — באַטראַכטונגען, „ליט. בל." 1925, ז"ז 49־50).

און יהואש באַטאָנט דאָס, וואָס מיר האָבן אָפֿריער געזאָגט, אַז נישט נאָר האָט פּרץ געווירקט אויף די יינגערע קינסטלער, נאָר ער איז פֿון זיי באַווירקט געוואָרן. „פּרץ — זאָגט יהואש — האָט פֿון זיינע תּלמידים געלערנט. דער וואָס גלויבט אין דער צוקונפֿט, גייט אין חדר ביי דער צוקונפֿט. לערנען פֿון תּלמידים איז דער שטאַרקסטער און זיכערסטער סימן פֿון אמונה אין דער צוקונפֿט. פּרצעס גרויסער אינטערעס אין נייע תּלמידים, די פֿרייד, וואָס ער האָט געהאַט אין אַרויסברענגען אַ יונגן, אַ נייעם, האָט אָפֿט אָנגענומען די איבערטריבענע פֿאָרם פֿון וועלן צופֿיל ענדערן, צופֿיל אַריינפֿלעכטן די אייגענע פֿעדעם אין דעם פֿרעמדן געוועב, מיט דער כּוונה

עס צו מאַכן בעסער, וואָס דאָס האָט דעם יונגן טאַלאַנט אָפֿט פֿאַרשאַפֿט נישט ווינציק עגמת־נפש" (דאַרט).

און אַט האָבן מיר נאָך אַ גבית־עדות פֿון פּרצעס אַ תלמיד, ב. גאָרין, וואָס האָט זיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט געמאַכט מיט פּרצעס הילף. אין אַן אַרטיקל באַלד נאָך פּרצעס טויט („צוקונפֿט", יוני 1915) שרייבט ער: „אין די נעקראָלאָגן האָט מען פֿיל מאָל דערמאָנט „רבי און תלמידים". דאָס קאָן מאַכן אַ פֿאַלשן איינדרוק. דער באַגריף פֿון אַ רבין מיט תלמידים איז — אַז דער רבי זאָגט און די תלמידים הערן, דער רבי איז דער אויטאָריטעט און די תלמידים בוקן זיך צו אַלץ וואָס ער זאָגט... דאָס איז נ י ט די אַטמאָספֿערע, וואָס פּרץ האָט אַרום זיך געשאַפֿן. ווי קליין אַ שרייבער איז ניט געווען, ווען ער איז אַריינגעקומען צו פּרצן, נאָר קוים איז ער פֿון אים אָנערקענט געוואָרן פֿאַר אַן אמתן טאַלאַנט, איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן יעדע אומגלייכהייט צווישן זיי. די באַציאונגען זיינען געווען ווי פֿון חברים און נישט ווי פֿון אַ רבין מיט תלמידים. די יונגע שרייבער האָבן פֿאַר אים געלייענט וואָס זיי האָבן געשריבן און אויסגעהערט זיין מיינונג און ער האָט פֿאַר זיי געלייענט וואָס ער האָט געשאַפֿן און געוואָרט אויף זייער מיינונג".

און נאָך אַ גלענצנדיקער באַווייז, מיט וואָס פֿאַר אַן ערנסט און שטרענגקייט, אָבער גלייכצייטיק מיט אַ מערקווירדיקן געדולד פּרץ האָט זיך באַצויגן צו יונגע, צו אָנפֿאַנגער, געלייענט זייערע צוגעשיקטע מאַנוסקריפּטן, אויספֿירלעך אויף זיי געענטפֿערט און אַנאַליזירט שורה נאָך שורה, וואָרט נאָך וואָרט, און ער האָט זיי נישט געשאַנעוועט און זיי שאַרף קריטיקירט. לייענט פֿאַמעלעך און אויפֿמערקזאַם די קירצערע און לענגערע בריוו, וואָס פּרץ שרייבט צו דוד יוסף קאַפּלאַן, דוד פֿאַלק, יעקב צוזמער, י. י. פּראָפּוס, א. ווייטער, ראָזאַ יאַקובאָוויטש און אַנדערע, וואָס זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט אין די „בריוו און רעדעס פֿון י. ל. פּרץ", און דאָס זיינען דאָך בריוו געשריבן אין משך פֿון אַ 18 יאָר, זינט 1891 ביז 1909. דאָס שטימט כלל נישט מיט די פֿאַלשע מיינונגען וועגן פּרצישער „רבישאַפֿט", וואָס מ'קאָן זיי נישט אַרויסשלאָגן ביז אויף היינטיקן טאָג.

און ס'ווילט זיך נאָך ברענגען עטלעכע שורות פֿון אַלטער קאַציזנע, דער דיכטער און דראַמאַטורג, וואָס איז געווען אַ אינטימער פֿריינט און אַ פֿאַרגעטערער פֿון פּרצן די לעצטע עטלעכע יאָר פֿון זיין, פּרצעס לעבן. „פּרץ — שרייבט א. קאַציזנע („ליט. בלעטער", 1935, נ' 17 — צו פּרצעס 20סטן יאָרצייט) — איז אַריין אין מיין פּערזענלעך לעבן נישט ווי אַ גרויסער דיכטער און לערער, נאָר ווי אַן אינטימער פֿריינד. ער האָט אַרויס־

געוויזן די גרויסע קונסט צו קאָנען און וועלן טיילן מיט מיר מ י י נ ע אינטימסטע ליידן, און דאָס איז נאָך וואונדערלעכער צוליב דעם ריזיקן אונטערשייד אין אונזער עלטער, אַן אונטערשייד פֿון איבער 35 יאָר...
איך פֿלעג פֿאַר אים סיסטעמאַטיש לייענען מיינע פֿעדער־פּרואוון, און ער פֿלעגט זיי סיסטעמאַטיש און קריטיש צעשמעטערן, איבערלאָזנדיק די מאַנו־סקריפּטן ביי זיך. און עס האָט מיך געוואונדערט: ביי אַזאַ אומברחמנות־דיקער קריטיק צו מיר, פֿון וואַנען נעמט זיך אַזוי פֿיל געדולד און גוטער מוט ביי פּרצן...״
עס זיינען געווען כסדרדיקע איינפֿלוסן פֿון פּרצן אויף די יידישע שרייבער, וואָס זיינען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, שרייבער, וואָס האָבן שוין פּערזענלעך פּרצן נישט געקענט, אָבער זיין ווירקונג אויף זיי איז געווען אומגעהויער. וועגן דעם האָבן מיר פֿיל, זייער פֿיל מאַטעריאַל. ס׳זיינען אינטערעסאַנט די אַרויס־זאָגונגען און שרייבערישע „אני־מאמינס״ ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן אין די אַלע יאָרן, זינט פּרצעס אַוועקגיין ביז אויף היינט צו טאָג.

און פּונקט ווי עס אינטערעסירן אונז אַלעמען די מערקווירדיקע פּראָ־צעסן פֿון פּרצעס שאַפֿן, זיינע אַלע וועגן און אומוועגן, זיינע בלאָנדזשע־נישן און התגלותן סיי פֿון אים גופֿא און סיי פֿון אַלע זיינע ווערק, — אַזוי אויך דאַרפֿן אונז אינטערעסירן און פֿאַרנעמען די אַלע פּראָצעסן פֿון דערנעענטערן פּרצן און אים דערווייטערן, פֿון וועלן איינגלידערן זיך אין אים און אַרויסטיילן זיך פֿון אים, — די אַלע פּראָצעסן, וואָס זיינען אָנגע־גאַנגען די לעצטע דרייסיק יאָר, זינט 1915 און ביז איצט. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ רייכע, זייער אינטערעסאַנטע ליטעראַטור איבער פּרצן, וואו מיר האָבן פֿאַרגאַפֿונג, באַגייסטערונג און פֿאַרגעטערונג פֿון פּרצן, פֿון זיין פּערזענלעכקייט און פֿון זיין שאַפֿן, — און גלייכצייטיק — אמת אין אַ פֿיל קלענערער מאָס — אויך לעסטערונג, ביטול און שאַרפֿע קריטיק אויפֿן אַדרעס פֿון פּרצן. און אין אָט דיביידע מיני אָפּהאַנדלונגען, אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען שפּיגלען זיך בולט אָפּ די פֿאַרשיידענע ריכטונגען און שטרעמונגען אין אונזער קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן, קינסטלעריש־ליטעראַ־רישן לעבן פֿאַר די לעצטע דריי צענדליק יאָרן.
איין זאַך איז קלאָר, און דאָס ווילט זיך איצט באַזונדערס באַטאָנען: מיר זיינען נישט פֿאַרבליבן גלייכגילטיק צו פּרצן, ער איז נאָך אַלץ — און איצט אפֿשר מער ווי ווען עס איז — דער רייצער, דער אָנרעגער, דער מיטרייסער, דער אָנצינדער.

מיט צען יאָר צוריק, אין 1935, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט אַ פֿול־בלוטיקן, לעבעדיקן און צאַפּלדיקן דריי־מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין פּוילן, מיט לעבעדיקע פּראָדוצירנדיקע יידישע קיבוצים אין ליטע, לעטלאַנד, רומעניע, — דאַן, אין 1935, האָט זיך געעפֿנט דער פּרץ־נומער פֿון די „ליטעראַרישע בלעטער" צו פּרצעס צוואַנציקסטן יאָרצייט מיט אַן אַרטיקל: „פּרץ לעבט מיט אונז". איך האָב דאָרטן געשריבן:

„צוואַנציק יאָר נאָך פּרצעס טויט.

איז עס דען אַ ריכטיקע באַצייכענונג פֿאַר דעם אָרט, וואָס פּרץ פֿאַרנעמט אין אונזער יידיש־יידישיסטישן לעבן, און צו דער ראָלע, וואָס זיין שאַפֿן שפּילט אין אונזער קולטור־וועלט? קאָן מען דען די צוואַנציק יאָר פֿון פּרצעס אַוועקגיין — זינט 1915 ביז דעם איצטיקן טאָג — באַצייכענען ווי צוואַנציק יאָרצייטן? בשום אופֿן נישט. נישט קיין צוואַנציק יאָר זינט פּרץ איז געשטאָרבן פֿייערן מיר איצט, נאָר, אדרבא, צוואַנציק יאָר פֿון פּרצעס אינטענסיוו און פּרוכפּערדיק לעבן. אין די צוואַנציק יאָר האָט פּרץ אין זיין שאַפֿן זיך אַלץ מערער צעוואַקסן, רייפֿער געוואָרן און געגעבן אַן אַ שיעור פֿרישע פֿרוכטן.

איצט, צו דער דאַטע פֿון צוואַנציק יאָר, וואָלט געווען ביז גאַר וויכטיק אונטערצופֿירן אַ גרויסן סך־הכל צו גאַר דער שאַפֿערישער טעטיקייט פֿון פּרצן אין דער יידישער קולטור־וועלט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גראָד פֿון 1915 און זיך באַזונדערס צעוואַקסן אין דער צייט פֿון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע. דער לעבעדיקער פּרץ־גייסט, די גרויסע פּרץ־געשטאַלט האָט סטימולירט צום שאַפֿן אונזער גאַנצן דור, זי האָט באַפֿליגלט אַלע אונזערע וויכטיקע אויפֿטוען אויף די פֿאַרשיידענע קולטור־געביטן. פּרץ איז געווען דער עמוד האש, נאָך וועמען עס האָבן זיך געצויגן די יידישע שאַפֿער און קולטור־קעמפֿער אין דעם מדבר פֿון אונזער יידישערווירקלעכקייט. די פּרץ־זוימען זיינען כּסדר געפֿאַלן אויף דעם יידישן באָדן און ס'זיינען אויפֿגעגאַנגען שפּראָצונגען און ס'זיינען צייטיק געוואָרן געוויקסן. עס וואָלט געווען אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע נאָכצוזוכן און אויסצוגעפֿינען די פּרץ־עלעמענטן אין די אַלע וויכטיקע קולטור־טואונגען. נישט אומזיסט איז פּרצעס נאָמען פֿאַרבונדן מיט פֿיל קולטור־אינסטיטוציעס אין גאַר דער יידישער וועלט, — שולן, ביבליאָטעקן, אויסגאַבעס, דראַמאַטישע קרייזן. עס איז נישט געווען בלויז פּיעטעט־באַציאונג און פּיעטעט־באַצייכענונג. פּרץ האָט געהאַלטן אין רייצן און רעגן דעם יידישן שאַפֿערישן געדאַנק, און האָט וועד פֿון יידישע דיכטער, שוישפּילער און קינסטלער געוואָלט קלעטערן אויף נישט־געדאַכטע הויכן, האָט ער געזוכט אַנהאַלט

און אינהאַלט ביי פּרצן. פּרץ האָט באַרייכערט און דערהויבן דאָס יידישע שאַפֿן, און אויך דאָס יידישע שאַפֿן האָט אונז פֿאַר דער־אַ צייט געגעבן אַ נייעם, פֿאַרגאַנצטן, פֿאַרטיפֿטן פּרץ. במשך פֿון די צוואַנציק יאָר האָבן מיר אַרויסגעשלאָגן נייע מאָטיוון, נייע קלאַנגען און אַרויסאַנטפּלעקט נייע וועלטן אין פּרצן און אין זיין שאַפֿן"...

און דעם אַרטיקל האָבן מיר געענדיקט מיט די ווערטער: „פּרץ מיט זיין שאַפֿן האָט געהאָלפֿן געפֿינען דעם סינטעז פֿון יידישן און וועלטלעכן, וואָס אונזער דור איז פֿאַרנומען געווען צו געפֿינען אים. פּרץ האָט אַריבער־געוואָרפֿן בריקן צווישן דעם אַמאָל און היינט, און אויף אָט די בריקן זיינען מיר מיט אונזער יידישן שאַפֿן זיכערער געגאַנגען צום מאָרגן. נישט קיין צוואַנציק יאָר נאָך פּרצעס טויט, נאָך פּרצעס אוועקגיין פֿון אונז פֿייערן מיר איצט, נאָר פֿאַרקערט — צוואַנציק יאָר פֿון פּרצעס לעבן און מיט־לעבן מיט אונז באַצייכענען מיר איצט. פּרץ איז מיט אונז, פּרץ לעבט מיט אונז!" („ליט. בלעטער", נ' 17, 1935).

און עס ליגט פֿאַר מיר נאָך אַ נומער „ליטעראַרישע בלעטער", שוין מיט פֿיר יאָר שפּעטער, פֿון אַפּריל 1939, איינער פֿון די לעצטע נומערן ערב דעם אַריינדרינגען פֿון די דייטשישע בעסטיאַלישע מערדער, און ווידער אַן אַרטיקל, וואָס עפֿנט דעם נ' 12 (775) פֿונעם וואָכנשריפֿט, און דער נומער, ווי ס'איז שוין געווען די טראַדיציע זינט יאָרן, הויבט זיך אָן מיט אַ געדענק־אַרטיקל צו פּרצעס 24טן יאָרצייט, געשריבן פֿונעם שטילן, האַרציקן, פֿיינפֿילנדיקן דיכטער און עסייאיסט ש. זאַראַמב (ווער ווייסט וואו ער איז איצט?) אונטערן נאָמען „דאָס ליכט פֿון עקסטאַז", אַן אַרטיקל, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט טיפֿן טרויער און גלויבן, מיט אומרו און התלהבות. עס ווערט געשילדערט „די בייזע פֿינסטערע צייט פֿאַר די מאַסן־ישובים פֿון די אייראָפּעאישע יידן", וואָס האָט זיך געצויגן די גאַנצע צייט פֿון פּרצעס ליטעראַרישער טעטיקייט. און ס'ווערט ריכטיק באַטאָנט, אַז „עס איז נויטיק געווען די גרויסע, שטאַרקע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל אָנצינדן אַ פֿייער פֿון התלהבות און אַ גלויבן אין אונזער אמתער גייסטיקער, נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, וואָס מ'קאָן נישט אומברענגען"...

„עס זיינען געווען — שרייבט ש. זאַראַמב — גרויסע קינסטלער, גרויסע שריפֿטשטעלער, זייער וואָרט האָט געקאָנט אויסשפּילן אַלע גאַמעס פֿון אונזער פֿרייד און טרויער — אָבער קיינער האָט נישט אויפֿגעהויבן אַזוי דאָס געמיט ווי פּרץ; קיינער האָט נישט אַזוי העל אָנגעצונדן אונזערע חלומות, אונזער אייגנטלעכסטע ווירקלעכקייט ווי ער. אונטער זיין האַנט האָבן ווידער אָנגעהויבן בליען אונזערע אינטימסטע טרוימען, וואָס מיר

האָבן מיטגעטראָגן מיט זיך אין דעם טראַגישן נע־ונד פֿון אונזער געשיכטע; אונטער זיין כּישוף האָבן אַנגעהויבן לעבן אונטער דער זון פֿון העלן איידאָפּעאישן ראַציאָנאַליסטישן בייטאָג אונזערע רײנע, דערהויבענע און טיף־מענטשלעכע אידעאַלן. פֿאַר אונזער יוגנט האָט פּרץ אַוועקגעשטעלט די גרויסע שיינקייטן און טיפֿערע פֿרייד און זין פֿון מסירת־נפֿש און גלויבן...״

און אָט זיינען די לעצטע פּאָר שורות פֿון דעם התלהבותדיקן, טיף־טרויעריקן און דערהויבענעם אַרטיקל, געשריבן זומער 1939, ווען די נאַצישע היצלעס האָבן שוין אויסגעאַרבעט זייערע פֿינסטערע פּלענער אומצובררענגען און אָפּצואווישן פֿון דער ערד אַלע יידן, דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק: „הייגט לעבן מיר ווידער איבער אַזאַ שווערע צייט ווי דאַן, ווען פּרץ איז געשטאָרבן. מיר דאַרפֿן ווידער געשטאַרקט ווערן אין אַ גלויבן, כּדי אויסצוהאַלטן, כּדי איבערצוּוואַרטן. מיר מוזן ווידער פֿאַרציען איבער אונז פּרצעס הימל פֿון די אַלטע גרויסע פֿאָלקס־אידעאַלן פֿאַר אונז און פֿאַר דער וועלט״.

דאָס איז געווען דער לעצטער גרויסער חשבון, דאָס איז דער לעצטער קאָנטאַקט פֿון דער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענץ און מאַסע אין פּוילן מיט פּרצן, וואָס האָט געגעבן גלויבן, וואָס האָט געלויכטן און געטרייסט און געמונטערט אויך אין די סאַמע גרויזאַמע, מוראדיקע טעג פֿון נאַצישער הערשאַפֿט און נאַצישער אויסראָטונג פֿון די עטלעכע מיליאָן יידן אין אייראָפּע. איז דעריבער פּרץ אונז אַלעמען איצט נאָך טייערער, נאָך דערהויבענער, נאָך נענטער.

טויט און לוויה

די לעצטע פּאָר יאָר פֿון פּרצעס לעבן זיינען געווען שווערע, טרויעריקע. אין פּוילן האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿלאַקערט אַ נייע שנאה און פֿאַראַכטונג צו יידן. אַנטיסעמיטיזם, באָיקאָט, מיאוסע אָנפֿאַלן און דראָאונגען פֿון די פּאָליאַקן קעגן די יידישע מאַסן. צווישן דעם אַלגעמיינעם כאָר פֿון באַליידיקונגען און העצערייען האָט זיך זעלטן געהערט אַ שטימע פֿון אַ פּראָגרעסיוון פּאָליאַק. אויך די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך געשראָקן אָפֿן און דרייסט קעגנשטעלן זיך קעגן דעם אַלץ־וואַקסנדיקן יידן־האַס, וואָס האָט פֿאַרסמט די מוחות פֿונעם פּוילישן פֿאָלק, פֿון דער פּוילישער יוגנט.

און אַט ברעכט אויס דער וועלט־קריג, און די געגנטן אַרום וואַרשע זיינען די ערשטע אויפֿן פֿייער. צו די אַלע שלעק און פּורעניות, וואָס די באַפֿעלקערונג האָט אויסצושטיין אין די ערשטע חדשים פֿונעם מוראדיקן קריג, קומען די ספּעציעלע צרות און אומגליקן אויף דער שוצלאָזער יידישער מאַסע. כּדי צו פֿאַרבאַהאַלטן די קלעפּ, וואָס די צאַרישע אַרמיי קריגט, כּדי אָפּצואווענדן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אַלע מפּלות, געפֿינט מען דעם „שעיר לעזאזל", דעם ייד, און מען פֿאַבריצירט כלערליי בלבולים, מסירות אויף דער היימישער יידישער באַפֿעלקערונג, מען באַשולדיקט זי אין שפּיאָנעריי. ס׳קומען גזירות און אַרויסשיקונגען פֿון יידישע מאַסן פֿון זייערע וואוין־ערטער אַרום די פֿראָנטן.

וואַרשע ווערט דאַן דער „עיר־מקלט" פֿאַר צענער טויזנטער יידישע היימלאָזע, וואָס זיינען מיט ווייב און קינד, מיט דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע האָב און גוטס, געלאָפֿן וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן און געזוכט אַ שוץ אין דער גרויסער יידישער שטאָט. דער גרויסער הויף פֿון דער וואַרשעווער גמינע, אויף גזשיבאָווסקע 26, איז געוואָרן דער „יאָמער־טאָל", וואוהין עס האָבן זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט די באַליידיקטע און דערנידעריקטע, די פֿאַראומגליקלעכטע יידישע מאַסן. פּרצן איז באַשערט געווען צו זיין אַן עדות, אַליין צוצוזען כּסדר פֿון זיין פֿענסטער אין דער גמינע, די דערשראָקענע, צעפּלאָשעטע מאַסע, די פֿאַרצווייפֿלטע און פֿאַרהונגעריקטע.

פּרץ וואַרפט זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דער הילף־אַרבעט, ער העלפט אָרגאַניזירן אָרעמע קיכן, ער אָרדנט איין קינדער־היימען, ער שאַפט לידעלעך פאַר די קינדער. ער שענקט אַוועק פון זיין היים פאַר די „באַזאַרס" לטובת די באַדערפטיקטע די שענסטע מתנות, וואָס ער האָט אין פאַרשיידענע צייטן געקראָגן.

דער מוראדיקער פאַלקס־אומגליק האָט אים אינגאַנצן צעטרייסלט, ער געפינט זיך קיין אָרט ניט. דאָס גרויסע האַרץ האַלט נישט אויס, און שבת, דעם דריטן טאָג חול־המועד פּסח, דעם 3טן אַפּריל 1915, האַלב 9 אינדערפרי, איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע.

פּרצעס פלוצימדיקער טויט ווערט איבערגעגעבן דורך זיינע נאָענטע פאַרשיידן. ראָזע לאַקס־פּרץ, אַ קוזינע פון פּרצן, גיט איבער וועגן פּרצעס לעצטע מינוטן:

„... גאַר פרי, ווי געוויינלעך, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזעצט זיך צום טיש אַרבעטן. (איך האָב געזען זיין לעצטע שריפט, אויף די לעצטע ווערטער האָב איך באַמערקט, אַז די האַנט האָט ביי אים געציטערט, ווען ער האָט זיי געשריבן „שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער". מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרגעפיל פון נאָענטן טויט, און די ווערטער האָבן מיר אויסגעזען ווי מידע). ער איז דעמאָלט נישט לאַנג געזעסן ביים שרייבטיש — האָט זיך געפילט נישט גוט און איז אַריין אין שלאָפצימער, כדי צו זאָגן דאָס דער פרוי. נאָכדעם איז ער אַריין אין קיך בעטן דאָס דינסטמיידל וויקטאָ אַ גלאָז מילך און דערביי איר געזאָגט, אַז די פּלייצע טוט אים שטאַרק ווי. אין עס־שטוב האָט ער געעפנט די באַלקאָן־טיר (ס'האָט אים געפעלט לופט). כדי זיין אייניקל זאָל זיך נישט פאַרקילן, האָט ער אים אויפגעוועקט און געהייסן לייגן זיך אין זיין בעט אַריין. דערנאָך איז ער צוריק אַריין צו זיך אין קאַבינעט און ביי דער טיר שווער אַנידערגעפאַלן.

די פרוי פּרץ האָט דערהערט דעם קלאַפּ און איז אַריין אין קאַבינעט. פּרץ איז געלעגן אויף דער פאַדלאָגע מיטן פּנים אַראָפּ. זי האָט אַריינגע־רופן לוציאַנען (פּרצעס זון), אוןביידע האָבן אים געפּרוּווט אויפהויבן, אַריינגיסן אין מויל אַריין ווייַן, סאָק (פּרץ האָט נאָך געאָטעמט). נאָר דער ווייַן האָט זיך צוריק אַרויסגעגאָסן.

פּרץ איז אין עטלעכע מינוט אַרום געשטאָרבן..."

ה. ד. נאָמבערג שרייבט אַזוי וועגן פּרצעס טויט:

„... פלוצלונג, אומגעריכטערהייט איז ער פאַרשוואונדן, אַזוי ווי עס ווערט פאַרלאָשן פלוצלונג אַ מעטעאָר. דער טויט פון דעם וואונדער־

באַרן מענטש און גרויסן דיכטער איז אַזוי ענלעך אויף זיין לעבן און שאַפן.

די וואַכעדיקייט און גראַקייט זיינען געווען די גרעסטע שונאים פון פרצן. ער האָט זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן נישט אין זיין שאַפן, נישט אין פריוואַטן לעבן, נישט אַפילו (וואו, לײדער, זיי זיינען אומפאַרמיידלעך) אין דער פּאָליטיק, און דער טויט זיינער האָט נישט געקאָנט זיין קיין גראָער און וואַכעדיקער. פרץ, אַן אָפּגעשוואַכטער פון דער עלטער, פרץ אויפן קראַנקן־בעט; פרץ, וואָס זאָל אָפּשטאַרבן מיט אַ געוויינלעכן „קץ כל בשר" — דאָס וואָלט געווען אַ דיסאָנאַנס און אַן אומזין.

פרץ איז געשטאָרבן אין אַ וואונדערבאַרער העלקייט פון גייסט, אין די פרימאָרגן־שטונדן, ווען ער האָט אַזוי ליב געהאַט זיין באַקוועמען אַרבעטס־טיש און זיין שאַפערישע אַרבעט, אין מיטן אַ געזאַנג, ווען די ערשטע שטראַלן פון דער פרילינג־זון האָבן זיך אַריינגעשלאָגן אין זיין אַרבעטס־צימער.

ער האָט זיך אַ רגע אויפגעהויבן פון בענקל און איז . . . געפאַלן טויט, פון אַ האַרץ־שלאַג.

דאָס ליד איז נישט דערזונגען." — — („היינט", אַפּריל 1915).

אַלטער קאַציזנע (אין זיין אַרטיקל „שאַטנס", צו פרצעס 20טן יאָרצייט, „ליט. בלעטער", 1935, נ' 17) טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן פון פרצעס טויט:

„געשטאָרבן פרץ. זיך אָוועקגעזעצט ווי אַ קינד אויפן דיל און — געשטאָרבן. און פאַרן טויט האָט ער זיך געשפּילט אין גראַמען:

שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער . . .

מיט אַ האַרטן בלייפעדער איינגעקריצט אויף שמאָלע פּאַסיקלעך פּאַפּיר. אַזש אויף עטלעכע אונטערשטע בייגעלעך זעט זיך די איינקריצונג. דאָס איז, ווייזט אויס, געווען אַן אָנהויב אָדער אַ רעפריין פאַר אַ ניי לידל פאַר זיין נייעם קינדער־היים . . ."

דער אומגעריכטער טויט האָט אויפגעטרייסלט די יידישע וואַרשע. ס'שרייבט פ. כ"ץ אין ווילנער „די וואָך": „. . . ווער ס'האָט אַליין נישט איבערגעלעבט די גרויסע טרויער־טעג פון פרצעס טויט אין וואַרשע, וועט אפשר קיינמאָל נישט וויסן אינגאַנצן ווער און וואָס י. ל. פרץ איז געווען פאַר דער יידישער גאַס. די טרויעריקע אומגעריכטע בשורה־ווערטער האָבן פון שבת אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט ווי איילנ־דיקע דערשראָקענע שאָטנס געשוועבט איבער טויזנטער ליפּן: פרץ איז

טויט!... אין די יידישע רעדאַקציעס האָט מען געמוזט אָנטקעגנשטעלן עקסטרע מענטשן ביי די טעלעפאָנען אַפּצוענטפערן טויזנטער ציטערדיקע שטימען, וואָס האָבן אין אַ צעבראָכענעם אָדער פאַרוואונדערטן פראַגע־טאָן אַרויסגעשריען וועגן פּרצעס טויט...

„צו דער לוויה — דערציילט פּ. כ"ץ — האָבן נישט געפעלט קיין דעלע־גאַטן פון איין יידישער חברה און אינסטיטוציע, — פון די חסידישסטע ביז די פרייסטע און אַפילו האַלב־אַסימילירטע, אויסער דער יידישער גמינע און אירע באַאמטע... די גאַנצע פוילישע פּרעסע האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט נישט פּרצעס שטאַרבן און נישט זיין לוויה".

און אַט — די לוויה. ה. ד. נאָמבערג שרייבט:

„... טויזנטער און צענדליקער טויזנטער זיינען געגאַנגען פון פאַרנט דער מיטה און פון הינטן — שטום, אָן ווערטער און אויסדרוק, בלויז אַ שוואַרצע מיטה האָט מען געזען אויף אַקסלען פון מענטשן. טויזנטער האָבן זיך געדריקט און געפּרעסט ביז צום אָפענעם גרוב, וואָס האָט געוואַרט אויפן שוין־צוגעשלאָגענעם אָרון. אַ שוואַרצע, געדיכטע, פון דערשטיקע־ניש אויסגעמאַטערטע מענגע אַסיסטירט ביי דער שרעקלעך־שרעקלעך פּראָסטער צערעמאָניע פון אַראָפּלאָזן דעם אָרון. אויף אַלע ביימער זיינען געהאָנגען מענטשן.

און ווידער זיינען מיר אַלע געווען שטום, שטום, שטום...

שרעקלעך יידיש, שרעקלעך פאַרמלאָז איז געווען די לוויה פון י. ל. פּרץ. גראַנדיעז, אָבער אָן פייערלעכקייט, אָן רעדעס, אָן בלומען און אויפ־שריפטן און... אָן אָרדענונג. הונדערט טויזנט מענטשן זיינען געגאַנגען נאָך דער לוויה, הונדערט טויזנט טרויעריקע".

א. קאַציזנע גיט איבער: „די לוויה ציט זיך אויף עטלעכע גאַסן אין דער לענג. יוגנט, בלוי־ווייסע און רויטע — האַלטן אַ קייט... בלוי־ווייסע און רויטע... אויף איין לוויה! אַט ברעכט זיך די קייט. אַט ווערט אַ טומל. אַן אויטאָ מיט שיכורע פּריצים זיך אַריינגעריסן אין דער יידישער לוויה. אַן דער־אַ לעצטער פאַרשוועכונג וואָלט אַ יידישער דיכטער נישט אויס־געקומען!..."

און ה. ד. נאָמבערג דערציילט:

„נאָך אַ מינוט, צי צוויי, איידער די ביז צו שווידערלעכקייט פּראָסטע קבורה איז פאַרגעקומען, איז די אונטערגייענדיקע זון אַרויס פון אונטער די וואָלקנס — אַ גרויסע, קיילעכדיקע, רויטע, אַזוי ווי אַן אויג, וואָס קוקט איבער אַלע לענדער, דורות, און האָט פאַרשפּרייט אַ מאָדנע טרויעריק־האַרציקן אָפּגלאַנץ אַרום.

און דאָס איז געווען דער איינציק־פֿייערלעכער מאָמענט אין דער טרויעריק־פּראָסטער צערעמאָניע.

אויף דעם טויטן פּנים פֿון דיכטער זיינען די לעצטע שטראַלן נישט געפֿאַלן, דער אָרון איז געווען פֿאַרשלאָגן נאָך אין דער היים.

די זון איז ווידער פֿאַרגאַנגען און ווידער איז געווען קיל און שוי־דעריק, די מענגע האָט געדרענגט פֿון איין זייט צום קבר, און פֿון קבר האָט מען געשטופּט צוריק — שוין נאָך אַלעם — אַהיים...״

מיט צען יאָר שפּעטער, דעם 20טן מאַי 1925, האָבן צענער טויזנטער וואַרשעווער יידן, הונדערטער דעלעגאַציעס פֿון גאַנץ פּוילן, זיך געצויגן צו דעם פֿייערלעכן אָפּדעקן פֿונעם פּרץ־מאָנומענט, דעם „אוהל־פּרץ״, אונטער וועלכן ס׳זיינען באַהאַלטן י. ל. פּרץ און זיינע נאָענטע פֿריינד — יעקב דינעזאָן און ש. אַנסקי. און אין יעדער שטאָט און שטעטל איבער גאָר דער יידישער וועלט זיינען אָנגערופֿן געוואָרן פֿאַרשיידנסטע קולטור־קינסטלערישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, שולן און ביבליאָטעקן אויפֿן נאָמען פֿון י. ל. פּרץ. אין פֿאַרשיידענע שטעט זיינען אויך גאַסן אָנגערופֿן געוואָרן אויף פּרצעס נאָמען.

פּרץ־ביבליאָגראַפיע

די פּרץ־ביבליאָגראַפיע איז אַ רייך פעלד, וואָס איז נאָך אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין ביז אַהער נישט באַאַרבעט געוואָרן.

בער באָראָכאָוו (אינעם זאַמלבוך „י. ל. פּרץ״, — צו זיין אָנדענקען — ליטעראַרישער פאַרלאַג, ניו־יאָרק 1915, 126 ז״ז) האָט מיט זיין אַרבעט „די פּרץ־ביבליאָגראַפיע״ (ז״ז 103־126), ווי ער אַליין שרייבט, „אין דער גרעסטער איילעניש״ געמאַכט דעם „ערשטן פּרואוו״ פון אַ פּרץ־ביבליאָגראַפיע. ער האָט אין דער אָפּהאַנדלונג געשריבן: „אינעם געוואַלטיקן אוצר פון פאַרשיידן־שפּראַכיקע יידישע ספרים און פּעריאָדישע אויסגאַבעס ווערט איצט צום ערשטן מאָל אַריינגעשטעלט אַ נייער שראַנק מיט דער אויפשריפט „פּרציאַנאַ״, דאָרט וועט באַהאַלטן און אָפּגעהיט ווערן פאַר די אומציילִיקע קומענדיקע דורות אַלצדינג, וואָס יצחק לייבוש פּרץ האָט געבוירן פון זיין גייסט, און אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות צו זיינע ווערק און צו זיין פּערזענלעכקייט״.

ב. באָראָכאָוו האָט באַוויזן „אויף דער הייסער מינוט״ צונויפצושטעלן אַ רשימה פון 180 אינדיציעס, וואָס זיינען געטיילט אויף 4 טיילן: 1. י. ל. פּרצעס אייגענע שריפטן; 2. דאָס וואָס אַנדערע האָבן געשריבן וועגן פּרצן אין יידיש, העברעאיש און אַנדערע שפּראַכן; 3. מאַטעריאַלן צו פּרצעס ביאָגראַפיע און כאַראַקטעריסטיק; 4. איבערזעצונגען פון פּרצן אין אַנדערע שפּראַכן. די צאָל פון די מחברים פון ווערק איבער פּרצן און איבערזעצער דערגרייכט אין באָראָכאָווס רשימה ביז 61.

אויך איך האָב אין „ביכער וועלט״ (ביבליאָגראַפישער זשורנאַל, וואָס איז אַרויס אין קיעוו אין 1919) געמאַכט אַ פּרואוו פון אַ פּרץ־ביבליאָגראַפיע. ווי גרויס איז געווען די צאָל אינדיציעס איז שווער צו זאָגן. איך האָב נישט איצט יענעם נומער.

אין 1926 האָט א. גורשטיין פאַרעפנטלעכט אַ גלענצנדיקע אָפּהאַנדלונג „דער איצטיקער צושטאַנד פון דער פּרץ־ביאָגראַפיע״ (אין מינסקער „צייטשריפט״, ז״ז 73־86), וואו ער האָט געגעבן אַ אינטערעסאַנטע קריטישע אָפּשאַצונג און כאַראַקטעריסטיק פון די מאַטעריאַלן איבער פּרצן.

אין 1930 האָט א. גורשטיין פֿאַרעפֿנטלעכט אינעם קיעווער „ביב־ליאָלאָגישן זאַמלבוך" „הוספות און אויסבעסערונגען צו ב. באַראַכאָווס „פּרץ־ביבליאָגראַפיע". די רשימה האַלט 235 נומערן, און נעמט אַריין „בלויז דאָס, וואָס איז דערשינען ביי פּרצעס לעבן". אויך די ווייטער־דערמאָנטע רשימה פֿון ד"ר י. שאַצקי באַגרענעצט זיך מיט פּרץ־מאַ־טעריאַלן ביז פּרצעס טויט.

זלמן רייזען אין „לעקסיקאָן" (ב' 2, שפּאַלטן 1043־1036) האָט, „צוליב לייכטערער אָריענטירונג אין דעם גרויסן מאַטעריאַל", געבראַכט די פּרץ־ביבליאָגראַפיע לויטן א"ב פֿון די מחברים. אין זיין, רייזענס, רשימה זיינען געבראַכט אַרבעטן פֿון 165 מחברים, וואָס האָבן געשריבן וועגן פּרצן אין יידיש, העברעאיש און אין אַנדערע שפּראַכן. די צאָל אַרבעטן דערגרייכט אין עטלעכע הונדערט.

אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (נ' 17, 1935), צו פּרצעס 20טן יאָר־צייט, איז געבראַכט דורך מיר אַ רשימה פֿון אַרבעטן איבער פּרצן אין די 11 יאָר „ליט. בלעטער" (אין 572 נומערן, זינט מאַי 1924). עס זיינען אויסגערעכנט 78 אַרבעטן פֿון 49 מחברים, חוץ דעם אויך 11 זאַכן (בריוו, פֿראַגמענטן, פֿון דער ליטעראַרישער ירושה) פֿון פּרצן גופֿא. אין דעם נומער זיינען געבראַכט אַרבעטן פֿון נאָך 3 מחברים, — איז שוין די צאָל שרייבער, וואָס האָבן געשריבן איבער פּרצן אין די „ליט. בלעטער" געווען 52. זינט דעם־אָ נומער ביז די לעצטע נומערן, וואָס זיינען דערשינען זומער 1939 (ערב דער אָקופּאַציע פֿון היטלערן, ימח שמו ונמח זכרו), זיינען געדרוקט געווען אין די „ליט. בלעטער" נאָך זאַכן איבער פּרצן.

אין דעם פּרץ־בוך פֿונעם ייוואָ (ווילנע, 1937) האָט ד"ר יעקב שאַצקי אין זיינע „הוספות צו דער פּרץ־ביבליאָגראַפֿיע פֿון באַראַכאָוו־גורשטיין" געבראַכט נאָך 140 אינדיציעס, און ער גיט צו, אַז ער „פּרעטענדירט אויך נישט צו מאַכן פֿולשטענדיק די דאָזיקע ביבליאָגראַפֿיע". די 140 נומערן זיינען געטיילט אויף: 1. אַרטיקלען און ביאָגראַפֿישע מאַטעריאַלן וועגן פּרצן; 2. פּרצעס שריפֿטן געדרוקט אין פֿרעמדע זאַמלביכער און זשורנאַלן; 3. אין בוכפֿאָרם; 4. ווערק געווידמעט פּרצן; 5. איבערזעצונגען (פּויליש, דייטש, רוסיש); 6. איקאָנאָגראַפֿיע. אינעם זעלבן בוך איז געבראַכט אַן אָפּהאַנדלונג פֿון מ. הורוויץ „פּרץ אין ענגליש" (24 נומערן); ס'איז אויך געדרוקט פֿון א. שולמאַן „נעקראַלאָגן נאָך פּרצן אין דער ענגליש־יידישער פּרעסע" (24 נומערן).

וואָס שייך די איבערזעצונגען פֿון פּרצן אויף אַנדערע שפּראַכן, האָט די „ליטעראַרישע בלעטער" (נ"נ 49־50, 1925, צום צענטן יאָרצייט) גע־

מאַכט אַ פּרוּוו צו געבן קירצערע אָפּהאַנדלונגען וועגן פּרצן אין פאַר־שיידענע שפּראַכן. אויך זלמן רייזען ברענגט אין זיין „לעקסיקאָן" (ב׳ 2, שפּאַלטן 1032־1036) רשימות פון פּרצעס ווערק אין העברעאיש, רוסיש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, פּויליש, שוועדיש. פּרצעס ווערק זיינען אויך דער־שינען אין ענגליש, דייטש, אונגאַריש, רומעניש, איטאַליעניש, עספּע־ראַנטאָ א. אַ.

אין דעם ספּעציעלן פּרץ־נומער „יידישע קולטור", וואָס איז אַקאָרשט אַרויס (נ״ב 3־4, מערץ־אַפּריל 1945, צו פּרצעס 30טן יאָרצייט) זיינען פאַרטראָטן מיט פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע אַרבעטן איבער פּרצן, זיין פּערזענלעכקייט און שאַפן, 30 מחברים, ווי אויך זיינען רעפּראָדוצירט בילדער, צייכענונגען, האַלצשניטן פון פּרצן און צו פּרצעס ווערק פון 10 קינסטלער, אויסער אַ צאָל בילדער פון פּרצן אין פאַרשידענעם עלטער.

צום דרייסיקטן יאָרצייט פון י. ל. פּרץ וועלן געוויס דערשיינען פיל וויכטיקע מאַטעריאַלן און אָפּהאַנדלונגען וועגן פּרצעס לעבן, און די פּרץ־ביבליאָגראַפיע וועט פאַרגרעסערט ווערן אין כמות און איכות. דער באַ־קאַנטער ביבליאָגראַף י. ישורין האָט די לעצטע יאָרן געאַרבעט אויף אַן אויספירלעכער פּרץ־ביבלאָגראַפיע און ס׳איז דורך אים אויפגעזאַמלט ביי אַ צוויי טויזנט נומערן פון מאַטעריאַלן איבער פּרצן.

מיר ברענגען דאָ (מסתמא נישט קיין פולע) רשימה פון דערשינענע ווערק אין בוכפאָרם וועגן פּרצן:*

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — י. ל. פּרץ (צום 25טן יאָרצייט). ציק״א, ניו־יאָרק, 1940, 24 ז״ז.

פ. דינער — די וואָרצלען פון פּרצעס שאַפן (אַ פּרוּוו פון אַ מאַרקסיס־טישער באַלייכטונג). בונד אָן מאָסקע. וואַרשע, 1934, 100 ז״ז.

מנשה וואַקסער — דאָס לעבן פון אַ יידישן דיכטער (י. ל. פּרץ). סעפּעראַט־אָפּדרוק פון „ייווא־בלעטער", 1939, 55 ז״ז.

א. י. זאַקוסקי — י. ל. פּרץ. בוך־געמיינשאַפט ביי דער ייד. ראַציאָנאַליס־טישער געזעלשאַפט. בוענאָס איירעס, 1942, 64 ז״ז.

משה כץ — יצחק לייבוש פּרץ. קאָאָפּ. פאַרלאַג פון אינטערנ. אַרב. אָרדן, ניו־יאָרק, 1940, 36 ז״ז.

ד״ר גרשון לעווין — פּרץ (אַ ביסל זכרונות). פ׳ „יהודיה", וואַרשע, 1919, 126 ז״ז.

---

* איך דאַנק דעם פריינט י. ישורין פאַר העלפן מיר מיט זיינע מאַטעריאַלן צונויפשטעלן די רשימה.—נ. מ.

נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ—בריוו און רעדעס, געזאַמלט און איבערגעזעצט, מיט אַריינפירן און באַמערקונגען, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1929, 302 ז״ז.

נחמן מייזיל — פּרץ (לעבן און שאַפן), ערשטער באַנד, ווילנער פ׳ פון ב. קלעצקין, 1931, 240 ז״ז.

נחמן מייזיל — בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ, צונויפגעקליבן און איבער־געזעצט מיט אַריינפירן און דערקלערונגען, איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1944, 416 ז״ז.

ה. ד. נאָמבערג — אַ ליטעראַרישער דור (אַ ביסל זכרונות וועגן י. ל. פּרץ), וואַרשע, 1919, 16 ז״ז.

ה. ד. נאָמבערג — מענטשן און ווערק — י. ל. פּרץ. פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, וואַרשע, 1930, 108 ז״ז.

שכנא עפּשטיין — י. ל. פּרץ אַלס סאָציאַלער דיכטער. יידישער פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסנשאַפט פון מאַקס נ. מייזעל, ניו־יאָרק, 1916, 72 ז״ז.

מאַקס עריק — קאָנסטרוקציע־שטודיען (צו דער קאָנסטרוקציע פון דער „גאָלדענער קייט״ און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, באַטראַכטונגען וועגן פּאַטאָס). פ׳ „אַרבעטער היים״, וואַרשע, 1924, 68 ז״ז.

ר. פּרץ־לאַקס — אַרום פּרצן (זכרונות און באַטראַכטונגען). „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, 1935, 68 ז״ז.

יחזקאל קאָרנהענדלער — וואָהין פירט אונז י. ל. פּרץ. פ׳ „אויפגאַנג״, פּאַריז, 1930, 87 ז״ז.

א. ראָזענצווייג — דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּרצעס שאַפן (די „יום־טוב־בלעטלעך״), טעקסט־אויסוואַל און ליטעראַטור־היסטאָרישער אַריינפיר. מלוכה־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוסר״ר, כאַרקאָוו־קיעוו, 1934, 188 ז״ז.

מאַרק שווייד — מיט פּרצן. פ׳ „ווערבעל״, ניו־יאָרק, 1923, 48 ז״ז.

A. A. Roback — I. L. Peretz—Psychologist of Literature. Sci-Art Publishers, Cambridge, Mass., MCMGXXV, pp. 458.

אין משך פון די 30 יאָר נאָך פּרצעס טויט זיינען דערשינען פאַר־שיידענע זאַמלביכער און צייטשריפטן, געווידמעט פּרצן, וואו עס זיינען פאַר־עפנטלעכט געוואָרן פיל אַרטיקלען, זכרונות, מאַטעריאַלן צו פּרצעס לעבן און שאַפן.

הויפּט־דאַטעס פון פּרצעס לעבן און שאַפן

1852. 18טן מאַי געבוירן אין זאַמאָשטש, ביי יהודה און רבקה (ריוועלע) פּרץ. די מוטער — רבקה — איז געבוירן אין זאַמאָשטש, איר מיידל־נאָמען — לעווין. אין זאַמאָשטש האָט פּרץ געלעבט ביז אַרום 1870־1871.

1870. אָדער 1871 חתונה געהאַט מיט שרה, די טאָכטער פון דעם משכיל און העברעאישן שרייבער גבריאל יהודה ליכטענפעלד. געלעבט אַ פּאָר יאָר אין אַפּט, צויזמער (סאַנדאָמיר) א. אַ. געבוירן צוויי זין: יעקב — פרי געשטאָרבן — און לייזער (לוציאַן).

1874. צונויפגעשטעלט אַ העפט פון אייגענע פוילישע לידער. אין דער זעלבער צייט און אויך אַ פּאָר יאָר שפּעטער פאַרפאַסט לידער אין יידיש, וואָס זיינען פאַפולער געווען אין זאַמאָשטש־און אומגעגנט. זיי זיינען געלייענט און געזונגען געוואָרן דורך די יונגע־לייט. זיך געגרייט פאַר אַ בוכהאַלטער.

1875. זיך צעשיידט מיט זיין פרוי שרה, געלעבט אַ צייט אין וואַרשע, געגעבן העברעאישע לעקציעס, זיך באַקענט מיט די וואַרשעווער משכילים־שרייבער.

דעביוטירט אין העברעאישן זשורנאַל „השחר" (ווין, רעדאַקטאָר פּרץ סמאָלענסקין) מיט אַ פאַבל „השותפות"; „התנשמת והירח" אין ג. י. ליכטענפעלדס ספרל „תוספת להערבון".

1876. פאַרעפנטלעכט אין „השחר" אַ ליד „חלוקת החכמות" און „לי אומרים"; אין א. ב. גאָטלאָבערס „הבוקר אור" אַ העברעאישע פּאָעמע „נגניאל".

1877. אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט ג. י. ליכטענפעלד אַ זאַמלונג העברעאישע לידער און פּאָעמעס „סיפורים בשיר ושירים שונים". פאַרעפנטלעכט אין „הבוקר אור" אַ גרעסערע פּאָעמע „קידוש השם".

אָפּגעגעבן עקזאַמען און אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן אין זאַמאָשטש ווי אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט.

אויגוסט־חודש זיך באַקענט מיט העלענאַ (נחמה) רינגעלהיים פון לענטשנע, ווערט פאַרקנסט און שרייבט איר אָפטע לענגערע בריוו אין פויליש, רוסיש.

1878. 14טן פעברואַר חתונה געהאַט מיט העלענאַ, אָרדנט זיך איין אין זאַמאָשטש אויף גאַנצע צען יאָר ווי אַ דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט, מיט אַ טעטיקער קאַנצעלאַריע (אָפיס), וואָס באַשעפטיקט צייטנווייז עטלעכע מענטשן. פאַרט אָפט אַרויס מיטן געריכט אין די דערבייאיקע שטעטלעך.

1879. ערשטע דערמוטערנדיקע נאָטיץ אין „השחר" פֿון פרץ סמאָלענסקין וועגן פּרצעס העברעאישע לידער. ס׳קומט אַן איבעררייס פֿון עטלעכע יאָר, פּרץ פֿאַרעפֿנטלעכט נישט קיין שום זאַכן.

1886. נאָך אַ הפסקה פֿון קנאַפּע 10 יאָר באַווייזט זיך אין נ. סאָקאָלאָווס העברעאישן „האסיף" מיט אַ פּאָעמע „מנגינות הזמן", דריי נאָוועלן און אַ ליד ; אין „הצפירה" מיט אַ דערציילונג „הציץ ונפגע" (דער רעדאַקטאָר האָט געקירצט, איבערגעריסן און ווידער פֿאַרגעזעצט) ; „הקדיש" אין „היום".

1887. פֿאַרעפֿנטלעכט אין זאַמלבוך „כנסת ישראל" אַ פּאָעמע „לעלמה העבריה והיא מתנכרה". שרייבט אָן דעם ערשטן וואַריאַנט פֿון „מאָניש".
פֿאַרלירט, צוליב אַ מסירה, זיין רעכט צו פּראַקטיצירן ווי אַ פּריוואַט־אַדוואָקאַט, שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט, בלייבט מיט דער פֿרוי און זון אָן קיין מיטלען צום לעבן. זוכט אַ באַשעפֿטיקונג.

1888. פֿאַרבינדט זיך שריפֿטלעך מיט שלום־עליכם אין קיעוו, וואָס קלייבט זיך אַרויס־צוגעבן זאַמלביכער „די יידישע ביבליאָטעק". שיקט אים זיין „מאָניש", וואָס ווערט געדרוקט, מיט אייניקע אויסבעסערונגען פֿון ש״ע, אין באַנד I. אין 2טן באַנד ווערן געדרוקט „דער כעלמער מלמד", „ווענוס און שולמית", „דער משוגענער בטלן".

1889. פֿאָרט אַריבער קיין וואַרשע זיך איינצואָרדענען. טרעט אויף מיט רעדעס אויף העברעאיש.

1890. מאַכט אַ רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט מיט דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע. עס דערשיינט פּרצעס אַ זאַמלונג דערציילונגען „בעקענטע בילדער" („דער משולח", „וואָס הייסט נשמה", „דער משוגענער בטלן"), מיט אַ פֿאָרוואָרט פֿון יעקב דינעזאָן.
30טן דעצעמבער דערלאַנגט אַ ביטע צו דער וואַרשעווער גמינע מ׳זאָל אים אָננע־מען ווי אַ באַאַמטן.
„דער תענית" און „דער קליינער וועקער" (אָדעס).

1891. 1טן יאַנואַר אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער גמינע, וואו געאַרבעט קרוב צו 25 יאָר.
אַרויסגעגעבן צוויי זאַמלביכער „יידישע ביבליאָטעק", וואו צווישן אַנדערע גע־דרוקט : 1 באַנד : „אינעם פּאָסט־וואַגאָן", „שלום־בית", „ר׳ בערל", „דער נייער ניגון" ; אייניקע לידער („דער נביא יחזקאל", „דער בעל־עגלה" א. אַ.) ; אַ נעקראָלאָג וועגן מיכל גאָרדאָן א. אַ. ; דעם גרויסן אַריינפֿיר : אַרטיקל „בילדונג" א. אַ. ; 2טער באַנד : „האַלט׳ס ס׳מויל", „מענדל בריינעס", „אַ קלעזמערס טויט", „ס׳הערצל צאַנקט", „די אַלמנה", „די לעזערין" ; „בילדער פֿון אַ פּראָווינץ־רייזע אין טאָמאַשאָווער פּאָוויאַט אום 1890" (23 קאַפּיטלען), פֿאַרשיידענע לידער און קריטיק איבער פֿאַרשיידענע ביכער און ביכלעך.

1892. פּאָעזיע (אַ זאַמלונג לידער — „כסא שלמה", „דעם לייבס לויה", קליינע גע־דיכטע).

פּאָעזיע, צווייטער העפֿט. „מאָניש“ (באַלאַדע), מיט אַ צושריפֿט: „געדרוקט אין „פֿאָלקס־ביבליאָטעק“, האָט די באַלאַדע געליטן פֿון רעדאַקטאָרס שער און פֿעדער, די געקרענקטע אייגגליבע האָט מיך באַוואויגן זי איבערצושרייבן, און גוטע פֿריינט — איבערצודרוקן“.

„פֿאַרשטערטער שבת“ אין ה. עפּעלבערגס „קאַלענדאַר“.

„האלמת“ (דערציילונג), אַ ביכל אין בן־אביגדורס „ספֿרי אגורה“.

אַ שאַרפֿע קריטיק פֿון שלום־עליכם אויף פּרצן.

1893. „ווער עס וויל נישט, שטאַרבט נישט אויף כאָליערע“ — אַ באַזונדער ביכל. אייניקע זאַכן אין ה. עפּעלבערגס „קאַלענדאַר“.

הויבט זיך אָן צו באַטייליקן אין די אַמעריקאַנער „אַרבעטער צייטונג“ און „צוקונפֿט“. צווישן אַנדערן דאָרט געדרוקט: „קליינע מעשיות פֿאַר גרויסע קינדער“, „דאָס גליק אין קעלער־שטוב“, „אַ יידענע“, „דאָס שטריימל“.

1894. אַרויסגעגעבן 10 „יוב־טוב־בלעטלעך“: לכבוד פּסח, דער פֿייל און בויגן, גרינס אויף שבועות, דער תּענית, די טרייסט, דער שופֿר, הושענא, דאָס חנוכּה־ליכטל, שבת־אויבס, המן־טאַש. צווישן אַנדערע דאָרטן פֿאַרעפֿנטלעכט: „די רויז“, „די נאַכט־וועכטער“ (ליד), „פֿונוואַנען נעמט זיך: „ער שפּילט פֿאַרן טייוול?“, „מקובלים“, „דער חלום“, „נס חנוכּה“.

אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן“, וואו צווישן אַנדערע געדרוקט: „אין קעלער שטוב“ (אין „אַרבעטער־צייטונג“ האָט עס געהייסן „דאָס גליק אין אַ קעלער־שטוב“), „באָנציע שוויג“, „הכנסת כּלה“, „דאָס שטריימל“, „קליינע מעשיות פֿאַר גרויסע מענטשן“ (10 מעשהלעך), פֿאַרשיידענע לידער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע. „נעילה“ אין מ. ספּעקטאָרס „הויז־פֿריינד“; „יאָסל ישיבה־בחור“ און „דאָס אָרעמע יינגל“ (אַ זאַמלונג קליינע דערציילונגען, ווילנע).

דערשינען צוויי העפֿטן פֿון אברהם גאָלדבערג (דוד פֿרישמאַן), — פּאַשקווילן קעגן פּרצן: „לאָקשן“ און „אַ פֿלוי אויף תּשעה באָב“.

אין ניו־יאָרקער „אַרבעטער צייטונג“ אייניקע לידער און דערציילונגען.

1895. אַרויסגעגעבן ווייטערדיקע 7 „יום־טוב־בלעטלעך“: כּל חמירא; דער עומר, ביכּורים, תּמוז, לשנה טובה, עונג שבת, חמשה־עשר (אַ פּאָר העפֿטלעך דערשינען אין 1896), וואו צווישן אַנדערע געדרוקט: „די נייטאָרין“, „דעם רבינס ציבוק“, „מעשהלעך פֿון דול־הויז“, „אַז מע זאָגט משוגע — גלויב“, „חתונה געהאַט“, „ביי דעם פֿרעמדן חופּה־קלייד“.

אַרויסגעגעבן „די יידישע ביבליאָטעק“, באַנד 3, וואו פֿאַרעפֿנטלעכט: „אַ כּעס פֿון אַ יידענע“, „בשעת מגפֿה“, „דער פֿעטער שכנא און די מומע יאַכנע“, א. אַ. — אייניקע פֿון די דערמאָנטע זאַכן אָפּגעדרוקט אין ניו־יאָרקער „צוקונפֿט“.

אַרויסגעגעבן די העברעאישע זאַמלונג „החץ“ (פֿייל) און אַ זאַמלונג העברעאישע ליבע־לידער „העוגב“.

1896. צוגעגרייט צום דרוק אַ זאַמלונג „פֿאָלקס לידער“ (42 לידער), דערלויבט דורך דער צענזור אָבער נישט פֿאַרעפֿנטלעכט.

1897. „וועבער־ליבע“ (דערציילונג אין בריוו) אין ניו־יאָרקער „אָוונט־בלאַט“; „ספּורי יוחנן המלמד“, „מאן דיהוב חיי יהוב מזונא“ („הצפירה“).

1898. זעצט פאָר צו זאַמלען פאָלקס־לידער, פובליקירט אין ווינער דייטשישן זשורנאַל „אורקוועל“ 6 יידישע פאָלקס־לידער מיט לאַטיינישע אותיות, מיט דערקלע־רונגען און איבערזעצונגען.

1899. הויבט אָן מיטצואַרבעטן אין „יוד“, וואו ער פאַרעפנטלעכט „אייזיקל שוחט“, „די פאַרשאָלטענע ברונע“, „קלאָץ־געשיכטן“.

אויגוסט־חודש ווערט ער אַרעסטירט (צוזאַמען מיט מ. ספּעקטאָר אויף אַ אומ־לעגאַלער פאַרזאַמלונג), זיצט אָפּ אַ פּאָר חדשים אין וואַרשעווער 10טן פּאַוויליאָן. אַרויס פון פעסטונג מער רעוואָלוציאָנער פאַרהאַרטעוועט.

אָנגעהויבן צו דערשיינען די העברעאישע „כתבים“ און „תושיה“ (4 בענד) פאַר־ענדיקט אין 1901.

1900. פאַרעפנטלעכט אין „יוד“: „אויב נישט נאָך העכער“, „אַלטוואַרג“, „אַ שמועס“, „די פאַרשטויסענע“, „חסידיש“, „צווישן צוויי בערג“, „אַ גלגול פון אַ ניגון“, „הנרות הללו“.

1901. ל״ג בעומר, געפייערט אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן זיין יובל (25־יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט — גערעכנט פון זיינע ערשטע העברעאישע לידער), אַרויסגעגעבן דורך אַ גרופע פריינט אַ פולע אויסגאַבע פון פרצעס „שריפטן“. באַגייסטערטע אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען אין יידישע און העברעאישע צייט־שריפטן.

פאַרעפנטלעכט אין „יוד“: „באַרג אַראָפּ“, „אַ שניידערישער פורים“, „אויף אַ זומער־וואוינונג“, „שכנא“, „דריי חופות (צוויי רויטע און איין שוואַרצע)“, „ער זכרונו לברכה און זיינע מקורבים“.

פאַרעפנטלעכט „בריוו אויס וואַרשע“ א״פּ ישראל שווערגעמיט.

פאַרענדיקט די העברעאישע אויסגאַבע אין „תושיה“ (4 בענד), תמונות, ציורים, ספורים.

1902. אין „יוד“: „משנת חסידים“, „ר׳ שלמה און זיינע מעשהלעך“, „דער נדבן“, „ווי אַזוי די וואַלד־ישיבה איז בטל געוואָרן“ (אַן איבערגעאַרבעטער פּרעמדער מאָטיוו, פון טשעכאָוון). פאַרעפנטלעכט א״פּ די ביהן און י. ל. צופעליג איבער־זיכטן „שטעט און שטעטלעך“ („יוד“) און „פון חודש צו חודש“ („די יידישע פאַמיליע“).

1903. הויבט אָן מיטצואַרבעטן אין „פריינד“ (ערשטע טעגלעכע יידישע צייטונג אין רוסלאַנד). פאַרעפנטלעכט דאָרט צווישן אַנדערן זיינע ווייטערדיקע פאָלקס־טימלעכע געשיכטן.

ס׳ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם „פריינד“ פרצעס אַ גרויסער באַנד „שריפטן“ פאַרעפנטלעכט אין העברעאישן „השלח“, „חורבן בית צדיק“ — ערשטער וואַ־ריאַנט פון „די גאָלדענע קייט“.

געמאַכט זיין ערשטע רייזע קיין אויסלאַנד צו קורירן זיך.

אָנגעהויבן זיין שטענדיקע מיטאַרבעטשאַפט אין העברעאישן „הצופה״ (וואַרשע).

1904. באַנייט די „יידישע ביבליאָטעק״, ווי אַ חודש־זשורנאַל, אַרויס 6 נומערן, וואו צ. א. פאַרעפנטלעכט: „יעקב דינעזאָן״ (כאַראַקטעריסטיק), „ספקות״ (ליד), „ר׳ נחמנקעס מעשיות״ (7 קאַפּיטלען) א. אַ. „דער קונצנמאַכער״, „ס׳איז גוט״, „דער היינטישער סדר״ אין פעטערבורגער „דער פריינד״; „ס׳ברענט״ (איינאַקטער) אין „פריינד״; „די פיר אבנים טובות״ אין א. רייזענס זאַמלבוך „פראָגרעס״.

1906. אין אַפּריל אויפגעפירט פרצעס „דער נסיון״ (אַ דראַמע אין 4 אַקטן, אַ וואַריאַנט פון „די גאָלדענע קייט״) אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער. באַטייליקט זיך אין דער יידישער טעאַטער־סטודיע פון דוד הערמאַן. אין „הזמיר״ אויפגעפירט פרצעס „ס׳ברענט״. פאַרבינדט זיך מיט אַמעריקאַנער יידישן טעאַטער אין אַמעריקע וועגן אויפפירן זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען. דערנעענטערט זיך צום יידישן טעאַטער, שרייבט אַרטיקלען און רעצענזיעס.

דערשינען דריי ביכלעך דערציילונגען אין מינסקער פאַרלאַג „קולטור״.

1907. פאַרעפנטלעכט ערשטן וואַריאַנט פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ אין פאַרזע־צונגען אין וואַרשעווער „ראַמאַנצייטונג״.

„די גאָלדענע קייט״ אַ דראַמע פון חסידישן לעבן, אין צוויי אַקטן, אין ווייסן פערז, אין זאַמלבוך „די וועלט״, 1907, אויך אין „צוקונפט״.

אונטער זיין אָנפירונג אויפגעפירט אין פלאָצק זיינע איינאַקטערס „ס׳ברענט״, „שוועסטער״, און פאַרפאַסט „שאַמפּאַניער״.

„שאַמפּאַניער״ (איינאַקטער) דערשינען אין ניו־יאָרק.

1908. פאַרעפנטלעכט זיין „אין פּאָליש אויף דער קייט״ (אין „ליטעראַרישע מאָנאַט־שריפטן״).

באַטייליקט זיך אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (וויצע־פאָרזיצער), וואו ער טרעט אויף מיט רעפעראַטן און באַטייליקט זיך אין פאַרשיידענע אונטער־נעמונגען אין אַ ריי שטעט אין גאַליציע.

צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן „אַלע ווערק״ דורך וואַרשעווער „פּראָגרעס״ אין 10 בענד, פאַרענדיקט אין 1913. ב׳ 1 — פאָלקסטימלעכע געשיכטן, ב׳ 2 — די צייט, ב׳ 3 — דראַמען, ב׳ 4 — אדם וחוה, ב׳ 5 — חסידיש, ב׳ 6 — סקיצן און בילדער, ב׳ 7 — פאַר קליין און גרויס, ב׳ 8 — אויפזאַצן און פעליעטאָנען, ב׳ 9 — אַלט און ניי, ב׳ 10 — פון שטוב אין גאַס.

1909. אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „די יידישע וואָכנשריפט״ (דערשינען 4 נומערן), וואו פאַרעפנטלעכט זיין באַוואוסטן אַרטיקל וועגן יידיש און העברעאיש.

קלייבט זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע צו אָרגאַניזירן אַ יידישע אויסגאַבע פאַר אַלע לענדער. די רייזע נישט צושטאַנד געקומען.

1910. שאַפט אַן אַקציען־געזעלשאַפט צו בויען אַ יידיש טעאַטער.

נייער װאַריאַנט פֿון „מאָניש" אין ה. עפּעלבערגס „טעאַטער־װעלט".
אַרויסגעגעבן די זאַמלביכער „יידיש" (צװיי בענד).
באַזוכט פֿאַרשיידענע שטעט מיט רעפֿעראַטן.

1912. באַזוכט װילנע און אַנדערע שטעט.
זיך באַטייליקט אַקטיװ אין דער װאַל־קאַמפּאַניע צו דער פֿערטער „גאָסודאַרסטװענע דומע", אויפֿגעטראָטן אויף פֿאַרװאַל־פֿאַרזאַמלונגען, געדרוקט קעמפֿערישע אַר־טיקלען, געהאַט אויסצושטיין פֿיל זאָרגן און אָנפֿאַלן.
פֿאַרעפֿנטלעכט „כרת", „מאָטל פּרינץ", „אויף דער פֿרישער לופֿט" א. אַ. אין „פֿריינד" און אין „צוקונפֿט".

1913. דאָס ליד דער לידער, שלמהס „שיר־השירים", פֿאַריידישט, אין „צוקונפֿט".
„דער פֿאַרטוך", „אַ חלום פֿון אַ ליטװישן מלמד" אין „צוקונפֿט".
אָנגעהויבן צו פֿאַרעפֿנטלעכן „מיינע זכרונות" אין װילנער „יידישע װעלט".
שיקט אַ באַגײַסטערטע באַגריסונג צו דער „דזשואיש פּאַבליקיישן סאָסייעטי" אין פֿילאַדעלפֿיע, װאָס האָט אין 1906 אַרויסגעגעבן אין ענגליש אַ באַנד פּרצעס דערציילונגען (איבערזעצט פֿון העלענאַ פֿראַנק).
אויסגעקליבן אַלס ערן־מיטגליד פֿון דער חברה „מפיצי השכלה".

1914. פֿאַרעפֿנטלעכט די דרייאַקטיקע דראַמע „דער הויקער" (אין „דאָס לעבן").
זיך באַגעגנט מיט ש"ע אין װאַרשע און זיך שטאַרק באַפֿרײַנדט מיט אים.
מיטן אויסברוך פֿונעם װעלט־קריג, הויבן זיך אָן רדיפֿות און בלבולים אויף יידן.
היימלאָזע יידן לויפֿן קיין װאַרשע. פּרץ װאַרפֿט זיך אַריין אין הילפֿס־אַרבעט צו היימלאָזע, העלפֿט גרינדן קינדער־היימען און שרייבט פֿאַר זיי קינדער־לידלעך.
שענקט אַװעק טייערע שטוב־חפֿצים פֿאַר דער הילפֿס־אַקציע.
זעצט איבער „קוהלת".
פֿאַרעפֿנטלעכט נייע צװיי קאַפּיטלען פֿון „מיינע זכרונות".

1915. פֿאַרעפֿנטלעכט „נעילה און גיהינום" (אין „יידישע װעלט", װילנע).
דעם 3טן אַפּריל, שבת האַלב 9 אינדערפֿרי, דעם דריטן טאָג חול המועד פּסח, פּלוצלונג געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע.
אויף דער לװיה האָבן זיך באַטייליקט ביז 100 טויזנט מענטשן.

אינדעקס

א

אַדלער יעקב פּ. — 197.
אחד־העם — 160, 223.
איבסען ה. — 9.
איזראַעלס מרים — 195.
אייכענבוים יעקב — 17.
אַכראַן יוסף — 208.
אַלטבערג משה — 47, 73, 75, 76, 106,
אַלטבערג פּוילינע — 73, 74, 89, 328.
אַלטער באַקאַנטער — 159.
אַנסקי ש. — 176, 206, 236, 237.
אַפּאַטאָשו י. — 341.
אַרנשטיין מאַרק — 183.
אַרקאַן וולאַד. — 151.
אַש שלום — 57, 151, 168, 169, 174, 183, 184, 185, 187, 191, 217, 266, 287, 288, 309, 310, 334—336.
אַשכּנזי ש. — 32, 39, 62, 63, 72, 101.

ב

באַדער גרשם — 215.
באַראַכאָוו ב. — 355, 356.
ביאַלאָסטאָצקי י. — 357.
ביאַליק ח. נ. — 12, 151, 247, 284, 285, 291, 311, 331, 343.
בייראָן — 83, 252, 253.
ביק אַברהם — 178.
בירנבוים, ד״ר נ. — 215, 307.
בן־עמי יעקב — 202.
בלאָך יאַן — 110, 111, 254.
בן־אביגדור — 231, 361.
בן־אַדיר — 222.
בעכער מרדכי — 32, 39.
בעל־מחשבות — 151, 183, 264, 291.
בערגסאָן מ. — 134.
בערגעלסאָן דוד — 222, 223, 224, 226.
בערדיטשעווסקי מ. י. — 223, 328.
בערלעווי ה. — 206.
בערנע לודוויג — 297.
בערנשטיין הערמאַן — 239.
בערקאָוויטש י. ד. — 251, 252, 254, 263—266, 332, 333, 338, 339, 341.
בראַנדעס געאָרג — 286.
ברוידעס ר. א. — 61, 95, 96.
ברייִנין ר. — 72, 328, 329.

ג

גאָטלאָבער א. ב. — 53, 279.
גאָלדין עזרא — 98, 99.
גאָלדפאַדען אברהם — 8, 38, 105, 192, 279.
גאָלדשטיין העסיע — 27.
גאָרדאָן ד. — 94, 95.
גאָרדאָן י. ל. — 61, 70, 79, 96.
גאָרדאָן מיכל — 138, 360.
גאָרדין יעקב — 183, 190, 192, 302.
גאָרין ב. — 148, 180, 198, 242, 250, 254, 255, 301, 302, 304, 305, 345.
גאָרקי מ. — 183, 330.
גוידא י. — זע גאָרין ב.
גומפּעלאָוויטש — 72.
גורשטין א. — 197, 355, 356.
גינזבורג ש. — 171, 173.
געטע וואָלפגאַנג — 48.
געליבטער, ד״ר יצחק — 17, 18, 38, 39, 72, 73, 311, 312.
געליבטער פֿייוול — 17, 32.
גערסטין בערטאַ — 203.
גראַנאָווסקי א. — 208, 209, 210, 211, 213.
גראָס — 135.
גראָס מ. — 342.
גראָסגליק — 122, 135.

ד

דאָבין ש. — 222.
דאָסטאָיעווסקי פֿ. — 264.
דובנאָוו ש. — 96, 97, 197, 253, 257, 275.
דינעזאָן יעקב — 39, 83, 97, 122, 123, 125, 126, 129, 134, 146, 148—150, 152, 156—158, 161, 162, 169, 176, 177, 196—199, 228—241, 250—252, 254, 257, 260, 261, 265, 267, 269—272, 275, 306, 308—311, 321, 322, 334, 337, 360, 363.
דינער פּ. — 357.

דיק א. מ. — 176, 244, 325.
דיקשטיין — 135, 146.

ה

האַמסון קנוט — 331.
האַרט ברעט — 297.
האַרטמאַן — 26.
הוד טאָמאַס — 299.
הורוויץ מ. — 356.
היינע היינריך — 9, 38, 48, 61, 281, 326, 372.
הייערמאַנס ה. — 150.
הירשביין פּרץ — 190, 306, 337, 338.
הלוי מ. — 204.
העכטמאַן ש. — 33.
הערמאַן דוד — 184, 185, 187, 206—208.

וו

וואונדט — 81.
וואַקסער מ. — 96, 357.
וואַרשאַווסקי מאַרק — 260.
ווייזנפּריינד מוני — 204.
ווייטער א. — 172, 196, 197, 338, 345.
ווײנטרויב וו. — 206.
וויניג נ. — 48, 49.
ווייסברעם — 155.
ווייסנבערג י. מ. — 151, 334.
ווינטשעווסקי מאָריס — 296, 298, 299, 300, 302, 303, 306, 308, 310.
וויספּיאַנסקי סט. — 9, 327, 328.
וויענער לעאָ — 171.

ז

זאַבלאָצקי — 69.
זאַגאַראָדסקי י. ח. — 38.
זאַנגוויל י. — 314.
זאַסלאַווסקי דוד — 222.
זאַקוסקי א. י. — 357.
זאַראַמב ש. — 346.
זוסקין ב. — 208, 209, 212.
זינגער אפרים — 62.
זשיטלאָווסקי, ד״ר ח. — 7, 9, 311.
זשעראָמסקי סט. — 151.

ט

טאָלסטאָי ל. — 264.
טייטלבוים א. — 186.
טורגעניעוו איוו. — 264.
טייטש משה — 151.
טשיריקאָוו י. — 266.
טשעכאָוו א. פּ. — 9, 264, 283, 330, 331.

י

יאַגעלאָ — 318, 321.
יאַקובאָוויטש ראָזאַ — 345.
יאַשונסקי י. — 195.
יהואָש — 148, 304, 305, 327, 344.
יונאַשא ק. — 249.
ישורין י. — 357.

כ

כהן י. ל. — 171, 173.
כּץ בן־ציון — 195.
כּץ משה — 357.
כּץ פּ. — 352.

ל

לאַכאָווער פֿ. — 291.
לאַקס־פּרץ ראָזע — 238, 351, 358.
לוי יצחק באַרדיטשעווער — 263, 342.
ליבין ז. — 302.
ליטוואַקאָוו מ. — 222.
ליטווין א. — 162.
ליכט דוד — 204
ליכטענפעלד ג. י. — 28, 52, 59, 68, 102, 359.
ליכטענפעלד שרה — 30, 67, 101.
ליליענבלום מ. ל. — 283.
לינעצקי י. י. — 8, 95, 279.
ליעסין א. — 315.
ליפּאָוועצקי ע. — 226.
לעבענזאָן נ. י. (מיכ״ל) — 284.
לעווי — 256—258.
לעוו ש. — 167.
לעוויטאַן מ. — 222.
לעווין, ד״ר גרשון — 107, 108, 111, 123, 125, 130, 131, 137, 184, 195, 196, 268, 270, 271, 357.
לעווין שמואל לייב — 27—29.
לעווין ש. ה. — 29.

מ

מאַנדעלקערן ד״ר ש. — 56.
מאַרעק פּ. — 171, 173.

מולטאַטולי — 150, 331.
מוקדוני, ד״ר א. — 195, 196.
מזח י. — 257.
מייזיל נחמן — 358.
מיכאַעלס ש. — 210, 212.
מילך יעקב — 312, 313.
מילער (אַלעקסאַנדראָװ) — 231, 305.
מילנער משה — 201.
מייזעל פראָפ. — 210.
מינץ, ד״ר — 107, 108.
מיעזעס מ. — 215, 218.
מעטערלינק מ. — 337.
מענדעלע מוכר ספרים — 8, 26, 68, 115, 196, 223, 242—247, 249, 264, 298, 301, 308, 312, 323—326, 328, 329, 332, 339.
מנחם — 320.
מרגולית י. — 72, 73.
מרמר קלמן — 297, 298.

נ

נאַדעל כ. — 175.
נאָװאַקאָװסקי י. — 223.
נאַמבערג ה. ד. — 8, 145, 146, 148, 151, 173, 174, 185, 196, 329, 334, 340, 351, 353, 358.
נוסבוים ה. — 72, 137.
נחמן ר׳ בראַצלאַװער — 176.
ניגער ש. — 231, 234, 235, 269, 298, 321.
ניימאָװיטש (הנ״ץ) — 106.

ס

סאַמוילאָװ — 203.
סאָקאָלאָװ נחום — 63, 72, 96, 101, 102, 104, 107—112, 119, 121, 123, 125, 135—137, 156, 196.
סטופניצקי ש. י. — 291.
סירקין מ. נ. — 127, 225.
סלאָנימסקי ח. ז. — 52, 53, 94, 155, 156.
סמאָלענסקין פרץ — 51, 61, 95, 360.
ספענסער ה. — 72.
ספעקטאָר מ. — 8, 68, 106, 113, 256—258, 261, 279, 301, 362.

ע

עװאַלענקאָ — 307.
עטינגער, ד״ר שלמה — 17, 35, 37.
ענגעל יואל — 204.
ענטין יואל — 202, 203.
עפעלבוים ב. — 247.
עפעלבערג ה. — 183, 190, 191.
עפשטיין משה — 28.
עפשטיין שכנא — 163, 168, 300, 330, 331, 358.
עריק מאַקס — 183, 358.

פ

פאַדלישעװסקי א. — 120, 137, 270.
פאָזנאַנסקי י. מ. — 291.
פולװער ל. — 212.
פופע ש. ז. — 171.
פושקין אל. — 170, 171.
פינסקי דוד — 83, 149, 159, 162, 183, 187, 188, 190, 193, 198, 266, 299, 305, 313, 315, 326, 343.
פערלע יהושע — 194.
פערלע שרה — 194, 198.
פערעטץ אַדאָלף — 131, 132, 319.
פראַפוס י. י. — 172, 345.
פרילוצקי נח — 145, 146.
פרץ העלענא — 62, 63, 68, 69, 78, 104, 194, 224, 336, 351, 359.
פרץ יהודה — 28, 33, 35, 101, 128, 359.
פרץ יונה יהושע — 27, 29, 30—32, 59, 74, 104, 110.
פרץ לוציאַן — 68, 71, 119, 168, 237, 351.
פרץ רבקה — 359

פֿ

פֿאַגט קאַרל — 26
פֿאַלק דוד — 33, 148, 345.
פֿאַלק ר. — 209, 210.
פֿונק יצחק — 167.
פֿיביך שרה — 194.
פֿייגענבערג רחל — 39.
פֿינקלשטיין נחמיה — 270.
פֿלעקסער בערטאַ — 257.
פֿרוג ש. — 279, 291.
פֿרייד מ. י. — 106, 107.
פֿרישמאַן דוד — 96, 97, 167, 242, 252, 253, 274—295, 342, 361.

צ

צווייפּעל א. — 279.
צוזמער יעקב — 345.
ציטראָן ש. ל. — 38, 61, 97, 105, 106, 250, 253.
צינבערג, ד״ר י. — 33, 34, 47, 327.
צעדערבוים אַלעקסאַנדער — 17.
צעדערבוים יוסף — 17.

ק

קאַברין לעאָן — 288, 302.
קאַהאַן אב. — 301.
קאַהאַן לאַזאַר — 122, 127.
קאַטיק א. — 261.
קאַליש בערטאַ — 187.
קאַמינסקי א. י. — 184, 186.
קאַמינסקי א. ר. — 184, 186, 187.
קאַנטאָר, ד״ר י. ל. — 104, 291.
קאַפּלאַן א. — 288.
קאַפּלאַן ד. י. — 345.
קאַפּלאַן פסח — 17, 18.
קאַציזנע אַלטער — 345, 353.
קאַצענעלסאָן יצחק — 151, 291.
קאַצענעלסאָן, ד״ר י. ל. — 291.
קאַרנהענדלער י. — 358.
קוטשאַרזשעווסקי — 318, 321, 322.
קין א. — 238.
קירשראָט יוסף — 136, 137.
קלויזנער, ד״ר יוסף — 151, 212, 283,
קראַטקאַ ב. — 195.
קראַמטשיק סט. — 136.
קראַנץ פיליפ — 312, 313.
קראַשעווסקי — 30.
קריין אַלעקסאַנדער — 209.

ר

ראַבאַק א. א. — 358.
ראַבינאָוויטש אַלגאַ — 270.
ראַבינאָוויטש ש. פּ. — 65, 110.
ראַוויטש מ. — 177.
ראַווניצקי י. ח. — 97, 242, 247, 256, 257, 260.
ראָזענפעלד מאָריס — 306, 307.
ראָטבוים יעקב — 204.
ראָזענצווייג א. — 83, 167, 299, 300, 328, 358.
ראָזשאַנסקי שמואל — 157.
ראָפּאָלסקי מ. — 204.
ריבקין ב. — 179, 202.
רייזען אַברהם — 129, 148, 172.
רייזען זלמן — 38, 73, 74, 356.
רייפמאַן יעקב — 17—19.
רמב״ם — 109.

ש

שאַגאַל מאַרק — 201.
שאַמיסאָ — 283.
שאַפּיראָ ק. — 148.
שאַפּיראָ ל. — 151.
שאַצקי, ד״ר יעקב — 328, 356.
שאַצקעס מ. א. — 8.
שוואַרצבערג ש. ב. — 167.
שוואַרץ מאָריס — 202, 203.
שוויד מאַרק — 130, 194, 195, 198, 358.
שווייצער א. ב. — 52.
שוויענטאָכאָווסקי — 322.
שולמאַן אליהו — 316, 356.
שולמאַן אלעזר — 233.
שולמאַן, ד״ר שמואל — 314.
שטערן א. י. — 17, 19.
שילער פר. — 28, 37.
שיפּער, ד״ר י. — 206.
שיפּמאַן דוד — 16—19.
שלום־עליכם — 8, 26, 55, 60, 66, 68, 78—83, 85, 87—90, 94, 96, 97, 99, 100, 115, 135, 180, 185, 190, 223, 229, 230, 242, 243, 247—273, 275, 291, 301, 312, 323—326, 328, 329, 332—334, 338—242, 344, 360, 364.
שמ״ר—שייקעוויטש — 190, 261, 312, 328.
שנייפּאַל ש. — 311.
שענקעוויטש ה. — 283.
שעקספּיר וו. — 190.
שפּאַכנער ל. — 187, 203, 305.